STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11138

DER SOF FUN DER KAPITALISTISHER STABILIZATSYE

Dmitri Zakharovitch Manouilskii

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ג. ב. גראווע, מ. וו. נעטשקינא, א. מ. פאנקראטאָווא און ק. פ. סידאָראָוו

עטיודן צו דער געשיכטע פונעם פראָלעטאריאט אין פ.ס.ס.ר.

פאָרוואָרט

מ. נ. פאָקראָווסקי

מאָסקווע פארלאג „עמעס", 1933

יִדיש — מ. איטקאָוויטש

פאָרוואָרט

גראָד איצט ווערט די געשיכטע פונעם פּראָלעטאריאט פון אונדזער לאנד איינס פון די אויסגעצייכנטסטע בלעטלעך אין דער וועלט־געשיכטע. קאָלזמאן עס האָט זיך געהאנדלט וועגן אראָפּשלײַדערן די אלטע אָרדענונג אין אירע ביידע פאָרמען, וואָס האָבן זיך בא אונדז ענג איבערגעפלאָכטן — אין דער פאָרם פון דער לייביגנטימערישער גוטבאזיצערישער דיקטאטור און אין דער פאָרם פון דער דיקטאטור פונעם פינאנץ־קאפּיטאל, — האָט מען באם דערקלערן דאָס געשעענע געקענט ארויסרוקן אפן ערשטן אָרט די „אָביעקטיווע באדינגונגען”. אינערגעץ, אויסער ווי באַ אונדז, איז ניט געווען אזא מין צונויפפאָרונג פון א פארצײַטיקן פּאָליטישן איבערקעפּל, פון אן אָנענדלעך פארעלטערטער און אלט געוואָרענער זעלבסטהערשונג מיט א גרויס־אינדוסטריע קימאט פון אמעריקאנישן טיפּ; עס איז ניט געווען אזא אָפּגעשטאנענע, אינערטישע, זינלאָזע און פּאָליטיש ניטאָרגאניזירטע בורזשואזיע צוגלײַך מיט דער סאמע רייפסטער רעוואָלוציאָנערער אָרגאניזאציע פונעם ארבעטערקלאס, וואָס האָט נאָר עקזיסטירט אפן ערדקיילעך. אינערגעץ איז ניט געווען אזא מעגלעכקייט, פינקטלעכער גערעדט, אזא נייטיקייט, צו פארבינדן די ארבעטער־רעוואָלוציע מיטן פויערשן קריג ווי בא אונדז, ווייל אינערגעץ האָט דער גרויסער ערד־באזיץ ניט איינגעהיט ביז אונדזערע טעג אזויפיל רעשטלעך פעאָדאליזם. מיט איין וואָרט, אזוי לאנג, ווי עס האָט זיך געהאנדלט בלויז וועגן דערקלערן דעם פאקט פון דער אָקטיאבער־רעוואָלוציע, איז ניט געווען אבסאָליוט נייטיק באם דערקלערן די געשיכטלעכע פאקטן צו שטעלן דעם טראָפּ אפן סוביעקטיוון מאָמענט — צו שטעלן די פראגע: וועלכע ספּעציפישע אייגנשאפטן פון דעם קלאס, וואָס האָט געמאכט די אָקטיאבער־רעוואָלוציע, האָבן געמאכט די רעוואָלוציע מעגלעך און נייטיק?

דאָס איז, פארשטייט זיך, בעשומויפן ניט קיין בארעכטיקונג, נאָר בלויז א געוויסע אנטשולדיקונג פאר דעם פאקט, וואָס מיר נעמען זיך פאר דער געשיכטע פונעם פּראָלעטאריאט פון אונדזער לאנד ערשט אין 12 יאָר ארום נאָכדעם, ווי דער דאָזיקער פּראָלעטאריאט האָט גענומען אין זיינע הענט די מאכט. אָבער איצט, ווען דער ארבעטער־קלאס האָט דערוויזן, אז ער קאָן ניט נאָר נעמען די מאכט אין זיינע הענט און איינהאלטן זי, נאָר ער קאָן אויך באנוצן זיך מיט איר, — איצט, ווען ער פארנעמט זיך ניט בלויז מיט צעשמעטערן דאָס אלטע, נאָר ער בויט אויך דאָס נייע, ער איז דער ערשטער שעפער אין דער וועלט פון א סאָציאליסטישער געזעלשאפט, — איצט איז שוין קיין שום מעגלעכקייט ניט פאראן צו שטעלן דעם טראָפּ אף די „אָביעקטיווע סיבעס”, וואָרעם די „אָביעקטיווע סיבעס” זיינען איצט קעגן אונדז, און אף דעם האָבן זיך געבויט די פאָרויסזאָגונגען סיי פון אונדזערע „פריינט” — וואָס פארלירן צוביסלעך די האָפענונג, אז מיר וועלן ווערן „בעסער” און „קומען צום סייכל” — סיי פון אונדזערע פיינט, וואָס פארלירן אויך צוביסלעך די האָפענונג, אז מיר וועלן דורכפאלן. די אָביעקטיווע לאָגיק פונעם אלטן „עקאָנאָמישן מאטעריאליזם” איז קעגן אונדז — אָבער מיר גייען פאָרויס, און אָט דער פאָרויסגאנג איז אזוי אומבא־

שטרייטלעך, אז יעדע ערנסטע בורזשואזע צייטונג פון מיירעוו־אייראָפּע רעכנט זיך מיט דער דאָזיקער פּאָרויסגייענדיקער באוועגונג אונדזערער, ווי מיט אן אָביעקטיוון פאקטאָר, וועלכן מע קאָן ניט פארבייגיין. אונדזערע ערנסטע קעגנער ריכטן זיך אף אונדזער א „מאַפּאָלע" בלויז דורך פּאָליטישע סיבעס. אָבער אז מיר וועלן זיך ניט ספראווען מיט די עקאָנאָמישע שוועריקייטן, דערין גלייבט קיינער ניט.

דאָס הייסט, אז דער פּראָלעטאריאט פון אונדזער לאנד פארמאָגט אין זיין „נאַטור" עפּעס אזוינס, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט צו זיגן, אַפילע דאן, ווען די „אָביעקטיווע סיבעס" זיינען ניט פאר אים, נאָר קעגן אים. און איצט איז שוין אומעגלעך אויסצודרייען זיך פון דער פראגע, וויאזוי עס האָט זיך געשאפן די דאָזיקע וואריאציע פונעם ארבעטער-קלאס, פונוואנען זי האָט זיך גענומען, מיט וואָס מע קען דערקלערן ניט נאָר איר קאָנסעקווענטע רעוואָלוציאָנערישקייט — אף דעם וואָלטן נאָך די „אָביעקטיווע סיבעס" ווי ניט איז געקענט געבן אן ענטפער — נאָר מיט וואָס דערקלערט זיך די ניט-אויסשעפּיקע שאפונג-פייִקייט אירע. די געשיכטע פונעם ארבעטער-קלאס פון אונדזער לאנד, אזוי ווי ער איז אנטשטאנען און האָט עקזיסטירט ביז אונדזערע טעג, ווערט אן אָרדנטלעכע היסטאָרישע אופגאבע ניט בלויז פאר אונדז, נאָר נאָכמער פאר אונדזערע כאוויירים פון מיירעוו און מיזרעך.

צום גליק, איז אונדז פון די בורזשואזע היסטאָריקער גאָרניט ניט פארבליבן וועגן דער דאָזיקער טעמע. נאָכן יאָר 1848, נאָכן „קאָמוניסטישן מאניפעסט" און די יונ-טעג אין פאריזש האָט אונדזער בורזשואזיע ביז כאלאָשעס געציטערט פאר א פּראָלעטארישער רעוואָלוציע און זי האָט זיך געטרייסט מיט איינרעדענישן, אז — „אין רוסלאנד עקזיסטירט ניט קיין ארבעטער-פראגע". די קליין-בורזשואזיע האָט זיך אין דעם פאל ארויסגעוויזן אינגאנצן פארקישעפט פון דער גרויסבורזשואזיע — די פּאָלקיסטן האָבן בלויז געקענט זיך אונטערשרייבן אונטער די בורזשואזע טעאָריעס וועגן דער געשיכטלעכער אנטוויקלונג פון רוסלאנד, קיין אייגענע טעאָריע האָבן זיי ניט געשאפן. זיי האָבן, אכוץ זייער ווייניקע אויסנאמען, ניט באמערקט, אז דער ווילטאָג פון אונדזער בורזשואזיע איז פון הימל ניט אראָפּגעפאלן, אז עפּעס-וואָס איז געטאָן געוואָרן, און ביז גאָר ענערגיש געטאָן געוואָרן, קעדיי „רוסלאנד" זאָל כארטפּאָרן, אז אף איר טעריטאָריע זאָל זיך באווייזן די „ארבעטער-פראגע". דאָס באריכטע „באפרייען די פּויערים מיט ערד" איז צוגעטראכט געוואָרן ניט בלויז — און, מעגלעך, ניט אזויפיל — קעדיי אויסצומיידן א פּויערשע רעוואָלוציע, נאָר אויך צוליב דעם קעדיי ניט צו דערלאָזן, אז בא אונדז זאָל אופקומען א פּראָלעטאריאט, און מע האָט עס גאָרניט געהאלטן בעסאָד, — וועגן דעם האָבן אָפיציעל געשריבן די רעדאקציאָנעלע קאָמיסיעס, וועגן דעם האָט גערעדט זאָ, שטארק אונטערגעשטראָכן דער קליגסטער פון די פּריצישע טעאָרעטיקער אין דער פּויערים-פראגע — קאוועלין. דעם „סקעלעט אין הויז" האָט מען אָבער ניט געקענט אָפּשפּרעכן מיט קיינע שום ווערטער וועגן דעם, אז אים, דעם „סקעלעט", קומט גאָר אינגאנצן ניט צו עקזיסטירן בא אונדז לויט דער בורזשואזער געשיכטע-טעאָריע. פארקערט, צום היפּעך פון די געוויינלעכע סקעלעטן, איז ער באוואָקסן געוואָרן מיט פלייש און הויט, ער האָט באקומען וואָס ווייטער אלץ פעסטערע מוסקולן און שוין אין די 70-ער יאָרן האָט ער געצוואונגען די פּאָלקיסטן זיי זאָלן זיך מיט אים רעכענען, האָטש לויט זייער טעאָריע האָט ער אויך גאָר ניט געדארפט עקזיסטירן.

אין די 90־ער יאָרן האָבן געקענט אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון אן ארבעטער־קלאס און פון אן ארבעטער־פראגע בא אונדז אין לאנד סײַדן נאָר זייער אָפּגעשטאנענע אָדער זייער טעמפּע מענטשן — אָבער די, וואָס זיינען געשטאנען נאָענט צו דער פראקטישער ארבעט, ווי, לעמאָשל, די פאבריק־אינספּעקטאָרן, וואָס זיינען קלאל ניט געווען אָנגעשטעקט מיטן מארקסיזם, האָבן וועגן דעם געשריבן שוין אין די 80־ער יאָרן. דעם ארבעטער־קלאס האָט געשטערט צו ווערן איינער פון די אָביעקטן פון געשיכטלעכער פאָרשונג — א מאָדנע זאך! — גראָד די העגעמאָנלאגע, וואָס דער דאָזיקער קלאס האָט אָנגעהויבן צו פארנעמען אין דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. זיין געשיכטע איז פארטרונקען געוואָרן אין דער געשיכטע פונעם אלגעמיינעם רעוואָליוציאָנערן קאמף אין לאנד. מער ווי אלץ האָבן גערעדט וועגן די „קלאסן־אינטערעסן פונעם פּראָלעטאריאט" יענע, ווער עס איז געווען קעגן דער רעוואָליוציע, ווי די „עקאָנאָמיסטן", אָדער דער, וואָס האָט פארשטאנען די רעוואָליוציע ניט מארקסיסטיש, ווי טראָצקי. די היסטאָריקער פון קליינבירגערלעכן שניט קענען נאָך ביז היינט צו טאָג ניט דורכפירן דעם אונטערשייד, פאר א ניט־מארקסיסט א צו איידעלער אונטערשייד, צווישן דעם טראָצקיסטישן פּאַ־שטיין די רעוואָליוציע, אלס א זאך פונעם ארבעטער־קלאס אין שמאָלן און ענגן זין פון וואָרט, און דער פאָרשטעלונג, אז דער פּראָלעטאריאט איז דער פירער פון דער אלגעמיין־נאציאָנאלער רעוואָליוציע. זיי דוכט זיך, אז די לערע וועגן דעם, אז דער פּראָלעטאריאט איז דער העגעמאָן אין דער בורזשואזער רעוואָליוציע, איז ריינסטער טראָצקיזם. נאָר אויך די ניט־קליינבירגערלעכע היסטאָריקער האָבן ווייניק אכט געלייגט אף דעם פאקט, וואָס לענין האָט גענומען אלס טעמע פאר זיין הויפּט-ווערק וועגן דער רעוואָליוציע פון יאָר 1905 דאַפקע די שטרייק־באוועגונג פון די ארבעטער, האגאם קיינער האָט שארפער און אָפטער פון לענינען ניט אונטערגעשטראָכן די באדייטונג פונעם פּויערטום אין אונדזער בורזשואזער רעוואָליוציע.

אלס רעזולטאט פון די אלע מינים ניט־אויפמערקזאמקייט און ניט־פארשטיין די געשיכטע פון אונדזער פּראָלעטאריאט האָבן גענומען שרייבן די געשיכטע אזעלכע, וואָס האָבן ווייניקער ווי אלץ אף דעם רעכט — און וואָס זיינען ווייניקער ווי אלץ דערצו פייִק. קימאט אלע ווערק פון דעם מין שטאמען פונעם מענשעוויסטישן לאגער. קימאט אלע קענען זיי ניט פארבינדן די געשיכטע פונעם ארבעטער־קלאס מיט דער געשיכטע פון דער ארבעטער־פארטיי, קימאט אלע גייען זיי ארויס פון דער ניט־ריכטיקער קאָנצעפּציע וועגן דער „סטיכייִשער" באוועגונג פון די פּראָלעטארישע מאסן — און דעריבער זיינען זיי קימאט אלע ניט אימשטאנד אויפצוהייבן זיך העכער איבער דער געשיכטע פון עקאָנאָמישן קאמף אין ענגן זין פון וואָרט. קימאט בא אלע זעט אויס אונדזער ארבעטער, ווי אן אָרעמער קאָרעוו פונעם ענגלישן טרעד־יוניאָניסט און דייטשישן סאָציאל־דעמאָקראט, — דאן, ווען דער גאנצער טאָך באשטייט דערין, וואָס דעם ענגלישן און דייטשן ארבעטער האָט די געשיכטע אף לאנגע יאָרן פארטריבן ווייט אין א זייט פונעם רעוואָליוציאָנערן וועג, אינדערצייט, ווען אונדזער פּראָלעטאריאט איז געוואָרן אלץ מער רעוואָליוציאָנער, וואָס מער באוווסטזיניק ער איז געווען. אזוי, אז די באגריפן „באוווסטזיניקער ארבעטער" און „רעוואָליוציאָנער" האָבן זיך בא אונדז, סאָפּקאָלסאָף, צונויפגעגאָסן.

דעריבער האָט די מענשעוויסטישע געשיכטע פון אונדזער פּראָלעטאריאט אפילע

קיין מאַטעריאַל ווי עס באַדאַרף צו זיין ניט צונויפגעקליבן. אין דער גרויינקער, בלאַסער פיגור, וואָס קוקט אַף אונדז אַראָפּ פון די בלעטלעך מענשעוויסטישע שרייבעכצן, קאָן מען בעשומופן ניט דערקענען דעם קומענדיקן שעפער פון דער ערשטער אין דער וועלט געלונגענער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע און דעם בויער פון דער ערשטער אין דער וועלט סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט. אונדזערע ערשטע היסטאָריקער פון פּראָלעטאַריאַט האָבן אים טאַקע פּאָשעט ניט דערזען, זיין רעוואָליוציאָנערע ראָליע האָט בא זיי אויסגעזען ווי א רעזולטאַט פון עפּעס א מין לעניניש פּאַרקישעפן און פון א באָלשעוויסטישן פאַרקריפּלען די „נאָרמאַלע" געשיכטע פונעם אַרבעטער-קלאַס. אַזוי אַרום שטייט אונדז נאָך פאָר ניט בלויז אויסצוטייטשן אַף אַן אַנדער אויפן די פאַקטן, וואָס זיינען צונויפגעקליבן געוואָרן ביז אונדז, נאָר אויך אַנטדעקן א גאַנצע ריי נייע פאַקטן, מיט וועלכע אונדזערע פאָרגייער האָבן זיך פּאָשעט ניט אינטערעסירט. מע דאַרף אינגאַנצן אַפּסניי אָנשרייבן די געשיכטע פונעם פּראָלעטאַריאַט אַלס א קלאַס א קעמפער. בא די מענשעוויקעס איז זי ניט פאַראַן. בא זיי פעלט פּאָשעט דאָס הערלעכע און פאַרביקע בילד פונעם פּראָלעטאַרישן קאַמף אינעם פאַר-סאָציאַל-דעמאָקראַטישן פּעריאָד, — און אַפילע די געשיכטע פונעם אַרבעטער-אויפשטאַנד אין יאָר 1905 האָבן זיי זיך באַמיט צו מאַכן ווי ווייט מעגלעך פאַרבלאָזער. ניט שטענדיק באַמערקן מיר עס, דערפאַר, וואָס פאַר אונדזערע אַלגעמיינע כאַראַקטעריזירונגען באַנוצן מיר זיך מיט לענינס אַרטיקלען. אָבער לענינס אַרטיקלען (אַכוץ די אויבן געבראַכטע) זיינען ניט קיין קאָנקרעטע געשיכטע. לענין האָט אויך אַפּן געביט פון די צווישנפעלקערלעכע באַציִונגען פאָרויסגעזען פיל אַזוינס, וואָס האָט זיך מיט זיין גאַנצער קאָנקרעטקייט אַנטדעקט פאַר אונדז ערשט איצט, נאָך די זוכענישן אין די געוועזענע „געהיימע" אַרכיוון, דאָך באַפרייט עס אונדז אָבער ניט פון דער נייטיקייט צו פאַרעפנטלעכן די דאָקומענטן וועגן אימפּעריאַליסטישן קריג. געוויס קלייבן מיר זיך צו באַלייכטן די געשיכטע פון אונדזער אַרבעטער-קלאַס „לויט לענינען", — דאָס באַפרייט אונדז אָבער ניט פון דער נייטיקייט צונויפצוזאַמלען פאַקטישן מאַטעריאַל.

דאָס שטודירן די געשיכטע פונעם פּראָלעטאַריאַט אַלס רעוואָליוציאָנערן קלאַס, באַטייט ניט, אַז מיר נעמען דעם דאָזיקן קלאַס בלויז אין זיין רעוואָליוציאָנערער טעטיקייט. אַדרבא, די אויפגאַבע באַשטייט דערין, אַז מיר זאָלן געבן צו פאַרשטיין די רעוואָליוציאָנערע ראָליע פון אונדזער אַרבעטער-קלאַס לויט די באַדינגונגען, בא וועלכע ער האָט זיך אויסגעבילדעט און איז געוואַקסן. אויב די מענשעוויקעס האָבן פון דער געשיכטע פונעם פּראָלעטאַריאַט אויסגעהוילט די פּאָליטיק, באַפולמעכטיקט עס אונדז קלאָל ניט אַרויסצוּוואַרפן פונדאַנען די עקאָנאָמיק. מע דאַרף שטענדיק געדענקען, וואָס לענין האָט געזאָגט וועגן דער ניטצעשיידבאַרקייט פונעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף פון די אַרבעטער — וועגן דעם, אַז עס איז ניט מעגלעך צו פירן א פּאָליטישן קאַמף ניט „פאַנאַנד'ערוויגנדיק" פריער די אַרבעטער-מאַסע דורכן עקאָנאָמישן קאַמף.

מ. פּאָקראָווסקי

פון דער רעדאקציע

די דאָזיקע „עטיודן צו דער געשיכטע פונעם פראָלעטאריאט און פסס״ר״ שטעלן מיט זיך פאר א קאָלעקטיווע ארבעט פון דער סעקציע צו דערלערנען די געשיכטע פונעם פראָלעטאריאט אין פסס״ר בא דער געזעלשאפט פון היסטאָריקער-מארקסיסטן.

דאָס איז דערווייל דער ערשטער באנד, וואָס כאפט ארום דעם היסטאָרישן וועג פון פראָלעטאריאט אין זיין גאנג צום אויסקעמפן זיך זיין דיקטאטור. די נאָענטסטע אופגאבע פון דער סעקציע איז צוצוגרייטן דעם צווייטן באנד, וואָס דארף באווייזן די העלדישע און נאָך ניט געזעענע אין דער וועלט דערפארונג פונעם קאמף פאר פאר-פעסטיקן די פראָלעטארישע דיקטאטור און די ניט ווייניקער העלדישע דערפארונג פון דער סאָציאליסטישער בויונג אין אונדזער לאנד.

עס איז איבעריק צו דערווייזן, ווי ווייט נייטיק און פאָליטיש וויכטיק עס איז פאר די יונגע פראָלעטארישע דורות אין פסס״ר און פאר דעם צווישנפעלקערלעכן פראָלעטאריאט צו שטודירן און פאראלגעמיינערן די רעוואָלוציאָנערע דערפארונג פון קאמף און די גאנצע געשיכטלעכע פארגאנגענהייט פונעם פראָלעטאריאט אין פסס״ר.

לענין האָט געזאָגט, אז „דער רוסישער מוסטער באווייזט פאר אלע לענדער עפּעס וואָס און ביז גאָר וועזנטלעכס פון זייער אומפארמיידלעכער און ניט-ווייטער צוקונפט״.

דער רוסלענדישער פראָלעטאריאט האָט פארמאָגט א דערפארונג פון רעוואָלוציאָנערער אָנפירונג פון דריי רעוואָלוציעס אין 20-טן יאָרהונדערט, די גרעסטע אין דער וועלט.

לענין האָט אונדז אומדערמידלעך גערופן צו דערלערנען דעם פראָלעטאריאטס קאמף-ארגאנגענהייט און, איבערהויפּט, די דערפארונג פון די דריי רעוואָלוציעס: „מיר דארפן זיך זאָרגן — און אכוץ אונדז וועט ניט זיין ווער עס זאָל זיך זאָרגן — וועגן דעם, אז דאָס פאָלק זאָל וויסן די דאָזיקע טעג, וואָס זיינען פול מיט לעבן, רייך אין אינהאלט און גרויס לויט זייער באדייטונג און רעזולטאט״ — אזוי האָט לענין געשריבן וועגן שטודירן די דערפארונג פון דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר.

אָבער די געשיכטע פון פראָלעטאריאט, אלס א קלאס א קעמפער און בויער פון סאָציאליזם איז נאָך ניט אָנגעשריבן געווען פול, היסטאָריש-ריכטיק און צוגענגלעך פאר די ברייטע לייענער-מאסן און אין א מארקסיסטיש-לענינישער באלויכטונג.

קעדיי צו געבן א פול, היסטאָריש-ריכטיק און פאקטיש בילד פון דער אינהאלט-רייכסטער געשיכטע פונעם פראָלעטאריאט, מוז מען פריער א לאנגע צייט פאָרבא-דערארבעטן און פריער שטודירן די מאטעריאלן וועגן דער געשיכטע פון פראָלע-טאריאט. נאָר ווארטנדיק אף אָט דער גרויסער וויסנשאפטלעכער ארבעט טאָר מען ניט אָפּלייגן אָנצושרייבן דערווייל כאָטש געלויפיקע געשיכטלעכע עטיודן וועגן איינצלנע עטאפּן אין דער אנטוויקלונג פונעם ארבעטער-קלאס, וואָס זאָלן באלייכטן זיין קאמף קעגן דער בורזשואזיע, די אויסארבעטונג פון זיין אידעאָלאָגיע און זיין ראָליע אין דער קאמף-געשיכטע פונעם רעוואָליוציאָנערן אוואנגארד — פון דער פארטיי באָלשעוויקעס, — וואָס האָט אָנגעפירט מיט אים אין זיין קאמף און האָט אים דער-

צוגן. די סעקציע צו דערלערנען די געשיכטע פונעם פראָלעטאַריאַט פארשטייט זייער גוט און רעכנט זיך מיט די מעגלעכע פעלערן אינעם פאָרגעלייגטן ווערק, נאָכמער דערפאר, וואָס עס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין זייער א קורצער צייט. דאָך האלט די סעקציע פאר מעגלעך פארצולייגן דעם דאָזיקן בוך, וואָס אנטהאלט א ריי עטיודן, וואָס אלע צוזאמענגענומען באלייכטן זיי די אמערסטן-וועזנטלעכע מאָמענטן פון דעם פראָלעטאַריאַטס אנטוויקלונג און קאמף. דאָס האָט אויך באַשטימט דעם בוי פונעם זאמלבוך אינגאנצן גענומען, און פון זיינע איינצלנע עטיודן, ווי אויך די כראָנאָלאָגישע רעמלעך זיינע. דער דאָזיקער באנד כאפט ארום דעם גאנצן געשיכטלעכן עטאפ, וואָס דער פראָלעטאַריאַט איז דורכגעגאנגען אין די באדינגונגען פון קאפיטאליסטישער פראָדוקציע, אָנגעהויבן פון די עמבריאָנעלע צייטן פון קאפיטאליזם (נאָך אין שויס פון דער פעאָדאל-לייבייגנשאַפטלעכער געזעלשאַפט) און ביז צו זיין פאנאנדערפאל, וואָס האָט זיך פארענדיקט דאן, ווען עס איז איינגעשטעלט געוואָרן די פראָלעטאַרישע דיקטאַטור און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס סאָציאליסטישע איבערגעשטאלטן די עקאָנאָמיק פון לאנד.

אינעם עטיוד, וואָס איז געווידמעט דעם לייבייגנשאַפטלעכן רוסלאנד פון XVI ביז 1-טע העלפט XIX יאָרהונדערט, איז געגעבן געוואָרן די פאָרגעשיכטע פונעם ארבעטער-קלאס, וואָס איז נייטיק, קעדיי צו פארשטיין דעם פראָלעטאַריאַטס געשיכטלעכע ראָליע אלס צוקונפטיקער פירער און העגעמאָן פון דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע. דער צווייטער עטיוד, וואָס איז געווידמעט דער אויספורעמונג פונעם פראָלעטאַריאַט אין די באדינגונגען פונעם אינדוסטריעלן קאפיטאליזם, וועלכער האָט זיך אויסגעבילדעט אין רוסלאנד נאָך דער „רעפאָרם" פון יאָר 1861, דארף פאָרשטעלן דעם פראָצעס פונעם פראָלעטאַריאַטס אויספורעמונג פון א „קלאס אין זיך" צו א „קלאס פאר זיך". די ווייטערדיקע עטיודן באווייזן דעם פראָלעטאַריאַטס ראָליע, אלס העגעמאָן פון דער רעוואָליוציע — אין די באדינגונגען פונעם הערויִשן יאָר 1905, דערנאָך אין די באדינגונגען פון דער אָנגעקומענער רעאקציע, פונעם נייעם רעוואָליוציאָנערן אופשטייג און פונעם אימפעריאליסטישן קריג. די לעצטע צוויי עטיודן זיינען געווידמעט יענעם נייעם עטאפ, וועלכן עס שטעלט מיט זיך פאָר דער קאמף פונעם פראָלעטאַריאַט פאר דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע און פאר פראָלעטאַרישער דיקטאַטור. אזויאַרום, איז אין אלע עטיודן פאָרגעשטעלט די געשיכטע פונעם פראָלעטאַריאַט ווי איין גרויסער געשיכטלעכער וועג פון א קלאַס, וואָס גייט צום דעראָבערן די מאכט און צום איינשטעלן א נייע סאָציאליסטישע פראָדוציר-סיסטעם.

דער הויפט אינהאלט פונעם דאָזיקן זאמלבוך איז די דערפארונג פון די דריי רעוואָליוציעס פונעם פראָלעטאַריאַט. דער קאָלעקטיוו אוטאָרן האָט געשטעלט פאר זיך די אופגאבן: באווייזן דעם געשיכטלעכן אויסוען פונעם ארבעטער-קלאס אין זיין אנטוויקלונג-גאנג צום אָקטיאבער, נאָכשפירן די באדינגונגען, וואָס האָבן אויסגעפורעמט דעם דאָזיקן קלאס און האָבן געשאפן די פאָרהאנאָכעס פאר זיין רעוואָליוציאָנערער אקטיוויטעט, אופדעקן די קאָמפליצירטע, געשלענגלטע און שווערע וועגן, מיט וועלכע ער איז געגאנגען צו דער דיקטאַטור, די ראָליע פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי אין זיין קאמף-געשיכטע.

די עטיודן פרווון באלייכטן די דאָזיקע פראָצעסן ניט בלויז בענוגייע דעם

פראָלעטאַריאַט פונעם געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד, נאָר אויך בענעגייע זיינע איינצלנע מאַכנעס אין די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען. אונטערשטרייכנדיק די איינהייטלעכקייט פונעם פראָלעטאַריאַטס אינטערנאַציאָנאַלע אויפגאַבן, באַווייזן די עטיודן (האַגאַם לויטן צושטאַנד פון די מאַטעריאַלן — ניט מיט אַזאַ פולקייט, ווי דאָס וואָלט נייטיק געווען) די באַזונדערקייטן פונעם פראָלעטאַריאַטס קאַמף אין די באַדינגונגען פון נאַציאָנאַל קאָלאָניאַלער אונטערדריקונג, און דערביי שטרייכן זיי אונטער, אַז בלויז דער פראָלעטאַריאַט מיט זיין אַנטשיידנדיקן, קאָנסעקווענט-רעוואָלוציאָנערן קאַמף האָט געקענט באַפרייען די פעלקער פון דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג מיצאַד דעם צאַריזם.

אויב די דאָזיקע אַרבעט וועט, באַ אַלע אירע מעגלעכע פעלערן, געבן די לייענער אַ פאָרשטעלונג וועגן דער גרעסטער היסטאָרישער ראָליע פונעם פראָלעטאַריאַט אין פסס"ר און פון זיין פאָרגעשריטענער פאַרטיי — באָלשעוויקעס — אין דער עפּאָכע, ווען ער האָט זיך אויסגעפורעמט און איז רייף געוואָרן אַ ס קלאַס, אויב זי וועט געבן אַ פאָרשטעלונג וועגן זיין קאַמף-פאַרגאַנגענהייט, אויב זי וועט געבן דעם יונגן פראָלעטאַרישן דאָר אַ זיכערקייט אין דעם, אַז דער פראָלעטאַריאַט, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ דערפאַרונג און אַזאַ קעמפערישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועט זיי קענען אויסנוצן אויך צוליבן פולשטענדיק זיג פונעם סאָציאַליזם אין אונדזער לאַנד — דאַן וועט די סעקציע האַלטן, אַז איר אויפגאַבע איז באַם איצטיקן עטאַפּ מעגלעכסט אויסגעפילט.

מ. וו. נעטשקינא

די ארבעטער אינעם לײַבײגנטימערישן רוסלאַנד

אַרײַנפיר

אינעם לײַבײגנטימערישן רוסלאַנד פון XVII—XVIII יאָרה. האָט קיין ארבעטער־קלאַס נאָך ניט עקזיסטירט. דער ארבעטער־קלאַס, דער פּראָלעטאַריאַט אנטוויקלט זיך בלויז אינעם פּראָצעס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג. די אויספורעמונג פונעם ק ל א ס פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד געהערט דעריבער בלויז צום XIX יאָרהונדערט. אָבער די פּאַרגעשיכטע פונעם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד גייט אוועק טיף אין די פריערדיקע יאָרהונדערטן. אין די באַדינגונגען פון דער לייבייגנטימערישער רוסלענ־דישער עקאָנאָמיק האָבן זיך אויסגעפורעמט קאַדרען לייבקנעכט־ארבעטער, וואָס זיינען געווען מיט גוואַלד צוגעפעסטיקט צום פּראָדוציר־פּראָצעס, און צוגלייך איז אויך לאַנגזאַם, אָבער אָן אופהער געוואַקסן די אויספורעמונג פון פרייגעדונגענער ארבעט. אָן די דאָזיקע פּראָצעסן קען מען ניט פאַרשטיין, ווי אַרום אין רוסלאַנד איז אין XIX יאָרהונדערט ארויס אַף דער ארענע פון קלאַסנקאַמף א געזעלשאַפטלעכער קלאַס — דער פּראָלעטאַריאַט — און פאַרוואָס אָט דער דאָזיקער קאַמף האָט געבראַכט דערצו, אז אינעם פאָלגנדיקן יאָרהונדערט האָט דער דאָזיקער קלאַס אָפּגעהאַלטן דעם גרעסטן זיג אין דער וועלט. דעריבער איז נייטיק אופמערקזאַם צו שטודירן די פּאַרגעשיכטע פונעם פּראָלעטאַ־ריאַט, באַדינגלעך גערעדט — די געשיכטע פון די ארבעטער פונעם לייב־ייגנטימערישן רוסלאַנד.

דאָס מאַרקסיסטישע שטודירן די געשיכטע פונעם פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אָנגעהויבן ניט גאָר לאַנג. מע קען אָבער ניט זאָגן, אז זי זאָל האָבן באַוויזן ארומצוכאַפּן גלייכמעסיק אַלע פּעריאָדן פון דער דאָזיקער געשיכטע. זייער פיל איז אופגעטאָן אַף צו דערלערנען די געשיכטע פונעם קלאַס גופא. אָבער זייער ווייניק איז געטאָן געוואָרן, כמעט גאָרניט, קעדיי טיפער אויספאָרשן די פּאַר־געשיכטע פונעם פּראָלעטאַריאַט. די גרונט־ארבעטן וועגן דער דאָזיקער פּראַגע זיינען בלויז פּאָפּולערע עטיודן, וואָס רירן קימאַט ניט אָן דעם רייכסטן, ניט אויסגעפאָרשטן ארכיוו־מאַטעריאַל. נאָך ערגער איז דאָס, וואָס די דאָזיקע עטיודן האָבן געשריבן הויפּטזאַכלעך מענשעוויקעס. וואַרפן זיך טאַקע אין די אויגן די דירעקטע פאַרקריפּלונגען אין דער געשיכטע פונעם ארבעטער־קלאַס, דאָס ניט ריכטיקע שטעלן די פראַגע. קוידעמקאָל, גייט ערגעץ פאַרלאָרן דער אומשטאַנד, וואָס די פּאַרגעשיכטע פונעם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט איז דורכגעזאַפּט מיטן שאַרפסטן קלאַסנקאַמף. די געשיכטע פון די ארבעטער פונעם לייבייגנטימערישן רוסלאַנד פלעגט אָנגעשפּיגעלט ווערן מיט ענג־עקאָנאָמישע אָנגאַבן — מיט קליינ־לעכע ידיעס וועגן די פאַבריקן, וועגן זייער אויסאַרבעטונג, וועגן דעם ארבעט־לוין פון די ארבעטער. און די אַלע ידיעס פלעגן קאָמבינירט ווערן אַזוי, אַז, ערשטנס, פלעגט פאַרטונקלט ווערן דער טאָך פונעם קלאַסנקאַמף, וואָס האָט זיך

געהאלטן אין פאנאנדערוויקלען, און, צווייטנס, פלעגט ער אינגאנצן אָפּגעריסן ווערן פונעם אלגעמיין־היסטאָרישן פּראָצעס. ער פלעגט איזאָלירט ווערן פונעם אלגעמיינעם בילד פון קלאסנקאמף אין דער געגעבענער עפּאָכע און אזויארום פלעגט די געשיכטע און דער קאמף פון די ארבעטער אינעם לייבייגנטימערישן רוסלאנד מיט גוואלד ארויסגעריסן ווערן פון דער אלגעמיינער פאנאנדערטיילונג פון די קלאסן־קרעפטן אין יעדן איינצלנעם געשיכטלעכן עטאַפּ.

אונדזער אויפגאבע איז — געבן א קורצן עטיוד וועגן דעם, וויאזוי עס איז אנטשטאנען דער קלאס — קעמפער, געלויפיק באצייכענען די דיאלעקטיק אין דער אנטוויקלונג פונעם רעוואָלוציאָנערן ארבעטער־קלאס אפן פאָן פון די אלגע־מיין־געשיכטלעכע עטאפן קלאסנקאמף. נאָר איידער מיר פרווון זיך אויסצופּלן די דאָזיקע ארגאבע, דארפן מיר פאָרויס וואָרענען דעם לייענער, אז דער עטיוד איז ביז גאָר א געלויפיקער — אנדערש קען מען ניט מאכן, ווען עס קומט אויס ארייננצוקוועטשן אין א קורצן ארטיקל מער ווי צוויי יאָרהונדערטן פון אנטוויק־לונג, און ווען דאָס פּאָרשערישע פאנאנדערארבעטן די ארכיוו־מאטעריאלן פון דער דאָזיקער געשיכטע האָט אין טאָך גענומען זיך ערשט אָנגעהויבן.

קאפיטל איינס

די אַרבעטער פונעם לייבייגנטימערישן רוסלאנד אין XVI—XVII יאָרה.

1. די ערשטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און די קוועלן פון ארבעט־קראפט

ארבעטער טרעפן מיר נאָך אינעם לייבייגנטימערישן רוסלאנד פון XVI יאָרה. שוין אין יענער צייט קאָן מען ריידן וועגן א געוויסן אָנהייב פון אינדוסטריע. אורטיילן וועגן דעם קומט אויס לויט די אָפּגעריסענע ידיעות פון מאָגערע קוועלן. עס איז באוווסט א דערלויבעניש, וואָס איז ארויסגעגעבן גע־וואָרן אין יאָר 1569 איינעם אן ענגלענדער צו בויען אייזן־זאוואָדן. עס זיינען פאראן ידיעות וועגן פאנאנדערארבעטן אייזן־ און קופּער־ארצן, וועגן זעגל־לייוונט־פּראָדוקציעס, גלאָז־זאוואָדן. דער אויסלענדער דושיל פלעטשער, וואָס האָט סאָף XVI יאָרה. באזוכט די מאָסקווער מעלוכע, דערמאָנט וועגן פּילצאָליקע זאלץ־קאָכערייען ארום „סטאראיא רוסי״, ווי אויך אין ארכאנגעלסק, פּערם, טאָטמא, קינעשמא, סאָלאָווקי. עס זיינען פאראן ידיעות, וואָס באציען זיך צום XVI יאָרה., וועגן א פּאָטאש־פּראָדוקציע, קאנאט־פּראָדוקציע און א ריי אנד. מיר ווייסן ווייניק וועגן די ארבעטער, וואָס האָבן באדינט די דאָזיקע פּראָדוק־ציעס — פון די טיילווייזע ידיעות איז צו זען, אז זייער צאָל איז צייטנווייז געווען א גאנץ באדייטנדיקע; אזוי, לעמאָשל, איז באוווסט, אז אין יאָר 1531, ביים דעם אוסרייס אָפן מאָסקווער פּולווער־זאוואָד, וואָס האָט געהערט צום אויסלענדישן מייסטער אלעוויזא, זיינען אומגעקומען מער ווי 200 ארבעטער. די אינדוסטריע האָט געשעפּט ארבעט־קראפט פון די „פרייע״, „לומפּן״, פון די

„אָנפאספאָרטיקע און ניט־צאָלער", פון די, וואָס זיינען ניט געווען צוגעפעסטיקט צו דער ערד און זיינען ניט באלאסטיקט מיט מעלוכישע שטייערן; אזוי, לעמאָשל, האָבן די באוווסטע אינדוסטריעלער — סאָכרים, די סטראָגאנאָווס, באקומען פון איוואן דעם IV דעם גרויזאמען א געשאנק־גראמעטע, לויט וועלכער עס איז זיי אָפגעגעבן געוואָרן די „פערמער ערד", דער רייכער ראיאָן לענגויס דעם טייך קאמא, און מע האָט זיי דאָרט געהייסן זוכן ארץ און קאָכן זאלץ, און ארבעט־קראפט נעמען פון די „אָנפאספאָרטיקע און ניט־צאָלער". עס זיינען דאן אויך געווען ארבעטלייט באם שיפגאנג, וואָס איז געווען ברייט אנטוויקלט: בא די קאָלאָכאלע „נאסאדעס", — בארזשעס, אָנגעלאָדענע מיט טוווע, — וואָס זיינען געגאנגען איבער דער וואָלגע, האָבן געארבעט הונדערטער שווארצארבעטער — „יאריזשניקעס".

וועגן דעם XVII יאָרה. פארמאָגן מיר באדייטנדיק רייכערע ידיעס. עס אנטוויקלט זיך וואָס ווייטער אלץ מער דער מעטאל־ארויסבאקום און די פראָדוקציע פון מעטאלישע אויסארבעטונגען. עס ווערן סטימולירט די אָרטיקע „ארץ־קענער" — מענטשן, וואָס קענען אָפזוכן ארץ, עס ווערן אויך אויסגעשריבן נייע מעווינים פון אויסלאנד. עס פארפעסטיקט זיך די „א יינשיסנדיקע" אינדוסטריע פון ביקסן, וואָס מיט איר האָבן זיך באזונדערס בארימט געמאכט די טולער שמידן. אין יאָר 1632 האָט דער האָלענדישער סויכער אנדריי ווינ'יוס צוזאמען מיט זיין ברודער אווראם און מיט נאָך א כויכער ווילקענסאָן באקומען א צארישע גראמעטע אף בויען לעבן טולע א טשוהון־גיסערישן און אייזן־מאכערישן זאוואָד, „קעדיי צו מאכן פונעם אייזן־ארץ טשוהון און אייזן אף אויסצוגיסן הארמאטן, גראנאטן און קעסלען, שמידן ברעטער און ריטער, און פון היינט אָן און ווייטער זאָל דער אייזן־געשעפט פעסט זיין פאר דעם קייסער און האכנאָכעדיק פאר דעם קייסעריס קאזנא". אין יאָר 1639 האָט ווינ'יוס געמאכט שותפעס מיטן דענעמארקער פיאָטער מארסעליס און מיטן האָלענדער פילימאָן אקעמא; צו זייער טולער זאוואָד איז צוגעשריבן געוואָרן א קעניגלעכער וואָלאָסט מיט 347 פויערים. דער אויסלענדער יאָהאן קילבורגער, וואָס האָט אין די 70־ער יאָרן פון XVII יאָרה. צוזאמען מיט דער שוועדישער געזאנדשאפט באזוכט מאָסקווע, האָט צונויפגעשטעלט א גענויע רעשימע פון מארסעליסעס און אקעמעס זאוואָדן, דערמאָנענדיק אויך וועגן דעם מעלוכישן זאוואָד לעבן מאָסקווע „אפן וועג קיין קלין". די זאוואָדן האָבן אויסגעארבעט שטאנג־אייזן, הארמאטן, שווערדן, שיף־אנקערס, טירן, לאָדנס, גראָבע פליטעס, „וואָס ווערן אין די מויערן געלייגט אָנשטאָט שוועלן". מארסעליסעס זאוואָד איז דאן באשטאנען פון 3 שמעלץ־אויוונס און צען האמערס מיט צווייעדיקע שמעלץ־אויוונס, אקעמעס זאוואָד האָט פארמאָגט 2 שמעלץ־אויוונס און פיר האמערס, וואָס יעדערער פון זיי האָט געווויגן בא 20 פוד. אף די דאָזיקע זאוואָדן איז שוין געווען איינגעפירט די וואסער־קראפט־סיסטעם. עס פארגרעסערט זיך די צאָל פראָדוקציעס פון אנדערע פאכן. אין די 60־ער יאָרן פון XVI יאָרה. האָט דער אויסלענדער פאָן־סוועדען אָרגאניזירט א פאפיר־פאבריק און א געוואנט־פראָדוקציע; עס ווערן איינגעאָרדנט בראָקאט־ און סאמעט־פאבריקן, פאראן גלאָז־זאוואָדן — לעמאָשל, די זאוואָדן, וואָס האָבן געהערט צום אויסלענדער קאָעט און צום קייסער אלעקסיי מיכאילאָוויטש;

דער איזמײַלאָווער גלאָז־זאַוואָד, וואָס האָט באַדינט ניט בלויז די באַדערפֿענישן פֿון קעניגלעכן הויף, נאָר טיילווייז אויך דעם קליין־געבּרויכער. עס זײַנען אויך געווען לעדער־, סאַפּיאַן־ און ציגל־זאַוואָדן. עס זײַנען איינגעשטעלט געוואָרן „קעניגלעכע אויוונס אַף צו ברענען קאַלך". באַם באַיאַרין מאָראָזאָוו אין די נאָכלעס זײַנען אין די 50־ער יאָרן פֿון XVII יאָרה. איינגעאָרדנט געוואָרן צוועלף פּאָטאַש־זאַוואָדן.

די אַרבעטער, וואָס האָבן באַדינט די אַלע מינים פּראָדוקציע זײַנען גענומען געוואָרן אָדער פֿון די „פֿרייע", „לומפּן", אָדער פֿון די צוגעשריבענע פּויערים. צווישן די טולער באַלמעלאָכעס זײַנען געווען אַזעלכע, וואָס „פּאַרדינגען זיך צו אַרבעטן אַלס שמידן"; וועגן אַ רײַ אַרבעטער פֿון XVII יאָרה איז באַוווּסט, אַז זיי „גייען איבער די הייזער", „דרייען זיך צווישן די הויפֿן", „צאָלן ניט קיין שטייערן פֿון אָרעמקייט". אַף דעם באַיאַרין מאָראָזאָווס פּאָטאַש־זאַוואָדן האָט מען אָנגענומען אַרבעטער פֿון די אָרעמע פּויערים. עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פֿאַראָרדענונג, אַז יענע פּויערים, באַ וועלכע „עס איז ניטאָ וואָס צו נעמען, זאָל מען אָפּשיקן אַף ברענען אַש". אַרעסטאַנטן, אַנטלאָפֿענע, סאָלדאַטישע קינדער האָט מען מיט גוואַלט געשיקט אַף די זאַוואָדן. צו די זאַוואָדן פֿלעגן צוגעשריבן ווערן גאַנצע וואָלאָסטן.

2. דער קאַמף פֿון די לײַבייגנטימערישע אַרבעטער אין XVII יאָרה.

אָט די גאַנצע בונטע אַרבעטע־מאַסע, וואָס איז מיט גוואַלט אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער פּראָדוקציע, איז נאָך ווייט ניט געווען קיין אַרבעטער־קלאַס. זי האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַן אָרגאַנישן טייל פֿונעם לײַבייגנטימערישן פּויערטום.

אינעם קאַמף קעגן פֿעאָדאַלן יאָך, אינעם קאַמף קעגן די גוטסבאַזיצער די לײַבייגנטימער האָט זיך די דאָזיקע אַרבעטער־מאַסע אויסגעמישט צווישן פּויערטום, זי איז געגאַנגען צוזאַמען מיט אים און האָט קיין באַזונדערע ראָליע ניט געשפּילט. עס זײַנען פֿאַראַן געלויפֿיקע ידיעות וועגן דעם, אַז די דאָזיקע אַרבעטער האָבן זיך באַטייליקט אין מאַסן־באַוועגונגען, אין וועלכע עס איז אַזוי רײַך געווען דער בונטאַרישער XVII יאָרהונדערט. די דערפֿער, וואָס זײַנען צוגעשריבן געוואָרן צו די זאַוואָדן, זײַנען ניט איינמאָל אופּגעשטאַנען קעגן דער זאַוואָדישער אַרבעט. זיי האָבן געוואָרפֿן די פֿאַרהאַסטע אַרבעט, האָבן זיך געריסן צוריק אין דאָרף צום פּויערטום. אינעם קאַמף פֿון די פּויערים קעגן דער זאַוואָדישער אַרבעט האָבן זיך אויסגעטיילט אָרגאַניזאַטערס, וועמען די באַלעבאַטים האָבן אַ נאָמען געגעבן „אַלטע בונטאָווטשיקעס".

עס איז פֿאַראַן אַ ביז גאָר טשיקאַווער „איניען" פֿון יאָר 1672 וועגן די פּויערים פֿון סאָלאָמענסקער וואָלאָסט, וואָס האָבן ניט געוואָלט אַרבעטן אַף פּיאָטער מאַרסעליסעס טולער און קאַשירער זאַוואָדן. דער הויפּט־אָרגאַניזאַטער פֿונעם פּויערשן פּראָטעסט איז געווען דער „אַלטער בונטאָווטשיק", וואַסקע טיטאָוו, מיטן צונאָמען „הונט". קומענדיק אַף מאַרסעליסעס טשענצאָווסקער זאַוואָד, ווו עס האָבן זיך געבויט נײַע „פּאַלאַצן" פֿאַרן פֿאַבריקאַנט, האָט דער דאָזיקער

„אַלטער בונטאָוושטשיק", — ווי עס שרייבט זיך אין דער אָנקלאָגע, — אין דער אָנוועזנהייט פון די פּויערים זיך „באַרימט מיט כוצפּעדיקע ווערטער", אַז מע דאַרף „יעניקע אונדזערע (מאַרסעליסעס) פּאַלאַצן פאַרברענען און דעם אַש צעווייען און די זאַוואָדן כאָרעוו מאַכן". אַ גרויסע ראָליע האָט אין דעם אַלטן בונטאָוושטשיקס אַגיטאַציע געשפּילט די ידיעה, — אַן אויסגעטראַכטע, פאַרשטייט זיך, — וועגן דעם, אַז דער צאַר האָט, קלוימערשט, באַפוילן אָפּצושרייבן די וואָלאָסט פון מאַרסעליסעס זאַוואָדן, אומקערן די אַרבעטער צוריק אין דאָרף אַריין, אַלס פּויערים. לויט דער גוויעס־איידעס פון פיל בייוועזנדע, האָט וואַסקע טיטאָוו געזאָגט צו די טעסלערס, וואָס האָבן געבויט די פּאַלאַצן: „נאָך וואָס בויט איר פּאַלאַצן? דער קייסער האָט אונדז געהייסן אוועקגיין פון די זאַוואָדן, מיר וועלן די פּאַלאַצן פאַרברענען און דעם אַש צעווייען און די פרעמדלענדישע וועלן דאָ ניט זיין".
דער אַגיטאַטער איז ניט געווען איינזאַם — אַרום אים האָבן זיך גרופּירט די פּויערים, וואָס זיינען געווען צוגעשריבן צו די זאַוואָדן — ווי אינעם דאָקומענט ווערט דערציילט, זיינען זיי „מיט אים געווען איין מיינונג און האָבן אַ בונט פאַרפירט". ווען די „פּריסטאַוון", וואָס מאַרסעליס האָט צוגעשיקט, האָבן גענומען כאַפּן איינעם פון די אָרגאַניזאַטערס פון דער דאָזיקער באַוועגונג, איוואַן מיכעיעון, פון דאָרף זאָלאָטיכי, האָט ער, איוואַן, זיך צעיאָמערט און אָף זיין, איוואַנס, „געשריי" איז מען פון פאַרשיידענע עקן זיך צונויפגעלאָפן אָף אויסלייזן אים, און האָבן „אים, איוואַנען, ניט אַרויסגעגעבן".

ווי מיר זעען, האָט דער פּויער פון XVII יאָרה., וואָס איז צוגעשריבן געווען צו די זאַוואָדן, נאָך ניט געפילט זיך אַלס אַרבעטער. ער רייסט זיך אין דאָרף אַריין, ער שטרעבט צו פאַרברענען די זאַוואָדן און „דעם אַש צעווייען". דאָס איז נאָך ניט קיין פּראָשטייער פונעם אַרבעטער־קלאַס, ניט לויט זיין סאָציאַלן טאָך, ניט לויט זיין אידעאָלאָגיע.

די קאַרגע דאָקומענטאַלע אָנגאַבן דערלויבן ניט צו דערציילן גענוי וועגן דעם אָנטייל פון די אַרבעטער אין דער גרעסטער פּויערישער רעוואָליוציע פון XVII יאָרה., אינעם ראַזין־אופשטאַנד. אָבער דער דאָזיקער אָנטייל צוגלייך און פולשטענדיק צונויפגעגאָסן מיט די פּויערישע מאַסן איז אומבאַדינגט פאָרגעקומען. דער ראַזין־אופשטאַנד האָט זיך דורכגעקייקלט איבער פּאָוואָלושיע, ער האָז פאַרכאַפּט אַזעלכע גרויסע צענטרען פון פיש־ און זאַלץ־געווערבן, ווי צום ביישפּיל, — אַסטראַכאַן. צווישן די מאַסן „האַמוין", וואָס איז צוגעשטאַנען צו ראַזינען, זיינען, מעגלעך, אויך געווען אַרבעטער פון די דאָזיקע געווערבן. אַ פּאָזיטיווע גוויעס־איידעס וועגן ד׳ר דאָזיקער פראַגע געפינען מיר אינעם דאָקומענטאַלן מאַטעריאַל פונעם ראַזין־אופשטאַנד מיקויעך די שיף־אַרבעטער — „יאַריזשניקעס". ווען ראַזין פלעגט פאַרכאַפּן באַרזשעס מיט טוווע, וואָס זיינען געשוואומען איבער דער וואָלגע, פלעגט ער זיך צערעכענען מיט די באָיאַרישע אָנגעשטעלטע און מיט זייערע הערן. אָבער די שיף־אַרבעטער האָט ער ניט נאָר ניט געטשעפּעט, נאָר ער פלעגט זיי אויך אַריינציען אין זיין באַוועגונג, זאָגנדיק, אַז ער שלאָגט בלויז די פּריצים און די כאָשעווע הערן, אָבער מיטן אָרעמען פּאָשעטן מענטשן איז ער גרייט זיך צו טיילן, ווי מיט אַ ברודער. די דאָזיקע גרופּע אָנטיילנעמער פונעם ראַזין־אופשטאַנד האָט, אָן צווייפל, געשפּילט אַ גרויסע טעכנישע ראָליע אינעם

אופשטאנד, אלס אזעלכע, וואָס זיינען זייער גוט באקאנט מיט דער טעכניק פון דעם וואָלגער טראנספּאָרט, מיט די באזונדערקייטן פונעם פּאָרוואסער, פונעם שטראָם און פון די ברעגן, ווי נידעריק מע זאָל ניט שאצן די פּרימיטיווקייט פון דער דאָזיקער טעכניק. עס איז גענוג צו דערמאָנען די קאָלאָסאלע באדיי־טונג, וואָס דער וואסער־וועג האָט געהאט פארן ראזין־אופשטאנד.

קאפּיטל צוויי

די ארבעטער אף די מאנופאקטורן פון XVIII יאָרה.

1. דער אויספורעמונג-פּראָצעס פון די ארבעטער

דער XVIII יאָרה. ברענגט אריין פיל נייס אין דער געשיכטע פון די לייב-אייגנטימערישע ארבעטער אין רוסלאנד. די אָזויגערופענע „פּיאָטער-עפּאָכע" איז רייך מיט געשעענישן פון דער געשיכטע פונעם ארבעטער-קלאס. אין יענער צייט קומט פאָר א העפטיקער אנטוויקלונג-פּראָצעס פון די מאנופאקטורן, פונעם נייעם טיפּ אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

ביז צו דער „פּיאָטער-עפּאָכע" איז געווען זייער א קליינע צאָל גרויסע אונטער-נעמונגען און נאָך איר זיינען שוין אזעלכע געווען ניט ווייניקער ווי 233, סיי קאזיאָנע אונטערנעמונגען, סיי פּריוואטע. אין די דאָזיקע זאוואָדן האָבן געארבעט הונדערטער און צייטנווייז אפילו טויזנטער ארבעטער — צום מערלוכישן טולער געווער-זאוואָד, למשל, זיינען געווען צוגעשריבן 508 פּויערישע הויפן, און צו ניין פּערמער זאוואָדן — 25 טויזנט פּויערים מענער. אין דער קאזיאָנער זעגל-פאבריק אין מאָסקווע האָבן געארבעט 1.162 ארבעטער. אין טאמעטעס לייוונט-פאבריק אין מאָסקווע האָבן געארבעט 841 ארבעטער אף 443 שטולן.

ביים דער „פּיאָטער-עפּאָכע" וואקסן אויס נייע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, עס ווערן אָנגענומען מיטלען צוזאמצוזאמלען אין לאנד א גאָלד-רעזערוו. עס ווערן געזוכט וועגן צום אָנציעוודיקן קאָלאָניאלן לאנד אינדיע, עס וואקסט דער אינטערעס צו דער מעגלעכקייט פון עקספּלואטירן די מיזרעך-לענדער מיט זייערע נאָך ניט-גערירטע אוצרות. צי האָבן זיך אין דער דאָזיקער צייט ניט אנטוויקלט די פּראָצעסן, וואָס כאראקטעריזירן די עפּאָכע פון דער „אָזויגערופענער אָנפאנגלעכער אָנזאמלונג", די עפּאָכע, וואָס לויט מארקסן „בילדעט זי די פּאָרגעשיכטע פונעם קאפּיטאל און די פּ ר אים אנטשפּרעכיקע פּראָדוציר-מיטלען"? דער טאָך פון דער עפּאָכע פון אָנפאנג-לעכער אָנזאמלונג באשטייט אין דעם, וואָס דער פּראָדוצירער ווערט אָפּגעטיילט פון די פּראָדוציר-מיטלען. צי זיינען אינעם „פּיאָטערישן רוסלאנד" געווען כאָטש אייניקע כאראקטעריסטישע סימאָנים פון אָט דעם פּראָצעס?

דאָס קאָלאָסאלע לייבאייגנטימערישע רוסלאנד פון XVIII יאָרהונדערט איז גע-ווען אן ערדארבעטעריש לאנד. די גרונט-מאסן פּויערשע באפעלקערונג זיינען גע-ווען לייבקנעכט און האָבן זיך געפונען אינעם פולשטענדיקן רעשוס פונעם גוטבאזי-צער. דוכט זיך, אז די פאבריקן און זאוואָדן, וואָס האָבן זיך אנטוויקלט אינעם לייב-אייגנטימערישן רוסלאנד, וואָלטן ניט געדאַרפט האָבן פונוואנען צו שעפּן ארבעט-

הענט. אָבער ארבעט-הענט האָבן זיך דאָך געפונען. איינע פון די גרעסטע קאטעגאָריעס לייב-קנעכטישע ארבעטער זיינען אָנהייב XVIII יאָרהונדערט געווען די אנטלאָפענע, אָרעמע, „ליידיקגייער", איינוווינער פון די דערציונג-הייזער, „בעטלער", וואָס האָבן ניט פונוואַנען צו לעבן, פארשיידענע בינים פארוואָלאָזטע, וואָס „שלעפן זיך איבער די הויפן", „שפּייזן זיך מיט גאָטס נאָמען". לויט א באפעל פון דער רעגירונג, פלעגן אף די מאנופאקטורן און פאבריקן מיט געוואַלט אָפּגעגעבן ווערן מענער און פרויען, „וואָס האָבן ניט קיין פארנאָכע און קיין באשעפטיקונג", אויב זיי וועלן „אָן אויפזיכט ארומשלעפן זיך איבער די שטעט און סלאָבאָדעס און איבער די אויעזדן אין די הויפן און בעטן נעדאָוועס". דער סאָציאַלער פּראָצעס פון „פּאַופּעריזירונג" און „רויִנירונג" איז פארבונדן מיטן וווּקס פון שטייגערישע פארברעכנס, רויבערייען, גענייוועס. פון צווישן די פארברעכער האָט מען אויך געשעפּט לייבקנעכט-ארבעטער: לויטן „אוקאַז" פון יאָר 1719 איז באפוילן געוואָרן אָפּצושיקן אף די פאבריקן די „ווייבער און מוידן, וואָס זייענדיק געקומען אין מאָסקווע פון די פּריקאַזן, ווי אויך פון אנדערע גובערניעס, זיינען זיי געוואָרן באשטראָפט פאר זייערע זינד". דעם נאָדל-פאבריקאנט טאָמילינען איז דירעקט אָנגעוויזן געוואָרן, אז ער זאָל נעמען צו דער ארבעט אין די פאבריקן מענטשן „פון צווישן די אָרעמע און מינדעריאָריקע, וואָס גייען ארום איבער די גאסן און בעטן נעדאָוועס". דער זייד-פאבריקאנט מיליוטין האָט אָנגענומען ארבעטער פון „געמיינע מענטשן".

פונוואַנען האָבן זיך גענומען אזויפיל „געמיינע", „בעטלער", „ליידיקגייער"? עס וואָלט געווען אויסערגעוויינלעך נאַיִוו אָפּצוקומען מיטן ענטפער, אז „קיין בעטלער האָבן קיינמאָל ניט אויסגעפעלט", און אז מע האָט באדארפט האָבן פאר די פאבריקן ארבעטער און „קיין אנדערע זיינען ניט געווען", האָט מען די בעטלער גענומען אף דער ארבעט. א באדייטנדיקע צאָל שלעפּער און בעטלער פון XVIII יאָרה. זיינען געווען אלס רעזולטאט פון א באזונדער סאָציאַלן פּראָצעס, וואָס, אין טאָך גענומען, האָט ער שוין פארנאָגן אין זיך גרויסע כינאָנים פונעם פּראָצעס פון צעפירן די פּראָדוציר־מיטלען. די היסטאָריקער האָבן שוין לאנג באמערקט, אז די פּאַופּעריזירונג פון דער באפעלקערונג איז איינע פון די סאמע כאראקטעריסטישע שטריכן פון דער דערמאָנטער עפּאָכע פון „פּיאָטער־רעפאָרמען", אָבער קיין סאָציאַלע דערקלערונג פון דער דאָזיקער דערשיינונג האָבן זיי ניט געגעבן. די זעלבסטהערשונג האָט ביזן לעצטן גראד געדריקט אפן שטייערן־פרעס. זי האָט אויסגעפּאָמפּעט פון די ארבעטנדיקע מאסן באפעלקערונג אין דער ערשטער ריי — פונעם פּויערטום אליין, וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען, אָבער די צארישע קאזנא האָט פון די שטייערן פאָרט ניט באקומען אזא צאָל מיטלען, וואָס די צארישע רעגירונג האָט געהאט נייטיק. די הויף־ציילונג פון די יאָרן 1709—1710 האָט באוויזן א קענטיקע פארקלענערונג פון דער צאָל הויפן אין פארגלייך מיט דער ציילונג פון יאָר 1678, א פארקלענערונג אף א גאנצן פינפטל־טייל פון דער פאררעגיסטרירטער צאָל! לאָמיר באמערקן, אז דאָ האנדלט זיך וועגן דער צאָל הויפן און ניט וועגן איינצלנע צאָלער. וואָס זשע הייסט אזוינס, אז עס פארשווינדט א הויף? קוידעמקאָל, ווערט פאָרעוו א באשטימטער ווירטשאפטלעכער איינס, אן איינצלנע ערדארבעטערשע ווירטשאפט. עס זיינען געווען פאלן, ווען גאנצע דערפער זיינען געוואָרן רויִנירט און האָבן אָפּגעשטעלט זייער ווירטשאפט־

לעכע טעטיקייט. די „פּוסטקייט“, וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן, האָט שטארק צערודערט די רעגירונג, וועלכע האָט גאנץ ריכטיק איינגעזען אין דעם די שטארקסטע געפאר פאר אירע איינקונפטן. די „פּוסטקייט“, וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן בא דער ציילונג, איז ארויסגעוואקסן אין א גאנצער פּאָליטישער פּראָבלעם און ניט בלויז די רעגירונג, נאָר א גאנצע כאָפּטע פּריווילעגירטע פּראָיעקטנמאכער האָט פלייסיק פאנאנדערגעקליבן די סיבעס פון דער דאָזיקער דערשיינונג און די מיטלען, וויאַזוי צו ליקווידירן זי. פיל אווטערס פון די ענלעכע פּראָיעקטן זיינען געקומען צו א ריכטיקן אויספיר, אז די „פּוסטקייט“ איז א רעזולטאט פונעם אנטלויפן, פון דער שלעפעריי, וואָס איז ארויסגערופן געוואָרן דורך דער וויר שאפטלעכער רוינירונג. און, ווירקלעך, ווען מיר באטראכטן די דאָקומענטן פון דער דאָזיקער ציילונג, זעען מיר אָפּטע אָב־ווייזונגען וועגן דעם, אז גאנצע פאמיליעס אנטלויפן פון זייערע איינגעזעסענע ערטער, וועגן „אומבאוווסט פארפאלן־געוואָרענע“. פיל אָפּגעקומענע הויפן זיינען פארציייכנט אלס „פּאופּעריזירטע“. וועגן די פריערדיקע איינוווינער פון די דערפער, וועגן די פּויערים, וואָס האָבן געפירט א זעלבשטענדיקעווירטשאפט, איז פארשריבן אז זיי „שלעפן זיך ארום איבער די הויפן“, „דערנערן זיך מיט גאָטס נאָמען“. דער דאָזיקער „פּאופּעריזירונג“־פּראָצעס האָט זיך ניט פארענדיקט אין דער „פּיאָטער־עפּאָכע“, ער האָט זיך אויך אויף ווייטער אנטוויקלט. „אוקאזן“ וועגן אנטלאָפענע בעזלער, שלעפער באגעגענען זיך אויך פאר די שפּעטערדיקע יאָרן פון XVIII יאָרה., פאר די יאָרן 1736, 1753, 1762, 1771.

איינע פון די אָפּטע סיבעס פון פּויערשער רוינירונג איז געווען די זעלנער־דינסט אין די רייען פון דער צארישער ארמיי, וועלכע האָט אָפּגעריסן טויזנטער פּויערים פון זייער ווירטשאפט און האָט אין א באדייטנדיקער צאָל פאלן געבראכט די פּויערשע הויפן צו א פולשטענדיקן ווירטשאפטלעכן אונטערגאנג. א ביז גאָר כאראקטעריסטישער שטריך: צווישן די לוין־ארבעטער פון די פּיאָטערישע מאנופאקטורן איז געווען א באדייטנדיקער פּראָצענט „קינדער פון סאָלדאטן, קאוואלערטן און ארטילעריסטן“.

דער פּראָצעס פון אָפּפּעטטיקן דעם פּראָדוצירער פון די פּראָדוציר־מיטלען איז געוויס ווייט ניט פולשטענדיק צונויפגעפאלן אין אלע זיינע דערשיינונגען און כאראקטער־שטריכן מיט דעם זעלבן פּראָצעס אין מייריעוו־איירָאָפּע, וואָס מארקס האָט אזוי קלאסיש באשריבן אינעם קאפּיטל פיר און צוואנציק פון „קאפּיטאל“ (1 באנד). דער דאָזיקער פּראָצעס איז אין דער שטארקסטער מאָס פארקריפּלט געוואָרן דורך די לייבייגנטימערישע אומשטענדן, ער האָט זיך אנטוויקלט אייגנארטיק, באדייטנדיק לאנגזאמער, ניט גלייכמעסיק און האָט זיך פארצויגן אויף א קאָלאָסאלן טערמין*, זיך דערקייקלט ביז דער צווייטער העלפט XIX יאָרהונדערט. דאָך, זיינען אין XVIII יאָרה. פאראן א ריי בולעטע סימאָנים פון דעם פּראָצעס, און אויב ניט דיסקאָנטירן זיי, בלייבט אין אסאך הינזיכטן ניט פארשטענדלעך דער אויספורעמונג־פּראָצעס פון די ארבעטער אינעם לייבייגנטימערישן רוסלאנד.

* לויט מיין באמערקן, אז אין מארקס קלאסישער באשרייבונג ווערן די פאקטן, וואָס כאראקטעריזירן דעם פּראָצעס פון ענגלענדישער אַגראַריאַנער, גענומען פון דער עפּאָכע פון XIV—XVIII יאָרה., ד. ה. פון א מעשעך פון פינף יאָרהונדערטן.

2. די אַרבעט אַף דער מאַנופאַקטור

עס וואָלט געווען ניט ריכטיק פאָרצושטעלן זיך א זאַוואָד אָדער א פאַבריק פון דער לײַבאײגנטימערישער עפּאָכע אין דער געוויינלעכער פאָרם פון א קאַפּיטאַליסטישער פאַבריק. לענין ווײַזט אָן, אַז דער ווּיסנשאַפטלעכער באַגריף פונעם וואָרט פאַבריק „אַנטשפּרעכט קלאַל ניט דער געוויינלעכער אומגאַנג־באַדײַטונג פונעם דאָזיקן טערמין". געוויינלעך, — שרײַבט לענין ווײַטער, — „מײנט מען מיטן טערמין פאַבריק יעדע מער־ווייניקער גרעסערע אינדוסטריעלע אײנריכטונג מיט א מער ווייניקער באַ ייטנדיקער צאָל לוין־אַרבעטער. אָבער מאַרקס טעאָריע רופט אָן מיטן נאָמען גרויסע מאַשין־ (פאַבריק־) אינדוסטריע בלויז א באַשטימטע און טאַקע א העכערע שטופע פון קאַפּיטאַליזם אין דער אינדוסטריע. דער גרונטלעכער און אַמערסטן וועזנטלעכער סימען פון דער דאָזיקער סטאַדיע באַשטייט אין דעם, וואָס פאַר דער פּראָדוקציע ווערט באַנוצט די מאַשין־סיסטעם". דערפאַר איז ניט ריכטיק צו באַנוצן דעם טערמין „פאַבריק" אינעם שטרענג־ווּיסנשאַפטלעכן זין פונעם וואָרט, ניט וואָס פאַר דער „פּיאָטער־עפּאָכע", נאָר אויך פאַרן גאַנצן XVIII יאָרה. זון אויב מיר באַגעגענען אים יאָ אין דער ליטעראַטור, דאַרף מען אים פאַרשטיין באַדינגלעך. אין דעם דאָזיקן אַרטיקל געברויכן מיר טאַקע דעם טערמין „פאַבריק" באַדינגלעך.

די „פּיאָטער־פאַבריקן" האָבן ניט געוווּסט פון קיין טעכנישע באַוועגער; זיי האָבן באַנוצט האַנט־אַרבעט אַף פּרימיטיווע געשטעלן, וואָס זײַנען, אַלס קלאַל, באַוועגט געוואָרן דורך מענטשלעכער קראַפט.

די פּראָדוקציע פון XVIII יאָרה. איז געווען א מאַנופאַקטורישע. אָפט מײנט מען, אַז דער גרונט־סימען פונעם מאַנופאַקטור־טיפּ איז דאָס, וואָס אין איין געבײַדע, באַם קאַפּיטאַליסט אין וואַרשטאַט, זײַנען קאָנצענטרירט עטלעכע צענדליק מענטשן אַרבעטער, וואָס פילן אויס די פּראָדוציר־פּראָצעסן דורך האַנט־אַרבעט. דאָס איז ניט קיין ריכטיקער, ניט קיין מאַרקסיסטישער באַגריף וועגן מאַנופאַקטור־טיפּ; ניט דאָס איז איר גרונט־סימען. אַלס ווּיכטיקסטער סימען פונעם מאַנופאַקטור־טיפּ דינט די פאַנאַנדערטיילונג פון דער אַרבעט, דאָס, וואָס אַרבעטער פילן אויס פאַרשײדנערליי פּראָצעסן, וואָס זײַנען באַשטאַנדטיילן פון איין פּראָדוציר־פּראָצעס. ווו די אַרבעטער געפינען זיך, — צוזאַמען אין דעם אונטערנעמערס צענטראַלן וואַרשטאַט, אָדער זיי אַרבעטן לויט זײַנע באַשטעלונגען באַ זיך אינדערהיים, — דאָס איז ניט קיין גרונט סימען. די מאַנופאַקטור פונעם לײַבאײגנטימערישן רוסלאַנד איז געווען סײַ צענטראַליזירט, סײַ צעוואָרפן איבער די הײַזער פון אײנצלנע קוסטאַרן, וואָס זײַנען עקספּלואַטירט געוואָרן דורך די אונטערנעמער.

אָט איז פאַר אונדז א „פאַבריק" פון מעטאַלענע קנעפּלעך און שפּילקעס אין מאָסקווע, וואָס האָט געהערט צום פאַבריקאַנט „זשירקאָוו מיט זײַנע שוטפים". א דאָקומענט פון יאָר 1731 שילדערט אַזוי דעם פּראָדוציר־פּראָצעס באַם אויסאַרבעטן די שפּילקעס: איין אַרבעטער האָט צוגעגרייט „געפּראַוועט" דעם אײַזן־דראָט, דער צווייטער האָט „געצויגן פאָדעם", דער דריטער — האָט פאַרשאַרפט דעם שפּיץ שפּילקע, דער פערטער און פינפטער — האָבן געאַרבעט אַרום שפּילקע־קעפּל (אײנער פון זיי האָט עס אויסגעפורעמט, דער צווייטער האָט אַרומעשאָרן), דער זעקסטער — האָט

„געפוצט" די שפילקע. דער זיבעטער — פאַרוואַלטעט מיטן „ייצן איבער פאַפירן". אַנדערש האָט געאַרבעט דער באַוווסטער מולער גיוווער-זאַוואָד. איינצלנע קוסטאַרן פלעגן בא זיך אינדערהיים צוגרייטן פאַרשיידענע טיילן פון ביקס — די „בעט", דאָס „צינגל", דעם „שטאַם" א. אַ. וו. און די פאַרטיקע טיילן, וואָס די פאַרשיידענע מייסטערס פלעגן ברענגען, האָט מען מעכאַניש פאַראייניקט אין די זאַוואָדישע וואַרשטאַטן, ווו עס פלעגן דורכגיין בלויז אייניקע קאָמפליצירטערע אָפעראַציעס, ווי לעמאָשל דאָס דרעליעווען די ווער. סיי אין דעם סיי אין יענעם טיפ מאַנופאַקטור איז דאָס גרונטלעכע — די פאַנאַנדערטיילונג פון דער אַרבעט.

אין די דאָקומענטן פון XVIII יאָרהונדערט טרעפן זיך גאַנץ לעבעדיקע באַשרייבונגען וועגן די מאַנופאַקטורן. פון זיי דערוויסן מיר זיך ניט נאָר וועגן דעם, וויאַזוי די פראָדוקציע איז געווען אָרגאַניזירט, נאָר אויך וועגן דער שטייגערישער זייט פון דער מאַנופאַקטור, וועגן די האַנדל-באַציונגען פון דער „פאַבריק" און וועגן דעם סכירעאָפזאַץ אין אויסלאַנד. איינע אַזאַ באַשרייבונג געהערט דעם אויסלענדער בערכאָלץ, זי באַציט זיך צום יאָר 1772. דער דאָזיקער אויסלענדער האָט זיך געפינען אינעם הערצאָג גאָלשטינסקיס סוויטע, און האָט, פאַרשטייט זיך, געקוקט אויף דער פאַבריק מיט די אויגן פון א רייכן האַר, וואָס איז „אינטערעסירט" פונעם בליענדיקן צושטאַנד פון דער פאַבריק און האַלט דאָס עקספּלואַטירן דעם אַרבעטער פאַר א „נאַטירלעכע" דערשיינונג. חוץ דעם, האָט דער אייגנטימער, איידער ער האָט באַוויזן די פאַבריק אַזא „הויכגעשעצטן גאַסט", געקענט פון פריער אַלץ ברענגען אין אַן „אָנשטענדיקן" אויסזען און אויסבאַהאַלטן פיל שווערע זייטן פונעם פראָדוצירונגס שטייגער. דאָ גייט א רייד וועגן טאַמסענס פאַבריק.

„נעכטן האָט איינער א הייער רייכער סוחר, וואָס ווערט זייער געשעצט פונעם קעניג, לויט דער פאַמיליע טאַמסען, געבעטן זיין קעניגלעכע מאַיעסטעט צו באַגליקן אים היינט פרי מיט א באַזוך אויף דער לייוונט-פאַבריק, וואָס ער האָט דאָ ניט לאַנג געעפנט, און דערנאָך קומען צו אים אויף א מיטיק... געזעצט זיך אין שליטן, זיינען מיר אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אויף א גרויסער פאַבריק, וואָס געפינט זיך אין א גרויסן מויער... געקומען צופאָרן, האָבן מיר באַקוקט אַלץ לויט דער ריי, און איך בין זיך מודיע, אַז איך האָב בעשום־אופן ניט דערוואַרט, אַז דער באַלעבאָס פון דער פאַבריק זאָל קענען דאָ איינאָרדענען אַזא איינריכטונג און ברענגען זי אין אַזא בליענדיקן צושטאַנד זי פאַרמאָגט הונדערט מיט פופציק וועב־שטולן, בא וועלכע עס אַרבעטן קימאַט אויסשליסלעך רוסן און זי פראָדוצירט אַלץ, וואָס מע קען נאָר פאָדערן פון א לייוונט-פאַבריק, ד. ה. אַלע סאָרטן לייוונט, פון גראָבע ביז די סאַמע איידעלע, פראַכטפולע שטאָפן אויף טישטעכער און סאַלפעטקעס, דינענע און גראָבן טיק, ליילעכער, סיי שמאָלע און אויך אומגעווייגלעך ברייטע, איידעלע קאַניפאַסן אויף קאַמזוילן, פאַרביקע נאָזטיכלעך און פיל אַנדערע ענלעכע זאַכן. אויסהאַלטן די פאַבריק קאָסט אים ביז 400 רובל א כוידעש... אָראָפּגייענדיק אונטן, האָט אונדז דער באַלעבאָס געוויזן זיין מאַגאַזין, ווו ער האַלט די נאָך ניט פאַרקויפטע סכוירע, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אויף דער פאַבריק. ער פאַרמאָגט אויך אייניקע קלייטן אויף צו פאַרקויפן זיינע סכוירעס. חוץ דעם, פאַרקויפט ער א גרויסע צאָל סכוירע אויף יענער־זייט יאַם, שוין ניט ריידן וועגן די יערלעכע באַדייטנדיקע צושטעלונגען פאַר קאַזנאַ... נאָכן

מיטיק האָט אונדז הער טאַמסען געפֿירט צוערשט אין דער פֿרויען־אָפּטיילונג, וווּ עס אַרבעטן מיידלעך, וואָס זײַנען, אַלס שטראָף, אָפּגעגעבן געוואָרן אין דער שפּינערײַ אויף צען יאָר און מער, און אייניקע אויף שטענדיק. צווישן זיי זײַנען פֿאַראַן אייניקע מיט אַרויסגעריסענע נאָזלעכער. אינעם ערשטן צימער, וווּ עס זײַנען געזעסן ביז 30 פֿון די סאַמע יונגע און שיינינקע, איז געווען אויסערגעוויינלעך ריין. אַלע פֿרויען, וואָס געפֿינען זיך דאָרט און וועבן איינע לעבן די אַנדערע פּאַזע די ווענט, זײַנען געווען אָנגעטאָן אַלע אַלצײַנס און אַפֿילע זייער שיין, דעהײַנע, אַלע האָבן זיי געטראָגן ווײַסע קליידלעך און ווײַסע קאַמזוילן, אַרומגענייט מיט גרינע סטענגעס"...

אינטערעסאַנט זײַנען די ידיעות וועגן לוין־אַרבעט, וואָס מיר געפֿינען אין דער באַשרײַבונג פֿונעם זעלבן בערכאָלץ: „צום סאָף האָט אונדז טאַמסען אַרײַנגעפֿירט אין אַ צימער, וווּ עס זײַנען געזעסן אַ מענטשן צוואַנציק אָדער דרײַסיק פֿרײַע אַרבעטער, וואָס האָבן געוועבט פֿאַר געלט, אָבער דער אַרבעט־לוין זייערער איז קימאַט ניט העכער געווען פֿאַר דעם, וויפֿל עס קאָסט אָפּ אויסהאַלטן אַן אַרעסטאַנט".

דער אַרבעטלוין אויף די פֿאַבריקן איז געווען ביז גאָר אַ נידעריקער — בערכאָלצעס גוויעס־איידעס איז כאַראַקטעריסטיש ניט בלויז פֿאַר טאַמסענס פֿאַבריק. אין דער מאַנופֿאַקטור פֿון XVIII יאָרה. האָט זיך דער אַרבעט־טאָג געוויינלעך געצויגן 14 און 16 שעה און אַמאָל אויך 18 שעה.

אויב די לוין־אַרבעטער האָבן זיך געפֿונען אין אַזאַ שלעכטער לאַגע, איז די לאַגע פֿון די צוגעשריבענע פּויערים געווען נאָך אַן ערגערע. האַגאַם פֿאָרמעל האָבן זיי זיך ניט גערעכנט, אַלס לײַבקנעכט בײַ דער פֿאַבריק, אָבער די באַדינגונגען פֿון דער געצוווּנגענער אַרבעט זײַנען געווען שרעקלעכע. צום זאַוואָד פֿלעגן אָפֿט צוגעשריבן ווערן דערפֿער, וואָס האָבן זיך געפֿונען פֿאַר 600—700 וויאָרסט ווײַט, און די צײַט, וואָס די פּויערים פֿלעגט אויסקומען צו פּאַטערן אין וועג, די שווערקײַטן אין וועג, דאָס אָפּרײַסן זיך פֿון דער ווירטשאַפֿט, — דאָס אַלץ האָט געמאַכט די אַרבעט פֿון די פּויערים אויף אַזעלכע זאַוואָדן אויסערגעוויינלעך שווער.

3. די לײַבייגנטימערישע עקספּלואַטאַציע און דער באַשטאַנד פֿון די אַרבעטער

ביזן יאָר 1721 איז, אין גרונט גענומען, קיין אַנדערע קאַטעגאָריעס לײַבייגענע אַרבעטער, אויסער די צוגעשריבענע פּויערים, אין די פֿאַבריקן ניט געווען. די צוגעשריבענע פּויערים זײַנען אָפֿטער ווי אַלץ געווען קאַזיאָנע פּויערים. אַז אַוועלכער ניט איז יישעוו אָדער דאָרף פֿלעגט צוגעשריבן ווערן צו אַ זאַוואָד (אָפֿט פֿלעגן צוגעשריבן ווערן גאַנצע וואָלאָסטן) האָט דאָס באַטײַט, אַז די דאָזיקע פּויערים זײַנען פֿאַרפּליכטעט צו אַרבעטן אויף דעם זאַוואָד לויט דער פֿאָדערונג פֿונעם אייגנטימער, וועלכער האָט פֿאַר יעדן צוגעשריבענעם נעפֿעש געצאָלט שטײַערן. דעם נישטיקן אַרבעטלוין פֿלעגט מען אַרויסגעבן אויף די הענט נאָר אין די פֿאַרהעלטניסמעסיק זעלטענע פֿאַלן, ווען ער האָט באַטראָפֿן מער, ווי אָט דער שטײַער. ביכלאַל אָבער, פֿלעגט דער אַרבעטלוין פֿאַררעכנט ווערן אויף שטײַערן. פֿרילינג, זומער און האַרבסט פֿלעגן אין די זאַוואָדן אַרבעטן ניט אַלע פֿאַמיליע-

מיטגלידער צוזאמען — דער טייל, וואָס איז פארבליבן אין דאָרף, האָט זיך באַשעפטיקט מיט פויערישער ארבעט, און האָט אויך אויסגעהאלטן אין א גרויסער מאָס דעם צוגעשריבענעם, וואָס האָט געארבעט אין פאבריק. בלויז וויניקער־צייט האָבן קימאט דורכויס אלע געארבעט. די דערפער, וואָס זיינען געווען צוגעשריבן צו די זאוואָדן, האָבן זיך געפונען פאר הונדערטער וויאָרסט ווייט פון אים (600—700 וויאָרסט); דעם דאָזיקן מעהאלעך האָבן די צוגעשריבענע פויערים געדארפט אריבערפאָרן אפן אייגענעם כעזשבן. פאר פארשפעטיקן צום ארבעט־סעזאָן פלעגט מען שטרענג באשטראָפן. קלאָר, אז ווען מע פלעגט צושרייבן א דאָרף צום זאוואָד, האָט דעם דאָרף געדראָט א געפאר צו ווערן ווירטשא טלעך רואינירט, און פאר די פויערים איז דאָס געווען דער גרעסטער אומגליק. אין XVII יאָרה. איבערהויפט אין XVIII יאָרה. איז געגאנגען אָן אופהער א כוואליע פון פויערישע אופשטאנדן קעגן דעם צושרייבן דערפער צו זאוואָדן. די רעגירונג האָט אָנגעוויזן, אז ס'איז נייטיק צו באנוצן פרייגעדונגענע ארבעט. לעמאָשל, דער פאבריקאנט טימאָפיי פילאטאָוו, אן אייגנטימער פון א פאפיר־און לייוונט־מאנופאקטור, האָט באקומען אין יאָר 1720 אן „זוקאז" פון דער בערגקאָלעגיע, לויט וועלכן עס איז באפוילן געוואָרן „ארבעט־מענטשן דינגען פרייע, ניט קיין לייב־קנעכט", און וועגן געצאָלט צונויפריידן זיך מיט זיי לויט א פרייער פרייז". דאָס יאָר 1721 איז אָבער כאראקטעריסטיש מיט זיין קער־פונקט אין דער רעגירונג־פאָליטיק: דעם 18־טן „גענוואר" 1721 יאָר איז ארויסגעגעבן געוואָרן אן „אוקאז", וואָס האָט דערלויבט די „סאָכרים־לייט" צוצוקויפן צו די פאבריקן דערפער מיטן טנאי, אז די דאָזיקע דערפער זאָלן זיך רעכענען צו דער פאבריק און זאָלן ניט קענען פארקויפט ווערן באזונדער אָן דער פאבריק, די פויערים זאָלן אויסגענוצט ווערן נאָר אין פאבריק און ניט אף קיין אנדערע ארבעט. לויטן כאראקטעריסטישן אויסדרוק פונעם דאָזיקן „אוקאז", האָט מען אזעלכע דערפער געקאָנט צוקויפן צו די פאבריקן — „בלויז בא אזא קאָנדיציע, אז די דאָזיקע דערפער זאָלן שוין אף שטענדיק בלייבן בא די זאוואָדן ניט אָפגעשיידט".

אזוי איז געמאכט געוואָרן דער אָנהייב פון א באזונדערער קאטעגאָריע לייב־קנעכט־ארבעטער, פאָסעסיע־פויערים, וואָס האָבן געקאָנט געהערן ניט נאָר צו סאָכרים, נאָר אויך צו אדעליקע. אסאך היסטאָריקער האָבן די דאָזיקע נייע איינפירונג באטראכט, ווי א רעזולטאט פון דעם, וואָס אינעם לייבייגנטימערישן רוסלאנד איז געווען שווער צו קריגן ארבעט־הענט. אָבער ארבעט־הענט זיינען דאָך געווען. די פראָצעסן פון אָנפאנגלעכער אָנזאמלונג, וואָס האָבן זיך צו יענער צייט טיילווייז גענומען אנטוויקלען, האָבן שוין ארויסגעשטויסן ארבעטער־הענט פון די דערפער פונעם לייבייגנטימערישן רוסלאנד. דער געזעץ פון יאָר 1721 וועגן פארשפרייטן די לייבייגנטימערישע פארהעלטענישן אויך אין דער אינדוסטריע האָט געהאט אן אנדער זין. דאָס איז א בלעטל געשיכטע פונעם קלאסן־קאמף צווישן די פאבריקאנטן מיט די ארבעטער פונעם לייבייגנטימערישן רוסלאנד. דער פאבריקאנט האָט געדארפט האָבן דעם געזעץ, קעדיי פעסטער איינצוקלעמען די ארבעטער אין זיין פויסט, קעדיי צו קאָנען ווילקירלעך זיך באגיין מיטן ארבעטלוין, קעמפן קעגן דער ארבעטער־באוועגונג, אונטערדריקן אף א לייבייגנטימערישן אויפן די אומצופרידנקייט פון די ארבעטער.

דאָ איז נאָך וויכטיק צו פארצייכענען די פראגע וועגן קוואליפיצירטער ארבעט־קראפט. אזוי ווי אויסלענדישע פאכלײַט זײַנען געווען זעלטן און האָבן געקאָסט טײַער, האָט מען געדארפט פארפעסטיקן פאר דער פאבריק א געשולטן רוסישן אר עטער, אָפּנעמען בא אים די מעגלעכקײַט אוועקצוגיין פון דער פאבריק, ווען אים וועט זיך פארוועלן. עס איז וויכטיק צו באמערקן, אז נאָכן „אוקאז" פון 1721 יאָר האָבן שפּעטער געקומען דערשיינען „אוקאזן" וועגן צופעסטיקן פארשיידענע קאטעגאָריעס לייבקנעכט־ארבעטער צו דער פאבריק, אף וועלכער זיי ארבעטן. ווי נאָר עס פלעגט דערשײַנען אזא מין „אוקאז" וועגן אוועלכער־ניט־איז פאבריק, פלעגן טייקעף פארערגערט ווערן די אזוי אויך אויסערסט שווערע ארבעט־באדינגונגען. עס פלעגן זיך פארשטארקן די שטראפן, עס פלעגט פארקלענערט ווערן דער ארבעטלוין. למשל, אין יאָר 1736 איז ארויס אן „אוקאז" וועגן צופעסטיקן די ארבעטער צו דער מאָסקווער טוך־מאנופאקטור און שוין אין יאָר 1737 האָט דער פאבריקאנט געצווונגען די ארבעטער זיך אונטערצושרייבן, אז זיי זײַנען מאסקים צו באקומען א קלענערן ארבעטלוין, ווי פריער. נאָך דער פארשקלאפונג פלעגן די פאבריקאנטן „מיט דראָונג" באפוילן, אז אף די פאבריקן זאָלן ארבעטן די פאמיליע־מיטגלידער, באטראכטנדיק זיי אויך אלס לייבקנעכט. ווי נאָר מע האָט צוגעפעסטיקט די ארבעטער צו דריאבלאָווס טוך־פאבריק, האָט ער גלייך אראָפּגעזעצט די טאריפן: די וועבער — אף אָנדערהאלבן קאָפּ. פון ארשין, די שפינער — אף א קאָפּעקע פון פונט און „די שטיקלעך טוך האָט ער באפוילן אויסצוארבעטן ברייטערע, ווי פריער".

אינעם ארבעטער־באשטאנד זײַנען ביסלעכווייז ארייננגעצויגן געוואָרן אויך די פארשיידענע נאציאָנאליטעטן, וואָס האָבן באפעלקערט דאָס צארישע לײַבייגנטימערישע רוסלאנד. אין אוקראינע האָבן זיך אנטוויקלט אייגענע מאנאפאקטורן, אייגענע פאבריקן, וועלכע האָבן געשעפּט ארבעט־קראפט, סײַ פרייע, סײַ געצווונגענע, פון צווישן די אוקראינישע פויערים. אויך אין די צענטראלע געגנטן פון דער רוסלענדישער אימפעריע פון XVIII יאָרה. און אפילע נאָך פריער, אין דער מאָסקווער „רוס" פון XVII יאָרה. זעען מיר צוגלייך מיט די אונטערדריקטע און עקספּלואטירטע ארבעטער פון דער רוסישער נאציע אויך דעם ארבעטער פון אנדערע נאציעס, וועלכער האָט געליטן פון א צווייענדיקן יאָך — סײַ פון דער פאבריק־עקספּלואטאציע, סײַ פון דער צארישער גרויסמעלוכישער נאציאָנאלער פּאָליטיק. אין די מאָסקווער און יאראָסלאוולער מאנופאקטורן, ווי אויך אין די אוראלער זאוואָדן באגעגענען זיך אוקראינער, ווייסרוסן, טאָטערן. אין די אוראלער זאוואָדן פלעגן זיך צו יענער צייט זעלטן אויך טרעפן באשקירן. אין די דאָקומענטן פון יענער צייט ווערט זייער זעלטן אָנגעוויזן דעם ארבעטערס נאציאָנאליטעט און דערפאר איז ביז גאָר אינטערעסאנט אונטערצושטרייכן אזא גוויעכ־אײַדעס, ווי, למשל, די דערמאָנונג אין א דאָקומענט פון יאָר 1670: דעם אויסלענדישן זאוואָדטשיק פּיאָטער מארסעליס איז „באפוילן ארויסצוגעבן פון די זאוואָדן פאר דער מויערער־ארבעט, ווו עס ארבעטן קרימער טאָטערן, 50 גראָב־אײַזנס"... אין די 30־ער יאָרן פון XVIII יאָרה. האָבן אף זאטראפּעזניס מאנופאקטורן אין יאראָסלאוול געארבעט צוזאמען מיט די רוסישע ארבעטער אויך ארבעטער פון די „זאפּאָראָזשער קאָזאקן" און פון „טשערקעסער אָפּשטא־

מונג" („טשערקעסן" — אַ האַלב־פאַראַכטנדיקער צונאָמען פאַר די אוקראַינער). אַף די זעלבע מאַנופאַקטורן האָבן אויך געאַרבעט „פּראָסטע טאָטערן", און פון „טשוכאָנסקער פּאָראָדע". עס זיינען אויך פאַראַן אָפטע אָנווייזונגען וועגן אַרבעטער פון „פּוילישן פאָלק", פאַראַן אָנווייזונגען וועגן אַרבעטער פון „קורליאַנדער ערדן", „פון דער שוועדישער ראַסע". ווי מיר זעען, ווערט אין דער פאַרגעשיכטע פונעם פּראָלעטאַריאַט, נאָך פון XVII—XVIII יאָרה., אײַנגעשלאָסן אויך די געשיכטע פון איינצלנע נאַציאָנאַלע אַרבעטער־מאַסנס.

4. אַרבעטער-אומרוען אין די מאַנופאַקטורן פון XVIII יאָרה.

מיר האָבן געזען, אַז יעדער איינער פאַקט אין דער געשיכטע פון די אַרבעטער פון לייבאייגנטימערישן רוסלאַנד איז דורכגעדרונגען מיט קלאַסנקאַמף, אַפילע ווען דער פאַקט איז אויסערלעך „ווײַט" דערפון.

נאָך פיל שאַרפער און בולטער טרעט אַרויס פאַר אונדז דער דאָזיקער קאַמף אינעם בילד פון די קעסיידערדיקע אומרוען, פּראָטעסטן און אויפרעגונגען, מיט וועלכע דאָס אַרבעטנדיקע לייבאייגנטימערישע רוסלאַנד האָט אָפּגעענטפערט אַפן וווּקס פון דער עקספּלואַטאַציע אין דער אינדוסטריע. דער כאַראַקטער פון די דאָזיקע אומרוען באַווײַזט שוין, אַז דער אַרבעטער־באַשטאַנד איז ניט איינאַרטיק. אַף איין אויפן פּראָטעסטירן קעגן דער פאַבריק־עקספּלואַטאַציע די צוגעשריבענע פּויערים, וואָס זיינען מיט גוואַלט צוגעבונדן געוואָרן צו דער מאַנופאַקטור, לויט די פאַראָרדענונגען פון דער רעגירונג אָדער פון די פּריצים, און אַף אַ צווייטן אויפן פּראָטעסטירן די אַרבעטער, וואָס אַרבעטן פון דאָר צו דאָר אין פאַבריק, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע פאַרבינדונגען מיטן דאָרף.

אין די אונטערנעמונגען פונעם לײַבאייגנטימערישן רוסלאַנד בילדן זיך שוין אויס קאַדרען דויערדיקע אַרבעטער. פאַראַן אַ ריי כאַראַקטעריסטישע פאַקטן, וואָס באַציען זיך נאָך צום XVII יאָרה. אָט ליגן פאַר אונדז די „ריימעטער־בייכער" פאַרן יאָר 1690 פון די טולער, קאַשירער, אַלעקסינסקער אײַזן־זאַוואָדן, וואָס האָבן געהערט צום באָיאַרין לעוו קירילאָוויטש נאַרישקין. אין זיי איז פאַרשריבן איינער אַ שמיד פּעטרושקע פּעטראָוו, „ער רעכנט זיך, פּעטרושקע, אַז ער איז געבאָרן געוואָרן אַף די זאַוואָדן און דער טאַטע זײַנער פון וועלכער שטאָט ער איז געקומען, דאָס געדענקט ער ניט". לאָמיר באַמערקן, אַז יעדער איינער באַאַמטער אָדער בכלל פאָרשטייער פון די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן האָט מיט פאַראַכטונג גערופן דעם פּויער און אַרבעטער מיט אַ פאַרקלענערונג־נאָמען, דערמיט פלגט אונטערגעשטראָכן ווערן די דערנידעריקטע און אָפּהענגיקע לאַגע פונעם „האַמוין", פונעם „פּראָסטן פאָלק". ווייטער, נאָך „פּעטרושקען", וואָס איז געבאָרן געוואָרן אַפן זאַוואָד, גייען אַנדערע שמידן: „מאַלאַפייקע" לעאָנטיעוו, „סעהאַשקע" וואַסיליעוו, „סאַווקע" באָריסאָוו — און וועגן זיי אַלע איז פאַרשריבן דאָס זעלבע. אין דער ערשטער העלפט XVIII יאָרה. באַגעגענען מיר, למשל, אַ גרופּע דויערדיקע אַרבעטער אַף שטשעגאָלינס טוך־מאַנופאַקטור. אַף דער מאַנופאַקטור אַרבעטן „טוכמאַכערישע קינדער", „מאַליאַרישע" קינדער. צוגלייך מיט דעם דאָזיקן קערן פונעם דויערדיקן פּראָלעטאַריאַט באַוועגט זיך אַלץ אָפטער דער אַרבעטער — צומאָל דער פרײַגעדונגענער — מיט אַ גרויסן, צומאָלס אויסער־

געווינלעך־גרויסן פראָדוציר־סטאַזש. אויך די דאָזיקע דערשיינונג וואָרצלט אינעם XVII יאָרה. לאָמיר זיך ווידער ווענדן צו דאָקומענטן.

אָט ליגט פאר אונדז דער רייסטער־בוך פונעם טיש־מײַסטער אפאנאסיע פאָנוויזין וועגן די טולער און קאשירער אײַזן־זאוואָדן פארן יאָר 1662. אין דעם בוך דערציילט זיך וועגן געוויסע „קוזקע און סטענקע יעמעליאנאָווס", רוסישע פרײַע מענטשן, מײַסטערס, וואָס ארבעטן „לויט א ניט פארשריבענעם אָפמאַך — קוזקע 10 יאָר, סטע קע 5 יאָר".

אין די זעלבע „רייסטער־ביכער" פון יאָר 1690 פון די טולער, קאשירער און אלעקסינער זאוואָדן, וועג וועלכע ס'איז אויבן דערמאָנט געוואָרן, טרעפן מיר ארבעטער מיט נאָך א גרעסערן פראָדוציר־סטאַזש: דער שמיד „פעדאָטקע" מאקסימאָוו איז געקומען פונעם „דאָרף דעדילאָווע און ווינט אפן זאוואָד א יאָר 20 אָדער מער". „סענקע" אָטיפאָוו „ווינט אפן זאוואָד א יאָר 30". „דער קוילן־געזעל פעדאָסייקע סטעפאנאָוו" א געוועזענער „לומפ" ארבעט אפן זאוואָד „א יאָר 30, אָדער מער", און זײַן זון „טימאָשקע", 17 יאָר אַלט, ארבעט אויך אין דער זאוואָדישער קוזניע. אזעלכע בײַשפילן וואָלט מען געקאָנט ברענגען זייער פיל.

דער XVIII יאָרה. איז רייך אין אומרוען צווישן די פויערים, וואָס זײַנען געווען צוגעשריבן צו די זאוואָדן. דאָס ניט וועלן גיין אף זאוואָדישער ארבעט־דער שארפער פראָטעסט קעגן דעם אָפרײַסן זיי פון דאָרף און פון דער דאָרפישער ווירטשאפט, — דאָס אַלץ כאראקטעריזירט די פויערישע פאָדערונגען בײַ די דאָזיקע אומרוען. אין יאָר 1715 האָט די רעגירונג צוגעשריבן צו די אָלאָנעצקער זאוואָדן דעם ראבאָלער בעסוילעם — האָבן זיך די פויערים אָפגעזאָגט צו גיין אף דער ארבעט, און מע האָט זיי „אײַנגעשטילט" מיט דער הילף פון א ראָטע זעלנער. אין 1724 קומען פאָר אומרוען צווישן די צוגעשריבענע צו די ליפעצקער און קאָזמינסקער זאוואָדן. וואָס נעענטער צום פוגאטשאָוו־אופשטאנד, ווערן אַלץ באדייטנדיקער די דאָזיקע אומרוען פון די צוגעשריבענע און אַלץ א גרעסערע צאָל נײַע אָנהענגער שטייען צו צו די אופשטענדלער. אין מיטן XVIII יאָרה. האָט די קייסערין יעקאטערינע II מוידע געווען, אז דער אופשטאנד האָט ארומגעכאפט אַלע צוגעשריבענע פויערים פונעם זאוואָדישן אוראל — וועדלעק דער קייסערין האָבן זיך אין די אומרוען באטייליקט 49 טויזנט צוגעשריבענע פויערים.

אף דעמידאָווס פערמער זאוואָדן זײַנען די צוגעשריבענע פויערים ארויסגעטראָטן גאָר אָרגאניזירט: „מיר זײַנען געווען צוגעשריבן צו דעמידאָוון אף דרײַ יאָר און, מיר האָבן שוין אונדזערס אָפגעארבעט; מיר זײַנען גרייט אפילע צו שטארבן, אָבער אפן זאוואָד וועלן מיר ניט גיין" — האָבן זיי געמאָלדן. די רעגירונג האָט ארויסגעשיקט אפן זאוואָד באוואָפנטע קראפט בעראָש מיטן קאפיטאן סימאָנאָוו. אָבער די פויערים האָבן אים ניט ארײַנגעלאָזן אין זאוואָד און האָבן זיך גענומען אָרגאניזירטערהייט גרייטן צו א ווידערשטאנד. אין די צעבונטעוועטע דערפער האָט אָן אויפהער געהודעט דער סרייפע־גלאָק, רופנדיק צוהילף די שכײנישע דערפער. די פויערים האָבן אוועקגעשטעלט א וואך בײַם ארײַנפאָר, האָבן דורכגעפירט מיליטערישע לימודים און זיך געגרייט צו א שלאכט: „דער קאפיטאן סימאָנאָוו, — האָבן זיי געזאָגט, — קלייבט צונויף קאזאקן, קעדיי ארויסשיקן אונדז אפן זאוואָד, קאָלזמאן מיר לעבן, וועלן מיר זיך זיי אין די הענט ארײַן

ניט אָפּגעבן. אויב זיי וועלן אין אונדז שיסן, וועלן מיר קענען זיי אויך דאָס זעלבע טאָן. מיר האָבן אַליין אויך אַסאַך פײַער־געווער, שפּיזן, דרענגלעך". און ווירקלעך, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שלאַכט מיטן רעגירונג־מיליטער, האָבן די פּויערים געענטפערט מיט פײַערשיסנדיקן געווער. דאָס רעגירונג־מיליטער איז אָפּגעטראָטן און אַפילע אַ האַרמאַטן־שאָס האָט די פּויערים ניט איינגעבראָכן. דאָס רעגירונג־מיליטער האָט געזיגט ערשט נאָך אַן אָנגריף פון די דראַגונער.

סײַ אינעם כאַראַקטער פון די אומרוען, סײַ אין די פאָדערונגען, וואָס זײַנען אַרויסגעשטעלט געוואָרן, געפינען מיר ניט אין די אַלע אויבן געבראַכטע פאַלן קיין שום אייגנאַרטיק־אַרבעטערשעס. דאָס זײַנען טיפּיש־פּויערישע פאָדערונגען, פּראָטעסט קעגן דער זאַוואָדישער אַרבעט, אַ שטרעבונג אומצוקערן זיך אין דאָרף. עס באַגעגענען זיך שוין אָבער אויך אומרוען פון אַן אַנדער כאַראַקטער, האָגאַם די צאָל זייערע איז נאָך ביז גאָר קליין. אין די אומרוען פון די אַרבעטער, וואָס זײַנען, ווײַזט אויס, שוין לאַנג געווען אויף די זאַוואָדן, פיגורירן ניט קיין פאָדערונגען וועגן אָפּלאָזן זיי פון דער זאַוואָדישער אַרבעט צוריק אין דאָרף אַרײַן, — ניין, דאָ ווערן שוין אַרויסגערוקט אַנדערע, אין טאָך גענומען, אַרבעטערשע פאָדערונגען.

ווען די אונטערנעמער האָבן זיך דערשלאָגן דערצו, אַז די אַרבעטער זאָלן צוגעפעסטיקט ווערן צו די זאַוואָדן און האָבן זיך באַנוצט מיט דער דאָזיקער צופעסטיקונג, ווי מיט אַ מיטל צו פאַרקלענערן דעם אַרבעטלוין, האָבן דאַן די אַרבעטער פון אייניקע זאַוואָדן אַרויסגעוויזן קעגן דעם אַן אָרגאַניזירטן פּראָטעסט. זעט אויס, אַז דער שטרייק אויף דער מאָסקווער געוואַנט־מאַנופאַקטור, וואָס האָט זיך געצויגן פון 22 מאַרץ ביזן 14־טן מײַ, איז פאָרגעקומען צוליב דעם, וואָס מע האָט פאַרקלענערט דעם אַרבעטלוין. דעם 15־טן אַפּרעל 1742 יאָר האָט זיך אויף דעם זעלבן זאַוואָד און צוליב דער זעלבער סיבע דער שטרייק איבערגעכאַזערט. אינעם יאָר 1749 איז אויף דער זעלבער מאַנופאַקטור פאָרגעקומען אַ ביז גאָר שטאַרקע אויפרעגונג צווישן די אַרבעטער, וואָס האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער צוואַנג־אַרבעט פון זייערע פרויען און קינדער. דער איניען האָט זיך פאַרענדיקט דערמיט, וואָס אייניקע אַרבעטער זײַנען לויט אַ באַשטימונג פון סענאַט פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע.

ווי מיר ווייסן שוין, האָבן זיך אין יאָר 1737 אָנגעהויבן אומרוען אויף דריאַבלאָווס געוואַנט־מאַנופאַקטור אין קאַזאַן. די דאָזיקע אומרוען זײַנען פאָרגעקומען צוליב דעם פאַרקלענערן די טאַריפן און צוליב דער נידעריקער קוואַליטעט פונעם רויוואַרג — דריאַבלאָוו האָט געגעבן צו דער אַרבעט „שלעכטע און שמוציקע וואָל". די זעלבע אַרבעטער האָבן זיך געקלאָגט, אַז מע רעכנט זיי ניט ריכטיק אָראָפּ פונעם געהאַלט, און אויך, אַז זייער באַלעבאָס צווינגט זיי צו אַרבעטן, אַכוץ דער פאַבריק־אַרבעט, פאַר זײַנע היימישע באַדערפענישן. די דאָזיקע פאָדערונגען זײַנען, לויטן טאָך זייערן, אַרבעטערשע פאָדערונגען און ניט קיין פּויערשע. די איינצלנע פאַלן ענדערן אָבער ניט די אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון דער באַוועגונג, וואָס אין גאַנצן גענומען האָט זי נאָך ניט געהאַט אין זיך קיין שטריכן פון אַן אַרבעטערשער קלאַסן־באַוועגונג און איז, אין טאָך, געווען אַ פּויערשע. עס איז כאַראַקטעריסטיש, לעמאָשל, אַזאַ פאַל: די אַרבעטער פון יעוודאָקימס דעמי־

דאָווס איַיזן־זאוואָדן האָבן געשטיצט די אומרוען צווישן די פּויערים אין ראָסאָ־דאנאָווסקער וואָלאָסט, קאלוגער „פּראָווינץ", וועלכע זיינען אינעם יאָר 1752 אויפגעשטאנען און פּראָטעסטירט קעגן צושרייבן זיי צו די זאוואָדן. די ארבעטער האָבן ארויסגעלאָזן דאָס וואסער פון די זאוואָדישע סאזשלקעס, האָבן אָפּגעשטעלט די פּראָדוקציע, אויסגעלאָשן די אויוונס און אפילע איבערגעלאָזט די הויפּנס קוילן, ווי מע האָט געגרייט קוילן פאר די דאָמנעס. די אופשטענדלער האָבן פארמאָגט הארמאטן און א באדייטנדיקע צאָל געווער, זיי האָבן דורכגעפירט ריכטיקע מיליטערישע לימודים און אין די דאָזיקע לימודים האָבן זיך באטייליקט ניט נאָר מענער, נאָר אויך פרויען און מיידלעך, אָנגעטאָנענע אין מענערשע קליידער. אופשטענדלער איז געווען בא 3000 מענטשן. דאָס מיליטער, וואָס די רעגירונג האָט ארויסגעשיקט, האָט לאנג ניט געקענט בייַקומען דעם אופשטאנד. לויט אן „אוקאז" פּערזענלעך פונעם צאר, האָט מען די פויערשע דערפער אונטערגעצונדן. דאָס האָט געגעבן א מעגלעכקייט צו פארכאפּן בא 300 אופשטענדלער, אָבער דעם אופשטאנד האָט עס דאָך ניט איינגעבראָכן. עס איז נייטיק געווען באדייטנדיק צו פארשטארקן דעם אָנגריף, קעדיי איינצוברעכן דעם אופשטאנד. די איניציאטערס זיינען פארשיקט געוואָרן קיין סיביר, עטלעכע הונדערט מענער און פרויען האָט מען געשמיסן מיט בייַטשן, ריטער און „לאָקשן" און אומגעקערט זיי נאָכדעם צוריק צו דעמידאָוון. די ארבעטער האָבן פארשטאנען די איינהייַטלעכקייַט צווישן זייערע און די פּויערשע פאָדערונגען. און ווען די פויערים האָבן זיך צוגעזאָגט צו ארבעטן אפן זאוואָד, האָבן די ארבעטער אליין אויך געוואָרפן די ארבעט.

קאפּיטל דריַי

דער וווקס פונעם לייבייגנטימערישן עקספּלואטירן די ארבעטער

1. דער וווקס פון פּריוואַטישע מאנופאקטורן אין דער צווייטער העלפט פון XVIII יאָרה.

א ריי היסטאָריקער האלטן, אז די הערשונג פון יעקאטערינע דער צווייטער איז געווען די אויבער־צייט פון דער לייבייגנטימערישערווירטשאפט. אָבער אין דעם אויבער איז ניט שווער צו באמערקן א ריי סימאָנים פון א שלעכטער אָנצוהערעניש פארן אדל, סימאָנים פון אן אָנפאנגלעכער צעפאלונג אין דער לייבייגנטימערישער ווירטשאפט. די דאָזיקע סימאָנים ווייזן זיך ארויס נאָך אין יאָר 1767, ווען ס'איז צונויפגערופן געוואָרן די קאָמיסיע אף צונויפשטעלן די נייַע „אולאָזשעניע" (געזעצן־זאמלונג). פארן אדל שטעלן זיך נייע ווירטשאפטלעכע פראגן, דאָס גרונטלעכע אין די דאָזיקע פראגן איז די פּריוואַטישע אינדוסטריעלע אונטערנעמערישקייַט. די וואָרצלען פון דער דאָזיקער דערשיינונג קען מען באמערקן נאָך פריער.

אָנהייב XVIII יאָרה. זיינען די מאנופאקטורן געווען, הויפּטזאכלעך, „סאָכרישע",

ד. ה. אָרגאַניזירטע פֿון סאָכרים. געוויס, וואָלט געווען ניט ריכטיק צו רופֿן אַזעלכע אונטערנעמער מיטן נאָמען „סאָכרים" אָן שום רעזערוואַציעס. פֿון דעם מאָמענט אָן, ווען דער סוחר האָט אַרײַנגעלייגט זײַן קאַפּיטל אין דער פֿאַבריק און איז געוואָרן אַן אינדוסטריעלער אונטערנעמער, אָן אַרויסקוועטשער פֿון מערווערט, — איז שוין ניט שײַך ריידן וועגן אים בלויז, ווי וועגן אַ סוחר. ווי מיר געדענקען, האָט דער געזעץ פֿון יאָר 1721 געגעבן זייער אַ באַדייטנדיקע פּריווילעגיע דער פֿאַבריק, וואָס האָט געהערט צום סוחר. ער האָט דערלויבט דעם אייגנטימער צוצוקויפֿן צו דער פֿאַבריק פּויערים. האַגאַם דער זעלבער געזעץ פֿון יאָר 1721 האָט אויך די פּריצים דערלויבט צו באַנוצן זיך מיטן דאָזיקן רעכט, האָבן זיי אָבער קיין שום באַזונדערע וועזנטלעכע נוצן פֿון דעם ניט געהאַט, ווײַל סײַ ווי האָבן זיי אין יענער צײַט געהאַט רעכט צו האַלטן לײַבקנעכט.

דער „אוקאַז" פֿון 7־טן יאַנואַר 1736 איז געווען אַ ווייטערדיקער שריט אויף דעם זעלבן וועג: ער האָט באַשטימט, אַז די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט אַ באַשטימטע מלאָכה, דאַרפֿן „זײַן אייביק אין די פֿאַבריקן", האַגאַם זיי זײַנען פֿריער ניט געווען קיין לײַבאייגנטימערישע אַרבעטער. אָבער אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווערן די פּריווילעגיעס פֿאַר די „סאָכרים"־פֿאַבריקאַנטן גאַנץ היפּש פֿאַרשמעלערט. איינע פֿון די וויכטיקע סיבעס פֿון דער דאָזיקער פֿאַרשמעלערונג איז — די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פֿונעם פּראָצעס פֿון אָנפֿאַנגלעכער אָנזאַמלונג, דער וווּקס ון פּאַופּעריזם, די פֿאַראָרעמערונג פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן. דאָס אָפּפּעסטיקן זיי פֿון די פּראָדוציר־מיטלען ברענגט, פֿון איין זײַט, דערצו, אַז עס פֿאַרשטאַרקט זיך די „בלוטיקע געזעצגעבונג" פֿון דער לײַבאייגנטימערישער רעגירונג קעגן די בראָדיאַגעס און, פֿון דער צווייטער זײַט, „זאָרגט" די זעלבע רעגירונג וועגן „אײַנאָרדענען" ווי־ניט־איז די דאָזיקע פּאַופּעריזירטע מאַסן, זאָל זײַן אין פֿאַבריק: פֿאַר דער אַדעליקער רעגירונג איז געוואָרן באַשײַמפּערלעך די געפֿאַר פֿון די אָנוואַקסנדיקע מאַסן־אומרוען. אין שײַן פֿון די דאָזיקע אומשטענדן ווערט פֿאַרשטענדלעך דער „אוקאַז" פֿון יאָר 1752, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן בײַ דעם קיניגן פֿון יעליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ, וועגן באַגרענעצן די צאָל אַרבעטער, וואָס די פֿאַבריקאַנטן־סאָכרים האָבן רעכט צוצוקויפֿן צו דער פֿאַבריק. די פֿאַבריקאַנטן איז דערלויבט געווען צו קויפֿן ניט מער, ווי פֿון צוואַנציק ביז צוויי און פֿערציק נפֿשעס צו יעדן ווערקשטול, לויט די באַזונדערקייטן פֿון דער אונטערנעמונג. די דאָזיקע באַגרענעצונג האָט דער „אוקאַז" מאָטיווירט מיט אַזאַ אָפֿנקייט, וואָס איז ווערט געלויבט צו ווערן: „פֿיל זאַוואָדטשיקעס און פֿאַבריקאַנטן פּראָדוצירן אויף זייערע זאַוואָדן און פֿאַבריקן ניט אַזוי מיט געקויפֿטע, ווי מיט פֿרײַע מענטשן, דערפֿון דרינגט, אַז אויך אויף ווייטער דאַרף דער נידעריקער האַמוין האָבן ניט קיין קלײַנעם נוצן פֿון זײַן פֿאַרדינגען זיך צו די פֿאַבריקן און זאַוואָדן". „נוצן" האָט דאָ געהאַט מער ווי אַלע די לײַבאייגנטימערישע רעגירונג, וואָס האָט מורא געהאַט פֿאַר די בונטן פֿונעם „נידעריקן האַמוין", און אין יענעם היסטאָרישן מאָמענט האָט זי ווייניקער געציטערט פֿאַר אָט דעם „נידעריקן האַמוין", אויב עס איז אויף אים אַרופֿגעלייגט דער יאָך פֿון פֿאַבריק־דיסציפּלין.

די דאָזיקע „אוקאַזן" האָבן אויך געהאַט אַ ציל צו פֿאַרטיידיקן דעם פֿאַרעך־פֿאַבריקאַנט פֿון קאָנקורענץ מצד דעם סוחר־פֿאַבריקאַנט. אינעם זעלבן יאָר

1762, וואָס איז „באַרימט“ פאַרן אדל אלס יאָר, ווען ער האָט פאַרפעסטיקט זײַן קלאַסן־הערשונג דורכן מאַניפעסט וועגן „פרײַהײַט פונעם אדל“ און אלס אָנדענק פונעם דאָזיקן מאַניפעסט איז אַפילע פאַרטראַכט געוואָרן אוועקצושטעלן א דענקמאָל פון ריינעם גאָלד פאַר פּיאָטער דעם דריטן, — אין יענעם יאָר איז סאַכאַקל עפעס מער ווי אין א כוידעש אַרום דערשינען א צווייטער „אוקאַז“, אויסערלעך א מער באַשיידענער, אָבער ליטן אינהאַלט זייער א באַדייטנדיקער: דאָס איז דער „אוקאַז“ פון 29־טן מאַרט 1762 יאָר, וואָס האָט אינגאַנצן פאַרבאָטן צוצוקויפן פויערים צו די פאַבריקן און זאַוואָדן און דערמיט געצוווּנגען די פאַבריקאַנטן־סאָכרים צו באַנוצן זיך אויסשליסלעך מיט פרײַגעדונגענער אַרבעט. יעקאַטערינע II, וואָס האָט איבערטרעטנדיק איבערן טויטן קערפער פון איר מאַן פּיאָטער III פאַרנומען דעם צאַרישן טראָן, האָט זיך צוגעאײַלט אין דעם זעלבן יאָר, דעם 8־טן אויגוסט, צו באַשטעטיקן דעם געזעץ פון 29־טן מאַרט. די פּרִיצישע רעגירונג האָט אָפן אַרויסגעלייגט אַפן טויגער די נייטיקײַט אײַנצוזאַפּן אין זיינע פאַבריקן אַלע רויִנירטע, אָרעמע בראָדיאַגעס, וואָס זײַנען אַדאַנק דעם פּראָצעס פון אָנפאַנגלעכער אָנזאַמלונג אָפגעריסן געוואָרן פון די פּראָדוציר־מיטלען, און די פּריצים האָט זי געגעבן די מעגלעכקײַט אויסצונוצן אף זייערע פּריצישע פאַבריקן די אַרבעט פון זייערע לײַבקנעכט.

דערמיט ז. ערט, פאַרשטענדלעך, דער שאַרפער קאַמף, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אין דער קאָמיסיע פון יאָר 1767 צווישן דעם אונטערנעמער־פּאָרעץ און דעם אונטערנעמער־סויכער. די סאָכרישע אָנזאָגן זײַנען געווען פול מיט העפטיקע ביטעס צו דערלויבן זיי צוצוקויפן צו די פאַבריקן לײַבקנעכט. די פאַבריקאַנטן־סאָכרים האָבן ניט ווייניק קויכעס געפּאַטערט, קעדיי צו דערווייזן „לאָגיש“ דעם געדאַנק, אַז די באַלעבאַטים אין דער אינדוסטריע דאַרפן זײַן בלויז די סאָכרים און די פּריצים דאַרפן זיך פאַרנעמען בלויז מיט לאַנדווירטשאַפט. די ליקבימסקער, טולער, אַלעקסינסקער סאָכרים, ווי אויך די אײַנוווינער פון די שטעט רוזי, זאַרײַסק, בוי און פון א ריי אַנדערע, האָבן אין איין קאָל געבעטן צו פאַרבאָטן די פּריצים האָבן פאַבריקן. דער דעפּוטאַט פון דער קאָמערץ־קאָלעגיע, מעזשעניקאָוו, איז אין זײַנע אַרויסטרעטונגען אין דער קאָמיסיע אף צוגרייטן די געזעץ־זאַמלונג דירעקט געקומען צום אויספיר, אַז „מע דאַרף ניט דערלויבן די פּריצים אײַנצואָרדענען פאַבריקן און זאַוואָדן“. דער דעלעגאַט פון די ריבנאָסלאָבאָדער סאָכרים, אַלעקסיי פּאָפּאָוו, האָט פאַרטיידיקט דעם געדאַנק, אַז פאַר די פּריצים איז „ניט אייגנטימלעך“ צו האַנדלען און צו עפענען פאַבריק־אײַנריכטונגען, און א צווייטער דעפּוטאַט האָט געבעטן צו „דערלויבן עפענען פאַבריקן בלויז סאָכרים“. קעגן די דאָזיקע פאָדערונגען האָט דער אדל מיט א הפשער מאָס פאַראַכטונג צו די סאָכרים, ווי צו מענטשן, וואָס שטייען „נידעריקער“ פון אים, אַרויסגערוקט זײַנע פּראָיעקטן, וואָס האָבן פאַרפאָלגט איין ציל — פאַרבאָטן די סאָכרים באַנוצן אין די פאַבריקן לײַבקנעכט, ווײַל דאָס איז בלויז די „נאַטירלעכע“ פּריווילעגיע פונעם „וווילגעבאָרענעם רוסישן אדל“. עס זײַנען געווען פאַלן, ווען די פּריצים־דעפּוטאַטן זײַנען געגאַנגען נאָך ווײַטער. לעמאָשל, דער פּריצישער דעפּוטאַט, קאָשין, האָט אַרויסגערוקט א פּראָיעקט ביכלאַל צו פאַרבאָטן די סאָכרים פאַרמאָגן פאַבריקן, ווײַל דאָס שטערט, קלוימערשט, זייער גרונט־אַרבעט — דעם

האנדל, דער „קאָמערציע“. די פאבריקן שטערן, קלוימערשט, די סאָכרים „צו פירן ריכטיק זייערע קאָמערציעלע געשעפטן“. דער אָנגעזעענסטער אידעאָלאָג פונעם גרויס-אדל, דער פירשט מיכאיל שטשערבאטאָוו, איז אפילע ארויסגעטראָטן אין דער קאָמיסיע פון יאָר 1767 מיט אן אייגנארטיקער טעאָריע, וואָס דערוויַיזט לאָגיש, אז מיט מאנופאקטורן דאַרף זיך באשעפטיקן אויסשליסלעך דער אדל. זיַין געדאנקענגאנג איז אזא: וואָס דאַרף מען האָבן, קעדיי די פאבריקן זאָלן קענען ארבעטן? — רויוואַרג. און פון וואַנען נעמט זיך רויוואַרג? — אָדער פון דער ערדס פּראָדוקטן אָדער „אין אירע טיפענישן געפינט זיך עס“ (אן איידעלער ווונק אף דער מעטאל-אינדוסטריע). וועמענס איז די ערד? דעם אדלס. און די פויערים — די ארבעטס-קראפט פון די פאבריקן און זאוואָדן — צו וועמען געהערן? — אויך צום אדל. ווער-זשע איז, אזוי-ארום, דער „געבאָרענער“ אייגנטימער פון פאבריק? — אוודע, דער פּאָרעץ. אף דער דאָזיקער אדעליקער לאָגיק איז אויך געבויט די שלוס-טעאָריע: „וויַיל דאָרט, ווו עס זיַינען פאראן פריצים, דאָרט זיַינען אויך פאראן זייערע אונטערטאנען, און ווו עס זיַינען פאראן פריצישע אונטערטאנען, דאָרט ווערט געפירט א לאנדווירטשאפט, מאנופאקטורן און בעמייִלע אויך רייכטום, און ווו עס איז פאראן רייכטום, דאָרט ווערן געבוירן וויסנשאפטן און קונסט“.

געזיגט האָט, פארשטייט זיך, דער אדל. די סאָכרים האָבן פארלאָרן דאָס רעכט צו באנוצן לייַבקנעכטישע ארבעט. דאָס דאָזיקע רעכט האָבן זיי צוריק באקומען ערשט אין אסאך יאָרן ארום (אין יאָר 1798) און בא גאנץ באזונדערע אומשטענדן. אָנהייבנדיק פון מיטן XVIII יאָרה. וואקסט באַדייַטנדיק די צאָל פריצישע מאנופאקטורן, און צווישן די פריצים-פאבריקאנטן באגעגענען זיך אלץ אָפטער די פאמיליעס פונעם גרויסן אדל-ייִכעס. אינעם באשטאנד פון די גרויס-פריצישע רעוואָכים גיסן זיך אלץ אָפטער אריַין טויזנטער און צענדליקער טויזנטער רובל, וואָס זיי באקומען פון די פאבריק-רעוואָכים.

אין דער צווייטער העלפט XVIII יאָרהונדערט איז די צאָל אונטערנעמונגען באַדייַטנדיק אויסגעוואקסן: ביזן געזעץ פון יאָר 1762 איז ארום-און-ארום געווען 984 גרויסע פאבריקן (אחוץ די בארג-זאוואָדן); און אין יאָר 1796 איז שוין געווען 3161. אין יאָר 1773, צום אָנהייב, אזוי צו זאָגן, פונעם פוגאטשאָוו-אופשטאנד, האָט דער ווערט פון דער אלגעמיינער פאבריק-פראָדוקציע באטראָפן 3548 טויזנט רובל. ביז גאָר אינטערעסאנט איז דער פראָצעס, וויאזוי די פאבריקן זיַינען אריבער פון די „סאָכרים“ צום אדל אין די הענט.

2. די פאָרמען פון לייַבאייגנטימערישער עקספּלואטאציע אין די פריצישע מאנופאקטורן

די פארפעסטיקונג פונעם אדל אף די אינדוסטריעל-אונטערנעמערישע פּאָזיציעס האָט, פארשטייט זיך, באַדייַטנדיק פארערגערט די אזוי אויך שווידערלעכע לאגע פון די ארבעטער אינעם לייַבאייגנטימערישן רוסלאנד. עס האָבן זיך פארשטארקט די פאָרמען פון לייַבאייגנטימערישער עקספּלואטאציע אין דער אינדוסטריע. עס האָט טריומפירט דער אויסערעקאָנאָמישער צוואנג.

די ניַיע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס האָט באדעקט דאָס לייַבאייגנטימערישע רוסלאנד, איז געוואָרן אלץ געדיכטער. הינטער טולע, קא-

לוגע, אין די אוראלער געדיכטע וועלדער, אין סיביר האָבן די ארבעטער די לײַבקנעכט
אַרויסבאַקומען מיט פּאָשעטע בארג-העקלעך שטיקער אײַזנארץ, זײ האָבן זיך אראָפּ-
געלאָזן אין די שאכטעס, האָבן געשמידט מעטאל אין די „שמיד-שטאלן", האָבן
געטריבן צעשמאָלצענעם מעטאל פון די „האנט-אויוונס; די מײַסטערס פון „דאָמנע-
און הארמאָטן-פּאַך, די „ביקסן-פּארקאָכער", די „שמידן פון ביקסן-שלעסערײַ",
האָבן זיך געײַלט אָפּצוטאָן וואָס גיכער זײער ארבעט. בלויז ווי-ניט-ווי איז דעם
ארבעטער דעם לײַבקנעכט אין דער מעטאל-פּראָדוקציע געקומען צוהילף דאָס וואסער און
די מיט „וואסער-ווירקנדיקע" אײַנריכטונגען. אָבער דער הויפּט-באַוועגער פון דער ארבעט
זײַנען געווען די ארבעטער-מוסקולן, וואָס זײַנען אָפּטמאָל קוים געווען צוגעדעקט
מיט שמאטעס. אין די פארוואָרפענע וועלדער, ארום די מעטאל-זאוואָדן, האָבן דאָ-און-
דאָרט די זעלבע לײַבאײגענע פּויערים-„קוילנבּרענער" געברענט קוילן, אויסהאקנדיק
צוליב דעם די שטאמען פון די אוראלטע בײמער, צונויפגעוואלגערט זײ אין א הויפן,
באַדעקט מיט דערנער און אונטערגעצונדן. די ארבעט פון ברענען קוילן האָבן
אף א לאנגע צײַט אָפּגעריסן דעם צוגעשריבענעם פּויער פון דער לאנדווירטשאַפט-
לעכער ארבעט, די לײַבאײגנטימערישע דאָזנעס האָבן געפּאָדערט קוילן, און „לעקציעס"
האָבן די קוילנבּרענער באַקומען אזעלכע גרויסע, אז מיט זײ פלעגן זיך קוים ספּראווען
עטלעכע מיטגלידער פון א פּויערישער פאמיליע מיטאמאָל. אין מאָסקווע, קאזאן, פּו-
טיוול און אין פיל אנדערע ערטער האָט די זעלבע פּראצע פונעם ארבעטער אין
דעם לײַבאײגנטימערישן רוסלאנד געבראכט אין באַוועגונג די געוואַנט-און לײַוונט-
מאנופאקטורן. די מוסקול-שטארקע הענט פון לײַבקנעכט און פּרײַגעדונגענע האָבן גע-
וואשן וואָל, פאנאנדערגעקליבן שמאטעס, געשפּינט פּאָדעם, פאנאנדערגעשטעלט ברײ-
טע וועבער-קאמען אין דער מאנופאקטור-געבײַדע, וואָס פלעגט זײַן זײער נידעריק,
שטיקנדיק און אזוי פינצטער, אז די וועבער האָבן „קוים דעם געוועב זײערן פינקט-
לעך געקענט אײַנזען". די פאר אונדז „אלטמאָדישע" און פאר זײ געוויינלעכע מי-
נים וואָל-שטאָפן — קאָלאמענקאָק, סטאמעד, קאראזײ — פלעגן לאנגזאם, ארשין נאָך
ארשין, אראָפּקריכן פון די האנט-וועבשטולן, און די זעלבע לײַבקנעכטישע הענט
פלעגן זײ דערנאָך צונויפוויקלען אין באַזונדערע שטיקער און אָפּטראָגן אין דער
„פּאַדקאמער" *. פון דאָרט פלעגט די סכוירע אוועקגײן אין די „האנדל-רײען" אָדער
אף קאזיאָנע באַשטעלונגען און פלעגט אָנשטאָפּן די פּריצישע אָדער סאָכרישע קע-
שענעס מיט גאָלד.

איבער דער דאָזיקער גאנצער לײַבאײגנטימערישער שקלאפערישער מי האָט גע-
הערשט דער לײַבאײגנטימערישער ווילקיר. דער פּאָרעץ אָדער דער סוחער-פאבריקאנט,
וואָס איז פּאקטיש דורך קײנעם ניט באַגרענעצט געוואָרן, האָט ווילקירלעך געשטעלט
די ארבעטער וועלכע באַדינגונגען ער אלײן האָט געוואָלט, און בלויז די מוירע פאר
ארבעטער-אומרוען האָט צײַטנווײַז געצווונגען די אײגנטימער צו גײן אף האנאָכעס,
דער ארבעט-טאָג פלעגט זיך ציען 12—14 שאָ, דער ארבעט-לוין איז געווען א ניש-
טיקער. אף דער לײַוונט-פאבריק, וואָס האָט געהערט צו די אָזעראָווס, פלעגט
א וועבער דארפן פאטערן 135 טעג אף אויסצוועבן א שטיק לײַוונט פון 50 ארשין
ערשטן סאָרט און פלעגט דערפאר באַקומען 7 רובל זילבער. אין יאראָסלאוולער גו-

* א פארקריפּלטער אויסדרוק פונעם וואָרט „פּאקקאמער".

בערניע פלעגט א זײַד-וועבער פארדינען 6 רובל א כוידעש, און א וועבערן — 2 רובל: די פרויען-ארבעט פלעגט באלוינט ווערן אסאך נידעריקער, ווי די מענער-ארבעט. וועגן קינדער-עקספּלואטאציע איז שוין גאָר איבעריק צו ריידן — זיי פלעגן זעלטן באקומען מער, ווי 4-5 קאָפּ. א טאָג און אָפּט פלעגט מען זיי איינגאנצן ניט צאָלן. דאָס 5—6-יאָריק קינד פונעם לײַבקנעכט, וואָס איז פארטריבן געוואָרן אין פאבריק ארײַן, האָט געדארפט ארבעטן בלויז פארן נ'שטיקן ברעקל עסנווארג. אויב דער זאוואָד- אָדער מאנופאקטור-ארבעטער האָט נאָך ניט איבערגעריסן די פארבינדונגען מיט דער ערד-ארבעט, פלעגט דער באלעבאָס זיך דערמיט באנוצן, קעדיי ביז גאָר צו פארקלענערן זײַן ארבעט-לוין. אזוי לעמאָשל: קוילנברענער, וואָס זײַנען געווען צוגעשריבן צו די אײַזן-זאוואָדן, פלעגן באקומען 10 קאָפּ. א טאָג ווען זיי פלעגן ארבעטן מיט א פערד (דאָס פערד איז געווען דעם פויערס און האָט זיך געפיטערט אף זײַן כעזשבן), און פאר ארבעט אָן א פערד — 5 קאָפּ. א טאָג. דער זאוואָד-„איספּראווניק" באשטעטיקט אין איינעם א דאָקומענט, אז דעם ארבעטער פאוועל גריגאָריעוויטשן האָט מען ארויסגעגעבן פאר דער ארבעט פון 1 מארט ביזן 15 יון בלויז 2 רובל 80 קאָפּ. — דאָס גאנצע איבעריקע געלט איז פארהאלטן געוואָרן „פאר כויוועס". אזעלכע אראָפּרעכענונגען האָבן בלויז געדינט אלס מיטל אראָפּצורײַסן באם ארבעטער נאָך א שטיקל פון זײַן נעבעכדיקן ארבעט-לוין פאר דעם פאבריקאנטס קעשענע. בא דער ארבעט פלעגט מען דעם ארבעטער געבן אף באָרג מעל, גרויפּן, האָבער פאר די פערד און שפּעטער פלעגט מען אזוי אראָפּרעכענען, אז דער ארבעט-לוין פלעגט באטרעפן גאָר א נישטיקע סומע. פארן קלענסטן „פארברעך" (פארשטייט זיך, פונעם באלעבאָס שטאנדפּונקט א „פארברעכן") פלעגט מען דעם ארבעטער פּײַניקן אף פארשיידענע אופנים, ווי ווײַט נאָר עס פלעגט דערגיין די שטופּע פונעם באלעבאָס סאדיסטישע פאנטאזיע.

ריטער, שטעקנס, געפלאָכטענע נאהייקעס, בייטשן, פארשיקונגען קיין סיביר, טורמעס — דאָס אלץ איז געווען אין רעשוס באם לייבייגנטימער-פאבריקאנט. פאר אנטלויפן פון פאבריק פלעגט מען דעם געכאפּטן שמידן אין קייטן און אפן האלדז אָנטאָן אײַזערנע הערנער, קעדיי דער געשמידטער זאָל ניט קענען אײַנשלאָפן. ניט נאָר דער אנטלאָפענער, נאָר אויך זײַנע קרויווים פלעגן האָבן אויסצושטיין אזעלכע פּײַניקונגען. אויב אָן ארבעטער האָט „געוואגט" אויפצוהייבן א האנט קעגן א זאוואָד-באאמטן, פלעגט מען באפוילן שטרענג צו באשטראָפן אים פאר אלע ארבעטער אין די אויגן מיט „לאָקשן" און אין מעשעך פון א האלב יאָר געבן אים עסן בלויז ברויט מיט וואסער. פאר שיקערן און פוסטעפּאכעוען פלעגט מען באשטראָפן מיט שטעקנס און ענלעכע מעג האלטן געשמידט אין אײַזן. ארבעטן פלעגט מען דארפן אפילו געשמידטערהייט. דער אייגנטימער פון די אוראלער זאוואָדן, זאָכאָוו, איז געווען „בארימט" מיט זײַן נוקעם זײַן זיך אָן די ארבעטער, ער פלעגט פּערזענלעך צעמיימעכן ארבעטער ביז טויט, ער פלעגט ארומגיין איבערן זאוואָד מיט פּיסטוילן און פאר ניט פאָלגן דערשיסן אפן אָרט. ווען די קאָמיסיע, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן אף אויסצופאָרשן זײַנע מעשים, האָט אָפּגעלאָזן דאָס וואסער פון דער זאוואָדישער סאזשלקע, האָט זי געפונען אפן דעק צענדליקער טויטע קערפּערס. ווען דער גענעראל סוכאָזאנעט פלעגט קומען אף זײַנע זאוואָדן באשטראָפן די ארבעטער, פלעגט ער זיי שיר אף טויט פארשמייסן. אז עס האָט פּאסירט אמאָל, אז ער איז געקומען צופאָרן און

באשטראָפט ניט מער ווי 40 ארבעטער, און די העכסטע שטראָף איז דערביי געווען ניט מער, ווי 400 שמיץ, האָבן זיך אלע געוווּנדערט, ווי „ווייך" דער גענעראל איז דאָס מאָל זיך באגאנגען.

די ארבעטער פלעגן וווינען אין פינצטערע און פייכטע הייזלעך און ערד-שטיבלעך — אין די פאבריק-געביידעס גופא, וואָס זיינען מער געווען ענלעך אף א טורמע, עס האָט ניט געקלעקט ניט קיין לופט און ניט קיין ליכט. נאָר אָפטער זיינען גאָר קיין באזונדערע וווין-געביידעס פאר ארבעטער אינגאנצן ניט געווען און די ארבעטער פלעגן שלאָפן אָנגעוואלגערט אין די ארבעט-געביידעס גופא, בא די ווערקשטולן. שוואַנגערע פרויען פלעגן ניט באקומען קיין אורלויב אפילע בעשאסן גיין צו קינד. ניט זעלטן פלעגן זיי גיין צו קינד דירעקט באם ווארשטאט. די ארכיטעקטור פון די פאבריק-געביידעס איז אינעם לייבייגנטימערישן רוסלאנד באשטאנען פון גראטעס אף די פענצטער, מאסיווע טויערן אף א שלאָס, מאָרעשכווירעדיקע געביידעס, וואָס האָבן אָפגעשפיגלט דעם שווערן שטייגער פראָדוקציע. לויטן איידעס-זאָגן פון איינער א קאָמיסיע, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן אף אויסצופאָרשן די ארבעט-באדינגונגען, זיינען אין XVIII יאָרה. די ארבעט-געביידעס פון די געוועב-פאבריקן געווען אזעלכע שלעכטע, אז ביים דער ארבעט פלעגט פון די שפארונעס אין סטעליע זיך שיטן זאמד און מיסט, שניי אָדער רעגן פלעגט דורך זיי ארייַנדרינגען אין דער געביידע. „עס איז א חרפּע צו זען, — האָט די קאָמיסיע געשריבן, — ווי א גרויסע צאָל מייסטערס און ארבעט-מענטשן זיינען אזוי אָפגעריסן, און גייען ארום אזוי שלעכט אָנגעטאָן, אז אייניקע האָבן קוים א גאנצן העמד אפן לייַב". אין די מאנופאקטור-געביידעס האָבן די „וועבער קוים אזויפיל ליכט, אז זיי זאָלן קענען דערזען זייער געוועב". די שפייז איז געווען ביז גאָר שלעכט. לעמאָשל, אף דעם גוטבאזיצער ביסקאָרנס פאבריק (קורסקער גוב.) פלעגט מען אינעם באָרשטש פאר 392 ארבעטער ארייַנלייגן סאכאקל א 10 פונט פלייש און דאָס — אָפטמאָל ניט קיין פרישע.

איצט, לאָמיר זיך פאָרשטעלן א פריצישן הויף פון סאָף XVIII יאָרה. ערגעץ אין מאָסקווער אָדער קאלוגער גובערניע, עטלעכע ווערסט ווייט פון דער לייבייגנטימערישער געוואנט אָדער אנדער מאנופאקטור. דאָס הויז שטייט אף א בערגל און הינטער די ווייסע זייַלן פליסט א זאָרגלאָז און פריציש לעבן. אין די ראכוועסדיקע צימערן פינקלען שפיגלען און געגילדטע ראמען, עס בלאנקט דער געוועקסלטער פארקעט, אויסגעלייגט מיט קונציקע שטערנדלעך, עס איז אויסגעשטעלט מעבל פון טייערן האָלץ, אף געבויגענע פיסלעך, באצויגן מיט זייד און אטלאס. וואָס רייכער דער פריץ איז, אלץ פראכטפולער איז זיין אויסשטאטונג, אלץ מער איז זיין שטייגער-לעבן געווען ענלעך צום שטייגער פון צארישן הויף, וואָס זיין אידעאל איז געווען דאָס פראנצויזישע הויף-לעבן פון „ליודוויק דעם XIV-ס עפּאָכע". לעבן הויז — א פראנצויזישער פארק מיט מעשונעדיק-אונטערגעשאָרענע ביימער, מיט סטאטועס פון אנטיקישע געטער און געטנס אויסגעשטעלטע אין גלייכע שורעס, מיט פאָנטאנען לויטן מוסטער פון די ווערסאלער. צום הויז פירט א ברייטע ארייַנפאָר-אלייע — avenue, פונדאנען זעט זיך דאָס הויז מיטן פארק אין דער גאנצער פראכט. ארום די פריצישע פאָטעלן, ארום איידעלן וועש, אויסגענייטע קאמזוילן, קלייניקייטן ציבעקעס, געפודערטע פארוקן, און, איבערהויפּט, ארום דעם פריצישן עסנווארג שמייַען הונדערטער הויף-דינער. צום מיטיק דערלאנגט מען צענדליקער מייכאָלים, טייערע

אויסלענדישע וויינען. די פאנטאזיע פון די פריצים און זייערע לאקייען מאטערט זיך צוטראכטן עפּעס וואָס נייס: מע דערלאַנגט טאָרטן, פון וועלכע עס שפּריצן וויין-פאָנטאַנען, קוכנס, פון וועלכע עס פליען ארויס לעבעדיקע טייבעלעך. באם גראף שערעמעטיעוו זיינען געווען בא 800 הויף-דינער. פארן גראף ראזומאָווסקי מיט זיינע הויף-לייט פלעגט מען יעדן טאָג שעכטן א גאנצן אָקס, צען באראנעס און הונדערט הינער. בא דעם זעלבן גראף האָבן געארבעט פיר פאבריקמאכערס און צווישן די הויף-דינער זיינען געווען דריי פרויען ספּעציעל אף וואשן דאָס זילבערנע געפעס. אין די ביכער, ווו עס איז געווען פארשריבן ארטיאָם וואָלינסקיס אשירעס, פארנעמט גאנצע 13 זייטן דאָס צעטל פון זיינע ווערטפולע שטיינער און 19 זייטלעך די גאָלדענע און זילבערנע כּפּיצים. דעם דאָזיקן לוקסוס האָט געשאפן גאָר אונטערגעהאלטן די פּראצע פון צענדליקער טויזנטער פּויערים, וואָס האָבן געארבעט אף די פּריצישע פעלדער און זאוואָדן. אף אָפּצוטאָן די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטן, אף ברענגען אין באוועגונג די מאנופאקטור-ווערקשטולן האָבן געקלעקט די מוסקולן פון די לייבקנעכט, אָבער אף צו באפרידיקן די פּריצישע קאפריזן האָבן אָפט נאָך געארבעט מאשינעס אויך. קעדיי פּאָטער ווערן פון די לייבקנעכטישע דינער אף די פּריצישע פּיירלעכקייטן, האָט מען געבויט א ספּעציעלע געביידע — אן „ערמיטאזש“*, — ווו א מאשין פלעגט אופהייבן און ארופדערלאנגען פונעם ערשטן שטאָק אפן צווייטן א גרייט-געדעקטן טיש.

ניט אלע פּריצים האָבן געקענט לעבן אזוי ברייט. פיל האָבן געלעבט באדייטנדיק ווייניקער רייך, אָבער די ברייטקייט פונעם צארישן הויף און פונעם גרעפנטום איז געווען דער אידעאל אויך פאר די ווייניקער רייכע אדל-שיכטן. אין XIX יאָרה. האָט די צעלייגונג פון דער לייבייגנטימערישער ווירטשאפט א ביסל א טרייכל געטאָן די יעסוידעס פונעם אדל-שטייגער, אָבער די כאראקטעריסטישע גרונט-שטריכן פונעם אדעליקן פוטט-און-פאס און פוילקייט, וואָס איז געווען געבויט אף עקספּלואטאציע פון לייבייגנטימערישער מי, זיינען געבליבן די זעלבע.

דער פּאָרעק-לייבייגנטימער, וואָס איז געזעסן אין זיין באגילדטן קאבינעט, האָט, מיסטאם, זיך געוווּנדערט, לייענענדיק אינעם געשעפט-פּירערס באריכט פון זיינע אייזן-זאוואָדן, וויפל עס באטרעפט דער יאָרלוין פון יעדן פּויער — אלס קוילן-ברענער, וואָס איז צוגעשריבן צו זיין זאוואָד:

פּראָדוקטן פאר איין קוילנברענער מיט זיין פאמיליע:

63 פּוד קאָרן אין קערנער, צו 45 קאָפּעקעס זילבער פאר א פּוד . .	28 ר.	35 קאָפּ.
האָבער פאר דעם קוילנברענערס 2 פערד	19 ר.	35 קאָפּ.
סאכאקל	47 ר.	70 קאָפּ.
דער יאָר-לוין פונעם קוילנברעגער	51 ר.	$72^1/_2$ קאָפּ.
קומט אים ארויס.	4 ר.	$2^1/_2$ קאָפּ.

די אויסרעכענונג איז געמאכט געוואָרן צוליב די אומרוען פון די זאוואָדישע קוילנברענער און אפילע דער אווטער פון די אויסרעכענונגען האָט געמוזט פלעגמאטיש באמערקן, אז 4 רובל מיט $2^1/_2$ קאָפּ. איז „ניט גענוג אף צו דעקן די

* ערמיטאזש — א פראנצויזיש וואָרט, וואָס באטיים „אָפּזונדערונג“.

איבעריקע, אויך נייטיקע באַדערפענישן, ווי אײַנקויפן זאַלץ, קליידער, ארבעט־געצײַג".

יאַמטשיוויס, יאגדן, בעלער — דאָס איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פונעם פריצישן לעבנשטייגער. איינמאָל האָט מען אף א יאַנטעוו אין גראַף שערעמע־טיעווס גוט — קוסקאָוואָ — אײַנגעלאַדן ביז 2 טויזנט מענטשן. דער טיש איז אויס־געשטעלט געווען מיט גאָלדענע און זילבערנע געפֿעס, די מוזיק האָט געדונערט און בײַס די פֿײַערווערקן האָט מען מיטאמאָל ארויסגעלאָזן עטלעכע טויזנט גרויסע ראַקעטעס; די אויסלענדער, וואָס זײַנען בײַגעווען אפן יאַנטעוו, זײַנען איבערראַשט געוואָרן, וויאַזוי א „פּריוואַטער מענטש" קאָן אויס רעכענען אזוי פֿיל פֿודן פּולווער צוליב א מינוט פֿאַרגעניגן. אין דער לייביינגנשאַפֿטלעכער עפּאָכע האָט דער אדל פֿון יאָר צו יאָר געהוליעט און געטאַנצט אף עטלעכע אָדער ווייניקער ברייטע פֿײַערלעכקײַטן און בעלער, און אפֿילו דער מיטעלער פּאָריץ האָט געהאַלטן פֿאַר אַן ערן־פֿראַגע אײַנצואָרדענען ווינטער איינעם אָדער צוויי בעלער אין זײַן הויפּט־הויז. אָבער באַטאָג, ווען די האַרן זײַנען געשלאָפֿן און די אויסגעמאַטערטע הויף־דינער האָבן געראַמט די באַל־זאַלן, געוואַשן די קרישטאָלענע בעכערס און גערייניקט די זילבערנע טעלער, פֿלעגט מען אמאָל קענען זען, ווי פֿאַרבײַ דעם צוים פֿון די פּריצישע פּאַרקן ציען זיך מאַכנעס אָפּגעריסענע און האַלב־הונגעריקע פּויערים, וואָס דער פּאָריץ האָט פֿאַרקויפֿט פֿאַר הונדערטער וויאָרסט ווײַט אלס „פֿאַרשקלאַפֿטע ארבעטער" צו אוועלכן־ניט־איז סויכער א פֿאַבריקאַנט, נעמנדיק צו 25 רובל א יאָר פֿאַר א נעפֿעש. אָט דער מין לייבייגנטימערישע עקספּלואַטאַציע פֿלעגט פּראַקטיקירט ווערן זייער אָפֿט, איבערהויפּט, סאָף XVIII יאָרה. — דער גוט־באַזיצער האָט אזויארום „באַשטאַט" דעם איבער־פֿלוס פֿון לייבייגנטימערישע ארבעט־הענט. אזעלכע לייבייגענע ארבעטער פֿלעגן בא די אונטערנעמער גאָרניט ניט באַקומען, אויסער „דערנערונג". דער ארבעט־לוין זייערער איז געגאַנגען דירעקט צום גוטבאַזיצער אין קעשענע. דער דעקאַבריסט יאַקושקין באַשרײַבט מיט די דאָזיקע ווערטער אזא מין איבערוואַנדערונג: „די שטוב איז איבערפֿולט מיט מענטשן, פֿולשטענדיק אָפּגעריסענע, אייניקע פֿאַר־מאָגן אפֿילע ניט קיין העמטשיקעס, קיין היטלען. 100 מענטשן זײַנען זיי געווען און זיי זײַנען געגאַנגען צום בראַנפֿן־זאַוואָד, וואָס געפֿינט זיך 150 וויאָרסט ווײַט פֿון זייער ווױנאָרט. דער גוטבאַזיצער, צו וועמען זיי האָבן געהערט, סינטאָן־דע־וואַראַנאָן, האָט זיי אָפּגעגעבן אף א גאַנצן ווינטער אין זאַוואָד און האָט דערפֿאַר באַקומען פּאָרויס א באַשטימטן געצאָלט".

די אַרבעטער אינעם פּוגאַטשאָוו-אופשטאַנד

1. אַרבעטער-אומרוען ערעוו דעם פּוגאַטשאָוו-אופשטאַנד

אין XVIII יאָרהונדערט זיינען אינעם לייבאייגנטימערישן רוסלאַנד אַרבעטער-אומרוען פאָרגעקומען אָן אופהער. דער אינטערעסאַנטסטער און בוילעטסטער מאָמענט אין די דאָזיקע אומרוען איז דער אָנטייל פון די אַרבעטער אינעם פּוגאַטשאָוו-אופשטאַנד, און דערויף וועלן מיר זיך אָפּשטעלן גענויער.

וואָס נעענטער עס איז געקומען צום פּוגאַטשאָוו-אופשטאַנד, זיינען אַלץ אָפטער געוואָרן די אומרוען צווישן אַלע קאַטעגאָריעס אַרבעטער. אין 1762 יאָר זיינען אין דער מאָסקווער געוואַנט-מאַנופאַקטור אויסגעבראָכן אומרוען צווישן די מייסטערס, אַרבעטער און „סאָלדאַטישע קינדער". אין די 60-ער יאָרן פון XVIII יאָרה. האָט אין דער שפּיץ פון דער באַוועגונג פון די צוגעשריבענע פּויערים צו דעמידאָווס זאַוואָדן זיך געשטעלט דער קאָזאַק פעדאָר קאַמענשטשיקאָוו, וואָס האָט געמאָלדן די פּויערים, אַז ער איז געשיקט פון יעקאַטערינע II צו באַטראַכטן פּויערשע אָנקלאָגעס. דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך — ערעוו דעם פּוגאַטשאָוו-אופשטאַנד באַווייזן זיך די אָנזאָגער זיינע — די „פאַלשנאָמענדיקע". קומענדיק אַף די זאַוואָדן, פלעגט קאַמענשטשיקאָוו צונויפקלייבן די פּויערים, אויספרעגן וועגן די באַליידיקונגען, וואָס זיי האָבן אויסגעשטאַנען פונעם פאַבריקאַנט, און פלעגט באַפוילן צו שמייסן יענע פּויערים, וואָס דינען אין צייט פון אומרוען אַלס „דעמידאָווס אויערן" און גייען אַרויס אַרבעטן דאַן, ווען די איבעריקע כאַוויירים שטרייקן. צוזאַמען מיט די פּויערים פלעגט קאַמענשטשיקאָוו גיין צו די קוואָרים פון די, וואָס זיינען דערהאַרגעט געוואָרן בייס די פּויערדיקע אופשטאַנדן. אין יאָר 1767 זיינען פאָרגעקומען אומרוען באַם סויכער פּאָכאָדיאַשין אין זאַוואָד. און אין יאָר 1769 זיינען אופגעשטאַנען באַ 9000 פּויערים, וואָס זיינען געווען צוגעשריבן צו די אָלאָנעצקער קאַזיאָנע זאַוואָדן. די אומרוען האָבן זיך געצויגן ביזן יאָר 1771. אין יאָר 1767, בייס עס זיינען צונויפגערופן געוואָרן די קאָמיסיעס אַף צונויפשטעלן די נייע „אולאָזשעניע", — נייע געזעצן, — האָבן זיך די אַרבעטער-אומרוען אויסערגעוויינלעך פאַרשטאַרקט — איינצושטילן זיי איז אויסגעקומען שיקן אַפילע דעלעגאַטן פון די קאָמיסיעס.

אָנוואַקסנדיקע נאָכאַנאַנד, האָבן די אַרבעטער-אומרוען אינעם לייבאייגנטימערישן רוסלאַנד זיך צונויפגעגאָסן מיט דער פּויערישער רעוואָליוציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1773, מיטן פּוגאַטשאָוו-אופשטאַנד. אינעם פּוגאַטשאָוו-אופשטאַנד האָבן די אַרבעטער געשפּילט זייער אַ באַדייטנדיקע ראָליע. דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע מאַסן-באַוועגונג, ווו דער אָנטייל פון די אַרבעטער האָט זיך דייטלעך אָנגעוויזן. די אַרבעטער זיינען אַריינגעטראָטן אין דער באַוועגונג ניט אינעם ערשטן עטאַפּ אירן. דעם אָנהייב פון דער באַוועגונג האָט געמאַכט דאָס יאַיצקער קאַזאַקנטום. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ כוואַליע, וואָס האָט פאַרכאַפּט די „פרעמדגעבירטיקע" און פּויערישע מאַסן, און ערעוו דעם העכסטן אופשטייג אירן האָט זי זיך באַגעגנט מיט דער אַנטקעגנ-

דיקער באוועגונג-כוואליע פון די לײַבייגענע ארבעטער, האָט זיך מיט איר צונױפגעגאָסן און האָט דערגרייכט צו איר אפּאָגיי.

די פילצאָליקע און לאנגדויערנדיקע אומרוען פון די פריערדיקע יאָרצענדליקער האָבן געגעבן א גלענצנדע רעוואָליוציאָנערע צוגרייטונג דעם אופגעשטאנענעם ארבעטערשן אוראל. פון שמעלץ-אויוון, פון שאכטע צו שאכטע האָט זיך איבערן גאנצן ארבעטערשן אוראל דורכגעטראָגן די יעדיע וועגן פוגאטשאָוון, זי האָט אָרגאניזירט און געגעבן א ריכטונג דער טעטיקייט. נאָך איידער פוגאטשאָוו האָט זיך באוויזן, זײַנען אופגעשטאנען דעמידאָווס און טווערדישאָווס גרעסטע אוראל-זאוואָדן. העכער 50 זאוואָדן זײַנען אופגעשטאנען פאר דער צײַט פון אָקטיאבער 1773 ביז מיי 1774. עס איז גענוג געווען, אז אף די זאוואָדן זאָל זיך באווײַזן פוגאטשאָווס אן אגיטאטער אָדער אפילע פּאָשעט פוגאטשאָווס א פּראָקלאמאציע — און די באוועגונג פלעגט שוין, אזוי צו זאָגן, פון זיך אליין זיך אָרגאניזירן, אָן גרויסע אָנשטרענגונגען. אָט איז א כאראקטעריסטיש בילד. א קאָנטאָר פון א לײַבייגנטימערישן זאוואָד, ארום דער קאָנטאָר האָט זיך צונױפגעזאמלט א גרויסער האמוין לײַבייגענע ארבעטער צו באקומען דעם ארבעט-לוין, צווישן דעם האמוין באווײַזט זיך דער פויער מאטווייעוו, וואָס איז נאָרוואָס געפאָרן אין די דערבײַיקע דערפער און האָט פון דאָרט געבראכט פוגאטשאָווס פּראָקלאמאציע — דעם „מאניפעסט פון פּיאָטער III“.

— הערט דעם „אוקאז“ פון דריטן אימפּעראטער!

די ארבעטער רינגלען ענג ארום דעם פּאָרלייענער. געענדיקט לייענען, פרעגט דער פּאָרלייענער: צי ווילן די ארבעטער דינען פוגאטשאָוון? און טייקעף הערט זיך אן איינהײַטלעכער אויסגעשריי:

— גרייט צו דינען מיט לײַב און לעבן!

שוין פון דעם מאָמענט אָן באווײַזן זיך סימאָנים פון אָרגאניזירטער טעטיקײַט. אינעם גאנג פון די געשעענישן ווערט מאטווייעוו ארויסגערוקט אלס עלטסטער און אָנפירער. די ארבעטער, וואָס האָבן מאסקים געווען צו דינען פוגאטשאָוון, גייען אריבער אין אָנגריף — מאטווייעוו באפוילט כאפּן די פאָ שטייער פון די „באלעבאטים“ אפן זאוואָד — דעם זאוואָדישן אָנגעשטעלטן און קאָנטאָר-שרײַבער. מע ארעסטירט זיי, מע שמידט זיי אין קייטן און מע זעצט זיי אײַן אונטער א „וואך“. לויט מאטווייעווס באפעל שטעלט מען אָפּ די ארבעט אפן זאוואָד. א טייל ארבעטער גיסט זיך ארײַן אין פוגאטשאָווס ארמיי. ווײַטער וועלן מיר זען, אז ניט שטענדיק שטעלט מען אָפּ די זאוואָדן. צומאָל נוצט פוגאטשאָוו אויס די זאוואָדן אלס טעכנישע באזע פאר דער באוועגונג: מע שטעלט אים צו פון די זאוואָדן געווער, הארמאטן, מאָרטירעס, גראנאטן. מיר וועלן אָבער דאָ אפן אָרט אונטערשטרײַכן, אז ס'איז ניט ריכטיק צו מיינען, אז דער פוגאטשאָוו-אופשטאנד האָט קלוימערשט פארהיט אלע זאוואָדן, וואָס די אופשטענדלער פלעגן פארכאפּן. דאָס איז ניט ריכטיק — א גרויסע צאָל זאוואָדן האָבן די פוגאטשאָווער רויִנירט און בלויז אייניקע זײַנען אײַנגעהיט געוואָרן, קעדיי צו פּראָדוצירן געווער.

דעם וווקס פון פוגאטשאָווס ארמיי אפן כעזשבן פון ארבעטער שילדערט אויך א צווייט בילד, וואָס איז באשריבן אין די באוויזן, וואָס עס האָט געגעבן אף דער אויספאָרשונג א געכאפּטער ארבעטער־פוגאטשאָוועץ, אלעקסיי פּאָטאָראָ־

טשינאָוו. אף דער „געהיימער קאָמיסיע“, וואָס האָט געפירט דעם פארהער, האָט ער דערציילט, אז אין נאָיאבער 1773 האָט ער באקומען פון סלאָבאָדסקער מאגיסטראט א „פאשפאָרט“ (אן אינטערעסאנטע דעטאל — דער ארבעטער איז געווען ניט קיין לייביינעגער פויער, נאָר א שטאָטישער) און איז אָנגעקומען ארבעטן אפן קאסאטורער אייזן־זאוואָד, וואָס האָט געהערט צום טורכער לוגינין. אין דעקאבער יענעם יאָר איז אפן זאוואָד געקומען צופאָרן איינער פון די פוגאטשאָווישע אָנפירער, דער אטאמאן איוואן סטעפאנאָוו (די „געהיימע קאָמיסיע“ האָט פארשריבן אינעם פראָטאָקאָל: „דער זלאָדייִשער אטאמאן סטעפאנאָוו“), מיט 50 מענטשן קאזאקן־פוגאטשאָווצעס. אין נאָמען פונעם „קעניג פיאָטער פעאָדאָראָוויטש“ האָט מען איבערגעלייענט און געגעבן צו פארשטיין דעם „מאניפעסט“ — פוגאטשאָווס פראָקלאמאציע. איוואן סטעפאנאָוו „האָט זיי דערביי צוגעזאָגט, אז ווען דער קייסער וועט געקרוינט ווערן, וועט מען געבן א להאָטע בא די רעקרוטן־נאבאָרן און בא אלע שטייערן“. מע האָט געגלויבט סיי דעם אטאמאן, סיי דעם מאניפעסט. דער אטאמאן האָט געזאָגט, אז נאָך אים פאָרט נאָך דער פוגאטשאָווישער פאָלקאָווניק גריאזנאָוו („זלאָדייִשער פאָלקאָווניק גריאזנאָוו“), וואָס האָט פאראָרדנט, אז צו זיין קומען זאָל מען אויסשטעלן פון די ארבעטער „הונדערט מענטשן קאזאקן, באוואָפנטע, און מיט פערד“. דער אגיטאטער איז אוועקגעפאָרן, די הונדערט מענטשן, וואָס ער האָט געפאָדערט, האָט מען טייקעף אויסגעטיילט, באוואָפנט זיי און „אין א טאָג פיר ארום“, ווען גריאזנאָוו איז געקומען אפן זאוואָד, האָט מען זיי פאר אים „פאָרגעשטעלט“. כאראקטעריסטיש איז די שנעלקייט גופא, מיט וועלכער די פאראָרדענונגען פלעגן אויסגעפילט ווערן. און דאָס, וואָס שוין באם איבערלייענען די ערשטע פראָקלאמאציע, פלעגן די ארבעטער איינהייטלעך מאסקים זיין אפן אופשטאנד. די באוועגונג איז ניט ארויסגערופן געוואָרן דורכן פוגאטשאָוו־אופשטאנד, זי איז געווען צוגעגרייט און האָט עקזיסטירט נאָך פון פריער, און ווען דער פוגאטשאָוו־אופשטאנד האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זי זיך מיט אים צונויפגעגאָסן.

2. די ראָליע פון די ארבעטער אין דער פוגאטשאָוו־באוועגונג

ווי ווייט די לייבייגענע מאסן זיינען געווען גרייט צום אופשטאנד, באווייזט, לעמאָשל, דער ערשטער עטאפ אין דער טעטיקייט פונעם אוראלער ארבעטער, איוואן נאומאָוויטש בעלאָבאָראָדאָוו, — איינער פון די פירער פונעם פוגאטשאָוו־אופשטאנד. דאָס איז אויך כאראקטעריסטיש פאר דעם פאקט, ווי ווייט שנעל דער ארבעטערשער אוראל האָט אויסגעטיילט פון זיך פירער און אָרגאניזאטערס פאר דער באוועגונג.

בעלאָבאָראָדאָוו איז געווען אן עכטער „איינגעבאָרענער“ לייבייגענער ארבעטער. זיין פאָטער איז געווען א לייבייגענער ארבעטער, א צוגעשריבענער פויער פונעם אָסאָקינסקער קופערשמעלץ־זאוואָד פון דאָרף מעדיאנקי, קונגורסקער אויעזד. אף אים איז געפאלן דער גורל צו גיין פון דאָרף אלס סאָלדאט אין דער צארישער ארמיי. ער איז אריינגעפאלן אין אן ארטילערישן טייל און פון דאָרט האָט מען אים געשיקט קיין פעטערבורג ארבעטן אפן פולווער־זאוואָד. פאר דער דאָזיקער ארבעט האָט ער באקומען א „געהאלט“ פון 4 רובל 20 קאָפ.

א יאָר. ער האָט זיך אויסגעלערנט שיסן און אויסאַרבעטן פּולווער און דאָס איז אים צוניץ געקומען בייסן אופשטאַנד. בעלאָבאָראָדאָוו וויל פּאָטער ווערן פון דער שווערער קאַטאָרזשנער אַרבעט אפן זאַוואָד, ער מאַכט זיך פאַר א הינקעדיקן. מע שיקט אים אָפּ אין לאַזאַרעט; שפּעטער באַפרייט מען אים און ער קערט זיך אום אַהיים און האַנדלט א געוויסע צייט מיט וואַקס און האָניק.

דעם 1-טן יאַנוואַר 1774 זײַנען אין דאָרף, וווּ בעלאָבאָראָדאָוו האָט געוווינט, געקומען צופאָרן פּוגאַטשאָווישע אַגיטאַטאָרן און גענומען „צוציען דאָס פאָלק אף דער זײַט פונעם קייסער פּיאָטער פעאָדאָראָוויטש”. בעלאָבאָראָדאָוו האָט זיך גלײַך געשטעלט אף דער זײַט פון די אופשטענדלער און איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר א סאָטניק. ער פאָרט אַרום פון זאַוואָד צו זאַוואָד און ציט אַרײַן אין זײַן מאַכנע אַלץ א גרעסערע צאָל אופגעשטאַנענע זאַוואָדישע פּויערים. לויט ווי ער אַליין האָט דערציילט אפן פאַרהער אין דער געהיימער קאָמיסיע, האָט ער, בעלאָבאָראָדאָוו, לעבן יעקאַטערינענבורג, לעבן אָשל, „גייענדיק דורך פאַרשיידענע פעסטונגען און זאַוואָדן, וואָס האָבן זיך אים פרײַוויליק אונטערגעגעבן, אָנגענומען פאַר קאָזאַקן ביז זעקס הונדערט מענטשן, פינף האַרמאַטן און א פּוד פינף פּולווער... ניט דערגייענדיק א וויאָרסט פערציק ביז יעקאַטערינענבורג, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אפן שײַטאַנסקער שירײַעווס זאַוואָד און פון דאָרט געשיקט זײַנע א מאַכנע פון 30 מענטשן אפן אוטקינסקער קאַזיאָנעם זאַוואָד מיטן מאַניפעסט, קעדיי צריבערציען (אף זײַן זײַט)... דער אונטער-שיכטמײַסטער פון יענעם זאַוואָד, פּאַוועל זשורבינסקי, איז געקומען צופאָרן צו אים, בעלאָבאָראָדאָוון, און געבראַכט טויזנט מיט פינף הונדערט רובל קאַזיאָנע געלט אף צו דערנערן זײַן מאַכנע”... אָט זײַנען אייניקע שטריכן, גענומענע פון דאָקומענטן, וואָס שילדערן בעלאָבאָראָדאָווס טעטיקייט.

בעלאָבאָראָדאָווס באַווײַזן אפן פאַרהער זײַנען פול מיט ידיעות וועגן אַזעלכע פאַקטן: ער פירט אָן מיט די שלאַכטן קעגן רעגירונג-מיליטער, ער רעכנט זיך אָפּ מיט די געפאַנגענע סאָנים. די, וואָס גיסן זיך אַרײַן אין די רייען פון זײַנע אָנהענגער, הייסט ער שווערן טרײַהײַט צו „פּיאָטער דעם III”, ער „באַטיילט זיי מיט פרײַהײַטן”, „שענקט זיי דעם טיטל קאָזאַקן”, און באַפוילט, מע זאָל שערן די האָר „ווי די קאָזאַקן”. אינטערעסאַנט, אַז דאָס אַלץ האָט בעלאָבאָראָדאָוו געטאָן, ווען ער איז נאָך ניט געשטאַנען אין א דירעקטער פאַרבינדונג מיט פּוגאַטשאָוון און מיט זײַן שטאַב און ניט געהאַט פון אים קיין אומיטלבאַרע דירעקטיוון. ער שיקט זײַנע מענטשן צו פּוגאַטשאָוון זיך דערוויסן, „צי איז ער ווירקלעך א קייסער”, די שעלוכים ברענגען א פּאָזיטיוון ענטפער און פּוגאַטשאָווס אָן „אוקאַז” „וועגן באַטיילן אים, בעלאָבאָראָדאָוון, מיטן טיטל אַטאַמאַן”. געזען פּוגאַטשאָוון האָט ער ערשט אין מאַגניטאָגאָרסקער פעסטונג. שוין נאָכדעם, ווי ער (בעלאָבאָראָדאָוו) האָט געהאַט פאַרכאַפּט א גאַנצע ריי פעסטונגען און פיל הונדערטער מענטשן זײַנען צו אים צוגעשטאַנען, האָט ער אין די פאַראַנטוואָרטלעכע מאָמענטן פונעם אופשטאַנד, לעמאָשל, הינטער קאַזאַן, אָנגעהויבן צוזאַמען מיט אים אָנפירן די באַוועגונג.

פיל זאַוואָדן פלעגט מען נאָכן פאַרכאַפּן פאַרברענען אף אַש און רוינירן. אָבער א ריי אַנדערע זאַוואָדן פלעגן פאַרהיט און אויסגענוצט ווערן, אַלס טעכנישע באַזע פון געווער-באַזאָרגונג. בעלאָבאָראָדאָוו פלעגט אײַנהיטן די פּראָדוקציע פון די נייטיקע זאַוואָדן און לויט פּוגאַטשאָווס פאָדערונג פלעגט ער אים אַרויסשיקן נײַע פאַרטיעס

פולווער, הארמאטן, גראנאטן. ער האָט אויסגעפילט די וויכטיקסטע אָרגאניזאציאָנעלע אופגאבן: שטרענג אכטונג געגעבן אף דער דיסציפלין צווישן מיליטער, ווערבירט נײַע מענטשן פאר פוגאטשאָווס אָטריאדן, אָרגאניזירט זאמלונגען פון פראָדוקטן.

א צווייטער ארבעטער-פירער פונעם פוגאטשאָוו-אופשטאנד איז געווען דער באַרימטער כלאָפושע, אייך אַן אוראלער לײַבייגענער ארבעטער. ביז דעם פוגאטשאָוו-אופשטאנד איז כלאָפושע עטלעכע מאָל אנטלאָפן פון די זאוואָדן. ער האָט זיך ניט געוואָלט אונטערווארפן דעם זאוואָדישן קאטערזשנעם יאָך. מע האָט אים געכאפט, געפייניקט, פארשיקט אף קאטערגע. ער איז אנטלאָפן פון קאטערגע און ווען מע האָט אים געכאפט, האָט מען אים דערפאר אויסגעריסן די נאָזלעכער. כלאָפושען איז געלונגען אריבערצולויפן אין פוגאטשאָווס לאגער נאָך אינעם ערשטן פעריאָד פונעם אופשטאנד, ווען פוגאטשאָוו איז געשטאנען הינטער אָריענבורג — און געלונגען איז עס אים בא ניט גאָר געוויינלעכע אומשטענדן. דער אָריענבורגער גובערנאטער האָט זיך געווענדעט צו די קאטאָרזשאנעס און פארשיקטע, צי וויל עפשער עמעצער שטילערהייט אריבערקלײַבן זיך צו פוגאטשאָוון און דערהארגענען אים. ער האָט צוגעזאָגט דערפאר מויכל זײַן אלע זינד און אָפלאָזן אף דער פרײַ. כלאָפושע האָט זיך באנוצט מיט דער געלעגנהייט, קעדיי אריבערפעקלען זיך אין פוגאטשאָווס לאגער, דאָרט איז ער שוין פארבליבן ביזן סאָף אופשטאנד און צוזאמען מיט פוגאטשאָוון אָנגעפירט מיטן אופשטאנד.

כלאָפושע האָט, פונקט ווי בעלאָבאָראָדאָוו, אויך ארויסגעוויזן זיך אלס טאלאנטפולער אָרגאניזאטער פון די ארבעטער. אין מעשעך פון זײַן פריערדיקן לעבן אין פילמאָליקן אנטלויפן פון די זאוואָדן האָט ער זייער גוט זיך באקענט מיט אוראל און איז געווען באוווסט צווישן די ארבעטער נאָך פאר דעם פוגאטשאָוו-אופשטאנד. איינע פון די ערשטע ארבעטן כלאָפושעס איז געווען — אָרגאניזירן די פראָדוקציע פון געווער פאר די אופגעשטאנענע ארבעטער פון אווזיאנאָ-פעטראָווסקער זאוואָד. כלאָפושע האָט אויך אָנגעפירט מיטן אויסגיסן הארמאטן, מאָרטירעס, מיט דער פראָדוקציע פון פולווער און גראנאטן אף אנדערע זאוואָדן.

פוגאטשאָווס סעקרעטאר, איוואן פאָטשיטאלין, האָט דערציילט אף דער אויספאָרשונג: „כלאָפושע האָט צוגעצויגן א זײַן זײַט פיל זאוואָדן און איז פון דאָרט געקומען מיט פיל זאוואָדישע פויערים, ער האָט געבראכט פיל הארמאטן, פולווער, געלט". כלאָפושע האָט געהאט אין פוגאטשאָווס מיליטער א געהעריקן „טיטל" — ער האָט זיך גערופן „פאָלקאָווניק איבער די זאוואָדישע פויערים".

אין די פוגאטשאָווישע פראָקלאמאציעס, וואָס זיינען צו אונדז דערגאנגען, — האגאם זיי שפיגלען, אין אלגעמיין, ניט אָפ פולשטענדיק די אידעאָלאָגיע פונעם פוגאטשאָוו-אופשטאנד, — זיינען די ארבעטער-פאָדערונגען כיט קיין זאך ניט אָפגעזונדערט, — אין פיל הינזיכטן פאלן זיי צונויף מיט די פויערישע פאָדערונגען און גייען צוגלײַך מיט זיי. דאָס איז גאנץ נאטירלעך פארן געגעבענעם עטאפ, ווען מע קען נאָך ניט ריידן וועגן קיין עכטער ארבעטערשער קלאסן-אידעאָלאָגיע. דאָך געפינען מיר אין די פוגאטשאָווישע מאניפעסטן אייניצלנע דערמאָנונגען וועגן דער לאגע פון די ארבעטער. אינעם אויבן דערמאָנטן אטאמאן גריאזנאָווס מאניפעסט, וואָס איז געווען געווענדעט צו די ארבעטער, ווערן צונויפגעפאָרט, צונויפגעגאָסן אין איין גאנצעס, סײַ די פויערישע און סיי די ארבעטערשע כאראקטער-שטריכן.

„איך זאָג אייך, דער גאנצער וועלט איז באוווסט, צו וואָס פאַר א ליידן רוסלאנד איז דעריבראכט געוואָרן. אָבער דורך וועמען? אייך אליין איז דאָס ניט אומבאוווסט. דער אדל געוועלטיקט איבערן פויערטום און כאָטש אין גאָטס געזעץ שטייט געשריבן, אז זיי זאָלן די פויערים האלטן, ווי קינדער, האלטן זיי זיי ניט בלויז ניט ווי קיין ארבעטער, נאָר ערגער, (ווי) די הינט זייערע, וואָס פלעגן גיין מיט זיי צו דער יאגד אף האָזן. די קאָמפאניע-לייט האָבן געעפנט זייער א גרויסע צאָל זאוואָדן און באלאסטיקן די פויערים מיט אזויפיל ארבעט, אז אפילע אין די פארשיקונגען איז אזוינס ניט געוועזן און איז ניטאָ" (אונטערגעשטראָכן פון מיר — ס. נ.). מיר זעען, אז דער פראָטעסט קעגן דעם אדלמאן און קעגן דעם פאבריקאנט — דעם „קאָמפּאַניע-מאן" איז צונויפגעגאָסן אין איינעם, און אז די לייבייגענע זאוואָד-ארבעטער ווערן אָנגערופן פויערים, וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר דער עפּאָכע.

א נעם צווייטן פעריאָד פון אופשטאנד, נאָך אָריענבורג, זיינען די ארבעטער געוועזן איינע פון די באדייטנדיקסטע קרעפטן אינעם פוגאטשאָוו-אופשטאנד. די בארג-זאוואָדן האָבן געדינט ווי באהעלטענישן פאר פוגאטשאָווס שטאב. די פּראָדוקציע פון די אוראלער זאוואָדן האָט אין א באדייטנדיקער מאָס געזיכערט דעם דערפאָלג פון א גאנצער ריי שפּעטערדיקע דערפאָלגרייכע טועכצן פון דער פוגאטשאָוו-באוועגונג. די רעגירונג וואָלט זיך לייכט געקאָנט אן אייצע געבן מיט די פוגאטשאָווצעס, ווען ניט די גלענצנדיקע ארטילעריע זייערע, וואָס פון אירע פינקטלעכע אָפּעראציעס זיינען „אנציקט" געוואָרן אפילע די אויסלענדישע ספּעציאליסטן אינעם רעגירונג-מיליטער. הינטער קאזאן, ווו בעלאָבאָראָדאָוו און פוגאטשאָוו אליין האָבן אָנגעצילט די הארמאטן, האָבן זיי געשאָסן קימאט אָן איין דורכפאל. דער גרונט-קערן פון די ארטילעריסטן איז, פארשטייט מען, ווערבירט געוואָרן פון צווישן ארבעטער. עס איז ריכטיק געוואָרן באמערקט, אז דער, וואָס קען מאכן הארמאטן, קען אויך שיסן פון זיי. און הארמאטן האָט פוגאטשאָווס מיליטער געהאט גאנץ היפש: הינטער קאזאן האָבן די פוגאטשאָווצעס געהאט 30 הארמאטן, הינטער בערדע — העכער 100.

אינעם קערן פוגאטשאָווצעס-ארבעטער איז אונטערגעהאלטן געוואָרן א שטרענגע דיסציפּלין, עס איז געוועזן א פאנאנדערגעארבעטע אינערלעכע אָרגאניזאציע. די אופגעשטאנענע זאוואָדן האָבן זיך אויסגעקליבן באזונדערע פארוואלטונגען — בעראָש פון אזא פארוואלטונג האָט, לויט בעלאָבאָראָדאָווס אינסטרוקציע, געדארפט שטיין א מענטש, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן „לויט אלעמענס האסקאָמע", „א זיכערער און א דרייסטער" און „אין נייטיקע פאלן ניט קיין פּאכדן, ווייל די ארמיי ווערט שטענדיק דורך דער פאראָרדענונג פון א דרייסטן מענטשן געמוטיקט קעגן דעם סוינע". די זאוואָדישע פארוואלטונגען האָבן זיך געזאָרגט וועגן פּראָדוקטן און געווער, זיי האָבן געהאלטן די פארבינדונג מיטן שטאב, האָבן אָנגעפירט מיט די מיליטערישע לימודים. דער אקטיווסטער טייל אופגעשטאנענע ארבעטער זיינען געוועזן דאפקע די „מייסטערס", וואָס זיינען א לאנגע צייט געוועזן פארבונדן מיטן זאוואָד, האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער ערד-ארבעט און האָבן מערסטנטייל געהערט צום קערן פונעם „דורעסדיקן לייבייגענעם פּראָלעטאריאט". די דיסציפּלין איז געוועזן א שטרענגע: לויטן באשלוס פון די ארבעטער האָט דער שעף, וואָס זיי האָבן אויסגעוויילט, געדארפט „צו קיין אייגנוויליקייט און אזעלכע מעשים ניט דערלאָזן,

אין די, וואָס פאָלגן ניט, באַשטראָפן מיט שמיץ אָן שום ראַכמאָנעס". ווען די אופ-געשטאַנענע אַרבעטער פון וואָזשדעסטווענער זאַוואָד האָבן געוואָרפן אַ כשאַד אַף די קאַזיאָנע אַרבעטער פון וואָטקינסקער זאַוואָד, אַז יענע וואַקלען זיך און פאַראַטן דעם אופשטאַנד, האָבן זיי געוואָרנט די וואָטקינער, אַז אין פאַל פון אַ פאַראַט וועלן זיי „אָנגרייפן אַף זיי מיט דער גאַנצער אַרטילעריע און וועלן זיך מיט זיי באַגיין, ווי מיט עכטע גזילנים און ארויסראַבירער".

מע קען אָבער ניט ריידן וועגן אַ באַזונדער, בוילעטער אידעאָלאָגיע פון דער אַרבעטער-גרופע אין דער פּוגאַטשאָוו-באַוועגונג. נאָך ווייניקער קען מען ריידן וועגן דעם, אַז שוין אינעם פּוגאַטשאָוו-אופשטאַנד האָט זיך דער אַרבעטער-קלאַס, קלוימערשט, אָנגעמערקט, אַלס העגעמאָן און אָנפירער פון דער פּויערים-באַוועגונג. קיין שום העגעמאָניע איז דאָן ניט געווען. מע קען בלויז אָנטאַפּן די אייגנאַרטיקע ליניע פון דער אַרבעטער-טאַקטיק, וואָס האָט זיך דאָן עטוואָס אָנגעמערקט. דאָס איז די ליניע פון אויסנוצן ווי ווייט מעגלעך די זאַוואָדן: פאַרהיטן זיי צוליב די אופשטאַנד-צילן. קעגן דער דאָזיקער טאַקטיק האָט געקעמפט די „פּרעמדגעבירטיקע" טאַקטיק, איבערהויפּט, די באַשקירער, וואָס האָבן געשטרעבט ניט איבערלאָזן קיין זייכער פון די זאַוואָדן: די זאַוואָדן זיינען אויסגעבויט געוואָרן אַף אַזאַ ערד, וואָס האָט פון אייביק אָן געהערט צו די באַשקירן, נאָר מע האָט עס בא זיי אָפּגענומען; דער קאַמף פון די באַשקירן קעגן די זאַוואָדן ביים דעם פּוגאַטשאָוו-אופשטאַנד איז געווען אַ פאָרם פון קאַמף פאַר ערד.

די אַרבעטער האָבן אויך אָנטיילגענומען אין פּוגאַטשאָווס מיליטער-קאָלעגיע. עס האָבן פּאַסירט פאַלן, ווען אַרבעטער פלעגן אָנשרייבן אַ מאַניפעסט בעסער, ווי די ספּעציעלע קענער — פּוגאַטשאָווס סעקרעטאַרן. דער אַרבעטער פּעטראָוו האָט אָנגעשריבן אַ מאַניפעסט געלונגענער, ווי דער סעקרעטאַר פון דער „מיליטער-קאָלעגיע". און פּוגאַטשאָוו האָט איינגעפונען, אַז עס איז „גוט אָנגעשריבן".

אין דער ליטעראַטור זיינען פאַרצייכנט פאַלן, ווען אַרבעטער, פון דער סעקטע „ראַסקאָלניקעס", אַפּאָנעם, האָבן ביים דעם פּוגאַטשאָוו-אופשטאַנד פאַרניכטעט קירכעס און איקאָנעס. די אַרבעטער-ראַסקאָלניקעס האָבן אפילע צוגעטראַכט נייע פאָרבעך פון טויפן קינדער. די מוטער האָט געדאַרפט ברענגען איר ניי-געבוירן קינד צום פּוגאַטשאָווישן פאָלקאָווניק און יענער האָט באַם קינד געפרעגט:

— דו שפּייסט אַפן פאָרעך און אַלע זיינע געשעפטן?

די מוטער האָט פאַר אים געדאַרפט ענטפערן:

— כ'שפּיי.

— וועסט שלאָגן די פּריצים?

— כ'וועל שלאָגן.

— גיב אַ קוש די שווערד און דעם פּיסטויל.

די בעסטיאַלישע רעגירונג, וואָס איז מיט גרויס מי קוים בייגעקומען דעם אופשטאַנד, האָט ברוטאַל זיך אָפּגערעכנט מיט די פירער זיינע, איבערהויפּט, מיט די אַרבעטער-פירער, דערין אויך מיט בעלאָבאָראָדאָוון און מיט כלאָפּושען. ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז די רעגירונג פון דער קייסערין יעקאַטערינע II האָט זייער מוירע געהאַט דאַפקע פאַר די „פאַבריק-לייט" צוגלייך מיט פּויערים. ווען די געפאַר האָט גענומען דראָען מאָסקווע, ווען מע האָט זיך גערעכט, אַז פּוגאַטשאָוו

זאָל אהין קומען, האָט יעקאַטערינע מוירע געהאַט, אז פּוגאַטשאָוו זאָל „דורך די פּאַב-ריק-לייט אָדער קנעכט״ ניט אַפּמאַן עפּעס א שפּיצל אין שטאַט גופא. אינטערעסאַנט, אז די „פּאַבריק-לייט״ קומען בא יעקאַטערינע II אפן ערשטן אָרט. צו די זאַוואָדן, וואָס די רעגירונג האָט פאַרכאַפּט צוריק, האָט מען זיך באַצויגן מיט גרויס כשאַד, מוירע געהאַט, אז דאָרט זאָל ניט אויסברעכן קיין נייע אומרועו. אזוי, לעמאָשל, האָט מען אף פּראָבראַזשענסקער זאַוואָד איינגעפירט ספּעציעלע פאַרפּעסטיקונג ען דערפאַר, וואָס לויט די יעדיעס פונעם „גענעראַל-מאַיאָר און קאַוואַליער״ פריימאַן, איז „אין יענעם זאַוואָד נייטיק א מיליטערישע קאָמאַנדע, קעדיי אכטונג געבן אף די דאָרטיקע פּויערים״.

קאַפּיטל פינף

די אַרבעטער אין דער צעפּאַלונג-עפּאָכע פון דער לייבייגנטשאַפטמערישער ווירטשאַפט

1. דער וווּקס פון פרײַגעדונגענער אַרבעט און דער כאַראַקטער פונעם אַרבעטער-קאַמף אָנהייב XIX יאָרה.

דער פּוגאַטשאָוו-אופשטאַנד איז געווען דער באַדייטנדיקער איבערבראָך-מאָמענט אינעם XVIII יאָרה. אויב ניט דיסקאָנטירן די ווירקונג פונעם דאָזיקן אופשטאַנד, קען מען ניט פאַרשטיין קיין איינע פון די קלאַסעווע מאָכמיטלען מיצאַד דער פּריצישער רעגירונג ניט נאָר בײַס יעקאַטערינעס הערשונג, נאָר אויך בײַס די שפּעטערדיקע. דער זיג איבערן פּוגאַטשאָוו-אופשטאַנד איז געווען דער גרעסטער קלאַסן-זיג פונעם אדל.

נאָר כאָף XVIII יאָרה. הייבן אָן לאַנגזאַם, אָבער סיסטעמאַטיש אָנוואַקסן די סי-מאָנים פון צעפּאַלונג אין דער לײַבייגנטימערישער ווירטשאַפט אונטער דער ווירקונג פון די אינדוסטריעל-קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן. עס איז וויכטיק צו פאַרצייכע-נען, אז סאָף XVIII יאָרה. האָט מען אָנגעהויבן באַנוצן אין די פּראָדוקציעס מעכאַ-נישע באַוועגער. עס איז כאַראַקטעריסטיש דער אַלגעמיינער צאָליקער וווּקס פון די אַרבעטער אין דער ערשטער העלפט XIX יאָרה. פון די 173 טויזנט אַרבעטער אין יאָר 1815 איז זייער צאָל אויסגעוואַקסן ביז 272 טויזנט אין יאָר 1832 און ביז 549 טויזנט אין יאָר 1858. נאָך כאַראַקטעריסטישער זיינען די אָנגאַבן וועגן פרײַגע-דונגענער אַרבעט אין מעשעך פונעם גאַנצן XVIII יאָרה. דער קעסיידערדיקער וווּקס פון פרײַגעדונגענער אַרבעט אין מעשעך פונעם גאַנצן XVIII יאָרה, ווײַזט זיך נאָך בולעטער אַרויס אין דער ערשטער העלפט XIX יאָרה. אין יאָר 1804 זיי-נען געווען 2423 פאַבריקן, ווו עס האָבן געאַרבעט 95.202 אַרבעטער, דערין פרײַגע-דונגענע 45.625. אייניקע פּראָדוקציע צווײַגן, ווי לעמאָשל, די באַוול-פאַבריקן, האָבן זיך געהאַלטן הויפּטזאַכלעך אף פרייגעדונגענער אַרבעט. אַלץ אָפטער טרעפן זיך פאַלן,

ווען א באַלעבאָס, וואָס וואָלט געקענט אויסנוצן סיי די פּאָסעסיאָנע* ארבעט, סיי די ארבעט פון זײַנע לײַבקנעכט, באַנוצט זיך אַנשטאָט דעם מיט פרײַגעדונגענער אַרבעט.

אָט זיינען ציפער, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם באַשטאַנד פונעם ארבעטער-קלאַס אין די יאָרן 1812 און 1825:

יאָרן	פּריצישע ארבעטער	פּאָסעסיאָנע אַרבעטער	פרייגעדונגענע ארבעטער
1812	27.292	31.160	60.641
1825	66.725	29.328	114.575

דאָ זעט זיך בולעט די פאַרקלענערונג פון פּאָסעסיאָנע ארבעטער און דער וווקס פון פרייגעדונגענע ארבעטער. די פאַנאַנדערטיילונג פון די פרייגעדונגענע אַר-בעטער איבער די פאַרשיידענע פּראָדוקציעס קען מען זען פון די פאָלגנדיקע ציפער (1825 יאָר):

פּראָדוקציע-מינים	צאָל פאַבריקן	צאָל פון אלע ארבעטער	דערין פרייגעדונגענע
קאָרטענע צייג	484	47.021	44.535
געוואַנט	324	63.603	11.705
שטאָל, טשוהון, נאָדלען . .	170	22.440	4.970
שטריק	98	2.503	2.303

די פרייגע ונגענע ארבעטער פון יענער צייט זיינען ניט שטענדיק טאַקע אַף אַן עמעס געווען „פרײַ" אין יורידישער הינזיכט. א באַדייטנדיקער טייל זייערער זיינען געווען לייבייגענע פויערים, וועלכע דער פּאָרעץ האָט אָפּגעלאָזט אַף אָבראָק. דער דאָזיקער פאַקט פאַרקלענערט אָבער אין קיין פאַל ניט די באַדייטונג פונעם וווקס פון פרייגעדונגענער ארבעט. דער דאָזיקער וווקס איז איינער פון די וויכטיקסטע סי-מאָנים, וואָס באַווײַזן, אַז אין דער ערשטער העלפט XIX יאָרה. האָבן זיך אינעם לייבייגנטימערישן הײַטל פון רוסלאַנד אַנטוויקלט אינדוסטריעל-קאַפּיטאַליסטישע פאַר-העלטענישן.

אין דער דאָזיקער הינזיכט איז ביז גאָר באַלערנדיק די געשיכטע פון פּאָסעסיאָנע רעכט אינעם לייבייגנטימערישן רוסלאַנד: אין יאָר 1798 האָבן די סאָכרים — פאַברי-קאַנטן ווידער דערשלאָגן זיך דערצו, אַז עס זאָל אופגעשטעלט ווערן דאָס רעכט פון פּאָסעסיאָנעלן באַזיץ. די גרונט-טיבע פאַרן אופשטעלן דאָס דאָזיקע רעכט האָט געדינט דער וווקס פון אומרוען צווישן די ארבעטער און פויערים פאַר דער הערשאַפט פון פּאַוול I. קעדיי צו קעמפן קעגן די מאַסן-אומרוען, האָט געלוינט אַרומצוכאַפּן די לייבייגנטימערישע פאַבריק-ארבעט מיט א נעץ פון לײַבייגנטימערישע באַגרענעצונגען און פאַרגרעסערן איבער איר די מאַכט פונעם פאַבריקאַנט. אָבער די

* פּאָסעסיאָנע — אזוי האָט זיך גערופן אין לייבייגנטימערישן רוסלאַנד א פאַבריק, צו וועלכער עס זיינען צוגעשריבן געווען לײַבייגענע ארבעטער. די פאַבריק פלעגט געקויפט און פאַרקויפט ווערן צוזאַמען מיט די לײַבקנעכט. (זע אויבן, קאַפּיטל 3). איבערז.

שפּעטערדיקע געזעצן (1824, 1853 און 1840) באַגרענעצן ווידער דאָס דאָזיקע רעכט
און ביכלעכווייז ווערט עס פולשטענדיק ליקווידירט. פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס אַנ-
שטאָט צו זיין א באַוועגער פון דער אינדוסטריעלער אנטוויקלונג איז עס פאַרוואַנדלט
געוואָרן אין א טאָרמאָז. די פריי־געדונגענע אַרבעט איז געווען אומפאַרגלייכלעך
פּראָדוקטיווער ווי די לײַבּייגענע אַרבעט, און די וואַקסנדיקע באַדערפענישן אין א
קוואַליפיצירטן אַרבעטער האָט נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכן די באַדייטונג פון פריי-
געדונגענער אַרבעט. פון אַלע זייטן קומען אָן פון די פאַבריקאַנטן — סאָכרים אָנ-
קלאָגעס אַף דעם, אַז דער פּאָסעסיאָנער באַזיץ טאָרמאָזירט די אַנטוויקלונג. דער גע-
זעץ פון 18 יוני 1840 יאָר האָט דערלויבט די פאַבריקאַנטן צו ליקווידירן לויט זייער
פאַרלאַנג דעם פּאָסעסיאָנעם באַזיץ און אַריבערגיין צו פרייגעדונגענער אַרבעט. די
„פויערים-באַפרייונג" פון יאָר 1861, וואָס האָט איינצייטיק אויך „באַפרייט" די לײַב-
ייגענע אַרבעטער, האָט אויך ליקווידירט די רעשטלעך פון פּאָסעסיאָנעם באַזיץ.
אין דער ערשטער העלפט פון XIX יאָרה. האָט זיך אַף דער לײַבּייגנטימערישער
פאַבריק שטאַרק געפילט, אַז די לײַבּייגנטימערישע פאַרהעלטעניש-פאָרמען זיינען א
מעכיצע פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

די מאַשין איז געווען דער הויפּט-מאָמענט אינעם דאָזיקן פּראָצעס — אינעם צו-
זאַמענשטויס צווישן דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר-קרעפטן און די לײַבּייגנטי-
מערישע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן. אין יאָר 1833 האָט דער פאַבריקאַנט אָסאָקין זיך
געקלאָגט פאַר א באַאַמטן פון פינאַנץ-מיניסטעריום, וואָס איז קאָמאַנדירט געוואָרן צו
אים אין פאַבריק פאַנאַנדערצוקלייבן דעם איניען וועגן די אַרבעטער-אומרוען, אַז ער
קען ניט איינפירן קיין שפינערײַ און צופּ-מאַשינעס, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס די דאָ-
זיקע מאַשינעס לוינען זיך. ער קען זיי ניט איינפירן דערפאַר, וואָס זיינע אַרבעטער
וואָלטן געבליבן אָן אַרבעט און צאָלן וואָלט מען זיי באַדאַרפט ווי פריער (לאָמיר
דערמאָנען, אַז אין יאָר 1833 האָט אָסאָקין ניט געטאָרט אָפּלאָזן די לײַבּייגענע אַר-
בעטער, אפילע, ווען ער וואָלט עס געוואָלט). 33 מאַשינעס זיינען בא אים געווען
גרייט צו דער אַרבעט, אָבער צוליב די אויבן דערמאָנטע באַדינגונגען האָט ער מער
ווי 7 מאַשינעס ניט געקאָנט לאָזן אין דער אַרבעט. דאָס זעלבע האָט אויך געטײַנעט
דער גוטבאַזיצער דער אונטערנעמער. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן אַלגעמיינעם צע-
פאַלונג-פּראָצעס פון דער לײַבּייג. טימערישער ווירטשאַפט. א לאַנדווירטשאַפטלעכער
זשורנאַל פון יענער עפּאָכע האָט אָפּגעדרוקט א באַגייסטערטן אַרטיקל „וועגן א ניי
דערפונדענער דרעש-מאַשין, מיט א גראַוויור-צייכענונג אַלס בײַלאַגע". און דער גוט-
באַזיצער, וואָס האָט אָנערקענט, אַז א „דרעש-מאַשין" איז בעסער, האָט מיט אומרו
געפרעגט: וואָס רעדט איר, פעטערל, אויב איך וועל אוועקשטעלן א דרעש-מאַשין,
איז וואָס וועלן בא מיר טאָן די ווײַבער א גאַנץ ווינטער?" זוכנדיק צו פאַרגרע-
סערן די רעוואָכים פון זיין גוט, האָט דער גוטבאַזיצער מיט קאָלערליי מיטלען גע-
שטרעבט צו אינדוסטריעלע רעוואָכים, ער האָט געהאָפט, אַז די פאַבריק וועט פאַר-
בעסערן זיינע געשעפטן. דער רוסישער דיכטער פּושקין האָט עס באַשריבן אין זיינע
באַריכטע „געדאַנקען אונטערוועגנס" (1835): „די שטויביקע קוליסן פון היימישן
טעאַטער צאַנקען אינעם זאַל, וואָס איז פּוסט געבליבן נאָך דער לעצטער פאָרשטע-
לונג פון דער פראַנצויזישער קאָמעדיע. דאָס פריציש הויז ווערט אַלט און שוואַך.
אינעם פליגל וווינט דער דייטש-פאַרוואַלטער און זאָרגט זיך וועגן א דראָט-זאַוואָד".

בייס דער צעפאלונג-עפּאָכע פון דער לײַבאייגנטימערישער ווירטשאפט האָט די ארבעטער-באוועגונג אָנגענומען נאָך שארפערע פאָרמען. פאַרן ערשטן פערטל פון XIX יאָרה. קענען מיר, אין גרונט גענומען, פארצייכענען צוויי גרויסע אופשטייגן פון דער דאָזיקער באוועגונג — איינער אין צוזאמענהאנג מיטן קריג פון יאָר 1812, דער צווייטער — מיטן אגראר-קריזיס פון די 20-ער יאָרן. און ווידעראמאָל האָבן די ארבעטער-אומרוען, אין גרונט גענומען, זיך צונויפגעגאָסן מיט די פויערשע אומרוען, וואָס זייער אופשטײַג פאלט אויס אין די זעלבע מאָמענטן. מע דארף אָבער אונטערשטרײַכן, אז דער וווקס פון די אומרוען, וואָס ווערן, אין טאָך, כאראקטעריזירט דורך די ארבעטער-פאָדערונגען און ניט דורך פויערשע, ווערט באזונדערס באדײַטנדיק אין דער ערשטער העלפט פון XIX יאָרה. עס איז כאראקטעריסטיש, אז אזויבאלד, ווי עס פלעגן אויסברעכן אומרוען אף אוועלכן ניט איז זאוואָד, פלעגן זיך שנעל אָנשטעקן די שכיינעסדיקע זאוואָדן. די ארבעטער פלעגן ווארפן די ארבעט, פלעגן מאסנווייז אוועקגיין אין דער גובערניאלער אדער אויעזדישער שטאָט זיך קלאָגן פאר נאטשאלסטווע. אפן וועג פלעגן זיי אראָפּגעמען די ארבעטער פון אנדערע זאוואָדן און פאראייניקן זיי צו זייער פראָטעסט. עס וואקסט אלץ די אינערלעכע אָרגאניזירטקייט פון דער באוועגונג, עס טיילן זיך אויס אָנפירער פון דער ארבעטער-סוויווע, אלץ אָפטער קומט אויס די פאבריקאנטן צו באנוצן קראפט אף איינשטילן די ארבעטער אָדער נאָכגעבן די ארבעטער-פאָדערונגען. וועגן דער אָנגעשטרענגטקייט פון די אומרוען און וועגן דעם וווקס פון זייער באוווסטזיניקייט קען מען אפילע אורטיילן לויט די אומרוען פון יאָר 1822, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אפן זאוואָד, וואָס האָט געהערט צו די באטאשעווס, אין וולאדימירער גובערניע. דער ארכיוו-איניען וועגן די דאָזיקע אומרוען פארנעמט זיבן קאָלאָסאלע בענדער. דער באאמטער, וואָס איז קאָמאנדירט געוואָרן דורכצופירן די אויספאָרשונג אף די זאוואָדן, האָט מיט שווידער באמערקט, אז „די ארבעטער זײַנען דערצאָרנט ניט קעגן א פריוואטער פערזאָן, נאָר קעגן דער רעגירונג".

עס איז אויך וויכטיק צו פארצייכענען די אומרוען פון יאָר 1822 אף ראסטאָרגויעווס זאוואָדן. וועגן די דאָזיקע אומרוען דארף מען זיך אָפּשטעלן גענויער, ווײַל זיי כאראקטעריזירן די אינערלעכע באהעפטקייט פונעם ארבעטער-קלאס און דעם וווקס פון זײַן באוווסטזיניקייט. כוץ דעם זײַנען אין די יאָרן 1825|26 אף די זעלבע זאוואָדן ווידער פאָרגעקומען אומרוען און דאָס האָט, ווי מיר וועלן ווײַטער זען, געצווונגען דער רעגירונג צו גיין אף וויכטיקע הנחות בענוגע אלע לײַבאייגענע ארבעטער.

אין יאָר 1809 האָט דער סויכער 1-טע גילדיע ראסטאָרגויעוו, וואָס איז רײַך געוואָרן פון ווײַן-קאָנצעסיעס, אָפּגעקויפט בײַם זאוואָדטשיק דעמידאָוו דרײַ זאוואָדן אין קאטערינענבורגער אויעזד, פערמער גובערניע: דעם קאסלינסקער, ווערכניע-קישטימסקער און ניזשניקישטימסקער, אין דער זעלבער צייט האָט ער געקויפט בײַ דער גענעראל-לייטענאנטשע כלעבניקאָווא א פערטן זאוואָד — דעם נאזע-פעטראָווסקער אין קראסנאָופימסקער אויעזד פון דער זעלבער גוב. צו די ערשטע דרײַ זאוואָדן האָבן געהערט די ישוווים: ראָזשדעסטווענסק און וואָסקרעסענסק צוזאמען מיט די דערפער און מיטן סאָראָקינסקער שיף-האפן (שפעטער איז בײַ דעם דאָזיקן האפן געגרינדעט געוואָרן דער שעמאכינסקער אײַזן-זאוואָד). דאָס זײַנען געווען טשוהון-שמעלץ-זא-

וואָדן און אײַזן-זאַוואָדן; צו די דאָזיקע פאַכן איז נאָך צוגעקומען די אַרבעט אין די גאָלד-גרובן. אין ראַסטאָרגויעוס זאַוואָדן האָבן געאַרבעט 6881 רעוויזיע-נעפֿאַשעס.

דער אַגראַר-קריזיס פֿון די 20-ער יאָרן האָט זיך אָפּ אוראַל אָפּגעשפּיגלט אָף אַן אייגנאַרטיקן אופֿן. די סיבע פֿון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקייט באַשטייט אין דעם, וואָס די אוראַלער זאַוואָדשיקעס האָבן פֿאַרכאַפּט אין זייערע הענט קימאַט דעם מאָנאָפּאָל פֿון באַזאָרגן די אַרבעטער מיט פּראָוויאַנט און, אין דער ערשטער ריי, מיט ברויט. ווען די פֿאַבריקאַנטן האָבן שאַרף דערפֿילט דעם ווירטשאַפֿטלעכן קריזיס, ווײַל עס האָבן זיי אויסגעפֿעלט מעזומענע מיטלען, געלט, האָבן זיי גענומען אָנפֿילן זייערע קאַסעס דורך די אויסגעפּרוווטע מיטלען: זיי האָבן פֿאַרהאַלטן אָדער אָפּט אינגאַנצן ניט אַרויסגעגעבן אָדער ניט דערגעבן די אַרבעטער דעם אַרבעט-לוין, געהעכערט די פּרײַזן אָפֿן ברויט, וואָס די זאַוואָדישע קראָמען פֿלעגן פֿאַרקויפֿן די אַרבעטער אָפֿן כעזשבן פֿונעם אַרבעטלוין. דאָס לעצטע מיטל האָט באַזונדערס געגעבן זיכערע רעזולטאַטן: נעמען ברויט אָף באָרג אין דער זאַוואָדישער קראָם האָט געהייסן ניט נאָר אַליין ווערן אַ באַלכויוו, נאָר אָף דור-דוירעס: דער כויוו פֿלעגט איבערגיין פֿון פֿאָטער צום זון, פֿון זיידן צום אייניקל. דערבײַ איז קיין וווּנדער ניט, וואָס אין דער זעלבער צײַט, ווען אין צענטראַלן טייל רוסלאַנד איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער זאָל אָף ברויט און מע האָט אים ניט געהאַט „ווּ אַהינצוטאָן", איז אָף אוראַל געווען פּונקט אַ פֿאַרקערט בילד.

אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿון די דערמאָלטיקע אַרבעטער-אומרוען זײַנען געווען די אָנקלאַגעס פֿון די „מײַסטערס" אָף דעם, וואָס מע צאָלט ניט אויס אָדער מע פֿאַרהאַלט זייער אַרבעטלוין, וואָס מע רעכנט אַראָפּ פֿונעם לוין, וואָס מע לײַדט הונגער, ברויט איז טײַער און עס איז אוממעגלעך דורכצולעבן זיך. די כוואַליע פֿון דער אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס האָט זיך דאַן אויפֿגעהויבן, איז געווען פֿאַרבונדן מיט פּראָטעסט קעגן אָט דער זאַכלאַגע.

מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, אַז אַמאָל פֿלעגן זיך די אַרבעטער-אומרוען אויסגיסן אין אַ פֿאָרם פֿון אייגנאַרטיקע שטרייקן, וואָס זײַנען אין דער נאָכרעפֿאָרמישער עפּאָכע ניט באַקאַנט געווען: די אַרבעטער פֿלעגן זיך צונויפֿרײַדן און אין איין שיינעם פֿרימאָרגן וואַרפֿן די אַרבעט און אַוועקגיין פֿון זאַוואָד אין דער נאָענסטער אויעזדישער אָדער גובערניאַלער שטאָט זיך קלאָגן פֿאַר נאַטשאַלסטווע.

גראָד אַזאַ פֿאַל האָט פּאַסירט אין מאַרט 1822 יאָר אָף ראַסטאָרגויעוס קישטימסקער זאַוואָדן. 54 אַרבעטער האָבן געוואָרפֿן די אַרבעט און זײַנען אַוועק קיין יעקאַטערינענבורג, ווּ זיי האָבן אײַנגעגעבן אַן אָנקלאַגע, אַז מע גיט זיי ניט אַרויס דעם געהאַלט און פּראָוויאַנט, אַז זיי לײַדן הונגער. באַקומען אַ צוזאָג, אַז די אָנקלאַגע זייערע וועט באַפֿרידיקט ווערן, האָבן זיך די אַרבעטער אומגעקערט אָפֿן זאַוואָד. די באַאַמטע, וואָס זײַנען געקומען מאַכן אַן אויספֿאָרשונג אָפֿן זאַוואָד, האָבן זיך אָנגעשטויסן אָף אַן אָפֿענער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע — דער „בונט" איז קלאַל ניט געווען קיין „סטיכיישער". די באַאַמטע האָבן געפֿאָדערט בײַ די אַרבעטער זיי זאָלן אויסשטעלן צוויי-דרײַ פֿאָרשטייער אָף קלאָרמאַכן די אָנקלאָגעס, אָבער די אַרבעטער האָבן אַלע, ווי איינער, זיך אָפּגעזאָגט צו טאָן דאָס. קלאָר, אַז זיי האָבן זיך גוט פֿאָרגעשטעלט, וואָס פֿאַר אַ גוירל עס דערוואַרט די דאָזיקע „אויסגעווײלטע" און האָבן זיך פֿאָרויס צונויפֿגערעדט ניט אײַנצוגיין אָף דעם. דערפֿאַר אָבער אָף מאָרגן האָבן

זיך באַם בערג-אינספעקטער אין שטוב צונויפגעקליבן, ווי די באַמטע מעלדן מיט וווּנדער, „אָן קיין שום איינלאַדונג" א מאן הונדערט און האָבן געפאָדערט, אז מע זאָל די ארבעטער, וואָס וווינען באַם קישטימסקער זאוואָד, ניט אָפּשיקן אף ארבעט פאר 110 וויאָרסט ווייט אפן שעמאכינסקער זאוואָד: „די דאָזיקע נאַריאַדן, — האָבן די באַמטע איבערגעגעבן די ווערטער פון די ארבעטער, — וואָס רייסן זיי אף א לאַנגער צייט אָפּ פון די היימען און פאמיליעס, האָבן זיי (די ארבעטער — מ. נ.) רויִנירט". דער סוויכער ראַסטאָרגויעוו, וואָס איז דערביי געווען, האָט געמאָלדן, אז ער איז מאַסקים איינגאַנצן אריבערצופירן די ארבעטער אפן שעמאכינסקער זאוואָד אָדער אָפּגעבן זיי אפילע אין די קאַזיאָנע זאוואָדן, „קעדיי אויסצומיידן אומאָנגענעמלעכקייטן און אָנקלאָגעס". „ווי די ארבעטער האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי אופגעהויבן א גרויסן טומל, און, לויטן צייכן פונעם אופהעצער (ביין אונטערשטרייכונג — מ. נ.) זיינען זיי מיט זידלערייען אנטלאָפן פון זאוואָד". ווייטער — נאָך א וויכטיקערער שטריך: א טייל ארבעטער טיילט זיך אָפּ פונעם הויפּט-האַמוין, גייט אוועק אף די „פריש-הוטעס", נעמט אראָפּ די „מענטשן", וואָס האָבן דאָרט געארבעט, און פארייניקט זיי צו זיך. אין דער זעלבער צייט (אויך א שטריך פון אָרגאַניזירטקייט, צוזאַמענגעהעריקייט) זיינען שוין די פרויען און קינדער פון פיל ארבעטער ארויס צו זיי אנטקעגן מיט גרייטע פעקלעך — „שפייז אפן וועג". מיטגענומען די פּראָדוקטן, זיינען די ארבעטער, אין א צאָל פון 102 מענטשן, אוועק קיין קאטערינענבורג. נאטשאלסטווע איז ניט בעקוויעם אומצוקערן זיי צוריק אפן זאוואָד און קאַפּיטולירט פאר זייער איינגעשפּאַרטקייט און פאר זייער צאָל. זיי נעמען צייטווייליק די ארבעטער „אונטער אופזיכט" און טיילן זיי פאַנאַנדער איבער אנדערע זאוואָדן, צאָלנדיק זיי ווי אקאַזיאָנע ארבעטער.

די האַנאָכע איז אָבער א צייטווייליקע. די באַמטע מאַכן א ליאַרעם, דער בערג-אינספעקטער פאָראָרדנט דרינגענד צו פארגרייטן ברויט פאר די זאוואָדן און ארויסגעבן עס די ארבעטער. דער דערשראָקענער פינאַנץ-מיניסטער זאָרגט זיך אויך וועגן ארויסגעבן וואָס שנעלער די ארבעטער ברויט, און קעדיי איינצוקויפן עס, דערלויבט ער אפילע צו פאַרקויפן דעם מעטאַל, וואָס געפינט זיך אונטער א פארבאָט פאר ניט אָפּגעצאָלטע מעלוכישע שטייערן.

אין יולי 1882 באַטראַכט דער מיניסטאָרן-קאָמיטעט דעם איניען, און דעם 1-טן אווגוסט האָט דער צאַר דעם באַשלוס באַשטעטיקט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן איבערגעבן צום געריכט די הויפּט-„אופהעצער" און באַגיין זיך מיט זיי לויט דער גאַנצער שטרענגקייט פון די געזעצן. די איבעריקע 98 מענטשן באַשטראָפן אף א פּאָליציישן אויפן און אריינפירן זיי מיט די פאמיליעס אין קאַזיאָנע זאוואָדן. אף דעם סמאַך האָט די פּערמער בערג-פארוואַלטונג אָנגעשריבן איר אייגענעם אורטייל, ווי זי האָט יעדן איינעם פון די דערמאָנטע 98 צוגעמישפּעט צו 25 קלעפּ מיט שטעקנס.

אין נאָיאַבער 1822 זיינען אין די זאוואָדן אראָפּגעקומען באַמטע אף אויסצופילן דעם אורטייל. די ארבעטער האָבן זיך אָרגאַניזירט און דאָס ניט דערלאָזט. זיי האָבן ארויסגעריסן דאָס פּאַפּיר מיטן אורטייל, האָבן צענאַזיקט די באַמטע און דורכגעטריבן זיי פון די זאוואָדן. פון דעם מאָמענט אָן שטעלן פון זיך פאָר די קישטימסקער זאוואָדן א הערלעך בילד פון אָרגאַניזירטן ארבעטער-אופשטאַנד. די לעקציעס

פונעם פוגאטשאָוו-אופשטאנד זיינען דורכגעגאנגען ניט אומזיסט פאר די אוראלער ארבעטער. גאנץ נאטשאלסטווע איז „פארווישט". די ארבעטער האָבן ארעסטירט און אוועקגעזעצט „אונטער א וואך" דעם זאוואָדישן איספּראווניק שודראָוו, דעם אונטער-פּאָרוטשיק פון דער אינוואלידן-קאָמאנדע, קוזנעצאָוו, און דעם אונטער-פּאָלקאָווניק, פירשט אוראנאָוו. די ארבעטער קלייבן אויס א שעף פון זייער אייגענער סוויווע. דאָס איז א קישטימסקער ארבעטער, קלימענטי קאָסאָלאפּאָוו. זיי ווילן אויס ניט נאָר אן ארבעטער-שעף, זיי גרינדן אויך אן ארבעטער-פארוואלטונג. די לעצטע האָט געפירט די געלט-הויצאָעס, האָט פאראָרדיט איבערן פראָוויאנט און פורואזש. עס איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אן אגיטאציע — דער זאוואָד האָט ארייגעצויגן אין אופשטאנד די שכיינעסדיקע זאוואָדן און דערפער; דאָס לעצטע איז וויכטיק אונטערצושטרייכן: אין די ארכיוון איז פאראַן א רייכער, נאָך ניט אויסגעפאָרשטער מאטעריאל וועגן דעם אייגנארטיקן „צוזאמענשלוס" פון די ארבעטערשע אין פויערישע אומרוען. די אגיטאציע האָט זיך געפירט מיטן לאָזונג צו באפרייען זיך פון דער לייבייגנטימערישער אָפּהענגיקייט, אונטערן לאָזונג פון פרייהייט. די ארבעטער האָבן זיך איינגעשאפן געווער און האָבן זיך געגרייט צו באגעגענען דאָס רעגירונג-מיליטער. אין די דאָקומענטן באגעגנט מען א קורצן ביולעטען פון די אלטע פאסירונגען. אָט איז ער: די ארבעטער האָבן „אָפּגעראמט די באאמטע, זיך אויסגעוויילט א באאמטן, געגרינדעט זייערע א פארוואלטונג... זיי האָבן אָנגעהויבן צוציען מענטשן צו זייער מיינונג, צוזאָגנדיק זיי פרייהייט; זיי גרייטן זיך אָפּצוווענדן די מיליטער-קראפט און האָבן זיך אזויארום געניינט צו אן אָפענער אופרעגונג און צו א בונט". קלימענטי קאָסאָלאפּאָוו האָט באהויפּט, אז ער האָט אין זיין רעשוס 8000 מענטשן: די ארבעטער און פויערים פון די דערבייִיקע אופאלייער זאוואָדן און פון די זאוואָדן, וואָס האָבן געהערט צו די סאָכרים גובינס, זיינען צוגעשטאנען צו דער באוועגונג.

אזא זאכלאגע האָט אָנגעהאלטן גאנץ לאנג. דעם 16-טן דעקאבער האָט דער מיניסטאָרן-קאבינעט אינעם ווייַטן פעטערבורג „באשלאָסן צו געבריכן א גענוגע מיליטער-קראפט". אין פעווראל 1823 (ד, ה. ניט ווייניקער ווי אין העכער צוויי כאַדאָשים ארום (נאָכן אָנהייב פון אופשטאנד) איז צו די זאוואָדן געשיקט געוואָרן דער טראָיִצקער גארניזאָן-באטאליאָן און א מאכנע באשקירער קאזאקן פון 1000 מענטשן אונטער דער אָנפירונג פונעם פּאָלקאָווניק מיסטראָוו, דעם 8-טן און 9-טן פעווראל איז אהער ארויסגעשיקט געוואָרן נאָך א מאכנע פון 500 מענטשן פון די פערמער און ווערכנעוראלער גארניזאָן-באטאליאָנען אונטער דער אָנפירונג פונעם פּאָלקאָווניק קאָזטירקאָ. לויט די אויסרעכענונגען פון די באאמטע, זיינען ארום-און-ארום אָנגעקומען אף ראסטאָרגויעווס זאוואָדן דריטהאלבן טויזנט זעלנער און עטלעכע צענדליק אָפיצערן.

דעם 10 פעווראל האָט מען געכאפּט קלימענטי קאָסאָלאפּאָוון און 12 פון „זיינע הויפּט-געהילפ". מע האָט זיי אָפּגעשיקט אונטער א שטארקער וואך קיין יעקאטערינענבורג. שפּעטער דערוויסן מיר זיך, אז קאָסאָלאפּאָוון איז געלונגען צו אנטלויפן. דער מיליטערישער שטראָף-עקספּעדיציע איז אָנגעקומען שווער צו דערשטיקן דעם אופשטאנד. די אויסרעכענונגען האָבן באוויזן, אז די געכאפּטע אָנטיילנעמער (ווייַזט אויס, אז ווייַט ניט אלעמען האָט מען געכאפּט) האָבן זיך געטיילט אף אזא אויפן:

956—4

256 „מײַסטערס“ פון קישטימסקער זאַװאָד, 139 — פון קאַסלינסקער, 118 — װאָסקרע־סענסקער פויערים, אַרום־און־אַרום — 513 מענטשן.

אויך די אופאַלייער זאַװאָדן און די זאַװאָדן, װאָס האָבן געהערט צו די גוביִנס, זײַנען צוגעשטאַנען צום אופשטאַנד און עס איז אויסגעקומען אַהין אַרײַנצופירן אַ מיליטער־קאָמאַנדע, כּדי אײַנצושטילן זיי. נאָכדעם, װי מע האָט די אַרבעטער פון די דאָזיקע זאַװאָדן „אײַנגעשטילט“, האָט מען זיי באַשטראָפט מיט ריטער און בענומען בא זיי אַן אונטערשריפט, אַז זיי װעלן אַרבעטן. דעם 12 פעברואַל האָבן זיך אָנגעהויבן אומרוען אין נעם נאָזע־פּעטראָװסקער זאַװאָד, אָבער זיי זײַנען אונטער־דריקט געװאָרן מיט מיליטער־קראַפט. נאָר דערמיט האָט זיך דאָס ניט פאַרענדיקט. אין יוני 1823 ברעכן װידער אויס אומרוען אין ראָזשדעסטװענסקער יִשעװ. די אויס־פאָרשונג־קאָמיסיע, װאָס האָט געהאַט צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, איז געצװוּנגען געװוען אָפּצושטעלן די אויספאָרשונג. דער זעלבער באַרימטער פּאָלקאָװניק קאָסטירקאָ האָט מיט זײַן מאַכנע זיך אָפּגערעכנט אויך מיט די דאָזיקע אומרוען.

נאָך דעם אַלץ איז דער זאַװאָד אַריבער צו קאַזנע. דעם 5־טן אויגוסט 1823 האָט דער פינאַנץ־מיניסטער באַשטימט פאַר אַ פאַרװאַלטער פון ראַסטאָרגויעװס זאַװאָדן דעם בערג־הויפּטמאַן פון 6־טן קלאַס, טעטיִעװ, װעלכער האָט פריִער פאַרװאַלטעט עטלעכע יאָר מיט אַלע קאַטערינענבורגער גאָלד־געװעבן און האָט זיך באַטייליקט אין דער פאַרװאַלטונג פון די קאַטערינענבורגער זאַװאָדן; זײַענדיק אַ מיטגליד פון דער הויפּט־קאָנטאָר, האָט ער אַ גאַנץ היפּשע צײַט אָנגעפירט מיט די קאַזיאָנע באָ־גאָסלאָװסקער זאַװאָדן; אין אַ געװיסער צײַט אַרום נאָכן צונויפקומען זיך מיט ראַס־טאָרגויעװן, האָט טעטיִעװ צונויפגעשטעלט אַ פאַלשע אינפאָרמאַציע, אַז אין די זאַװאָדן איז אַלץ אין אָרדענונג, אַלץ בליט, די אַרבעטער זײַנען רויִק, לעבן אין װוילטאָג א. א. װ. ער האָט עס געטאָן צוליב דעם, כּדי ראַסטאָרגויעװ זאָל באַ־קומען צוריק די זאַװאָדן. די אינפאָרמאַציע איז געװוען פון אָנהייב ביזן סאָף אַ פאַלשע. די לאַגע פונעם אַרבעטער־קלאַס איז געװוען אַ פאַרצװייפלטע, די אומרוען האָבן ניט אויפגעהערט.

די פריִערדיקע פירער פון דער באַװעגונג האָבן געשטיצט די דאָזיקע אומרוען. קלימענטי קאָסאָלאַפּאָװ איז אַנטלאָפן פון קאַטערינענבורגער אָסטראָג. „באַװאָפנט מיט געװער, מיט אַ פּיסטויל און 2 קינזשאַלן“, האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אַרום די זאַװאָדן, מע האָט אים אָפט געטראָפן לעבן די זאַװאָדן רײַטנדיק אויף אַ פערד. מיט אים זײַנען געװען כאַװייִרים, — צװישן זיי אַנדריי סיװקאָװ, אויך אַן אַנטלאָ־פענער פון אָסטראָג. עס איז קיין צװייפל ניט, אַז די דאָזיקע מענטשן האָבן גע־האַט אַ פאַרבינדונג מיט די אַרבעטער און האָבן געפירט צװישן זיי אַן אַגיטאַ־ציע: לעמאָשל, דעם 9־טן יוני 1824 יאָר האָט נאַטשאַלסטװע אַנטדעקט, אַז אַנדריי סיװקאָװ איז געקומען אויפן זאַװאָד „גאַנװענען“ דאָס איז, װי באַװוּסט, אַ באַזונדער טערמין, װאָס האָט אין יענע צײַטן געהאַט דעם זעלבן באַטײַט, װאָס „בונטעװען“, „אויפהייבן אַן אופשטאַנד“ און דגל. סיװקאָװן האָט מען גע־װאָלט כאַפּן, אָבער ער האָט זיך אָפּגעשלאָגן „מיטן פּיסטויל און די קינזשאַלן, װאָס ער האָט געהאַט בא זיך, און איז אַנטלאָפן“. נאַטשאַלסטװע באַשליסט צו דערשלאָגן זיך אויס. דעם 25־טן יוני 1824 יאָר האָט ניט קיין גרויסע באַװאָפנ־טע מאַכנע אונטער דער קאָמאַנדע פונעם זאַװאָדישן איספּראַװניק אויסאָלצעװ

ארומגעריגגלט די „פארברעכער" אינעם זומפּ. די ארבעטער־פירער האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן אָן א שלאכט. „ווי האָבן געשאָסן מיט ביקסן, געדראָעט מיט קינזשאלן". עס האָט זיך פארקאָכט א שיסעריַי. קלימענטי קאָסאָלאפּאָוו איז שטערבלעך פארווּנדעט געוואָרן. ער איז געשטאָרבן באלד נאָכדעם, ווי מע האָט אים געבראכט צו שלעפּן אין פּאָליציי, ס׳ווקאָוון האָט מען ווידער פארשיקט קיין קאטערינענבורג.

אינעם זעלבן יאָר 1824 האָט אלעקסאנדער I ארומגערייזט איבער אוראל. איינעם פון די ארבעטער (סעדעלניקאָוו, א פארשיקטער אין די סיבירער זאוואָדן פאר „בונטעוועו" און אגיטאציע, פון דאָרט איז ער אנטלאָפן און האָט זיך אויסבאהאלטן אין די וועלדער) איז געלונגען צו דערלאנגען אלעקסאנדערן I א ביטשריפט, וווּ ער האָט דערציילט וועגן דעם, וויאזוי מע האָט דערמאָרדעט קאָסאָלאַפּאָוון, וועגן די אומגעהייערע מיסברויכן פון די זאוואָד־באאמטע, און וועגן דער לאגע פון די ארבעטער. עס איז דערלאנגט געוואָרן אויך א ריי אנדערע מעלדונגען פון ארבעטער, דערין אן אָנקלאגע אין נאָמען פון 548 מענטשן.

מיר האָבן אזוי גענוי זיך אָפּגעשטעלט אף די אומרוען אין ראסטאָרגויעווס אוראלער זאוואָדן דערפאר, וואָס זיי זיינען ביז גאָר כאראקטעריסטיש פארן וווּקס פון דער ארבעטער־באוועגונג אינעם ערשטן פערטל פון XIX יאָר. אפן קאָנקרעטן ביישפּיל פון דער דאָזיקער באוועגונג זעען מיר א ריי כאראקטעריסטישע „ארבעטער"־שטריכן, וואָס שיידן שוין באדייַטנדיק אונטער די דאָזיקע באוועגונג פון דער פויערישער. אין דער זעלבער ציַיט איז וויכטיק אונטערצושטרייַכן דעם אייַנהייַטלעכן לאָזונג זייערן מיט דער פויערים־באוועגונג פון יענער עפּאָכע, דעם לאָזונג פון „פרייַהייַט" — פון פארניכטן די לייבייגנטימעריַי. פון דער אנדער זייַט זייַנען די אומרוען אין ראסטאָרגויעווס זאוואָדן צונויפגעפאלן מיט דער ציַיט, ווען עס האָט זיך געגרייט דער דעקאבריסטן־אופשטאנד, וואָס איז אויסגעבראָכן אין יאָר 1825. דעריבער שטעלט זיך ביכלאל די פראגע: וואָס פאר א שייַכעס האָט געהאט די ארויסטרעטונג פון די דעקאבריסטן צו דער מאסן־באוועגונג פון יענער עפּאָכע, וואָס א גרויסער מאָמענט דערפון איז געווען דער אופשטאנד אין ראסטאָרגויעווס זאוואָדן? מיר וועלן טאקע דאָ אפן אָרט באמערקן, אז אין די דאָזיקע זאוואָדן האָבן די אומרוען אויך אין יאָר 1825 ניט אופגעהערט. די ראסטאָרגויעווס האָבן, ווייזט אויס, געפונען א „האנט" באם הויף: אלעקסאנדער I האָט אָנדערהאלבן כאדאָשים פארן טויט דערלויבט אָפּצוגעבן דעם זאוואָד פון דער קאזנא צוריק צו די ראסטאָרגויעווס. דאָס איז געווען דעם 1־טן אָקטיאבער 1825 יאָר. דעם 18־טן נאָיאבער איז אלעקסאנדער I געשטאָרבן און ווייניקער ווי אין א כוידעש ארום, דעם 14־טן דעקאבער 1825, האָבן זיך צעקנאלט די הארמאטן אפן סענאט־פלאץ.

דער דעקאבריסטן־אופשטאנד איז ניט געווען דירעקט פארבונדן מיט דער אָנוואקסנדיקער מאסן־באוועגונג. ער איז געווען מיט זיי „פארבונדן", אזוי צו זאָגן, נעגאטיוו — די טאקטיק פון די גרונט־גרופּן אין דער דעקאבריסטן־באוועגונג — פון דער צאָפנדיקער געזעלשאפט און פון דער דאָרעמדיקער — איז געווען געצילט אף צו איזאָלירן די מאסן פון דער רעוואָלוציע, זי (די רעוואָליוציע) האָט געדארפט דורכגעפירט ווערן דורך די „רעוואָליוציאָנערע" גענעראלן, אונטער

זייער קאָמאַנדע האָט זיך געדאַרפֿט געפֿינען דאָס מיליטער, וואָס איז געהאָרכזאַם צו זייער קלענסטן באַפֿעל. אויב אײנעם טאָג פֿונעם אופֿשטאַנד, דעם 14־טן דע־קאַבער 1825 יאָר, זײַנען אין פּעטערבורג אויפֿן סענאַט־פּלאַץ דאָך געווען אַרבע־טער, איז עס געווען גאַנץ צופֿעליק. דאָך האָט זייער אָנטייל באַקומען גאָר אַן אינטערעסאַנט אויסזען — דאָס אופֿגעשטאַנענע מיליטער האָט זיך אויסגעשטעלט אין אַ פּירעק לעבן דעם דענקמאָל פֿון פּיאָטער I, געשטאַנען און געוואַרט אויף דער קאָמאַנדע פֿון זייערע פֿירער, וואָס האָבן זיי אַהער געבראַכט. זיי האָבן זיך אָבער אויף דעם ניט דערוואַרט. קיין אָרגאַניזירטער אָנגריף קעגן רעגירונג־מילי־טער איז פֿון זייער זייט ניט פֿאָרגעקומען, און אין דער זעלבער צייט האָט דאָס רעגירונג־מיליטער, לויטן אימפּעראַטאָרס באַפֿעל, גענומען שיסן פֿון האַרמאַטן. די אַרבעטער, וואָס האָבן דעמלט געאַרבעט בײַ דער בויונג פֿון איסאַקייעווער סאָבאָר, האָבן גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו פֿון אָנפֿאַל און האָבן „געקנאַקט" אין ניקאָלײַ I און אין זײַן סוויטע מיט שטעקנס און שטיינער. די מוירע דער־פֿאַר, אַז די „אומרוען זאָלן זיך ניט איבערגעבן צום האַמוין, איז טאַקע געווען די הויפּט־סיבע, פֿאַרוואָס דער אימפּעראַטאָר האָט פֿאַראָרדנט צו שיסן אין די אופֿשטענדלער. עס איז קיין ספֿק ניט, אַז צווישן די דערהאַרגעטע דורך ניקאָלײַס האַרמאַטן, זײַנען אויך געווען פֿאָרשטייער פֿונעם דאָזיקן אַרבעטער־„האַמוין".

מע דאַרף באַזונדערס פֿאַרצייכענען די פֿאַלן, ווען דער דעקאַבריסטן־אופֿ־שטאַנד האָט געפֿונען אַן אָפּקלאַנג אין דער אַרבעטער־סוויווע. בײַ דעם אופֿ־שטאַנד פֿון טשערניגאָווער פּאָלק איז פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿן געוואָרן אַ פּראָקלאַמאַ־ציע — דער „קאַטעכיזיס", צונויפֿגעשטעלט פֿון ס. מוראַוויאָוו־אַפּאָסטאָל. זײַנען פֿאַראַן אַרכיוו־ידיעות וועגן דעם, אַז בײַ צוויי אַרבעטער פֿון איינער אַ געוואַנט־פֿאַבריק האָט מען אָפּגענומען אַן עקזעמפּליאַר פֿון דער דאָזיקער פּראָקלאַמאַציע. אַנדריייעוויטש דער צווייטער, אַ מיטגליד פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿון די פֿאַריי־ניקטע סלאַוויאַנער, האָט אַגיטירט צווישן די אַרבעטער פֿון קיעווער אַרסענאַל און האָט געהאָפֿט, אַז זיי וועלן מיטהעלפֿן דעם אופֿשטאַנד. אָט איז נאָך אַן אָפּקלאַנג: סאָף יאַנוואַר 1826 האָבן דעם סויכער פּאָסילינס אָנגעשטעלטע גע־בראַכט צופֿירן אין שו סקער פּאָליציי דעם אַרבעטער ניקאָלײַ ראָגאָזשין, וועלכער האָט אויף פּאָסילינס ציץ־פֿאַבריק דערציילט וועגן די געשעענישן פֿון 14־טן דע־קאַבער און האָט „אויסדריק געגעבן, אַז זײַן קעניגלעכע מאַיעסטעט האָט זיך, קלוימערשט, געוועצט אויפֿן טראָן מיט גוואַלט *, אַז מע האָט אים, קלוימערשט, געצוווּנגען מיט דער הילף פֿון האַרמאַטן צו שווערן טרײַהײַט צו די אונטערטאַ־נער" און ווען ער (ראָגאָזשין) „וואָלט צו יענער צייט געווען זײַן אין פּעטער־בורג, וואָלט ער אויך גענומען אַ ביקס און וואָלט דערהאַרגעט וועמען־ניט־איז, ווײַל אין יענער צייט האָט מען געשלאָגן אַפֿילע גענעראַלן". ראָגאָזשינען האָט מען איבערגעגעבן צום געריכט, נאָר, צו וואָס מע האָט אים פֿאַרמישפּעט, איז אומ־באַוווּסט.

די גרעסטע אומרוען פֿון פֿאַבריק־אַרבעטער אין צוזאַמענהאַנג מיטן דעקאַב־

---

* ד. ה. דורך צוואַנג.

ריסטן־אופשטאנד זיינען פאָרגעקומען אין יאראָסלאוולער גובערניע אַף דער פאפיר־פאבריק פון פירשט גאגאַרין.

עס איז קיין ספק ניט, אַז דער דעקאבריסטן־אופשטאנד איז געווען איינע פון די סיבעס דערפון, וואָס די דערשראָקענע רעגירונג האָט זיך צוגעאײַלט אָנצונעמען מיטלען קעגן דעם אָנוואקס פון נײַע אומרוען אַף די זעלבע ראסטאָרגויעווס זאוואָדן וועגן וועלכע מיר האָבן דערציילט. די רעגירונג האָט געשיקט אין די זאוואָדן דעם פליגל־אדיוטאנט גראף א. נ. סטראָגאנאָוו, אויסצופאָרשן די סיבעס פון די אומרוען. אין זײַן מעמאָראנדום האָט ער באשריבן די אומגעהײַער שווערע לאגע פון די ארבעטער.

באקענענדיק זיך מיטן דאָזיקן מעמאָראנדום, האָט דער מיניסטאָרן־קאָמיטעט מיט דער סאנקציע פון ניקאָלײַ I באשטימט זיך ווענדן צו אַלע פריוואטע פאבריקאנטן מיט א שטרענגן פאָרשריפט, זיי זאָלן ניט פארשארפן די געשאפענע לאגע, זיי זאָלן ניט דריקן די ארבעטער, באציען זיך צו זיי „ווי קריסטן" א.א.וו. די דאָזיקע באשטימונג דארף מען באטראכטן ניט אנדערש, ווי א באפעל פון דער רעגירונג צו גיין אַף האנאָכעס בענעגייע די ארבעטער. אזא באפעל האָבן ארויסגעריסן פאר א קאָלאָסאלן טייל ארבעטער פונעם לייבגנטימערישן רוסלאנד די אומרוען אַף ראסטאָרגויעווס זאוואָדן; דעריבער דארף מען באזונדערס אונטערשטרייכן די פאָליטישע באדײַטונג פון די דאָזיקע אומרוען. ניקאָלײַ I איז געווען זייער צערודערט פונעם געשעענעם און האָט געאײַלט דורכצופירן אין לעבן די באשטימונג פון מיניסטאָרן־קאָמיטעט; דאָס איז צו זען פון זײַן רעזאָליוציע אפן זשורנאל פון קאָמיטעט: „מאסקים, דעם איניען אין סענאט פארענדיקן ווי מעגלעך שנעלער". עס איז אײַלנדיק צונויפגעשטעלט געוואָרן א באזונדערע „ווענדונג" צו די פריוואטע פאבריקאנטן מיט א באפעל וועגן באציען זיך „קריסטלעך" צו די ארבעטער, און ער איז געהיים פאנאנדערגעשיקט געוואָרן צו די פאבריקאנטן. אזוי ווייט געהיים, אַז מע האָט זיך אפילו אָפּגעזאָגט ארויסצוגעבן די פאבריקאנטן א קאָפּיע פון דער „ווענדונג", וואָס זיי אליין האָבן אונטערגעשריבן. אזוי ווייט געהיים, אַז מע האָט זיך ניט באשלאָסן איבערצוגעבן דאָס דאָזיקע פאפיר צו די פאבריקאנטן דורך די באאמטע פון פינאנץ־מיניסטעריום, ווײַל „עס האָט געקאָנט ווערן באוווסט דער עפנטלעכקייט און וואָלט דורך דעם געדינט פאר א סיבע פון אומאָרדענונגען מיצאד די זאוואָדישע לייט".

2. דער קאמף פון די ארבעטער פאר „פרייהייט" ערעוו דער רעפאָרם פון יאָר 1861

דאָס טיילווײַזע ליקווידירן דעם פּאָסעסיאָנעם באזיץ און דער וווּקס פון פרײַגעדונגענער ארבעט, וואָס איז פאָרגעקומען אינעם צווייטן פערטל פון XIX יאָרה. האָבן געבראכט דערצו, אַז די רעפאָרם פון 1861 האָט די לייבייגענע פויערים אָנגערירט אין א גרעסערער מאָס, ווי די לייבייגענע ארבעטער: צום יאָרה. 1861 איז שוין אַף פיל פאבריקן ליקווידירט געוואָרן די לייבייגנטימערישע ארבעט. פעסטער, ווי אומעטום, האָט זיך די לייבייגנטימערישע ארבעט געהאלטן בלויז אפן בארגווערקישן אוראל. דאָרט, ווו זי האָט נאָך יאָ עקזיסטירט, קאָן

מען פארצייכענען פאלן פון באדייטנדיקע אומרוען צווישן די לייבייגענע אר־בעטער, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דער לייבייגנטימעריי. עס זיינען באוווסט אויסערסט שטאַרקע אומרוען אויף אָסאָקינס פאבריק אין קאזאן. די ארבעטער פון דער דאָזיקער פאבריק האָבן „געפאָדערט פרייהייט", דערוויזנדיק, אז אָסאָקין האָט ניט קיין רעכט צו הערשן איבער זיי.

דער קאמף פון די קאזאנער געוואנט־ארבעטער אויף אָסאָקינס פּאָטעסיאַנער פאבריק פאר זייער „פרייהייט" ציט זיך אין מעשעך פון דער גאנצער ערשטער העלפט XIX יאָרה. אין די יאָרן 1796, 1798 און 1800 דערלאנגען די ארבעטער ביטשריפטן צו דער רעגירונג און מע קלאָגט זיך, אז דער אייגנטימער דריקט זיי, צאָלט זיי א נידעריקן ארבעטלוין. — די ביטשריפטן פון די ארבעטער זיינען געבליבן אָן רעזולטאטן. אָבער די ביטשריפט פונעם אייגנטימער וועגן פאר־ברייטערן זיינע רעכט איבער די ארבעטער איז, פארשטייט זיך, יאָ גענומען געוואָרן אין אכט — אין יאָר 1806 האָט דער כענאט ארויסגעגעבן „אן אוקאז" וועגן פארברייטערן דאָס רעכט פונעם אייגנטימער צו באשטראָפן די ארבעטער פאר ניט אויספילן די אָדער יענע ארבעטן און פאר אנדערע זינד.

אין יאָר 1817 האָבן די ארבעטער אריבערגעפירט זייער קאמף צום לאָזונג פון פולשטענדיקער באפרייאונג: די ארבעטער האָבן אָנגעוויזן, אז זיי שטאמען פון פרייע מענטשן און ניט פון לייבייגענע, זיי האָבן דעריבער געבעטן צו אָנערקענען זיי, אלס פרייע (די ביטשריפט איז אָנגעגעבן געוואָרן דעם גרויס־פירשט מיכאיל פּאַוולאָוויטש) און האָבן זיך אָפגעזאָגט אונטערצוּוואַרפן זיך דעם אייגנטימער. די אויספאָרשונג האָט אָנערקענט, אז די ארבעטער זיינען ניט גערעכט, און זי האָט בא זיי געפאָדערט אן אונטערשריפט, אז זיי וועלן זיך אונטערוואַרפן דעם אייגנטימער. די געוואנט־ארבעטער האָבן זיך אָפגעזאָגט צו געבן אזא אונטער־שריפט און האָבן געהיים געשיקט דעלעגאטן קיין פעטערבורג אָנצוגעבן אן אָנ־קלאגע דירעקט צו אלעקסאנדער I. די דעלעגאטן האָט מען איבערגעכאפט, געשמידט אין קייטן, געפייניקט און אָפגעשיקט צוריק קיין קאזאן. איינער פון די דעלעגאטן, — כאַקאָלאָוו, — האָט ניט אויסגעהאלטן די עקזעקוציעס און איז געשטאָרבן אין וועג. די אקשאָנעס פון די ארבעטער האָט אָבער אָנגעשראָקן די רעגירונג: זי האָט זיך צוגעיילט ארויסצוגעבן א געזעץ וועגן פארקירצן אויף 2 שאָ דעם ארבעט־טאָג אין אָסאָקינס פאבריקן (פון 14 שאָ אויף 12 שאָ). נאָר דאָס האָט די ארבעטער ניט בארויקט, זיי האָבן געקעמפט פאר א פולשטענדיקן באפרייען זיי פונעם לייבייגנטימערישן יאָך. אין יאָר 1818 גיבן זיי באניַיס אָן אן אָנקלאגע צום אינערן־מיניסטער, אויף זייער אָנקלאגע האָבן די ארבעטער קיין ענטפער ניט באקומען. אין די יאָרן 1819 און 1820 באנייען זיי ווידער די אָנ־קלאגע און אלס ענטפער ווערן 8 הויפט־„אויפהעצער" פארשיקט קיין סיביר.

די ארבעטער ווילן באניַיס אויס דעלעגאטן אויף דערלאנגען אין פעטערבורג א ביטשריפט דעם צאר. — וועגן דעם דערוויסט זיך די זאוואָדישע אדמיניסטרא־ציע און פירט באצייטנס דורך ארעסטן: די הויפט־אָנטיילנעמער ווערן פארור־טיילט צו שמיץ. דער געריכט באשטעטיקט דעם אורטייל, אָבער וועלנדיק זיך דערווייזן די נעמען פון די ניט־אנטדעקטע אָנפירער, באפוילט ער איינעם פון די ארבעטער, מיכאיל מיאסניקאָוו, וואָס איז געווען פארורטיילט ניט צו שמיץ,

נאָר צו ארעסט, ער זאָל בײַזײַן באַם שמײַסן די איבעריקע ארבעטער: אויב ער וועט דערבײַ ארויסגעבן דעם, וואָס האָט צונויפגעשטעלט דעם שריפטלעכן אָפּמאַך פון די ארבעטער וועגן ניט נאָכגעבן די פאָדערונגען פון נאַטשאַלסטווע, וועט מען אים מוחל זײַן, אויב ניט — וועט מען אים באַשטראָפן מיט ריטער נאָך שטאַרקער, ווי די איבעריקע. מיכאיל מיאַסניקאָוו איז בײַגעווען בא דער עקזעקוציע, פאַר אים אין די אויגן האָט מען פארשמיסן ביז טויט זײַן פאָטער — אָבער ארויסגעגעבן האָט ער קיינעם ניט. אין יאָר 1829 איז די ארבעטער דאָך געלונגען, ניט געקוקט אף אלע שוועריקייטן, צו דערלאַנגען אן אָנקלאַגע אף אָסאָקינען צו ניקאָלײַ I, און אין פעברואַל 1832 האָבן דרײַ אָנפאַרטרויטע ארבעטער — פאָפאָוו, טשודין און סמעטאַנאָוו — באַוויזן צו דערלאַנגען אים א צווייטע אָנקלאַגע. די רעגירונג קאָמאַנדירט דאַן קיין קאַזאַן א באַאַמטן, וואָס שטעלט זיך, געוויינלעך, אף דער זײַט פון די באַלעבאַטים און געפינט אײַן, אז דער הויפּט-גרונט פון די אלע אומרוען צווישן די ארבעטער איז די „קלוימערשטיקע פרײַהײַט” און אז „זיי נעמען זיך ניט פון עפּעס אנדערש, ווי פון זייער בונטאַרישער זיטלעכקײַט”. די ארבעטער זעצן אָבער פאָר דעם קאַמף. אין יאָר 1834, ווען דער צאַר איז געקומען קיין ניזשני-נאָווגאָראָד אף א דורכקוק פונעם מיליטער, האָט איינער פון אָסאָקינס פאבריק-ארבעטער, סאַפּאָזשניקאָוו, ווידער אָנגעגעבן אן אָנקלאַגע פערזענלעך דעם אימפּעראַטאָר. די באַנײַס צונויפגעשטעלטע קאָמיסיע האָט געפאָדערט פון די ארבעטער אן אונטערשריפט וועגן אונטערוואַרפן זיך די אייגנטימער, אָבער די ארבעטער האָבן אזא אונטערשריפט ניט געגעבן.

אין יאָר 1836 האָט זיך געטראָגן א קלאַנג, אז קיין קאַזאַן וועט קומען צופאָרן ניקאָלײַ I. ווען די ארבעטער האָבן זיך דערפון דערוווּסט, האָבן זיי ווידעראַמאָל באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו אים מיט א ביטע וועגן באַפרײַונג. דעם 21-טן אויגוסט האָט א טויזנטקעפּיקער ארבעטער-אוילעם, — פאָרויס אָרגאַנאיזירט, — זיך אוועקגעלאָזן צום ארסקער פעלד, ווו דער אימפּעראַטאָר האָט געזאָלט דורכפאָרן. דער אויסגעוויילטער ארבעטער, סעמיאָן כאָלאָקנאָוו, איז צוגעגאַנגען צום פאַיעטאָן, ווו עס זײַנען געזעסן ניקאָלײַ I און דער קאַזאַנער גובערנאַטאָר, און האָט דערלאַנגט די ביטע. עס איז באַשטימט געוואָרן אן אויספאָרשונגס-קאָמיסיע, וואָס האָט אין א יאָר ארום, אין 1837, פעסטגעשטעלט, אז דאָס איז ניט מער, ווי א „בונט”, און האָט זיך ברוטאַל אָפּגערעכנט מיט די ארבעטער. די הויפּט-אויפהעצער האָט מען געטריבן „דורך דער ריי”, אין דער פרײַהייט פאַלן פלעגט זיך דאָס ענדיקן מיט טויט — די איבעריקע האָט מען פארשיקט קיין סיביר. די געוואַנט-ארבעטער האָבן אָבער קיין אונטערשריפט פאָרט ניט געגעבן. און עס האָט זיך אָנגעהויב א ווידערלעכע עקזעקוציע. אָט וויאַזוי עס באַשרײַבט ז. יא. פּאָכאַדסקי, לויט באַווײַזונגען פון בײַגעווועזענע: דעם 29-טן אויגוסט האָבן קאַזאַקן און זשאַנדאַרמען ארומגערינגלט די פאַבריק, איינוויניק זײַנען צעשטעלט געוואָרן קאַזאַקן מיט אָנגעלאָדענע ביקסן, מע האָט געבראַכט צופירן וועגענער מיט ריטער. אפן פאַבריק-הויף האָט מען ארײַנגעשלעפּט פיר הארמאַטן און פארשפּאַרט די טויערן: „די געוואַנט-ארבעטער האָט מען ארויסגעשיקט פון די וואַרשטאַטן אפן הויף ארויס. מע האָט אָנגעהויבן נעמען בא יעדן איינעם אן אונטערשריפט, אז ער פארפליכטעט זיך צו פאָלגן

אָסאָקינען און אָן טײַנעס אויסטפּילן זיינע באַפעלן. די אַרבעטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט. האָט מען אָנגעהויבן שמײַסן אין 5 קרײַזן".

„אינדערלופט האָט זיך אופגעהויבן א געשריי און א קרעכצערײַ. װײנענדיקע פרויען און קינדער האָבן זיך געפּרוּווט אַרײַנרײַסן אין די טויערן, אָבער די קאָזאַקן האָבן זיי אָפּגעטריבן מיט נאַהײַקעס... פון 9 אינדערפרי ביז 4 אָוונט האָט זיך געצויגן די ברוטאַלע בלוטיקע עקזעקוציע, מע האָט געשמיסן יעדן איינעם, װער עס האָט ניט אײַנגעשטימט אונטערצושרײַבן זיך. דעם געוואַנט־אַרבעטער, פיאָטער קאָראָווין, האָט מען געגעבן 100 שמיץ און געפרעגט, צי וויל ער געבן אַן אונטערשריפט. „ניין" — האָט געענטפערט קאָראָווין, און מע האָט אים ווידער געשמיסן. אָנדערהאַלבן טויזנט שמיץ האָט קאָראָווין געכאַפּט און קיין אונטערשריפט פאָרט ניט געגעבן. מע האָט אים קוים אַ טויטן אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. אין א צווייטן קרײַז האָט מען געשמיסן מיכאַיל יעפרעמאָוון, און דאָ האָט זיך איבערגעכאַזערט די זעלבע געשיכטע. די שוואַכווילקעוע האָבן אָבער ניט אויסגעהאַלטן און נאָך עטלעכע שמיץ האָבן זיי מאַסקים געווען צו כאַסמענען דעם פּאַפּיר װעגן פאָלגן. איינער אַן 18־יאָריקער געוואַנט־אַרבעטער, יאַקאָוו סטעפּאַנאָוו דאָבריינין, האָט געגעבן אַן אונטערשריפט ערשט דאַן, ווען פון זיין פּלייצע האָבן גענומען פליען שטיקער פלייש..."

ערשט אין יאָר 1849 האָבן די געוואַנט-אַרבעטער זיך דערשלאָגן, אַז מע זאָל זיי אָנערקענען פאַר „פרייע". די דאָזיקע „פרייהייט" האָט אָבער באַטייט ניט קיין אַנדערע זאַך, ווי נאָר דאָס, וואָס זיי זיינען אַריבער פון לייבייגנטימערישער שקלאַפעריי צו קאַפּיטאַליסטישער שקלאַפעריי. דער ביישפּיל פונעם פאַרצווייפלטן און אַקשאָנעסדיקן קאַמף פון די קאַזאַנער געוואַנט־אַרבעטער פאַר „פרייהייט" איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש. דאָס איז איינע פון די העלעכסטע זייטלעך אינעם קאַמף פונעם לייבייגענעם אַרבעטער קעגן דעם אונטערנעמער-לייבייגנטימער. ענלעכע דויערנדיקע אומרוען זיינען באַוווּסט וועגן דער פּריאַנאָווער פּאָסעסיאָנער זייד־פאַבריק.

די רעפאָרם פון יאָר 1861 האָט „באַפרייט" ניט נאָר די פּויערים, נאָר אויך די לייבייגענע אַרבעטער. אין דער מערהייט פאַלן האָבן די אַרבעטער באַקומען זייער „באַפרייונג" אַף ערגערע באַדינגונגען, ווי דאָס פּויערטום. די דאָזיקע באַדינגונגען האָבן פאַרפאָלגט דעם גרונט-ציל — פאַרפעסטיקן פאַר דער אינדוסטריע די אַרבעטער-קאַדרען, שאַפן דעם נייטיקן פּראָלעטאַריאַט פאַר דער אינדוסטריע, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אַנטוויקלען. אַלס ענטפער אַף דער רעפאָרם פון יאָר 1861 זיינען אין א רײ זאַוואָדן אויסגעבראָכן אומרוען, אייניקע פון זיי זיינען דערשטיקט געוואָרן דורך באַוואָפנטער קראַפט. אומרוען זיינען פאָרגעקומען אינעם אוראַלער ליסווענסקער זאַוואָד; דאָרט האָט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער געמאָלדענער „רעפאָרם", פון 18-טן ביזן 23-טן מײַ 1861 זיך געצויגן אַן אָרגאַניזירטער שטרייק. „אומאָרדענונגען" זיינען אויך פאָרגעקומען אין קאַטאַווסקיס אייזן-זאַוואָדן, ווו עס האָבן געפּינטעוועט די זאַוואָדישע קוילנבערענער. אין צוזאַמענהאַנג מיטן מאַניפעסט פון 19-טן פעברואַל 1861 יאָר זיינען אויך פאָרגעקומען אומרוען אין נאָוויקאָווס דוגנענער טשוהון-שמעלץ-זאַוואָד, אין קאַלוגער גוב. און אין מאַלצעווס זאַוואָדן אין דער זעלבער גובערניע. די אַלע אומרוען ווערן כאַראַקטעריזירט דורך דער גרויסער אָרגאַניזירטקייט פון די אַרבעטער און דער פאָדערונג פון באַלדיקן באַפרייען און אַריבערגיין אַף פרייגעדונגענער אַרבעט.

א. מ. פאנקראטאָווא

דער ארבעטער־קלאס און די א־בעטער־באוועגונג אין דער עפּאָכע פונעם אינדוסטריעלן קאפּיטאליזם

(די יאָרן 1881—1900)

קאפּיטל איינס

דער פּראָצעס פונעם פּראָלעטאריאַ'ס אויספורעמונג און זיין לאגע נאָך דער רעפאָרם

1. די פויערים־רעפאָרם און איר ווירקונג אף דער אויסבילדונג פונעם פּראָלעטאריאַט

צוויי וויכטיקע עפּאָכעס אין דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פונעם קאפּיטאליסטישן רוסלאנד באצייכענען דעם אופקום און דעם אופבלי פונעם אינדוסטריעלן קאפּיטאליזם, דאָס זיינען: די 30-ער — 50-ער יאָרן און די 90-ער יאָרן. פון דער ערשטער דאטע הייבן זיך אָן א ריי יאָר־צענדליקער, ווען דער קאפּיטאליזם זאמלט בלויז זיינע קרעפטן. אין דער דאָזיקער עפּאָכע אנטוויקלט זיך ברייט די טעקסטיל־אינדוסטריע, אף דער היסטאָרישער ארענע טרעט ארויס דער ארבעטער־קלאס ביכלאל און די טעקסטיל־ארבעטער, אלס די ערשטע פּראָלעטארישע שלאָג־מאכנע, — ביפּראט.

די רעפאָרם פון יאָר 1861 איז געווען דער ערשטער גרעסטער זיג פונעם אינדוסטריעלן קאפּיטאליזם אין פּראָצעס פון זיין וואקסן. ניט געקוקט אף דעם, וואָס די דאָזיקע רעפאָרם האָט געטראָגן א האלבלעכן, קאָמפּראָמיסלעכן כאראקטער, האָט זי דאָך מיטגעהאָלפן צו אנטוויקלען די פרייע ארבעט און צו שאפן א מער אופנעמפייקן אינערלעכן מארק, וואָס איז נייטיק געווען צום פארפעסטיקן אין רוסלאנד די קאפּיטאליסטישע פארהעלטענישן.

דאָס איז געווען אן איבערגאנג־עפּאָכע, ווען די קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציע האָט גענומען שנעל זיך שטעלן אף די אייגענע פיס. אין דער דאָזיקער עפּאָכע האָט זיך באזונדערס אינטענסיוו פאנאנדערגעוויקלט דער פּראָצעס פון אָפּטיילן דעם פּראָדוצירער פון די פּראָדוציר־מיטלען און פארוואנדלען אים אין א לוין־ארבעטער. דורך מיטלען פון עקאָנאָמישער און אויסערעקאָנאָמישער אופווירקונג האָט דער קאפּיטאל זיך דערשלאָגן צו אן אָנהערלעכן צופלוס פון פרייער און ביליקער ארבעט־קראפט, און אף איר עקספּלואטאציע האָט ער געבויט זיין אופבלי. אזוי זיינען צוגעגרייט געוואָרן די נייטיקע פאָרהאנטכעס פארן אופבלי פונעם אינדוסטריעלן קאפּיטאליזם, וואָס איז פארבונדן מיטן פעריאָד פון די 90-ער יאָרן. דאָס איז געווען גראָד די צייט, ווען עס האָט זיך געשאפן די באזע פון דער גרויס־קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע —

די מעטאַלורגיע. און אין דער געשיכטע פונעם אַרבעטער-קלאַס הייבן זיך אָן פון דער דאָזיקער דאַטע אַ ריי שלאַכטן פונעם פּראָלעטאַריאַט קעגן דער זעלבסטהערשונג און קעגן קאַפּיטאַל, — שלאַכטן, וואָס האָבן די גרעסטע היסטאָרישע באַדייטונג.

אָבער די רעפאָרם פון יאָר 1861 איז געווען ניט מער, ווי אַ האַלבער זיג פונעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל. אין דאָרף האָבן די לייבאייגנטימערישע רעשטלעך ניט בלויז זיך פאַרהאַלטן, נאָר אַפילו זיך פאַרפעסטיקט און זיי האָבן טאָרמאָזירט די קאַפּיטאַליזירונג פונעם לאַנד. דערפאַר טאַקע זיינען די דאָזיקע לייבאייגנטימערישע רעשטלעך אַריינגעדרונגען אין די שפּאַרעס פון די סאָציאַל-עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן און האָבן דורכגעזאַפּט די גאַנצע פּאָליטישע אָרדענונג אין רוסלאַנד, סיי אין די 90-ער יאָרן, סיי אין די רעוואָלוציע-יאָרן פון 1905 און האַרט ביזן יאָר 1917. זיי האָבן באַגלייט דעם וווּקס פונעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם און אויפגעלייגט אויף אים אַ ספּעציפישן שטעמפּל, וואָס אונטערשיידט באַדייטנדיק דעם רוסלענדישן קאַפּיטאַליזם פונעם מער אַנטוויקלטן און „אומאָפּהענגיקן" קאַפּיטאַליזם אין מיירעוו. אָט דער זעלבער „האַלבער זיג" פון יאָר 1861 האָט באַדינגט דעם שוואַכן אַנטוויקלונג-טעמפּ פון דער אינדוסטריע אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעפאָרם. ערשט סאָף 60-ער יאָרן, ווען עס אַנטוויקלט זיך דער געלט-קרעדיט און עס בויען זיך אויס אייזנבאַנען הייבט זיך אָן אַ מער קענטיקע אויפלעבונג פון דער אינדוסטריע.

נאָך דער רעפאָרם אַנטוויקלט זיך שטאַרק די טראַנספּאָרט-בויונג און עס באַקומט וואָס ווייטער אַלץ אַ גרעסערע באַדייטונג די באַנק-סיסטעם. פאַרן פרייִקן פעריאָד פונעם רוסלענדישן קאַפּיטאַליזם איז די אייזנבאַן-נעץ דער צייגער פונעם שנעלן ווירטשאַפטלעכן וווּקס. אין די 70-ער יאָרן איז געוואָרן אויסגעבויט 10.953 ווערסט אייזנבאַן-וועגן. מערסטנטייל האָבן זיי באַדינט דעם האַנדל מיט טוווע און מיט אויסאַרבעטונגען פון דער אינדוסטריע, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין פּאַנאַנדערוויקלען; זיי האָבן אויך צוגעפירט פראַכטן צו די האַפנס. די אייזנבאַן-וועגן האָבן געגעבן דער בורזשואַזיע אַ מעגלעכקייט צו פאַרשטאַרקן דעם עקספּאָרט און פאַרברייטערן דעם אימפּאָרט פון רויוואַרג און מאַשינעס פאַר דער פּראָדוקציע פון פּראָדוציר-מיטלען. די צאָל-פּאָליטיק פון דער רעגירונג האָט אויך מיט אַלע מיטלען מיטגעווירקט און סטימולירט די אַנטוויקלונג פון דער רוסלענדישער אינדוסטריע. די קאַפּיטאַלן-אָנזאַמלונג האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקווירטשאַפט. אין מעשעך פון די 70-ער יאָרן ביז די 90-ער יאָרן האָט דער טוווע-עקספּאָרט באַטראָפן 8,3 ביליאַרד רובל און האָט געגעבן 500 מיליאָן ר. רעוועך. אָנהייבנדיק פון דער צווייטער העלפט 70-ער יאָרן האָט שוין רוסלאַנד געהאַט אַן אַקטיוון באַלאַנס. דער אינערלעכער מאַרק ווערט אויך וואָס ווייטער אויפנעמפייִקער. אין די 90-ער יאָרן האָבן די בענק געהאַט בײַ זיך 230 מיליאָן רובל איינלאַגן אַנשטאָט 78 מיליאָן ר. אין יאָר 1870. אָבער אין דעם זעלבן יאָרצענדליק האָבן די גוטבאַזיצער אַרויסגענומען 377 מיליאָן ר. אַלס אויסקויף-האַלוואָעס. די דאָזיקע באַדייטנדיקע סומע איז דער באַטרעף פון דער פאַרטיפערטער רויִנירונג פונעם פּויערטום, פון זיין בלייבן אָן ערד, וואָס האָט פאַרגרעסערט דאָס אַוועקגיין אויף אַרבעט אין שטאָט אַריין.

די טעקסטיל-אינדוסטריע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַמערסטן צוגעגרייט צו די נייע באַדינגונגען פון נאָך דער רעפאָרם — צו דער באַזע פון לוין-אַרבעט. די טעקסטיל-אינדוסטריע איז געווען די איינציקע, וואָס האָט צו דער צייט פון דער רעפאָרם גע-

האט אן אייגענעם, שוין קימאט אויסגעבילדעטן קאדער שטענדיקע לוין-ארבעטער. באזונדערס באציט זיך עס צו דער באוול-אינדוסטריע, וואָס האָט געארבעט פארן פרייען מארק. אין אנדערע פראָדוקציעס, למשל, אין דער געוואנט-פראָדוקציע, וואָס האָט געארבעט פאר דער ארמיי, און אין דער מעטאלורגישער, וואָס האָט געארבעט אף מעלוכישע באשטעלונגען, האָט קימאט הארט ביז דער רעפאָרם פארנומען דעם אויבנאָן די לײַבאייגנטימערישע ארבעט און צוואנג-ארבעט.

לויט די אָנגאבן פונעם מאנופאקטור-דעפארטאמענט, זײַנען צום מאָמענט פון דער פויערים-באפרײַונג אין אייראָפּייִשן רוסלאנד געווען 15.388 פאבריקן מיט 565.148 ארבעטער. בא א העלפט פון דער דאָזיקער מער ווי א האלב מיליאָניקער ארבעטער-מאסע זײַנען געווען לײַבאייגענע פונעם גוטבאזיצער אָדער פונעם פאבריקאנט.

די פויערים-באפרײַונג האָט אוועקגעשטעלט די פראגע וועגן דער נייטיקייט פון לוין-ארבעט פאר דער אינדוסטריע, ד. ה. וועגן שאפן אין רוסלאנד אן ארבעטער-קלאס, וועלכער איז שוין געווען אין אלע קאפּיטאליסטישע לענדער.

די פויערים-באפרײַונג האָט פארשנעלערט דעם אויסבילדונג-פּראָצעס פונעם ארבעטער-קלאס. די באדינגונגען גופע פון דער באפרײַונג האָבן באוואָרנט דעם קאפּיטאל מיט ביליקער לוין-ארבעט, דער גרינטלעכסטער פון די דאָזיקע באדינגונגען איז געווען דאָס, וואָס מע האָט זייער קנאפּ באטיילט די פויערים מיט ערד און דאָס האָט זיי אין לעצטן סאכאקל געבראכט צו דער „אנטפויערונג".

וואָס אָנבאלאנגט די פויערים, וואָס האָבן בײַם דער לײַבאייגנטימערײַ-רעכט געארבעט אין די גוטבאזיצערישע פאבריקן, אָדער די פּאָסעסיאָנע פויערים, וואָס זײַנען צוגעקויפט געוואָרן אָדער צוגעשריבן געוואָרן צו די פאבריקן, ווי אויך די, וואָס האָבן געארבעט אין די קאזיאָנע אָדער פּריוואטע בארגווערקישע אונטערנעמונגען, זײַנען בעגנעגייע זיי אף א מעגלעכסט לאנגן טערמין פארבליבן די צײַט-פליכט-פארהעלטענישן. דערמיט אליין זײַנען די ארבעטער פארפעסטיקט געוואָרן בא דער אונטערנעמונג און זי איז באוואָרנט געוואָרן מיט קימאט אומזיסטער ארבעט.

אָבער די ארבעט פון די צײַטווײַליק-פארפליכטעטע האָט זיך ניט געלוינט, איבערהויפּט אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע, און דאָס האָט געצוווּנגען די גוטבאזיצער אנטשיידענער אָפּצוזאָגן זיך פון באנוצן אין די פאבריקן צוואנג-ארבעט. פאר די פאבריק-ארבעטער איז אײַנגעשטעלט געוואָרן א צווייאָריקער איבערגאנג טערמין, קעדיי „ניט אוועקצושטעלן מיטאמאָל די פאבריק-איינגנטימער אין א שווערער לאגע און געבן זיי צײַט אריבערצופירן ביסלעכווײַז זייער פראָדוקציע פון לײַבאייגענער ארבעט אף פרייער".

קאָמפּליצירטער איז געווען די לאגע פון יענע פויערים, וואָס האָבן געארבעט אין די פּריוואטע און קאזיאָנע בארג ווערקישע אינטערנעמונגען. דאָ האָבן די אינטערעסן סײַ פון דער מעלוכע און סײַ פון די מעיוכעסדיקע פּריצים — בארגווערקער געפאָדערט מאקסימאל אָפּצונעמען די ערד בא די פויערים. די פויערים, וואָס זײַנען געווען צוגעשריבן צו די פּריוואטע בארג-זאוואָדן, זײַנען אײַנגעטיילט געוואָרן אף האנטווערקער און דאָרפישע ערד-ארבעטער. די האנטווערקער האָבן באקומען פון די זאוואָד-אייגנטימער נאכלעס און האָבן אויך געקענט באקומען פאר געוויסע היסכײַוועסן א קליינעם לאָנקע און אקער-ערד. די דאָרפישע ארבעטער האָבן געקענט באנוצן ערד אף א געמיינע יעסוידעס באגלײַך מיט אלע פויערים. די ארבעטער פון די מעלוכישע זאוואָדן האָבן באקומען

אומזיסטע נאַכלעס, און ערד — בלויז די, וואָס האָבן זי פאַרמאָגט נאָך פאַר דער רעפאָרם. אַכוץ דעם, האָבן די זאַוואָדישע פויערים טייל פון די פּריוואַטע זאַוואָדן און טייל פון מעלוכישע געדאָרפט אָפּדינען אויפן זאַוואָד אַ באַשטימטן טערמין פאַר די שטיקער ערד, וואָס זיי האָבן באַקומען.

די לאַגע פון די פויערים און פון די פויערים-אַרבעטער איז נאָך דער רעפאָרם, וועלכע האָט זיי געלאָזן אָן ערד און צערויִנירט, געווען זייער אַ שווערע אין די באַדינגונגען פון דער שנעלער אַנטוויקלונג פון די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן אין לאַנד.

די צעפאַלונג פון דער נאַטורעלער ווירטשאַפט אין דאָרף און די גרעסערע באַדערפעניש אין געלט אויף צו באַצאָלן שטייערן און אויסקויפן זיך פון פליכטן האָט געצוווּנגען די פויערים ניט נאָר צו פאַרקויפן די גאַנצע טוווּע זייערע און מאַקסימאַל צו פאַרקירצן די אייגענע באַדערפענישן, נאָר אויך פאַרקויפן זייערע אַרבעט-הענט. די פאַרשקלאַפנדיקע ערד-אַרענדע און די זייטיקע געווערבן, באַ וועלכע די פויערים זיינען ניט זעלטן פאַרשקלאַפט געוואָרן צום אופקויפער, האָבן ניט געראַטעוועט די פאַלנדיקע פויערשע ווירטשאַפט. אין כעושבן פון די רויִנירטע זיינען אויסגעוואַקסן און האָבן זיך באַפעסטיקט די ווירטשאַפטלעך-שטאַנדהאַפטיקערע פויערים און, אַזוי אַרום, האָט זיך געשאַפן אַ פאַרמעגלעך באַלעגופּיש אויבערקעפּל. די עקאָנאָמישע ענדערונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעמערקט אין דער נאָכרעפאָרמישער פויערשער ווירטשאַפט, האָבן געבראַכט צום וווּקס פון דער קלאַסן-צעגלידערונג פונעם פויערטום. אין רעזולטאַט דערפון האָט זיך געשאַפן אויף איין פּאָליוס אַ דאָרפישע בורזשואַזיע, און אויפן צווייטן פּאָליוס — אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָלעטאַריאַט, וואָס לעבט אויסשליסלעך פון פאַרקויפן זיינע אַרבעט-הענט.

צו די 80-ער יאָרן האָבן קימאַט 30 פּראָצ. פון אַלע פויערשע ווירטשאַפטן געהערט צו דער עקספּראָפּרייִרטער ווירטשאַפט, וואָס האָט צוגעשטעלט פאַר דער אינדוסטריע קאַדרען לוין-אַרבעטער. דער פּראָצעס פון אָפּטיילן דעם זעלבשטענדיקן פּראָדוצירער-פויער פון די פּראָדוציר-מיטלען, וואָס איז דער פונדאַמענט פון אָנפאַנגלעכער אָנזאַמלונג, איז געגאַנגען שנעל פּאָרויס. אויב די „רעפאָרם“ פון יאָר 1861 האָט אָפּגעריסן פון דער ערד, דורכשניטלעך, 11,4 פּראָצ. פויערים, איז אין יאָר 1881 די דאָזיקע צאָל דערגאַנגען אין מאָסקווער גובערניע ביז 21,3 פּראָצ. אין ריאַזאַנער גובערניע איז די צאָל ערדלאָזע פויערים אויסגעוואַקסן ביז 17,4 פּראָצ. (האַגאַם צום אָנהייב פון דער רעפאָרם זיינען דאָרט קיין ערדלאָזע אינגאַנצן ניט געווען), אין סמאָלענסקער גובערניע — ביז 29,1 פּראָצ., אין סאַמאַרער — ביז 17,5 פּראָצ. דער „אַנטפויערונג“-און פּראָלעטאַריזירונג-פּראָצעס איז העפטיק געגאַנגען אין אוקראַינע: אין פּאָלטאַווער גוב., למשל, איז דער פּראָצענט ערדלאָזע אויסגעוואַקסן ביז 32,6 פּראָצ. א.ד.ג. נאָך אינטענסיווער און שטורמישער איז פאָרגעקומען די פּראָלעטאַריזירונג פונעם פויערטום נאָכן הונגער אין יאָר 1891. ערשט אין די ניינציקער יאָרן האָט זיך פאַרענדיקט דער דויערנדיקער היסטאָרישער פּראָצעס פון אָפּרייסן דעם פּראָדוצירער פון דער ערד, וואָס איז סטימולירט געוואָרן דורך די באַדינגונגען און דורכן כאַראַקטער פון דער „רעפאָרם“ פון יאָר 1861.

„די גאַנצע פערציק יאָר נאָך דער רעפאָרמע זיינען איין דורכויסיקער אַנטפויערונג-פּראָצעס“ — האָט לענין געשריבן וועגן דעם דאָזיקן היסטאָרישן עטאַפּ, ווען דער

פראָלעטאריאט האָט זיך אויסגעבילדעט אפן כעזשבן פון דער פויערישער מאסע, וואָס
איז געבליבן אָן ערד, פאראָרעמט און האָט זיך פראָלעטאריזירט.

די „אנטפויערונג“ האָט געבראכט צו דער נייטיקייט זוכן פארדינסטן אָנדערזייט
און צום פארגרעסערן דאָס אוועקגיין פון ערדארבעטערישע אין ניטערדארבעטערישע
מאסן. שוין אין די 70-ער יאָרן פלעגן אוועקגיין, אומגעפער, בא $1^1/_2$ מיליאָן פויערים
א יאָר אף ניטערדארבעטערישע געווערבן. אין די 80-ער יאָרן פלעגן אין 50 גובערני-
עס בא 5 מיליאָן פויערים יערלעך ארויסנעמען פעסער, קעדיי אוועקצוגיין זוכן ארבעט
אין דער זייט. פון די 50 גובערניעס פלעגט אין 12 גוב. די איבערוועגנדיקע מערהייט
אוועקגיין אף ניט-ערדארבעטערישע געווערבן און ארויסנעמען 1,7 מיליאָן פעסער. פאר-
שיידענע גובערניעס פלעגן זיך „ספעציאליזירן“ אין דעם אָדער יענעם געווערב. טווע-
רער גובערניע פלעגט צושטעלן אין די אינדוסטריעלע שטעט, וואָס האָבן זיך דאן
געהאלטן אין בויען, פארשיידענע קאטעגאָריעס בויער: טעסליערס, מולערס א.ד.ג.
קאלוגער גובערניע פלעגט צושטעלן ערדגרעבער, וולאדימירער — טעסליערס און פאב-
ריק-ארבעטער, קורסקער און אָריאָלער — שאכטיאָרן, פענזער — בורלאקעס אף דער
וואָלגע. אכוץ דעם פלעגן קימאט אלע גובערניעס צושטעלן שווארצארבעטער צו בא-
דינען די בויונג פון אייזנבאנען א. ד. ג. קיין אוקראינע, אינעם ברויטרייכן סטעפ-
קאנט, צו די קוילן-שאכטעס פון דאָנעצער באסיין פלעגן זיך לאָזן פויערים פון אלע
גובערניעס. די אוקראינישע צוקער-בורעקעס-אינדוסטריע, די בראָנפן-פראָדוקציע, און
איבערהויפט די דאָנבאסער אינדוסטריע פון שטיינקוילן און מעטאלורגיע האָבן פאר-
ברייטערט זייער פראָדוקציע מיט דער הילף פון אָנגעפאָרענער ארבעט-קראפט. אין
די 60-ער — 70-ער יאָרן איז אויך געוואָרן אויסגעבויט די מאָסקווער-קורסקער און
כארקאָווער-אזאָווער אייזנבאנען און די וואָראָנעזש-ראָסטאָווער און דאָנעצער ליניעס,
וואָס האָבן פארבונדן דעם ברויט-און קוילן-רייכן קאנט מיט די האפנס און מיטן אינ-
דוסטריעלן צענטער. די „טשוהונקע“ — אזוי האָבן די פויערים גערופן דעם אייזנבאן —
האָט קימאט אינגאנצן זיך געבויט מיט די הענט פון פויערים, וואָס האָבן ניט געפונען
קיין ארבעט אין זייערע רוינירטע דערפער. אף דערעם האָבן זיך ביסלעכווייז צעבליט
די קאפיטאליסטיש-אָרגאניזירטע „טווע-פאבריקן“, וואָס האָבן צוגעצויגן צו זיך די
מאסן לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער.

די רוינירונג, דאָס בלייבן אָן ערד און די פאראָרעמונג איז בלויז געווען דער
ערשטער עטאפ אפן וועג צו פראָלעטאריזירונג. דאָס אוועקגיין אין דער אינדוסטריע
האָט טיפער געמאכט דעם פראָצעס פון אָפרייסן דעם פויער פון דער ערד. די קאפי-
טאליסטישע פראָדוקציע, וואָס האָט זיך אנטוויקלט סיי אין שטאָט, סיי אין דאָרף,
האָט אינטענסיוו איינגעזאפט אין זיך די דאָרפישע ארבעט-קראפט, וואָס איז געפלאָסן
אָן אופהער, און האָט זי אויסגעשולט און איבערגעקאָכט אינעם פאבריק-קעסל. אזוי
האָבן זיך פון די אָפגעשטאנענע און פינצטערע „דאָרפלייט“ געשאפן קאדרען פון אינ-
דוסטריעלן פראָלעטאריאט. די פאבריק-ארבעטער זיינען נאָך געבליבן פארבונדן מיט
דער ערד, אָבער פון יאָר צו יאָר איז די פארבינדונג אלץ קלענער געוואָרן. לויט די
יעדיעס, וואָס די פאבריק-אינספעקציע אין מאָסקווער קרייז האָט צונויפגעזאמלט פאר
די יאָרן 1883-93 האָבן אין 1.263 פאבריקן 82 פראָצ. ארבעטער געארבעט א קיילעכיק יאָר,
ניט אוועקגייענדיק אין דאָרף, און בלויז 18 פראָצ. ארבעטער פלעגן אוועקגיין אף זו-
מער אהיים. פאר דעם פויער, וואָס איז אוועקגעגאנגען פון דאָרף ארבעטן אין פאב-

ריק, איז דער ערד-כיילעק געווען נאָר אַן איבעריקע לאַסט צו זאָרגן וועגן די שטײַערן, וואָס ער פלעגט מוזן אַרײַנטראָגן באַם בײַטן דעם פּאַספּאָרט. אזא פויער, אויב ער האָט נאָר ניט געהאַט אין דאָרף קיין פאַמיליע און ניט די לאַנג-פאַרלאָזענע נאַכלע, האָט ער געשטרעבט פּאָטער צו ווערן פון זײַן קליינעם כיילעק ערד, אײַנצורײַסן זײַנע באַציונגען מיט דער ערדאַרבעט, זיך פאַרשרײַבן פאַר א „שטאָט-בירגער" און ווערן א שטענדיקער פּראָלעטאַריער. לויט דעמענטיעווס אָנגאַבן, האָבן אין די יאָרן 1884-1885 פון יעדע הונדערט אַרבעטער 91,5 געשטאַמט פון פויערים און בלויז 8,5 — פון ניט-פויערים. נאָר די דאָזיקע ציפער באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזען, ווען מע נעמט אין אַכט, אַז באַ 55 אַרבעטער פון די דאָזיקע הונדערטס האָבן די פאָטערס אויך געאַרבעט אין פאַבריק און באַ 45 האָבן די פאָטערס ניט געאַרבעט. אַנדערש גערעדט, דער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד האָט אָנהייב 80-ער יאָרן האַגאַם אַף 90 פּראָצ. געשטאַמט פון פויערים, אָבער אַף 50 פּראָצ. האָט ער געהאַט א „פאַבריק-גענעאַלאָגיע". אין די 80-ער יאָרן איז די פאַבריק געווען דער גרונט-קוואַל פון עקזיסטענץ פאַר א העלפט פון אַלע אַרבעטער אין רוסלאַנד. דערמיט אַליין האָט זיך פאַרענדיקט דער פּראָצעס פון אָפּרײַסן דעם פּראָדוצירער פון דער ערד-אַרבעט און פון פּראָדוציר-געצײַג, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן שוין פון לאַנג און וואָס איז לעכאַטכילע פאָרגעקומען אַף א צוואַנג-אויפן.

די פּראָלעטאַריזירונג פונעם פויערטום איז אויך געגאַנגען מיט אַנדערע וועגן. א טייל פויערים האָט זיך באַשעפטיקט מיט קוסטאַר-געווערבן, אַלס באַהילפיקע באַשעפטיקונג צום מאָגערן און קנאַפן כיילעק ערד. די פויערים-רעפאָרם האָט דערלאַנגט א קלאַפּ דעם קוסטאַר. זי האָט באַ אים אָפּגענומען די ערד אין דער מאָס, וויפל ער האָט זי געדאַרפט האָבן אַף אונטערצוהאַלטן זײַן זעלבשטענדיקייט. די אויספאָרשונג צווישן די קוסטאַרן אין די 70—80 יאָרן האָט באַוויזן, אַז דער פּראָצעס פון פאַרלירן די ערד איז באַ די קוסטאַרן אוועק זייער ווײַט. אין פּאַוולאָווסקער ראַיאָן האָבן 56 פּראָצ. הויז-באַלעבאַטים פון אַזעלכע אינדוסטריעלע דערפער, ווי פּאַוולאָוואָ, וואָרסמאָ און אַנד., פאַרדונגען זייערע ערדכאַלאָקים. די קוסטאַרן האָבן פאַרדונגען זייערע ערדכאַלאָקים צו פויערים, ניט זײַענדיק אַליין אימשטאַנד צו באַרבעטן און אָפּצאָלן פאַר זייערע ערדכאַלאָקים. נאָר פאַרלירנדיק די ערד, האָט דער קוסטאַר, אַלס זעלבשטענדיקער פּראָדוצירער, פאַרלאָרן אַפילע זײַן פריערדיקע קלויבערשטע אומאָפּהענגיקייט. ער איז אַרונטערגעפאַלן אינגאַנצן אונטער דער מאַכט פונעם אויפקויפער אָדער פאַבריקאַנט, אויב ער האָט געאַרבעט אינדערהיים אַף דעם פאַבריקאַנטס מאַטעריאַלן און באַשטעלונגען. שוין אין די 70-ער יאָרן איז די קאַפּיטאַליזירונג פון די קוסטאַר-געווערבן געווען אין פולן גאַנג. אין וולאַדימירער גובערניע, ווו די היימישע אינדוסטריע האָט זיך באַזונדערס צעבליט, זײַנען די קוסטאַרן פון אַלע דערפער געווען פולשטענדיק אָפּהענגיק פון די באַוול-פאַבריקן און די דאָזיקע פאַבריקן האָבן סײַ דירעקט, סײַ דורך זייערע קאָמיסיאָנערן און אויפקויפער אָנראַכמאָנעסדיק עקספּלואַטירט די קוסטאַרן.

אין די 80-ער יאָרן האָט די סטאַטיסטיק קאָנסטאַטירט, אַז די פויערישע געווערבן זײַנען קימאַט פולשטענדיק אונטערגעוואָרפן צום גרויס-קאַפּיטאַל, וועלכער האָט אָפּגענומען באַ דער קוסטאַר-אינדוסטריע יעדע זעלבשטענדיקייט, דאָס רויוואַרג, די מאַשינעס און דאָס געלט. דער קאַפּיטאַל, וואָס האָט פאַקטיש עקספּראָפּריִרט די קוסטאַרן,

האָט געצווּנגען פיל פּראָדוצירער, וואָס זיינען פריער געווען זעלבשטענדיק, אָנצוקומען, אַלס לוין־אַרבעטער אין די זעלבע קאַפּיטאַליסטישע פאַבריקן, וואָס האָבן זיי רויִנירט. אַזוי אַרום, איז סאָף 70־ער יאָרן און אָנהייב 80־ער שוין געווען פאַרלייגט דער פונדאַמענט פונעם קלאַס אינדוסטריעלע אַרבעטער, וואָס זיינען נייטיק געווען פאַרן קומענדיקן אויפבלי פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוציר־סיסטעם.

2. די מעטאָדן און פאָרמען פונעם קאַפּיטאַליסטישן עקספּלואַטירן דעם פּראָלעטאַריאַט אינעם ערשטן יאָרצענדליק נאָך דער רעפאָרם

די שפּעטע אַנטוויקלונג פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד האָט געבראַכט צו אַ מאָדנער צונויפפאָרונג פון נייע, קאַפּיטאַליסטיש פולשטענדיק ריַיפע פאַרהעלטענישן און אַנשטאַלטן (בענק, אַקציאָנערע קאָמפּאַניעס א. ד. גל.), מיט אַלטע — פאַרקאַפּיטאַליסטישע, פעאָדאַל־לײַבײגנטשאַפֿטישע איבערבלײַבעכצן (אין דער פּאָליטישער אָרדענונג — די זעלבסטהערשונג, שטאַנד־פּריווילעגיעס און ד. גל. און די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן — אַ צייט לאַנג אײַנגעהיט די לייבייגנשאַפֿטמעריסמע רעשטלעך אין דאָרף, ניט מיטאַמאָל און ניט פולשטענדיק באַפרייט די אַרבעט, געהאַלטן אָפּהענגיק די בורזשואַזיע פון דער לייבייגנטימערישער רעגירונג א. ד. גל.). אין מיירעוו איז די „אָנפאַנגלעכע אָנזאַמלונג" געווען אַ ראַדיקאַלער פּראָצעס פון אויסבילדן קאַפּיטאַל אַף איין פּאָליוס און לוין־אַרבעט אַפן צווייטן פּאָליוס. עקספּראָפּרירנדיק די פּראָדוציר־מיטלען באַם פריער זעלבשטענדיקן קליין־פּראָדוצירער, האָט דער דאָזיקער פּראָצעס, פון דער אַנדער זייט, אים באַפרייט פונעם פעאָדאַלן און צעכאָוון צוואַנג. דער אַרבעטער איז ווירקלעך געוואָרן „פריי ווי אַ פויגל", ד. ה. זיין אַרבעט און זיין גאַנץ לעבן איז געוואָרן אָפּהענגיק בלויז פון די „נאַטירלעכע געזעצן" פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. דער אויסערעקאָנאָמישער, דירעקטער צוואַנג איז אין רוסלאַנד פאַרבליבן ניט נאָר אינעם פעריאָד, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער „רעפאָרם", נאָר אויך קימאַט האַרט ביז דער רעוואָליוציע פון יאָר 1917. דער רויבערישער כאַראַקטער פון דער עקספּלואַטאַציע, וואָס איז אייגנטימלעך פאַרן פריַיקן קאַפּיטאַליזם, האָט אויך אין דער שפּעטערדיקער צייט ניט געענדערט זיינע גרונט־שטריכן. די צוואַנג־מעטאָדן פון דער „עפּאָכע פון אָנפאַנגלעכער אָנזאַמלונג" האָבן אין רוסלאַנד בלויז אָנגענומען מער מאָדערנע פאָרמען, ווײַל דאָ האָבן זיך צונויפגעפאָרט די „אַזיאַטישע" און „אייראָפּעישע" מעטאָדן פון עקספּלואַטאַציע, ד. ה. דאָ האָט זיך געשאַפן אַזאַ סיסטעם פון באַווירקן די אַרבעטער, בײַ וועלכער מע פּעגט אַרויסקוועטשן דעם גרעסטן מערווערט. דער פּראָצעס פון „אָנפאַנגלעכער אָנזאַמלונג", וואָס האָט אין רוסלאַנד זיך אָנגעהויבן לאַנג פאַר דער רעפאָרם, האָט ערשט שפּעטער באַקומען אינטענסיווע פאָרמען. אין רוסלאַנד איז דער אַנטוויקלונג־טעמפּ פונעם קאַפּיטאַליזם געווען אַ מער שטורמישער, ווי אין אייראָפּע. דאָרט, אין אייראָפּע, איז די אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם געגאַנגען, אויב מע קען זיך אַזוי אויסדריקן, אָרגאַנישער, מיט קלענערע שפּרונגען. אָבער אין די ערשטע יאָרצענדליקער נאָך דער רעפאָרם, אין XIX יאָרהונדערט און אַפילו אָנהייב XX יאָרהונדערט, איז דער קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד געווען אָפּגעשטאַנענער און ווייניקער אַנטוויקלט, ווי אין אייראָפּע און אַמעריקע. לויט דער אָפּגעשטאַנענקייט פונעם

קאפּיטאליזם איז אין יענעם פּעריאָד צוגעגאנגען לאנגזאם און שוואך די אויספּורעמונג פון די גרונט-קלאסן — פון דער בורזשואזיע און פון פּראָלעטאריאט, וועלכע האָבן ערשט אין פּראָצעס פון קאמף אָנגעהויבן באנעמען זייערע קלאסן-אויפגאבן און צילן. דער פּראָלעטאריאט, וואָס איז צום גרעסטן טייל אויסגעוואקסן פון די פּויערשע געדיכטעניש און האָט אין דער פארגאנגענהייט קימאט ניט פארמאָגט אזעלכע האנטווערקעריש-צעכישע טראדיציעס און אָרגאניזאציעס, ווי דער מייַרעוו-איירָאָפּייִשער ארבעטער, האָט אין יענע יאָרן בלויז ביסלעכווייז זיך ארויסבאפרייט פונעם „אידיאָטיזם פון דאָרפישן לעבן". ביסלעכווייז, שיכט נאָך שיכט, אריבערגייענדיק פון איין שלאכט צו א צווייטער, האָט ער זיך אויסקריסטאליזירט אין אן ארבעטער-קלאס.

די ערשטע יאָרצענדליקער פונעם נאָכרעפאָרמישן פּעריאָד האָבן אָנגעזאמלט זייער א רייַכן פאקטישן מאטעריאל, וואָס כאראקטעריזירט די לאגע פון די רוסישע ארבעטער.

די לייבייגנטימעריש-פּאטריארכאלע פארהעלטענישן צווישן ארבעט און קאפּיטאל האָבן נאָר פארשטעלט די אומבאגרענעצטע, ברוטאלע עקספּלואטאציע פון די ארבעטער. די ארבעט איז קימאט ניט באשיצט געוואָרן מיצאד דער געזעצגעבערייַ. פארקערט, דער קאפּיטאל און די „קאזנא" (די רעגירונג פון פּריצים, וואָס איז אליין געווען אן אונטערנעמער) האָבן אייניק און צוזאמען אָנגעווענדעט אלע קרעפטן אף צו באקומען, פארפעסטיקן און מאקסימאל אויסנוצן די נייטיקע צאָל ארבעט-הענט, און מיט דער הילף פון ווילדער עקספּלואטאציע פון לוין-ארבעט צו פארפונדעווען די נייע פּראָדוציר-סיסטעם.

צווערשט האָט קרענקלעכער ווי אלע דערפילט א מאנגל אין ארבעט-קראפט די שווערע אינדוסטריע, וואָס איז נאָכן יאָר 1861 געווען געצוווּנגען אריבערצוגיין אף פרייַגעדונגענע ארבעט. דעריבער האָבן די אונטערנעמער אָנגעווענדעט אלע זייערע הויפּט-קרעפטן, קעדיי צו פארגרעסערן דעם צופלוס פון ארבעט-קראפט פון די דערפער און מיט אלערליי מיטלען זי פארפעסטיקן בא דער פאבריק. אלס עקאָנאָמישע באזע אף אָפּרייסן פון דאָרף און פארפעסטיקן בא דער פאבריק האָט געדינט די אויבן באשריבענע ווירטשאפטלעכע פאראָרעמונג און רויִנירונג פון די פויערים, וואָס האָט זיי געצוווּנגען צו גיין זוכן פארדינסטן אָן א זייט.

דער צווייטער עקאָנאָמישער פאקטער, וואָס האָט געשאפן שטענדיקע ארבעטער-קאדרען, איז געווען די מאשיניזירונג פון דער פאבריק. אין די 70-ער יאָרן איז אימפּאָרטירט געוואָרן טעכנישע אויסשטאטונג אף א סומע פון 53 מיליאָן רובל. די טעכנישע איבערויסשטאטונג פון די פאבריקן האָט ניט בלויז דערהארגעט די קוסטארישע געווערבן און מעלאָכעס, נאָר זי האָט אויך געשאפן באדינגונגען פאר דער אויספּורעמונג פון ארבעטער, וואָס זיינען פעסט פארבונדן מיט דער פאבריק. די איינגעפירטע פארפולקומונגען האָבן געבראכט צום פארקלענערן דעם נאָכפרעג אף די אמאָליקע בעריעדיקע פאכלייט און געשולטע האנט-ארבעטער, וואָס ווערן פארביטן אף ביליקערע ניטקוואליפיצירטע ארבעט, אף ארבעט פון פרויען און קינדער. דער וווּקס פון דער קאָנקורענץ אפן ארבעט-מארק האָט געצוווּנגען די ארבעטער צו האלטן זיך פעסט בא דער פאבריק און וואָס ווייטער האָט זיך אלץ מער און מער פארקלענערט דאָס אוועקגיין אף פעלד-ארבעט.

לויט לעניִנס אָנגאבן האָט מער פון אלץ אָפּגעריסן די ארבעטער פון דער ערד

די מעכאנישע פּראָדוקציע, וואָס פארקלענערט זייער פארבינדונג מיטן דאָרף. אזוי איז אין די גרויסע אונטערנעמונגען מיט א הויכער מאשין-טעכניק און מיט א קאפּיטאליסטיש אנטוויקלטער ארבעט-אָרגאניזירונג שטארק געפאלן דער פּראָצענט אוועקגייענדיקע אף פעלד-ארבעט. דער פּראָצענט שטענדיקע ארבעטער האָט דאָ דערגרייכט ביז 93,8—97,7 (אין די מאשינבוי-זאוואָדן פלעגן אוועקגיין אף פעלד-ארבעט 2,7 פּראָצ. אין די מעכאנישע ציץ-פאבריקן — 2,3 א. א. וו). פארקערט, אין די אונטערנעמונגען, ווו עס האָט דאָמינירט די האנט-ארבעט, איז דער פּראָצענט אוועקגייענדיקע געשטיגן (אין די באוול-וועבערײַען — אף האנט-ארבעט — ביז 70,5 פּראָצ. אין די זײַד-וועבערײַען — ביז 63,1 א. א. וו.). וואָס פעסטער עס איז געווען די פארבינדונג מיט דער מאשין, אלץ שוואכער איז געוואָרן די פארבינדונג מיט דער ערד. אויך דער טערמין פונעם אוועקגיין אף פעלד-ארבעט פלעגט באשטימט ווערן דורכן כאראקטער פון דער פּראָדוקציע: די ארבעטער פון די מעכאנישע פּראָדוקציעס פלעגן אוועקגיין אף א קורצער צייט, די ארבעטער פון האנט-ווערקשטעלן — אף א לענגערן טערמין.

די אונטערנעמער פלעגן באזונדערס גערן ארײַנציען קינדער און מינדעריאָריקע אין די פאבריקן, ווייל זייער ארבעט קאָסט ביליקער און לוינט זיך מער. דער מאנגל אין ערד פלעגט ארויסטרייבן פון דאָרף ניט בלויז פאָטערס, נאָר ער האָט אויך געצוווּנגען מיטנעמען מיט זיך אף ארבעט אין שטאָט די קינדער, איבערהויפּט, די 13—15-יאָריקע ייִנגלעך. יוגנטלעכע פון 14—18 יאָר פלעגן אסאך ווייניקער אוועקגיין אף פעלד-ארבעט איידער דערוואקסענע און פלעגן שטארקער און פעסטער זיך צופעסטיקן צו דער פאבריק. לויט די אָנגאבן פון דער ציילונג אין יאָר 1869, האָבן אין פעטערבורגער גובערניע געארבעט אף די אונטערנעמונגען 139.230 מענטשן, דערין: אין עלטער ביז 10 יאָר — 451, אין עלטער ביז 11 יאָר—147, ביז 12 יאָר — 4636, ביז 14—15 יאָר—7.752, ד. ה. קינדער און מינדעריאָריקע פון 10 ביז 15 יאָר האָבן באטראָפן בא 10 פּראָצענט (13.387 מענטשן) פון דער אלגעמיינער צאָל ארבעטער. מינדעריאָריקע פון 16 ביז 18 יאָר זיינען געווען ביז 19.694 מענטשן. די אלע קינדער און מינדעריאָריקע האָבן געארבעט הויפּטזאכלעך אין די שפּינערײַ-, וועבערײַ-און טאבעק-אונטערנעמונגען. אין מאָסקווער גובערניע, וואָס איז אין טעכנישער הינזיכט געווען אָפּגעשטאנענער, ווי די פעטערבורגער, פלעגט נאָך אין א גרעסערער מאָס באנוצט ווערן די ארבעט פון קינדער און מינדעריאָריקע: לויט די אָנגאבן פון יאָר 1871 זיינען 15 פּראָצ. פון דער אלגעמיינער צאָל ארבעטער געווען מינדעריאָריקע (29144 מינדעריאָריקע און קינדער אף 188.853 ארבעטער). מע דארף אָבער זאָגן, אז ניט נאָר די עקאָנאָמישע פאקטאָרן האָבן מיטגעהאָלפן צו פארפעסטיקן בא די פאבריקן די נייטיקע ארבעט-קראפט, נאָר אויך די אויסערעקאָנאָמישע. די פאבריקאנטן האָבן באנוצט א גאנצע *סיסטעם מאָסמיטלען*, קעדיי איינגאנצן אָפּנעמען אָדער מאקסימאל פארקלענערן די מעגלעכקייט פון די ארבעטער אוועקצוגיין אין דאָרף ארײַן. „די פאבריק-באלעבאטים באמיען זיך צו פארהאלטן בא זיך די ארבעטער אף דער צייט פונעם זומערדיקן האלב-יאָר. צוליב דעם פלעגן זיי לאָזן אין גאנג אלערליי שפּיצלעך און מיט דער הילף פון ברייטן אָנווענדן שטראפירונגען פלעגט מען פארקלענערן זיי ווי ווײַט מעגלעך דעם צוגעזאָגטן לוין" — אזוי קאָנסטאטירט אן אָפיציעלער באריכט פונעם מיניסטעריום פון מעלוכישע פארמעגנס אין יאָר 1878.

אין די ערשטע יאָרצענדליקער נאָך דער רעפאָרם פלעגן ברייט פּראַקטיקירט ווערן די ערגסטע פאַרשקלאַפנדיקע באַדינגונגען באַם דינגען ארבעטער. די מיטלען פון דינגען ארבעטער זיינען געווען פאַרשיידענע: אָדער א „פרייער" אָנדינגען, וואָס פלעגט געפירט ווערן דירעקט דורך די פאַבריק-קאָנטאָרן, אָדער דורך ספּעציעלע ווערביר-אַגענטן, אָדער דורך אוועלכן ניט איז אונטערנעמונגספּייִקן אלטן ארבעטער צי אָנגעשטעלטן, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער פאַבריק און פלעגט ווערבירן אין די דערפער פּאַרטיעס ארבעטער „ארטעלנווייז", אָדער גאָר דורך די וואָלאָסט-פאַרוואַלטונגען. באַם דינגען ארבעטער פלעגן אָנגיין אונטערקויפונגען, בראָנפן, פאַרשקלאַפנדיקע אוואַנסן און האַלוואָעס.

די ארבעטער פלעגט מען ארויסגעבן רעכענונג-ביכלעך, ווו די אונטערנעמער פלעגן אַריינשרייבן די קלאָלים און פאָדערונגען, וואָס באַגרענעצן די רעכטן פונעם ארבעטער און מאַכן אים פולשטענדיק אָפּהענגיק פונעם אונטערנעמער. גאָר אלס גרונט-„קלאל" איז געווען די פאָדערונג, אז דער ארבעטער טאָר ניט וואַרפן די ארבעט פאַרן טערמין און דאַרף מיט א כוידעש אָדער מיט אָנדערהאַלבן כאָדאָשים פריִער צו וויסן געבן, אז ער וויל אוועקגיין. אין קעגנפאַל בלייבט זיין פאַרדינטער לוין באַם באַלעבאָס. דער באַלעבאָס, ווידער, האָט געמעגט ארויסוואַרפן דעם ארבעטער פון פאַבריק צו יעדער צייט און איבער יעדער סיבע. טיילמאָל פלעגט מען אין די ווינטער-כאָדאָשים אַראָפּרעכענען באַם ארבעטער א באַשטימטן פּראָצענט פון זיין ארבעטלוין און די דאָזיקע אַראָפּגערעכנטע סומע פון ווינטער פלעגט מען ערשט אויסצאָלן פרילינג-צייט בלויז אין דעם פאַל, ווען דער ארבעטער פלעגט מאַסקים זיין צו ארבעטן זומער אויך. דעם ארבעטערס מאַטעריעלע אָפּהענגיקייט איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די פאַרשיידנערליי פּילצאָליקע שטראָפן, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין א קאָמפּליצירטער סיסטעם פון אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע. די פאַבריק-אינספּעקטאָרן ווייזן אָן אין זייערע באַריכטן ביזן יאָר 1885, אז די שטראָפן פלעגן טיילמאָל באַטרעפן פון 5 ביז 40 פּראָצ. פונעם ארבעטערס פאַרדינסט. דערביי פלעגט די צאָל „מאָטיוון" צום באַשטראָפן, אין הסכם מיט די מינדלעכע און שריפטלעכע „קלאָלים", אָפט דערגרייכן ביז 30—40 פּונקטן; מערסטנטיילס זיינען אָבער די שטראָפן געווען אָפּהענגיק פונעם ווילקיר פון א ליאַדע מייַסטער.

די אונטערדריקונג פונעם ארבעטער אין פאַבריק איז געקומען אלס אָפּשפּיגלונג און רעזולטאַט פונעם פּאָליטישן דרוק מיצאַד דער צאַרישער רעגירונג, וועלכע האָט פאַרפאָלגט דעם ארבעטער, דעם פּויער דורך א גאַנצער סיסטעם רעפּרעסיעס און פּאָליציייִשע מיטלען, איבערהויפּט — דורך דער פּאַספּאָרטן-סיסטעם. דער ארבעטער האָט געמוזט זיך פאַרדינגען אויף אזא טערמין, וויפל זיין פּאַספּאָרט איז געווען גילטיק. קעדיי פאַרלענגערן דעם פּאַס, פלעגט ער מוזן איינצאָלן אין דאָרף אַלע שטייערן, וואָס קומען פון אים, און באַם אומקערן זיך אין פאַבריק ווידער אונטערשרייבן נייע, צומאָלס נאָך מער פאַרשקלאַפנדיקע באַדינגונגען. דעם ארבעטערס רעכטלאָזיקייט און עקאָנאָמישע פאַרשקלאַפטקייט האָט געלאָזט פריי אַנטוויקלען די ביז גאָר רויבערישע עקספּלואַטאַציע, צו פאַרגרעסערן אָן א סאָף דעם ארבעט-טאָג און פאַרקלענערן דעם ארבעטלוין, אָפּנעמען באַ די ארבעטער דעם לעצטן זייכער פון מענטשלעכע באַדינגונגען פון ארבעט, דערנערונג, ווי

בונג, סאַניטאַריע און היגיענע, ניט דורכפירן אין לעבן קיינע קלאָלים וועגן פאַרהיטן דעם אַרבעטערס געזונט און זיין געפערלאָזיקייט בייס די מאַשינעס אַרבעטן, — אפילע ווען די דאָזיקע קלאָלים (קאַרגע און אומגענדיקע) זיינען געווען איינגעשטעלט דורך דער רעגירונג.

די געזעצגעבונג האָט ניט באַגרענעצט דעם דויער פונעם אַרבעט-טאָג. ער פלעגט איינגעשטעלט ווערן לויטן ווילקיר פון די פאַבריקאַנטן און זאַוואָד-אייגנטימער. דורכשניטלעך, איז די לענג פונעם אַרבעט-טאָג געווען 12—14 שאָ. נאָר אין אַסאַך אונטערנעמונגען האָט ער זיך געצויגן 16—18 שאָ. מערסטנטייל פלעגט ער ווילקירלעך פאַרלענגערט ווערן דורך איבערשטונדן און נאַכט-אַרבעט. דער אַרבעט-לוין איז געוויינלעך געווען אומגעקערט-פראָפּאָרציאָנעל צו דער לענג פונעם אַרבעט-טאָג. אין די שפּינעריי-און-וועבעריי-פאַבריקן פונעם צענטראַל-אינדוסטריעלן ראַיאָן פלעגן די איבערשטונדן פאַרלענגערן דעם אַרבעט-טאָג ביז 18—20 שאָ. אין די וואָל-און באַוול-שפּינערייען פלעגט מען געוויינלעך אַרבעטן צו 15 שאָ. אין די ראָגאָזשע-און פאַרבעריי-אָפּטיילונגען פלעגט די לענג פונעם אַרבעט-טאָג דערגיין ביז 16 שאָ. אין די שאַכטעס פון קאַטערינאָסלאַווער גוב. פלעגן דערוואַקסענע און קינדער אַרבעטן „פון פינצטער ביז פינצטער״, אָפּטמאָל צו 16—17 שאָ. אַף אוראַל איז דער „נאָרמאַלער״ אַרבעט-טאָג געווען 12 שאָ, אָבער אַרבעטן פלעגט מען וואַכטעסווייז: איין וואַכטע— פון 4 אינדערפרי ביז 12 באַטאָג, די צווייטע — פון 12 באַטאָג ביז 8 אָוונט, און פון 8 אָוונט ביז 4 פאַרטאָג ווידער די ערשטע וואַכטע, פון 4 פאַרטאָג ביז 12 באַטאָג— די צווייטע וואַכטע א. א. וו. אין מעשעך פונעם 8-שאָ:קן איבעררייס האָט מען געדאַרפט אָפּעסן, אָפּטאָן די הימישע איניאָנים, אויסשלאָפן זיך און — ווידער אַף דער אַרבעט. אַזאַ מין אַרבעט, לויט וואַכטעס, איז אויך פּראַקטיקירט געוואָרן אַף אַסאַך טעקסטיל-אונטערנעמונגען.

דעם אַרבעטערס רעאַלער אַרבעטלוין פלעגט נאָך פאַרקלענערט ווערן דורך די הויכע פּרייזן אַף פּראָדוקטן. די נאָכרעפאָרמישע צייט איז באַוווסט מיט איר וואַקסנדיקן יאָקרעס. דער אַרבעטער איז געווען געצוווּנגען צו פאַרקירצן ביז גאָר זיינע שוין אַזוי אויך גענוג באַגרענעצטע באַדערפענישן. בא אַ דורכשניטלעכן אַרבעטלוין פון 8—12 רובל פלעגט בא אַרטעלישער דערנערונג אַוועקגיין אַף עסן אַליין בא דריי פערטל פונעם פאַרדינסט. אַ באַדייטנדיקן טייל ביודזשעט פלעגט איינשלינגען די סיסטעם פון צווינגען דעם אַרבעטער איינצוקויפן פּראָדוקטן אין דעם באַלעבאָס קלייטן אָפּן כעזשבן פונעם אַרבעטלוין, צאָלנדיק טייערער און באַקומענדיק ערגערע פּראָדוקטן, חי אָפּן מאַרק. אַ באַזונדערער מין (לעגאַלע) ווילדע רויבעריי זיינען געווען די טערמינען פון פאַנאַנדערצאָלן זיך מיט די אַרבעטער. דאָ האָט געהערשט אַ פולשטענדיקער ווילקיר: אייניקע פאַבריקן פלעגן אויסצאָלן דעם אַרבעט-לוין 8 מאָל אין יאָר, אַנדערע — 6 מאָל אָדער 4 מאָל, הויפּטזאַכלעך ערעוו גרויסע יאָנטויוים און דאָס אויך ניט דעם גאַנצן לוין, נאָר אַראָפּרעכענענדיק 10 פּראָצ. „אָדלעכעזשבן״ און אַף דעקן די מעגלעכע שטראָפירונגען.

אין די 70-ער—80-ער יאָרן האָט זיך דער אַרבעטלוין פון די אַרבעטער געוואַקלט דורכשניטלעך צווישן 30 קאָפּ. ביז אַ רובל אַ טאָג. קינדער פלעגט מען צאָלן 10 קאָפּ. אַ טאָג. דער פאַרדינסט פלעגט דערביי פאַרקלענערט ווערן דורך די קאָלערליי אַראָפּרעכענונגען באַם אויסצאָלן דעם לוין. דאָס באַליבסטע מיטל צו פאַרקלע-

נערן דעם ארבעטלוין איז געווען שטראָף. די סיסטעם פון שטראָפירונג פלעגט צומאָל ברענגען דערצו, אַז וויפל דער ארבעטער האָט ניט געארבעט, פלעגט ער דאָך בלייבן א באַלכויוו דעם באַלעבאָס. איבערהויפּט איז דער שטראָף געווען אָנגענומען אינעם צענט-ראַל-אינדוסטריעלן ראַיאָן, האַגאַם אין די אופּגעם-באַדינגונגען פלעגט וועגן דעם ניט דערמאָנט ווערן. און אַף אוראַל, ווו די אָפּמאַך-באַדינגונגען זיינען געווען פיל מער אָפּן פארשקלאַפנדיקע, זיינען די שטראַפן געווען פאָרויסגעזען אין אָפּמאַך. לעמאָשל, פאַר ווארפן די ארבעט פלעגט דער ארבעטער דארפן צאָלן שטראָף 150 רובל, פאַר ניט ארויסגיין צו דער ארבעט — 1 ר., פאַר שיקערן — 1 ר., פאַר קריגן זיך — 3 ר. און א. וו. די מייַסטערס פלעגן שטראַפירן די ארבעטער לויט זייער אייגענעם איינ-זען, אָן קיינע קלאָלים.

אכוצן שטראָף און ניט-געזעצלעכע אראָפּרעכענונגען, פלעגט, געוויינלעך, דער באַלעבאָס ניט ארויסגעבן וואָכנלאַנג דעם ארבעטלוין, קעדיי דער ארבעטער זאָל מוזן נעמען פּראָדוקטן אין דער שכיינישער קלייט אָדער אין דער פאַבריק-קלייט, צאָלנדיק דאָרט טייַערער פאַר די סכוירעס און פארשאַפן דעם קאַפּיטאַליסט אַן איבעריקן פּראָצענט. באַם ארבעטער פלעגט מען אראָפּרעכענען דירע-געלט פאַרן רעכט צו באַ-נוצן זיך מיט די קאַזאַרמעס, פאַר באַלייכטונג אין די קאַזאַרמעס. די איבעריקע אראָפּרעכענונגען פלעגן אָנוואַקסן לויטן ווילן פון די פאַבריקאַנטן און זייערע דינער, און זיי האָבן ניט זעלטן באַטראָפן קימאַט דעם גאַנצן ארבעטלוין.

אזויארום, האָט דער קאַפּיטאַל פארגרעסערט זיינע אָנזאַמלונגען דורך דעם, וואָס ער האָט אָפן און אומפארשעמט באַרויבט די ארבעטער. די קאַפּיטאַליסטישע וווינונג-פּאָליטיק פון די 60—80-ער יאָרן האָט פאַרפּאָלגט די זעלבע רויבערישע צילן. די מערהייט פאַבריקן און זאַוואָדן פלעגן באַזאָרגן די ארבעטער מיט וווי-נונגען. בלויז א טייל ארבעטער פלעגט באַ א מעגלעכקייט דינגען דירעס אָן א זייט, אָדער זיי פלעגן וווינען אין די דערפער, וואָס האָבן זיך געפונען ניט ווייט פון די פאַבריקן. די פאַבריק-וווינונג האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א מין קאַמער-הויז, וואָס איז געווען איינגעטיילט אין צימערלעך-שטייגן, צו עטלעכע פאַמיליעס אין יעדן.

די קאַזאַרמעס זיינען באַשטאַנען פון אלגעמיינע שלאָפצימערן, ווו פאַרהייראַטע, ניטפאַרהייראַטע, דערוואַקסענע און קינדער זיינען געשלאָפן צוזאַמען, אין ענגשאַפט, שטיקעניש און שמוץ, אַף הילצערנע נאַרעס, וואָס האָבן ניט שטענדיק געקלעקט פאַר אלעמען; בייַם איין וואַכטע פלעגט ארבעטן, פלעגט די צווייטע וואַכטע שלאָפן. אין די דאָזיקע „וווינונגען“ איז, פארשטייט זיך, ניט געווען קיין ווענטילאַציע און אָפּט אפילע קיין וואַסערלייטונג און אָפּטריטן.

די שוידערלעכע אנטיהיגיענישע לעבנס-באַדינגונגען אין די קאַזאַרמעס און די שווערע ארבעט-באַדינגונגען אין פאַבריק, ווו ס'איז קיין זייכער ניט געווען פון אוועלכער ניט איז געפארלאָזיקייט-טעכניק, האָבן מיטגעהאָלפן צו פארשפּרייטן צווישן די ארבעטער קראַנקייטן, אויסצערונג און אויסשטאַרבונג. איבערהויפּט האָט די דאָזיקע צייט פון „אָנפאַנגלעכער אָנזאַמלונג“ זיך שווער אָפּגעשפּיגלט אַף די קינדער און מינדעריאָריקע, ווייל דאָס „אויסהאַרגענען קליינע קינדער“ איז, ווי קאַרל מאַרקס דריקט זיך אויס, געווען איינע פון די שאַרפסטע שטריכן פון עקספּלואַטאַציע אין דער דאָזיקער אנטוויקלונג-סטאַדיע פונעם קאַפּיטאַליזם. דער אַלגעמיינער פּראָצענט

קינדער אין די טעקסטיל־אונטערנעמונגען פון די 80־ער יאָרן פלעגט דערגרייכן ביז 44, צו דער צייט פונעם געזעץ פון יאָר 1882 האָט די קינדער־עקספּלואַטאַציע באַקומען אַן אומדערהערטן פאַרנעם. אָפטמאָל פלעגן די דאָרפישע עלטערן פאַרלייקענען דעם עמעסן עלטער פון די קינדער און אָפּגעבן זיי („אַף דער לער") אין פּולשטענדיקן רעשוס צו די פאַבריקאַנטן. די דערציִונג־הייזער און פּריִוטן פלעגן צושטעלן די פאַבריקן און זאַוואָדן מינדער־יאָריקע יעסוימים און פּאַרוואַרלאָזטע. דאָס גאַנצע פּראָדוציר־„לערנען" פון די קינדער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מע פלעגט זיי צווינגען אויספּילן קאַטערזשנע אַרבעטן באַגלייך מיט די דערוואַקסענע אין מעשעך פון 12—14 שאָ און נאָכדעם פלעגט מען זיי „לערנען" גראַמעטע, וואָס פלעגט גאַנץ אָפט פאַרביטן ווערן אַף שמיץ, קאַרצער און אָפּנעמען אפילע דעם האַלב־הונגעריקן פּאַיאָק, וואָס איז די קינדער געקומען. די אונטערנעמער פלעגן מיט די קינדער טאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט. און ווען קינדער פלעגן שטאַרבן, פלעגן אַף זייער אָרט טייקעף אָנקומען נייע פּאַרטיעס ביליקע און אומבאַשיצטע קינדער־מי פון די דערפער און פון די שטאָטישע פּריִוטן.

דער רוסישער קאַפּיטאַליזם איז, ווי דער מיירעוו־אייראָפּייִשער, געוואַקסן אַף די טרערן, שווייס און בלוט פון פיל און פיל צענדליקער טויזנטער „פרייע" אַרבעטער.

קאַפּיטל צוויי

דער אַרבעטער־קלאַס און דער פּאָלקיזם

1. די שטרייקן פון די 60—70־ער יאָרן, זייער כאַראַקטער און באַזונדערקייטן

דער איבערגאַנג־כאַראַקטער פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן אין די ערשטע יאָרצענדליקער נאָך דער רעפאָרם האָט געווירקט ניט נאָר אַף די באַדינגונגען און כאַראַקטער פון אויספורעמען דעם אַרבעטער־קלאַס, נאָר אויך אַף די ערשטע קאַמף־אַרויסטרעטונגען זיינע. דער אַרבעטער־פּויער האָט, ווי פריער, אַפּן דרוק פונעם קאַפּיטאַל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרשטאַרקן, אָפּטער ווי אַלץ רעאַגירט מיט מיטלען, וואָס זיינען אייגנטימלעך געווען פאַר די פּויערישע בונטן אָדער פאַרן גרעסטן טייל אַרבעטער אומרוען (אַף דער פּאָליציייִשער שפּראַך — „אומאָרדענונגען") פון דער פאַררעפאָרמישער עפּאָכע, — מיט ריין־פּויערישער סטיכיישקייט, ניט אָרגאַניזירטקייט און קנאַפּן פאַרשטיין די עמעסע צילן און אויפגאַבן פון קאַמף. די ערשטע יאָרן נאָך דער רעפאָרם האָט דער אַרבעטער־פּויער, צוגלייך מיט מאַסן־טעראָר, מיט אונטערצינדן, צעשטערן די אונטערנעמונגען אויך געשיקט ביטשריפטן און שליכים צו דער מאַכט מיט האַכנאָעדיקע און נעבעכדיקע ביטעס וועגן פאַרלייכטערן די שווערע אַרבעט־און לעבן־באַדינגונגען *.

* אין יאָר 1879 האָט דער גובערנאַטער צוגעשיקט אַלס ענטפער אַף אַזאַ מין הישטאַדלעס פון די אַרבעטער פון איינער .ג גרויסן פּערמער־זאַוואָד אַזאַ רעזאָליוציע: „געבן שמיץ דעם גאַנצן זאַוואָד". אין רעזולטאַט האָבן 1000 סאָלדאַטן פאַרשמיסן 37 אַרבעטער ביז טויט און 25 אַרבעטער זיינען איינגיכן געשטאָרבן פון די קלעפּ.

די שטרייקן אָדער „אומאָרדענונגען״ פון די 60־ער יאָרן זיינען פאָרגעקומען איבערהויפּט צווישן די באַרגווערקישע ארבעטער, ווי אויך צווישן די פּויערים, וואָס האָבן געארבעט בא דער „טשוהונקע״, ד. ה. צווישן די ערשטע אייזנבאַן־ארבעטער — די 60—70־ער יאָרן זיינען געווען דער אָנהייב פון א גאנצן פּעריאָד הער טיקער אייזנבאַן־בויונג און פון דורכגראָבן קאנאָלן.

אין יאָר 1861 זיינען פאָרגעקומען אומ ועו צווישן די, וואָס האָבן געארבעט באם דורכגראָבן דעם ניי־לאדאָזשער קאנאל. אין יאָר 1862 האָבן אלס פּראָטעסט קעגן די מיסברויכן פון די ליפעראנטן פארשטרייקט די ארבעטער, וואָס האָבן געארבעט באם בויען די דאָרעמדיקע אייזנבאַן. אין יאָר 1863 זיינען פאָרגעקומען אומרוען צווישן די באַרגווערקישע ארבעטער פון פּערמער, אופימער און אָריענבורגער גובערניעס. אין די יאָרן 1865־1866 זיינען פאָרגעקומען באזונדערס שטארקע אומרוען צווישן די ארבעטער פון די כאָלוניצקער זאוואָדן, לעבן וויאטקע, און פון די איזשאָרסקער זאוואָדן, ווו די פּראָדוקציע האָט זיך פארקירצט. די דאָזיקע אלע אומרוען און שטרייקן זיינען ברוטאל דערשטיקט געוואָרן, די „אויפהעצער״ האָט מען ארעסטירט און פארשיקט.

דער עמעסער קאמף פונעם ארבעטער־קלאס הייבט זיך אָבער אָן בלויז דאן, ווען אף דער ארענע טרעטן ארויס די טעקסטיל־ארבעטער, דעהיינע — ביים דעם ערשטן היסטאָרישן שטרייק אף דער נעווסקער באוול־שפּינעריי אין פּעטערבורג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 22־טן מיי 1870 י.

די אנטוויקלונג פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע האָט זיך אָנהייב 60־ער יאָרן א ביסל פארלאנגזאמט. אין דער זעלבער צייט פארגרעסערט זיך דאָ דער צופלוס פון ארבעטער, איבער־הויפּט פון ניט־קוואליפיצירטע. דאָס דינט די פאבריקאנטן פאר אן אויסרייד צו פארקלענערן סיסטעמאטיש דעם אזוי אויך נידעריקן ארבעטלוין. די שפּינער פון נעווסקער באוול־שפּינעריי ענטפערן דערויף מיט א שטרייק. נאָך דעם, ווי מע האָט אָפּגעזאָגט די ארבעטער צו העכערן דעם שטיק־לוין, האָבן זיי געוואָרפן די ארבעט. זיי האָבן אויסגעוויילט פון זייער סוויווע דעפּוטאטן אף צו פירן אונטערהאנדלונגען מיט דער דירעקציע און מיט דער פּאָליציי און האָבן אין נאָמען פון 800 ארבעטער אָנגעגעבן א ביטשריפט צום אויבער־פּאָליצמייסטער. דער רעזולטאט פון דער דאָזיקער ווענדונג איז געווען אזא: עס איז פאָרגעקומען א געריכט, וואָס האָט פארמישפּעט די ארבעטער צו טפיסע (עמעס, שפּעטער האָט די געריכט־פּאלאטע דעם אורטייל אָפּגעשאפט) און צו אדמיניסטראטיווער ארויסשיקונג. אין דעם דאָזיקן ערשטן גרויסן שטרייק זיינען כאראקטעריסטיש צוויי מאָמענטן: די ווענדונג פון די ארבעטער צו דער פּאָליציי און צו דער מאכט נאָך „שוץ״ קעגן דעם קאפּיטאל און די באציונג פון דער פּאָליציי־ישער מעלוכע און פון דער געזעלשאפט צום שטרייק. אויב דאָס ערשטע דערציילט אונדז וועגן דעם, אז דער קלאסן־באוווסטזיין איז בא די ארבעטער געווען נאָך שוואך אנטוויקלט און זיי האָבן ניט פארשטאנען, אז דער פּאָליציי־שער מעלוכע־אפּאראט און די אונטערנעמער־עקספּלואטאטערס זיינען צווישן זיך ענג פארבונדן, דערוויסן מיר זיך אָבער פונעם צווייטן פאקט, אז דער יונגער רוסלענדישער קאפּיטאליזם האָט זיך פעסט פארבונדן מיט דער מעלוכע־מאכט, און אז די דאָזיקע מעלוכע־מאכט האָט מיט אירע פּאָליצייישע מיטלען מיטגעהאָלפן דער אָנזאמלונג פון קאפּי־

טאלן. דער שטרייק פון 22־טן מיי 1870 איז שוין ניט געווען קיין „בונט" לויטן פארדע־פּערמישן מוסטער. דער דאָזיקער שטרייק איז אויך ניט געווען קיין „אומאָרדענונגען" פון פויערישן טיפּ. דאָס איז געווען די ערשטע קאמף־ארויסטרעטונג פונעם א ר ב ע ט ע ר־ק ל א ס, האגאם נאָך אין א היפּשער מאָס א סטיכיישע, דער ארבעטער־קלאס האָט נאָך, עמעס. ניט פארשטאנען פולשטענדיק זיינע קלאסן־היסטאָרישע אויפגאבן און זיין געזעלשאפטלעכע לאגע. די בורזשואזיע און די רעגירונג האָבן טאקע אזוי פארשטאנען דעם שטרייק, ווען זיי האָבן הייך אף א קאָל געמאָלדן, אז אין רוסלאנד האָט זיך באוויזן די ארבעטער־פראגע, וואָס מע האָט געהאט אָפּגעלייקנט צוזאמען מיטן אָפּלייקענען די מעגלעכקייט, אז אין רוסלאנד זאָל זיך אויסבילדן א פּראָלעטאריאט. „און איך בא אונדז האָט פּאסירט א שטרייק, אויך אונדז האָט גאָט ניט פארהיט",— האָט געשריבן דער לייטארטיקל פון „נאָוואָיע ווערעמיא". „די רוסישע שטרייקן איז נאָך א נייע דערשיינונג אין רוסלאנד, און איז אין אזא מאָס ווי דער שטרייק פון די נעווסקער ארבעטער, נאָך ניט געווען" — האָט אויך געשריבן די „רוסקיע וועדאָמאָסטי" (דעם 31־טן מיי 1870). די רעגירונג האָט געשטרעבט אָנצושרעקן די ארבעטער מיט רעפּרעסיעס, זי האָט געוואָלט פארניכטן די עפנטלעכקייט און, אזויארום, צווינגען, אז די ארבעטער־פראגע זאָל ניט באהאנדלט ווערן.

פארשווייגן דעם שטרייק, אלס א געזעלשאפטלעכע דערשיינונג האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן. יעדעס יאָר קומען פאָר עטלעכע נייע גרויסע שטרייקן.

לויט כ' נעווסקיס אויסרעכענונגען, וואָס בעסערן באדייטנדיק אויס מארטאָוווס פארעלטערטע אָנגאבן, איז די צאָל שטרייקן אין די 70־ער יאָרן א גאנץ באדייטנדיקע: אזוי, איז אין יאָר 1870 באוווסט וועגן 14 שטרייקן, אין יאָר 1871 — וועגן 17 שטרייקן (פון זיי איז אמערסטן באוווסט דער שטרייק פון די טעקסטילער אף כלודאָוווס מאנופאקטור אין יארצעווע), אין יאָר 1872 — וועגן 25 שטרייקן (באזונדערס באדייטנדיק זיינען געווען די אומרוען אין קרענגאָלמסקער מאנופאקטור). אין יאָר 1873 — וועגן 16 שטרייקן (די סאמע גרעסטע זיינען געווען די אומרוען אף די נערטשינסקער גאָלד־גרובן), אין יאָר 1874 — וועגן 23 שטרייקן (באזונדערס איז בארימט געוואָרן דער שטרייק אין לאזארעווס געוואנט־פאבריק אין מאָסקווע). אין יאָר 1875 — וועגן 25 שטרייקן (אין מיי זיינען פאָרגעקומען אומרוען אין יוזאָווסקן זאוואָד, אין יולי — אף קאָנשינ'ס וועבער־פאבריק אין סערפּוכאָוו). אין יאָר 1876 — וועגן 25 שטרייקן (די סאמע באדייטנדיקסטע זיינען געווען: דער שטרייק אין מאָראָזאָווס ניקאָלסקער מאנופאקטור אין טְריעכאָוואָ, אין שטיגליצעס געוואנט־פאבריק אין פּעטערבורג) און אין יאָר 1877 — וועגן 7 שטרייקן. אין יאָר 1878 זיינען די שטרייקן אויסגעבראָכן מיט א נייער קראפט. אין דעם יאָר קומען פאָר 30 שטרייקן און אינעם פאָלגנדיקן יאָר, 1879, וואָס איז אמערסטן דורכגעזאפּט מיט שטרייקן־קאמף, — 37 שטרייקן. אזויארום, ציילט אָן וו. אי. נעווסקי פארן יאָרצענדליק פון די 70־ער יאָרן 162 שטרייקן. דערביי האָבן, לויטן כ' נעווסקי, אין 153 שטרייקן, וועגן וועלכע ס'זיינען פאראן מער קאָנטראָלירטע ידיעות, אנטיילגענומען 112 טויזנט שטרייקער, דורכשניטלעך צו 738 מענטשן אין יעדן שטרייק. דער אופשטייג פונעם שטרייק־קאמף, וואָס הייבט זיך אָן פונעם יאָר 1876, דערקלערט זיך מיט דער אינדוסטריעלער אויפלעבונג. וואָס האָט זיך דאן אָנגעהויבן. אין יאָר 1877 פארקלענערט זיך ווידער די צאָל שטרייקן

צוליב דער מילכאָמע מיט טערקיי און צוליב די פארשטאַרקטע רעפּרעסיעס. אין די יאָרן 1878—1879 דערגרייכט די באַוועגונג צום מאַקסימום פאַרן גאַנצן יאָרצענדליק.

לאָמיר איצט באַטראַכטן דעם כאַראַקטער און די באַזונדערקייטן פון די דאָזיקע שטרייקן. דער אָנהייב 70-ער יאָרן איז געווען א צייט פון אינדוסטריעלן גליוויער. די אומגינסטיקע קאָניונקטור האָט זיך באַזונדערס שווער געלאָזט פילן אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע. די פאַבריקאַנטן האָבן גלייך פאַרערגערט די אזוי אויך שווערע אַרבעט-באַדינגונגען. די נויט צווישן די אַרבעטער האָט זיך פאַרשטאַרקט, דערצו איז נאָך אויסגעבראָכן די כאָלעריע-עפּידעמיע און דער טויט האָט אויסגעשניטן א גרויסע צאָל אַרבעטער-פאַמיליעס. דאָס אַלץ האָט מיטגעווירקט דער אָנזאַמלונג פון אומצופרידנקייט און צופרעגונג, וואָס האָבן אָנטיילמאָל אָנגענומען שטורמישע פּראָטעסט-פאָרמען. כ'ע דאַרף פאַרצייכענען דעם שטרייק אין דער קרענגאָלמסקער מאַנופאַקטור אין דער שטאָט נאַרווע, וואָס פאַרנעמט, לויט זיין באַדייטונג, דעם צווייטן אָרט נאָכן געוויסקער שטרייק. די דאָזיקע מאַנופאַקטור איז געווען איינע פון די גרעסטע טעקסטיל-פאַבריקן אין רוסלאַנד. אין יאָר 1872 האָבן דאָרט געאַרבעט ביז 6000 אַרבעטער, וואָס האָבן געלעבט אין פולשטענדיקער רעכטלאָזיקייט און נויטבאַדערפטיקייט, אפן סמאך פונעם פּאָליציייִשן סטאַטוט פון יאָר 1857. די איניציאַטיוו און די אָנפירונג מיט דער דאָזיקער אַרויסטרעטונג האָט געהערט צו די וועבער. די וועבער זיינען געווען די אַנטוויקלטסטע און באַוווסטזיניקסטע צווישן די טעקסטיל-אַרבעטער, דעם פאַקט פאַרצייכנט אויך די אָפיציעלע קאָמיסיע, וואָס האָט אויסגעפאָרשט די סיבעס און די גרשטענדן פונעם שטרייק אין יאָר 1872.

קאָנקרעטע און פּאָזיטיווע רעזולטאַטן האָט דער דאָזיקער שטרייק געגעבן ניט קיין סאַך. ער האָט געטראָגן א כאַראַקטער פון פאַרטיידיקן זיך קעגן פאַרערגערן די אַרבעט-באַדינגונגען. לעכאַטכילע האָבן די אַרבעטער געפּרווט צוציען אף זייער זייט די מאַכט און די פּאָליציי קעגן די באַלעבאַטים, די אַרבעטער האָבן נאָך ניט פאַרשטאַנען, אַז צווישן יענע עקזיסטירט אן ענגער צוזאַמענשלוס. און ערשט דאַן, ווען זיי האָבן זיך אַנטוישט אין דער הילף פונעם גובערנאַטער און פּאָליציי, איז דער אַרבעטער-אַוילעם געקומען צו סטיכייִש-בונטאַרישע מעַסים. סיי דער דאָזיקער פאַקט, סיי דער פריערדיקער זאָגן איידעט וועגן דעם, אַז אין דער אַרבעטער-באַוועגונג האָבן נאָך דאָמינירט די עלעמענטן פון סטיכייִשקייט און ניט-אָרגאַניזירטקייט.

דעם זעלבן כאַראַקטער האָבן אויך געטראָגן די פריִיקע אַרויסטרעטונגען פון די טעקסטיל-אַרבעטער אף די אַנדערע פאַבריקן. לעמאָשל, דער שטרייק אין אָנשינס שפּינערײַ-פאַבריק אין סערפּוכאָוו איז ליקווידירט געוואָרן דורך דער אַריינמישונג פונעם גענעראַל-גובערנאַטער. די אַרבעטער האָבן אים באַגרייט מיט „הורא"-אויסגעשרייען און מיט טפי עס. אף סאַווע באַראָזאָווס ניקאָלסקער מאַנופאַקטור, וו די אַרבעטער-שפּינער האָבן פאַרשטרייקט איבער די ניט-ריכטיקע שטראַפירונגען, האָט זיך אויך אַריינגעמישט דער גובערנאַטער, דאָס מאָל איז די אַריינמישונג אויך געווען ניט לטויוועס די אַרבעטער, הגאַם אין זיין באַריכט צום מיניסטער האָט דער גובערנאַטער אַליין אַנערקענט, אַז די אָנקלאַגעס און פאָדערונגען, וואָס די אַרבעטער האָבן אַרויסגעשטעלט, זיינען גערעכטיקע.

אין דער צווייטער העלפט 70-ער יאָרן טראָגן שוין די שטרייקן פון די טעקסטיל-אַרבעטער א ביסל א מער קאָמפּעטישן און באַוווסטזיניקן כאַראַקטער. די פּעטער-

בורגער שטרייקן אין 1879—1878 זיינען אן אָנהייב פון אן ארבעטערישער שטרייקבאוועגונג אין א גרעסערן מאסשטאב, און איבערהויפט, ווירקן זיי מיט אף ארויסצווייזן די ערשטע סימאָנים פון קלאסן־זעלבסטבאוווסטזיין און ארבעטער־סאָלידאריטעט. מיט דעם שטרייק פון 1878 אין דער נייער באוול־שפינעריי, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן איבערן פארקלענערן די טאריפן, זיינען די ארבעטער דורכגעגאנגען אלע נייטיקע שטאפלען אין הינזיכט פון זוכן גערעכטיקייט און שוץ קעגן דעם פאבריקאנטס עקספלואטאציע: זיי האָבן זיך געווענדעט מיט הישטאדלעסן סיי צו דער פּאָליציי, סיי צום גראדאָנאטשאלניק און, ענדלעך, אויך צום צאר אליין.

פּלעכאנאָוו, וואָס האָט אפן אָרט צונויפגעקליבן די ידיעס וועגן דעם שטרייק אף דער נייער שפינעריי, דערציילט, אז אין פאבריק האָבן געארבעט „גרויע" ארבעטער־פויערים, וואָס זיינען ניט לאנג געקומען פון דאָרף און וואָס האָבן זיך נאָך ניט באפרייט פון זייער דאָרפישער באציונג צום צאר, אלס דעם העכסטן ריכטער און באשיצער. אין ווער זעלבער פאבריק איז שוין אָבער געווען א קליינע גרופּע פון א מענטשן 10, וואָס האָט זיך באצויגן צום ארום באוווסטזיניק און האָט פארשטאנען די קלאסן־פארהעלטעניש. צעשמעטערן דעם גלייבן פון די אָגעשטאנענע ארבעטער אינעם צאר האָט מען געקאָנט און געדארפט ניט מיט ווערטער, נאָר אין דער פּראקטיק. שוין דערפאר טאקע האָט אפילו דאָס אָרטיקע רעוואָלוציאָנערע קרייזל באגיטיקט דעם פּראָיעקט צו שיקן א ביטשריפט דעם קרוינפּרינץ. די ארבעטער האָבן זיך אוועקגעלאָזט צום פּאלאץ מיט דער ביטשריפט אין האנט, קעדיי פּערזענלעך איבערגעבן זי דעם קרוינפּרינץ. „מיר, אָפּגענארטע ארבעטער פון דער שפּינעריי־פאבריק, — האָבן די ארבעטער געשריבן אין זייער ווענדונג צום קרוינפּרינץ, — ווענדן זיך צו אייער מאיעסטעט מיט אן אָנקלאגע אף דער אונטערדריקונג איבער אונדזערע באלעבאטים און דער פּאָליציי". בעטנדיק דעם קרוינפּרינץ, ער זאָל זיך אָנעמען פאר זיי, פארענדיקן די ארבעטער זייער ביטשריפט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „מיר ווענדן זיך צו אייך, ווי קינדער צו א טאטן. אויב אונדזערע גערעכטע פאָדערונגען וועלן ניט באפרידיקט ווערן, וועלן מיר דאן וויסן, אז מיר האָבן ניט אף וועמען צו האָפן, אז קיינער וועט זיך פאר אונדז ניט אָנעמען, אז מיר דארפן זיך פארלאָזן אף זיך אליין און אף אונדזערע אייגענע הענט".

יאָ, אין דעם האָבן זיך די ארבעטער באלד איבערצייגט, ווייל דער איינציקער ענטפער אף זייער ווענדונג איז געווען א האָגל פון פארשטארקטע רעפּרעסיעס. פּאָליציי און קאזאקן האָבן ארומגערינגלט די ארבעטער־קווארטאלן, האָבן געשלעפּט די שטרייקער אין פאבריק, איינגעזעצט אין די טורמעס און פארשיקט די „אופהצצער". נאָך א צווייוואָכיקן ווידערשטאנד מיצאד די ארבעטער האָט זיך די פּאָליציי דערשלאָגן, אז דער שטרייק האָט אופגעהערט.

דער שטרייק אין דער נייער שפּינעריי האָט ארויסגערופן א מיטגעפיל־אָפּקלאנג און סאָלידאריטעט־כוואליע בא די ארבעטער פון אנדערע פאבריקן, וואָס האָבן נאָכגעשפּירט נאָך דער אנטוויקלונג פונעם שטרייק און האָבן געהאָלפן די שטרייקער מיט געלט און מיטגעפיל.

דעם זעלבן יאָר 1878 האָבן זיך געפרווט ווענדן צום קרוינפּרינץ מיט א ביטשריפט אויך די שפּינעריי פון קעניגס פאבריק, ווו עס איז פאָרגעקומען א שטרייק אלס פּראָטעסט קעגן עקספּלואטירן קינדער און מינדעריעריקע. די דאָזיקע ביטשריפט

האָט געהאַט דעם זעלבן גורל, ווי די אויבן דערמאָנטע. א טייל ארבעטער האָט מען אָפּגעזאָגט פון דער ארבעט, א טייל פארשיקט און צו קיינע פארבעסערונגען פון דער לאגע האָבן זיי זיך ניט דערשלאָגן.

דאָס פאָלגנדיקע יאָר, 1879, איז געווען א באזונדערס שטורמיש יאָר. אין פעטער-בורג האָט די שטרייק-באוועגונג באקומען אן אומדערהערטן פארנעם. די סיבעס זיינען געווען די זעלבע: אומדערטרעגלעך-שווערע ארבעט-באדינגונגען, רעכטלאָזיקייט און שוצלאָזיקייט פונעם ארבעטער, וואָס האָט געליטן פון א צווייענדיקן יאָך מיצאד דעם פאבריקאנט און דער פאָליציי, וועלכע האָבן זיך פאראייניקט אין א בלאָק. „עס איז געגנוג א ליאדע קליינער פאקט, וואָס איז אן און פאר זיך גאָר ניט קיין וויכטיקער — און אין פאבריק קומט שוין פאָר א „בונט" מיט אלע זיינע פאָלגן",— אזוי האָט פלעכאנאָוו געשריבן אין „ערד און פרייהייט" דעם 20-טן פעוראל 1879. כאראקטע-ריזירנדיק דעם גרעך-שטאָף, וואָס האָט זיך אָנגעזאמלט בא די אונטערשטע שיכטן ארבעטער און איז יעדע מינוט געווען גרייט אויפצופלאמען.

דער היסטאָרישער שטרייק פון יאָר 1879 אין דער נייער שפינערײ, ווי עס האָבן זיך נאָך ניט געהאַט איינגעשטעלט די אויפרועגן צווישן די ארבעטער נאָכן ערשטן שטרייק, האָט זיך אויך אָנגעהויבן פון אזא סטיכיישן „בונט". ווען מע האָט די ארבעטער ווילקירלעך פארלענגערט דעם ארבעטס-טאָג, זיי זאָלן אָפּארבעטן פארן „דורכגעלאָזטן" יאָנטעוו-טאָג, האָבן זיי געוואָרפן די ארבעט, גענומען ברעכן שויבן, קאליע מאכן דעם קעט, זיי האָבן פארמאכט דעם גאז-ליטונג-קראן א. ד. ג. איינגיכן האָט די אדמיניס-טראציע אָפּגעזאָגט 44 ארבעטער, אלס „ניט זיכערע" און בונטאָווטשיקעס און האָט געמאָלדן, אז איבער די שטענדיקע בונטן וויל די פאבריק-אדמיניסטראציע אפן אָרט פון די מענער-וועבער אוועקשטעלן פרויען און קינדער. די וועבער האָבן גע-ענטפערט מיט א שטרייק. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פארזאמלונגען, ווו מע האָט ארומגערעדט די לאגע און אויסגעשטעלט די ארבעטער-פאָדערונגען. די פאָדערונגען זיינען באשטאנען אין דעם, אז מע זאָל איבערלאָזן אין פאבריק די 44 אָפּגעזאָגטע ארבעטער, העכערן דעם ארבעטלוין אף 5 קאָפּ. א טאָג און פארקלענערן דעם אר-בעט-טאָג אף $2\frac{1}{2}$ שאָ, אָפּשאפן די שטראפירונג און אָפּזאָגן די פארהאסטע מייס-טערס. די ארבעטער פון שאוס פאבריק האָבן אונטערגעהאלטן די פאָדערונגען פון די טעקסטיל-ארבעטער אין דער נייער שפינערײ. אנדערע פעטערבורגער פאבריקן האָבן מיטגעהאָלפן די שטרייקער מיט געלט.

אינעם שטרייק האָט זיך, ווי שטענדיק, אריינגעמישט די פאָליציי. עס האָבן זיך אָנגעהויבן ארעסטן. די פאָליציי איז געגאנגען איבער די קלייטן און פארבאָטן צו פארקויפן די ארבעטער אף באָרג שפייז-פראָדוקטן. באנאכט פלעגן פאָרקומען פאָלי-צייישע אָבלאוועס אין די ארבעטער-דירעס און ארבעטערישע צוזאמענווינונגען, קע-דיי מאכן אונטערזוכונגען און ארעסטן. עס איז קיבאט ניט געווען קיין איין דירע, ווו מע זאָל ניט האָבן ארעסטירט כאָטש איין איינוווינער. די פאָליציי האָט געצווונ-גען די הויז-אייגנטימער זיי זאָלן פאָדערן בא די ארבעטער דירע-געלט און, אזוי-ארום, צווינגען זיי צוריק צו גיין אף דער ארבעט. די מינדעריאָריקע ארבעטער, וואָס די פאָליציי האָט ארעסטירט, האָט מען אלע ביז איינעם געשמיסן און באפרייט, מיט דער דראָונג, — אז אויב זיי וועלן ניט ארויסגיין צו דער ארבעט, וועט מען זי ווידער שמייסן. די דערוואקסענע ארבעטער האָט מען אדמיניסטראטיוו ארויסגעשיקט אין

וואָלגאָדסקער גובערניע און א טייל אין זייער געבורט-אָרט, ניט געקוקט אף דעם, וואָס בא די ארויסגעשיקטע ארבעטער זיינען אין פעטערבורג פארבליבן פאמיליעס אָן קיינע מיטלען צום לעבן.

די געמיינזאמע אטאקע פון דער פּאָליציי און קאפּיטאל האָט איינגעבראָכן די אקשאָנעס פון די שטרייקער. דער שטרייק איז אָבער ניט געבליבן אָן א שפּור אינעם באוווסטזיין פון דער ארבעטער-מאסע. ביז גאָר ניט לאנג האָבן די ארבעטער אלע זייערע האָפענונגען געהאט אף דער מאכט און פּאָליציי, זוכנדיק בא זיי שוץ קעגן קאפּיטאליסט. איצט איז שוין דער בונד צווישן קאפּיטאל מיט דער רעגירונג געווען קלאָר פאר יעדן איינעם, סאַכע אָ נעשטאנענסטן ארבעטער. פריער האָט די ארבעטער-מאסע געקוקט אף די „פּאָליטישע" מיט כשאד און אומצוטרוי, זי האָט זיי געהאלטן פאר „בונטאָוושטיקעס". איצט האָט שוין די ארבעטער-מאסע געוווסט, אז בונטאָוושטיקעס זיינען בלויז דרייסטערע און באוווסטזיניקערע ארבעטער, וואָס ליידן פאר דער אלגעמיינער זאך. די שטרייקן האָבן אופגעוועקט בא די ארבעטער-מאסן דעם געפיל פון סאָלידאריטעט און פראָגעסט קענן די פארשקלאפנדיקע ארבעט-באדינגונגען. עמעס, די אנטוויקלונג פונעם קלאסן-באוווסטזיין איז געגאנגען זייער לאנגזאם און שווער. די נאָך ניט אנטוויקלטע קאפּיטאליסטישע פארהעלטענישן האָבן געשטערט דער אויספורעמונג פונעם קלאסן-קאמף, אָבער, דאָך, האָט זיך די ארבעטער-באוועגונג אין די 70-ער יאָרן אופגעהויבן אף א נייער שטופע, סיי קוואליטאטיוו, סיי קוואנטיטאטיוו, באזונדערס אין דער צווייטער העלפט, אין צוזאמענהאנג מיט דער אופלעבונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער אינדוסטריע.

די הויפּט-באסע שטרייקער זיינען געווען טעקסטיל-ארבעטער: 44,78 פּראָצ. פון אלע אנטיילנעמער און 40,74 פּראָצ. פון אלע שטרייקן. אָבער שוין אין די 70-ער יאָרן נעמען אויך די מעטאליסטן א באדייטנדיקן אנטייל אין די שטרייקן: 39 פּראָצ. פון אלע אנטיילנעמער או 22,84 פּראָצ. פון אלע שטרייקן פאלן אף דער מעטאל-אינדוסטריע. די מעטאליסטן, וואָס האָבן אנטיילגענומען אין די שטרייקן פון די 70-ער יאָרן זיינען אָבער געווען נאָענט צו פּויערים: דאָס זיינען געווען, הויפּטזאכלעך, שווארצארבעטער פון פוטילאָווער, סעמיאניקאָווסקער, סאָרמאָווער, מאטאָווייכינער זאוואָדן. אין דער זעלבער צייט טרעטן ארוין אין קאמף אויך די אייזנבאן-ארבעטער (8,74 פּראָצ. שטרייקן) אין צוזאמענהאנג מיט די שווערע באדינגונגען אף די אייזנבאנען, וואָס האָבן זיך דא געבויט. א באדייטנדיקער טייל שטרייקן קומט פאָר איבער דעם נידעריקן ארבעטלוין, 14,25 פּראָצ. שטרייקן זיינען פאָרגעקומען איבער די שלעכטע וווינונג-באדינגונגען, אָדער איבער דער שלעכטער דערנערונג. געווונען האָבן דעמלט די ארבעטער ווייניקער ווי א העלפט שטרייקן, 44,66 פּראָצ., און דאָס אויך בלויז טיילווייז. די מערהייט שטרייקן האָבן די ארבעטער פארשפּילט. קוואליטאטיוו זיינען די שטרייקן פון די 70-ער יאָרן געשטאנען העכער, ווי די שטרייקן אין די פריערדיקע יאָרן, ווייל אין דעם פעריאָד האָט געהאט א גרויסע ווידקונג אף די שטרייקן די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג, וואָס האָט זיך אינטענסיוו פאנאנדערגעוויקלט. וועגן אָט דער באוועגונג וועלן מיר טאקע איצט ריידן.

2. דער רעוואָליוציאָנערער פאָלקיזם און די רבעטער־באַוועגונג

אין די 70־ער יאָרן האָט דער רוסלענדישער ארבעטער־קלאס זיך געפונען אין פּראָצעס פון אויסגעפורעמט ווערן. די אויספורעמונג פון זיין קלאסן־זעלבסט־באַוווּסטזיין האָט זיך אָבער ערשט נאָר געהאט אָנגעהויבן. דעם אנטוויקלונג־וועג פון א „קלאס אין זיך" צו א „קלאס פאר זיך" האָט דער פּראָלעטאַריאַט דורכגעמאכט אין אומדערמידלעכן קאמף קעגן קאפּיטאל און קעגן דער פּאָליטי־שער אָרדענונג, וואָס שטיצט אים. אין די 70־ער יאָרן האָט די ארבעטער־באַ־וועגונג ערשט געמאכט די ערשטע טריט אף דעם דאָזיקן וועג.

דערציילנדיק וועגן דעם אָנטייל פון די אַרבעטער אין דער רעוואָליוציאָנע־רער באַוועגונג כאַראַקטעריזירן די רעוואָליוציאָנערע פאָלקיסטן פון די 70־ער יאָרן דערביי אויך דעם באשטאנד, די פּסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע פון דעם ארבעטער־קלאס אין יענעם פּעריאָד.

פלעכאנאָוו דערציילט, אז דאָס סאמע טיפּישע אינעם ארבעטער־קלאס פון די 70־ער יאָרן איז געווען דער גענוג שארפער אונטערשייד — צווישן זאַוואָד־אַר־בעטער און פאבריק־ארבעטער. די ערשטע האָבן זיך אָפּגעריסן פונעם דאָרף און שוין געוואָרן פּראָלעטאַריער בניי פּראָלעטאַריער. דאָס זיינען געווען געשולטע, קוואַליפיצירטע ארבעטער, עקאָנאָמיש פאַרהעלטניסמעסיק ניט שלעכט באַזאָרגט, שריפטקענעוודיקע און פּאָליטיש־אַנטוויקלטע און לויט זייער ניוואָ און פּאָליטישע אָנשויונגען זיינען זיי געשטאַנען נאָענט צו די פּאָליטיש־רייפע סטודענטן און אמאָל אפילע העכער פון אייניקע סטודענטן. די צווייטע (די פאבריק־ארבעטער) זיינען נאָך געווען פאַרבונדן מיטן דאָרף, בא זיי איז נאָך ניט אויסגעלאָשן געוואָרן דער טרוים וועגן אומקערן זיך צו דער ערד, דער אייגנטימערישער אידעאל איז נאָך בא זיי געווען פעסט, עקאָנאָמיש זיינען זיי געווען ווייניקער באַזאָרגט און פּאָליטיש מער אָפּגעשטאַנען. זיי האָבן געקוקט אף זייער ארבעט אין פאבריק און אף זייער לאגע, אלס א צייטווייליקע, און דעריבער האָבן זיי זיך ניט באַ־שלאָסן צו פּראָטעסטירן און צו קעמפן, פאַרטיידיקן אין קאמף זייערע רעכט.

די פאָלקיסטן האָבן זיך פאַרנומען דאפקע מיט אָט די אָפּגעשטאַנענע פאַב־ריק־ארבעטער, האלטנדיק זיי פאר מער נעענטער צו די פּויערים, וואָס זיינען פאַר די פאָלקיסטן געווען די איינציקע און געבאָרענע טרעגער פונעם סאָציאַליזם. דעם קאפּיטאַליזם און דעם דורך אים ארויסגעבראכטן פּראָלעטאַריאַט האָבן די פאָלקיסטן געהאלטן פאר א נעגאַטיווע און ניט געוווּנטשענע דערשיינונג אפן רוסלענדישן באָדן, און דער קאמף קעגן די „מאקעס פון פּראָלעטאַריאַטישקייט" איז געוואָרן איינער פון די לאָזונגען אין דער אנטיקאפּיטאליסטישער פּראָגראם פונעם פאָלקיזם. די פאָלקיסטן האָבן ניט מאסקים געווען, אז די ארבעטער שפּילן א זעלבשטענדיקע ראָליע אין דער געשיכטע, און האָבן געטייַנעט, אז די איינציקע אויפגאבע פון די ארבעטער דאַרף זיין א באַהילפיק־פּראָפּאַגאַנדיסטישע, ווייל דער ארבעטער איז נעענטער צום דאָרף, איידער דער אינטעליגענט און דעריבער קען ער זיין א בעסערער פּראָפּאַגאַנדיסט צווישן די פּויערים, ווי, לעמאָשל, דער סטודענט.

נאָר אויך אָט די אויפגאַבע, וואָס די פאָלקיסטן האָבן ארויפגעלייגט אף די

ארבעטער איז געוואָרן שלעכט רעאַליזירט. די זאַוואָדישע ארבעטער האָבן זיך באַציִיגן מיט פאַראַכטונג צו די „גרויע דאָרפלײַט", און די פאַבריק־ארבעטער ווידער זיינען צו פּראָפּאַגאַנדיסטישער ארבעט ניט געווען גענוג אַנטוויקלט און צוגעגרייט. דאָך האָט אין די 70־ער יאָרן די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די פּאָלקיסטן האָבן געפירט צווישן די ארבעטער (האַגאַם מיט באַהילפיקע צילן) און, באַזונדערס, די דערפאַרונג פונעם שטרייק־קאַמף, וואָס די ארבעטער האָבן איבערגעלעבט, פיל אויפגעטאָן אַף אויפוועקן דעם זעלבסטבאַוווּסטזיין בא די ארבעטער. דער ערשטער שריט דערצו איז געווען דאָס לערנען ארבעטער לייענען און שרייבן אין די זונטיק־שולן און אין די קרייזלעך. ניט אומזיסט האָט די רעגירונג געקוקט אַף די זונטיק־שולן, ווי אַף נעסטן פון ר. וואָליוציאָנערע אידייען. די „אויפקלערעריי" פון די 60־ער יאָרן האָט אָפּגעשפּילט א גרויסע ראָליע אינעם פּראָצעס פון קולטורעלן און פּאָליטישן וווּקס פונעם ארבעטער־קלאַס. די לינקע גרופּע פון פּעטראַשעווסקיס קרײַזל האָט אויך פאַרשפּרייט רעוואָליוציאָנערע אידייען צווישן די ארבעטער. אין אָנהייב 60־ער יאָרן האָט דאָס קרייזל קאַראַקאָזאָוצעס געמאַכט א פּרווו צו פאַרבינדן זיך מיט די ארבעטער. אין די 60־ער זיינען אין רוסלאַנד געווען פּאָפּולער די אידייען — געבראַכט פון מײַרעוו־אייראָפּע — וועגן „קאָאָפּעראַטיווו סאָציאַליזם" און פּראָדוקטירישע אַסאָציאַצעס. די רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד האָבן געפירט צווישן די ארבעטער א פּראָפּאַגאַנדע פאַר שאַפן זעלבשטענדיקע פּראָדוציר־אַרטעלן. וו־ניט־ווו זיינען אפילע געמאַכט געוואָרן פּראַקטישע פּרוּוון צו רעאַליזירן די אידייען וועגן אַזעלכע אַרטעלן (לעמאָשל, אין סאַראַטאָוו, דורכן עמיגראַנט כריסטאָפּאָראָוו), אָבער אײַנגיכן האָט זיך דאָס אויסגעלאָזט מיט א קראַך און מיט ארעסטן. אָנהייב 70־ער יאָרן האָבן די פּראָפּאַגאַנדיסטישע ארבעטער־קרייזלעך זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען מער פּלאַנמעסיק. אין יאָר 1872 זיינען קימאַט אין אַלע פּעטערבורגער ראַיאָנען געשאַפן געוואָרן קרײַזלעך טשײַקאָוצעס, וואָס האָבן באַקאָנט געמאַכט די ארבעטער מיט די יעסוידעס פון אייראָפּייִשן סאָציאַליזם. די טשײַקאָוצעס האָבן זיך געכוונען אונטער א שטאַרקער ווירקונג פון לאַסאַלס דאָקטרינע, זיי האָבן שוין אויך געוווּסט וועגן ק. מאַרקס עקאָנאָמישער לערע.

די טעטיקייט פון די טשײַקאָוצעס צווישן די ארבעטער האָט זיך אַנטוויקלט מיט דערפאָלג. „אײַנגיכן, — שרייבט דער טשײַקאָוועץ שישקאָ אין זיינע דערינערונגען וועגן דעם דאָזיקן פּעריאָד, — האָבן זיך געשאַפן צווישן די זאַוואָד־ און פאַבריק־ארבעטער פון אַלע וויכטיקסטע ארבעטער־צענטרען אין פּעטערבורג קלענערע גרופּעס פון באַוווּסטזיניקע ארבעטער. די ווייטערדיקע אויפגאַבע פונעם קרײַזל טשייקאָוצעס איז געווען צו פאַרייניקן די דאָזיקע אַלע גרופּעס און שאַפן פון זיי א זעלבשטענדיקע ארבעטער־אָרגאַניזאַציע, נאָר איבער די ארעסטן, וואָס האָבן זיך אײַנגיכן אָנגעהויבן, איז ניט געלונגען צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן פּלאַן.

אין יאָר 1873 זיינען די קרייזלעך צעגראָמירט געוואָרן, אָבער דאָך האָבן זיי צוגעגרייט א באַשטימטע צאָל ערשטע ארבעטער־סאָציאַליסטן, וואָס זיינען שפּעטער אַוועק ניט מיטן פּאָלקיסטישן וועג.

אין יאָר 1874 איז געשאַפן געוואָרן די אַזוי־גערופענע „אַלרוסלענדישע סאָציאַל־רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציע", וואָס האָט זיך געפונען אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער אויסלענדישער גרופּע און האָט אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל פאַר די אַרבעטער — „ראַבאָטניק".

די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט געפונען פאַר נייטיק איינצופלאַנצן אין רוסלאַנד די מיי־רעוו־אייראָפּייִשע סאָציאַליסטישע דאָקטרינעס, און זי האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער פון מאָסקווע, איוואַנאָוואָוואָזנעסענסק, טולע, שויאַ, אָדעס, קיעוו, ווי אויך אין אייניקע שטעט אין קאַווקאַז. „די צווייכאַראַקטערדיקע דערפאַרונג פון פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן די מאָסקווער פאַבריק־אַרבעטער, — דערציילט איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער דאָזיקער אַרבעט, דער קאַווקאַזער דזשאַבאַדאַרי, — האָט געגעבן גלענצנדיקע רעזולטאַטן. מיר האָבן אַרומגעכאַפּט ביז 20 פאַבריקן, ווי אויך קליינע וואַרשטאַטן: סטאָליערייען, שלאָסערייען, שמידערייען און די וואַרשטאַטן פון קורסקער־כאַרקאָווער אייזנבאַן".

אין יאָר 1875 איז די אָרגאַניזאַציע צעבראָכן געוואָרן און דער גרעסטער טייל מיטגלידער איז צוגעצויגן געוואָרן צום געריכט (דער „געריכט פון די 50"). אויפן געריכט האָט איינער פון די אַרבעטער און אָנטיילנעמער פון דער אָרגאַניזאַציע, — פּיאָטער אַלעקסייעוו, — געהאַלטן זיין באַרימטע רעדע וועגן דער לאַגע פון די רוסישע אַרבעטער און וועגן זייער היסטאָרישער ראָליע:

„דעם רוסלענדישן אַרבעטער־פאָלק, — האָט פּיאָטער אַלעקסייעוו געזאָגט אויפן געריכט, — בלייבט נאָר צו האָפן אויף זיך און פון קיינעם קען ער קיין הילף ניט דערוואַרטן, אויסער נאָר פון אונדזער אינטעליגענטישער יוגנט: בלויז זי וועט גיין באַנאַנד מיט אונדז, ביז עס וועט קומען די צייט, ווען עס וועט זיך אויפהייבן די מוסקוליסטישע האַנט פון מיליאָנען אַרבעט־לייט, און דער יאָך פונעם דעספּאָטיזם, וואָס איז אַרומגעצאַמט מיט זעלנערישע שפּיזן, וועט זיך צעשיטן ווי אַש".

פּיאָטער אַלעקסייעוו איז, פּונקט ווי אַנדערע רעוואָליוציאָנערן־אַרבעטער (וויקטאָר אָבנאָרסקי, מאַרק מאַלינאָווסקי, מיכאַיל אָרלאָוו, סטעפּאַן כאַלטורין און אַנד.) געווען בלויז אַ פּיאָנער פונעם פּראָלעטאַריאַט, רעוואָליוציאָנערן מאַסן־קאַמף. דער דאָזיקער דאָר איז געווען דערצויגן אויף דער פּראָפּאַגאַנדע פון די 70־ער יאָרן, וואָס האָט אַריינגעצויגן אינעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף פייִקע, עמעס, געציילטע אַרבעטער.

פון דער צווייטער העלפט 70־ער יאָרן הייבט זיך אָן אַ נייַער עטאַפּ אינעם אָנטייל פון די אַרבעטער אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. דער דאָזיקער עטאַפּ ווערט כאַראַקטעריזירט דורך די פּרוּוון פון זעלבשטענדיקע אַרבעטער־אַרויסטרעטונגען און דורך די ערשטע פּרוּוון צו שאַפן ברייטערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

די רעוואָליוציאָנערע אינטעליגענץ באַפרידיקט זיך שוין ניט מיטן פריערדיקן פאַרנעם און פאָרם פון דער פּראָפּאַגאַנדע. די קרעפטן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין די קרייזלעך, די עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין לאַנד און די פאַרשטאַרקונג פון די מיי־רעוו־אידייען האָבן געפאָדערט אַ מער ברייטערן און מאַסאָוון קאַמף. די באַ־

ווענונג האָט געשטרעבט ארויסצוגיין פון איר ענג־קרײַזלדיקן און אופקלערערישן כאראקטער און פארוואנדלט ווערן אין א מאסעווע און רעוואָליוציאָנערע. פונדאנען איז ארויסגעוואקסן דאָס „גיין אין פאָלק“, אין דאָרף.

אין דער זעלבער צייט האָט אָבער א טייל רעוואָליוציאָנערן־פאָלקיסטן געפרוווט פארברייטערן די פאָרמען און מעטאָדן פון פארבינדונג מיט די ארבעטער. פיל פון זיי זײַנען אַנגעקומען ארבעטן אין די פאבריקן, האָבן זיך באקאנט מיט די ארבעטער און לעבן־באדינגונגען פון די ארבעטער און צוגעפאסט דערצו דעם אינהאלט פון זייער פראָפאגאנדע. דער דאָזיקער „גיין אין פראָלעטאריאט“ האָט זיך אָבער ניט געשטעלט אלס א זעלבשטענדיקע אופגאבע צו אנטוויקלען דעם קלאסן־זעלבסטבאוווסטזיין פון די ארבעטער. די פאָלקיסטן האָבן ווי פריער געקוקט אף די ארבעטער, ווי אף א ווערביר־מאטעריאל און געצײַג פון זייער פראָפאגאנדע אין דאָרף. נאָר די פראקטיק פון „גיין אין פאָלק“ האָט איינגיכן געבראכט די פאָלקיסטן צו שווערער אנטוישונג. דאָס פויערטום האָט זיך ארויסגעוויזן פאר ניט פייִק אופצונעמען די אידייען פון סאָציאליזם און רעוואָליוציע, און די ארבעטער האָבן זיך באצויגן סקעפטיש צום „גיין אין פאָלק“. אין הארבסט 1874 איז די באוועגונג צעגראָמירט געוואָרן. אָנהייב 1876 איז די פראָגראם און טאקטיק פונעם פאָלקיזם איבערגעקוקט געוואָרן און עס איז ארויסגעארבעט געוואָרן א נײַע פראָגראם, וואָס איז געלייגט געוואָרן אין גרונט פון דער נײַער רעוואָליוציאָנערער אָרגאניזאציע „ערד און פרייהײַט“ („זעמליא אי וואָליא“). די זעמלעוואָלצעס אָדער רעוואָליוציאָנערע פאָלקיסטן האָבן דעם פריערדיקן דירעקטן גלייבן אינעם אײַנגעבוירענעם סאָציאליזם פון פויערטום, פארביטן אפן גלייבן אין דער מעגלעכקייט און נייטיקײַט צוצוגרייטן דאָס פויערטום צום אופנעמען דעם סאָציאליזם, אריבערגייענדיק פון פראָפאגאנדע צו אגיטאציע, אפן באָדן פון דעם פויערטומס דירעקטע נויטן און באליידיקונגען.

בענעגייע די ארבעטער האָבן זיך די זעמלעוואָלצעס אויך באדייטנדיק א רוק געטאָן פאָרויס. די ברייטע שטרייק־באוועגונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צווייטער העלפט 70־ער יאָרן, האָט געצוווּנגען די זעמלעוואָלצעס נעענטער צוצוגיין צו די נויטן פונעם ארבעטער־קלאס און אריבערצוגיין פון פראָפאגאנדע צו ברייטערער, אקטיווערער און מער מאסעווער טעטיקייט. די זעמלעוואָלצעס האָבן באטראכט די ארבעטער, ווי פארבינדעטע פונעם פויערטום אין דער צוקונפטיקער רעוואָליוציע. קיין זעלבסטשטענדיקע ראָליע האָבן זיי דעם פראָלעטאריאט נאָך ניט צוגעגעבן.

בענעגייע די ארבעטער האָט די פראָגראם פון די זעמלעוואָלצעס אנערקענט „אגיטאציע און פראָפאגאנדע צווישן די שטאָטישע ארבעטער און דערציען זיי אין קאמף דורך שטרייקן“.

נאָר דאָס איז שוין אויך געווען א טראָט פאָרויס, איבערהויפּט אין פארגלײַך מיט דער באציונג פון די פאָלקיסטן צו די ארבעטער אין דער ערשטער העלפט פון די 70־ער יאָרן.

סאָף 1876 האָבן די זעמלעוואָלצעס פאנאנדערגעוויקלט א גאנץ ברייטע פראָפאגאנדע צווישן די ארבעטער פון פעטערבורג און אין אומגעגנט.

דער פאָרגעשריטענער שיכט פון די פעטערבורגער פראָלעטאריער האָט זיך

ארויסגעוויזן ביז גאָר אופנעמפייק צו דער רעוואָליוציאָנערער פראָפאגאנדע. די אזויגערופענע קאזאנער דעמאָנסטראציע פון 6־טן דעקאבער 1876 איז געווען דער ערשטער גרויסער רעזולטאט פון דער דאָזיקער פראָפאגאנדע און האָט צום ערשטן מאָל ארויסגעבראכט צום פאָליטישן קאמף אין גאס קלענערע מאכנעט פאָרגעשריטענע רעוואָליוציאָנערע ארבעטער. די קאזאנער דעמאָנסטראציע איז געווען שלעכט צוגעגרייט און האָט צוגעצויגן סאכאקל צוויי־דריי הונדערט ארבעטער, דאָס איז שוין אָבער געווען דער ערשטער אָפענער פרווו צוציען ארבעטער צום רעוואָליוציאָנערן קאמף קעגן דער זעלבסטהערשונג.

די רעגירונג איז זיך באגאנגען איבערגעוויינלעך ווייך מיט די ארבעטער, וואָס זיינען באשולדיקט געוואָרן אין אָנטיילנעמען אין דער דעמאָנסטראציע פון 6־טן דעקאבער. די רעגירונג האָט ניט געוואָלט אָדער זיך ניט דערוועגט מיט שטרענגער שטראָף אופצודעקן פאר די ארבעטער דעם עמעסן באטייט פון זייער אָנטייל אין דער דעמאָנסטראציע. א טייל ארבעטער איז פארמישפעט געוואָרן צו טשוווע טאָן, א טייל — ארויסגעשיקט געוואָרן אין זייער געבורט־אָרט און קיין סיביר.

א צווייטער דערפאָלגרייכער פרווו צו אָרגאניזירן א דעמאָנסטראציע, ביים וועלכער די פאָליציי האָט געכאפט קלעפ פון די ארבעטער פון קוילן־זאַוואָד, איז געווען דער אָנטייל פון די ארבעטער אין דער לעוויע פון זייערן א כאווער, וואָס איז איבער דער פארברעכערישער אומפאָרזיכטיקייט מיצאד דער אדמיניסטראציע דערהארגעט געוואָרן באַם פולווער־אופרייס. נאָר די שטארקסטע ווירקונג אַף דער אופוואכונג פונעם באוווסטזיין בא א גרויסער מאסע פעטערבורגער ארבעטער האָבן געהאט די שטרייקן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די טעקסטיל־פאבריקן אין די יאָרן 1878־1879. די זעמלעוואָלצעס האָבן אין דעם פראט ניט ווייניק אופגעטאָן מיט זייערע פראָקלאמאציעס, וואָס האָבן פאָרמולירט די ארבעטער־פאָדערונגען, מיט זייערע ארויסטרעטונגען אַף פארזאמלונגען פון די שטרייקער, מיטן אָרגאניזירן געלט־זאמלונגען לעטויוועס די שטרייקער א. ד. ג. צו יענער צייט האָבן צווישן די ארבעטער עקזיסטירט העכער הונדערט רעוואָליוציאָנערע קרייזלעך, וואָס האָבן געפרווט פארייניקן זיך און שאפן די ערשטע ארבעטערשע מאסן־אָרגאניזאציעס.

סאָף 70־ער יאָרן איז די ארבעטער־פראגע, אלזאָ, אוועקגעשטעלט געוואָרן דורך דער געשיכטע טראָץ דעם פאָלקיסטישן „סאָציאליזם", די ארבעטער־באוועגונג איז ארויסגעוואקסן אַף א גאנצן קאָפ העכער פון דער פאָלקיסטישער לערע. געוויס, איז אין דעם פעריאָד ווייט ניט די גאנצע באוועגונג און דער גאנצער ארבעטער־קלאס געווען גענוג באוווסטזיניק. פארקערט, די סטיכיישקייט איז אין א גוואלדיקער מאָס געווען אייגנטימלעך פאר דער באוועגונג. די צאריסטישע אילוזיעס האָבן נאָך באהערשט די מויכעס פון פיל פראָלעטאריער.

„מעגלעך, — שרייבט פלעכאנאָוו אין זיינע דערינערונגען, — אז יענע פון זיי (פון די ארבעטער — א. פ.), וועלכע האָבן פריער געזען אין די שפיקעס געהיימע אגענטן פונעם ווילטעטיקן צאר, האָבן דערנאָך געקוקט אַף די רעוואָליוציאָנערן גופע, אויך ווי אַף אזעלכע אגענטן. מעגלעך, אז זיי האָבן פארעכנט אפן כעזשבן פונעם קייסערס גוטהארציקייט אויך דאָס פאנאנדערגעבן געלט די פאמיליעס,

וואָס האָבן פארלאָרן דעם קרעדיט, יעדנפאלס, האָט די דערנעענטערונג מיט די רעוואָליוציאָנערן ניט געשטערט דער מערהייט שטרייקער צו האָפן אף הילף מיצאד דעם טראָן...״

אָבער אויב די מ א ס ן האָבן זיך לאנגזאם פאנאנדערגעוויגט, אויב זיי זיינען — אין די גרויסע און קליינע שלאכטן קעגן די קאפיטאליסטן און קעגן פּאָליציי — שווערלעך רייף געוואָרן פּאָליטיש אין שווערלעך זיך דערקענט, אלס „קלאס פאר זיך“, זיינען אָבער די פּאָרגעשריטענע עלעמענטן פונעם ארבעטער־קלאס שנעל אויסגעוואקסן אינעם פּראָצעס פון קאמף; פון פּראָפּאגאנדע זיינען זיי אריבער צו אגיטאציע, פון אָרגאניזירן קרייזלעך — צום בויען א ברייטערע און זעלבשטענדיקערע ארבעטער־אָרגאניזאציע, ווי דער דאָרעמדיקער און צאָפנדיקער ארבעטער־פארבאנד.

3. דער דאָרעם-רוסלענדישער און צאָפנדיקער פארבאנדן פון רוסישע ארבעטער און זייער באדייטונג

אינעם וווקס־פּראָצעס פונעם ארבעטער־קלאס און אין דער אויספורעמונג פון זיין קלאסן־זעלבסטבאוווסטזיין שפּילן, ווי מארקס האָט אָנגעוויזן אין זיין „דאלעס פון פילאָסאָפיע“ (נאָך אין יאָר 1847) א גרויסע ראָליע — די ארבעטער־קאָאליציעס. אָפּהענגיק פון די באדינגונגען פונעם קלאסנקאמף, בויט דער ארבעטער־קלאס די אָדער יענע פאָרמען פון זיינע אָרגאניזאציעס. אינעם נאָכרעפאָרמישן רוסלאנד האָט די זעלבסטהערשעוודיקע אָרדענונג געהאמעוועט די אנטוויקלונג פון אזעלכע פארהעלטענישן, וואָס זיינען „נאָרמאל“ פאר יעדן בורזשואז־קאפּיטאליסטישן לאנד, און איז געווען די גרונט־שטערונג צום שאפן און פארפעסטיקן ארבעטער־אָרגאניזאציעס פון מערעוו־אייראָפּעיִשן טיפּ. די ערשטע ארבעטער־אָרגאניזאציעס האָבן ניט געקאָנט אָננעמען קיין פאָרם פון לעגאלע מאסן־פאראייניקונגען, צוגעפּאסטע צום פארטיידיקן די עקאָנאָמישע נויטן פון די ארבעטער. דער פּראָלעטארישער אוואנגארד, וואָס איז דורך די פארשיידענע פּאָלקיסטישע שיטעס און שפּעטער שוין זעלבשטענדיק אריינגעצויגן געוואָרן אינעם רעוואָליוציאָנערן קאמף, האָט זיך אָרגאניזירט אין קעמפערישע ארבעטער־קרייזלעך. די ארבעטער פון די קרייזלעך האָבן גענומען אן אָנטייל אינעם עקאָנאָמישן קאמף, האָבן אָנגעפירט מיט די שטרייקן, האָבן אויסגעארבעט די קאמף־לאָזונגען און די ארבעטער־פאָדערונגען, האָבן געהאָלפן די שטרייקער און זייערע פאמיליעס מיט געלט, — דאָס אלץ האָבן זיי אָבער געטאָן ניט אין לעגאלע און אָרגאניזירטע פאָרמען פון טרעד־יוניאָניסטישן קאמף, נאָר אין טיף־קאָנספּיראטיווע קאמף־באדינגונגען פון א פּאָליטישער ר ע וו אָ ל י ו צ י אָ נ ע ר ע ר אָרגאניזאציע. אויך בא די ערשטע מער ברייטערע און מאסעווע אָרגאניזאציעס, ווי דער דאָרעם־רוסלענדישער און צאָפנדיקער ארבעטער־פארבאנדן, זיינען געבליבן די זעלבע גרונט־שטריכן און אייגנארטיקייטן. דער באשטאנד זייערער אליין פלעגט ווערבירט ווערן פון צווישן די פאָרגעשריטענע ארבעטער־רעוואָליוציאָנערן, פּראָפּאגאנדירטע אין די קרייזלעך.

די ערשטע ארבעטער־אָרגאניזאציעס האָבן ניט געקענט פירן קיין איבעריק

ברייטע טעטיקייט, וואָס זאָל ארומכאפּן און אָרגאניזירן די גרויסע מאסן, שנעל און פעסט אופוועקן און דערציִען בא זיי דעם קלאסן־באוווסטזיין, ביפראט, אז דער צאָליקער וווקס פונעם ארבעטער־קלאס האָט באדייטנדיק איבערגעיאָגט זיין קלאסן־אויספורעמונג. ניט געקוקט אף דעם, האָבן די ערשטע ארבעטער־פארבאנדן, נאָך ניט פריי פון די טראדיציעס פונעם פאָלקיסטישן סאָציאליזם, דאָך געמאכט ניט קיין קליינע שריט פאָרויס אפן וועג פון אויספורעמען דעם קלאסן־באוווסטזיין פון די ארבעטער.

דער „דאָרעם־רוסלענדישער ארבעטער־פארבאנד" געגרינדעט אין אָדעס, האָט זיך אויסגעפורעמט אין יאָר 1875 אונטער דער אָנפירונג פונעם רעוואָלוציאָנער־אינטעליגענט יע. אָ. זאסלאווסקי. די גרונט־קאדרען פונעם פארבאנד זיינען געווען ארבעטער, פּראָפּאגאנדירטע אין די ארבעטער־קרייזלעך פון די יאָרן 1872־74. איינס פון די סאמע אָנגעזעענסטע ארבעטער־קרייזלעך איז געווען געגרינדעט אין פאלק'ס זאוואָד דורך דעם שלאָסער וויקטאָר אָבנאָרסקי, וואָס איז נאָך די פעטערבורגער ארעסטן, אין הארבסט 1873, געקומען קיין אָדעס און האָט דאָ געוווינט, ביז ער איז אָפּגעפאָרן קיין אויסלאנד. אָבנאָרסקי, — דער צוקונפטיקער גרינדער פונעם „צאָפנדיקן פארבאנד פון די רוסישע ארבעטער", — האָט צוזאמען מיט זאסלאווסקיס תּלמידים, מיט די ארבעטער באראנגעוו, קראווטשענקאָ און יאן רי־בעצקי אָרגאניזירט אן ארבעטער־קרייזל, וואָס האָט זיך פארבונדן מיט זאסלאווסקיס אָרגאניזאציע און געפירט א העפטיקע פּראָפּאגאנדע צווישן די ארבעטער. עס פלעגן פארשפרייט ווערן די געוויינלעכע רעוואָלוציאָנערע ביכלעך פון די 70־ער יאָרן: „א מייסע וועגן 4 ברידער", „די כאכאָמע נאומאָוונא", „ווו איז בעסער", ווי אויך די צייטונג „ראבאָטניק". אין יאָר 1873 פלעגט זאסלאווסקי לייענען אין די ארבעטער־קרייזלעך לעקציעס וועגן פּאָליטעקאָנאָמיע. אין די ארבעטער־קרייזלעך האָט זיך שנעל געענדערט דער געוויינלעכער אינהאלט פון דער פאָלקיסטישער פּראָפּאגאנדע. דער טראָפּ איז געשטעלט געוואָרן אף פּראָפּאגאנדירן די פּראָגראם פון דער „צווישנפעלקערלעכער ארבעטער־געזעלשאפט" און אף דער נייטיקייט צו אָרגאניזירן די ארבעטער. אונטער זאסלאווסקיס אָנפירונג זיינען געשאפן געוואָרן אייניקע אויפקלערערישע מאָנמיטלען פאר די ארבעטער — ביבליאָטעקן, א קאָאָפּעראטיווע באָד, ליי־קאסעס און קאסעס פאר קעגנזייטיקער הילף. אָנהייב 1875 האָבן אזא ליי־און־שפּאָר־קאסע געשאפן די ארבעטער פון גוליע־בלאנשארדס טשוהון־גיסערישן זאוואָד. די ארבעטער האָבן צוערשט געוואָלט מאכן די קאסע לעגאל און האָבן אין איר ארייַנגעצויגן די ארבעטער פון אנדערע אונטערנעמונגען. אונטער זאסלאווסקיס ווירקונג, וועלכער איז איינגעלאדן געוואָרן פון די ארבעטער, איז די ליי־קאסע אינגיכן פארוואנדלט געוואָרן אין א קאסע פאר קעגנזייטיקער הילף. אזעלכע קאסעס זיינען אָרגאניזירט געוואָרן אין די אייזנבאן־ווארשטאטן און אין פאלקס מעכאנישן זאוואָד. אזא אָרגאניזאציע האָט זיך אויך געשאפן אין ראָסטאָוו־דאָן. זאסלאווסקי האָט פאָרגעלייגט פאראייניקן די אלע אָרגאניזאציעס און בילדן א „דאָרעם־רוסלענדישן ארבעטער־פארבאנד". עס איז קאָלעקטיוו פונאנדערגעארבעט געוואָרן א סטאטוט פארן פארבאנד און איינגעשטעלט מיטגליד־און ארייַנטריט־אָפּצאָלן. דער פארבאנד האָט זיך איינגעטיילט אין גרופּעס. אין יעדער גרופּע איז געווען א פעסטער קערן פון 5—6 ארבעטער און ארום זיי האָבן זיך גרופּירט

די מיטפילנדיקע ארבעטער. לויט די אויסרעכענונגען פון מ. פ. סקווערי, אין אנטיילנעמער פונעם פארבאנד, זיינען אין אָדעס געווען סאכאקל 6—7 גרופעס, ארום זיי האָבן זיך גרופירט 150—200 ארבעטער. אין אנדערע שטעט (אין ראָסטאָוו, טאגאנראָג, כארקאָוו) איז דער פארבאנד אומגעקומען בײס דעם אלגעמיינעם דורכפאל, קוים באוויזנדיק אויסצופורעמען זיך אָרגאניזאציאָנעל.

וואָס איז געווען דער דאָרעם־פארבאנד און ווי גרייס איז געווען זיין ווירקונג אף די ארבעטער?

דער פארבאנד האָט פאריייניקט בא 4 פראָצ. פון די 2—3 טויזנט אָדעסער ארבעטער, איבערהויפט אינדוסטריעלע ארבעטער. פון טויזנט אייזנבאן־ארבעטער זיינען ארייגעטראָטן אין פארבאנד 60 מענטשן. דער צאָליקער ארומכאפ פון ארבעטער אין פארבאנד איז לויט יענער צייט, אזויארום, געווען א באדייטנדיקער.

אָבער וואָס האָט דער פארבאנד פון זיך פאָרגעשטעלט אין קוואליטאטיווער הינזיכט? די קוואליפיקאציע אויספורעמונג פונעם פראָלעטאריאט איז געגאנגען לאנגזאם.

דער ארבעטער־קלאס האָט אין זיין אנטוויקלונג איבערגעלעבט אן איבערגאנגעטאפ און דאָס האָט אינגאנצן זיך געלאָזט פילן אף דער אָרגאניזאציע, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל געשאפן.

סיי לויט דער אידעאָלאָגיע, סיי לויט דער טאקטיק האָט דער פארבאנד בלויז מיט איין פוס געהאט ארייגעטראָטן אין דער צוקונפט, מיטן אנדערן פוס האָט ער נאָך אינגאנצן געשטעקט אינעם פאָלקיסטישן באָדן. איבערהויפט איז דאָס צו זען, ווען מע אנאליזירט זיין סטאטוט, וואָס פאָרמולירט די צילן, אופגאבן און טאקטיק פונעם פארבאנד.

דער סטאטוט איז א טראָט פאָרויס אין פארגלייך מיט די פאָלקסטישע פראָגראמען פון יענער צייט, אָבער דערפון קאָן מען נאָך ניט מאכן דעם אויספיר, אז ער איז אין טאָך א מארקסיסטישער.

דער סטאטוט רעדט וועגן דער נייטיקייט צו באפרייען די ארבעטער פון אונטער דעם יאָך פון קאפיטאל און פריווילעגירטע קלאסן, אָבער ער פאָדערט ניט קיין קלאסנקאמף, ער געפינט בלויז פאר נייטיק צו פראָפאגאנדירן די דאָזיקע אידייען צוליבן צוקונפטיקן קאמף. דער סטאטוט שטעלט ניט פארן פארבאנד קיין קלאָרע אופגאבע צו געבן די ארבעטער א קלאסן־דערציִונג פון א זעלבשטענדיקער געזעלשאפטלעכער קראפט אינעם קאמף פאר סאָציאליזם. ער האָט נאָר גערעדט וועגן דער נייטיקייט „די ארבעטער זאָלן פארשטיין זייער אומגליקלעכע לאגע".

באם אויסארבעטן דעם סטאטוט האָט, ווייזט אויס, געהאט א ווירקונג די באקאנטשאפט מיטן סטאטוט און מיט דער טעטיקייט פונעם I אינטערנאציאָנאל לויט דעם, ווי די פאָלקיסטן האָבן אים פארשטאנען און אויסגעטייטשט. באוודערס, לאווראָוו, וואָס זאסלאווסקי איז געווען זיין שילער און נאָכפאָלגער.

אָט־דער ערשטער ארבעטער־פארבאנד האָט שוין אָבער סיי אין זיין סטאטוט, סיי באזונדערס אין זיין טעטיקייט געגעבן עפעס נייס, וואָס שיידט אים אונטער פונעם לאווריזם.

צום אונטערשייד פונעם לאווריזם, מערקט אָן דער סטאטוט, הויפט פאָרזיכטיק, די נייטיקייט פון א צוואנג־איבערקערעניש, קעדיי צו באזייטיקן די עק־

זיסטירנדיקע אָרדענונג. צום אונטערשייד פונעם פּאָלקיזם ביכלאל, רעדט ער אויך וועגן דער נייטיקייט צו ווענדן דעם קאמף גלייכצייטיק סיי קעגן דער עקאָנאָמישער אָרדענונג און סיי קעגן דער פּאָליטישער. אין זיין טעטיקייט גייט דער פארבאנד נאָך ווייטער. ער מישט זיך אריין אינעם עקאָנאָמישן קאמף פון די ארבעטער, ער לאָזט ארויס געדרוקטע אופרופן צו זיי, ער אָרדנט איין מאסנפארזאמלונגען פון ארבעטער און פארשפרייט צווישן זיי ליטעראטור. „ארום דעם פארבאנד, — שרייבט סקווערי אין זיינע דערינערונגען, — האָט זיך גרופּירט אַן ארבעטער־מאסע, וואָס האָט אין זיך ארייגענומען דעם פארבאנדס אידייען און האָט אָף אים געקוקט, ווי אָף א״רע א זאך". „דער פארבאנד, — זאָגט ער ווייטער, — וואָלט, מעגלעך, ביסלעכווייז געקומען צו די צילן און אופגאבן פון פּראָפּארייַנען. דער פארבאנד איז געוואקסן און האָט געענדערט זיין אויסזען צוזאמען מיטן באוווּסטזיין פון דער ארבעטער־מאסע".

אָט דאָס איז געווען דאָס נײַע, וואָס דער לאנגזאם אויסגעפורעמטער ארבעטער־קלאס האָט ארײַנגעטראָגן אינעם פארבאנד. דער זעלבער פארבאנד האָט זיך אָבער געשטעלט אויך די ריין־פּאָלקיסטישע אופגאבע פון צופאסן די ארבעטער צו פּראָפּאגאנדע אין דאָרף.

ער האָט אָנגעמערקט צום איבערוואנדערן אין דאָרף יענע ארבעטער, וואָס זײַנען נאָך פארבונדן מיטן דאָרף, קעדיי ביסלעכווײַז שאפן דאָרט רעוואָלוציאָנערע גרופּן און פארבינדן זיי מיטן פארבאנד.

דאָס איז געווען אַן עכאָ פונעם נאָרוואָס צעגראָמירטן פּאָלקיסטישן „גיין אין פּאָלק". דער דורכפאל פון דעם דאָזיקן לאָזונג און דער וווּקס פון טעראָריסטישע שטימונגען צווישן די פּאָלקיסטן, רופן ארויס דעם געהעריקן ווידערקאָל אויך אינעם פארבאנד, ווו איינצלנע מיטגלידער נעמען ריידן וועגן דער נייטיקײַט צו פירן א טעראָריסטישן קאמף. אָבער דער פארבאנד איז געווען לויטן טאָך א מאסן־פּראָפּאגאנדיסטישע ארבעטער־אָרגאניזאציע און דעריבער האָט ער, טראָץ דעם ווילן און ווונטשן פון זײַנע אָנפירער, געשטרעבט ארויסצוגיין פון די ראמען פון פּאָלקיסטישער פּראָפּאגאנדע און ווערן א זעלבשטענדיקע ארבעטער־אָרגאניזאציע. אָט דאָס טאקע האָט אויך ארויסגערופן די מיינונג־פארשיידנהײַטן און אפילע א שפּאלטונג צווישן די פארבאנד־מיטגלידער — איין טייל האָט געשטרעבט צו בלײַבן בא דער לאַווריסטישער פּראָגראם, און דער צווייטער טייל האָט געפּרוווט ארויסשפּרינגען פון דער דאָזיקער פּראָגראם, קעדיי מאכן א וועג פאר דער זעלבשטענדיקײַט און וווּקס פון די ארבעטער, אלס א באזונדער קלאס. צוליב דער צעגראָמירונג פונעם פארבאנד האָט זיך די דיפערענציאציע, וואָס איז רייף געוואָרן אינווייניק אין אים, ניט געקאָנט ארויסווײַזן אין דער פולער מאָס. דאָך, האָט דער דאָרעם־פארבאנד געהאט זייער א גרויסע באדײַטונג אין פּראָצעס פון דער קלאסן־אויספורעמונג פונעם ארבעטער־קלאס. אין זאסלאווסקיס פארבאנד האָבן די זשאנדארמען אָנגעציילט ביז 300 ארבעטער. דאָס זײַנען געווען די אמערסטן אנטוויקלטע, שריפטקענעוודיקע, אויסגעהאלטענע יונגע ארבעטער, וואָס האָבן מיט לײַב און לעבן אָפּגעגעבן זיך צום רעוואָלוציאָנערן קאמף.

דעם „דאָרעם־רוסלענדישן ארבעטער־פארבאנד" קען מען אָנרופן אלס די ערשטע סאָציאליסטישע אָרגאניזאציע אין רוסלאנד, וואָס האָט אין דער אידעאָלאָגיע ערנסט אײַנגעריסן מיטן פּאָלקיזם. דער פארבאנד איז אנטשטאנען אינעם איבערגאנג-

פעריאָד און שוין מיט דעם פאקט אליין, וואָס ער האָט פאראייניקט די פאָרגעשריטענע אינדוסטריעלע ארבעטער און אוועקגעשטעלט פאר זיי די אויפגאבן פון עקאָנאָמישן און פאָליטישן קאמף, האָט מיטגעווירקט דערצו, אז עס זאָל אויסוואקסן דער קלאסן-זעלבסט-באוווסטזיין פון די ארבעטער און האָט זיי געוויזן די וועגן און מיטלע צום צוקונפטיקן קאמף, הגם ער האָט די געשטעלטע אויפגאבן ניט געלייזט. אף צו פארוואנדלען דעם פארבאנד אין אן עכט-קעמפערישע קלאסן-אָרגאניזאציע האָט אָבער צויכגעפעלט די סאמע גרינטלעכסטע און נייטיקסטע פאָרהאנאָכע: די מאַסעווע ארבעטער-באוועגונג.

זיין ערשטע שוואלב זיינען געווען די שטרייקן פון דער צווייטער העלפט 70-ער יאָרן, און אף זייער גרונט איז געמאכט געוואָרן נאָך א טראָט אפן וועג צום אויספורעמען דעם קלאסן-באוווסטזיין פון די ארבעטער — עס איז אָרגאניזירט געוואָרן דער „צאָפן-פארבאנד פון די רוסישע ארבעטער". די אנטשטייונג פונעם צאָפן-פארבאנד איז צוגעפאלן מיט די פעטערבורגער שטרייקן פון יאָר 1878, אָבער נאָך פריער זיינען געמאכט געוואָרן פרוון צו אָרגאניזירן די ארבעטער. עס איז באוווסט, אז נאָך אין די יאָרן 1873-74 איז אין פעטערבורג געשאפן געוואָרן א זעלבשטענדיקער ארבעטער-צענטער און נאָכדעם, ווי ער איז צעגראָמירט געוואָרן האָט זיך געשאפן א נייער צענטער אין די יאָרן 1875-76. זומער 1876 האָט זיך אָרגאניזירט אן ארבעטער-ביבליאָטעק און א קאסע. דאָס צענטראלע ארבעטער-קרייזל איז געווען פארבונדן מיט די לאווריסטן און מיט די זעמלעוואָלציעס. כ׳ נעווסקי האלט, אז דער „צאָפן-פארבאנד פון די רוסישע ארבעטער" האָט זיך אויסגעבילדעט אין יאָר 1876, ווען עס האָט זיך געהאט אויסגעבילדעט די זעלבשטענדיקע ארבעטער-אָרגאניזאציע, וואָס האָט זיך אָפגעשפאָלטן פון די באקוניסטן. די פראָגראם פונעם פארבאנד האָבן אויסגעארבעט אָבנאָרסקי מיט זיין גרופע אין יאָר 1877, פארעפנטלעכט געוואָרן איז זי אין יאָר 1879. די אויספורעמונג פונעם צאָפן-פארבאנד פאלט אויס אף די יאָרן 1877-78. אזויארום האָבן די שטרייקן פון דער צווייטער העלפט 70-ער יאָרן אָן צווייפל געדארפט מיטווירקן דערצו, אז די ארבעטער-קרייזלעך זאָלן זיך פאראייניקן און שאפן א ברייטערע ארבעטער-אָרגאניזאציע.

דער שלאָסער וויקטאָר אָבנאָרסקי און דער סטאָליער סטעפאן כאלטורין זיינען געווען די אָנגעזעענסטע אָרגאניזאטאָרס און אָנפירער פונעם פארבאנד. צום אונטערשייד פונעם דאָרעם-פארבאנד האָט דער צאָפנדיקער שוין אין איינעם פון די ערשטע פונקטן פון זיין סטאטוט אונטערגעשטראָכן, אז „אלס מיטגלידער פון פארבאנד ווערן אָנגענומען אויסשליסלעך נאָר ארבעטער, דערביי דורך מער אָדער ווייניקער באוווסטע מענטשן ניט ווייניקער ווי צוויי". אינעם פארבאנד זיינען אריין איבערהויפט זאוואָד-ארבעטער, ד.ה. די אמערסטן אנטוויקלטע ארבעטער. דער פארבאנד האָט געציילט ביז 200 מיטגלידער און אסאך מיטפילנדיקע. אין אָרגאניזירן דעם צאָפן-פארבאנד האָבן אנטייל גענומען די מעטאליסטן פון די גרעסטע פעטערבורגער זאוואָדן — פון וואסיליעווער אינדזל, וויבאָרגער זייט און נעווסקער זאסטאווע, די ארבעטער פון פאטראָנען-זאוואָד, פון די זאוואָדן מאקפערסאָן, נאָבעל, סעמיאניקאָווער, פוטילאָווער א. א. עס האָבן אויך עקזיסטירט קרייזלעך טעקסטיל-ארבעטער. דער פערסאָנעלער באשטאנד פון די פארבאנד-אָנפירער איז באשטאנען איבערהויפט פון מעטאליסטן. די „פעריפעריע" פונעם פארבאנד איז אָבער באשטאנען פון טעקסטיל-ארבעטער און דאָס האָט

געמוזט אַרויפֿלייגן אַ געוויסן שטעמפּל אויף זײַן פּראָגראַם און טעטיקייט. אין יעדן ראַיאָן זײַנען די אַרבעטער-קרײַזלעך אַרײַנגעגאַנגען אין אַ באַזונדער ראַיאָנער סעקציע פֿונעם פֿאַרבאַנד. די דאָזיקע סעקציע האָט געהאַט אַן אייגענע קאַסע, אַ קאָנספּיראַטיווע דירע און אַ קאָמיטעט. די מיטגלידער פֿון די ראַיאָנע קאָמיטעטן זײַנען געווען דאָס צענטראַלע קרײַזל, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיטן גאַנצן פֿאַרבאַנד. דער פֿאַרבאַנד האָט זיך אײַנגעשאַפֿט אַן אייגענע דרוקערײַ און האָט צוגעגרייט צום אַרויסלאָזן אַן אַרבעטער-צײַטונג „ראַבאָטשאַיאַ זאַריאַ“, נאָר דעם ערשטן נומער האָט די פּאָליציי אַרעסטירט אײנינעם מיט דער דרוקערײַ. לויטן געדאַנק פֿון די אָרגאַניזאַטערס האָט דער פֿאַרבאַנד געזאָלט ווערן אַן אַלרוסלענדישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע.

די פּראָגראַם דערקלערט, אַז לויט זײַנע אויפֿגאַבן שליסט זיך אָן דער צפֿון-פֿאַרבאַנד אָן די מײַרעוודיקע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, די פּראָגראַם שטעלט אַרויס אַ מאַקסימום און מינימום פֿון אַרבעטער-פֿאָדערונגען און שוין דערמיט אַליין שיידט זי זיך אונטער פֿון די פֿאָלקיסטישע פּראָגראַמען. דאָך געפֿינען אין פּראָגראַם אַן אָפּשפּיגלונג אויך פֿאָלקיסטישע איבערבלײַבענישן (געמיינדישע פֿעדעראַציעס, געמיינדישער ערדבאַזיץ, אַסאָציאַציעס פֿון פּראָדוצירער און ד. ג.). אַ נײַס, וואָס גייט אַוועק ווײַט פֿונעם פֿאָלקיזם, איז געווען די פּראָגראַם-מינימום, באַזונדערס, דאָס אָנערקענען די נייטיקייט פֿון פּאָליטישן קאַמף, האָגאַם דאָס איז פֿאָרמולירט געוואָרן ניט אַזוי גענוי און פֿול, ווי אין די מײַרעוו-אייראָפּעיִשע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּראָגראַמעס פֿון יענער צײַט. מע דאַרף אויך אונטערשטרײַכן אַ צווייטע פֿאָדערונג פֿון דער פּראָגראַם — די נייטיקייט פֿון אַ קאָנטאַקט צווישן דער רוסלענדישער אַרבעטער-באַוועגונג מיט דער צוויש-פֿעלקערלעכער: „דער גרויסער סאָציאַלער קאַמף האָט זיך שוין אָנגעהויבן און מיר האָבן ניט וואָס צו וואַרטן. אונדזערע ברידער אין מײַרעוו האָבן שוין אויפֿגעהויבן די פֿאָן פֿון באַפֿרײַען מיליאָנען, — און אונדז בלײַבט בלויז אָנצושליסן זיך אָן זיי. האַנט בײַ האַנט לאָמיר גיין פֿאָרויס און אין ברידערלעכער אייניקייט לאָמיר זיך צונויפֿגיסן אין איין שרעקלעכע קעמפֿערישער קראַפֿט“.

וויאַזוי איז מעגלעך געווען אַזאַ פּראָגראַם אין 1879 יאָר? קודעמקאָל, האָבן זיך אין איר אָפּגעשפּיגלט די מײַרעוו-ווירקונגען, וואָס זײַנען סאָף 70-ער יאָרן געווען פֿאַרשפּרייט צווישן די פֿאָרגעשריטענע רוסישע אַרבעטער. אַ „מײַרעוווניק“, אין באַדינגלעכן זין פֿון וואָרט, איז געווען סטעפּאַן כאַלטורין. ער האָט שטודירט די אייראָפּעיִשע קאָנסטיטוציעס און די דערפֿאַרונג פֿונעם אַרבעטער-קאַמף אין מײַרעוו. זײַנע צוויי כאַווײרים — אָבנאָרסקי און אַקסעלראָד, — האָבן, וווינענדיק אין אויסלאַנד, זיך נאָענט באַקאַנט מיט דער פּראַקטיק פֿון דער דײַטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. די אַרבעטער-באַוועגונג אין מײַרעוו האָט זיך שוין דאַן פֿולשטענדיק אויסגעפֿורעמט, זי האָט געשאַפֿן אירע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען און פּאָליטישע פּאַרטייען. די שטרײַקן פֿון די יאָרן 1878-79 צווישן די פּעטערבורגער אַרבעטער, צוגלײַך מיט דער קאַמף-דערפֿאַרונג פֿון די אַרבעטער אין מײַרעוו, האָבן געצוווּנגען די פֿאָרגעשריטענע אַרבעטער זיך צו פֿאַרטראַכטן וועגן דער ראָליע פֿונעם אַרבעטער-קלאַס און וועגן דער נייטיקייט צו שאַפֿן אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע.

מיט דער דאָזיקער פּראָגראַם איז דער פֿאַרבאַנד ערטערווײַז אַזוי ווײַט אַוועק פֿון די גרונטלאַגן פֿון פֿאָלקיזם, אַז דאָס האָט געמוזט באַגעגענען אַ ווידערשטאַנד מיצאַד די פֿאָלקיסטן. אינעם פֿערטן נומער „ערד און פֿרײַהייט“ איז

דערשינען אן ארטיקל, וואָס האָט קריטיקירט די פּראָגראַם און האָט ארויסגערופן א פּאָלעמיק מיט די אָנפירער פונעם צאָפן־פארבאנד. אלס גרונט־זינד האָט די „ערד און פרייהייט" אין דער פּראָגראַם איינגעזען דאָס „צונויפמישן אין איר די פּראָגראַמעס פון פארשיידענע מיירעוודיקע סאָציאליסטישע פארטייען", ווי אויך אין דעם, וואָס עס ווערט אין איר אָפּגעגעבן פיל אויפמערקזאמקייט צו די פראגן פון פּאָליטישער פרייהייט און „די אגראר־פראגן זיינען געלאָזט אין שאָטן". דער פארבאנד האָט געענטפערט אף די דאָזיקע באשולדיקונגען מיט א בריוו אינעם פינפטן נומער „ערד און פרייהייט", ווו ער האָט געשריבן, אז דער פארבאנד האלט זיך בא די גרונט־פּרינציפּן פונעם סטאטוט פון אינטערנאציאָנאל. אָנווייזנדיק, אז די „פּאָן פון דער סאָציאַלער איבערקערעניש" בלייבט, ווי פריער, די קאמף־פּאָן פונעם ארבעטער־פארבאנד, האָט דער בריוו דערקלערט, אז בלויז די „פּאָליטישע פרייהייט קען אונדז און אונדזער אָרגאניזאציע גאראנטירן פונעם ווילקיר מיצאד דער מאכט און וועט אונדז דערלויבן צו אנטוויקלען ריכטיקער אונדזער וועלט־אָנשויונג און פירן מיט דערפאָלג די פּראָפּאגאנדע", און אז „פרייהייט איז זייער א וויכטיקער באדינג פאר דער שנעלער איבערקערעניש".

אזויארום, האָט, ווי פּלעכאנאָוו שרייבט, „אין די 70־ער יאָרן די פאָדערונג פון פּאָליטישער פרייהייט זיך באוויזן, קוידעמקאָל, אין אן ארבעטער־פּראָגראַם", און די אָנפירער פונעם פארבאנד האָבן זייער פעסט פארטיידיקט די דאָזיקע פאָדערונג, עמעס, ניט אין איר פולן אויסזען.

דער צאָפן־פארבאנד האָט איבערגעלעבט א ריי גרויסע צעגראָמירונגען. אלע בעסטע טוער זיינע זיינען צו עטלעכע מאָל געווען ארעסטירט, געזעסן אין טורמע, פארשיקט געוואָרן. אין יאָר 1880 איז דער פארבאנד ענדגילטיק צעגראָמירט געוואָרן, זיין באדייטונג פאר דער אויספורעמונג פונעם קלאסן־באוווסטזיין פון די ארבעטער איז אָבער געווען זייער גרויס. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דורכגעהאקט א לאָך אין די פאָלקיסטישע טראדיציעס און האָט געוויזן די וועגן און מיטלען צום פאנאנדערוויקלען א זעלבשטענדיקע ארבעטער־אָרגאניזאציע. אפילע נאָכדעם, ווי דער פארבאנד איז שוין געווען צעגראָמירט, זיינען אין דער פּראָווינץ געמאכט געוואָרן פּרוּוון צו אָרגאניזירן ארבעטער־פארבאנדן לויטן מוסטער פונעם צאָפן־פארבאנד. זומער 1879 איז פון אויסלאנד געקומען צופאָרן קיין אָדעס פּ. אקסעלראָד, קעדיי צו שאפן דאָרט א רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־אָרגאניזאציע. ער האָט פאר איר צונויפגעשטעלט א נייע פּראָגראַם, וואָס האָט געטראָגן א שטעמפּל פון באקוניזם און מארקסיזם. אין זיינע דערינערונגען שרייבט אקסעלראָד: „אין דער דערקלערונג צו דער פּראָגראַם האָב איך דעם דאָזיקן אומגעוויינלעכן שידעך מאָטיווירט גענוג אויספירלעך און ברייט, ניט איינזעענדיק, אז איך פארקערעווע פון באקוניזם צו דער סאָציאלדעמאָקראטיע".

און די גאנצע באוועגונג האָט אין יענעם פעריאָד פארקערעוועט פון לאווריזם און באקוניזם צו דער סאָציאלדעמאָקראטיע, האגאם זייער לאנגזאם. דער ערשטער צייכן דערפון איז געווען די צעשפאלטונג פון „ערד און פרייהייט" אין יאָר 1879 אף צוויי פראקציעס — די פאָלקיסטישע גרופּע „שווארצער איבער־ארטייל"

(„טשאָרני פערעדעל”) און די גרופע פּאָליטיקער־טעראָריסטן, וואָס האָט געבילדעט די פּארטיי „פּאָלק־פרייהייט” („נאראָדנאיא וואָליא”).

די „נאראָדנאיא וואָליא” האָט קאָנצענטרירט אלע אירע קרעפטן ארום די טעראָריסטישע אקטן און האָט דעריבער ניט געקענט פּאנאנדערוויקלען א ברייטע טעטיקייט צווישן די ארבעטער, האגאם זי האָט דער דאָזיקער טעטיקייט צוגעגעבן א גרויסע באדייטונג. אין הארבסט 1880 איז אונטער זשעליאבאָווס אָנפירונג געשאפן געוואָרן אין פּעטערבורג אן ארבעטער־גרופּע פון מיטגלידער פון דער פּארטיי „נאראָדנאיא וואָליא”. די דאָזיקע גרופּע האָט געפירט אן ענער־גישע אָרגאניזאציאָנעלע און פּראָפּאגאנדיסטישע ארבעט צווישן די פּעטערבורגער ארבעטער. אין דער פּראָגראם פון אָט דער ארבעטער־גרופּע זיינען נאָך ניט פאַראן קיין בוילעט־אויסגעשפּראָכענע קלאסן־פאָדערונגען, אָבער די פּאָליטישע פאָ־דערונגען זיינען פאָרמולירט גענוג קלאָר און עס ווערט אויך בוילעט געשילדערט די שווערע עקאָנאָמישע לאגע פון די ארבעטער.

פון די מער פאַרלאָזלעכע ארבעטער פלעגט מען ווערבירן קאמף־דרוזשינעס פון „נאראָדנאיא וואָליא” אף אויסצופירן טעראָריסטישע אקטן. נאָך דער צע־גראָמירונג פונעם צאָפּן־פאַרבאנד האָט א טייל ארבעטער מיט לייב־און־לעבן זיך אָפּגעגעבן צום טעראָריסטישן קאמף, איינזעענדיק אין דעם לויט יענער צייט דאָס איינציקע מיטל צו פאַרניכטן די זעלבסטהערשונג. סטעפאן כאלטורין איז גע־ווען איינער פון די אמערסטן־אויסגעצייכנטסטע ארבעטער־טעראָריסטן, ער האָט אָרגאניזירט דעם אופרייס אין ווינטער־פּאלאץ אין פּעטערבורג, און אין צוויי יאָר ארום האָט מען אים אופגעהאנגען פאר אָרגאניזירן דעם מאָרד איבער דעם פּראָקוראָר סטרעלניקאָוו.

צום 1־טן מארט 1881 זיינען אין די רעוואָליוציאָנערע קרייזלעך פון „נא־ראָדנאיא וואָליא” געווען 1200—1500 ארבעטער, איבערהויפּט זאוואָדישע קוואלי־פיצירטע ארבעטער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט לויט זייער אנטוויקלונג. די ארבעטער האָבן אָפט אָנטיילגענומען אינעם טעראָריסטישן קאמף דערפאר, וואָס די אויסגעוואקסענע פּאָליטישע אקטיווקייט זייערע האָט ניט געפונען פאר זיך קיין אנדער אויסוועג.

סאָף 1881 און אָנהייב 1882 איז די ארבעטער־אָרגאניזאציע פון „נאראָדנאיא וואָליא” צעגראָמירט געוואָרן. אין דער פּראָווינץ האָבן זיך איינצלנע ארבעטער־קרייזלעך ווייטער אָרגאניזירט און געקעמפט. אין מאָסקווע האָט טעלאלאָווס גרופּע, פּאנקראטאָווס און אנד. אין הארבסט 1881 געהאט אין 30 פּונקטן ביז 120 אָרגאניזירטע ארבעטער. גוט איז געגאנגען די ארבעט צווישן די ארבעטער אין אוקראינע. אין אָדעס, ווו עס זיינען נאָך פארבליבן שפּורן פון דער ארבעט פון זאסלאווסקיס פאַרבאנד, זיינען די ארבעטער־קרייזלעך געוואָרן וואָס ווייטער אלץ מער זעלבשטענדיקער.

אין קיעוו האָט דער „טשאָרנאָפערעדעלעץ” פּאָכאָוו געשאפן א נייעם „דאָרעם־רוסלענדישן ארבעטער־פאַרבאנד”, אין וועלכן עס זיינען ארין ארבעטער פון ביידע פּאָלקיסטישע פראקציעס. ער האָט אנטייל גענומען אינעם עקאָנאָמישן קאמף פון די ארבעטער און די פּאָליטישע פּאָזיציע זיינע האָט ער אויסגעדריקט אין א ספּעציעלער פּראָקלאמאציע, אין צוזאמענהאנג מיטן דערמאָרדן אלעקסאנ־

דער II. אין דער דאָזיקער פּראָקלאַמאַציע האָט ער דערקלערט, אַז דער צאַרן־מאָרד וועט נאָך קיין פרייהייט ניט געבן, ביזוואַנען דאָס פאָלק וועט אליין זיך ניט אופהייבן און זיך אָרגאַניזירן צום קאַמף. דער פאַרבאַנד האָט געפאָדערט פאַר די ארבעטער פּאָליטישע פרייהייט און אַ פאַבריק־געזעצגעבערײַ. אַלס מיטלען פון קאַמף פאַר זיינע פאָדערונגען האָט ער אַנערקענט דעם עקאָנאָמישן טעראָר — דעם פאַבריקישן און אַגראַרן.

אין כאַרקאָוו, וואָס איז, ווי פּאַנקראַטאָוו דערציילט, געוואָרן דער צענטער פון דער פאָלקיסטישער אַרבעט אין אוקראַינע, האָט זיך באַזונדערס אינטענסיוו אַנטוויקלט די פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אייזנבאַן־ארבעטער. די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט אויך אַנטוויקלט די זעלבע טעטיקייט צווישן די ארבעטער אין קאַטערינאָסלאַוו, ראָסטאָוו, טאַגאַנראָג און אַנד. אָבער די גאַנצע טעטיקייט האָט פאַרכאַפּט ניט די מ אַ ס ן, נאָר בלויז איינצלנע באַוווּסטזיניקע ארבעטער. די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט ניט אַרויסגעשטעלט קיין שום קלאַסן־פּראָגראַם פונעם ארבעטער־קלאַס און דעריבער האָט זי ניט געקענט האָבן קיין טיפע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פונעם באַוווּסטזיין בײַ די ארבעטער.

די „טשאָרנאָפּערעדעלצעס", וואָס האָבן זייער שנעל איינגעזען די באַדנלאָזיקייט פון זייער ארבעט אין דאָרף, האָבן זייער טעטיקייט אויך אַריבערגעטראָגן צווישן די שטאָטישע ארבעטער. זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין פּעטערבורג אַן ארבעטער־צייטונג „זערנאָ", ווו זיי האָבן דערוויזן, אַז די באַפרייונג פון די ארבעטער דאַרף זיין די זאַך פון די ארבעטער אליין, און אַז די ארבעטער דאַרפן זיך פאַראייניקן צוליב געמיינזאַמען קאַמף. ניט געקוקט אויף איר פאָלקיסטישע רעשטלעך, האָט די גרופּע „טשאָרני פּערעדעל" דאָך געמאַכט אַ טראָט פאָרויס צום זוכן נייע וועגן פאַרן ארבעטער־קאַמף אין די קריזיס־באַדינגונגען פונעם פאָלקיזם. די טעטיקייט פון דער גרופּע „טשאָרני פּערעדעל" און, באַזונדערס, פון פּלעכאַנאָוו, האָט געהאַט דעם ציל פאָרצוזעצן די טראַדיציעס פונעם צאָפּנדיקן ארבעטער־פאַרבאַנד. די אַנטוויקלונג אין דער ארבעט צווישן פּויערטום, די בלינדע וואַנט, צו וועלכער עס האָט געבראַכט צופירן דער טעראָר, דער אומקום פונעם צאָפּנדיקן ארבעטער־פאַרבאַנד, וואָס איז ניט־גענוג געשטיצט געוואָרן מיצאַד די רעוואָליוציאָנערע פאָלקיסטן, — דאָס אַלץ האָט געצוווּנגען איבערצוקוקן די אַלטע פּראָגראַמעס און קאַמף־מיטלען. אָנהייב 80־ער יאָרן האָט מען קיין ענדגילטיקע אויספירן ניט געקענט מאַכן, ווייל די מאַסן־באַוועגונג האָט נאָך ניט געהאַט אויסגעוואַקסן צו אַ זעלבשטענדיקער קראַפט. אָבער די פראַגע וועגן איבערקוקן די אַלטע וועגן איז שוין געווען אוועקגעשטעלט.

באַם אָפּשאַצן די טעטיקייט פון די פאָלקיסטישע קרייזלעך צווישן ארבעטער דאַרף מען פאַרצייכענען איינציקע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער טעטיקייט, ניט געקוקט אויף די פאָלקיסטישע אָבערגלויבענישן אין דער פראַגע וועגן רוסלאַנדס באַזונדערע אַנטוויקלונג־וועגן, און אין דעם, אַז די רוסישע ארבעטער האָבן, קלוימערשט, ניט קיין זעלבשטענדיקע אויפגאַבן.

דאָס באַשעפטיקן זיך מיט איינצלנע ארבעטער־קרייזלעך, די פּראָפּאַגאַנדע אין ד' פאַבריקן און זאַוואָדן, דער אַנטייל אין שטרייקן, די ערשטע פּרוּוון צו שאַפן ארבע-

טער-אָרגאניזאציעס, אפילע די ברייטע קולטור-שטייגערישע ארבעט צווישן די ארבעטער — דאָס אלץ האָט, פארשטייט זיך, געהאָלפן אופצוהייבן דעם ארבעטערס באוווסטזיין. עס זיינען געוואקסן איינצלנע פאָרגעשריטענע ארבעטער, די ארבעטער-מאסן האָט אָבער דער פאָלקיזם ניט אופגעהויבן. ניט די רעוואָליוציאָנערע פאָלקיסטן פון די 70-ער יאָרן, ניט די נאראָדאָוואָלצעס פון סאָף 70-ער יאָרן און אָנהייב 80-ער יאָרן האָבן ניט געקענט אופהייבן די מאסן און אריינטראָגן א באוווסטזיניקייט אינעם סטיכיישן גאנג פונעם פראָלעטארישן קאמף. אין זייער אגיטאציע און פראָפאגאנדע צווישן פראָלעטאריאט זיינען די נאראָדאָוואָלצעס פארבליבן סאָציאליסטן-אוטאָפיסטן און אידעאָלאָגן פונעם קליין-פראָדוצירער. צונויפמישנדיק אין איין הויפן דעם ארבעטער-פראָלעטאריער מיטן אייגנטימער-פויער, האָבן זיי ניט געזען אינעם ארבעטער-קלאס קיין נייע און הויפטלעכע קראפט פון דער צוקונפטיקער רעוואָליוציע און האָבן ניט געקענט פירן די פראָלעטארישע מאסן אף דעם דאָזיקן וועג.

די נאראָדאָוואָלצעס זיינען פארבליבן בלאנקיסטן-פארשווערער, וואָס האָבן געדענקט, אז מע קאָן אראָפווארפן דעם אבסאָליוטיזם דורך א פארשווערונג און ניט דורך אָרגאניזירן אן ארבעטערשע קלאסן-פארטיי, ניט דורך א קלאסן-דערציונג און דורך צוגרייטן די מאסן צום פאָליטישן קאמף. אן איד עאָלאָגיע פונעם קליין-פראָדוצירער, אלס טרעגער פון רעוואָליוציאָנערע אידייען, — דאָס איז געווען דער יעסאָד אין דער אידעאָלאָגיע פון „נאראָדנאיא וואָליא", און טאקע דערפאר איז טיף אומגערעכט דער כ׳ טעאָדאָראָוויטש, ווען ער זוכט אינעם פאָלקיסטישן סאָציאליזם, אין די פראָגראמעס פון „נאראָדנאיא וואָליא" דעם יִחוס-בריוו פון דער טעאָריע נו-עם באָלשעוויזם.

דער וועג פונעם ארבעטער-קלאס צום מארקסיזם און באָלשעוויזם איז געגאנגען ניט פונעם פאָלקיזם. גראָד פארקערט, די אנטוויקלונג פון דער מאסנווער ארבעטער-באוועגונג האָט אויפגעפירט די ארבעטער-קרייזלעך, וואָס זיינען געווען געשאפן דורך די פאָלקיסטן, ווייט אָן א זייט פון די פאָלקיסטישע וועגן. דער פראָלעטאריאט איז געגאנגען צום מארקסיזם אף אן אנדער אויפן — מיטן וועג פון צונויפגיסן די מאסנווע ארבעטער-באוועגונג מיטן וויסנשאפטלעכן סאָציאליזם.

אָט דעם וועג וועלן מיר באטראכטן אינעם פאָלגנדיקן קאפיטל.

קאפיטל דריי

אַ וועג צום מארקסיזם

1. דער אינדוסטריעלער קריזיס און די שטרייק-באוועגונג אין די 80-ער יאָרן

אין די 80-ער יאָרן האָט דאָס לאנד, אונטער דער ווירקונג פון דער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם, איבערגעלעבט אן אגרארן און אן אינדוסטריעלן קריזיס. די רויִנירונג פונעם פויערטום איז געגאנגען שנעל פאָרויס און האָט געטריבן די דאָרפישע מאסן אין דער אינדוסטריע אריין. די אינדוסטריע, ווידער, האָט אונטער דער

ווירקונג פונעם וועלט-קריזיס איבערגעלעבט פון 1880 ביז 1887 א שווערן שטילשטאנד. די גרויסע צאָל ביליקע ארבעט-הענט, דער פּראָטעקציאָנעלער גרענעץ-אָפּצאָל, די אדמיניסטראטיוו-פּאָליצייִשע דערמינטערונג פון יעדן מין עקספּלואטאציע, וואָס האָט זיך פארשטארקט מיטן אָנקום פון דער רעאקציע אין די 80-ער יאָרן, — דאָס אלץ האָט באוואָרנט פארן קאפּיטאל אזא נאָרמע פארדינסטן, וואָס האָט אים ניט געצוווּנגען אריבערצוגיין צו א העכערער מאשין-טעכניק. די היימישע אינדוסטריע-סיסטעם מיט איר אומגעהייערער עקספּלואטאציע איז געבליבן די הערשנדיקע אין דער אינדוסטריע. אפילו דער אויסלענדישער קאפּיטאל, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך ארייַנגיסן אין דער רוסלענדישער אינדוסטריע, האָט אין זיין טעכניש מער אנטוויקלטער פּראָדוקציע איבערגענומען בא די רוסלענדישע קאפּיטאליסטן די זעלבע אזיאטישע מעטאָדן פון עקספּלואטירן די ארבעטער. דער ארבעטער-קלאס האָט מער ווי ווען ס'ניט איז געליטן פון דער ניט-גענוגער אנטוויקלונג פונעם קאפּיטאליזם. די גאנצע שווערקייט פונעם קריזיס איז אריבערגעלייגט געוואָרן אף די פּלייצעס פון די ארבעטער, אונטער דער ווירקונג פון דעם אלץ נייַעם און נייַעם צופלוס פון פּויערים, וואָס זיינען געבליבן אָן ערד, איז די ארבעטלאָזיקייט אויסערגעוויינלעך אויסגעוואקסן. אין יאָר 1880 האָבן אין די פּעטערבורגער פאבריקן און זאוואָדן געארבעט 78.194 מענטשן און אין 1882 — שוין 7[illegible].754.

אינעם צענטראל-אינדוסטריעלן ראיאָן האָבן זיך די קליינע פאבריקלעך פארמאכט און דער אומזאץ פון די גרויסע פאבריקן האָט זיך פארקלענערט קימאט אף א העלפט. די פאבריקן האָבן אָנגעהויבן פארקלענערן דעם ארבעטלוין און פארגרעסערן די שטראפירונגען.

באזונדערס האָט זיך פארערגערט די לאגע פון די ארבעטער אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע. אין די פאבריקן פון קאָסטראָמער גובערניע איז א דריטל ארבעטער אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דער ארבעט, אף כלודאָווס פאבריק אין יארצעוואָ האָט מען אָפּגעזאָגט 2000 ארבעטער, אין אָרעכאָוואָ-זויעוואָ, וווהין עס זיינען זיך צונויפגעקומען פיל רויינירטע פּויערים פון ריאזאנער, קאלוגער און טולער גובערניעס, איז די פּראָדוקציע פארקלענערט געוואָרן אף א העלפט. בא די, וואָס זיינען פארבליבן ארבעטן, האָט מען פארקלענערט דעם ארבעט-לוין אף 40—50 פּראָצ., זיי האָבן געארבעט ניט קיין פולן געוויינלעכן ארבעט-טאָג. די סיסטעם פון העכערן די שטראפן האָט מען אָנגעהויבן אָנווענדן אין א קאָלאָסאלער מאָס. די אראָפּרעכענונגען פלעגן דערגרייכן ביז א העלפט און אפילו ביז צוויי דריטל פונעם גאנצן ארבעט-לוין. דערפירט געוואָרן ביז פארצווייפלונג פונעם הונגער, וואָס איז ארויסגערופן געוואָרן דורך דער פארקלענערונג פון די פארדינסטן און דורך דעם וווּקס פון די פּרייזן אף ברויט, דורך דער אומגעהייערער עקספּלואטאציע און פּאָליטישן דרוק, האָבן די ארבעטער אָנגעהויבן אויפוואכן אין סטיכייִשן פּראָטעסט. פריער ווי אלץ און שטארקער ווי אלץ איז די דאָזיקע סטיכייִשע באוועגונג אָנגעוואקסן אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע.

אין 1880 יאָר זיינען פאָרגעקומען שטרייקן אין קאָווערינס וואָל-וועבערייַ-פאבריק אין מאָסקווע, אף כלודאָווס מאנופאקטור אין יארצעוואָ, סמאָלענסקער גוב., אין די סערעפּוכאָווער מאנופאקטור-פאבריקן איבער דער פארקלענערונג פון די טאריפן. בייס די שטרייק האָבן די ארבעטער גראָבירט די קראָמען און עס זיינען פאָרגעקומען צוזאמענשטויסן מיט דער פּאָליציי, איבערהויפּט אף כלודאָווס מאנופאקטור. 11 ארבע-

טער זיינען ארעסטירט געוואָרן, 800 שטרייקער פון 2600 זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן מיטן עטאַפּ.

אין 1881 יאָר איז דער באַדייטנדיקסטער שטרייק פאָרגעקומען אין זובקאָווס פאבריק אין איוואנאָוואָ-וואָזנעסענסק. אויך דאָ האָט זיך ארייַנגעמישט די מאכט און עס זיינען פאָרגעקומען ארעסטן.

אין 1882 יאָר זיינען פאָרגעקומען שטרייַקן אין די ביאליסטאָקער וועבער-פאבריקן, אין די זשירארדאָווער און קרענגאָלמסקער מאנופאקטורן, צווישן די רעוועלער וועבער און א רייַ אנדערע ערטער, — דעריקער צוליב דער אומצופרידנקייט מיט די אלץ וואקסנדיקע שטראפירונגען און אראָפּרעכענונגען, וואָס האָבן פארקלענערט דעם אזוי אויך נידעריקן ארבעטלוין. די גרעסטע אקטיווקייט און באוווסטזיניקייט האָבן ארויסגעוויזן די וועבער. די מערהייט שטרייקן זיינען אָבער אונטערדריקט געוואָרן מיט דער הילף פונעם מיליטער און פון פאָליציי.

אין 1883 יאָר איז פאָרגעוועצט געוואָרן דער גרויסער שטרייק אין דער זשירארדאָווער מאנופאקטור, ווארשעווער גוב., וואָס האָט זיך געהאט אָנגעהויבן אין דעקאבער 1882. די צאָל שטרייקער האָט דאָ דערגרייכט ביז 1500 ארבעטער. בייס דערלעוויַע פון די ארבעטער, וואָס זיינען דערהארגעט געוואָרן דורכן מיליטער, איז אייַנגעאָרדנט געוואָרן א גראנדיעזע דעמאָנסטראציע.

אינעם זעלבן יאָר זיינען פאָרגעקומען שטרייקן אין די ריגער פאבריקן, אין די וואָזנעסענסקער און יאראָסלאוולער גרויסע מאנופאקטורן; דאָרט האָבן פארשטרייקט 700 וועבער. אויך דאָ, ווי קימאט אומעטום, זיינען בייס די שטרייקן פאָרגעקומען צוזאמענשטויסן מיט דער פאָליציי, מע האָט גראָמירט, געשלאָגן דער אדמיניסטראציע א. א. וו.

אין 1884 יאָר איז אין דער וואָזנעסענסקער מאנופאקטור ווידער פאָרגעקומען א גרויסער שטרייַק, ארויסגערופן דורך דעם, וואָס מע האָט דאָרט פארקירצט די ארבעט ביז 4 ארבעט-טעג אין וואָך. אין פאבריק האָבן געארבעט 2000 מענטשן, דערין 900 דערוואקסענע מענער און פון זייער אָנטייל האָט דער שטרייַק באקומען א פארנעם, א קראפט און גרויסע אקשאָנעס. קעדיי אונטערצודריקן דעם שטרייַק, זיינען פון מאָסקווע ארויסגערופן געוואָרן 3 באטאליאָן פוסגייער-מיליטער. 115 אקטיווסטע ארבעטער זיינען ארעסטירט און ארויסגעשיקט געוואָרן. אין דעם איניען האָט זיך ארייַנגעמישט דער מאָסקווער גענעראל-גובערנאטער דאָלגאָרוקאָוו, וואָס האָט זיך דערשראָקן פארן פארנעם פונעם שטרייַק, און דאָס האָט, פון איין זייט, ארויסגערופן רעפרעסיעס און ארויסשיקונגען פון ארבעטער, און, פון דער אנדער זייט, — האָט עס גערדריקט אף די פאבריק-אייגנטימער, זיי זאָלן אייַנגיין אף האנאָכעס בענעגייע די ארבעטער.

סאָף 1884 זיינען אַלץ איבער די זעלבע סיבעס (פארקלענערט דעם ארבעטלוין און פארגרעסערט די שטראפן) פאָרגעקומען שטרייַקן אויך אין א רייַ אנדערע טעקסטיל-פאבריקן: אין דער איוואנאָוואָ-וואָזנעסענסקער פאבריק, וואָס האָט געהערט צו די בר. גאָרעלינס, אין דער פאבריק, וואָס האָט געהערט צו דער געזעלשאפט גאָרסקער מאנופאקטור, אין קאָווראָווער אויעזד און אנד.

די דאָזיקע שטרייקן, ווי אויך די אלציינע ארבעט-באדינגונגען האָבן צוגעגרייט דעם סאמע באוווסטן שטרייק פונעם דאָזיקן פעריאָד — דעם אויגערופענעם מאָראָזאָ-

ווער שטרײַק, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1885 אף סאווע מאָראָזאָווס מאנופאק-
טור אין דאָרף ניקאָלסק, לעבן אָרעכאָוואָ-זויעוואָ, וולאדימירער גוב. די צוויי געריכט-
פּראָצעסן האָבן צוגעצויגן צו זיך די אופמערקזאמקייט פון גאנץ רוסלאנד צום דאָזיקן
שטרײַק.

די עקספּלואטאציע אף מאָראָזאָווס מאנופאקטור האָט איבערגעשטיגן אלע טעק-
סטיל-פאבריקן פון וולאדימירער גוב., וואָס זײַנען געווען באַרימט מיט זייערע פּא-
ראָנדקעס. אין משך פון 2 יאָר איז דער ארבעטלוין פארקלענערט געוואָרן אין
5 מאָל און די שטראַפירונגען האָבן אים פארקלענערט נאָך אף 30—50 פּראָצ. די שווערע
לעבן-און ארבעט-באַדינגונגען האָבן ארויסגערופן אומצופרידנקייט און פארדרוס, אָבער
קיין אקטיווע פאָרמען האָט עס נית אָנגענומען. דער באשטאנד ארבעטער פון מאָראָ-
זאָווס פאבריק איז געווען א פויערשער: פון 6779 ארבעטער זײַנען 1912 געווען אָר-
טיקע וולאדימירער פויערים, 1707 — מאָסקווער, 1127 — ריאזאנער, די איבעריקע זײַ-
נען געווען פון קאלוגער, טולער, טווערער, טאמבאָווער און אנד. גוב.

אופהייבן צום קאמף אזא מין ארבעטער-באשטאנד איז געווען שווער. איינער פון די
אָרגאניזאטערס און אָנפירער פונעם שטרייק, פּיאָטער אניסימאָוויטש מויסייענקאָ,
דערציילט אין זײַנע באוויזן, ווי שווער עס איז געווען אופצוהייבן אזא מאסע, און
ווי אסאך האָבן געהאלטן, אז עס איז גאָר קיין האָפענונג ניטאָ דערוף.

די נעשעעניישן אין וואָזנעסענסקער פאבריק זײַנען געווען דער ערשטער פונק,
וואָס האָט אָנגעצונדן די גרויסע סרייפע אין דער ניקאָלסקער מאנופאקטור. אונטער
דער אָנפירונג פון דריי פאָרגעשריטענע ארבעטער, מויסייענקאָ, איוואנאָוו און וואָל-
קאָוו, וואָס האָבן פאראייניקט ארום זיך עטלעכע צענדליק סאמע באוווסטזיניקסטע
וועבער אין דער פאבריק, האָט זיך דעם 7-טן יאנוואר אָנגעהויבן א שטרייק, פריער אין
וועבער-קאָרפּוס, דערנאָך אין די איבעריקע קאָרפּוסן.

די אלגעמיינע צאָל פארשטרייקטע ארבעטער איז דערגאנגען ביז 8000 מענטשן.
מויסייענקאָ און וואָלקאָוו האָבן אָפּגעהאלטן די ארבעטער פון אומאָרדענונגען און
האָבן געשטרעבט, דער שטרייק זאָל צוגיין וואָס מער אָרגאניזירט. זיי האָבן פאנאנ-
דערגעארבעט א גאנצע פּראָגראם פון ארבעטער-פאָדערונגען צום אייגנטימער פון פאב-
ריק. די דאָזיקע פּראָגראם איז, אין גרונט גענומען, באשטאנען פון עקאָנאָמישע
פאָדערונגען: העכערן דעם ארבעטלוין, פארקלענערן די שטראפן און דערלאָזן
געוויילטע כטארעסטעס.

פארשטייט זיך, אז מאָראָזאָוו האָט די פאָדערונגען ניט אָנגענומען, און איי-
נער פון די שטרייק-אָנפירער, וואָלקאָוו, וואָס האָט דערלאנגט דעם אָנגעקומענעם
גובערנאטער אין זאוואָד א העפט מיט די פאָדערונגען, איז ארעסטירט געוואָרן צו-
זאמען מיט אנדערע אויסגעוויילטע. די ארבעטער האָבן זיך א וואָרף געטאָן באפרייען
די ארעסטירטע, זיי האָבן צעגראָמירט די געבײַדע און א טייל באפרייט. אף מאָרגן
איז ארויסגערופן געוואָרן מיליטער, וואָס האָט זיך ברוטאל אָפּגערעכנט מיט די שטרײַ-
קער. 800 מענטשן זײַנען ארויסגעשיקט געוואָרן, 33 ארבעטער, צווישן זיי אויך מוי-
סייענקאָ, וואָלקאָוו און איוואנאָוו, זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט.

דער מאָראָזאָווער שטרײַק האָט ארויסגערופן צוויי געריכט-פּראָצעסן. דער ערש-
טער פּראָצעס איבער 19 ארבעטער, וואָס זײַנען צוגעצויגן געוואָרן צו פאראנטוואָרט-
לעכקייט פאר אָנטיילנעמען אין די אומאָרדענונגען, איז פאָרגעקומען אין וולאדימי-

דער קרייז-געריכט און האָט זיך פאַרענדיקט מיט פאַרמיטפּעטן אויף ארעסט פון 2 וואָכן ביז דריי כאדאָשים. דער צווייטער פּראָצעס איז פאָרגעקומען מיטן אָנטייל פון געשוואָרענע און האָט זיך פאַרענדיקט דערמיט, וואָס אלע באשולדיקטע זיינען געוואָרן פריי־געשפּראָכן, דערין אויך מויסייענקאָ און וואָלקאָוו. דאָך האָט מען זיי פאָרט ארויסגעשיקט אין אדמיניסטראַטיווער אָרדענונג. דער פּראָצעס האָט ארויסגערופן דעם גרעסטן געזעלשאַפטלעכן אינטערעס. אפן געריכט האָט זיך אנטפּלעקט א שוידערלעך בילד פונעם לעבן פון די ארבעטער. ריכטיק האָט אָנגעוויזן דער פאַרטיידיקער שובינסקי, אז דער פּראָצעס האָט אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג פון דער פאַבריק-וועלט אין רוסלאַנד... „די דאָזיקע וועלט איז אין א געוויינלעכער צייט הערמעטיש פאַרמאַכט פאַר אונדז מיט די הויכע געמויערטע ווענט פון די פאַבריק-קאָרפּוסן. איצט רוקן זיך פאַנאַנדער די דאָזיקע ווענט און גיבן א מעגלעכקייט צו שטודירן די פאַראַנדקעס פונעם פאַבריק-לעבן אין זייער לעבעדיקן, ווירקלעכן אויסזען".

דער מאָראָזאָווער שטרייק האָט ווירקלעך העכער און בילעטער, ווי אלע אַנדערע, אוועקגעשטעלט אין דער ריי די ארבעטער-פראַגע. ביז יענער צייט האָט די רעאַקציאָנערע פּרעסע (קאַטקאָווס „מאָסקאָווסקיע וועדאָמאָסטי" און אַנד. צייטונגען) געשריבן, אז „קיין שום ארבעטער-פראַגע איז בא אונדז, אדאַנק גאָט, ניטאָ", אז בא אונדז איז אפילו ניט פאַראַן קיין „אַנטאַגאָניזם צווישן באַלעבאָס און ארבעטער". די שטרייקן און אומרוען האָבן זיי דערקלערט ניט זייטיקע „ווירקונגען" און געפאַלענע זיטן, און אין העסקעם מיטן דאָזיקן דיאַגנאָז האָבן זיי געהאַלטן, אז דאָס בעסטע מיטל קעגן שטרייקן זיינען די רעליגיעזע זונטיק-שמועסן אין די פאַבריקן.

נאָר פאַרבייגיין איצט אזא היסטאָרישן פאַקט, ווי עס איז געווען די אָנוואַקסנדיקע ארבעטער-באַוועגונג, האָט מען שוין מער ניט געקענט. אָט פאַרוואָס פּלעכאַנאָוו האָט געשריבן אין יאָר 1886 אינעם פראַנצויזישן סאָציאַליסטישן זשורנאַל, אָפּשאַצנדיק דעם שטרייק לויט זיין ווירקלעכן זין: „דער פּראָצעס האָט ארויסגערופן א קאָלאָסאַלן אינטערעס אין רוסלאַנד, ווו ער וועט, אָן צווייפל, דינען אלס אויסגאַנג-פונקט פאַר א נייעם פאַזיס אין דער ארבעטער-באַוועגונג".

אין וואָס-זשע איז באַשטאַנען דאָס נייע אין דעם דאָזיקן שטרייק, וואָס האָט געגעבן פּלעכאַנאָוון דאָס רעכט און די מעגלעכקייט אזוי הויך צו שאַצן זיין היסטאָרישן באַטייט? דער מאָראָזאָווער שטרייק האָט ווי פאַראַלגעמיינערט די דערפאַרונג פון אלע פאַרגאַנגענע צען יאָר שטרייקן-קאַמף, אויף וויפל דאָס איז נאָר מעגלעך געווען אין די באַדינגונגען פון דער האַלבפּויערישער, ווייניק אַנטוויקלטער ארבעטער-מאַסע.

די פּעטערבורגער שטרייקן פון די יאָרן 1878-79 זיינען געווען א טראָט פאָרויס אפן וועג פון אויפוועקן דעם באַוווסטזיין בא די ארבעטער אין דער הויפּטשטאָט. דער מאָראָזאָווער שטרייק איז שוין געווען א סימפּטאָם, אז עס וואַקסט אויף דער באַוווסטזיין און די קאַמפפעאיקייט בא דער ברייטער מאַסע פּראָווינציעלע ארבעטער. אָבער אין די פּעטערבורגער שטרייקן האָט די אַקטיווע ראָליע נאָך געהערט צו דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ און אין דעם מאָראָזאָווער שטרייק זיינען די אָנפירער ארויסגעקומען פון דער סוויווע פון דער זעלבער ארבעטער-מאַסע.

אזעלכע אָנפירער זיינען פאַר דער מאַסע געווען פאַרשטענדלעך און האָבן

געקענט פירן נאָך זיך און ארויסרופן בא איר אזא באהעפטקייט און כאַווערישע סאָלידאַריטעט, וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן ביים געמיינזאמען אָנגריף פון די מאסן, קעדיי צו באפרייַען די ארעסטירטע.

נייַס געפינען מיר אויך אין די ארבעטער-פאָדערונגען: די ארבעטער ווענדן זיך ניט מיט נעבעכדיקע ביטעס און „פראָשעניעס", נאָר זיי פאָדערן איינרעגולירן די באדינגונגען פון לוין-ארבעט דורך אן אלמעלוכישן געזעץ. אונטער דער דירעקטער ווירקונג פונם מאָראָזאָווער שטרייַק זיינען נאָכדעם פאָרגעקומען אנדערע שטרייַקן, ווו די ארבעטער האָבן אויך געפרווט פאָרויס צונויפריידן זיך און אָרגאניזירטערהייט ארויסשטעלן זייערע פאָדערונגען צו די באאמטע.

פארן פעריאָד 1881—1889 קען מען געפינען אָנווייזונגען וועגן 73 מער-ווייניקער גרויסע שטרייקן מיט 62.998 אָנטיילנעמער. פאקטיש איז אָבער די צאָל שטרייַקן, זעט אויס, געווען גרעסער. לויט וו. אי. נעווסקיס אויסרעכענונגען האָט פאר צען יאָר (1881—1889) די אלגעמיינע צאָל שטרייַקער באטראָפן 164,200 מענטשן. מער ווי אלץ האָבן אין די 80 יאָרן געשטרייַקט די טעקסטיל-ארבעטער — עס זיינען פאראן אָנווייזונגען וועגן 118 שטרייַקן און 120 טויזנט אָנטיילנעמער. די מעטאליסטן גיבן 26 שטרייַקן און 26 טויזנט אָנטיילנעמער. קימאט צוויי דריטל שטרייַקן אין די 80-ער יאָרן זיינען פאָרגעקומען צוליבן פארקלענערן דעם ארבעטלוין. דער גרעסטער טייל שטרייַקן פון די 80-ער יאָרן האָט זיך געענדיקט לעטויוועס די אונטערנעמער. דערצו האָט מיטגעווירקט דער עקאָנאָמישער קריזיס פון יענעם פעריאָד.

נאָר די קראפט און באטייטונג פון א שטרייַק באשטייט ניט אין זיינע עקאָנאָמישע רעזולטאטן. די שטרייַקן האָבן, ווי קאטקאָוו האָט זיך ריכטיק אויסגעדריקט, באוויזן דער רעגירונג, אז „מיט די פאָלקמאסן איז געפערלעך צו שפאסן". איז טאקע דער קאָנקרעטער רעזולטאט פון די אלע שטרייקן און, איבערהויפט, פונעם מאָראָזאָווער שטרייק געווען די ערשטע האנאָכעס פאר ארבעטער אין פאָרם פון האגאם זייער באשרענקטע פאבריק-געזעצן, וואָס האָבן באגרענעצט די עקספלואטאציע פון ארבעטער. „ערשט דאן, — האָט לענין געשריבן וועגן מאָראָזאָווער שטרייק און וועגן דעם איינדרוק, וואָס ער האָט געמאכט אף דער רעגירונג און די קאפיטאליסטן, — ערשט דאן האָט זיך די רעגירונג דערשראָקן און האָט נאָכגעגעבן. די ארבעטער דארפן זאָגן א דאנק פאר דער פארלייַכטערונג ניט די באאמטע, נאָר זייערע כאווירים, וועלכע האָבן זיך דערשלאָגן און דערשלאָגן זיך צו דער אָפשאפונג פון די ווילדע אונטערדריקונגען".

2. די ארבעטער-פראגע און די רעגירונג

די שטרייַקן פון די 80-ער יאָרן האָבן אזויארום אוועקגעשטעלט די ארבעטער-פראגע, וואָס האָט אזוי געשראָקן די רעגירונג.

ערשט די לאנגע ריי שטרייַקן, און, איבערהויפט, דער מאָראָזאָווער שטרייַק, וואָס האָט סיגנאליזירט וועגן דעם אָנקום פון א ברייטער ארבעטער-באוועגונג, האָט געצוווּנגען דער רעגירונג צו מאכן אן אָנהייב פון א פאבריק-געזעצגעבונג. אין די 60—70-ער יאָרן האָבן די ארבעטער פארשקלאפטע באם קאפיטאל און פייִקע ביז צו א סטיכייִשן פארטיידיקונג-קאמף, נאָך ניט געקאָנט קאָנצענטרירן זייערע קרעפטן

אינעם קלאסנקאמף ארום און ארבעטער-געזעצגעבונג. אין יאָר 1859 האָט די רעגירונג געמאכט א פּרווו אײַנצושטעלן קלאָלים, וואָס זאָלן רעגלאמענטירן די קעגנזײַטיקע באציונגען צווישן די לוין-ארבעטער און אונטערנעמער און, באזונדערס, אין דער פראגע וועגן דעם דויער פון דעם ארבעט-טאָג פאר קינדער. נאָר דער דאָזיקער פּרווו האָט באגעגנט אן ענערגישן פּראָטעסט מיצאד די פאבריקאנטן, וואָס האָבן ארויסגערוקט א פּרינציפּ, אז די מעלוכע דארף זיך ניט ארײַנמישן אין די עקאָנאָמישע באציונגען. דער פּראָיעקט וועגן באגרענעצן די קינדער-ארבעט, ווי אויך דער צווייטער פּראָיעקט וועגן אײַנפירן א פאבריק-אינספּעקציע, האָט ארויסגערופן א באזונדערס שטארקן שטורעם מיצאד די מאָסקווער און טווערער פאבריקאנטן און א קלענערן פּראָטעסט מיצאד די פּעטערבורגער.

שפּעטער, אין די 80-ער און 90-ער יאָרן, האָט זיך די זעלבע מיינונג-פארשיידנהייט צווישן די פאבריקאנטן איבערגעכאזערט (און אין אסאך בוילעטערע פאָרמען). פאר גאנצן פּעריאָד פון די 60-ער יאָרן זײַנען דורכגעפירט געוואָרן בלויז 2 געזעצן, וואָס האָבן געהאט א שײַכעס צו די לוין-ארבעטער: דער געזעץ פון יאָר 1866 וועגן מעדיצינישער הילף פאר די ארבעטער — א „צײַטווײַליק מיטל", וואָס איז אײַנגעפירט געוואָרן אין קאמף קעגן דער כאָלערע-עפּידעמיע, און דער געזעץ פון יאָר 1869 וועגן אײַנפירן ארבעטער-ביכלעך פאר די בארגווערקישע ארבעטער און וועגן פארווערן די פרויען צו ארבעטן אף אונטערערדישער ארבעט אין די שאכטעס און אף נאכט-ארבעט.

אין די זיבעציקער יאָרן איז ניט פארעפנטלעכט געוואָרן קיין איין געזעץ וועגן ארבעטשוץ, האָגאם צוויי רעגירונג-קאָמיסיעס האָבן געארבעט איבער דער דאָזיקער פראגע: די קאָמיסיע פונעם גראף איגנאטיעוו אין יאָר 1870 און וואלויעוו קאָמיסיע אין 1874. זייערע פּראָיעקטן וועגן באגרענעצן די ארבעט פון קינדער און מינדעריאָריקע האָבן ווידעראמאָל באגעגנט א פארביסענע אָפּאָזיציע מיצאד די פאבריקאנטן און דער מעלוכע-ראט האָט זיי ניט באשטעטיקט. אינטערעסאנט איז צו פארצייכענען, אז די דאָזיקע פּראָיעקטן האָבן אָפּגעשפּיגלט די אינטערעסן פון די גוטבאזיצער, וואָס זײַנען געווען פארינטערעסירט אײַנצורעגולירן די פראגע וועגן דינגען לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער; טאקע צוליב די אינטערעסן פון די גוטבאזיצער האָט דער פּראָיעקט פון גראף איגנאטיעוו קאָמיסיע פארגעלייגט צו פארשטארקן די פארשקלאפנדיקע באדינגונגען פון דינגען ארבעטער און צו מאכן פאר אומעגלעך דאָס אוועקגיין פון דער ארבעט צו יעדער צײַט. אין וואלויעוו קאָמיסיע האָבן אויך געזיגט די אינטערעסן פון די גוטבאזיצער. צוליב זיי איז אויסגעארבעט געוואָרן א פארגאנצטע סיסטעם פון קאמף קעגן דעם אײַגנוויליקן אוועקגיין פון דער ארבעט. ערשט די שטרײַקן פון סאָף 70-ער יאָרן און אָנהייב 80-ער יאָרן האָבן געצווונגען דער רעגירונג אָפּצוזאָגן זיך פון איר ביוראָקראטישער שאפונג אין די קאָמיסיעס, וועלכע האָבן זיך פארוואנדלט אין א קאמף-ארענע צווישן די גוטבאזיצער און דער אינדוסטריעלער בורזשואזיע. דעם 1-טן יוני 1882 יאָר איז פארעפנטלעכט געוואָרן א געזעץ וועגן פארווערן די ארבעט פון קינדער ייִנגער פון 12 יאָר, פאר קינדער פון 12 ביז 15 יאָר איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אן 8-שאָיקער ארבעט-טאָג און עס איז זיי פארווערט געוואָרן צו ארבעטן באנאכט און אין יאָנטויוום-צײַט. עס איז אײַנגעפירט געוואָרן א פאבריק-אינספּעקציע, וואָס זאָל אכטונג געבן אף דער ארבעט

און אפן לערנען די קינדער און מינדעריאָריקע. נאָר גאָר אינגיכן האָט מען אינעם דאָזיקן געזעץ גענומען אריינטראָגן „דערקלערונגען" און „צוגאָבן", וואָס האָבן געמאַכט צונישט זײַן גאַנצן זין: לעמאָשל, די פאַבריקאַנטן איז געגעבן געוואָרן דאָס רעכט צוצולאָזן צו דער ארבעט 10-יאָריקע קינדער. די פאַבריקאַנטן האָבן געפאָדערט ווײַטערדיקע ענדערונגען פונעם געזעץ פאַר זייער נוצן וועגן: פאַרקלענערן דעם שוץ-עלטער, דערלויבן נאַכט-ארבעט פאַר 12-יאָריקע קינדער, אָפּשאַפן דעם אומבאַדינגטן אָנטייל פון די אונטערנעמער אינעם לערנען די קינדער. באַזונדערס האָבן ענערגיש וועגן דעם זיך מישטאַדל געווען די מאָסקווער און וולאַדימירער פאַבריקאַנטן. די פעטערבורגער און לאָדזער פאַבריקאַנטן האָבן ארויסגעוויזן א גרעסערן ליבעראַליזם אין דער פראַגע וועגן באַגרענעצן די קינדער-ארבעט. די פעטערבורגער און לאָדזער אונטערנעמונגען זײַנען געווען טעכניש בעסער אויסגעשטאַט און דעריבער האָבן זיך די פאַבריקאַנטן געקענט לײַכטער אָפּזאָגן פון עקספּלואַטירן די קינדער-ארבעט און האָבן געשטרעבט צו באַגרענעצן איר באַנוץ, אָבער די מאָסקווער און וולאַדימירער פאַבריקאַנטן האָבן געבויט זייערע קאַפּיטאַלן אויף דער עקספּלואַטאַציע פון ביליקער פרויען- און קינדער-ארבעט.

די פאַבריקאַנטן האָבן געפּויעלט, אַז דער געזעץ פון יאָר 1882 זאָל אָפּגעלייגט ווערן אויף 2 יאָר מיט דער רעכענונג, אַז אויב עס וועט זיי ניט געלינגען זיך צו דערשלאָגן, אַז דער געזעץ זאָל אינגאַנצן אָפּגעשאַפט ווערן, וועלן זיי אים אַלנפאַלס מער צופּאַסן צו זייערע אינטערעסן. צוליב דער פאַרשטאַרקונג פונעם אינדוסטריעלן קריזיס האָט זיך באַזונדערס ערנסט פאַנאַנדערגעוויקלט די קאָנקורענץ צווישן די טעקסטיל-ראַיאָנען, איבערהויפּט, צווישן די פעטערבורגער, מאָסקווער, וולאַדימירער, און דער אַלטער שטרייט צווישן זיי אַרום דער געזעצגעבונג האָט זיך צעפלאַקערט מיט א נייער קראַפט. די פעטערבורגער פאַבריקאַנטן האָבן זיך דערשלאָגן דערצו, אַז עס זאָל אָפּגעשאַפט ווערן אָדער באַגרענעצט ווערן די נאַכט-ארבעט, זיי האָבן געהאָפּט אַזוי־אַרום צו באַגרענעצן דעם האַכנאָסע-קוואַל פון די מאָסקווער פאַבריקאַנטן. אין יאָר 1884 האָבן די פעטערבורגער פאַבריקאַנטן פאָרגעלייגט אינגאַנצן צו פאַרבאָטן די נאַכט-ארבעט, אָבער דאַנק דער אַקשאָנעס פון די מאָסקווער אונטערנעמער איז די נאַכט-ארבעט אין אייניקע פּראָדוקציעס פאַרווערט געוואָרן בלויז פאַר פרויען און מינדעריאָריקע ביז 17 יאָר.

ערשט נאָך דעם מאָראָזאָווער שטרייק איז די רעגירונג מער אַנטשיידן צוגעגאַנגען צו די פראַגן פון דער פאַבריק-געזעצגעבונג.

עס איז געשאַפן געוואָרן א קאָמיסיע אונטערן פאָרזיץ פונעם דירעקטאָר פון פאָליצײַ-דעפּאַרטאַמענט פּלעווע אויף אויסצואַרבעטן א נייעם געזעץ. נאָר איידער נאָך די קאָמיסיע האָט פאַרענדיקט איר ארבעט, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער געזעץ פון 3-טן יוני 1885, וואָס האָט פאַרבאָטן נאַכט-ארבעט פאַר פרויען און מינדעריאָריקע ביז 17 יאָר. פּלעוועס קאָמיסיע האָט צוגעשטעלט א פּראָיעקט וועגן אן אַלגעמיינעם פאַבריק-געזעץ, וואָס איז דערשינען דעם 3-טן יוני 1886. דער געזעץ האָט געפאָדערט: 1) אָבליגאַטאָריש אויסצאָלן דעם געהאַלט איין מאָל אין כוידעש; 2) פאַרבאָטן אויסצוצאָלן דעם געהאַלט מיט טאַלאָנעס און סכוירעס און 3) פאַרבאָטן דער פאַבריק-קאָנטאָר אַראָפּצורעכענען פונעם געהאַלט כויוועס. דער געזעץ איז דערגאַנצט געוואָרן מיט קלאָלים, וואָס האָבן רעגולירט די שטראָפן און פאַרברייטערט די רעכט

פון דער פאבריק-אינספעקציע. איינציייטיק האָט דער געזעץ פארגרעסערט די שטראָף פאר שטרייקן. די גאנצע קאָנסערוואטיווע פרעסע האָט דעם דאָזיקן געזעץ דערקלערט פאר א „סאָציאליסטישן" און ער האָט ארויסגערופן אן אקשאָנעסדיקן ווידערשטאנד מיצאד די פאבריקאנטן. די אונטערנעמער האָבן איינגעשפארט געפאָדערט איבערצוקוקן אים און האָבן סאבאָטירט זיין דורכפירונג.

די געזעצגעבונג פון די 80-ער יאָרן איז געווען בלויז די ערשטע שוואלב פונעם צוקונפטיקן קלאסנקאמף פאר באגרענעצן די זעלבסטהערשאפט פונעם קאפיטאליסט אף דער פאבריק. דאָס האָט אָפּגעקאָסט דעם ארבעטער-קלאס נייע קאָרבאָנעס און איז דערגרייכט געוואָרן אלס רעזולטאט פון א נייער שטרייקן-כוואליע.

3. די גרופע „באפרייונג פון דער ארבעט" און איר ראָליע אין דער אנטוויקלונג פונעם מארקסיזם

דער אריבערגאנג פון דער ארבעטער-באוועגונג אף סאָציאל-דעמאָקראטישע פאָזיציעס האָט געקענט פאָרקומען בלויז אינעם פראָצעס פון קאמף און בעמיילע גאָר ניט מיטאמאָל. די סטיכיישע עקאָנאָמישע באוועגונג האָט אין דער דאָזיקער ריכטונג געמאכט בלויז דעם ערשטן טראָט. אינעם קאמף קעגן די אונטערנעמער פאר פארבעסערן די ארבעט-און שטייגער-באדינגונגען און אינעם קאמף קעגן דער פאָליציי און רעגירונג פאר עלעמענטארע מענטשלעכע און בירגערלעכע רעכט האָבן די מאסן ערשט ביסלעכווייז זיך אויסגעלערנט צו באזייטיקן די סאָציאל-פאָליטישע באדינגונגען, וואָס רינגלען זיי ארום, און האָבן זיך צוגעווינט צום געדאנק, אז עס איז נייטיק צו פירן א קאמף פאר אומענדערן די דאָזיקע באדינגונגען. אָט דאָ איז טאקע נייטיק געווען די הילף מיצאד איינצלנע ארבעטער-רעוואָלוציאָנערן, וואָס קומען אליין ארויס פון די מאסן, אָדער אן אקשאָנעסדיקע פראָפּאגאנדיסטישע און אגיטאציאָנעלע ארבעט מיצאד די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער-קרייזלעך. דער באוווסטזיין פון די ארבעטער-מאסן פלעגט באארבעט ווערן אפן באָדן פון די נאָענטע און פארשטענדלעכע פאר זיי פאקטן פון עקספּלואטאציע, אָבער קומען פלעגט עס פון אויסן, בא דער ענערגישער הילף פון פראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן, און שפּעטער, בא א דירעקטער אופווירקונג מיצאד דער שטארקער, פרינציפּיעל-אויסגעהאלטענער און גוט-אָרגאניזירטער סאָציאליסטישער ארבעטער-פארטיי. דאָס אויסארבעטן די אידעאָלאָגיע פון דער מאסעווער ארבעטער-באוועגונג איז געוואָרן אן ערשטראנגיקע אופגאבע פאר די פראָלעטארישע רעוואָלוציאָנערן. אזא אידעאָלאָגיע האָט געקענט ווערן בלויז דער מארקסיזם, דער וויסנשאפטלעכער סאָציאליזם, וואָס אף זיינע פרינציפּן האָט די רעוואָלוציאָנערע סאָציאל-דעמאָקראטיע געבויט איר פראָגראם און טאקטיק (אינעם דאָזיקן פעריאָד, באזונדערס אין דייטשלאנד).

דער פאָלקיזם האָט אָנהייב 80-ער יאָרן, נאָך דער צעגראָמירונג פון „נאראָדנאיא וואָליא" שוין מער ניט עקזיסטירט אלס א רעוואָלוציאָנערע קאמף-באוועגונג. די בעסטע קרעפטן זיינען זיינע געווען אָדער אין פארשיקונג, אָדער פארטריבן פון לאנד, אָדער אין די פעטראָפּאוולאָווסקער און שליסעלבורגער פעסטונגען. דעם בעסער דרייסטערן און מעסירעסנעפעשדיקן טייל האָט מען געקעפּט. א טייל האָט עמיגרירט קיין אויסלאנד.

דער רעוואָליוציאָנערער קאמף אין יאָר 1887 פון ג. א. לאָפּאטין, פון די „מיליטאריסטן", פון דער גרופּע „מארטאָווצעס" איז געווען בלויז די לעצטע און שוואכסטע כוואַליע פון דער פאָלקיסטישער באַוועגונג.

אין אויסלאַנד האָט די גרופּע „טשאָרנאָפּערעדעלצעס" מיט פּלעכאַנאָוון אין דער שפּיץ באהאַנדלט די דערפאַרונג פונעם נאָרוואָס פאַרגעקומענעם קאמף. באַקענענדיק זיך מיט דער פּראַקטיק פון דער מײַרעוו-אייראָפּײַשער ארבעטער-באַוועגונג, מיט מאַרקס און ענגעלסעס וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, האָבן די „טשאָרנאָפּערעדעלצעס" פארשטאַנען, אז זיי זײַנען געווען גערעכט, ווען זיי האָבן אין זייערע שטרײַטן מיט די פּאָלקיסטן באַהויפּט, אז די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג קען זיגן בלויז ווי א מאַסן-באַוועגונג. דער פעלער זייערער איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיטן וואָרט מאַסן, וואָס שאַפן די רעוואָליוציע, האָבן זיי געמיינט די פּויערים. דאַן, ווען די רעוואָליוציאָנערע דערפאַרונג און מאַרקס טעאָריע האָבן דערוויזן, אז אזעלכע מאַסן קענען זײַן בלויז די ארבעטער.

אזא אויספיר האָט פאַר די „טשאָרנאָפּערעדעלצעס" באַטײַט — איינרײַסן מיטן פּאָלקיזם. די עוואָליוציע פון די „טשאָרנאָפּערעדעלצעס" צו דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט געבראַכט דערצו, אז אין אויסלאַנד האָט זיך געשאַפן די ערשטע רוסלענדישע מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציע — די גרופּע „באַפרײַונג פון ארבעט". אין רוסלאַנד איז דאַן געווען די ערשטע סאָציאַלדעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע די אַזויגערופענע בלאַגאָיעוס גרופּע.

די גרופּע „באַפרייונג פון ארבעט" איז געשאַפן געוואָרן אין דער שווייץ, אין יאָר 1883 דורך די געוועזענע „טשאָרנאָפּערעדעלצעס" ג. וו. פּלעכאַנאָוו, פּ. ב. אַקסעלראָד, ל. ג. דייטש, וו. אי. זאַסוליטש און וו. נ. איגנאַטאָוו. דער ערשטער אַרויסטריט פון דער גרופּע איז געווען א בראָשור, וואָס האָט אזוי פאָרמולירט די גרונט-אויפגאַבע פון „באַפרײַונג פון ארבעט":

„קאַמף פאַר פּאָליטישער פרייהייט, פון איין זייט, און צוגרייטן דעם ארבעטער-קלאַס צו זיין קומענדיקער זעלבשטענדיקער ראָליע, פון דער צווייטער זייט — אזא איז, לויט אונדזער מיינונג, אין דער איצטיקער צייט די איינציק-מעגלעכע שטעלונג פון די פארטײַישע אויפגאַבן".

אין יאָר 1884 האָט די גרופּע אויסגעארבעט א פּראָגראַם. די דאָזיקע פּראָגראַם איז איבערגעארבעט געוואָרן דורך בלאַגאָיעווס סאָציאַל-דעמאָקראַטישער גרופּע אין רוסלאַנד און אלס רעזולטאַט דערפון איז אין יאָר 1885 דערשינען א קאָמפּראָמיסלעכער „פּראָיעקט פון א פּראָגראַם פון די רוסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן".

די דאָזיקע פּראָגראַם, וואָס איז געווען א קאָלאָסאַלער שריט פאָרויס לעגאַבע די פאָלקיסטישע אָנשויונגען, האָט דאָך אין א ריי פראַגן נאָכגעגעבן דעם „גײַסט פון דער צייט". ניט מאַרקסיסטיש זײַנען אין דער פּראָגראַם געווען די פאָדערונגען פון א דירעקטער פאָלק-געזעצגעבונג און פון מעלוכישער הילף פאַר די ארבעטערישע פּראָדוציר־ישע אסאָציאַציעס. די אַגראַר-פאָדערונגען זײַנען דורך דער פּראָגראַם פאָרמולירט געוואָרן ניט קלאָר. די דאָזיקע אָפּווייכונגען, ווי אויך דעם נאָמען גופא פון דער גרופּע — „באַפרייונג פון ארבעט", אָנשטאָט גרופּע פון רוסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן — האָט פּלעכאַנאָוו דערקלערט דערמיט, וואָס די

גרופע מיינט מיט דער פּאַרזיכטיקער און קאָמפּראָמיסלעכער פּאָרמולירונג ניט אָפּ־צושרעקן די „מעגלעכע כאַווײרים", וואָס זיינען צוגעוווינט געווען „אין מעשעך פון לאַנגע יאָרן צום אַנאַרכיסטישן שלעכטס זאָגן אָף דער צווישנפּעלקערלעכער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע".

די פּאָלקיסטישע אינטעליגענץ איז אָבער ניט נאָכגעגאַנגען נאָך דער גרופּע און די גרופּע האָט וואָס ווייטער אַלץ מער און אַנטשיידענער גענומען אָפּטרייסלען זיך פון דער פּאָלקיסטישער אי־טעליגענץ. אַפן פּאַריזשער צווישנפעלקערלעכן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין יאָר 1889 האָט פּלעכאַנאָוו דערקלערט אין נאָמען פון דער גרופּע: „די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד קען טריומפירן בלויז ווי א רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג פון אַרבעטער. קיין אַנדער אויסוועג איז בא אונדז ניטאָ און קען ניט זיין".

די דאָזיקע ווערטער פּלעכאַנאָווס זיינען געוואָרן די פּלאַטפאָרם פון דער גאַנצער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

די גרופּע „באַפרייונג פון אַרבעט", וואָס האָט געגעבן דער אַרבעטער־באַוועגונג אַן אַלגעמיינע מאַרקסיסטישע פּלאַטפאָרם, האָט אָבער ניט געקענט פּראַקטיש זי אָרגאַניזירן. זי איז געבליבן אַן עמיגראַנטישע גרופּע פון רעוואָליוציאָנערער אינטעליגענץ, וואָס האָט מיט אירע טעאָרעטישע אַרבעטן, ווי אויך מיט די איבערזעצונגען פון מאַרקס און ענגעלסעס ווערק פאַרשפּרייט איר אידייִשע ווירקונג אָף דער רעוואָליוציאָנערער אינטעליגענץ און אָף די פאָרגעשריטענע אַרבעטער. די גרופּע האָט עקזיסטירט ביזוואַנען אין רוסלאַנד איז געשאַפן געוואָרן א סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, און האָט זיך אין איר אַריינגעגאָסן.

אָבער אין רוסלאַנד איז דער מאַרקסיסטישער געדאַנק פאַרשפּרייט געוואָרן אומאָפּהענגיק פון דער גרופּע „באַפרייונג פון אַרבעט". א ריי איבערגאַנג־גרופּן האָבן באַנומען דעם פּראָלעטאַריאַטס אידעאָלאָגיע און האָבן פאַרשפּרייט די אידייען פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. דער וווּקס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט געמוזט אַרויסברענגען מאַרקסיסטישע שטראָמען אין א ריי רעוואָליוציאָנערע גרופּעס, ווי אויך שאַפן זעלבשטענדיקע מאַרקסיסטישע גרופּעס.

אָף דער רוסלענדישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט געהאַט א דירעקטע ווירקונג די ערשטע מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין רוסלאַנד גופא אין יאָר 1883 דורכן בולגאַר בלאַגאָיעוו. בלאַגאָיעווס גרופּע האָט אָרגאַניזירט אַרבעטער־קרייזלעך אין אַלע פּעטערבורגער ראַיאָנען, האָט איינגעאָרדנט אַן אומלעגאַלע דרוקעריי, ווו זי האָט געדרוקט איר אָרגאַן „ראַבאָטשי" (י. 1885).

בלאַגאָיעוו איז געווען א פּאָלקיסט, די מערהייט פון זיינע כאַווײרים לויט דער גרופּע האָבן געהערט צו די „טשאָרנאָפּעררעדעלצעס" פון פּעטערבורגער צענטער. זיי אַלע האָבן דורכגעמאַכט אַן עוואָליוציע צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און האָבן נאָך אין יאָר 1882 געשאַפן דאָס ערשטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזל אין רוסלאַנד. א טעאָרעטישע באַזע אונטער זיין פּראַקטישער אַרבעט האָט דאָס קרייזל אונטערגעפירט ערשט שפּעטער, איבערנעמענדיק די טעאָריע בא דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

אין גרונט פון די אָנשויונגען פון בלאַגאָיעווס גרופּע איז, לויט זיינע איי־

גענע ווערטער, „געלעגן דער אלגעמיינער פּרינציפּ פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דעהיינע, אז דער ארבעטער־קלאס דארף זיך אויסטיילן אין א זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פּארטיי, וואָס דארף זיך שטעלן פאר אן ענדציל איבערגעשטאַלטן די געזעלשאפט אף סאָציאַליסטישע יעסוידעס". אינעם לייטארטיקל פונעם ערשטן נומער „ראבאָטשי" האָט די גרופּע אָנגעוויזן, אז די ארבעטער דארפן קעמפן פאר א קאָנסטיטוציאָנעלער פּארוואלטונג און אז דער פּאָליטישער קאמף איז דער ערשטער נייטיקער באדינג אינעם קאמף פאר סאָציאַליזם. דאָס איז שוין געווען א פולשטענדיקער איינרייס מיט די טראדיציעס פונעם פּאָלקיזם. דאָס איז נאָך אָבער ניט געווען קיין פולשטענדיקער מארקסיזם, ווייל די בלאגאָיעווצעס האָבן זיך פאָרגעשטעלט די סאָציאַליסטישע איבערקערעניש ניט לויט מארקסן, נאָר לויט לאסאלן: דורך ארבעטערשע פּראָדוציר־אסאָציאַציעס, וואָס ווערן סובסידירט פון דער מעלוכע.

צום אונטערשייד פון די פּאָלקיסטן, האָבן די בלאגאָיעווצעס אָפּגעלייקנט די טעאָריע, אז רוסלאנד גייט מיט אן אייגנארטיקן אנטוויקלונג־וועג, אָבער צום אונטערשייד פונעם סכעמאטישן „אייראָפּייִזם" פון דער גרופּע „באפרייונג פון ארבעט", האָבן זיי דעם פויערטום אויך אָפּגעגעבן א גרויסע ראָליע אינעם קאמף, האלטנדיק אים פאר דעם פּראָלעטאריאטס א פארבינדעטן. באם לאווריזם האָבן די בלאגאָיעווצעס איבערגענומען די פּראקטיק פון פּראָפּאגאנדיזם, האגאם די פּראָפּאגאנדע האָט שוין געטראָגן א סאָציאַל־דעמאָקראטישן כאראקטער. די אָנשויונגען פון בלאגאָיעווס גרופּע האָבן אזויארום פאָרגעשטעלט מיט זיך א געמיש פון מארקסיזם, לאסאליאניזם און לאווריזם. אָבער די גרונט־ריכטונג פון די דאָזיקע אָנשויונגען איז געווען א מארקסיסטישע. אין יאָר 1887, נאָכדעם, ווי מע האָט ארעסטירט און ארויסגעשיקט בלאגאָיעוון, איז אויך ליקווידירט געוואָרן די גאנצע גרופּע.

אין איין צייט מיט בלאגאָיעווס אָרגאניזאציע האָבן זיך אין פּעטערבורג אָרגאניזירט אויך אנדערע מארקסיסטישע גרופּעס. באזונדערס איז באקאנט טאָטשיסקיס גרופּע, וואָס האָט אין די יאָרן 1886־88 אָרגאניזירט א ריי ארבעטער־קרייזלעך, א ביבליאָטעק, א ליי־און שפּאָר־קאסע און דגל. סאָף 80־ער יאָרן קומען אויך אוף קרייזלעך, וואָס זיינען געשאפן געוואָרן דורך די ארבעטער גופע: פון די דאָזיקע קרייזלעך זיינען אמערסטן באוווסט באָגדאנאָווס, אפאנאסיעווס, טימאָפייעווס און אנד. ביסלעכווייז האָבן זיך די דאָזיקע קרייזלעך פארייניקט און געשאפן א צענטראלע ארבעטער־גרופּע, וואָס האָט זיך פארבונדן מיט ברוסנעווס מארקסיסטישער גרופּע. אָט־די אלע מארקסיסטישע ארבעטער־קרייזלעך האָבן, ווי אין זייער צייט די פּאָלקיסטישע ארבעטער־קרייזלעך, לאנגזאם און ביסלעכווייז צוגעגרייט קאדרען פון נייע רעוואָליוציאָנערן, אָבער שוין אף דער באזע פון דער נייער מארקסיסטישער אידעאָלאָגיע.

דער ארבעטער-קלאַס און די ארבעטער-באַוועגונג אין די אופשטייג-יאָרן (90-ער יאָרן)

1. דער אינדוסטריעלער אופשטייג און זיין ראָליע אין דער אויספורעמונג פונעם ארבעטער-קלאַס

די לעצטע אָנדערהאַלבן יאָרצענדליק פונעם XIX יאָרה. ווערן כאַראַקטעריזירט דורך אן אויסערגעוויינלעך אינטענסיוון וווקס פונעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם, און אין דער צווייטער העלפט פון די 90-ער יאָרן איז דער דאָזיקער וווקס פאָרגעקומען אפילע ביז גאָר שטורמיש. די מאַשין-פּראָדוקציע שטויסט ארויס שאַרף און האַסטיק די אָפּגעשטאַנענע אינדוסטריע-פאָרמען. דער קאַפּיטאַליזם דרינגט אריין אויך אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע, ער אָרגאַניזירט טוזיע-פאַבריקן, וואָס ארבעטן מיט מאַשינעס. צוליב דער פאַרשפּרייטונג פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס פאַרקלענערט זיך די פאָדערונג אף ארבעט-הענט און דאָס דופט ארויס א קריזיס פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע „זייטיקע" געווערבן. דער הונגער אין די יאָרן 1891-92 און די אומגערעטעניש העלפן נאָך מער מיט צו קאַפּיטאַליזירן די פאַרהעלטעניש אין דאָרף. א קאָלאָסאַלע מאַסע דאָרפישע האַלבפּראָלעטאַריער און רויִנירטע פויערטום לאָזט זיך אַוועק אף זײַטיקע ארבעטן, ווײַל אין דער לאַנדווירטשאַפט קריגן זיי ניט קיין ארבעט. לויט לענינס אויסרעכענונגען, האָט אין די 90-ער יאָרן „די צאָל ארבעטער, באַשעפטיקטע מיט פאַרשיידענע זײַטיקע געווערבן, באַטראָפן ניט ווייניקער, ווי 5—6 מיליאָן". נאָך דעם, ווי אין די יאָרן 1895—1896 האָט זיך געהאַט פאַרקלענערט דאָס אַוועקגיין פון ערד-ארבעט אף זײַטיקע מעלאָכעס, באַגעגענען מיר אין די איבערזיכטן פון א ריי גובערניאַלע זעמסטוועס ווידער א וווקס פון דעם אַוועקגיין, וואָס „באַקומט א כאַראַקטער פון א ספּעציעלער פּראָפעסיע". אינעם פּראָצעס פון אויספורעמען דעם ארבעטער-קלאַס האָט דאָס דאָזיקע אַוועקגיין אָפּגעשפּילט א גרויסע ראָליע, אלס איבערגאַנג-עטאַפּ צום פולשטענדיקן אָפּרייסן זיך פון דאָרף; דאָס האָט אײַנגעבראָכן די „פריערדיקע אָפּגעריסנקייט פונעם פאַרווילדעוועטן ערדארבעטער פון דער איבעריקער וועלט" און צוגעהויבן אים אף א ניי שטאַפּל פון געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזיין. אָט די גוואַלדיקע מאַסן רויִנירטע פויערים („אַוועקגייער", קוסטאַרן א. דגל.) האָט אין די 90-ער יאָרן אײַנגעשלונגען די אומגעהײַער אופגעבליטע פאַבריק-זאַוואָדישע אינדוסטריע. קוידעמקאָל איז אויסגעוואָקסן אין אן אומגעהײַערער מאָס די מאַשיניזירונג פון די פאַבריקן. שנעל איז געוואַקסן די גרויס-אינדוסטריע. די טשוהון-שמעלצונג איז אין די יאָרן 1889-99 אויסגעוואָקסן אף 190 פּראָצ., די צאָל שפּינדלען — אף 76 פּראָצ., דער קוילן-ארויסבאַקום — אף 131 פּראָצ. און דער נאַפט-ארויסבאַקום — אף 132 פּראָצ. לויט לענינס אויסרעכענונגען, זײַנען 40 פּראָצ. פון אַלע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן עקזיסטירט אין יאָר

1890, געוועזן געגרינדעט אין די 90־ער יאָרן. דריי פערטל פון אלע פאבריק־זאַוואָדישע און בארגווערקישע ארבעטער אין 1895 זײַנען געוועזן קאָנצענטרירט אין אונטערנעמונגען, ווו עס ארבעטן 100 ארבעטער און מער, און קימאט א העלפט פון אלע ארבעטער — אין אונטערנעמונגען, וואָס האָבן 500 ארבעטער און מער. דעם זיג פון דער גרויס־אינדוסטריע איבער דער קוילן־אינדוסטריע, די ארויסשטויסונג פון דער האנט־און קוסטאר־ארבעט דורך דער מאשין ווערט כאראקטעריזירט דורכן וווּקס פון דער צאָל דאמף־מאשינעס און באוועגערס. פון יאָר 1878 ביז 1892 איז די צאָל דאמף־קעסלען אין די פאבריקן און זאוואָדן פון רוסלאנד אויסגעוואקסן פון 8.510 ביז 14.948, די צאָל דאמף־מאשינעס — פון 6 353 ביז 13.085 און די צאָל פערד־קראפט — פון 114.987 ביז 345.209. די דורכשניטלעכע צאָל שפינדלען אף איין פאבריק איז אין מאָסקווע און וולאדימיר אין די 90־ער יאָרן געוועזן א גרעסערע, ווי אין ענגלאנד אָדער דייטשלאנד. עס האָבן זיך געשאפן א ריי נײַע אינדוסטריעלע ראיאָנען, נײַע שטעט, ווו עס האָבן זיך געבויט פאבריקן און זאוואָדן און זיי האָבן ארײַנגעצויגן נייע מאסן ארבעטער. פאר די צען יאָר 1887—1897 האָט זיך די צאָל ארבעטער אין די פאבריקן און זאוואָדן פארגרעסערט פון 1.318 טויזנט ביז 2.098 טויזנט, און אף די אייזנבאנען — פון 213 טויזנט ביז 414 טויזנט, ד. ה. די צאָל ארבעטער איז פאר 10 יאָר אויסגעוואקסן אף 64 פראָצ. די העפטיקע אייזנבאן־בויונג אין די 90־ער יאָרן האָט געגעבן נייע קאדרען ארבעטער. דער אריבערגאנג פון האנט־ארבעט צו מאשין האָט אָפּגעשוואכט די פארבינדונג פון די ארבעטער מיטן דאָרף. די מעכאניזירטע אינדוסטריע־צווייגן, איבערהויפּט די מעטאל־באארבעטנדיקע און די בוימוואָל־באארבעטונג, האָבן געגעבן א הויכן פראָצענט באשטענדיקע ארבעטער.

אזוי ארום, גיט דער וווּקס פון דער מאשין־פּראָדוקציע און די קאָלאָסאלע קאָנצענטראציע פון ארבעטער אין די גרעסטע פאבריקן און זאוואָדן אין די 90־ער יאָרן די מעגלעכקייט צו מאכן דעם אויספיר, אז צום אָנהייב XX יאָרה. איז אין רוסלאנד געווען א פולשטענדיק אויסגעפורעמטער און לויט דער צאָל זייער א באַדייטנדיקער ארבעטער־קלאס. „אָפּלייקענען" זײַן עקזיסטענץ האָט שוין איצט קיינער ניט געקאָנט, ניט דער רעגירונג, ניט די עפיגאָנען פון פאָלקיזם. ער האָט ניט נאָר עקזיסטירט, נאָר פארגעשטעלט פון זיך א באזונדערע נייע געזעלשאפטלעכע קראפט פון א קאָלאָסאלער באדייטונג, א קראפט, וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן אינעם אומגעהייערן לויטן פארנעם און כאראקטער שטרייק־קאמף פון די 90־ער יאָרן. איז וועלכע פּראָדוציר־גרופּעס זיינען ארײַנגעטראָטן אינעם דאָזיקן קאמף?

קודעמקאָל, די ארבעטער פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע. די דאָזיקע אינדוסטריע איז געווען קאָנצענטרירט אין דריי הויפּט־ראיאָנען: אינעם צענטראלן — מיט מאָסקווע אין דער שפּיץ, אינעם צאָפן־מײַרעווודיקן — מיט פעטערבורג אין דער שפּיץ, אינעם פוילישן — מיט לאָדז אוןווארשע אין דער שפּיץ. ארום און ארום זײַנען סאָף 90־ער יאָרן געווען 621.500 טעקסטיל־ארבעטער. פון זיי זיינען געווען באשעפטיקט באם בוימוואָל־באארבעטן — 372.136 מענטשן, באם וואָל־באארבעטן — 127.796, לײַן־באארבעטן — 71.515, זייד — 24 774 און געמישטע שטאָפן — 25.320.

די באוול־פּראָדוקציע איז געווען קאָנצענטרירט אין 16 גובערניעס און איר

צענטער איז געווען דער מאָסקווער פאַבריק-ראַיאָן; דעם ערשטן אָרט אין דער ווע־בערײַ־פּראָדוקציע האָט פאַרנומען וולאַדימירער גובערניע, און אין דער שפּינערײַ — מאָסקווע. אין העסקעם מיט דעם איז אויך פאַרגעקומען די קאָנצענטראַציע פונעם טעקסטיל-פּראָלעטאַריאַט און זײַן קלאַסן-אויספורעמונג גופא. טאַקע אָט די עקאָנאָמי־שע צענטערן זײַנען געווען אויך די קאַמף-צענט ען פון די טעקסטיל-אַרבעטער.

דאָס וואָס די דאָזיקע גרופּע פונעם אַרבעטער-קלאַס איז פריער פון אַלע אַרויסגעטראָטן אפן וועג פון קאַמף, דערקלערט זיך גופא מיטן כאַראַקטער און מיט די אַנטוויקלונג-באַדינגונגען פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע. זי האָט אין א באַ־דײַטנדיקער מאָס זיך אַנטוויקלט זעלבשטענדיק, אָן די רעגירונג-דאָטאַציעס, לויט די באַדערפענישן פונעם אינערלעכן מאַרק. און לוין-אַרבעט איז דאָ אײַנגע־פירט געוואָרן זייער פרי. דאָס, וואָס דער טעקסטיל-פּראָלעטאַריאַט איז אף נײַן צענטל באַשטאַנען פון פויערים און אף דער העלפט פון פרויען, האָט געגעבן א מעגלעכקייט צו עקספּלואַטירן אים אָן א מאָס. בא די טעקסטילער איז געווען דער לענגסטער אַרבעט-טאָג, דער קלענסטער אַרבעטלוין, קיינע קלאָלים אין פּראַט פון היגיענע, קיין שום געפאַרלאָזיקייט-טעכניק.

דערפירטע ביז פאַרצווייפלונג דורך דער נויט און רעכטלאָזיקייט, האָבן די טעקסטילער פרי — אָפטמאָל סטיכייִש — אָנגעהויבן אויסדריקן זייער פּראָטעסט און זייער ווילן צו קעמפן פאַרן פאַרבעסערן זייער לאַגע.

די קאָלאָסאַלע קאָנצענטראַציע פונעם טעקסטיל-פּראָלעטאַריאַט אין די פאַב־ריקן און אין די אַרבעטער-קאַזאַרמעס האָט אים געהאָלפן אָנזאַמלען און אַרויס־ווייזן זײַן קאַמף-ענערגיע. דאָס, וואָס די איבערוויגנדיקע מערהייט טעקסטיל-אַר־בעטער איז באַשטאַנען פון האַלבפויערשע און פויערשע עלעמענטן, פון אָן אונ־טערטעניקער און דערשלאָגענער, האָגאַם לײַכט אופלאַמענדיקער מאַסע פרויען און מינדעריאָריקע, האָט געבראַכט דערצו, אז די אומדערטרעגלעכע לעבן-באַדינגונגען האָבן אופגעהויבן צום קאַמף די גאַנצע מאַסע און ניט נאָר דעם באַוווּסטזיניקן טייל אירן.

„אָט פאַרוואָס, — שרייבט א. שאַפּאָוואַלאָוו אין זײַן בוך דערינערונגען „אפן וועג צום מאַרקסיזם“, — גראָד די דאָזיקע מאַסע אַרבעטער-וועבער, פון ערשטן אויגנבליק אזא אָפּגעשטאַנענע, אומקולטורעלע און דערשלאָגענע, האָט אופגעוואַכט פריער, ווי די מאַסע מעטאַליסטן, און האָט מיטן פּעטערבורגער שטרייק פון זו־מער 1896 יאָר די ערשטע באַוויזן, אז אין רוסלאַנד איז מעגלעך אזא אַרבע־טער-באַוועגונג, ווי אין מערעוו-אייראָפּע“.

אַנטוויקלט האָט זיך אָבער דער דאָזיקער נײַער טיפּ אַרבעטער-באַוועגונג שוין אונטער דער אָנפירונג פון דער נײַער מאַכנע אַרבעטער-מעטאַליסטן.

אין די 90-ער יאָרן איז די מעטאַל-אינדוסטריע געשטאַנען אפן צווייטן אָרט. בא דער מעטאַל-באַאַרבעטונג זײַנען אין יאָר 1900 געווען באַשעפטיקט 235.785 אַרבעטער. צו דער גרעסטער אַנטוויקלונג האָט די מעטאַל-אינדוסטריע דערגרייכט אין אוקראַינע, אין באַלטישן קאַנט און אין אייניקע פּוילישע ראַיאָנען, ווו עס האָט זיך שוין געהאַט פאַרפעסטיקט די באַרגווערקישע אינדוסטריע.

די מעטאַליסטן טרעטן אַריין אינעם עקאָנאָמישן קאַמף אין דער צווייטער העלפט 90-ער יאָרן. דער קאַמף פון די מעטאַליסטן טראָגט נאָך ניט קיין ברייטן

מאסן־כאראקטער, דאָך, פון זייער אַנטייל אינעם אלגעמיין־פּראָלעטארישן קאמף באקומט די באוועגונג א גרעסערע אָרגאניזירטקייט און טיפקייט. צווישן די מע־טאליסטן האָט זיך געפירט א טיפע אינערלעכע ארבעט אף צו שאפן נייע קאד־רען פון א באוווסטזיניקער ארבעטער־אינטעליגענץ, וואָס זאָל אריינברענגען די נייע, מארקסיסטישע אידעאָלאָגיע אין די מאסן.

אזויארום, האָט ערשט די גרויסע מאשין־פּראָדוקציע געשאפן די באזע, וואָס איז נייטיק געווען פאר דער ענדגילטיקער אויספורעמונג פונעם ארבעטער־קלאס, וועלכער האָט זיך אויסגעבילדעט אין מעשעך פון א ריי פארגאנגענע יאָרצענד־ליקער.

2. די שטרייקן-באוועגונג פון די 90־ער יאָרן, אירע באזונדערקייטן און רעזולטאטן

די ענדערונגען, וואָס זיינען אינעם לעצטן יאָרצענדליק פון פאָריקן יאָרהונ־דערט פאָרגעקומען אינעם באשטאנד און אין דער לאגע פונעם ארבעטער־קלאס, האָבן געווירקט אף די פאָרמען און אפן כאראקטער פון דער שטרייקן־באוועגונג, איבערהויפט פון דער צווייטער העלפט 90־ער יאָרן. סאָף 80־ער יאָרן און אָנהייב 90־ער יאָרן גיבן ווייניק וואָס נייס.

פונעם יאָר 1887 איז די אינדוסטריע אריינגעטראָטן אין אן אופלעבונג־פּע־ריאָד, די ארבעטלאָזיקייט האָט זיך פארקלענערט. די ארבעטער־מאסע האָט זיך א ביסל בארויקט און די שטרייקן זיינען שטארק געפאלן סיי אין דער צאָל און סיי אין דער אָנגעשטרענגטקייט זייערע. אָנהייב 90־ער יאָרן טרעט אָבער די אינדוסטריע ווידער אריין אין א שטילשטאנד־פּאזע צוליב דער אומגערעטעניש און דעם פארקלענערטן נאָכפרעג. די קלעפּ פונעם שטילשטאנד פאלן, ווי שטענ־דיק, אף די ארבעטער, עס פארגרעסערט זיך די ארבעטלאָזיקייט, עס פארקלענערט זיך דער ארבעטלוין. די ארבעטער ענטפערן אף דעם מיט שטרייקן און אומרוען, וועלכע ווערן איינגעשטילט דורך מיליטער. אזעלכע שטרייקן זיינען אין מעשעך פון די יאָרן 1892־93 פאָרגעקומען אין פעטערבורג, כארקאָוו, ראָסטאָוו־דאָן און יוזעווקע. די שטרייק־באוועגונג נעמט אָן א ברייטערן כאראקטער בלויז אין פּוילן, אדאנק דעם אָנטייל פון דער אָרגאניזירנדיקער ראָליע פון די פּוילישע סאָציא־ליסטישע ארבעטער־אָרגאניזאציעס. די נעסטן פון דער באוועגונג זיינען געווען די גרעסטע אינדוסטריעלע צענטערן: ווארשע, לאָדז, זשיראַרדאָוו און אנד.

נאָך אָנהייב 1882 האָט זיך אין פּוילן געשאפן א סאָציאליסטישע פארטיי „פּראָלעטאריאט", וואָס איז ארויסגעטראָטן מיט א פּראָגראם פון פּראָלעטארישן קלאסנקאמף. אף דער דאָזיקער פארטיי האָט טיילווייז געווירקט די בלאנקיסטישע פּראָגראם (אין דער פראגע וועגן פארכאפּן די מאכט), דאָך האָט זי אָבער פּאָר־געשטעלט פון זיך א קאָלאָסאלן טראָט פאָרויס אפּן וועג צו דער סאָציאל־דע־מאָקראטיע. נאָך די טעראָריסטישע טאקטיק פון דער פארטיי „פּראָלעטאריאט" האָט געבראכט דערצו, אז א טייל מיטגלידער זיינען אוועק פון דער אָרגאניזאציע און האָבן אין יאָר 1889 געשאפן, צוגלייך מיט איר, דעם „ארבעטער־פארבאנד", וואָס האָט געפאָדערט אין דער ערשטער ריי אָרגאניזירן דעם עקאָנאָמישן קאמף פון

די אַרבעטער. די ווירקונג פון די דאָזיקע רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אַף די פּוילישע אַרבעטער האָט, אַגעוו, זיך אַרויסגעוויזן אויך אין דעם, וואָס אין פּוילן האָבן די אַרבעטער פון יאָר 1890 אָנגעהויבן פּײַערן דעם 1־טן מײַ.

אין פּעריאָד 93־1890 האָט זיך אין פּוילן פאַנאַנדערגעוויקלט א קאָלאָסאַלע שטרייק־באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט ביז 100.000 אַרבעטער. די שטרייקער האָבן געפאָדערט — פאַרקלענערן דעם אַרבעט־טאָג און פאַרגרעסערן דעם אַרבעט־לוין. בײַס די שטרייקן פלעגן פאָרקומען צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליצײַ און מיליטער, די אַרבעטער פלעגט מען שלאָגן, אַרעסטירן, אַרויסשיקן. אין 1891 יאָר זיינען אין זשיראַרדאָוו עטלעכע מענטשן געהאַרגעט געוואָרן און 800 אַרבעטער זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן מיטן עטאַפּ. דער לאָדזשער שטרייק פון יאָר 1892 איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַלגעמיינעם שטרייק און די אַרבעטער זיינען געוואָרן די באַלעבאַטים פון שטאָט. דאַן איז אָנגעקומען א באַפעל פונעם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטער גורקאָ: „ניט קאַרגן קיין קוילן“ און אין רעזולטאַט זיינען דורכן מיליטער, וואָס איז אָנגעקומען קיין לאָדז, דערהאַרגעט געוואָרן 50 אַרבעטער.

אָנהייב 90־ער יאָרן הייבן זיך אָן מאַסן־שטרייקן צווישן די יידישע אַרבעטער און באַלמעלאָכעס פון לאַטוויע, ליטע און ווייסרוסלאַנד. זיי אָרגאַניזירן שטרייק־קאַסעס אַף אָנצופירן מיטן עקאָנאָמישן קאַמף. די אַרבעטער פאָדערן א 12־שאָ:קן אַרבעט־טאָג מיט אַן איבערייס אַף 2 שאָ. אַדאַנק דעם, וואָס מיט די שטרייקן האָבן אָנגעפירט אַרבעטער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּעס, זיינען זיי אַדורך געמיינזאַם און אָרגאַניזירט. אַף אַזא אויפן האָט די שטרייקן־באַוועגונג אין די ראַיאָנען, — פּוילן, לאַטוויע, ליטע און ווייסרוסלאַנד, — צום אונטערשייד פון דער זעלבער באַוועגונג אין צענטראַל־רוסלאַנד — געהאַט אין זיך אַסאַך מער באַוווסטזיניקייט און אָרגאַניזירטקייט. אין צענטראַל־רוסלאַנד הייבט זיך אָן דער נײַער עטאַפּ פון דער באַוועגונג שפּעטער — אין די יאָרן 95־1894.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דער נייער אייזנבאַן־בויונג און מיט די לוינעוודיקע מי:לוכע־באַשטעלונגען, הייבט זיך אָן פון יאָר 1893 א צופלוס פון רוסישע און אויסלענדישע קאַפּיטאַלן אין דער אינדוסטריע און עס בויען זיך נייע פאַבריקן און זאַוואָדן. דאָך, ניט געקוקט אַפן אינדוסטריעלן אופשטייג, האָבן די פאַבריקאַנטן געהאַלטן ווייטער אין איין פאַרערגערן די לאַגע פון די אַרבעטער. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט הייבט זיך אָן שוין פון יאָר 1894 אָן אופלעבונג פון דער שטרייקן־באַוועגונג, עס קומען פאָר שטרייקן אין די טעקסטיל־פאַבריקן אין סאַנקטפּעטערבורג, אין פּעטערבורג, אין טווער און אויך צווישן די אייזנבאַן־אַרבעטער אין ראָסטאָוו־דאָן. אין יאָר 1895 צעוואַקסט זיך די שטרייקן־באַוועגונג. פרילינג און זומער ברעכן אויס א ריי סטיכיישע שטרייקן אינעם צענטראַל־אינדוסטריעלן קרייז, דעריקער איבערן פאַרקלענערן די טאַריפן און פאַרשטאַרקן די שטראַפירונגען. שטורמיש האָט זיך אַנטוויקלט דער שטרייק אַף קאַרזינקינס גרויסער מאַנופאַקטור אין יאַראָסלאַוול. דאָרט איז פאָרגעקומען א צוזאַמענשטויס מיטן מיליטער און 15 אַרבעטער זיינען דערהאַרגעט געוואָרן. דער פּאָלק, וואָס האָט אײַנגעשטילט די שטרייקער, האָט באַקומען א צאַרישן דאַנק: „אַדאַנק אייך ב ראַווע פאַנאַגאָרייצעס“. אין איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק זיינען די אַרבעטער געווען

גוט אָרגאניזירט, די שטרייקער איז געווען פארבאָטן צו טרינקען בראָנפן. דאָך האָבן זיי ניט אויסגעמיטן א צוזאמענשטויס מיט מיליטער און פּאָליציי. אין הארבסט 1895 האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט א ברייטע באוועגונג אין ביאליסטאָק, די שטרייקן האָבן דאָרט ארומגעכאפּט פון 15 ביז 20 טויזנט ארבעטער, און אין פּעטערבורג, ווו אף די שטרייקן האָבן געהאט א שטארקע ווירקונג די סאָציאל־דעמאָקראטישע קרייזלעך. עס איז באוווּסט, לעמאָשל, וועגן א שטרייק אף טאָרנטאָנס פאבריק, ווו וו. אי. לענין האָט אָנטיילגענומען אין דער אָנפירונג מיטן קאמף. די סאָציאל־דעמאָקראטישע פּראָקלאמאציעס, וואָס האָבן דערציילט וועגן די מאָטיוון פונעם שטרייק און וועגן די ארבעטער־פאָדערונגען, האָבן געמאכט א קאָלאָסאלן רוישעם און האָבן ארויסגערופן א שטרייק אין א ריי אנדערע אונטערנעמונגען. דער שטרייק האָט זיך געענדיקט מיט א דערפאָלג.

איינגיכן איז לענין און די איבעריקע סאָציאל־רעמאָקראטן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט די שטרייקן, ארעסטירט געוואָרן, אָבער די גאנץ געבליבענע גרופּע פונעם „פארבאנד פון קאמף פאר באפרייען דעם ארבעטער קלאס“, האָט ווייטער אָנגעפירט מיטן מאסן־קאמף.

אין יאָר 1896 איז פאָרגעקומען א שטרייק פון היסטאָרישער באדייטונג אין די פּעטערבורגער באוול־שפּינערייען. אָנהייב 1896 זיינען פאָרגעקומען איינצלנע שטרייקן אין די פּעטערבורגער שפּינעריי־ און וועבעריי־פאבריקן. דער „פארבאנד פון קאמף“ האָט סיסטעמאטיש אָנגעפירט מיט די שטרייקן, אין זיינע פּראָקלאמאציעס האָט ער גערופן די ארבעטער צו אן איינהייטלעכן ווידערשטאנד און באהעפטקייט. די זומער־שטרייקן פון די טעקסטיל־ארבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן איבער דעם, וואָס די אונטערנעמער האָבן ניט געוואָלט באצאָלן פאר די טאבעלטעג. נאָר די עמעסע סיבע פון די שטרייקן איז געווען דער נידעריקער ארבעטלוין און דער אָן א מאָס לאנגער ארבעט־טאָג. דעם 23־טן מיי האָט צוערשט פארשטרייקט די קאלינינער „רוסלענדישע מאנופאקטור“. דעם 27־טן מיי איז צום שטרייק צוגעשטאנען די קאטערינהאָפער מאנופאקטור, דערנאָך קעניגס צוויי מאנופאקטורן, מיטראָפאנאָווס, קאָושעווניקאָווס און אנד. סאכאקל האָבן פארשטרייקט 19 טעקסטיל־פאבריקן מיט 30.000 ארבעטער. די פאָרשטייער פון די שטרייקער האָבן אונטער דער אָנפירונג פון די סאָציאל־דעמאָקראטן אויסגעארבעט די אלגעמיינע פאָדערונגען, דער „פארבאנד פון קאמף“ האָט זיי אָפּגעדרוקט און פארשפּרייט איבער אלע פאבריקן. אין יוני האָט זיך דער שטרייק אריבערגעוואָרפן אין די איבעריקע טעקסטיל־פאבריקן. דער שטרייק איז געגאנגען אָרגאניזירט און ביז גאָר רויק. אינעם פרידלעכן גאנג פון שטרייק האָבן זיך אריינגעמישט מיליטער, פּאָליציי און זשאנדארמעריע, וואָס האָבן ארעסטירט ארבעטער און געצוווּנגען זיי צוטרעטן צו דער ארבעט. פון דער אנדערער זייט, האָט דער פינאנץ־מיניסטער אליין, גר. וויטע, גענומען „איינריידן“ די שטרייקער אין אן אָפיציעלער ווענדונג צו זיי. דעם 18־טן יוני האָט זיך דער שטרייק געענדיקט צוליב דער עקסטער נויט, וואָס די ארבעטער האָבן געליטן. די ווירקונג פונעם שטרייק אף די מאסן איז אָבער געווען אן אויסערגעוויינלעך גרויסע און ער האָט ביז גאָר מיטגעהאָלפן, אז עס זאָל אויפוואכן דער באוווּסטזיין אפילע בא די סאמע אָפּגעשטאנענסטע טעקסטיל־ארבעטער. דער שטרייק האָט ארויסגערופן א ריי אָפּקלאנ־

גען און ענטפער־שטרייקן אין דער פראָווינץ, די רוסישע ארבעטער און אפילע אויסלענדישע האָבן מיטגעהאָלפן די שטרייקער מיט געלט. אונטער דער ווירקונג פון דעם דאָזיקן שטרייק האָט אויך די רעגירונג גענומען ריידן וועגן אויסארבעטן א געזעץ, וואָס זאָל פארקירצן דעם ארבעט־טאָג. קעדיי צו ווירקן אף דער רעגירונג, וואָס האָט זיך ניט געאײַלט אויסצוארבעטן דעם געזעץ, איז אפן 7־טן יאנוואר 1897 באשטימט געוואָרן אין פעטערבורג אן אלגעמיינער שטרייק. דעם 2־טן יוני 1897 איז ארויסגעגעבן געוואָרן א געזעץ, וואָס האָט איינגעשטעלט אן 11־שאָעיקן ארבעט־טאָג. אונטער דער ווירקונג פונעם פעטערבורגער שטרייק האָט זיך אויך אין פראָווינץ פאנאנדערגעוויקלט א שטרייק־באוועגונג, איבערהויפּט אין מאָסקווע. מיט די מאָסקוועי שטרייקן האָט אָנגעפירט דער „פארבאנד פון קאמף פאר באפרייען דעם ארבעטער־קלאס". זיין אָרגאניזאציע האָט ארומגעכאפּט 40 אונטערנעמונגען און צווישן זײַנע מיטגלידער זײַנען געווען 2000 ארבעטער.

דער געזעץ פון יאָר 1897 האָט די שטרייק־באוועגונג ניט אָפּגעשטעלט. אין משך פון די יאָרן 1897—1899 האָט זיך די שטרייקן־באוועגונג פארשפרייט איבער גאנץ רוסלאנד. א גרויסן פארנעם האָט די באוועגונג באקומען אין פוילן, וווּ זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט א באזונדערער אָרגאניזירטקייט און איינהייטלעכקייט. אויך אין אנדערע ראיאָנען איז די באוועגונג געגאנגען איינהייטלעך און אָרגאניזירט. ניט געקוקט אף דעם, פלעגט די פּאָליציי און אָפט דאָס מיליטער ארויסטרעטן קעגן די שטרייקער. אין יאָר 1898, לעמאָשל, האָט אף מאקסוועלס פאבריק אין פעטערבורג די פּאָליציי און די קאזאקן און שפּעטער דאָס געריכט זיך ברוטאל אָפּגערעכנט מיט די שטרייקער.

ביים אינדוסטריעלן אופשטייג אין דער צווייטער העלפט 900־ער יאָרן האָבן זיך די שטרייקן פארשטארקט און האָבן שוין אָנגענומען א מער פּלאנמעסיקן, אָרגאניזירטן און אָנגרייפנדיקן כאראקטער. דער דאָזיקער פאקט זאָגט אײדעס וועגן א וווּקס פונעם ארבעטער־קלאס און וועגן אן אופשטייג פון דער באוועגונג אף א העכערער שטופּע.

סאָף 90־ער יאָרן איז דער אינדוסטריעלער אופשטייג פארביטן געוואָרן אף א פעריאָד פון ירידע. וואָס האָט אָנגעזאָגט וועגן דעם קריזיס פון די 900־ער יאָרן. צוזאמען מיט דעם איז אויך געפאלן די כוואליע פון דער ארבעטער־באוועגונג, וואָס האָט זיך אין דער צווייטער העלפט 90־ער יאָרן געהאט אופגעהויבן אזוי הויך.

די רוסלענדישע ארבעטער־באוועגונג פונעם נאָכרעפאָרמישן פעריאָד, האָט זיך אונטערגעשיידט פון דער מײַרעוו־אייראָפּיישער ארבעטער־באוועגונג מיט דעם, וואָס אירע אנטוויקלונג־באדינגונגען האָבן, אין קעגנזאץ צו מײַרעוו, מיט אן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט רעוואָליוציאָניזירט די מאסן. זיי האָבן צוגעגעבן דער גאנצער באוועגונג צוערשט א סטיכייִש־קעמפערישן כאראקטער און שפּעטער אויך א באוווסטזיניק־רעוואָליוציאָנערן, זיי האָבן פארבונדן דעם גורל פון דער מאסעווער ארבעטער־באוועגונג מיטן גורל פון דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאלדעמאָקראטיע און שפּעטער מיטן גורל פונעם באָלשעוויזם.

אריבערגייענדיק צו די אלגעמיינע סאכאקלען פון דער שטרייקן־באוועגונג אין די 90־ער יאָרן, דארף מען פארצייכענען, אז לויט די אָפיציעלע אָנגאבן

זיינען פאר די דאָזיקע 10 יאָר פאָרגעקומען 1.765 שטרייקן, אין וועלכע עס האָבן זיך באטייליקט 431.254 ארבעטער. מער ווי א העלפט שטרייקן זיינען פאָרגעקומען אין די גרויסע אונטערנעמונגען, באזונדערס אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע און אין דער מעטאל־באארבעטנדיקער (52 פראָצ. פון דער גאנצער צאָל שטרייקן און 82 פראָצ. שטרייקער). אין די שטרייקן האָבן אָנטייל גענומען 177.000 טעקסטיל־ארבעטער און 107.000 מעטאליסטן.

דער אלגעמיינער סאכאקל פון דעם שטרייקן־קאמף פאר די 6 יאָר וועט אויסמאכן 425.000. די ציפער פון דער פאבריק־אינספעקציע זיינען פארקלענערט קימאט אף א העלפט, ווייל, ערשטנס, האָט די פאבריק־זאוואָדישע אינספעקציע ארומגעכאפט ניט די גאנצע אינדוסטריע, און, צווייטנס, האָט זי קיין פינקטלעכע סטאטיסטיק ניט געהאט.

די דאָזיקע אָנגאבן זאָגן אײדעס וועגן דעם גרויסן פארנעם פון דער באוועגונג. וועגן איר אָרגאניזירטקייט און שטאנדהאפטיקייט האָבן מיר שוין גערעדט. די באוועגונג פון די 90־ער יאָרן שיידט זיך דערמיט שארף אונטער פון די פריערדיקע יאָרצענדליקער. נאָכמער דערפאר, וואָס די באדינגונגען, בא וועלכע די שטרייקן זיינען פאָרגעקומען, זיינען ווי פריער געבליבן שווערע: פון 1.765 אויסגעפאָרשטע פאלן פון צוזאמענשטויסן, איז א העלפט באגלייט געוואָרן מיט א דרוק אף די ארבעטער: אין 269 פאלן זיינען פאָרגעקומען מיליטער־פריזיוון, אין 190 פאלן האָט מען אָפגעזאָגט די שטרייקער פון דער ארבעט, אין 164 — ארעסטן און ארויסשיקונגען, אין 137 — דורכויס אָפגעזאָגט פון דער ארבעט אלע שטרייקער, אין 31 פאלן — געריכט־פארפאָלגונגען און קימאט אין אלע פאלן פלעגט מען ארויסזעצן די ארבעטער פון די פאבריק־דירעס, אופהערן געבן סכוירעס אף באָרג און דגל.

וואָס פאר א דירעקטע רעזולטאטן האָבן די שטרייקן געגעבן?

די שטרייקן פון די 90־ער יאָרן האָבן, צום אונטערשייד פון די שטרייקן פון פאָריקן פעריאָד, געטראָגן אן אָנגריף־כאראקטער. די הויפט־פאָדערונגען זייגען געווען — העכערן דעם ארבעטלוין און פארקירצן דעם ארבעט־טאָג: 61 פראָצ. שטרייקן זיינען געווען וועגן ארבעטלוין, 21 פראָצ. — וועגן דער ארבעט־צייט, 7 פראָצ. — וועגן די ארבעט־ און שטייגער־באדינגונגען. 47 פראָצ. פון אלע שטרייקן האָבן זיך געענדיקט לעטויוועס די ארבעטער. אלס א פרוכטבארן רעזולטאט דארף מען אויך רעכענען דעם געזעץ פון 2־טן יון 1897 וועגן פארקלענערן דעם ארבעט־טאָג, וואָס די ארבעטער האָבן ארויסגעריסן בא דער רעגירונג, האגאם שפעטער זיינען אין אים ארייגעטראָגן געוואָרן באגרענעצונגען.

די הויפט־דערגרייכונג פונעם שטרייק־קאמף באשטייט אָבער ניט אין די דאָזיקע ניצכוינעס. די שטרייקן פון די 90־ער יאָרן און איבערהויפט דער קאמף פון די טעקסטיל־ארבעטער אין די יאָרן 1896־97 האָבן געהאט אן אנדערן, א פיל מער פאָזיטיוון רעזולטאט: זיי האָבן גערופן צום קאמף די מאסן, זיי האָבן אין א קאָלאָסאלן גראד מיטגעווירקט, אז עס זאָל אופוואכן דער קלאסן־זעלבסטבאוווסטזיין פון די ארבעטער־מאסן. די ארבעטער־באוועגונג און די סאָציאליס־

טישע באַוועגונג וואַקסן אויס אין אַן אומגעהייערער מאָס און זיי גיסן זיך קי־מאַט צונויף. עס וואַקסט און עס באַפעסטיקט זיך די סאָציאַלדעמאָקראַטיע. זי העלפט מיט דער אויפקלערונג פונעם אַרבעטער־קלאַס און זי ווענדעט די באַווע־גונג אויף אַ סאָציאַלדעמאָקראַטישן וועג.

3. די ערשטע סאָציאַלדעמאָקראַטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און לענינס ראָליע אין דער אידעאָלאָגישער אויסקלערונג פון דער באַוועגונג אין די 90־ער יאָרן

„דער אַרבעטער־קלאַס, וואָס אין זיין סוויווע איז אַריינגעדרונגען דער געדאַנק וועגן פּאָליטישער פרייהייט, איז שוין אַ באַוווּסטזיניקער אַרבעטער־קלאַס",— האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן אין זיין בראָשור „וועגן די אויפגאַבן פון די סאָציאַ־ליסטן אינעם קאַמף קעגן דעם הונגער אין רוסלאַנד". „קאָלומאַן ער רעדט בלויז וועגן פּאָליטישער פרייהייט, געפינט זיך זיין פּאָליטישער באַוווּסטזיין אין אַ ניט אַנטוויקלטן צושטאַנד, ער איז נאָך ניט געוואָרן זיין קלאַסן־באַוווּסטזיין. דער אַרבעטער־קלאַס הייבט זיך אויף אויף דער דאָזיקער העכערער שטופע פון פּאָליטי־שער אַנטוויקלונג ערשט דאַן, ווען ער לערנט זיך אויס צו פאַרשטיין זיינע באַזונדערע קלאַסן־אינטערעסן, זיין באַציִונג צו דער בורזשואַזיע, די סיבעס פון זיין אונטערגעוואָרפנקייט צו די עקספּלואַטאַטאָרן... ערשט דאַן שטעלט ער פאַר זיך די אויפגאַבע פון זיין עקאָנאָמישער באַפרייונג, דעם העכסטן ציל, צו וועלכן יעדע פּאָליטישע באַוועגונג דאַרף זיין אונטערגעוואָרפן אַלס מיטל"...

וועלכע־זשע עטאַפּן איז דער אַרבעטער־קלאַס דורכגעגאַנגען אין די 90־ער יאָרן אויף דעם דאָזיקן וועג פון קלאַסן־אויסקלערונג?

מיר האָבן שוין געזען מיט וואָס פאַר אַ לאַנגע און שווערע וועגן עס איז געגאַנגען די אַנטוויקלונג און צוגרייטונג פון קאַדרען באַוווּסטזיניקע אַרבעטער.

די לעבן־באַדינגונגען גופא האָבן געצוווּנגען צו פאַרטראַכטן זיך אויף די טי־פעס פון דער שווערער אַרבעטער־לאַגע און קומען דערוויייל צום נעפּלהאַפטן פאַרשטיין די ניט־גערעכטיקייט פון די עקזיסטירנדיקע פאַרהעלטענישן. טיילמאָל האָט דער אַרבעטער געזוכט אַן אויסוועג אין רעליגיע, טיילמאָל אין טעראָר, ער האָט געטרוימט וועגן נקמה נעמען זיך אָן דעם צאַר און קאַפּיטאַל. ער האָט גי־ריק געלייענט און געלערנט זיך, ער האָט געפּרוּווט געפינען אין די ביכער אַן ענטפער אויף די פראַגן, וואָס האָבן אים געמאַטערט. אין איינוועגס האָט ער געזוכט אַזעלכע באַקאַנטשאַפטן (מיט „סטודענטן" און „סאָציאַליסטן"), וואָס זאָלן אים קענען העלפן פאַנאַנדערצוקלייבן זיך אין דעם, וואָס ער האָט איבערגעלייענט אָדער איבערגעלעבט.

אַזאַ מין אַרבעטער פּלעגט אַריינפאַלן אין אַ קרייזל פון מער אַנטוויקלטע און פאָרגעשריטענע אַרבעטער, ער פּלעגט גיריק צוהערן זיך, פיל דענקען און לייענען. עס פּלעגט וואַקסן זיין וועלט־אָנשויונג, עס פּלעגט וואַקסן זיין באַ־וווּסטזיין. אַנטוישט אין די רעזולטאַטן פונעם טעראָריסטישן קאַמף, ניט איינשטי־מיק מיט דער קנאַפער ראָליע, וואָס די פּאָליטיקער האָבן געלאָזט פאַרן אַרבעטער־

קלאַס, האָט דער זוכנדיקער אַרבעטער אפֿן שוועל פֿון די 90־ער יאָרן אָנגעהויבן זיך באַקענען מיט מאַרקסיסטן און מיטן מאַרקסיזם. אַף אַזאַ מין אַרבעטער מיט אַן אויפֿגעוואַכטן באַוווסטזיין האָט די מאַרקסיסטישע טעאָריע געהאַט אַ קאָלאָ־סאַלע ווירקונג.

„אַלץ, וואָס איז אים געווען ניט קלאָר, איז אין איר באַלויכטונג קלאָר געוואָרן באַם אַרבעטער אין די אויגן", — דערציילט דער אַרבעטער שאַפּאָוואַלאָוו אין זיינע דערינערונגען, — „אַלדאָס אומבאַשטימטע, פֿאָרמלאָזע הייבט אָן אָננעמען פֿולשטענדיק פֿאַרענדיקטע פֿאָרמען. די האָריזאָנטן פֿאַרברייטערן זיך פֿאַרן אַרבע־טער. ער זעט, אַז ער איז אַרויס אַף אַ ברייטן וועג, וואָס פֿירט צו דער באַ־פֿרייַונג פֿון אַלע אונטערדריקטע, צום פֿאַרניכטן די אָרדענונג, וואָס איז געגרינ־דעט אַף אונטערדריקן איין מענטשן דורכן אַנדערן"...

אַזאַ אַרבעטער גייט אַריבער פֿון ביכער צו מעשׂים. דאָס באַהאַנדלען דעם אָדער יענעם פֿאַקט פֿון פֿאַבריק־לעבן, די פֿאַרקלענערונג פֿון די טאַריפֿן, דער ווילקיר פֿון אַ מייסטער און דגל. צווינגט דעם פֿאָרגעשריטענעם קרייזל־אַרבע־טער צו פֿאַרפֿירן אַ שמועס מיט די איבעריקע אַרבעטער. זיינע אַרויסזאָגונגען גייען געוויינלעך ווייטער פֿונעם פּאָשעטן דיסקוטירן דעם געשעענעם פֿאַקט. ער באַמיט זיך צו פֿאַרבינדן דעם דאָזיקן פֿאַקט מיט מער אַלגעמיינע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פֿראַגן.

די אַרבעטער־מאַסע באַציט זיך לעכאַטכילע צו זיין מיינונג מיט אומצוטרוי. אין אַ מאָמענט פֿון גרעסטער אויפֿרעגונג אָדער אומצופֿרידנקייט ווענדן זיך אָבער די אַרבעטער צום פֿאָרגעשריטענעם כאַוווער נאָך הילף, זיי בעטן אים איבעררייַדן מיט דער אַדמיניסטראַציע, אָנשרייבן אַן אָנקלאַגע, פֿאָרמולירן די אַלגעמיינע פֿאָ־דערונגען, דערקלערן דעם אָדער יענעם פֿאַקט, וואָס מע האָט געהערט אָדער איבערגעלייענט אין צייטונג. אַרום אים גרופּירן זיך שוין אַנדערע אַרבעטער, אַקטיווע און דורשטיקע נאָך קענטעניש.

אָט אַזוי ווערט געשאַפֿן אַ נייַער אַרבעטער־קרייזל.

וואָס פֿאַר אַ באַשטאַנד האָבן געהאַט די דאָזיקע ערשטע סאָציאַלדעמאָקראַ־טישע קרייזלעך פֿון אָנהייב 90־ער יאָרן? דאָס זיינען אין גרעסטן טייל געווען יונגע אַרבעטער, וואָס האָבן שטאַרק געדורשט נאָך קענטעניש און וועמען ס׳האָט אינסטינקטיוו געצויגן צו פּראָטעסט און קאַמף פֿאַר אַ בעסערן גוירל. ס. מיצ־קעוויטש דערציילט אַזוי אין זיינע זכרונות וועגן די ערשטע טריט פֿון די מאַס־קווער אַרבעטער צום מאַרקסיזם:

„אין דער דאָזיקער צייט זיינען צווישן די אַרבעטער געווען פֿיל עלעמענטן, וואָס האָבן זיך געריסן צו קענטעניש, האָבן געשטרעבט צו באַזייַטיקן דעם סטי־כיישן ברויז פֿון דער אַרבעטער־מאַסע, וואָס האָט אין יענע יאָרן אַרויסגעוויזן זיך אין אַ רייַ שטרייקן אין פֿיל ערטער פֿון רוסלאַנד".

שאַפּאָוואַלאָוו ווייזט אָן, אַז אין פּעטערבורג, וווּ ער איז אַרייַנגעטראָטן אין דער באַוועגונג, זיינען די פֿאָרגעשריטענע אַרבעטער ווערבירט געוואָרן איבער־הויפּט צווישן די מעטאַליסטן. אַסאַך קרייזל־אַרבעטער זיינען לויט זייער אָנגע־לייענטקייט און אַנטוויקלונג ניט אָפּגעשטאַנען פֿון די דורכשניטלעכע סטודענטן.

מיט וואָס האָבן זיך פארנומען די קרייזלעך אין דער ערשטער העלפט פון די 90־ער יאָרן?

נאָרינסקי דערציילט אויך אין זיינע זיכרוינעס וועגן דער ארבעט פון די ערשטע פעטערבורגער סאָציאלדעמאָקראטישע ארבעטער־קרייזלעך (פאר די יאָרן 1889־99): „עס פלעגן זיך צונויפקלייבן א מענטשן צען און עפעס מער. דער אינטעליגענט, וואָס פלעגט קומען, פלעגט א גרויסן טייל פון זיין לעקציע פירן מינדלעך, ער פלעגט זי איבערגעבן אין א לײַכטער, צוטריטלעכער פאר אונדז פאָרם. דערביי זיינען די ערשטע צייט געווען אזעלכע טעמעס: „די אָפשטאמונג פונעם מענטשן“ (טשארלז דארווינס טעאָריע), „די אָפשטאמונג פון דער פאמיליע, אייגנטום, מעלוכע“, צולעצט איז מען אריבער צו פאָפוליאריזירן קארל מארקס „קאפיטאל“. טעמעס ביז גאָר אינטערעסאנטע“.

די גאנצע באוווסטזיניקע באוועגונג איז דורכגעגאנגען דעריקער אין אזעלכע סאָציאלדעמאָקראטישע קרייזלעך. צוגלייך מיט זיי האָבן נאָך אלץ עקזיסטירט די פאָלקיסטישע קרייזלעך. ביידע ריכטונגען זיינען געווען אין פיינטלעכע באציונגען צווישן זיך און אלץ אָפטער און אָפטער פלעגן פאסירן פאלן, ווען אין רעזולטאט פון די טעאָרעטישע דיספוטן פלעגן ארבעטער־פאָלקיסטן אריבערגיין צו די סאָציאלדעמאָקראטן. אין פעטערבורג האָבן די מארקסיסטישע סאָציאלדעמאָקראטישע ארבעטער־קרייזלעך עקזיסטירט נאָך פון סאָף 80־ער יאָרן. לעמאָשל, די קרייזלעך, וואָס זיינען אָרגאניזירט געוואָרן דורך די ארבעטער באָגדאנאָוו, שעלגונאָוו און אנד.: אייניקע פון זיי זיינען לעכאטכילע געווען פראָפאגאנדירט דורך די פאָלקיסטן. דאן האָט זיך אויך אָרגאניזירט דער ערשטער קרייזל פון פרויען־ארבעטער. די פעטערבורגער ארבעטער־קרייזלעך, וואָס האָבן זיך פאראייניקט מיט דער אויבן דערמאָנטער ברוסניעווס גרופע, האָבן אונטערגעטראָגן אן אדרעס דעם קראנקן שרייבער שעלגונאָוו און ביים זיין לעווײַע האָבן זיי אָרגאניזירט א דעמאָנסטראציע. אין יאָר 1891 איז פאָרגעקומען אן ערשטמײַיקע פארזאמלונג פון די פעטערבורגער ארבעטער. פיר ארבעטער האָבן דאן געהאלטן אויסגעצייכנטע פאר יענער צייט רעדעס וועגן די אויפגאבן און דער ראָליע פונעם רוסלענדישן ארבעטער־קלאס. וועגן דעם, וואָס פאר א באדייטונג די ארבעטער זעלבסט האָבן צוגעגעבן זייערע ערשטע געזעלשאפטלעכע ארויסטרעטונגען, האָט געזאָגט דער צווייטער פון די רעדנער אין זיין ערשטמײַיקער רעדע: „צוזאמען מיטן אויפריכטיקן אנערקענונג־געפיל פאר שעלגונאָוון, אלס דעם „אָנווייזער פונעם וועג צו פרייהייט און ברידערלעכקייט“, האָבן מיר מיט דעם, וואָס מיר האָבן אים דערלאנגט אן אדרעס און זיינען בײַגעווען מיט א קראנץ אף זיין לעווײַע, געפרווט צוציען די אויפמערקזאמקייט פון דער געזעלשאפט צו דער ארבעטער־פראגע און, מע זאָגט, אז מיר האָבן אין דעם געהאט דערפאָלג“. נאָכן יאָר 1891 איז די פײַערונג פון ערשטן מײַ פארוואנדלט געוואָרן אין א יערלעכער פאָליטישער דעמאָנסטראציע פונעם ארבעטער־קלאס. באזונדערס רעוואָלוציאָנערע פאָרמען האָט די פײַערונג אָנגענומען אין פוילן און אין אנדערע נאציאָנאל־אונטערדריקטע ראיאָנען. די סאָציאלדעמאָקראטישע ארבעטער־קרייזלעך זיינען שטענדיק געווען די איניציאטאָרס און אָרגאניזאטאָרס פון די רעוואָלוציאָנערע מאיאָווקעס. א גרויסע ראָליע האָבן אויך געשפילט די ערשטמײַיקע פראָקלאמאציעס און פלוג־

בלעטלעך. לענינס פּראָקלאַמאַציע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין יאָר 1896 האָט געהאַט א גרויסע ווירקונג אף דער אנטוויקלונג פון די פּעטערבורגער שטרייקן אין די יאָרן 1896־97.

סאָף 80־ער יאָרן זיינען אויך אין אנדערע שטעט אנטשטאַנען די ערשטע סאָציאַלדעמאָקראַטישע קרייזלעך: אין כארקאָוו און ראָסטאָוו דאָנער — יוּווענאַלי מולניקאָוס, פּעראַזיטשס און איידלמאַנס קרייזלעך (1888־89). ברוסנעווס גרופּע האָט געהאַט אירע אָרגאַניזאַציעס אויך אין מאָסקווע, ריגע און אנדערע שטעט, אין יאָר 1892 איז אָבער די דאָזיקע גרופּע אומעטום צעגראָמירט געוואָרן.

פון אָט־די צעוואָרפענע סאָציאַלדעמאָקראַטישע קרייזלעך איז געשאַפן געוואָרן דער „דאָרעם־רוסלענדישער פאַרבאַנד פון קאַמף פאַר באַפרייַען דעם ארבעטער־קלאַס".

אין צענטראַל־רוסלאַנד זיינען אָנהייב 90־ער יאָרן געשאַפן געוואָרן ארבעטער־קרייזלעך אין קאַזאַן (פעדאָסייעווס קרייזל), אין ניזשני־נאָווגאָראָד, וולאַדימיר, טולע, איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק און אנד.

ניט געקוקט אף די ארעסטן, איז די אָרגאַניזירונג פון די קרייזלעך אין די יאָרן 1892־1894 פאָרגעזעצט געוואָרן.

ווען מע רעדט וועגן דער ארבעטער־באַוועגונג פון די 90־ער יאָרן, ווי וועגן דעם ערשטן עטאַפּ אין דער אנטוויקלונג פון דעם באַוווסטזיניק־רעוואָליוציאָנערן סאָציאַלדעמאָקראַטישן ארבעטער־קלאַס, איז נייטיק אונטערצושטרייכן וו. אי. לענינס ראָליע פאַר דעם דאָזיקן עטאַפּ. באַוויזן זיך צום ערשטן מאָל אין פּעטערבורג אין הארבסט 1893, האָט לענין גלייך פאַרשטאַנען: צום קאַמף האָט זיך אופגעהויבן א נייע קראַפט — דער פאַבריק־זאַוואָדישער פּראָלעטאַריאַט, און לענין איז שנעל געוואָרן דער אָנפירער און אָרגאַניזאַטער פון אָט דער נייער קראַפט, ער האָט אופגעהויבן און גע ענדעט איר קאַמף פאַר אנטוויקלען דעם פּראָלעטאַריאַטס קלאַסן־באַוועגונג, אלס דעם אוואַנגאַרד פון דער רעוואָליוציע. שוין ווינטער 1893 איז וולאַדימיר איליטש ארויסגעטראָטן, ווי אנא איליטשנא דערציילט אין אירע דערינערונגען, „דרייסט און זיכער, מיט דער גאַנצער יוגנט־לעכער היץ און איבערצייגונג־קראַפט" קעגן דער לערע פון די פאָלקיסטן: זיין האָט געמאַכט פון איר אש. זיין רעדע קעגן דעם סאָלידן שרייבער־פאָלקיסט וואָראָנצאָוו האָט געמאַכט א קאָלאָסאַלן רושעם און האָט געצוווּנגען די יוגנט צו שטודירן מאַרקסן.

אין יאָר 1894 איז לענין ארייַנגעטראָטן אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קרייזל, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „צענטראַלע גרופּע אף אָנפירן מיט דער ארבעטער־באַוועגונג". ער האָט צוזאַמען מיט די ארבעטער די סאָציאַלדעמאָקראַטן, וו. אי. שעלגונאָוו, אי. וו. באַבושקין און אנד., געשאַפן א ריי נייע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזלעך אין די ארבעטער־ראַיאָנען פון דער הויפּט־שטאָט, און שוין אין יאָר 1895 האָט ער אף דער באַזע פון די דאָזיקע קרייזלעך געמאַכט אן אָנהייב פון א נייער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע — „פאַרבאַנד פון קאַמף פאַר באַפרייַען דעם ארבעטער־קלאַס". אין יאָר 1894 האָט לענין אָנגעשריבן זיין ערשטן גרויסן ווערק, „וואָס אזוינס זיינען די „פאָלק־פריינט" און וויאַזוי זיי האַלטן מילכאָמע קעגן די סאָציאַלדעמאָקראַטן". אין דעם דאָזיקן ווערק האָט ער ניט

נאָך צעקלאפּט די פּאָלקיסטן, נאָך ער האָט אויך צום ערשטן מאָל ביז גאָר גענוי פאָרמולירט דעם פּראָלעטאריאטס קלאסן־אופגאבן און די ראָליע פון דער סאָציאלדעמאָקראטיע. אין 1895 איז לענין אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד, קעדיי איינשטעלן א פאַרבינדונג מיט פּלעכאַנאָוון און זיין גרופּע. אין אויסלאַנד איז שוין לענין דאן אָפּגעשאצט געוואָרן אלס דער צוקונפטיקער פירער פונעם ארבעטער־קלאַס. פּ. אקסעלראָד, — איינער פון פּלעכאַנאָווס מיטגייער און דער צוקונפטיקער פירער פונעם מענשעוויזם, — האָט וועגן דעם דערקלערט:

„ביז איצט איז בא אונדז אין רוסלאַנד ניט געווען אזא מענטש, וואָס זאָל פאַרייניקן אין זיך דאָס וויסן מארקס טעאָריע מיט די פּראקטישע אייגנשאפטן פון אן אָרגאניזאטער. אזא מענטש איז בא אונדז איצט פאַראן: דאָס איז דער צוקונפטיקער פירער פון דער ארבעטער־באַוועגונג, וו. אי. אוליאַנאָוו־לענין".

און די 90־ער יאָרן האָבן פולשטענדיק באשטעטיקט די דאָזיקע נעוויעס אקסעלראָדס. אומגעקערט זיך פון אויסלאַנד, האָט וול. אי. לענין גענומען א דירעקטן אָנטייל אינעם אָנפירן מיט די שטרייקן פון די יאָרן 1895־96, ער אליין האָט געשריבן פאַר פאַרשיידענע זאוואָדן פלוג־בלעטלעך, פּראָקלאמאציעס, ער האָט אויסגעארבעט די פאָדערונגען. ווען מע האָט אים צוזאמען מיט די איבעריקע פאַרבאַנד־מיטגלידער ארעסטירט, האָט ער, זיצנדיק אין טורמע, פאָרגעזעצט צו קעמפן און אָנפירן מיט דער באַוועגונג. אין טורמע האָט ער אָנגעשריבן זיין בוך „די אנטוויקלונג פונעם קאפּיטאליזם אין רוסלאַנד", וואָס איז דערנאָך געוואָרן א האנט־בוך פאַר א גאנצן דאָר ארבעטער־מאַרקסיסטן.

אין יאַנואַר 1897 איז לענין פאַרשיקט געוואָרן אויף 3 יאָר קיין סיביר. דאָרט האָט ער אָנגעשריבן א קלענער ביכל „די אופגאבן פון די רוסלענדישע סאָציאלדעמאָקראטן", ווו ער האָט פאַרסאַכאַקלט דעם גאנצן עטאַפּ פון קאַמף.

אונטער דער ווירקונג פונעם „פאַרבאַנד פון קאַמף" און פון לענינען איז אפן אָרט פון דער קרייזל־סטאַדיע אין דער טעטיקייט פון די ערשטע סאָציאלדעמאָקראטן געקומען די אגיטאַציע.

די „קרייזלערײַ" איז פּראקטיקירט געוואָרן, אלס מעטאָד פון סאָציאלדעמאָקראַטישער פּראָפּאגאַנדע און אָרגאניזאַציע בלויז דאָרט און אזוי לאַנג, ווו און ביז וואַנען עס איז ניט געווען קיין סטיכיישע מאַסן־באַוועגונג פון ארבעטער. — למשל, צווישן באלמעלאָכעס, — אָדער דאָרט, ווו ארבעטער איז געווען ווייניק און זייער באַוווסטזיין איז נאָך געווען פאַרשלאָפן. נאָר אין פּעטערבורג אָדער אין מאָסקווע זיינען די פאָרגעשריטענע קרײַזל־ארבעטער געווען געצוווּנגען, טיילמאָל קעגן זייער אייגענעם ווילן, צו ווערן די אָנפירער פון דער סטיכיישער ארבעטער־באַוועגונג און אפן באָדן פון די טאָג־טעגלעכע ארבעטער־נויטן פירן צווישן די א סאָציאלדעמאָקראטישע אגיטאַציע.

„אונדזער קרייזל האָט קימאַט שוין בא די ערשטע טריט פון זיין טעטיקייט באשלאָסן אריבערצוגיין צו אגיטאַציע צווישן די מאַסן", — שרייבט ס. מיצקעוויטש: „צוליב דעם ציל האָבן מיר דורך די ארבעטער, וואָס האָבן באַזוכט די קרייזלעך, צונויפגעזאמלט ידיעות וועגן די ארבעטער־באַדינגונגען אין די פאַבריקן און זאוואָדן, וועגן דער לענג פונעם ארבעט־טאָג, וועגן דעם ארבעטלוין, וועגן דער טעטיקייט פון דער פאַבריק־אינספּעקציע, וועגן די מיסברויכן פון די

מײַסטערס א. ד. גל. מיט די פאקטן, וואָס מיר האָבן באקומען אף אזא אויפן, און אויך מיט פאקטן, גענומענע פון דער ליטעראטור וועגן דער לאגע פונעם ארבעטער־קלאס אין רוסלאנד, האָבן מ׳ר איליוסטרירט אונדזער אויסטײַטשונג פון מארקס טעאָריע, און מיט דעם באמיט זיך צו מאכן די דאָזיקע טעאָריע וואָס נעענטער צום לעבן, פארבינדנדיק זי מיט די איקערדיקע און נאָענטסטע נויטן פון די ארבעטער".

און טאקע דערפאר זײַנען די סאָציאלדעמאָקראטישע ארבעטער, צוגלייך מיט דער אנטוויקלונג פון דער מאסן־באוועגונג, ווען די שווערע ארבעט־באדינגונגען האָבן געשטויסן די מאסן צום קאמף, אלץ מער אריבער פון קרײַזל־פראָפּאגאנדע צו מאסן־אגיטאציע. אינגיכן האָט די דאָזיקע טאקטיק אויך באקומען איר טעאָרעטישע באגרינדונג אין דער באוווסטער בראָשור „וועגן אגיטאציע", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1894.

די „קאמף־פארבאנדן", סײַ דער מאָסקווער, סײַ איוואנאָוואָ־וואָזנעסענסקער און אנדערע האָבן אויסגענוצט די מאסן־שטרייקן פון 1895־96 אין די צילן פון אגיטאציע.

דער „פארבאנד פון קאמף" האָט פארשפרייט פלוג־בלעטלעך, ווו עס זײַנען געווען באשריבן די שווערע ארבעט־באדינגונגען און די ארבעטער־פאָדערונגען אף דער אָדער אנדערער פאבריק. די פלוג־בלעטלעך פלעגן מאכן א שטארקן רושעם אף די ארבעטער־מאסן.

„אינעם לאנד, ווו קיין פּאָליטישע פרײַהייט איז ניט געווען, — שרייבט שאַפּאָוואלאָוו אין זײַנע דערינערונגען, — האָט דער „פארבאנד פון קאמף" געפונען א וועג צו די ברייטע ארבעטער־מאסן דורך די פלוג־בלעטלעך, וואָס האָבן אופגעקלערט די קלאסן־אינטערעסן פון די ארבעטער און האָבן אָנגעוויזן, וואָס די ארבעטער דארפן פאָדערן אינעם געגעבענעם מאָמענט... ווען די ארבעטער פלעגן קומען אף דער ארבעט, פלעגן זיי געפינען אף די מאשינעס, געשטעלן און דגל. די דאָזיקע פלוג־בלעטלעך, וואָס זײַנען אומבאוווּסט דורך וועמען אוועקגעלייגט געוואָרן".

אויך בײַס די היסטאָרישע שטרייקן פון די פעטערבורגער טעקסטיל־ארבעטער אין די יאָרן 1896־97 האָבן די פלוג־בלעטלעך און די פּראָקלאמאציעס פון דעם פעטערבורגער „פארבאנד פון קאמף" געשפילט א קאָלאָסאלע ראָליע, איבערהויפּט דערפאר, וואָס אדאנק זיי האָט זיך אײַנגעגעבן ברייט צו אינפאָרמירן דער געזעלשאפטלעכקייט וועגן דעם קאמף פון די טעקסטיל־ארבעטער און אפילע דערשלאָגן זיך צו פּאָזיטיווע רעזולטאטן.

די שטרייקן האָבן רעוואָליוציאָניזירט די מאסן אין אן אימגעהייערער מאָס און האָבן זיי געשטויסן אפן וועג פון סאָציאלדעמאָקראטישן קאמף.

אין די יאָרן 1896־97, ווען די באוווּסטזיניקע ארבעטער־באוועגונג איז געוואָרן א מאסן־באוועגונג, האָבן די פעטערבורגער שטרייקן איידעס געזאָגט, אז די ארבעטער־באוועגונג האָט זיך אופגעהויבן אף א העכערן שטאפּל און דאָס האָט געגעבן א גרונט צו ריידן וועגן דער דערנענטערונג צום מיירעוו־אײראָפּייִשן טיפּ פון דער ארבעטער־באוועגונג.

און טאקע אָט די אויסגעוואקסענע באדייטונג פון דער סאָציאלדעמאָקראטיע

האָט געצווונגען די רעגירונג איינצוזען אין איר א מער געפערלעכן פײַנט, איידער די פאָלקיסטן, וואָס זיינען ביז דאַן מער ווי אלע פארפאָלגט און באַשטראָפט געוואָרן.

פון סאָף יאָר 1895 הייבן זיך אָן מאסן־ארעסטן צווישן די סאָציאלדעמאָקראטן. די סאָציאלדעמאָקראטישע פּראָפּאגאנדע האָט אָבער געשלאָגן טיפע וואָרצלען. דערשטיקן די ארבעטער־באוועגונג דורך פּאָליצייִשע רעפּרעסיעס האָט מען שוין ניט געקענט.

אָנהייבנדיק פון יאָר 1895 וואקסן אָן די טענדענצן פון פאראייניקן די סאָציאלדעמאָקראטישע קרייזלעך אין א פעסטערער און ברייטערער אָרגאניזאציע. „קאמף־פאראבאנדן" ווערן געשאפן אין פיל אינדוסטריעלע צענטרען. אין יאָר 1897 איז געשאפן געוואָרן א גרויסע סאָציאלדעמאָקראטישע אָרגאניזאציע אין פוילן און ליטע („בונד"). אינעם זעלבן יאָר האָט זיך אויך אין אויסלאנד אָרגאניזירט א „פאראבאנד פון די רוסלענדישע סאָציאלדעמאָקראטן", אין אים איז אויך אריין די גרופּע „באפרייונג פון ארבעט". אין יאָר 1896 גיט ארויס אין אויסלאנד די גרופּע „באפרייונג פון ארבעט" א פּאָפּולערן זשורנאל „ראבאָטניק" און „ליסטאָק ראבאָטניקא", זי לאָזט אויך ארויס א ריי פּאָפּולערע סאָציאלדעמאָקראטישע בראָשורן. די סאָציאלדעמאָקראטישע ליטעראטור פלעגט מען צעכאפּן און זי האָט קיינמאָל ניט געקלעקט. די דאָזיקע ליטעראטור האָט געהאלטן אין איין וואקסן. איינציקע אָרגאניזאציעס האָבן אָנגעהויבן ארויסצוגעבן אייגענע געדרוקטע אָרגאנען: פון סאָף יאָר 1896 דערשיינט אין קיעוו די צייטונג „ראבאָטשאיא גאזעטא", 1897 אין פעטערבורג — „ראבאָטשאיא מיסל", אין ווארשע אינעם זעלבן יאָר — „די ארבייטער־שטימע" (אף יידיש).

אין פארשיידענע סאָציאלדעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס איז אין איין־און־דער זעלבער צייט אויפגעקומען דער געדאנק וועגן צוזאמענרופן א צוזאמענפאָר און וועגן פאראייניקן זיך אין אן אלרוסלענדישער פארטיי. אזויווי די מאָסקווער און פעטערבורגער אָרגאניזאציעס זיינען אָבער געווען שטארק אָפּגעשוואכט פונעם שטרייק־קאמף און פון די ארעסטן, האָט די גרעסטע אָרגאניזיר־ארבעט ארום צוזאמענפאָר דורכגעפירט די קיעווער גרופּע. פרילינג 1898 איז אין מינסק פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאמענפאָר פון אלע גרעסטע סאָציאלדעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס. דער דאָזיקער צוזאמענפאָר האָט געלייגט דעם פונדאמענט פון דער פארטיי. דער צוזאמענפאָר האָט נאָך ניט אנאנדערגעארבעט קיין פארטיי־פּראָגראם, ער האָט זיך בלויז באגרענעצט מיט פארעפנטלעכן א מאניפעסט. דער מאניפעסט האָט אָנגעוויזן אף דער קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג אין רוסלאנד און אף דעם פּראָלעטאריאט באפרייונג־באוועגונג, אז דער פּראָלעטאריאט וועט „אראָפּווארפן פון זיך דעם זעלבסטהערשונג־יאָך, כדי מיט נאָך א גרעסערער ענערגיע פאָרצוזעצן דעם קאמף קעגן קאפּיטאליזם און קעגן דער בורזשואזיע ביזן פולשטענדיקן זיג פונעם סאָציאליזם". די סאָציאלדעמאָקראטיע, האָט דער מאניפעסט אונטערגעשטראָכן, „וויל באוווסטזיניק זיין און זי בלייבט א קלאסן־באוועגונג פון די אָרגאניזירטע ארבעטער־מאסן". דער צוזאמענפאָר האָט אף אזא אויפן אָנגעוויזן אף דער סאָציאלדעמאָקראטיע, ווי אף דער איינציקער פארטיי פונעם רוסלענדישן ארבעטער־קלאס. אין א קורצער צייט ארום נאָך דעם

צוזאמענפּאָר זיינען קימאַט אַלע זיינע אָנטיילנעמער און דער אויסגעוויי̈פּטער צ.ק. אַרעסטירט געוואָרן. די אָרגאַניזאַציאָנעלע ניט־איינ־ייטלעכקייט און די „קוסטאַ־רעריי", וואָס האָט עקזיסטירט אין דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אין די 90־ער יאָרן, האָט זיך געצויגן ביז עס איז דערשינען די „איסקרא" און עס האָט זיך אָנ־געהויבן איר פאַרייניקונג־אַרבעט. די דאָזיקע אַרבעט האָט אין יאָר 1903 פאַרענ־דיקט דער צווייט ר פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. ער האָט ענרגילטיק אָרגאַניזאַציאָנעל און אידעאָלאָג־יש אויסגעפורעמט די רוסלענדישע סאָציאַלדעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס האָט אונטער דער אָנפירונג פון די באָלשעוויקעס דורכגעפירט דעם אַרבעטער־קלאַס דורך דריי רעוואָליוציעס און געבראַכט אים צום זיג.

אין די 90־ער יאָרן האָט צוזאַמען מיט דער אויפבליונג פונעם קאַפּיטאַליזם זיך אויך צעבליט דער מאַרקסיסטישער געדאַנק.

די אויסוואַקסנדיקע בורזשואַזיע, וואָס האָט אָנגעהויבן פילן דעם דרוק פון דער זעלבסטהערשונג, האָט געשטרעבט צוצופּאַסן דעם אַרבעטער־קלאַס צו אירע צילן, אונטערוואַרפן אים אונטער איר ווירקונג. דערצו איז נייטיק געווען צו דערנידעריקן די באַוווּסטזיניקע קלאַסן־באַוועגונג, באַגרענעצן זי מיט אויפגאַבן פון ענג־עקאָנאָמישן קאַמף און ניט געבן איר קיין מעגלעכקייט אויסצוּוואַקסן אין א קלאַסן־באַוועגונג. די אידעאָלאָגן פונעם „לעגאַלן מאַרקסיזם", סטרוּווע, בולגאַקאָוו און אנד., וואָס האָבן מיט מאַרקסיסטישע פראַזן צוגעדעקט זייער אַפּאָלאָגעטיק פונעם קאַפּיטאַליזם, האָבן וווּלגאַריזירט מאַרקס לערע, האָבן אָפּ־געלייקנט זיין קלאַסן־קאַמף־טעאָריע און די נייטיקייט פון א זעלבשטענדיקער אַרבע־טער־פּאַרטיי. די „יונגע" סאָציאַלדעמאָקראַטן, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אויף דער דאָזיקער „לעגאַלער" מאַרקסיסטישער ליטעראַטור, האָבן אין דער סטיכיייש־וואַקסנדיקער אַרבעטער־באַוועגונג אַריינגעטראָגן די דאָזיקע אידייען פון דערנידע־ריקן דעם פּראָלעטאַריאַטס זעלבשטענדיקע קלאַסן־אויפגאַבן.

אין די לעצטע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט (1897־1900) האָט צווישן די רוסלענדישע סאָציאַלדעמאָקראַטן געהערשט א צעפּאָרנקייט ניט נאָר אָרגאַניזאַציאָ־נעל, נאָר אויך אידייש. דאָס זיינען געווען איבערבראָך־יאָרן, ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז א ביסל עלטער געוואָרן. דער פּראָצעס פון רייף ווערן איז אָבער געגאַנגען מים קאָמפּליצירטע און געשלענגלטע וועגן. די „קוסטאַרעריי" אין די סאָציאַלדעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס איז זייער פאַמעלעך פאַרשוווּנדן. אין פעטערבורג האָבן עקזיסטירט א ריי זעלבשטענדיקע סאָציאַלדעמאָקראַטישע גרופּעס: „ראַבאָטשאַיאַ מיסל" (פון יאָר 1897), „ראַבאָטשעיע זנאַמיאַ" (פון יאָר 1897), „זעלבסטבאַפרייונג פונעם אַרבעטער־קלאַס" (1897), „סאָציאַליסט" (1900).

אין דער זעלבער צייט, ווען אייניקע פון זיי, וואָס האָבן זיך אָנגעע־שלאָסן צו די „אַלטע", האָבן געפאָדערט, אַז די סאָציאַלדעמאָקראַטן זאָלן שטעלן אַלס הויפּט־ציל פון זייער אַגיטאַציע די פּאָליטישע פרייהייט, צוזיפאָרנדיק דעם קאַמף פאַר פּאָליטישער פרייהייט מיטן עקאָנאָמישן קאַמף פון די אַרבעטער, האָבן די, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו די „יונגע", געפאָדערט צו באַגרענעצן זיך בלויז מיטן עקאָנאָמישן קאַמף, זיי האָבן געטענהט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז נאָך ניט דערוואַקסן צו פּאָליטישער אַגיטאַציע. די דאָזיקע לעצטע שיטע,

וואָס איר אויסדריקערן איז געוואָרן די צייטונג „ראבאָטשאיא מיסל“, האָט באַקומען דעם נאָמען „עקאָנאָמיזם“.

דער היסטאָרישער טאָך פונעם „עקאָנאָמיזם“ איז באשטאנען אין דעם, אז די ארבעטער־באוועגונג דארף פארוואנדלט ווערן פון א סאָציאלדעמאָקראטישער, ווי זי האָט אָנגעהויבן ווערן אינמיטן די 90־ער יאָרן, אין א טרעד־יוניאָניסטישער, און דערמיט אליין אונטערוואַרפן די אויפגאבן פון דער ארבעטער־באוועגונג צו די אויפגאבן פון דער בורזשואזער פּאָליטיק.

טעאָרעטיש איז דער „עקאָנאָמיזם“ פאָרמולירט געוואָרן אינעם בארימטן „Credo“ („אני־מאמין“) — אינעם גלויבן־סימבאָל פון די „עקאָנאָמיסטן“, וואָס פּראָקאָפּאָוויטש, קוסקאָווא און אנד. האָבן צונויפגעשטעלט.

דער „Credo“ האָט באגעגנט א קריטיק מיצאד די רעוואָליוציאָנערע סאָציאלדעמאָקראטן. 17 פארשיקטע סאָציאלדעמאָקראטן האָבן, לויט לענינס איניציאַטיוו, פארעפנטלעכט א פּראָטעסט קעגן דעם „Credo“. קריטיקירנדיק דעם דאָזיקן דאָקומענט פון די „עקאָנאָמיסטן“, האָבן די אויטערס פונעם פּראָטעסט פון די „17“ געוואָרנט די סאָציאלדעמאָקראטן קעגן דער געפאר, וואָס „דראָעט אראָפּצופירן די רוסלענדישע סאָציאלדעמאָקראטיע פונעם וועג, וואָס זי האָט זיך אָנגעמערקט, דעהיינו: דעם וועג פון אויסבילדן א זעלבשטענדיקע פּאָליטישע ארבעטער־פארטיי, וואָס לאָזט זיך ניט אָפּטיילן פונעם פּראָלעטאריאטס קלאסנקאמף און שטעלט פאר זיך אלס נאָענטע אויפגאבע אויסצוקעמפן פּאָליטישע פרייהייט“.

אין אויסלאנד איז קעגן די עקאָנאָמיסטן ארויסגעטראָטן פּלעכאנאָוו מיט זיין באוווסטער זאמלונג „Wademecum“ („וועגווייזער“). דעם קאמף קעגן „עקאָנאָמיזם“ האָט שוין זיגרייך פארענדיקט די „איסקרא“, וואָס האָט מיט איר קאמף פאר דער ריינקייט פון די רעוואָליוציאָנער־מארקסיסטישע פּרינציפּן כולער פאר אלץ מיטגעווירקט דעם ענדגילטיקן אויספורעמען די סאָציאלדעמאָקראטישע אידעאָלאָגיע פון דער מאסנוער ארבעטער־באוועגונג. דאָס איז שוין אָבער געווען אן אויפגאבע פארן נייעם, XX יאָרה. און די דאָזיקע אויפגאבע האָט זיך דערפאר איינגעגעבן אויסצופילן מיט מער דערפאָלג, ווייל בלויז די פירער האָבן, ווי לענין זאָגט, „געבלאָנדזשעט פאנאנדער און געגאנגען אף צוריק, אָבער די באוועגונג גופא איז ווייטער געוואקסן און געמאכט קאָלאָסאלע טריט פאָרויס. דער פּראָלעטארישער קאמף האָט ארומגעכאפּט נייע ארבעטער־שיכטן און ער האָט זיך פארשפרייט איבער גאנץ רוסלאנד, ווירקנדיק אין דער זעלבער צייט אומדירעקט אויך אף דער אויפלעבונג פונעם דעמאָקראטישן גייסט צווישן דער סטודענטנשאפט און צווישן אנדערע שיכטן באפעלקערונג...“.

צום אָנהייב XX יאָרה. האָט זיך דעם פּראָלעטאריאטס ראָליע, אלס איינציקער פירער און העגעמאָן אין דער צוקונפטיקער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע, ארויסגעוויזן שוין פולשטענדיק קלאָר.

קאפיטל פינף*

דער פראָלעטאַריאַט אין די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען אין די אויספורעמונג־יאָרן פונעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם

1. דער פראָלעטאַריאַט און זיין ראָליע אין די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען פונעם צאַרישן רוסלאַנד ביז דער רעוואָליוציע פון יאָר 1905

אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָבן מיר אין אַלגעמיינע שטריכן באַוויזן דעם פּראָלעטאַריאַטס אויספורעמונג־פּראָצעס און דעם וועג זיי ער פון א „קלאַס אין זיך" צו א קלאַס „פאַר זיך" אין די באַדינגונגען פון דעם זיך אַנטוויקלענדיקן אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם. עס איז אָבער וויכטיק נאָכצושפּירן דעם דאָזיקן פּראָצעס ניט נאָר אַלס גאַנצן, נאָר באַזונדערס טאַקע אין באַצוג צו די איינצלנע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען, וואָס זיינען פאַקטיש געווען קאָלאָניעס פונעם צאַרישן רוסלאַנד. דער פּראָלעטאַריאַט פון די אונטערדריקטע פעלקער האָט אין זיין אַנטוויקלונג, אין גרונט גענומען, דורכגעמאַכט די זעלבע עטאַפּן און איבערגעלעבט דעם זעלבן פּראָצעס פון סאָציאַלער דיפערענצירונג און פאַרוואַנדלונג אין א זעלבשטענדיקן קלאַס, ווי דער פּראָלעטאַריאַט פון דער הערשנדיקער נאַציע. אין די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען האָט דער דאָזיקער פּראָצעס אָבער פאַרמאָגט פיל אייגנאַרטיקע שטריכן, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן דורך די באַזונדערקייטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג אין יעדן איינעם פון די דאָזיקע ראַיאָנען און דורך דער קאָמפּליצירטער פּאָליטישער סיטואַציע, בא וועלכער עס איז געגאַנגען דעם פּראָלעטאַריאַטס קלאַסנקאַמף אין די באַדינגונגען פונעם נאַציאָנאַלן דרוק.

צעשמעטערנדיק די פעאָדאַל־לייבאייגנטימערישע פאַרהעלטענישן אין די פאַרשיידענע ראַיאָנען, האָט דער זיך אַנטוויקלענדיקער קאַפּיטאַליזם ניט נאָר געשאַפן די פאָרהאַנאָכעס פאַר דער אויספורעמונג פון די איינצלנע נאַציעס, נאָר ער האָט אויך מיטגעווירקט דערצו, אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן די גרונט־קלאַסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס קעמפן פאַר פאַרוואַנדלען די פעלקערשאַפטן אין זעלבשטענדיקע מעלוכעס. „מיט דער אַנטוויקלונג פונעם האַנדל, ערדאַרבעט, אינדוסטריע און צוזאַמען מיט זיי אויך די קלאַסן־הילף פון דער בורזשואַזיע, איז אומעטום געוואַקסן דער נאַציאָנאַלער געפיל בא די צעשפּליטערטע און אונטערדריקטע פעלקערשאַפטן. זיי האָבן געפאָדערט פאַרייניקונג און זעלבשטענדיקייט"— האָט ענגעלס געשריבן אין זיין ווערק: „די קראַפט און די עקאָנאָמיק אין דער אויסבילדונג פון דער דייטשישער אימפּעריע". דעם דאָזיקן מאָמענט האָט אויך

* א טייל מאַטעריאַל פאַר דעם דאָזיקן אַרטיקל איז מיט דער האַסקאָמע פון כ' יע. אי. דראַבקינא גענומען פון דער אַרבעט וואָס זי גרייט: „דער פּראָלעטאַריאַט אין די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען ביזן יאָר 1917".

לענין אונטערגעשטראָכן, ווען ער האָט ארגומענטירט די נייטיקייט, אז דער פּראָ־לעטאריאט זאָל אָף א באשטימטן עטאפּ שטיצן די פּראָגראם פון זעלבסטבאשטימונג פאר די פעלקערשאפטן ביז אָפּטיילן זיך.

די פעלקער־אונטערדריקונג איז אין רוסלאַנד מער, ווי אין וועלכן ניט איז אנדער לאנד, געווען פּונקט אזא מעכטיק רעשטל און איינער פון די יעסוידעס פון לייַבייגנטימעריי, ווי די אומבאגרענעצטע זעלבסהערשערישע מאכט און ווי דער פּריצישער ערדבאזיץ. די גאנצע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג פון דער זעלבסט־הערשערישער צארישער אימפּעריע האָט זיך געהאלטן, פון איין זייט, אָף דעם לייַבייגנטימערישן עקספּלואטירן דאָס פויערטום פון דער מעטראָפּאָליע, און, פון דער צווייטער זייט — אפן בארויבן און לייַבייגנטימערישן עקספּלואטירן דאָס פויערטום פון די קאָלאָניעס.

די נאציאָנאַל־קאָלאָניאלע פּאָליטיק פון דער זעלבסטהערשונג האָט פארפּאָלגט די זעלבע קלאסן־צילן, ווי די אינערלעכע פּאָליטיק — פארפעסטיקן די מעלוכע פון די לייַבייגנטימער — פּריצים. די רוסישע צארישע זעלבסטהערשונג איז אויסגע־וואקסן אין א קאָלאָסאלע אימפּעריע, וואָס האָט פארנומען א זעקסטכיילעק פון דער גאנצער וועלט מיט דער הילף פון אנעקסיעס און קאָלאָניאלן רויב. 57 פּראָצ. באפעלקערונג פון דער דאָזיקער אימפּעריע זיינען געווען אונטערדריקטע פעלקער, וואָס זיינען דורך צוואנג פאראייניקט געוואָרן צו דער זעלבסטהערשערי־שער לייַבייגנטימערישער מעלוכע.

באזונדערס איז גרויס געוואָרן די באדייטונג פון עקספּלואטירן קאָלאָניעס, ווען אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אנטוויקלען דער קאפּיטאליזם. אויב פריער האָט דער קאָלאָניאלער רויב געדינט בלויז אלס מיטל צו באַרייכערן די לייַבייגנ־טימער־פּריצים, איז ביים דער אנטוויקלונג פון קאפּיטאליזם ווערט ער שוין אויך דאָס וויכטיקסטע מיטל אָף מאכן צונויפוואקסן די אינטערעסן פון דער זעלבסט־הערשונג און פון דער בורזשואזיע. דער אינערלעכער מארק, וואָס איז געווען געשמידט אין לייַבייגנטימערישע קייטן, איז אין א געוויסער מאָס קאָמפּענסירט געוואָרן פאר דער בורזשואזיע דורך פארכאפּן אויסערלעכע מערק. אפן באָדן פון דער דאָזיקער פארכאפּערישער און קאָלאָניאלער פּאָליטיק פונעם צאריזם האָט די בורזשואזיע איינגעשטעלט א בלאָק מיט דער זעלבסטהערשונג, אָפּגעבנדיק איר די בכוידע אָנשטאָט רעוואָליוציאָנערן קאמף פאר אָפּריניקן די וועגן פאר דער קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג אין רוסלאַנד. צווישן דער לייבייגנטימערישער גע־זעל אפּטלעכער אָרדענונג און דער פּאָליטישער אונטערדריקונג פון די פעלקער־שאפטן האָט, אזויארום, עקזיסטירט אן ענגער בונד. פארניכטן דעם נאציאָנאַלן דרוק אינעם צארישן רוסלאַנד איז געווען א נייטיקער באדינג פאר דער בורזשואזיע־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אין רוסלאַנדס קאָלאָניעס.

די זעלבסטהערשונג האָט אומעטום איינגעגלידערט און פארפעסטיקט אין די קאָלאָניעס לייַבייגנטימערי ע פּארהעלטענישן. דאָס רוסישע מיליטער פּלעגט מיט זיינע שפּיזן קומען שטיצן אין די קאָלאָניעס דעם פעאָדאליזם, די אזיאטישקייט און דעספּאָטיזם, ער האָט איינגעשטעלט א בונד מיט די אָרטיקע עקספּלואטאטערישע קלאסן און פארפּאָלגט אלערליי פּראָגרעסיווע שטרעמונגען און סאָציאלע גרופּעס.

פארכאפּנדיק פעלן, האָט דער צאריזם גענומען דורכפירן דאָרט אזא פּאָליטיק,

וואָס האָט אַנטשפּראָכן די אינטערעסן פֿון די גרויסע ערד־מאַגנאַטן און דערנאָך אײַנגעשטעלט פֿרײַנטלעכע באַציִונגען מיט דער פּוילישער בורזשואַזיע. פֿאַרכאַפּנדיק גרוזיע, האָט דער צאַריזם זיך געשטיצט אַפֿן גרוזינישן אַדל און האָט דאָרט דורכגעפֿירט אַ רײַ געזעצן, וואָס האָבן פֿאַרשטאַרקט די פּויערימס פֿעאָדאַלע אָפּהענגיקייט פֿון די גוטבאַזיצער. אין אַזערבײַדזשאַן האָט ער זיך געשטיצט אַף די כאַנעס און בעקן און כּדי צו פֿאַרפֿעסטיקן די מאַכט פֿון דעם דאָזיקן אָרטיקן אַדל, האָט ער אָפּגענומען די גאַנצע ערד בײַ די פּויערים און איבערגעגעבן זי צו די כאַנעס און בעקן. אַף צפֿון־קאַווקאַז האָט ער געשטיצט די אָרטיקע אַריסטאָקראַטיע און צוזאַמען מיט איר געקעמפֿט קעגן די אויפֿגעשטאַנענע פֿאָלק־מאַסן. אין מיטלאַזיע האָט ער זיך געשטיצט אַף די באַיען, וואָס האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ פֿאַראייניקונג פֿון פֿעאָדאַלער עקספּלואַטאַציע און וווּכערער. שטיצן דעם אָרטיקן אַדל — דאָס איז געווען אַן אומבאַדינגטער פּרינציפּ פֿון דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק פֿונעם צאַרישן רוסלאַנד. פֿון דעם דאָזיקן פּרינציפּ איז ער אָפּגעטראָטן בלויז אין די פֿאַלן, ווען דער אָרטיקער אַדל פֿלעגט זיך אַליין אָפּזאָגן פֿון אַזאַ בונד. אָבער אויך אין אַזעלכע פֿאַלן פֿלעגט ער זיך בלויז באַנוגענען מיט באַשטראָפֿן די אומרויִקע אָרטיקע גרויס־אייגנטימער און פֿלעגט ווײַטער פֿירן די פּאָליטיק פֿון אײַנגלידערן די פֿעאָדאַלע סיסטעם.

אין די קאָלאָניעס איז דערפֿאַר דער קאַמף קעגן די לײַבאייגנטימערישע פֿאַרהעלטענישן געווען ענג פֿאַרבונדן מיטן קאַמף קעגן דער רוסישער הערשאַפֿט. דאָס זעלבסטהערשערישע רוסלאַנד איז געווען דער טרעגער סײַ פֿון נאַציאָנאַלן, סײַ פֿונעם פֿעאָדאַלן דרוק. און דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז געווען דער העגעמאָן אין דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, האָט צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע דעמאָקראַטישע פֿאָדערונגען אויך געדאַרפֿט אָנשרײַבן אַף זײַן פֿאָן די פֿאָדערונג צו אָנערקענען פֿאַר אַלע פֿעלקער, וואָס דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט פֿאַרכאַפּט, דאָס רעכט אַף פֿרײַען אָפּטיילן זיך פֿון דער רוסישער אימפּעריע.

כּדי אויסצופֿילן זײַן היסטאָרישע באַפֿרײַונג־מיסיע, האָט דער פּראָלעטאַריאַט געדאַרפֿט צעשמעטערן אַלע פֿאָרמען פֿון לײַבאייגנטימערישער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. „אַראָפּוואַרפֿן יעדן מין פֿעאָדאַלן דרוק, יעדע אונטערדריקונג פֿון פֿעלקער, אַלערליי פּריווילעגיעס פֿאַר איינער פֿון די נאַציעס אָדער פֿאַר איינע פֿון די שפּראַכן, — דאָס אַלץ איז דער אומבאַדינגטער כיוו פֿונעם פּראָלעטאַריאַט, אַלס אַ דעמאָקראַטישע קראַפֿט, דאָס איז דער אומבאַדינגטער אינטערעס פֿונעם פּראָלעטאַרישן קאַמף, וואָס ווערט פֿאַרטונקלט און פֿאַרהאַלטן איבער דער נאַציאָנאַלער ״רײַסערײַ״ — אַזוי האָט לענין געשריבן וועגן דער דאָזיקער היסטאָרישער אויפֿגאַבע פֿונעם פּראָלעטאַריאַט.

כּדי אויסצופֿילן די דאָזיקע אויפֿגאַבע זײַנע אין דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, האָט דער פּראָלעטאַריאַט פֿון דער אונטערדריקנדיקער נאַציע געדאַרפֿט מעלדן די אונטערדריקטע פֿעלקער, אַז זיי האָבן אומבאַדינגטע רעכט אַף פֿרײַען אָפּטיילן זיך. דער רוסלענדישער פּראָלעטאַריאַט איז געווען פֿאַראינטערעסירט אין פֿאַראייניקן די אינצלנע נאַציאָנאַלע מאַכנעס פֿונעם אַרבעטער־קלאַס אין אַן איינהייטלעכער פּראָלעטאַרישער אַרמיי.

דער רוסלענדישער פּראָלעטאַריאַט האָט באַדאַרפֿט פֿולשטענדיק זיך אָפּזאָגן

פון נאציאָנאַלער אונטערדריקונג ניט נאָר צוליב דעם, קעדיי באפרייען די אונטערדריקטע פעלקער, נאָר אויך צוליב דעם, קעדיי באפרייען זיך זעלבסט פונעם צארישן פּאָליטישן דרוק. דאָס פּויערטום פון די קאָלאָניעס האָט זיך געקענט באפרייען פון דער נאציאָנאַלער אונטערדריקונג, ווי פון אלע אנדערע אונטערדריקונג־פאָרמען, בלויז אונטער דעם פּראָלעטאריאטס אָנפירונג. אף אזא אויפן האָט אויך דער פּראָלעטאריאט פון די נאציאָנאַלע ראיאָנען זיך אנטוויקלט און איז געוואקסן, אלס די איינציקע קראפט, וואָס איז פייִק צו שטעלן זיך בעראָש פונעם קאמף קעגן לייַבייגנטימעריי, קעגן זעלבסטהערשונג און מיט דעם גופא קעגן נאציאָנאַלער אונטערדריקונג. די פארניכטונג פונעם נאציאָנאַלן דרוק איז נייטיק געווען, קעדיי צו באשאפן די אינטערנאציאָנאַלע אייניקייט פונעם פּראָלעטאריאט, וועלכער האָט באדארפט שאפן א פעסטן בונד צווישן די ארבעטער פון אלע פעלקער, א בונד, וואָס איז געצילט קעגן דעם אלגעמיינעם פיינט. דער קאמף פאר דער נאציאָנאַלער באפרייונג פון די אונטערדריקטע פעלקער און דער פּראָלעטארישער קלאסנקאמף קעגן דער אייגענער אָרטיקער בורזשואזיע איז ארמעטום געוואָרן א דאָפּט־איינהייטלעכע אויפגאבע פארן פּראָלעטאריאט פון די אונטערדריקטע פעלקער. דאָס אויספילן מיט דערפאָלג די דאָזיקע אויפגאבע איז אָפּהענגיק געווען פונעם פּראָלעטאריאטס רייפקייט, פון די באדינגונגען פון זיין קלאסן־וווּקס און פון זיין ספּעציפישן געוויכט אין די איינצלנע ראיאָנען. דאָס לעצטע, ווידער, איז באשטימט געוואָרן דורך דער רייפקייט און אנטוויקלטקייט פונעם קאפּיטאליזם.

2. דער פּראָלעטאריאט אין פּוילן

די מיירעוודיקע נאציאָנאַלע ראיאָנען — פּוילן, ליטע, לאטוויע, עסטלאנד, פינלאנד, — זיינען געווען מער, ווי אלע, קאפּיטאליסטיש אנטוויקלט. אין די דאָזיקע ראיאָנען איז דער אינדוסטריעלער קאפּיטאליזם געווען אסאך רײַפער און ער האָט זיך אויסגעפורעמט פריער, ווי אין רוסלאנד. איידער זיי זיינען פאראייניקט געוואָרן מיט רוסלאנד, האָבן די מיירעוו־ראיאָנען געלעבט א זעלבשטענדיק מעלוכישן לעבן. פּוילן איז פאראייניקט געוואָרן מיט רוסלאנד סאָף XVIII יאָרה. אין רעזולטאט פון דעם פאנאנדערפאל, צו וועלכן די פּריצישע דיקטאטור האָט זי געבראכט. די צארישע זעלבסטהערשונג האָט געשטרעבט איינצוהיטן די לייַבייגנטימערישע פּריווילעגיעס פונעם פּוילישן אדל. דער אדל, ווידער, האָט, פון זיין זייט, געשטיצט די אינטערעסן פונעם צארישן רוסלאנד ביים אלע צעטיילונגען (אין די יאָרן 1772, 1793, 1795).

אינגיכן נאָך דער מאפּאָלע אין יאָר 1863 האָט דער פּוילישער אדל זיך געשטעלט אפן וועג פון א קאָמפּראָמיס מיט די פעאָדאלע עלעמענטן און מיטן צאריזם. וואָס אָנבאלאנגט דער בורזשואזיע, איז איר פּאָזיציע געווען א ביסל א צווייענדיקע. אין מעשעך פון XIX יאָרה. איז די פּוילישע אינדוסטריע געוואקסן זייער שנעל און צוזאמען מיט איר איז אויך געוואקסן דער ארבעטער־קלאס. אין פּוילן איז דער גראד אנטוויקלונג פון קאפּיטאליזם געווען א העכערער, ווי אין רוסלאנד. אין העסקעם דערמיט האָט זיך אויך דער פּוילישער פּראָלעטאריאט

אויסגעצייכנט מיט א העכערן קוואליטאטיוון און קוואנטיטאטיוון באשטאנד. פאר די 20 יאר פון 1870 ביז 1890, איז דער אינדוסטריעלער פראָלעטאריאט אין די גרויסע פוילישע אונטערנעמונגען אויסגעוואקסן פון 77 טויזנט מענטשן ביז 150 טויזנט. די סאמע מעכאניקסטע איז געווען די טעקסטיל־אינדוסטריע, נאָך איר גייט די מעטאל־אינדוסטריע און די בארגווערקישע. אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, וואָס האָט זיך אנטוויקלט אונטער זער ווירקונג פון דער דייטשישער קאָנקורענץ, איז דער קאָנצענטראציע־פּראָצעס געגאנגען באזונדערס אינטענסיוו. אין משך פון די אָנגעוויזענע 20 יאָר האָט זיך די צאָל אונטערנעמונגען פארקלענערט פון 11.327 קליינע ביז 625 גרויסע פאבריקן מיט קינאט 100 ארבעטער אין יעדערער. די צאָל טעקסטיל־ארבעטער איז פאר די יאָרן 70־90 אויסגעוואקסן העכער ווי אין צוויי מאָל (פון 28 טויזנט ביז 60). די דאָזיקע העפטיקע קאפּיטאליסטישע אנטוויקלונג האָט זייער פרי אוועקגעשטעלט דעם פוילישן פּראָלעטאריאט אף די שלאכט־פּאָזיציעס פונעם קלאסנקאמף.

דער פוילישער פּראָלעטאריאט האָט גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין די אופשטאנדן קעגן רוסלאנד. נאָר ער האָט נאָך ניט געהאט ארויסגעשטעלט קיין אייגענע קלאסן־פּראָגראם און האָט געקעמפט אונטער די פאָנען פון די אנדערע קלאסן.

אָנגעשראָקן פונעם וווּקס פון ארבעטער־קלאס און פון דעם אלץ מער אינטענסיווערן קאמף פון די פוילישע ארבעטער, האָט אין דער זעלבער צייט די בורזשואזיע אויך אָנגעהויבן אנטשיידענער גיין אפן וועג פון דערנעענטערן זיך מיטן צאריזם. זי זעט אין דעם צאריזם א פארטיידיקער פון אירע אינטערעסן אפן צווישנפעלקערלעכן מארק. די פוילישע גרויס־בורזשואזיע האָט אויך געשאפן א בונד מיטן פוילישן אדל און מיט די קאטוילישע גייסטלעכע. צוזאמען מיט די גרויסע ערדבאזיצער האָט זי געשאפן די פארטיי „אוגאָדאָווצי", וואָס האָט געהאלטן פאר נייטיק צו שטיצן דעם רוסישן צאריזם און בענעגייע פוילן האָט זי זיך באנוגנט מיט קליינע רעפאָרמען.

די מיטל־און קליין־בורזשואזיע האָט אין די 30־ער יאָרן געשאפן די אזוי־גערופענע „פוילישע ליגע", וועלכע האָט זיך שארף א קער געטאָן צום נאציאָנאליזם און געפאָדערט אופצושטעלן די אומאָפּהענגיקייט פון דער פוילישער מעלוכע.

פון סאָף 70־ער יאָרן פארוואנדלט זיך אויך דער פוילישער פּראָלעטאריאט אין א זעלבשטענדיקער פּאָליטישער קראפט. אין יאָר 1878 זיינען אין פוילן אנטשטאנען די ערשטע סאָציאליסטישע קרייזלעך און אין יאָר 1882 האָט זיך געשאפן די ערשטע ארבעטער־פארטיי „פּראָלעטאריאט". די דאָזיקע פארטיי האָט עקזיסטירט ניט לאנג. אין יאָר 1884 זיינען פאָרגעקומען גרויסע ארעסטן, עס זיינען ארעסטירט געוואָרן 190 מענטשן, 29 מענטשן זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צום מיליטער־געריכט, פון זיי זיינען 6 פארמישפּט געוואָרן צום טויט, און די איבעריקע צו פארשיידענע טערמינען קאטערגע.

איינע פון די ברענענדיקסטע פראגן, וואָס זיינען געשטאנען פארן ארבעטער־קלאס אין פוילן, איז געווען די פראגע וועגן דער באציִונג צו דער נאציאָנאלער באוועגונג. צי האָט דער פוילישער פּראָלעטאריאט געדארפט קעמפן פאר פוילנס

אומאָפּהענגיקייט אָדער ער האָט געדאַרפט פּאַרטיידיקן זיינע אייגענע קלאַסן־אינטערעסן.

ביזן אופשטאַנד פון יאָר 1863 האָבן מאַרקס און ענגעלס געהאַלטן, אַז יעדע רעוואָליוציאָנערע פּאַרטיי דאַרף שטיצן די פּוילישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג. זיי זיינען דערביי אַרויסגעגאַנגען דערפון, וואָס פּוילנס באַפרייונג וועט געבן אַ שטאַרקן קלאַפּ איבערן זעלבסטהערשערישן רוסלאַנד, אָט דעם זשאַנדאַרם פון אייראָפּע. אָבער איצט האָט זיך די לאַגע שאַרף געענדערט. אין רוסלאַנד און אין דייטשלאַנד האָט זיך אויסגעבילדעט אַן אַרבעטער־קלאַס, וואָס פירט אַ רעוואָליוציאָנערן קאַמף קעגן די אייגענע רעגירונגען. דעריבער איז שוין פאַרן פּוילישן פּראָלעטאַריאַט איצט געשטאַנען אַן אַנדער אויפגאַבע: אַנשטאָט אָנטייל־נעמען אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג און שאַפן אַ בורזשואַז־פּריציש פּוילן, האָט ער איצט געדאַרפט פירן אַ קלאַסנקאַמף קעגן דער בורזשואַזיע און קעגן די גוטבאַזיצער פון דער „אייגענער" אונטערדריקנדיקער נאַציע און זיך שלאָגן האַנט־באַ־האַנט, אַקסל־צו־אַקסל מיטן אַרבעטער־קלאַס פון רוסלאַנד, עסטרייך און דייטשלאַנד.

די פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט" האָט די ערשטע פאָרמולירט די קלאַסן־פּראָגראַם פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג.

שוין אין דער ערשטער פּראָקלאַמאַציע האָט „פּראָלעטאַריאַט" אונטערגע־שטראָכן, אַז דער פּוילישער אַרבעטער־קלאַס דאַרף זיך שטעלן אָפּ וועג פון קלאַסנקאַמף, צונויפּפאָרנדיק דעם דאָזיקן קאַמף מיט די אויפגאַבן פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג.

„דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט, — שרייבט די פּראָקלאַמאַציע, — איז לענגער ווי אַלע פאַרבליבן אין אַ צושטאַנד פון שלאָף. דער נאַציאָנאַלער קאַמף, וואָס ער האָט געפירט, האָט ניט נאָר ניט אויפגעוועקט אין אים דעם באַוווסטזיין, נאָר, פאַרקערט, ער האָט זיך באַמיט צו דערטרינקען דעם באַוווסטזיין אין נאָך אַ גרעסערן כוישעך פון אומווויסנקייט... אונדזערע פאָלק־אופשטאַנדן, דער אומ־פאַרמיידלעכער און לאָגישער רעזולטאַט פונעם פאַרלירן די מעלוכישע אומאָפּ־הענגיקייט האָבן אין מעשעך פון אַ לאַנגער צייט אָפּגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט באַם אַרבעטער־קלאַס פון זיינע אייגענע אינטערעסן, און די טראַדיציעס, וואָס זיינען פון זיי פאַרבליבן, שטערן נאָך איצט פיל שטאַרקער אַרבעטער צו באַ־שטימען קלאָר זייערע שטרעבונגען און צוטרעטן צום קאַמף פון פאַרטיידיקן דעם אייגענעם קלאַס".

די דאָזיקע קלאַסן־ליניע און די טראַדיציעס פון „פּראָלעטאַריאַט" האָט פאָר־געזעצט די „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון פּוילן און ליטע", וואָס ראָזע ליוקסעמבורג איז געווען איר פירער. אין דער בראָשור „וואָס ווילן מיר" האָט זי זייער גענוי פאָרמולירט די קלאַסוועג און נאַציאָנאַלע אויפגאַבן פונעם פּוילישן פּראָלע־טאַריאַט.

„...דאָס אופשטעלן די פּוילישע מעלוכע קען שוין אין קיין פאַל ניט זיין די אויפגאַבע פונעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, — האָט ראָזע ליוקסעמבורג געשריבן. — קעדיי אופצושטעלן פּוילן, דאַרף דער אַרבעטער־קלאַס פריער דערגרייכן די פּאָ־ליטישע הערשאַפט אין אונדזער קאַנט. אָבער ווען עס וועט אָנקומען די

מינוט פון פּאָליטישער הערשאַפט פונעם אַרבעטער־קלאַס, דאַן וועט אונדזער אויפגאַבע זיין ניט אויפצושטעלן די פּוילישע מעלוכע, נאָר איינפירן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג, וואָס וועט באַוואָרענען פאַר די פּאָליאַקן, ווי אויך פאַר יעדע אַנדערע פעלקערשאַפט, די פולע פרייהייט און גלייכהייט אין דער סוויווע פון אַנדערע פעלקער".

אַן אַנדער פּאַרטיי — פּפּ"ס (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי), וואָס האָט פּרעטענדירט צו זיין דער אָנפירער פונעם אַרבעטער־קלאַס, האָט געפּרוווט אָפּווענדן דעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט פון דער דאָזיקער קלאַסן־פּראָגראַם און פירן אים אַפן וועג פון שכאָלן נאַציאָנאַליזם. די פּפּ"ס האָט זיך אויסגעפורעמט אין יאָר 1893, אין גרונט פון איר פּראָגראַם און טעטיקייט איז געלעגן דער פּרינציפּ פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט און צו אים האָט זי אונטערגעוואָרפן איר גאַנצע פּאָליטישע טעטיקייט. מיט איר נאַציאָנאַליסטישער פּראָגראַם האָט זי געפונען אַ ברייטן מיטגעפיל אין די רייען פון דער קליין־בורזשואַזיע, וואָס איז, אין טאָך גענומען, געווען די גרונט־באַזע פון דער דאָזיקער פּאַרטיי.

אַן אָפן־נאַציאָנאַליסטישע בורזשואַזע פּאַרטיי, וואָס האָט געפּרוווט ווירקן אַפן פּראָלעטאַריאַט, איז געווען אויך די פּאַרטיי „פּאָלק־דעמאָקראַטיע". סאָף 90־ער יאָרן האָט זי געפּרוווט פירן אַן אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטער און איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער צאַרישער רוסיפיקאַטאָרישער פּאָליטיק מיטן לאָזונג פון אומאָפּהענגיקייט. גלייכצייטיק איז זי אַרויסגעטראָטן קעגן די סאָציאַליסטן און יידן. אין יאָר 1903 האָבן די „נאַראָדאָווצעס" — פון שרעק פאַר דער רעוואָליוציע — אָפּגעזאָגט זיך פונעם אומאָפּהענגיקייט־לאָזונג און זיך באַנוגנט בלויז מיט דער פאָדערונג געבן פּוילן אַ גרעסערע זעלבשטענדיקייט אין די ראַמען פון דער צאַרישער אימפּעריע.

די פּפּ"ס און די „נאַראָדאָווצעס" האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג דעריקער צווישן די אַרבעטער פון דער קליין־אינדוסטריע, צווישן באַלמעלאָכעס און האַנטווערקער. צווישן די דאָזיקע אַרבעטער־שיכטן איז די קאַפּיטאַליסטישע קליין־בורזשואַזע פּראָגראַם פון דער פּוילישער אינטעליגענץ געווען שטאַרק פּאָפּולער. אָבער די פּראָלעטאַרישע גרונט־קאַדרען, וואָס די גרויסקאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע האָט באַשאַפן, האָבן געשטעלט די נאַציאָנאַלע לאָזונגען אין אַ דירעקטער אָפּהענגיקייט פון די אַלגעמיין־קלאַסעווע אויפגאַבן און אינטערעסן, ניט נאָר פונעם פּוילישן אַרבעטער־קלאַס, נאָר אויך פונעם רוסישן.

די פּוילישע אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען קימאַט אומצערייסלעך איבערגעפלאָכטן מיט דער רוסישער. שוין אין די 90־ער יאָרן איז דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט געווען אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע קראַפט, וואָס איז געווען אימשטאַנד צו פירן אַן אַ טיווען רעוואָליוציאָנערן קאַמף סיי קעגן דער אייגענער בורזשואַזיע, סיי קעגן דעם נאַציאָנאַלן פּאָליטישן דרוק פון דער זעלבכטהערשונג.

3. דער פּראָלעטאַריאַט אין פינלאַנד

די ראָליע און דער קאַמף פונעם פינלענדישן פּראָלעטאַריאַט סאָף XIX יאָרה. דערמאָנט אין פיל היגזיכטן אָן דער לאַגע פונעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט. דער פינלענדישער פּראָלעטאַריאַט גיט אויך אָפּ אין זיין קאַמף אַ גרויס אָרט דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג־באַוועגונג.

פינלאַנד איז פאַרייניקט געוואָרן מיט רוסלאַנד אין יאָר 1809. די ערשטע צייט האָט דאָ דאָס צאַרישע רוסלאַנד ניט געפירט די געוויינלעכע שאַרפע רוסיפיקאַטאָרישע לייבייגנטימערישע פּאָליטיק, ווייל פינלאַנד האָט פון זיך פאָרגעשטעלט א באַריער, וואָס פאַר יידיקט פעטערבורג. פינלאַנד האָט אפילע פאַרמאָגט א געוויסע אווטאָנאָמיע. אין די 70־ער יאָרן האָט פינלאַנד איבערגעלעבט א פעריאָד פון א גרויסן עקאָנאָמישן אופשטייג. די קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע האָט זיך אנטוויקלט מיט דערפאָלג. עס האָבן אופגעלעבט די האַנדל־באַציִונגען מיט מיירעוו און רוסלאַנד. דאָס אגראַרע פינלאַנד האָט זיך שנעל אינדוסטריאַליזירט.

די אנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין פינלאַנד אין די 70—90־ער יאָרן האָט געבראַכט דערצו, אז עס האָט זיך פאַרגרעסערט דער ספּעציפישער געוויכט פונעם פינלענדישן פּראָלעטאַריאַט. אין יאָר 1887 זיינען אין פינלאַנד געווען 43 טויזנט אַרבעטער, אין 1898 — 91 טויזנט, ד. ה. א פאַרגרעסערונג מער ווי אין צוויי מאָל. אַחוץ דעם, איז אין פינלאַנד אויסגעוואַקסן א קוואַנטיטאַטיוו זייער גרויסער דאָרפישער פּראָלעטאַריאַט — אין יאָר 1895 האָט די צאָל לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, — טאָג־אַרבעטער, טאָרפּאַרעס און אַנדערע דאָרפישע אַרבעטער, וואָס האָבן ניט קיין ערד און קיין שטענדיקע פאַרדינסטן, — באַטראָפן ביז א מיליאָן מענטשן. אין פאַרגלייך מיט אָט דעם מיליאָניקן דאָרפישן פּראָלעטאַריאַט האָט די אינדוסטריעלע אַרמעטער־אַרמיי, וואָס האָט קוים דערגרייכט ביז 100 טויזנט מענטשן, פון זיך פאָרגעשטעלט ניט קיין באַדייטנדיקע גרייס. אָבער איר ספּעציפישע געוויכט אינעם פּראָלעטאַרישן קאַמף איז געווען אָן א שיר גרעסער, ווי איר צאָל. דער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט איז ניט נאָר געשטאַנען בעראָש פונעם עקאָנאָמישן קאַמף פון די דאָרפישע אַרבעטער, נאָר אויך פון דער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין לאַנד. אין פינלאַנד זיינען, ווי אין פוילן, דער נאַציאָנאַלער קאַמף און דער קלאַסן־קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט געווען צווישן זיך ענג איבערגעפלאָכטן.

פון סוף XIX יאָרה. האָט זיך פאַרשטאַרקט דער קאַמף צווישן דער פינישער בורזשואַזיע און די שוועדישע גוטבאַזיצער. די לעצטע האָבן געפירט זייער ווירטשאַפט אויף כּעזשבן פון רויִנירן דאָס פויערטום, וואָס איז געווען פאַרשקלאַפט דורך די לייבייגנטימערישע רעשטלעך, און דערמיט האָבן זיי געשטערט דער פרייער קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג; די פינישע בורזשואַזיע, ווידער, וואָס האָט געשטאַמט הויפּטזאַכלעך פונעם פויערטום, איז געווען פאַראינטערעסירט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג. די קלאַסן־ווידערשפּרוכן האָבן אָנגענומען א פאָרם פון נאַציאָנאַלן קאַמף. די שוועדישע גוטבאַזיצער (די פּאַרטיי שוועדאָפילן) און די פינישע בורזשואַזיע (פּאַרטיי פינאָפילן) האָבן, ניט געקוקט אף אייניקע טאַקטישע כלוקעדייעס, אונטערגעשטראָכן זייער לאָיאַלקייט בענעגייע דער רוסישער זעלבסטהערשונג און האָבן געשטרעבט צו שטיצן זיך אף איר אינעם קאַמף מיטן קעגנער. אין די 90־ער יאָרן, האָט זיך פון די פינאָפילן אויסגעטיילט דער ראַדיקאַלער טייל פון די יונגפינער, לויטן באַשטאַנד א ריין־אינטעליגענטישע גרופּע. די אַלטפינער האָבן מיט זייער אָפענער קאָמפּראָמיס־פּאָליטיק בענעגייע דעם צאַריזם אָפּגעשטויסן פון זיך די רעוואָלוציאָנער־געשטימטע עלעמענטן אין לאַנד, וואָס האָבן געפאָדערט ניט א פּאַסיוון בויקאָט קעגן די צאַרישע געזעצן, נאָר אן אַקטיוון ווידערשטאַנד

קעגן צאריזם. ערשט דאן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מאסנווע ארבעטער־באוועגונג, איז אין לאנד פאָרגעקומען אן איבערגרופירונג פון די קלאסן־קרעפטן.

די פינישע ארבעטער האָבן פרי פארשטאנען די פארבינדונג צווישן דעם נאציאָנאלן קאמף און דעם קלאסנקאמף אין פינלאנד. אונטער דער ווירקונג פון דער סאָציאלדעמאָקראטיע האָבן די פינלענדישע ארבעטער נאָך ביזן יאָר 1905 פאנאנדערגעוויקלט א ברייטן קאמף ניט נאָר קעגן דער רוסישער זעלבסטהערשונג, נאָר אויך קעגן דער אייגענער בורזשואזיע, זיי האָבן דעמאסקירט איר האלבקייט אינעם קאמף פאר דער נאציאָנאלער באפרייונג און איר רעאקציאָנערקייט אין דער אינערלעכער פאָליטיק.

די פינישע בורזשואזיע האָט געפירט אן אָנבעשאָלעמדיקן קאמף קעגן דעם פראָלעטאריאטס קלאסן־פאָדערונגען. באלד ווי דער פינלענדישער פראָלעטאריאט איז ארויסגעטראָטן אף דער היסטאָרישער ארענע, האָט די בורזשואזיע אָנגעהויבן אים געבן אן אנטשיידענעם ווידערשטאנד. דער סיים האָט אקשאָנעסדיק ניט געוואָלט מאסקים זיין צו באפרידיקן די ארבעטער אין די פראגן פון ארבעט־שוץ און ארבעטלוין. לויט דער ביטע פון דער פינישער בורזשואזיע האָט די רוסישע פאָליציי צעטריבן די שטרייקער און דורך רעפרעסיעס דערשטיקט די שטרייקן. וואָס העכער עס איז געשטיגן די ארבעטער־באוועגונג, אלץ פאכדאָנעסדיקער און נידערטרעכטיקער איז געוואָרן די פינישע בורזשואזיע. זי האָט געוואָלט, אז די ארבעטער זאָלן פארגיסן זייער בלוט פאר שאפן דאָס אומאָפהענגיקע פינלאנד, זיי זאָלן אָבער ניט ארויסשטעלן דערביי קיינע קלאסן־פאָדערונגען. אפילע אין די מאָמענטן, ווען פינלאנד האָט אָפגעהאלטן די גרעסטע ניצחונות אינעם קאמף קעגן צאריזם, האָט די פינישע בורזשואזיע געהאלטן פאר בעסער נאָכצוגעבן דעם צאריזם, נאָר ניט די ארבעטער. און טאקע דערפאר האָבן די צוזאמענשטויסן צווישן די ארבעטער און דער בורזשואזיע אין פינלאנד נאָך ביזן יאָר 1905 אָנגענומען א כאראקטער פון אן איינגעשפארטן קלאסנקאמף און דאָס האָט געפאָדערט פונעם פראָלעטאריאט א גרעסערע אָרגאניזירטקייט און באוווסטזיניקייט.

אין די 80־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרה. זיינען אנטשטאנען די ערשטע פראָפעסיאָנעלע אָרגאניזאציעס פון די פינלענדישע ארבעטער, און אין יאָר 1891 איז באשלאָסן געוואָרן צונויפרופן אן אלגעמיינעם צוזאמענפאָר פון ארבעטער־פאָרשטייער, קעדיי צוזאמען באטראכטן די מיטלען, וואָס קענען העכערן דעם פראָלעטאריאטס עקאָנאָמישע לאגע. צום גרויס פארגעניגן פון דער פינישער בורזשואזיע, האָט דער רוסישער גענעראל־גובערנאטער, גראף היידען, פארבאָטן דעם דאָזיקן צוזאמענפאָר. די ארבעטער זיינען פונדעסטוועגן באשטאנען אף זייערס, און אין די יאָרן 1893, 1896 און 1899 זיינען פאָרגעקומען ארבעטער־צוזאמענפאָרן. די דאָזיקע צוזאמענפאָרן האָבן לעכאטכילע ארויסגערוקט בלויז פראָפעסיאָנעל־עקאָנאָמישע פאָדערונגען, ביסלעכווייז האָבן אָבער די פראגן פון פאָליטישן קאמף אויך אָנגעהויבן צו פארנעמען אף זיי א גרעסער אָרט. די ארבעטער האָבן געפאָדערט, אז דער פינלענדישער סיים זאָל געבן די ארבעטער פולשטענדיקע וואלרעכט. אפן דריטן צוזאמענפאָר, אין יאָר 1899 האָבן די ארבעטער זיך אָנערקענט, אלס א זעלבשטענדיקן קלאס, וואָס האָט זיינע באזונדערע אויפגאבן. אזוי האָט זיך אין יאָר 1903 ארויסגעבילדעט די פינלענדישע סאָציאלדעמאָקראטישע פארטיי, וואָס האָט ארויסגעארבעט איר אייגענע

פּראָגראַם; אין יעסאָד פון דער פּראָגראַם איז געלעגן די „ערפורטער פּראָגראַם". די פינלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט געפאָדערט אומאָפּהענגיקייט פאַר פינלאַנד און א קאַמף קעגן דער זעלבכטהערשונג, אלס דער גרונט־קראַפט, וואָס אונטערדריקט דעם פּראָלעטאַריאַט, איינצייטיק מיט דער פּראָגראַם, האָט די פינלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אונטערגעשטראָכן, אַז „די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון פינלאַנד וועט אין אַלע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגן שטענדיק שטיין אף דער וואַך פונעם פּראָלעטאַריאַטס קלאַסן־אינטערעסן און וועט ענערגיש קעמפן קעגן יעדן מין פאַרשמירן די קלאַסן־ווידערשפּרוכן, קעגן יעדן מין אויסנוצן די אַרבעטער פאַר די צילן פון די בורזשואַזע פּאַרטייען".

דער פינלענדישער פּראָלעטאַריאַט איז, אַזויאַרום, נאָך ביז דער רעוואָליוציע פון יאָר 1905 אַרויסגעטראָטן, ווי א זעלבשטענדיקע קראַפט און ווי דער העגעמאָן אין דער נאַציאָנאַל־רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, וואָס האָט מיט זיך פּאָרגעשטעלט אַן אָרגאַנישן טייל פונעם פּראָלעטאַריאַטס דעמאָקראַטישן קאַמף, וועלכן ער האָט ברייט פאַנאַנדערגעוויקלט אין יאָר 1905.

4. דער פּראָלעטאַריאַט אין באַלטיק

אין די באַלטישע לענדער, איבערהויפּט אין ליטע און לאַטוויע, איז דער פּראָלעטאַריאַט געוואַקסן באַ די זעלבע אייגנאַרטיקע באַדינגונגען פון צווייענדיקן דרוק — פון דעם נאַציאָנאַלן און קלאַסאָוון. לויט דער קראַפט פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג־באַוועגונג האָט ליטע פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט נאָך פּוילן.

די באַלטישע לענדער זיינען פאַריניקט געוואָרן צו רוסלאַנד אין XVIII יאָרה. די רוסישע לייבייגנטימער האָבן דאָ געפונען פאַר זיך א פעסטן שפּאַר אין דער פּערזאָן פונעם דייטשישן אדל. וועלכער האָט נאָך זינט די קרייץ־צוגן פאַרשקלאַפט די פּויערים און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א הערשנדיקן פעאָדאַלן קלאַס. די דייטשישע באַראָנען האָבן געוווּנען כיין באַם צאַריזם און זיינען געוואָרן זיין געטרייער שטיצ ונקט, אַלע אָנגעזעענע שטעלעס פון פּאָליצמייסטערס, זשאַנדאַרן־אָנפירער, פאַרוואַלטער פון דער III אָפּטיילונג א. א. וו. פלעגן די רוסישע צאַרן איבערגעבן צום באַלטישן אדל. אלס דאַנקבאַרקייט פאַר דעם דאָזיקן טרייען דינסט האָט דאָס זעלבכטהערשערישע רוסלאַנד געהאָלפן אין יאָר 1819 די דייטשישע באַראָנען צו באַפרייען די פּויערים פון דער ערד.

די פּויערים האָבן פיל מאָל געפּרוווט זיך באַפרייען פון דער גוטבאַזיצערישער פאַרשקלאַפונג. אזוי, זיינען אין יאָר 1784 פאָרגעקומען פּויערישע מאַסן־אופשטאַנדן, וועלכע האָבן געפאָדערט צו באַפרייען זיי פון פאַנשטשינע. די פּריצים האָבן אַרויס־גערופן רוסיש מיליטער און האָבן געמאַכט א בלוט־באָד פאַר די פּויערים. פּויערישע „בונטן" זיינען פאָרגעקומען אין די יאָרן 180., 1818, 1819, 1824, 1844, 1845, 1860. די דאָזיקע צעוואָרפענע סטיכיישע אופשטאַנדן זיינען אָבער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָרגאַניזירטן רעוואָליוציאָנערן קאַמף ערשט דאַן, ווען בעראָש פונעם פּויערטום האָט זיך געשטעלט דער פּראָלעטאַריאַט. אין לאַטוויע האָט דער פּראָלעטאַריאַט מיט זיך פאָרגעשטעלט העלפט פון דער באַפעלקערונג: 1.300

טויזנט ארבעטער; דערין 80 טויזנט שטאָטישע ארבעטער, די איבעריקע — לאַנדווירטשאפטלעכע.

צו א הויכן גראד האָט די ארבעטער-באוועגונג אין באלטיק דערגרייכט שוין סאָף XIX יאָרה. אין יאָר 1903 האָט זיך אויסגעבילדעט די לאטווישע סאָציאלדעמאָקראטישע ארבעטער-פארטיי, זי איז באשטאנען קימאט אויסשליסלעך פון באָלשעוויקעס. די העפטיקע רוסיפיקאטערישע פאָליטיק פונעם צאריזם האָט ארויסגערופן א שארפן ווידערשטאנד מיצאד דעם ליטווישן, לאטווישן און עסטלאנדישן פראָלעטאריאט. זיין נאציאָנאלער קאמף האָט געטראָגן א בוילעט-רעוואָליוציאָנערן כאראקטער און פאָרם. דער קאמף האָט זיך געפירט ארום דעם באפרייען פאָליטיש דאָס אייגענע לאנד, פארניכטן די מאכט פון די באראָנען, פארברייטערן דעם פויערישן ערדבאזיץ און פארבעסערן די עקאָנאָמישע לאגע פון די ארבעטער. דער פראָלעטאריאט איז געווען דער איניציאטער פונעם קאמף, אים האָבן געשטיצט דאָס פויערטום און די לאטווישע שטאָטישע קליין-בורזשואזיע.

צווישן דעם פראָלעטאריאט פון די נאציאָנאל-אונטערדריקטע פעלקער פון די מיירעוו-ראיאָנען דארף מען אויך פארצייכענען די ראָליע פון די ווייסרוסישע און די יידישע ארבעטער.

אין ווייסרוסלאנד האָט זיך דער קאפיטאליזם אנטוויקלט שוואכער און לאנגזאמער, ווי אין אנדערע ראיאָנען. דאָס לאנד איז הויפטזאכלעך געווען א פויערישלאנד מיט א קליין-אינדוסטריע אין די שטעט. דער פראָלעטאריאט האָט פארנומען א דינעם שיכט צווישן די מאסן באפעלקערונג. לויטן באשטאנד האָט אריבערגעוויגן דער האנטווערקערישער פראָלעטאריאט. די אינטענסיווע רוסיפיקאטערישע פאָליטיק פון דער זעלבסטהערשונג האָט שוואך געמאכט די אנטוויקלונג פון דער ווייסרוסלענדישער נאציאָנאלער באוועגונג. בלויז אין די 90-ער יאָרן האָבן זיך לויט דער איניציאטיוו פון דער לערן-יוגנט אָרגאניזירט קרייזלעך צו דערלערנען ווייסרוסלאנד און ווייסרוסן, און אין יאָר 1902 איז אנטשטאנען די „ווייסרוסישע רעוואָליוציאָנערע הראָמאדע", וואָס האָט זיך אינגיכן אָנגערופן סאָציאליסטישע, אָבער אין טאָך גענומען איז זי געבליבן א קליין-בורזשואזע אָרגאניזאציע מיט א נאציאָנאל-דעמאָקראטישער פראָגראם. אין דעם דאָזיקן פעריאָד זיינען די ווייסרוסישע ארבעטער-מאסן זייער שוואך אריינגעצויגן געוואָרן אין דער נאציאָנאל-דעמאָקראטישער באוועגונג. אָבער פונקט אזוי לאנגזאם האָבן זיי אויך אופגעוואכט צום קלאסנקאמף.

אסאך אינטענסיווער האָט זיך אנטוויקלט די יידישע ארבעטער-באוועגונג. די יידישע ארבעטער-באוועגונג האָט, לויט איר באדייטונג, פארנומען דאָס ערשטע אָרט נאָך דער פוילישער. דער יידישער פראָלעטאריאט איז קאָנצענטרירט געווען אין האנטווערקערישע אונטערנעמונגען און אין די קליינע שוסטער-, שניידער-, בערייטער-, לעדער און דגל. פראָדוקציעס. ער איז געווען באזונדערס שטארק רעכטלאָז און אונטערדריקט. אָנהייבנדיק פון די 80-ער יאָרן, אינעם רעאקציע-פעריאָד, דערשיינען איינע נאָך דער אנדערער געזעצגעבערישע באגרענעצונגען פאר דער יידישער באפעלקערונג און איבערהויפט פאר די יידן-פראָלעטאריער. דער „טכום", ד. ה. די באגרענעצטע וווינונג-פרייהייט, האָט אָנגערירט די יידישע אָרעמשאפט, אָבער ניט די בורזשואזיע, — די סאָכרים, פאבריקאנטן אָדער פערזאָנען פון פריי-

פּראָפעסיעס האָבן אומעטום געהאַט וווינרעכט. ווי ס'איז צו זען פון קאָנס, גורוויטשס, גאָזשאַנסקיס און אַנד. דערינערונגען האָט זיך אין די 70-ער יאָרן געפירט א גאַנץ שוואַכע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער. ניט די רעוואָלוציאָנערע פאָלקיסטן, ניט די ערשטע מאַרקסיסטן האָבן זיך ניט געריכט, אַז מע זאָל קענען אויפהייבן צום קאַמף אָט די דאָזיקע דורכן סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן דרוק דערשלאָגענע יידישע אַרבעטער-מאַסע. אָבער שוין אין די 80-ער יאָרן און אין די 90-ער יאָרן האָט זיך פאַרשטאַרקט די שטרייק-באַוועגונג צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, באַזונדערס אין אַזעלכע שטעט, ווי ביאַליסטאָק, ווילנע, דווינסק, מינסק, גראָדנע, וווּ דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז געווען קאָמפּאַקטער און אָרגאַניזירטער. די יידישע רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ, וואָס האָט באַהערשט די שפּראַך פון די פאָלקמאַסן, האָט אין יענעם פּעריאָד געשפּילט א גרויסע ראָליע אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. צוליב דעם האַנטווערקערישן באַשטאַנד פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט האָבן זיך אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, מער ווי בא אַלע אַנדערע אונטערדריקטע פעלקערשאַפטן, אָפּגעשפּיגלט די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן און עס האָבן זיך אויסגעפורעמט פּילצאָליקע נאַציאָנאַליסטישע שיטעס און פּאַרטייען.

אין יאָר 1897 האָט זיך אויסגעבילדעט דער יידישער אַרבעטער-פאַרבאַנד „בונד". דער „בונד" האָט אַרומגעכאַפּט א גרויסן פּראָצענט יידישע אַרבעטער ניט באָר פון דער קליין-פּראָדוקציע, נאָר אויך פון דער גרויסער פאַבריק-אינדוסטריע פון ביאַליסטאָק, לאָדז, וואַרשע.

דער „בונד" האָט אין זיין פּראָגראַם אָפּגעשפּיגלט די קליין-בורזשואַזע טענדענצן אין דער אַרבעטער-באַוועגונג. דאָס האָט זיך אַמיינסטן בולטעט אויסגעדריקט אינעם נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט אים אַוועקגעשטעלט אין די רייען פון אַלע אַנדערע יידישע נאַציאָנאַליסטישע גרופּירונגען. לענין האָט אָנגערופן דעם „בונד" „ניט-קאָנסעקווענטער ציוניזם". צווישן די יידישע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען זיינען אַסאַך אַרויסגעטראָטן אונטער דער פאָן פון סאָציאַליזם און האָבן זיך געזוכט צו ווערבירן אָנהענגער צווישן די יידישע אַרבעטער.

די 90-ער יאָרן זיינען געווען א צייט פון אינטענסיווער שטרייק-באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער פון די מייַרעוו-ראַיאָנען און פון א העפטיקן עקאָנאָמישן קאַמף. טאַקע דערפאַר איז אויסגעוואַקסן די נייטיקייט אַריבערצוגיין פון דער קרייזל-פּראָפּאַגאַנדע צו עקאָנאָמישער מאַסן-אַגיטאַציע צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט. די אַנטוויקלונג פון דער מאַסעווער אַרבעטער-באַוועגונג און פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער לערע האָט געשאַפן א באָדן פאַרן פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף און פאַר א מער דירעקטן צונויפבינדן די לאָזונגען וועגן נאַציאָנאַלער באַפרייונג מיט די אַלגעמיין-קלאַסעווע.

א. מ. פאנקראטאָווא

דער פראָלעטאריאט אין דער רעוואָליוציע פון די יאָרן 1905־1907

קאפיטל איינס.

דער פראָלעטאריאט אלס העגעמאָן פון דער רעוואָליוציע און לענינס ראָליע אין דעם אויספורעמען די דאָזיקע אידיי

1. לענינס לערע וועגן דער העגעמאָניע פונעם פראָלעטאריאט ביז דער רעוואָליוציע פון יאָר 1905

דעם פראָלעטאריאטס היסטאָרישער וועג אין די ערשטע יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט ווערט באשטימט דורך זיין אקטיווער ראָליע אלס פירער און אָנפירער (העגעמאָן) פון דער צוקונפטיקער רעוואָליוציע. דאָס איז געווען די בורזשואַ-דעמאָקראטישע רעוואָליוציע, וואָס איז אין רוסלאנד געשטאנען אף דער ריי. די רעוואָליוציע, וואָס האָט זיך דערנענטערט, האָט געהאט אן אויפגאבע צו ליקווידירן די פעאָדאל-לייבייגנטימערישע פארהעלטענישן אין לאנד און אָפרייניקן די וועגן פאר א פרייער און שנעלער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם. לענין האָט שטענדיק אונטערגעשטראָכן, אז די גרונט-אויפגאבע פון דער נייער טקופע באשטייט אין „ליקווידירן די מעכטיקע רעשטלעך פונעם מיטלאַלטערטום", „וואָס פארהאלט מוירעדיק די געזעלשאפטלעכע אנטוויקלונג און דעם פראָלעטאריאטס וווקס". „די דאָזיקע רעשטלעך, — האָט לענין געשריבן, — זיינען דער אבסאָליוטיזם (אומבאגרענעצטע זעלבסטהערשערישע מאכט), פעאָדאליזם (ערדבאזיץ און פריווילעגיעס פון די לייבייגנטימער-פריצים) און דאָס אונטערדריקן די נאציאָנאליטעטן".

די עפאָכע, אין וועלכער דער פראָלעטאריאט איז ארייַנגעטראָטן, איז געווען די „עפאָכע פון א בורזשואַ-דעמאָקראטישער רעוואָליוציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, די עפאָכע, ווען עס האָט אויפגעוואכט און עס האָט זיך פארשארפט די נאציאָנאלע באוועגונג, די עפאָכע, ווען עס איז אויפגעקומען די זעלבשטענדיקע פראָלעטארישע פארטיי". דער פראָלעטאריאט איז געווען די איינציקע קראפט, וואָס איז פייִק אפן אנטשיידנטסטן און קאָנסעקווענטסטן אויפן צו לייזן די אויפגאבן פון דער רעוואָליוציע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן. צו דער דאָזיקער ראָליע איז ער צוגעגרייט געוואָרן דורך דעם גאנצן פריערדיקן גאנג פון זיין רייף ווערן, אלס קלאס. שוין די ערשטע עטאפן פונעם פראָלעטארישן קאמף אין מעשעך פון XIX יאָרה, האָב געגעבן פלעכאנאָוון דאָס רעכט און די מעגלעכקייט צו דערקלערן אפן ערשטן צווישנפעלקערלעכן קאָנגרעס פון די סאָציאליסטן (II אינטערנאציאָנאל): „די רוסישע רעוואָלי-

ציאָנערע באַוועגונג וועט טריומפירן בלויז ווי א רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די אַרבעטער".

פלעכאַנאָוו און די מענשעוויקעס, וועמעס פירער ער איז שפּעטער געוואָרן, האָבן אָבער פון דער דאָזיקער אנטוויקלונג ניט געמאַכט קיין ווירקזאַמע אויספירן. בלויז די באָלשעוויקעס, אונטער לענינס אָנפירונג, האָבן דערקענט אינעם פּראָלעטאַריאַט דעם איינציקן קאָנסעקווענטן און אנטשיידענעם פירער פון דער רעוואָלוציע. די אידיי וועגן דער העגעמאָניע פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער בורזשואַזי-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, איז געווען די צענטראַלע אידיי פון דער לענינשער לערע נאָך ביז דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905 און גאַנצע דורות סאָציאַלדעמאָקראַטישע אַרבעטער, וואָס האָבן געבילדעט דעם גרונט-קערן פון דער צוקונפטיקער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, האָבן זיך דערצויגן און געגרייט צו דער רעוואָלוציע אינעם גייסט פון דער דאָזיקער אידיי.

לענין האָט צוגעגעבן דער טעאָריע א קאָלאָסאַלע באַדייטונג.

די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַלדעמאָקראַטישע טעאָריע איז געשאַפן און קאָנטראָלירט געוואָרן בא אן ענגער פאַרבינדונג צווישן דער מאַרקסיסטישער טעאָריע מיט דער אַרבעטער-באַוועגונג. מיט דער סטיכיישער קראַפט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אַליין, אָן אָט דער פאַרבינדונג מיט דער טעאָריע, וואָלט דער פּראָלעטאַריאַט ניט געקאָנט שטעלן זיך בעראָש פון דער רעוואָלוציע און נאָך א ריי שלאַכטן צעשמעטערן אין יאָר 1917 די זעלבסטהערשונג.

די עקזיסטענץ פון א רעוואָלוציאָנערער טעאָריע האָט צוגעגעבן דער אַרבעטער-באַוועגונג א קראַפט און האָט פאַרשנעלערט איר אנטוויקלונג. אזא טעאָריע איז אָבער אויסגעשמידט געוואָרן ניט מיטאַמאָל און ניט לייכט. ניט אומזיסט האָט לענין אונטערגעשטראָכן: „דעם מאַרקסיזם, אלס די איינציק-ריכטיקע רעוואָלוציאָנערע טעאָריע, האָט רוסלאַנד בעעמעס אויסגעליטן דורך דער געשיכטע פון א האַלבן יאָרהונדערט אומגעהייערע ליידן און קאָרבאָנעס, אומגעזעענעם רעוואָלוציאָנערן העראָיזם, אומגלייבלעכער ענערגיע און מסירות־נפשדיקייט, זוכונגען, לערנונגען, אויספּרוּוונגען אַף דער פּראַקטיק, אנטוישונגען, ריעווידירונגען, פאַרגלייכונגען מיט דער דערפאַרונג פון אייראָפּע".

די לענינשע טעאָריע האָט געשפּילט א קאָלאָסאַלע ראָליע אינעם באָלשעוויסטישן דערציִען דעם פּראָלעטאַריאַט ביז דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905. לענין האָט אין א קאָלאָסאַלער מאָס מיטגעווירקט דעם וווּקס פון דעם פּראָלעטאַריאַטס קלאַסן-רייפקייט און דער אנטוויקלונג פון דער מאַסעווער אַרבעטער-באַוועגונג אין א רעוואָלוציאָנערער ריכטונג. לענין האָט פאָרמולירט די אָרדנטלעכע און אַלגעמיינע קלאַסן-אויפגאַבן פון דער באַוועגונג, ער האָט אָנגעפירט מיטן סטיכיייש זיך אנטוויקלענדיקן קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט, ער איז אָן אָפּהייגן געגאַנגען מיטן וועג פון אָרגאַניזירן און פאַרייניקן דעם פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד אין א רעוואָלוציאָנערער קלאַסן-פּאַרטיי, וואָס זאָל שטיין בעראָש פון דער מאַסן-באַוועגונג. ווי מיר האָבן שוין געזען באַם אַנאַליזירן די אַרבעטער-באַוועגונג פון די 90-ער יאָרן, האָט לענין אָנגעהויבן די דאָזיקע אַרבעט מיט די ערשטע טריט פון זיין פּאָליטישער טעטיקייט. שוין אין די 90-ער יאָרן, אינעם קאַמף קעגן דער פּאָלקיסטישער אידעאָלאָגיע און קעגן די פאַרשיידענע בורזשואַזע אידעאָלאָגיעס, וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט אונטער

דער מאסקע פון מארקסיזם, האָט לענין אנטוויקלט די גרונט-אידייען פונעם פראָלעטארישן סאָציאליזם און ער האָט פאָרמולירט די רעוואָליוציאָנערע אויפגאבן פון דעם דאן נאָך יונגן ארבעטער-קלאס. אין די זעלבע יאָרן האָט לענין צום ערשטן מאָל מיט א קלאָרער קראפט אָנגעוויזן דעם פראָלעטאריאטס היסטאָרישע ראָליע אלס העגעמאָן פון דער רעוואָליוציע. אין די שלוס-שורעס פון לענינס סאמע פריִיקן ווערק „וואָס אזוינס זיינען די פאָלק-פריינט" זיינען פאראן גצוויִישע פאָרויסזאָגונגען וועגן דער צוקונפטיקער ראָליע פונעם רוסלענדישן ארבעטער-קלאס:

„ווען די פאָרגעשריטענע פאָרשטייער זייַנע (דעם ארבעטער-קלאס),—פארענדיקט לענין זיין בוך,—וועלן באנעמען די אידייען פונעם וויסנשאפטלעכן סאָציאליזם, די אידייען וועגן דער היסטאָרישער ראָליע פונעם רוסישן ארבעטער, ווען די דאָזיקע אידייען וועלן ווערן ברייט פארשפרייט און צווישן די ארבעטער וועלן זיך שאפן פעסטע אָרגאניזאציעס, וואָס וועלן איבערגעשטאלטן דעם איצטיקן צעוואָרפענעם עקאָנאָמישן קריג פון די ארבעטער אין א באוווסטזיניקן קלאסנקאמף, — דאן וועט דער רוסישער ארבעטער-קלאס, אויפהייבנדיק זיך אין דער שפיץ פון אלע דעמאָקראטישע עלעמענטן, אראָפּשליידערן דעם אבסאָליוטיזם און וועט אוועקפירן דעם רוסישן פראָלעטאריאט (צוגלייך מיטן פראָלעטאריאט פון אלע לענדער) מיטן גלייכן וועג פון אָפענעם פאָליטישן קאמף צו דער זיגרייכער קאָמוניסטישער רעוואָליוציע".

אין א צווייטן אויסגעצייכנטן ווערק „וואָס דארף מען טאָן?" (1902) האָט לענין נאָך ברייטער און קאָנקרעטער אוועקגעשטעלט די גרונט-אויפגאבן און אָנגעמערקט די נאָענטע אָרגאניזאציאָנעלע און טאקטישע שריט פונעם פראָלעטאריאט און זיין אוואנגארד — די פארטיי. אין דעם דאָזיקן בוך האָט לענין באוויזן דעם פראָלעטאריאטס היסטאָרישע ראָליע, אלס העגעמאָן פון דער רעוואָליוציע אין דעם, וויאזוי דער פראָלעטאריאט וועט לייזן די נאָענטסטע פאָליטישע אויפגאבע — דאָס אראָפּשליידערן די זעלבסטהערשונג:

„די געשיכטע האָט פאר אונדז אוועקגעשטעלט א נאָענטע אויפגאבע, וואָס איז די רעוואָליוציאָנערסטע פונעם פראָלעטאריאטס אלע נאָענטסטע אויפגאבן אין וועלכן ניט איז אנדער לאנד. דאָס פארווירקלעכן די דאָזיקע אויפגאבע, דאָס צעשמעטערן דעם סאמע מעכטיקסטן אָנשפאר פון דער רעאקציע, ניט נאָר פון דער אייראָפּייִשער, נאָר אויך (קענען מיר איצט זאָגן) פון דער אזיאטישער, וואָלט געמאכט דעם רוסלענדישן פראָלעטאריאט פאר אן אוואנגארד פונעם צווישנפעלקערלעכן רעוואָליוציאָנערן פראָלעטאריאט".

דער גאנג פון די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן אָנהייב איצטיקן יאָרהונדערט האָט פולשטענדיק דערוויזן די דאָזיקע פאָרויסזעונגען וו. אי. לענינס. די לענינשע אידיי וועגן דער העגעמאָניע פונעם פראָלעטאריאט און וועגן דער ראָליע פונעם פויערטום, אלס דעם פראָלעטאריאטס רעוואָליוציאָנערער פארבינדעטער אינעם קאמף קעגן די רעשטלעך פון לייבאייגנשאפט, פאר א דעמאָקראטישער רעוואָליוציע, איז היסטאָריש פולשטענדיק באשטעטיקט געוואָרן אף דער דערפארונג, קידעמקאָל און איבערהויפּט אין דער רעוואָליוציע פון די יאָרן 1905 — 1907.

שוין אין די 90-ער יאָרן און שפּעטער האָט לענין פיל מאָל אָנגעוויזן, אז אין רוסלאנד עקזיסטירן צוויי פארשיידנארטיקע און פארשיידענע מילכאָמעס קעגן לייב-

ייגנטימעריי און קעגן קאפּיטאַליזם. דערביי האָט ער אונטערגעשטראָכן די באַדייטונג, וואָס עס האָבן פאַרן פּראָלעטאַריאַט די ניצחונות אינעם ערשטן קריג, — קעגן לייב-ייגנטימעריי און זעלבסטהערשונג, — אַלס וויכטיקסטן באַדינג צו פאַנאַנדערוויקלען דעם קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט פאַרן סאָציאַליזם. אין דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905 האָט דער פּראָלעטאַריאַט ניט געשטעלט זיך קיין דירעקט-סאָציאַליסטישע אויפגאַבן. די רעוואָלוציע פון יאָר 1905 איז לויט איר עקאָנאָמישן מהות געווען אַ בורזשואַזע רעוואָלוציע. די בורזשואַזיע האָט שוין אָבער דאָ ניט געקענט שפּילן די ראָליע פון אַ טרייב-קראַפט, ווי דאָס איז געווען אין די פריִערדיקע מיירעוו-אייראָפּייִשע בורזשואַזע רעוואָלוציעס. פאַרבינדנדיק אירע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון דער זעלבסט-הערשונג, האָט די בורזשואַזיע — אויס שרעק פאַר דעם גרויזאַמען שאָטן פונעם וואַקסנדיקן פּראָלעטאַריאַט — אַלץ מער אויפגעדעקט איר ניט-שטאַנדהאַפטיקייט, פאַכדאָנעס און קאָנטער-רעוואָלוציאָנערישקייט, אינעם פולשטענדיקן און אַנטשיידענעם ברעכן די פעאָדאַל-לייבייגנטימערישע פאַרהעלטענישן זיינען מער ווי אַלץ געווען פאַרינטע-רעסירט דער פּראָלעטאַריאַט און דאָס פויערטום. דאַפקע אָט דעם פאַקט, וואָס דאָס פויערטום, אַלס דער אַמערסטן דעמאָקראַטישער טייל פון דער בורזשואַזיע, איז פאַ-רינטערעסירט אין דער רעוואָלוציע, האָט לענין געהאַלטן פאַר דער הויפּט-אייגנאַר-טיקייט פון דער רוסישער בורזשואַזער רעוואָלוציע אין 1905 יאָר. דערביי האָט ער קעסיידער אונטערגעשטראָכן ניט נאָר דעם פּראָלעטאַריאַטס אָנפירונג אין דער דעמאָ-קראַטישער רעוואָלוציע, נאָר אויך די ספּעציפיש-פּראָלעטאַרישע מיטלען פון קאַמף פאַר דער רעוואָלוציע (שטרייק, אויפשטאַנד), קעגן דער זעלבסטהערשונג. לענין האָט אָפּט אָנגערופן די רעוואָלוציע פון יאָר 1905 בורזשואַז-פויערשע רעוואָלוציע אין דעם זין, וואָס איר מהות און ציל איז געווען — פאַרניכטן דעם פּריצישן ערדבאַזיץ און גרינטלעך אומענדערן די לעבן-באַדינגונגען פונעם פויערטום. דער פּראָצעס פון קאַפּיטאַליזירן די לאַנדווירטשאַפט האָט זיך פאַרהאַלטן, קוידעמקאָל, איבער דעם, וואָס עס האָבן עקזיסטירט לייבייגנטימערישע ערדבאַזיץ-פאָרמען און די גאַנצע מאַכט איז געווען קאָנצענטרירט אין די הענט פון די לייבייגנטימער-פּריצים. אַלס באַוויז, אַז אין דער לאַנדווירטשאַפט האָט זיך פאַרהאַלטן די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג, קען דינען דער פאַקט אַליין, וואָס ערעוו דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905 האָט פון 53 גו-בערניעס אינעם צאַרישן רוסלאַנד בלויז אין 19 גובערניעס דאָמינירט אַ קאַפּיטאַליס-טישע סיסטעם פון דער לאַנדווירטשאַפט, אין 17 גובערניעס איז געווען אַ געמישטע סיסטעם — אַ קאַפּיטאַליסטישע און אַן אָפּאַרבעט-סיסטעם און אין 17 האָט דאָמינירט איבערהויפּט די אָפּאַרבעט-סיסטעם. מיר זעען, אַזױאַרום, אַז די אַגראַר-פויערישע פראַגע איז געווען דער שווערפּונקט פון דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905. דער ווייטערדי-קער וועג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג אין רוסלאַנד איז אָפּהענגיק געווען פון דעם, מיט וואָס פאַר אַ מיטל די אַגראַר-פויערישע פראַגע וועט געלייזט ווערן. די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג האָט געקענט, ווי אין פּרייסן, גיין אַפן וועג פון לאַנגזאַמען צופּאַסן דעם פעאָדאַל-פּריצישן ערדבאַזיץ צום קאַפּיטאַליזם און פון פיינלעכן עקספּלואַטירן און רויִנירן דאָס פויערטום. זי האָט געקענט אויך גיין מיט אַן אַנדער וועג, — מיטן אַמעריקאַנישן וועג, — דורכן רעוואָלוציאָנערן ברעכן דעם פעאָדאַלן ערדבאַזיץ און נאַציאָנאַליזירן די ערד, באַם באַדינג, אַז די פּאָליטישע אָר-דענונג אין רוסלאַנד זאָל איבערגעשטאַלט ווערן אויף אַ רעוואָלוציאָנער-דעמאָקראַטישן

אויפן, אָבער נאָר דער פּראָלעטאַריאַט האָט געקענט פירן דאָס קליין-בורזשואַזע, לויט זיין נאַטור ניט-שטאַנדהאַפטיקע פויערטום צום קאַמף פאַר אַ גינסטיקערע פאַר אים לייזונג פון דער אַגראַר-פראַגע. בלויז דער אַרבעטער-קלאַס האָט געקענט באַוואָרענען דאָס „פּלעבייִשע צערעכענען זיך" מיט דער אַלטער אָרדענונג, דורכפירן די נאַציאָנאַליזירונג פון דער ערד, ליקווידירן די לייבאייגנטימערישע זעלבסטהערשונג און איינשטעלן אַ רעוואָלוציאָנער-דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און פויערטום. דערפאַר טאַקע האָבן זיך שוין צום אָנהייב רעוואָלוציע אויסגעפורעמט צוויי בלאָקן, אַלס קרעפטן, וואָס פירן צווישן זיך אַ קאַמף: פון איין זייט — דער פּראָלעטאַריאַט און דאָס פויערטום און, פון דער צווייטער זייט — דער בורזשואַזי-פּריצישער בלאָק. די קראַפט פון דעם ערשטן דעם דעמאָקראַטישן בלאָק איז באַשטימט געוואָרן דורך דעם פּראָלעטאַריאַטס מעסירעסנעפעשדיקע אַנטשלאָסנקייט צו קעמפן ביזן סאָף און וואָס פולער צו פאַרענדיקן די בורזשואַזי-דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע. אָן דעם וואָלט דער פּראָלעטאַריאַט ניט געקאָנט פירן מיט דערפאָלג דעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

לענין האָט אונטערגעשטראָכן, אַז גראָד אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע האָט דער פּראָלעטאַריאַט דערוויזן זיין רעכט צו זיין דער העגעמאָן פון דער אַלגעמיינער פאָלק-רעוואָלוציע:

„מיט זיין העראָיִשן קאַמף אין מעשעך פון 3 יאָר (1905 — 07) האָט דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט אויסגעקעמפט פאַר זיך און פאַרן רוסישן פאָלק דאָס, אויף וואָס אַנדערע פעלקער האָבן געפּאַטערט יאָרצענדליקער. ער האָט אויסגעקעמפט די באַפרייונג פון די אַרבעטער-מאַסן פון אונטער דער ווירקונג פונעם פּאַרטעדישן און פאַרהאַסטן מאַכטלאָזן ליבעראַליזם. ער האָט פאַר זיך אויסגעקעמפט די ראָליע פון אַ העגעמאָן אינעם קאַמף פאַר פרייהייט, פאַר דעמאָקראַטיע, ווי אַ באַדינג צום קאַמף פאַרן סאָציאַליזם".

2. דער היסטאָרישער וועג פונעם פּראָלעטאַריאַט, אַלס דער העגעמאָן פון דער רעוואָלוציע

קאָנקרעט-היסטאָריש האָט זיך דער דאָזיקער עטאַפּ פון דעם פּראָלעטאַריאַטס רייף ווערן, אַלס העגעמאָן פון דער רעוואָלוציע, אָנגעהויבן נאָך ביזן יאָר 1905. דער דאָזיקער עטאַפּ איז ענג פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מאַסנווער אַרבעטער-באַוועגונג, אין וועלכער לענין האָט אָנגעצייכנט דריי גרונט-איבערגאַנגען. דער ערשטער איבערגאַנג — „פון שמאָלע פּראָפּאַגאַנדיסטישע קרייזלעך צו אַ ברייטער עקאָנאָמישער אַגיטאַציע אין דער מאַסע". דעם פּראָלעטאַריאַטס איינציקווייזע, אין דער מערהייט סטיכייִשע, עקאָנאָמישע אַרויסטרעטונגען פון די 70 — 80-ער יאָרן דערגרייכן שוין צו אַזאַ קראַפט, ווי די שטרייקן פון די פּעטערבורגער טעקסטיל-אַרבעטער אין די יאָרן 1878 — 79 אָדער צו אַזאַ אָרגאַניזירטקייט, ווי דער באַוווסטער מאָראָזאָווער שטרייק פון יאָר 1885. טאַקע אָט די אַרויסטרעטונג און אָרגאַניזירטקייט האָבן צוגעגרייט דעם נייעם עטאַפּ פון דער באַוועגונג און דעם איבערגאַנג צו דעם באַוווסטזיניקן פּראָלעטאַרישן קאַמף פון די 90-ער יאָרן — צו די היסטאָרישע שטרייקן פון די יאָרן 1896-97. אָט די שטרייקן זיינען געווען דער

שייד־וועג פון דער מאסקווער ארבעטער־באוועגונג. די מאסן־אגיטאציע אפן באַדן פון די ארבעטערס עקאָנאָמישע נויטן האָט אין זייער באוווסטזיין צונויפגע־בונדן דעם פראָלעטאריאטס עקאָנאָמישן קאמף מיט זיין פּאָליטישער לאגע. דער דאָזיקער איבערגאנג פון דער סטיכיישער, טרעד־יוניאָניסטישער באוועגונג צו דער באוווסטזיניקער, סאָציאלדעמאָקראטישער, וואָס איז פאָרגעקומען אין צוזאמענ־האנג מיטן אינדוסטריעלן קריזיס פון די 1900־ער יאָרן, האָט באדינגט דעם צווייטן עטאפּ פון דער מאסקווער ארבעטער־באוועגונג, וועלכן לענין האָט געהאלטן, אלס דעם איבערגאנג „צו פּאָליטישער אגיטאציע אין א גרויסן פארנעם און צו אָפע־נע גאסן־דעמאָנסטראציעס".

דער צווייטער עטאפּ, וואָס איז פארבונדן מיט די יאָרן פון פארעוואָלוציאָנערן קריזיס, האָט געבראכט צום דריטן איבערגאנג — „צום עכטן בירגערקריג, צום אויפשטאנד", און דערמיט האָט זיך פארענדיקט דעם פראָלעטאריאטס רעוואָלוציאָנערער קאמף ביזן יאָר 1905.

„יעדער איינער פון די דאָזיקע איבערגאנגען, — האָט לענין געשריבן אין זיין ארטיקל „נייע אויפגאבן און נייע קרעפטן", — איז צוגעגרייט געוואָרן, פון איין זייט, דורך דער ארבעט פונעם סאָציאליסטישן געדאנק הויפּטזאכלעך אין איין ריכטונג, פון דער צווייטער זייט, דורך די טיפע ענדערונגען אין דער גאנצער פּסיכאָלאָגישער סיסטעם פונעם ארבעטער־קלאס, דורך דער אויפוואכונג פון נייע שיכטן צו א באוווסטזיניקערן און אקטיווערן קאמף".

דאָס אריינציען נייע פּראָלעטארישע שיכטן אינעם פּאָליטישן קאמף, אונטער דער אָנפירונג פון דער פארטיי פונעם פּראָלעטארישן אוואנגארד, האָט פארברייטערט און פארפעסטיקט די בורזשואזע רעוואָלוציע, ווייל בלויז דער פּראָלעטאריאט האָט געקענט גיין און איז געגאנגען ווייטער פון אלע אנדערע קלאסן אין זיין שטרעבונג צו דערפירן די רעוואָלוציע ביזן סאָף. דערמיט גופא האָט זיך פארפעסטיקט זיין אָנפירנדיקע אָרט און זיין ראָליע פון א פירער אינעם רעוואָלוציאָנערן קאמף. שוין די היסטאָרישע באדינגונגען גופא, אין וועלכע די בורזשואזע רעוואָלוציע אין רוסלאנד האָט אָנגעגרייפט, האָבן באשטימט דעם פּראָלעטאריאטס ראָליע אלס העגעמאָן פון דער רעוואָליוציע. דאָס איז געווען די שפּעטסטע פון אלע אייראָפּעישע בורזשואזע רעוואָליוציעס, די גאנצע קאפּיטאליסטישע וועלט, אויך רוסלאנד אין קלאל, האָט שוין געהאט אריינגעטראָטן אין דער טקופע פון אימפּעריאליזם. די רעוואָליוציאָנערע ראָליע פון דער בורזשואזיע איז שוין לאנג געבליבן ניט מער, ווי אין דער ווייט פארגאנגענער געשיכטע. דער אייראָפּעישער און אמעריקאנישער פּראָלעטאריאט האָט שוין געהאט אריינגעטראָטן אין קאמף פאר א סאָציאליסטישער רעוואָליוציע. דער רוסלענדישער פּראָלעטאריאט אָבער האָט נאָך געדארפט דורכמאכן דעם עטאפּ פון דער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע און אין יאָר 1905 האָט ער ניט געקענט איבערשפּרינגען איבער דעם דאָזיקן עטאפּ, ווי דאָס האָבן געוואָלט האָבן פּארוווס און טראָצקי, וועלכע האָבן זיך פאָרגעשטעלט די אויפגאבן פון דער רעוואָליוציע אין יאָר 1905, אלס סאָציאליסטישע אויפגאבן („אָן א קייסער, און די רעגירונג אן ארבעטערשע"). דעריבער האָט לענין אין יאָר 1905 גענוי געשטעלט די אויפגאבע, אז אין פאל פון א זיג איבערן צאריזם

דאַרף די דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע אריבערוואַקסן אין א סאָציאַליסטישע. אינעם באַוווסטן דאָקומענט — „די עטאַפּן, ריכטונגען און פּערספּעקטיוון פון דער רעוואָ־ליוציע" — אין וועלכן לענין האָט געגעבן א סכעמע וועגן דעם אריבערוואַקסן פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע אין א סאָציאַליסטישער, האָט ער זייער געפּרעסט, קאָנקרעט און בולטע אָנגעצייכנט די סכעמע, לויט וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אין די יאָרן פון פאַר דער רעוואָליוציע אויסגעפורעמט אלס פירנדיקע און אָנפירנדיקע קראַפט פון דער רעוואָליוציע.

אין די ערשטע מעזיסן פון דעם דאָזיקן אויסגעצייכנטן דאָקומענט האָט לע־נין געשריבן:

„1) די ארבעטער־באַוועגונג הייבט אויף דעם פּראָלעטאַריאַט מיטאַמאָל אונטער דער אָנפירונג פון דער רסדא״פּ און וועקט אויף די ליבעראַלע בורזשואַזיע: יאָרן 1895—1901/02.

2) די ארבעטער־באַוועגונג גייט אריבער אין אָן אָפענעם פּאָליטישן קאַמף און שליסט אָן צו זיך די פּאָליטיש־דערוואַכטע שיכטן פון דער ליבעראַלער און ראַדיקאַלער בורזשואַזיע און פון דער קליין־בורזשואַזיע: 1901/02—1905.

3) די ארבעטער־באַוועגונג צעברענט זיך אין א דירעקטער רעוואָליוציע. דערביי האָט זיך שוין די ליבעראַלע בורזשואַזיע באַהעפט אין א קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און טראַכט וועגן אָפּשטעלן די רעוואָליוציע דורך אָן אויסגלייך מיטן צאַריזם. אָבער די ראַדיקאַלע עלעמענטן פון דער בורזשואַ־זיע און קליין־בורזשואַזיע (קערן זיך אויס) זיינען גענייגט צו א בונד מיטן פּראָ־לעטאַריאַט, קעדיי פאָרזעצן די רעוואָליוציע (1905, איבערהויפּט דער סאָף)".

אָט דאָס זיינען די עטאַפּן פונעם פּראָלעטאַריאַטס רייף ווערן אלס קלאַס, וואָס לענין האָט אָנגעמערקט, און אזוי איז דער וווקס־פּראָצעס פון זיין פּאָליטי־שער ראָליע אלס פירער און העגעמאָן פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רע־וואָליוציע.

לאָמיר באַטראַכטן די דאָזיקע לענינשע סכעמע וועגן דעם פּראָלעטאַריאַטס היסטאָרישן וועג צו דער רעוואָליוציע אין שיין פון קאָנקרעט־היסטאָרישע פאַקטן און געשעענישן.

קאַפּיטל צוויי

דער פאַררעוואָליוציאָנערער קריזיס און דער אריבערגאַנג פונעם פּראָלעטאַריאַט צו אָפענעם פּאָליטישן קאַמף

1. דער אלגעמיינער אויסזען פונעם פּראָלעטאַריאַט ערעוו דער רע־וואָליוציע פון יאָר 1905

וואָס האָט פון זיך פאָרגעשטעלט ערעוו דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר דער ארבעטער־קלאַס, וואָס איז געשטאַנען בעראָש פון דער אָנוואַקסנדיקער רע־וואָליוציאָנערער באַוועגונג אין לאַנד?

מיר האָבן שוין געהאַט אָנגעוויזן, אז צום אָנהייב XX יאָרה. איז די סאָציאַלע אויספורעמונג פונעם פראָלעטאריאַט שוין געווען אין גרונט פאַרענדיקט.

לויט לענינס אָנגאַבן זיינען אין די יאָרן 1900־03 אין 50 גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען פון מיירעוו־רוסלאַנד געווען:

פאַבריק־זאַוואָדישע ארבעטער	1,261,571	מענטשן
בארגווערקישע ארבעטער	477,025	„
אייזנבאַן־ארבעטער	468,941	„
סאַכאַקל	2,207,537	מענטשן

גלייכצייטיק איז ווייטער פאָרגעקומען די העפטיקע קאָנצענטרירונג פונעם פראָלעטאַריאַט.

אין 1903 יאָר זיינען 17 פּראָצ. פון אלע אונטערנעמונגען און 84 פּראָצ. פון אלע פאַבריק־זאַוואָדישע ארבעטער געווען קאָנצענטרירט אין גרויסע פאַבריקן. אין דער בארגווערקישער אינדוסטריע זיינען קימאַט 50 פּראָצ. געווען קאָנצענטרירט אין אונטערנעמונגען צו 1000 און מער ארבעטער. אזעלכע אונטערנעמונגען האָבן ארום זיך גרופּירט די אמערטטן קוואַליפיצירטע, באַוווּסטזיניקע, גראַמעטנע און פאָרגעשריטענע ארבעטער. און ווייל דער פראָלעטאַריאַט האָט זיך אנטוויקלט אין באַדינגונגען פון א טעכניש און עקאָנאָמיש הויכער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוציר־סיסטעם, האָט ער ערעוו רעוואָליוציע נאָך שאַרפער געפילט דעם פּאָליטישן און קלאַסאָוון דרוק פון די פעאָדאַל־לייבייגנטימערישע פאַרהעלטענישן, וואָס האָבן געהערשט אינעם לאַנד און האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין פאַבריק. אָט די באַדינגונגען האָבן עס מיטגעווירקט דערצו, אז אינעם געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד האָט דער פּראָלעטאַריאַט באַקומען אזא שנעלע און קעמפערישע קלאַסן־דערציונג, ווי דאָס האָט ניט געוווּסט דער ארבעטער־קלאַס אין קיין שום לאַנד. וועגן דעם, אז אין רוסלאַנד איז מעגלעך אזא ארבעטער־באַוועגונג, ווי אין מיירעוו־אייראָפּע, האָט שוין באַוויזן די מאַסנווע ארבעטער־באַוועגונג פון די 90־ער יאָרן. דער פּראָלעטאַרישער קאַמף, וואָס האָט זיך שפּעטער פאַנאַנדערגעוויקלט אין די יאָרן 1900־05, האָט באַוויזן, אז די דאָזיקע ארבעטער־באַוועגונג גייט ווייטער, ווי די מיירעוו־אייראָפּייִשע. זי ווערט אידעאָלאָגיש א ר ע וו אָ ל י וצ י אָ נ ע ר ־ ב אָ ל ש ע וו י ס ט י ש ע.

אָנהייבנדיק פון סאָף 90־ער יאָרן און ביזן סאַמע אָקטיאַבער־זיג פונעם פּראָלעטאַריאַט האָט אָט דער נייער טיפּ באַוועגונג פון פּראָלעטאַריאַט זיך אנטוויקלט אין ענגער פאַרבינדונג און בא סיסטעמאַטישער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד (באָלשעוויקעס). די ארבעטער פון דער גרויס־אינדוסטריע, אין דער ערשטער ריי — די מעטאַליסטן זיינען געווען די באַזע און די שטיצע פון דער פּאַרטיי און פון דער ארבעטער־באַוועגונג. די פאָרגעשריטענע עלעמענטן פון די מעטאַליסטן האָבן פאָרגעשטעלט פון זיך דעם קערן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזלעך, זיי זיינען געוואָרן די בעסטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אגיטאַטערס, פּראָפּאַגאַנדיסטן און אָרגאַניזאַטערס, וואָס ברענגען אריין דעם אָרגאַניזירנדיקן און באַוווּסטזיניקן עלעמענט אינעם סטיכיישן גאַנג פון דער מאַסן־באַוועגונג. אָנהייבנדיק פון יאָר 1898, האָבן די מעטאַליסטן אָנגעהויבן אקטיוו אָנטיילנעמען אין דער אלגעמיין־פּראָלעטאַרישער באַוועגונג, זיי

האָבן צוגעגעבן דעם עקאָנאָמישן קאמף אן אויסגעפורעמטן און אָרגאַניזירטן כאראקטער פון א קלאסן־באוועגונג.

די דאָזיקע ראָליע פון די מעטאליסטן האָט זיך געגומען פון זייער לאגע אין דער פּראָדוקציע. די רוסישע מעטאלורגיע און די מאשינענבויונג האָבן ערעוו רעוואָליוציע זיך אינטענסיוו אנטוויקלט. צוזאמען דערמיט איז אויך דער ארבעטער־קלאס אין דער מעטאל־אינדוסטריע געוואָקסן, סײַ אין צאָל און סײַ אין קראפט. לויטן כאראַקטער פון דער פּראָדוקציע פלעגן די מעטאליסטן פעסטער זיך אײַנגעפונדעוועט אין די אונטערנעמונגען און שנעלער, ווי די טעקסטיל־אַרבעטער, אײַנרײַסן מיט דער ערדארבעט. פון די מאַשינענבויונג־זאוואָדן פלעגן אף פעלד־ארבעט אוועקגיין דורכשניטלעך בא 2,7 פּראָצ. מעטאליסטן. בא די טעקסטיל־ארבעטער פון מעכאניזירטער פּראָדוקציע איז דער דאָזיקער פּראָצענט געווען א גרעסערער — 3,3 פּראָצ., און בא די האנט־וועבער און פארבער האָט ער דערגרייכט ביז 72,5 פּראָצענט.

די מעטאליסטן, אלס מער קוואליפיצירטע ארבעטער, זײַנען בעסער באצאָלט געוואָרן און זיי זײַנען געווען באוווסטזיניקער און שטאנדהאפטיקער, ווי די טעקסטיל־ארבעטער באם פארטיידיקן זייערע רעכט. קוואנטיטאטיוו זײַנען די מעטאליסטן געשטאנען אפן צווייטן אָרט נאָך די טעקסטיל־ארבעטער: פון 2.098 טויזנט אינדוסטריעלע ארבעטער זײַנען געווען: מעטאליסטן — 370 טויזנט און טעקסטיל־ארבעטער 642.500.

צוגלייך מיט די מעטאליסטן דארף מען אויך פארצייכענען דעם אקטיוון אָנטייל פון די אייזנבאנער אינעם קאמף ערעוו דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר. זייער דערשײַנען איז פארבונדן מיט דער אינטענסיווער אנטוויקלונג פון דער אייזנבאן־בויונג אין די פּאָריקע יאָרן. דער סאָציאלער באשטאנד פון די אייזנבאנער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אן אויסערגעוויינלעכער בונטקייט. קימאט א דריטל ארבעטער זײַנען געווען פון וועג־דינסט: רעמאָנט־ארבעטער, ארבעטער, וואָס היטן און האלטן אין אָרדענונג די וועגן, וועכטער, אָנגעשטעלטע בא די ליניעס. זיי זײַנען געווען צעוואָרפן איבער קאָלאָסאלע שטרעקעס, צעשיידט, עקאָנאָמיש אָפּהענגיק פון די וועגן און איינצייטיק אויך פון דער ערד, וואָס זיי האָבן באארבעט, ניט איבערײַסנדיק די פארבינדונגען מיטן פויערטום. א צווייטע גרויסע גרופּע אייזנבאנער זײַנען געווען די ארבעטער פון באוועגונג־און טעלעגראַף־דינסט. צווישן זיי איז געווען ווייניק געוועזענע פויערים. אָבער מיט דער גרונטלעכער ארבעטער־מאסע זײַנען זיי געווען ווייניק פארבונדן. די מערהייט זייערע — שעפן פון באן־סטאנציעס, אופזעער און דגל. — זײַנען געווען פאָרשטייער פון דער שטאָטישער קליין־בורזשואזיע. נאָך ווייטער פונעם ארבעטער־קלאס איז געשטאנען די טיפּיש־טשינאָווניקישע גרופּע פון דער פארוואלטונג־דינסט. אזויארום איז געווען פּראָלעטאריש לויטן באשטאנד דעריקער די שלעפּ־דינסט: מאשיניסטן, קעסל־הייצער, ארבעטער פון די ווארשטאטן און דעפּאָען. אין טאָך גענומען, זײַנען זיי געווען טיפּישע מעטאליסטן. ארום 1905 יאָר האָט צו דער דאָזיקער גרופּע געהערט 130 טויזנט מענטשן פון דער אלגעמיינער צאָל 702.042 אייזנבאנער אף אלע מעלוכישע און פּריוואטע אייזנבאנען. לויט זייער לאגע און ראָליע אינעם פּראָלעטארישן קאמף זײַנען די ארבעטער פון די ווארשטאטן און דעפּאָען געווען

די אינציאטאָרן פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אף די וועגן. צוזאמען מיט די מעטאליסטן האָבן זיי אָנטיילגענומען אין אלע גרעסטע קלאסן־שלאכטן פון די יאָרן 1900־04. און דאָרט, ווו קיין מעטאליסטן זיינען ניט געווען, איז די דאָזיקע גרופּע אייזנבאנער געשטאנען בעראָש פון דער ארבעטער־באוועגונג.

אין די ערעוו־רעוואָליוציע־יאָרן האָבן זיך אריינגעצויגן אינעם קאמף אויך די ארבעטער פון די נייע קאפּיטאליסטישע ראיאָנען. פון זיי דארף מען, אין דער ערשטער ריי, פארצייכענען די אלץ אָנוואקסנדיקע רעוואָליוציאָנערע ראָליע פון די ארבעטער אין דאָנעצער באסיין און אינעם נאפטרייכן באקו.

דער צופלוס פון אויסלענדישן קאפּיטאל און די אינטענסיווע אייזנבאן־בויונג האָט געהאָלפן די דאָזיקע נייע ראיאָנען צו פאנאנדערבליען זיך אויסערגעוויינלעך שנעל.

דער דאָנעצער שטיינקוילן־באסיין האָט איבערגענומען די מערעוו־אייראָפּייִשע מעטאָדן פון עקספּלואטירן די ערד־אויצרעס און האָט זיך געהאלטן בא די פעאָדאל־לייבאייגנטימערישע מעטאָדן פון עקספּלואטירן די ארבעט־קראפט. דער באשטאנד גופא פונעם בארגווערקישן פּראָלעטאריאט איז נאָך ניט געווען גענוג פּראָלעטאריזירט און איז אף פיר פינפטל באשטאנען פון פויערים. איבער די שווערע ארבעט־באדינגונגען איז די פליסעוודיקייט פון דער ארבעט־קראפט אין דאָנבאס געווען זייער א גרויסע. קאדרען פון שטענדיקע בארגווערקישע ארבעטער האָבן זיך אין דאָנעצער באסיין אָפּגעזעצט לאנגזאם. דער צווייטער אינדוסטריעלער צענטער — באקו — האָט זיך אָנהייב XX יאָרה. אויך געפונען, ווי דער דאָנעצער באסיין, אין דער סטאדיע פון אָנזאמלען ארבעטער־קאדרען. די אָרטיקע באפעלקערונג האָט ניט געקענט באוואָרענען מיט ארבעט־קראפט דעם דאָזיקן שנעל וואקסנדיקן ראיאָן. ער האָט זיך דערנערט דעריקער מיט אָנגעפאָרענער ארבעט־קראפט. דאָס זיינען געווען אָדער געקומענע פון פערסיע, ארמעניע און אפילע פון טערקיי, אָדער פויערים און ארבעטער פון די אינערלעך־רוסלענדישע גובערניעס, איבערהויפּט, קאזאנער טאָטערן און ביי־וואָלגער פויערים.

אין רעזולטאט האָט זיך דאָ אויסגעפורעמט א בונטער, פילפעלקערדיקער פּראָלעטאריאט, און צווישן אים איז דער טייל אָרטיקע ארבעטער־טיורקן געווען ניט קיין איבעריק באדייטנדיקער, ווי דאָס איז צו זען פון דער פאָלגנדיקער טאבעלע:

דער נאציאָנאלער באשטאנד פון די באקוער נאפט־ארבעטער:

רוסן	20,8	פּראָצ.
ארמענער	22,5	"
אָרטיקע טיורקן	11,3	"
קאזאנער טאָטערן	5,9	"
פערסיאנער	13,6	"
לעזגינער	20,3	"
אנדערע נאציאָנאליטעטן	5,6	"
סאכאקל	100	פּראָצ.

א קאָלאָסאלער פּראָצענט נאפט־ארבעטער איז, אזויארום, באשטאנען פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן, וואָס די שווערע גוים, די אומגערעטעניש און דער

שארפער פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער דרוק האָט זיי געצווונגען אוועקצוגיין אין דער פּראָדוקציע. זיי האָבן געאַרבעט דעריקער בא ניט־קוואַליפיצירטער אַרבעט, זיינען שלעכט באַלוינט געוואָרן און ביז דער רעוואָלוציע האָבן זיי זייער לאַנגזאַם און שווער זיך פאַנאַנדערגעוויגט צום קאַמף.

די נאַציאָנאַלע און קאָלאָניאַלע פּאָליטיק פונעם הערשנדיקן גוטבאַזיצערישן קלאַס האָט שווער געדריקט דעם אַרבעטער־קלאַס פון די צאַרישע קאָלאָניעס, און דאָס האָט דער אַזוי אויך אופגערעגטער אַרבעטער־מאַסע צוגעגעבן נאָך מער ברען־מאַטעריאַל. די לאַגע פון די ניט־רוסישע אַרבעטער און פויערים איז אין דער געוועזענער צאַרישער רוסלענדישער אימפּעריע געווען נאָך אַן ערגערע, ווי פון די רוסישע. אין מיזרעך — אַף קאַווקאַז און אין מיטלאַזיע — האָבן די אַרבעטער־נאַציאָנאַלן גאָר קיינע רעכט ניט געהאַט. דאָ האָט געהערשט אָפענער צוואַנג. אין די מער קולטורעלע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען — אוקראַינע, פוילן, לאַטוויע, עסטלאַנד — איז די אונטערדריקונג געגאַנגען הויפּטזאַכלעך לויט דער פּאָליטישער און קולטורעלער ליניע. אין די פוילישע, אוקראַינישע און לאַטווישע שולן איז די מוטערשפּראַך געווען פאַרבאָטן, די אַרבעטער זיינען העפטיק רוסיפיצירט געוואָרן.

און צווישן די רוסישע אַרבעטער פלעגט מען קינסטלעך און קונציק איינפלאַנצן נאַציאָנאַלן האַס. די צאַרישע אַגענטן פלעגן ניט זעלטן פירן צווישן די אָפּגעשטאַנענע שיכטן אַרבעטער־קלאַס אַן אָפענע פּאָגראָם־אַגיטאַציע אַפן נאַציאָנאַלן באָדן, קעדיי אַף אַזאַ אויפן אָפּווענדן בא די מאַסן די אופמערקזאַמקייט פון די אינערלעכע אומאָרדענונגען אין פאַבריק און אין לאַנד. אַף קאַווקאַז פלעגן פאָרקומען אָפטע צוזאַמענשטויסן צווישן די טיורקן און אַרמענער, אין פוילן — צווישן די פוילישע, רוסישע און יידישע אַרבעטער, אין אוקראַינע — צווישן די אוקראַינישע, רוסישע און באַזונדערס יידישע אַרבעטער. דער אַנטיסעמיטיזם איז געווען איינס פון די פאַרשפּרייטסטע מיטלען אַף אָפּציען דעם ווייניקער אַנטוויקלטן טייל אַרבעטער פון די קלאַסן־אופגאַבן.

די דאָזיקע באַדינגונגען פון צווייענדיקן יאָך — עקאָנאָמישן און נאַציאָנאַלפּאָליטישן — האָבן עס ערעוו דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר געשאַפן פונעם נאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט איינע פון די ביז גאָר אַקטיווע קרעפטן פון דער רעוואָליוציע.

דער צאַרישער דרוק האָט געהאָלפן דער אָרטיקער בורזשואַזיע צו עקספּלואַטירן דעם נאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט און די אָרטיקע בורזשואַזיע איז אַזויאַרום געוואָרן אַן אָנטיילנעמער אינעם קאָלאָניאַלן רויב פון דער זעלבסטהערשונג, זי האָט זיך מיט איר פאַרייניקט אינעם קאַמף קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס. די זעלבע פּאָליטיק האָט דער צאַריזם געפירט בענעגייע דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע אויך אין די אַנדערע נאַציאָנאַלע געגנטן. מיר זעען אַזויאַרום, אַז ניט די בורזשואַזיע, נאָר דער פּראָלעטאַריאַט איז געוואָרן די באַוועג־קראַפט פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן. אָט די זייגנאַרטיקייט פון דער קאָנטררעוואָליוציאָנע־ער טאַקטיק פון דער בורזשואַזיע בענעגייע די נאַציאָנאַל־אונטערדריקטע אַרבעטער־און פויערים־מאַסן האָט וו. אי. לענין אונטערגעשטראָכן אין זיין פּאָלעמיק וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע מיטן פירער פון די פוילישע אַרבעטער — מיט ראָזע ליוקסעמבורג.

„רוסלאַנד — האָט לענין געשריבן — איז אַ פעלקער־טורמע ניט בלויז איבער דעם מיליטער־פעאָדאַלן כאַראַקטער פונעם צאַריזם, ניט נאָר דערפאַר, וואָס די גרויס־רוסישע בורזשואַזיע שטיצט דעם צאַריזם, נאָר אויך דערפאַר, וואָס די פוילישע א. אַ. וו. בורזשואַזיע האָט אין די אינטערעסן פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע געבראַכט פאַר אַ קאָרבן איר נאַציע, ווי אויך דעם דעמאָקראַטיזם בכלל".

ביים דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905 זיינען אַלזאָ די גרונט־קאַדרען פונעם קלאַס־קעמפער שוין געווען קימאַט פולשטענדיק אויסגעפורעמט. אָבער דער פּראָצעס פונעם פּראָלעטאַריאַט רייף ווערן פּאָליטיש איז צוגעגאַנגען מיט ביז גאָר פאַרפּלאָנטערטע און קאָמפּליצירטע וועגן. די ניט־איינאַרטיקייט פונעם פּראָלעטאַריאַט און דער פאַרשיידענער גראַד פון זיין קלאַסן־דייפּקייט האָבן אויך באַדינגט דעם פאַרשיידענעם גראַד, די פאַרשיידענע פאָרמען און פאַרשיידענע טעמפּן פון אַריינציִען די אַרבעטער אין דער רעוואָלוציע.

אָבער שוין אינעם סאַמע אָנהייב XX יאָרה. האָט זיך די באַוועגונג בעפּייריש גענומען אויספורעמען ניט נאָר אַלס מאַסן־באַוועגונג, נאָר אויך אַלס אַ בוילעט־פּאָליטישע באַוועגונג. אַלט שטויס צו דעם דאָזיקן נייעם עטאַפּ פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט געדינט דער אינדוסטריעלער קריזיס פון די 900־ער יאָרן.

2. דער אינדוסטריעלער קריזיס און די אַנטוויקלונג פונעם פּראָלעטאַריאַטס פּאָליטישן קאַמף ביזן יאָר 1905

דער נייער יאָרהונדערט האָט זיך אין רוסלאַנד אָנגעהויבן מיט זייער אַ שטאַרקן עקאָנאָמישן קריזיס. די באַדייטונג פון דעם דאָזיקן קריזיס איז וויבט אריבערגעוואַקסן די ראַמען פון אַ געוויינלעכן קריזיס פון קאַפּיטאַליסטישער איבערפּראָדוקציע. דער קריזיס האָט מיט דער גאַנצער קראַפט אַנטפּלעקט ביז גאָר ערנסטע ווידערשפּרוכן אין דער אַנטוויקלונג פונעם רוסישן קאַפּיטאַליזם. דער סאַמע ערנסטער און געפערלעכסטער ווידערשפּרוך איז געווען צווישן דעם שנעלוואַקסנדיקן קאַפּיטאַליזם אין דער אינדוסטריע און דער צו לאַנגזאַמער ליקווידאַציע פון דער לייבייגנטשאַפטלעכע אין דאָרף. דער קריזיס האָט צוערשט געטראָפן די טעקסטיל־אינדוסטריע אין אַזעלכע צענטרען, ווי מאָסקווע, איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק לאָדז, וואַרשע. שוין צום יאָר 1901 האָט זיך פאַרשאַרפט דער קריזיס אין דער מעטאַלורגיע, אין דער הייצוואַרג־אינדוסטריע און איבערהויפּט אין דער נאַפט־אינדוסטריע. די זאַמגערטעטעניש אין אוקראַינע און אין ביַוואָלגע זיינען געווען אַ מין אַנטקעגנדיקער פּלאַן פון אַרבעטלאָזיקייט און רויבירונג, אַרויסגערופן דורכן קריזיס. מיט גרויס קראַפט האָט דער קריזיס אַ קלאַפּ געטאָן די נייע קאַפּיטאַליסטישע ראַיאָנען, איבערהויפּט, דאָנבאַס, בכלל אוקראַינע און באַקו. אַלס נאַטירלעכער רעזולטאַט פונעם קריזיס איז געקומען אַ מאַסן־אָפּזאָג פון די אַרבעטער און אַ שאַרפע פאַרקלענערונג פונעם לעבן־גראַד בא די אַרבעטער.

דער רוסיש־יאַפּאַנישער קריג, אויף וועלכן די בורזשואַזיע האָט געלייגט פיל האָפענונגען, האָט די דאָזיקע האָפענונגען ניט באַרעכטיקט. אַדרעבע, דער קריג

האָט נאָך מער דעזאָרגאַניזירט די פאָלקווירטשאַפט. א געוויסע אויפלעבונג האָט זיך די ערשטע צייט אָנגעהויבן בלויז אין די צווייגן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר מיליטערישע באַדערפעניש. דאָס באַציט זיך, איבערהויפּט, צו די פּעטערבורגער זאַוואָדן און צו די גרויסע אוקראַאינישע זאַוואָדן, וועלכע האָבן באַקומען מיליטערישע און אײַזנבאַנישע באַשטעלונגען. אין יאָר 1904 האָט זיך דער קריזיס גענומען פילן אין דער מעטאַלורגיע אינגאַנצן גענומען. באַזונדערס קאַטאַסטראָפאַל איז געוואָרן די לאַגע אין יאָר 1904 אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, מיטן אויסנאַם פון אייניקע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער לאַנדשוץ.

אין דער מעטאַל־אינדוסטריע זײַנען בײַם דעם קריזיס אָפּגעזאָגט געוואָרן 53 פּראָצ. אַרבעטער. אונטערנעמונגען האָבן זיך פאַרמאַכט. די אַרבעטער זײַנען אָפּגעזאָגט געוואָרן פּאַרטיעסווייז. דער אַרבעטלוין האָט זיך פאַרקלענערט. די אונטערנעמער האָבן געשטרעבט צו פאַרבײַטן די באַוווּסטזיניקע און רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער אף די געהאָרכזאַמע „סערמיאַגעס“ פון דאָרף.

דאָס זעלבע איז אויך געווען אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע און אין אַנד. אינדוסטריע־צווייגן. אין 1904 יאָר האָבן זיך אין מאָסקווע און אין דער גובערניע פאַרמאַכט 50 פאַבריקן, דערין 43 טעקסטילע. 48 פאַבריקן האָבן פאַרקירצט די פּראָדוקציע. מער ווי 25 טויזנט אַרבעטער זײַנען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אף דער גאַס. אין פּוילן איז פאַר דער רעוואָליוציע די לאַגע געווען נאָך ערגער. בלויז אין איין שטאָט לאָדז זײַנען געווען מער ווי 10 טויזנט אַרבעטלאָזע פון 350 טעקסטיל־אונטערנעמונגען האָבן 25 פּראָצ. געאַרבעט צו 3 טעג אין דער וואָך. די קריזיס־יאָרן האָבן אָפּגעשטעלט דעם אַלגעמיינעם צאָליקן וווּקס פונעם אַרבעטער־קלאַס און האָבן פאַרקלענערט די אינדוסטריעלע אַרמיי ניט ווייניקער ווי אף 15 פּראָצ.

דער קריזיס האָט געהאַט א קאָלאָסאַלע ווירקונג ניט נאָר אף די אַרבעט־ און לעבן־באַדינגונגען, נאָר אויך אף דער רעוואָליוציאָניזירונג פונעם אַרבעטער־קלאַס.

אינעם נום. 16 „איסקראַ“ שילדערט אַן אַרבקאָר אַזאַ בילד:

„איצט האָט זיך דער באָדן גופא א וואַקל געטאָן אונטער די פיס. אויסמאַטערנדיק לאַנג ציִען זיך די שאָען, וואָס קומט אויס צו שטיין בא ליידיקע ווערקשטעלן: אוועקגיין טאָר מען ניט, צוזעצן זיך איז אוממעגלעך — דער מײַסטער באַנוצט זיך מיט א ליאַדע אויסרייד, קעדיי אָפּצוזאָגן פון דער אַרבעט. דער אַרבעטער פילט זיך אַזוי, ווי ער וואָלט מיט עפּעס פאַרשולדיקט זיך קעגן דעם מײַסטער. ער קוקט דעם מײַסטער אין די אויגן אַרײַן, ער ווייס, אַז ער איז מער ניט נייטיק, אַז ער איז קראַפטלאָז, אַז דער מײַסטער קען זיך איזדיעקעווען איבער אים, וויפל ער וויל“.

דער אינדוסטריעלער קריזיס האָט שנעל צעשמעטערט די לעצטע רעשטלעך אילוזיעס וועגן דער האָפענונג אויסצופּועלן עפּעס דורכן עקאָנאָמישן קאַמף. יעדער טאָג האָט מיט זיך געבראַכט נײַע באַווײַזן וועגן דער עקזיסטענץ פון אַן ענגן צוזאַמענשלוס צווישן די קאַפּיטאַליסטן און דער רעגירונג, עס האָבן געריסן די אויגן די פאַקטן פון זייער געמיינזאַמען אַרויסטרעטן קעגן די אַרבעטער. פאַרן אַרבעטער־קלאַס האָט זיך געשטעלט די פראַגע: „וואָס דאַרף מען טאָן?“

„בלייכע, נערוועזע, מיט א פיבער־גלאנץ אין די אויגן גייען די ארבעטער פון די איפּעשדיקע קאזארמעס אין דער שטויביקער פאבריק און צוריק. טויזנטער געדאנקען מאטערן דעם מויעך און קיין ענטפער איז ניטאָ. אין די קאזארמעס קוקט מען זיך שוין ניט אום אף די וועכטער און שפּיקעס: מע קלייבט זיך צונויף אין רעדלעך, מע רעדט הייך, עס רייסן זיך דורך ווילדע זידלערייען. „איז וואָס וועט עס איצט זיין? ניט שוין וועלן מיר דאָ פארג׳יווערט ווערן?" און א פארשטיקטער צאָרן קלייבט זיך אָן אין ברוסט. די דאָזיקע מענטשן זיינען גרייט אף אלץ, זיי קענען אלץ, ווייל זיי וואגן אלץ"...

קלאסן־האס קאָן אָבער ניט בלייבן פּרוכטלאָז און אומטעטיק. עס איז געוואקסן דער פּאָליטישער זעלבסטבאוווסטזיין באם ארבעטער־קלאס און ער האָט געזוכט אן אויסוועג אין מיַיטים, אין קאמף. די ארבעטער זיינען מיט מער כייעק, ווי פריער, געגאנגען אין די קרייזלעך, זיי האָבן דאָרט געזוכט אן ענטפער אף די פראגן, וואָס האָבן זיי געמאטערט, האָבן דורשטיק געלייענט די רעוואָליוציאָנערע פלוג־בלעטלעך און ביכלעך.

„און וואָס הייטער זיי זיינען אָנגעשריבן, וואָס ברייטער זיי כאפּן ארום די פראגע וועגן דעם, וואָס מע דארף טאָן, וואָס באשטימטער זיי זאָגן זיך ארויס וועגן די זיילן פון דער עקזיסטירנדיקער אומאָרדענונג (וועגן קאפּיטאל און וועגן צאר), אלץ צעפרידענער איז ער" — אזוי באשרייבט דער זעלבער „איסקרא"־קאָרעספּאָנדענט דעם דאָזיקן פּראָצעס פון פּאָליטישער אויפוואכונג באם ארבעטער־מאסעוויק: „ער איז ווירקלעך געבוירן געוואָרן צו א ניי לעבן. ער איז גרייט צו גיין אין קאמף, ער האסט בעעמעס די אלטע אָרדענונג"...

עס האָבן אָנגעהויבן אָפטער פאָרקומען צוזאמענשטויסן צווישן ארבעטער מיט קאפּיטאליסטן, מיט דער מאכט און פּאָליציי. די שטרייקן זיינען אלץ מער אריין אינעם רוסישן פּאָליטישן לעבן־שטייגער.

די מאסעווע ארבעטער־באוועגונג האָט אין דעם דאָזיקן פּעריאָד באקומען א בוילעט־פּאָליטישע באפארבונג.

אויב פארן פּעריאָד פון 1895 ביז 1900 האָבן צוליב פּאָליטישע און ביכלאל אויסערעקאָנאָמישע סיבעס געשטרייקט 3,8 פּראָצ. פון דער אלגעמיינער צאָל שטרייקער, איז אין די יאָרן 1901־04 דער דאָזיקער פּראָצענט געשטיגן ביז 13,2.

אין יאָר 1901 האָבן צום ערשטן מאָל מאסנווייז זיך אויפגעהויבן די אייזנבאנער, איבערהויפּט, פון די דאָרעם־וועגן. די ארבעטער אייזנבאנער האָבן דאָרט אקטיוו אָנטיילגענומען אין די ערשטמייַקע דעמאָנסטראציעס. אין די זעלבע יאָרן טרעטן צום ערשטן מאָל אריין אין קאמף די בארגווערקישע ארבעטער. אין יאָר 1899 האָט אויסגעבראָכן דער באוווסטער שטרייק אין די יוזאָווקער שאכטעס. אין רעזולטאט זיינען 700 שטרייקער ארויסגעשיקט געוואָרן אין זייערע געבורט־ערטער און האָבן פארלאָרן דאָס רעכט צו באקומען אין מעשעך פון 3 יאָר א פּאספּאָרט. נאָך יוזאָווקע זיינען פאָרגעקומען שטרייקן: אין מאקייעווקער און פּראָכאָראָווער שאכטעס — אין יאָר 1900, אין גאָרלאָווקע — אין יאָר 1901 און אנד.

די פּאָליטישע אומצופרידנקייט פונעם ארבעטער־קלאס האָט אויך פארשטארקט די פּאָליטישע אומרוען צווישן אנדערע קלאסן. עס זיינען געוואָקסן די אָפּאָזיציאָנעלע שטימונגען צווישן דער ליבעראלער בורזשואזיע און בורזשואזער אינטעלי־

גענץ. די ראדיקאלע קליין־בורזשואזע יוגנט — איבערהויפּט די סטודענטן — האָבן אָנגעהויבן ארויסגיין אין די גאסן. אין די סטודענטישע דעמאָנסטראַציעס פון די יאָרן 1900־01 האָבן זיך אָנגעהויבן באטייליקן ארבעטער, און איבער דעם האָט די באוועגונג באקומען אזא פארנעם און אזא אקשאַנעס, וואָס איז נאָך ביז דאן ניט געווען געוואָרן. די ערשטמייקע דעמאָנסטראַציע אין כארקאָוו אין יאָר 1900 האָט באקומען א היסטאָרישע באדייטונג, זי האָט זיך פארענדיקט מיט צו־זאמענשטויסן מיט דער פּאָליציי און מיט ארעסטן. בייס די ערשטמייקע דעמאָנס־טראַציעס פון יאָר 1901 אין מאָסקווע, פּעטערבורג, קאַטערינאָסלאַוו און טיפליס זיינען פאָרגעקומען גאנצע שלאכטן פון די ארבעטער און סטודענטן. אף אייניקע אונטערנעמונגען זיינען אין צוזאמענהאנג מיט די דאָזיקע דעמאָנסטראַציעס אויך פאָרגעקומען דעמאָנסטראַטיוו־פּאָליטישע שטרייקן. באזונדערס באדייטנדיק איז גע־ווען די אזויגערופענע „אָבוכאָווער שלאַכט". די אובעטער פון אָבוכאָווער זאוואָד אין פּעטערבורגער אומגעגנט האָבן באוויזן א מוסטער פון פּראָלעטאַרישן העל־דישן קאמף אף די ערשטע אין רוסלאנד גאסן־באריקאדעס.

דער דאָזיקער קאמף און דער צארישער געריכט, וואָס איז נאָכדעם פאָרגע־קומען איבער די אָנטיילנעמער — די ארבעטער פון אָבוכאָווער זאוואָד — האָבן גע־מאכט א קאָלאָסאַלן רושעם אפן ארבעטער־קלאס און האָבן נאָכמער פארשטארקט דעם וווקס פון אָפּאָזיציאָנעלע שטימונגען אין לאנד.

די באוועגונג איז אריינגעטראָטן אין א נייער און העכערער פאזע. וו. אי. לענין האָט אין זיין בראָשור „די ערשטע לעקציעס" געגעבן א קורץ־געפאסטע, אָבער זייער א בוילעטע „נייעסטע געשיכטע פון אונדזער ארבעטער־באוועגונג" און, באזונדערס, פון דעם פּאָליטישן עטאפּ אירן, וואָס איז פארבונדן מיט די דע־מאָנסטראַציעס פון די 1900־ער יאָרן.

„קימאט מיט 20 יאָר צוריק, — האָט לענין געשריבן אין דעם דאָזיקן ארטיקל, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין פעברואַל 1905, — זיינען פאָרגעקומען די ערשטע גרויסע ארבעטער־שטרייקן אינעם צענטראַל־אינדוסטריעלן ראיאָן, בא מאָראָזאָוון און אנד. דאן האָט קאַטקאָוו געשריבן וועגן דעם, אז אין רוסלאנד איז ופגע־קומען די ארבעטער־פראגע. און ווי גיך דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך דאָס אנט־וויקלט, אריבערגייענדיק פון עקאָנאָמישן קאמף צו פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס, פון דעמאָנסטראַציעס צו רעוואָליוציאָנערן דראנג!"

דערמאָנענדיק די וויכטיקסטע פעריאָדן פונעם דורכגעגאנגענעם וועג, — דעם מאָראָזאָווער שטרייק פון יאָר 1885, דעם אָנטייל פון די פּעטערבורגער ארבעטער אין דער דעמאָנסטראַציע בייס שעלגונאָווס לעווייע אין יאָר 1891, די פּעטערבור־גער מאַיאָווקע, די שטרייקן פון די יאָרן 1896־97, — קומט לענין צום אויספיר:

„די שטרייקן־באוועגונג האָט אין גאנץ רוסלאנד באקומען א פעסטן באזיס. די רעוואָליוציאָנערע אינטעליגענץ ווערט מאסנווייז א סאָציאלדעמאָקראַטישע. עס גרינדעט זיך א סאָציאלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי. אין יאָר 1901: דער ארבעטער גייט צוהילף דעם סטודענט. עס הייבט זיך אָן די דעמאָנסטראַציעס־באוועגונג. דער פּראָלעטאַריאַט טראָגט ארויס אין גאס זיין רוף: „נידער מיט דער זעלבסט־הערשונג!"

די פּאָליטישע דערוואכונג פונעם ארבעטער־קלאס איז פאָרגעוועצט געוואָרן

אויך אין יאָר 1902. דער ארבעטער־קלאס אָרגאניזירט און שטויסט צום קאמפ קעגן דער זעלבסטהערשונג אלע אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן.

די צייטונג „איסקרא“, וואָס לענין האָט אין דעם דאָזיקן פעריאָד געשאפן, און וואָס זי האָט פאראייניקט ארום זיך אלע אָנהענגער פונעם רעוואָליוציאָנערן מארקסיזם, האָט גענוי און אנשיידן געשטעלט די פראגע וועגן דעם פּראָלעטאריאטס זעלבשטענדיקע ראָליע אין דער רעוואָליוציע. פרילינג 1902 האָבן זיך צעפלאקערט שטורמישע אגרארע אומרוען אין דאָרף. אף דער ריי האָט זיך געשטעלט די פויערישע רעוואָליוציע. אָרגאניזירן זי און שטעלן זיך בעראָש פון איר האָט געקענט בלויז דער ארבעטער־קלאס.

די פויערים־באוועגונג איז געווען באזונדערס שטארק אין אוקראינע — אין כארקאָווער און פּאָלטאווער גובערניעס. אין יאָר 1900 זיינען אין רוסלאנד פּאָרגעקומען 56 פויערים־אומרוען, אין יאָר 1901 — 100 און אין יאָר 1902 — 680. די פויערים־באוועגונג איז אפילע לויט דער צייט צונויפגעפאלן מיטן וווקס פון דער ארבעטער־באוועגונג.

אין יאָר 1902 זיינען פּאָרגעקומען באדייטנדיקע מײַ־דעמאָנסטראציעס אין באקו, כארקאָוו, סאָרמאָווא, סאראטאָוו, טיפליס, אין פוילן, ווייסרוסלאנד און אנד. די סאמע וויכטיקסטע געשעעניש פארן יאָר 1902 איז אָבער געווען דער שטרייק אין ראָסטאָוו־דאָן. אין דעם דאָזיקן שטרייק האָבן אָנטיילגענומען 30 טויזנט ארבעטער, ניט נאָר ראָסטאָווער, נאָר אויך קאטערינאָדארער, סטאווראָפּאָלער, פון די סטאנציעס טיכאָרעצקאיא, באטײַ און אנד. די מעטאליסטן און אייזנבאנער זיינען געשטאנען בעראָש פון דעם שטרייק. דער שטרייק איז דורכגעגאנגען אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פון דער סאָציאלדעמאָקראטיע און ער האָט זיך פארוואנדלט אין א מעכטיקער פּאָליטישער דעמאָנסטראציע.

דער ראָסטאָווער שטרייק איז געווען די היסטאָרישע גרענעץ פונעם נייעם עטאפּ אין דער ארבעטער־באוועגונג. דערמיט האָט זיך ווי געשלאָסן דער דעמאָנסטראציע־פעריאָד און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער דריטער פעריאָד, ווי לענין האָט אים כאראקטעריזירט, אריבערגייענדיק „פון פּאָליטישער אגיטאציע און גאסן־דעמאָנסטראציעס צו אָרגאניזירטן מאסן־קאמפ“, — „צום בירגער־קריג, צום אופשטאנד“.

אָט דער עטאפּ האָט זיך פארענדיקט מיט א רעוואָליוציאָנערן מאסן־שטרייק, וואָס איז אין דעקאבער 1905 אריבער אין א באוואָפנטן אופשטאנד.

א ביז גאָר גרויסע געשעעניש אין דעם דאָזיקן נייעם עטאפּ איז געווען דער אלגעמיינער שטרייק אין די זומער־כאדאָשים פון יאָר 1903. דער שטרייק האָט ארומגעכאפּט גאנץ אוקראינע, קאווקאז און קרים. דאָס איז געווען דער ערשטער מאסן־שטרייק, ווען דער פּראָלעטאריאט איז אריבער פון איזאָלירטע ארויסטרעטונגען פון איינצלנע מאכנעס צו אן אלגעמיין־נאציאָנאלן מאסן־קאמפ.

די באוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אין באקו און אין אָדעס און האָט זיך שנעל פארשפּרייט איבער גאנץ דאָרעם פון דער געוועזענער צארישער אימפּעריע. אינעם שטרייק האָבן זיך באטייליקט ניט ווייניקער ווי 200 טויזנט ארבעטער. די מעטאליסטן און אייזנבאנער זיינען געווען דאָ אויך די איניציאטאָרן. די שטרייקנדיקע ארבעטער האָבן געפּרוווט אופהייבן אויך די פויערים פון דער אומגעגנט.

זיי האָבן געשיקט אין דאָרף אגיטאטערס און ארבעטער־פאָרשטייער. דער קאָ־מיטעט פון דער רסדאַ"פּ פאַרצייכנט אין זיין באריכט, אז אין א רייע ישובים האָבן די פּויערים צוגעזאָגט צו שטיצן די ארבעטער און נאָכן גערעטעניש־שניט צושטיין צו זיי. אונטער דער ווירקונג פון די שטרייקן האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט נייע פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס, אין וועלכע די אָפּאָזי־ציאָנעל־געשטימטע עלעמענטן פון דער בורזשואַזיע האָבן אויסגעדריקט די ארבע־טער זייער מיטגעפיל. די אָנפירונג מיטן קאַמף איז באלד אריבער אין די הענט פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. איר פּאָליטישע פּראָגראַם איז געוואָרן די פּראָג־ראַם פון דער גאַנצער באַוועגונג. די פאָדערונגען האָבן אומעטום איבערגע־כאַזערט די זעלבע: אַן 8־שעהיקער ארבעטסטאָג און פּאָליטישע פרייהייט (פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען, שטרייקן, וואָרט, פּרעסע א. א. וו.). אָפּשאַצנדיק די באַדייטונג פונעם אַלגעמיינעם שטרייק פון יאָר 1903, האָט די „איסקראַ" אָנגעוויזן, אז דער דאָזיקער שטרייק איז געווען א „נייער און אויסערגעוויינלעך־שטאַרקער קלאַפּ פאַרן צאַריזם". אויך לענין האָט אין דעם אויבן דערמאָנטן ארטיקל „צוויי עפּאָ־כעס" פאַרצייכנט די פּאָליטישע באַדייטונג פון די שטרייקן אין די יאָרן 1902־03, און האָט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן די ראָליע זייערע אין דער דערנענטע־רונג און אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע:

„דאָס יאָר 1902: — דער קאָלאָסאַלער ראָסטאָווער שטרייק פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אויסערסטער דעמאָנסטראַציע. די פּאָליטישע באַוועגונג פונעם פּראָלעטאַ־ריאַט שליסט זיך שוין ניט אָן צו דער אינטעליגענטיש־סטודענטישער באַוועגונג, נאָר זי וואַקסט אַליין אַרויס דירעקט פון די שטרייקן. דער אָנטייל פון דער אָר־גאַניזירטער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז נאָך א מער אקטיווער. דער פּראָלעטאַריאַט קעמפט אויס פאַר זיך אין פאַר די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אן אייגענעם קאָמיטעט, פרייהייט פון אָפענע מאַסן־פאַרזאַמלונגען. דער פּראָלעטאַריאַט שטעלט זיך אַנטקעגן צום ערשטן מאָל, אלס קלאַס, קעגן אלע איבעריקע קלאַסן און קעגן דער צאַרי־שער רעגירונג"...

בענעגייע די שטרייקן פון יאָר 1903 האָט לענין אונטערגעשטראָכן ניט נאָר די דאָזיקע פּאָליטישע ראָליע אויף א ברייטערן באַזיס, נאָר אויך די נייע פאָרמען פונעם שטרייקן־קאַמף — די אריבערוואַקסונג פון די שטרייקן אין אן אויפשטאַנד:

„דאָס יאָר 1903: די שטרייקן גיסן זיך ווידער צונויף מיט דער פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע, נאָר אויף נאָך א ברייטערן באַזיס. די שטרייקן כאַפּן ארום דעם ראַיאָן, אין זיי באַטייליקן זיך העכער הונדערט טויזנט ארבעטער, פּאָליטישע מאַסן־פאַרזאַמלונגען כאַזערן זיך איבער בייס די שטרייקן אין א גאַנצער ריי שטעט, עס פילט זיך, אז מיר זיינען ערעוו באריקאַדן"...

און צום סאָף ארטיקל מאַכט לענין אן אויספיר: „אין אַלגעמיין און אין גאַנצן גענומען האָט די שטרייק־און די דעמאָנסטראַציע־באַוועגונג זיך פאַריי־ניקט איינע מיט דער אַנדערער אין פאַרשיידענע פאָרמען און צוליב פאַרשיידע־נע סיבעס. זי איז געוואַקסן אין דער ברייט און אין דער טיף, ווערנדיק אַלץ מער רעוואָלוציאָנער. צוגייענדיק אין דער פּראַקטיק אַלץ נענטער און נענטער

צום אַלפאָלקישן באַוואָפנטן אופשטאַנד, וועגן וועלכן די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט שוין לאַנג גערעדט״.

דער וווּקס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט געשטעלט אין אַ געפאַר די עקזיסטענץ פון דער זעלבסטהערשונג.

דער רוסיש־יאַפּאַנישער קריג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1904, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די אַרבעטער און פּויערים און דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אפן צושטאַנד און אף דער שטימונג פון דער אַרמיי. דער קריג האָט מאָביליזירט די אומצופרידנקייט פון די ברייטע מאַסן אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן און האָט פאַרגיכערט די רעוואָלוציע. אַפילע אין סאַמע אָנהייב מילכאָמע איז דער פּראָלעטאַריאַט ניט געווען געשטימט „פּאַטריאָטיש״. און אינעם גאַנג פונעם קריג האָט ער נאָכמער פאַרשטאַנען, אַז דער קריג ברענגט אים בלויז אַ ווייטערדיקע פאַרערגערונג פון זיין עקאָנאָמישער לאַגע און נאָך אַ גרעסערע פּאָליטישע רעכטלאָזיקייט. די מילכאָמע האָט אים איבערצייגט, אַז די מאַפּאָלע פון דער אַרמיי באַטייט — די מאַפּאָלע פונעם צאַריזם און דער וועג צו פרייהייט. און דערפאַר טאַקע האָבן פאַרן אַרבעטער־קלאַס די ביידע לאָזונגען — „נידער מיט דער מילכאָמע!״ און „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!״ — זיך צונויפגעגאָסן אין איין פּראָגראַם, וואָס אַרום איר האָט ער מאָביליזירט ניט נאָר זיינע אייגענע קרעפטן, נאָר אויך די פּויערישע און סאָלדאַטישע מאַסן.

דער וווּקס פון אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס קעגן קריג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון נאָיאַבער 1904, האָט אָנגענומען אַן אימפּאָזאַנטן פאַרנעם. דאָס פאַרשפּרייטן די מאָביליזאַציע אף די אינדוסטריעלע ראַיאָנען האָט פאַרשטאַרקט דעם צופלוס פון אַרבעטער אין דער אַרמיי און דעם וווּקס פון אַנטימילכאָמע־ און מאַפּאָלע־שטימונגען אין דער אַרמיי.

דעם פּראָלעטאַריאַטס באַוווּסטזיניקע און אַקטיווע אַרויסטרעטונגען האָבן אַזוי־אַרום אופגעוועקט פונעם געזעלשאַפטלעכן שלאָף די ברייטסטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט. אַפילע צווישן דער ליבעראַלער בורזשואַזיע האָבן זיך אָנגעהויבן הערן ציטעריקע פאַ ערונגען וועגן אַ „קאָנסטיטוציע״. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעגירונג־„פרילינג״. אף די באַנקעטן און פאַרזאַמלונגען פון די לינקע „זעמצעס״ און פּאָרשטייער פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע זיינען אָנגענומען געוואָרן פּעטיציעס צום צאַר מיט ביטעס וועגן שענקען „פרייהייט״. די מענשעוויקעס האָבן געשטיצט די זעמצעס און האָבן געפאָדערט, אַז די אַרבעטער זאָלן זיך באַטייליקן אין דער זעמסקער באַנקעטן־קאַמפּאַניע. די באָלשעוויקעס האָבן שאַרף דערווידערט קעגן דעם און האָבן געפאָדערט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל פירן אַ זעלבשטענדיקן קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג. די באָלשעוויקעס זיינען געשטאַנען פאַר אַ זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאַציע פונעם אַרבעטער־קלאַס און פאַר אַ בונד מיטן פּויערטום אינעם קאַמף קעגן די גוטבאַזיצער און קעגן צאַר. לענין און די אַלגעמיין־רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטישע צייטונג „איסקראַ״, וואָס ער האָט סאָף יאָר 1900 געשאַפן זייענדיק אין אויסלענדישער עמיגראַציע, זיינען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דעם דאָזיקן פּאָליטישן קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט. די „איסקראַ״ האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג באַם אויספּ־

רעמען די רעוואָליוציאָנערע אידעאָלאָגיע פון דער ארבעטער־באוועגונג. די „איסקרא" האָט אוועקגעשטעלט פאר די רעוואָליוציאָנערע סאָציאלדעמאָקראטן די אויפגאבע צו דעראָבערן די ארבעטער מאסן און דערציִען זיי אין א רעוואָליוציאָנערן גייסט. די דאָזיקע אויפגאבע האָט לענין אזוי פאָרמולירט: „איינגלידערן די סאָציאליסטישע אידייען אין דעם פאָליטישן זעלבסטבאוווסטזיין פון די פראָלעטארישע מאסן און אָרגאניזירן א רעוואָליוציאָנערע פארטיי, וואָס זאָל זיין אומצערייסלעך פארבונדן מיט דער סטיכייִשער ארבעטער־באוועגונג".

די „איסקרא" האָט געפירט א קאָנסעקווענטן קאמף פאר פארווירקלעכן די דאָזיקע אויפגאבע. די „איסקרא" האָט אָנגעהויבן א ביז גאָר אנטשיידענעם קאמף קעגן „עקאָנאָמיזם" און האָט אומדערמידלעך געהאלטן אין איין דערוויזן דעם ענגן צוזאמענבונד צווישן דעם פראָלעטאריאטס עקאָנאָמישן און פאָליטישן קאמף. אונטער דער ווירקונג פון „איסקרא" האָבן די ארבעטער־מאסן אָנגעהויבן אויסהאָבן די טרעד־יוניאָניסטישע שטימונגען. דערצו האָט אויך מיטגעווירקט דער אינדוסטריעלער קריזיס, וואָס האָט זיך דעמאלט פאנאנדערגעוויקלט. און דעם ענדגילטיקן קלאפ האָט דערלאנגט דעם עקאָנאָמיזם אין זיין טעאָרעטישן און פראָגראמאטיש־טאקטישן טייל לענינס בראָשור „וואָס דארף מען טאָן?". די דאָזיקע בראָשור האָט געהאט א קאָלאָסאלע באדייטונג פאר דער אויספורעמונג פונעם פראָלעטאריאטס אידעאָלאָגיע.

דער וווּקס פון רעוואָליוציאָנער־פאָליטישע שטימונגען באם פראָלעטאריאט האָט ארויסגערופן אן אומרו אין די בורזשואז־פריצישע קרייזן. אויך די רעגירונג האָט געמאכט אליארם. די ווייטזיכטיקערע אגענטן פון דער זעלבסטהערשונג האָבן געשטעלט די פראגע וועגן געפינען מיטלען, וויאזוי ארויסצורייסן די מאסן פון אונטער דער ווירקונג פון די רעוואָליוציאָנערע פארטייען. איינס פון די דאָזיקע מיטלען איז געווען די זובאטאָוויאדע, וואָס איז באוווּסט אונטערן נאָמען „פאָליצייִשער סאָציאליזם". דאָס איז געווען א מין אייגנארטיקער רעגירונג־„עקאָנאָמיזם". ספעקולירנדיק אויף די עקאָנאָמישע נויטן פונעם ארבעטער־קלאס, האָט דער שעף פון מאָסקווער אָכראנקע, זובאטאָוו, זיך געשטעלט פאר א ציל צו „ברענגען אין העסקעם" די צילן פון די ארבעטער מיט „די צילן פון דער רוסישער זעלבסטהערשונג". ער האָט גערעכנט אויסנוצן די פארבליבענע איליוזיעס בא די אָפגעשטאנענע שיכטן ארבעטער און זייערע האָפענונגען אפן קייסער מיט זיין כעסעד. די רעגירונג, האָט זובאטאָוו געזאָגט, דארף נעמען אויף זיך די איניציאטיוו אין פראט פון פארבעסערן דעם לעבן־שטייגער פונעם ארבעטער.

„אז מע האָט גוטס, זוכט מען ניט קיין בעסערס. אויב די מאסע וועט קריגן באפרידיקט פון דער רעגירונג, איז צו וואָס וועט זי גיין קעגן איר און זיך צוהערן צו די פלאפלער? עס האָט פאר איר דאן קיין זינען ניט. אלזאָ, וואָס מער גלויבן אין דער מאסע, זי וועט אונדז ניט ארויסגעבן. אויב מיר וועלן זי אונטערהאָלטן, איז זי אונדזערע", — אזוי האָט זובאטאָוו געשריבן אין זיין מעמאָראנדום צו נאטשאלסטווע אין סענטיאבער 1900. זיין פראָגראם האָט ער געפרווט דורכפירן איבערהויפט אין דריי צענטרען: אין מאָסקווע, מינסק און אָדעס. נאָר די רעכענונג איז געווען געמאכט אָן דעם באלעבאָס. די ארבעטער־מאסן האָבן געפאָדערט מייסים און די זובאטאָווישע אָרגאניזאציעס זיינען לויטן לאָגישן גאנג פון די

געשעענישן געווען געצווונגען ניט נאָר אריינמישן זיך אין די קאָנפליקטן צווישן די ארבעטער מיט די אונטערנעמער, נאָר אויך אָרגאניזירן שטרייקן. דער „פרידן אין דער אינדוסטריע", וועלכן די זובאטאָווצעס האָבן זיך באמיט צו דערגרייכן, אָפּהיטנדיק אייגנצייטיק די „אָרדענונג" און זעענדיק צו פארפעסטיקן די זעלבסט-הערשונג, איז צעשטערט געוואָרן. פארוואנדלען די ארבעטער-פארבאנדן אין אָכראנקע-קעמערלעך האָט זיך ניט איינגעגעבן. די „צאַריסטישע ארבעטער-פּארטיי", ווי מע פלעגט אָפט רופן די זובאטאָווישע אָרגאניזאציעס, האָט געליטן א פול-שטענדיקן קראך. דער העכסטער עפּיק פון איר דערפאָלג איז געווען די פּא-טריאָטישע מאניפעסטאציע פון 19-טן פעברואר 1902 יאָר, וואָס האָט אָפּגעקאָסט דער אָכראנקע ביז 100 טויזנט רובל אף אונטערצוקויפן די אָפּגעשטאנענע אר-בעטער און קויפן דעם קראנץ. און דאָך זיינען צווישן די 50 טויזנט אנטייל-נעמער פון דער מאניפעסטאציע געווען אויך מאָנארכיסטיש-געשטימטע ארבעטער.

עס איז נייטיק געווען אזא ערנסטע „זאכלעכע לעקציע", ווי דער בלוטיקער ניינטער יאנואר, כדי ארויסצוווייזן אפילו בא די סאמע אָפּגעשטאנענע אר-בעטער-מאסן די האָפענונגען אפן צאר און אף זיין „גנאָד". דער קאמף קעגן דער זעלבסטהערשונג איז איינגיכן געוואָרן די אלגעמיין-פּאָליטישע פּראָגראם פונעם פּראָלעטאריאט. לענין האָט וועגן דעם אזוי געשריבן אין דער פּראָקלא-מאציע פון 1-טן מיי 1904 יאָר: „עס זיינען אוועק יענע צייטן, ווען דער אר-בעטער האָט אונטערטעניק געבויגן דעם רוקן, ניט זעענדיק קיין אויסוועג פון זיין פאריאָכטן לעבן, ניט זעענדיק קיין שיין אין זיין קאטערזשנעם לעבן... די ארבעטער האָבן פארשטאנען, וואָס פאר א בייזע און פינצטערע קראפט עס איז די צארישע זעלבסטהערשונג... דער רוף „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!" האָט זיך דורכגעטראָגן איבער גאנץ רוסלאנד".

קאפיטל דריי

דער פּראָלעטאריאט בעראָש פון דער אלגעמיינער פאָלק-רעוואָלוציע

1. די געשעענישן פון 9-טן יאנואר און זייער ראָליע אין דער אנטוויקלונג פונעם פּראָלעטאריאטס רעוואָלוציאָנערן קאמף

דער 9-טער יאנואר איז געווען דער אָנהייב פון דער רעוואָליוציע.

אין דעם דאָזיקן טאָג זיינען ניט נאָר צעשאָסן געוואָרן די אילוזיעס פון די ארבעטער-מאסן און זייער האָפענונג אפן צאר, נאָר עס איז אויך קלאָר געוואָרן דער פולשטענדיקער קראך פונעם עקאָנאָמיזם. דער פּראָלעטאריאט האָט מער ניט געהאט קיין אנדער וועג צו פארבעסערן זיין *עקאָנאָמישע* לאגע, אויסער דעם וועג פון *פּאָליטישן* קאמף קעגן דער זעלבסטהערשונג.

נאָך ביזן 9-טן יאנואר האָט דאָס זעלבע געוויזן די דערפארונג פון די גרעסטע שטרייקן, וואָס זיינען פאָרגעקומען ערעוו דער רעוואָליוציע, איבערהויפּט, דער בא-

קוער שטרײַק (דעקאַבער 1904) און דער פּוטילאָווער (אין די ערשטע דאַטעס פון יאַנוואַר 1905). דער דעקאַבער-שטרײַק אין באַקו, וואָס איז אויסגעבראָכן צוליב דער אַרבעטסלאָזיקייט, האָט באַוויזן, אַז עס איז אוממעגלעך צו פירן אַן עקאָנאָמישן קאַמף בײַ באַדינגונגען, ווען עס עקזיסטירט אַ צוזאַמענשלוס צווישן דעם צאַריזם מיט דער בורזשואַזיע. און דער שטרײַק האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן. 30 טויזנט אייניק-שטרײַקנדיקע אַרבעטער האָבן אונטער דער אָנפירונג פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אויסגעאַרבעט אַ גאַנצע קאַמף איזאַ טעטיקייט-פּראָגראַם, וועלכע האָט דיסקאָנטירט די שלאַכט-דערפאַרונג פונעם פּראָלעטאַרישן אוואַנגאַרד און איז געוואָרן די פּאָליטישע פּלאַטפאָרם פון דער באַוועגונג נאָכן 9-טן יאַנוואַר.

אין פּוטילאָווער זאַוואָד האָט זיך דער שטרײַק אָנגעהויבן דעם 3-טן יאַנוואַר, און אויך דאָ זײַנען אַרויסגעשטעלט געוואָרן עקאָנאָמישע פאָדערונגען. דער דאָזיקער שטרײַק איז אויך געווען אַ סאָלידאַריטעט-שטרײַק. די פּוטילאָווער האָבן געפאָדערט אומצוקערן די אָפּגעזאָגטע אַרבעטער, וואָס האָבן געהערט צו דער גאַפּאָנישער אָרגאַניזאַציע און האָבן ביט זייערע אַרויסטרעטונגען אָפן זאַוואָד באַאומרויקט די אַדמיניסטראַציע. די אַרבעטער פון דער מערהייט פּעטערבורגער פאַבריקן און זאַוואָדן האָבן געשטיצט די פאָדערונגען פון די פּוטילאָווער. אין פאַרלויף פון 2 טעג האָט די אַלגעמיינע צאָל שטרייקער דערגרייכט צו אַ קאָלאָסאַלער ציפער פון 140 טויזנט מענטשן. די אַרבעטער האָבן געפאָדערט אַ קאַמף קעגן די פאַבריקאַנטן און האָבן געהאָפט, אַז דער צאַר וועט זיך פאַר זיי אָננעמען. צוליב דעם צוטרוילעכן גלויבן אינעם צאַר האָבן טאַקע געוואָנט אויסנוצן די אָנפירער פון דער „פאַרזאַמלונג פון די רוסישע פאַבריק-זאַוואָדישע אַרבעטער" און ווענדן די אַרבעטער-באַוועגונג אָפן וועג פון פרידלעכן עקאָנאָמישן קאַמף. די באַוועגונג איז אָבער שנעל אַריבערגעוואַקסן די ראַמען, וואָס די גאַפּאָנישע אָרגאַניזאַציע האָט פאַר איר איינגעשטעלט, און זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געשעעניש פון אַ קאָלאָסאַלער פּאָליטישער וויכטיקייט, זי האָט געמאַכט דעם אָנהייב פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע.

גאַפּאָן האָט געוואָלט פּאָרזעצן זובאַטאָווס אידייִ. ער איז אויך פּערזענלעך געווען מיט אים פאַרבונדן און, ווען זובאַטאָוו איז אוועק אין דימיסיע, האָט ער דורך אים געקריגן פאַרבינדונגען מיט די העכערע שיכטן פון די צאַרישע באַאַמטע. די גאַלאָכישע ריזע האָט אים געדינט ווי אַ שוץ-פאַרב, זי האָט אים פאַרגעשטעלט אין די אויגן פון דער אָפּנהאַרציק צוטרוילעכער און אויסגעמאַטערטער אַרבעטער-מאַסע אַלס אַ מענטשן, וואָס איז ריינער און אומשולדיקער, ווי דער אָפּן-באַאַמטלעכער מונדיר פונעם מיליטער-פּאָליציייִשן אַגענט. אין זײַן מעמאָראַנדום צום פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט אין האַרבסט 1904 האָט גאַפּאָן גאַנץ פול און אויסדריקלעך פאָרמולירט זײַן אויפגאַבע צו אַנטוויקלען זובאַטאָווס אידייען:

„דער טאָך פון דער גרונט-אידיי, — האָט גאַפּאָן געשריבן, — באַשטייט אין דער שטרעבונג אויפצובויען צווישן די פאַבריק-זאַוואָדישע לייט אַ נעסט, ווו עס זאָל שמעקן מיט רוס, מיט אַן עכט רוסישן רייעך, פונוואַנען עס זאָלן אַרויספליִען געזונטע און מעסירעסנפעשדיקע פייגעלעך פאַרשטאַנדיק צו פאַרטיידיקן זייער צאַר און זייער פאָטערלאַנד, ווירקלעך באַהילפיק זײַן זייערע ברידער-אַרבעטער".

גאַפּאָנס אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך צעשפּרייט איבער אַלע ראַיאָנען פון דער הויפּטשטאָט, זיי האָבן פאַרבאָנט ביז 10 טויזנט אַרבעטער. די גאַפּאָנישע געזעלשאַפט האָט

געהאַט קעמערלעך אין אַלע גרעסערע אונטערנעמונגען. די שוואַכקייט פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, דער אינערלעך-פּאַרטייִשער קאַמף, וואָס האָט אָפּגעצוויגן די קרעפטן פון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַלדעמאָקראַטן, האָט ניט ווייניק ביטגעהאָלפן דעם וווּקס פון דער גאַפּאָנישער אָרגאַניזאַציע. פון רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען איז גאַפּאָן געווען פאַרבונדן מיט די עסערן און טיילווײַז מיט די מענשעוויקעס. און נאָר די באָלשעוויקעס פלעגן בײַ יעדער מינדסטער געלעגנהײַט דעמאַסקירן די אָרדנטלעכע פּאָליציייִשע פּראָוואָקאַציע. דערווײַל אָבער האָבן די מאַסן אָן אַ שיר געגלויבט גאַפּאָנען און ניט זעלטן פלעגן זיי טרײַבן פון זיך סאָציאַלדעמאָקראַטן, וואָס פלעגן קומען אויף די פאַרזאַמלונגען.

דאָך איז די פּאָליטישע אַטמאָספער געוואָרן אַלץ אָנגעגליטער. די אַרבעטער האָבן געפאָדערט מעשׂים. גאַפּאָן האָט זיך געפּרוּווט אָפּציִען דעם אַרויסטרעטונג-מאָמענט און צוגעבן אים אַ ווי מעגלעך מעטיקערן כאַראַקטער. דעם 5-טן יאַנואַר 1905, אין ברען פונעם פּוטילאָווער שטרײַק, איז גאַפּאָן געצוווּנגען געווען אויסצואַרבעטן, בײַם אָנטייל פון אַרבעטער-סאָציאַלדעמאָקראַטן, אַ פּראָיעקט פון אַ פּעטיציע, און מיט דער דאָזיקער פּעטיציע זײַנען די אַרבעטער דעם 9-טן יאַנואַר געגאַנגען צום קעניגלעכן פּלאַץ. די פּעטיציע איז באַשטאַנען פון 3 טיילן: 1) מיטלען קעגן דער אומוויסנקײַט און רעכטלאָזיקײַט פונעם רוסישן פאָלק, 2) מיטלען קעגן דער אָרעמקײַט פון פאָלק, 3) מיטלען קעגן דעם דרוק פון קאַפּיטאַל איבער דער אַרבעט.

די פּעטיציע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ ווענדונג צום צאַר:

„קייסער! מיר אַרבעטער און אײַנוווינער פון דער שטאָט ס.-פּעטערבורג, פון פאַרשיידענע שטאַנדן, אונדזערע פרויען און קינדער און הילפלאָזע אַלטע עלטערן זײַנען געקומען צו דיר, קייסער, זוכן עמעס און שוץ. מיר זײַנען פאַראָרעמט געוואָרן, אונדז דריקט מען, מע באַלאַסט ניט אונדזער דערטרעגלעכער אַרבעט. פון אונדז כויזעקט מען, מע אַנערקענט אין אונדז ניט קיין מענטשן, צו אונדז באַציט מען זיך ווי צו שקלאַפן, וועלכע דאַרפן דולדן זייער ביטערן גורל און שווײַגן“...

באַשרײַבנדיק די רעכטלאָזע לאַגע פון די אַרבעטער, האָט די פּעטיציע אונטערגעשטראָכן דעם ציל פון איר ווענדן זיך צום צאַר, ווי צו דער לעצטער רעטונג:

„דאָ זוכן מיר די לעצטע רעטונג, זאָג ניט אָפּ אין הילף דײַן פאָלק, פיר אים אַרויס פונעם קייווער פון רעכטלאָזיקײַט, אָרעמקײַט און אומוויסנקײַט, גיב אים אַ מעגלעכקייט אַליין צו פירן זײַן גורל, וואַרף אַראָפּ פון אים דעם אומדערטרעגלעכן יאָך פון די באַאַמטע. צעשמעטער די וואַנט צווישן דיר און דײַן פאָלק און זאָל ער אָנפירן מיט לאַנד צוזאַמען מיט דיר“.

דער סוף פון דער פּעטיציע האָט געקלונגען מיט אַן אָנצוהערעניש פון דראָונג „ווען זיך ניט אָפּרופן אויף אונדזער געבעט, וועלן מיר שטאַרבן דאָ אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ, לעבן דײַן פּאַלאַץ. מיר האָבן ניט מער וווּהין און נאָך וואָס צו גיין; בײַ אונדז זײַנען בלויז צוויי וועגן פאַראַן: אָדער צו פרײַהײַט און גליק, אָדער—אין קייווער אַרײַן“...

מע טאָר אָבער ניט באַטראַכטן די דאָזיקע פּעטיציע ווי אַ פרידלעכע ביטשריפט צום צאַר. שוין די פּעטיציע אַליין, ווי אויך דער פאַקט גופא פון אַ מאַסנווער גאַסןמאַניפעסטאַציע מיטן ציל צו דערשלאָגן זיך בײַם צאַר רעכט פאַר די אַרבעטער און

א טאַ־בעסערונג פון זייער עקאָנאָמישער לאַגע, האָט געהאַט א קאָלאָסאַלן רעוואָליוציאָנערן זינען.

ניט אומזיסט האָט די מאַסע אַף דער פראַגע: „און וואָס וועט זײַן אויב עס וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז דער צאַר איז ניט אַף אונדזער זײַט", געענטפערט דראָענדיק און איינהײַטלעך: „דאַן האָבן מיר ניט קיין קייסער!"

די צעשיסונג פון 9-טן יאַנואַר, וואָס איז פאָרגעקומען לויט אַלע קלאָלים פון מיליטערישער קונסט, א צעשיסונג ניט קיין צופעליקע, נאָר אַן אָרגאַניזירטע און צוגעגרייטע, — האָט געראַטן איבערצײַגן אַפילע די סאַמע אויפריכטיקע מאָנאַרכיסטיש-געשטימטע מאַסן, אַז דער צאַר איז ווירקלעך ניט מיט די אַרבעטער, נאָר מיט די פאַבריקאַנטן — קעגן די אַרבעטער. די זעלבע לעקציע האָט געקאָסט טײַער: פיל הונדערטער קאָרבאָנעס (די צאָל געליטענע ווערט גערעכנט פון 800 ביז 1000) האָבן מיט זייערע קערפּערס באַדעקט דעם קעניגלעכן פּלאַץ. אַלס ענטפער אַף דעם האָבן אָבער די אַרבעטער שוין אין דעם אָוונט פון 9-טן יאַנואַר באַדעקט די אַרבעטער-קוואַרטאַלן מיט באַריקאַדן. אָנשטאָט דעם נאַיוון גלויבן איז אויסגעוואַקסן פּראָלעטאַרישער האַס. ווען די אַרבעטער וואָלטן געהאַט געווער אין די הענט, וואָלט דער פּראָלעטאַרישער פּעטערבורג געווען אַן איידעס פון א רעוואָליוציאָנערן שפּרונג: פון א מאַרש מיט איקאָנעס און טפילעס אינדערפרי צום צאַר — צו א באַוואָפנטן אויפשטאַנד אינאָוונט קעגן דעם צאַר.

קיין געווער איז ניט געווען. געבליבן איז איין ענטפער: אַן אַלגעמיינער שטרײַק. דעם 9-טן יאַנואַר האָבן אין פּעטערבורג געשטרײַקט 111 טויזנט אַרבעטער, דעם 10-טן — 125 טויזנט. א מער פולערן אַלגעמיינעם שטרײַק האָט מען געזען בלויז אין די טעג פונעם מאָסקווער באַוואָפנטן דעקאַבער-אויפשטאַנד.

די געשעענישן פונעם 9-טן יאַנואַר האָבן אויפגעוועקט צום רעוואָליוציאָנערן קאַמף און צו פּאָליטישער אַקטיווקײַט די סאַמע פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון דער געוועזענער צאַרישער אימפּעריע. דער רעוואָליוציאָנערער אויפשטײַג אינעם לאַנד האָט מיטאַמאָל דערגרייכט צו א נאָך ניט געוועזענער הייך. די אַרבעטער-באַוועגונג האָט נאָך קיינמאָל ניט אָנגענומען אַזא שטורמישן און בולעט-פּאָליטישן כאַראַקטער, ווי אין די יאַנואַר-טעג.

דעם 1[illegible]-טן יאַנואַר האָט זיך דער שטרײַק אַריבערגעטראָגן פון מאָסקווע און פּעטערבורג אין דער פּראָווינץ, ער האָט פאַרכאַפּט דעם צענטראַל-אינדוסטריעלן ראַיאָן, אַריבערגעוואָרפן זיך צו די אַרבעטער-מאַסן פון בײַוואָלגע, אָנגעצונדן א פײַער פון פּראָטעסט בײַם אַרבעטער-קלאַס פון די נאַציאָנאַל-אונטערדריקטע ראַיאָנען — קאַווקאַז, אוקראַינע, באַלטיק, פּוילן.

די גרעסטע אַקטיווקײַט האָבן אַרויסגעוויזן די מעטאַליסטן און אײַזנבאַנער אין דער יאַנואַר-באַוועגונג. אויפן צווייטן אָרט זײַנען געשטאַנען די טעקסטיל-אַרבעטער. צו א קאָלאָסאַלן פאַרנעם האָט די באַוועגונג דערגרייכט אין פּוילן. דאָ האָבן די שטרײַקן אָנגענומען א כאַראַקטער פון אַן אויפשטאַנד. די באַוועגונג אין פּוילן, ווײַסרוסלאַנד, ליטע, לאַטוויע, עסטלאַנד, אוקראַינע, גרוזיע האָט אַלץ מער און מער אָנגענומען א פּאָליטישן כאַראַקטער. די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז געוואַקסן צוזאַמען מיטן אַרבעטער-קלאַס, זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א קאַמפערישער מאַסן-אָרגאַניזאַציע. שוין די יאַנואַר-שלאַכטן האָבן געשטעלט די פראַגע וועגן אַריבערגיין צו העכערע קאַמף-

פֿאָרמען, צו אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרײַק און צו אַ באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד. וועגן דעם האָט איידעס געזאָגט סײַ די אָנגעשטרענגטקײַט פֿונעם שטרײַקן-קאַמף, סײַ די צוזאַמענשטויסן מיטן מיליטער און פּאָליציי, סײַ די ערשטע באַריקאַדעס אין פּעטער-בורג, פּוילן, קאַווקאַז. אַרום און אַרום האָבן אין די יאַנוואַר-טעג געשטרײַקט איבער דער גאַנצער אימפּעריע 440 טויזנט מענטשן. דער איין כוידעש רעוואָלוציע האָט געגעבן אין צען מאָל מער שטרײַקער, ווי אַ יאָר קאַמף אינעם פֿאַרגאַנגענעם יאָר-צענדליק (1904 - 1895), ווען פֿאַר אַ יאָר האָבן דורכשניטלעך געשטרײַקט 43 טויזנט מענטשן. די רעוואָלוציע איז אויבער אין אָנגריף, דער צאַריזם האָט אַ ציטער געטאָן.

2. דער שטרייקן-קאַמף פֿונעם פּראָלעטאַריאַט און זײַן ווירקונג אויפֿן גאַנג פֿון דער רעוואָלוציע אין דאָרף און אין דער אַרמיי

די געשעענישן פֿון 9-טן יאַנוואַר זײַנען געווען אַ פֿאָרשפּיל צום בירגערקריג אין רוסלאַנד. אָפּשאַצנדיק זייער באַדײַטונג, האָט לענין געשריבן:

„דער אַרבעטער-קלאַס האָט באַקומען אַ גרויסע לעקציע פֿון בירגערקריג. די רעוואָלוציאָנערע דערציִונג פֿונעם פּראָלעטאַריאַט האָט פֿאַר איין טאָג געגעבן אַזאַ שפּרונג פֿאָרויס, ווי זי וואָלט ניט געקענט שפּרינגען אין מעשעך פֿון כאָדאָשים און יאָרן פֿון גרויען, וואָכעדיקן, דערשלאָגענעם לעבן. דער לאָזונג פֿונעם העראָישן פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט: „טויט אָדער פֿרײַהייט!“ האָט זיך דורכגעטראָגן, ווי אַ ווידערקאָל, איבער גאַנץ רוסלאַנד. די געשעענישן אַנטוויקלען זיך מיט אַן איבערראַשנדער שנעלקײַט... די רעוואָלוציע צעוואַקסט זיך...“

דאָס געווער פֿון דער דאָזיקער אָנוואַקסנדיקער רעוואָלוציע איז געווען דער שטרײַק.

בײַם דער רעוואָלוציע פֿון 1905 האָט דער פּראָלעטאַריאַט אַנטפּלעקט אַן אומגעהייער-מעכטיקע שטרייקן-ענערגיע. דער שטרײַק האָט פֿאַרכאַפּט און אויפֿגעהויבן צום קאַמף ניט נאָר די ביז גאָר אָפּגעשטאַנענע שיכטן אַרבעטער, נאָר אויך די ברייטע מאַסן פּויערים, סאָלדאַטן, מאַטראָסן, קליין-בורזשואַזע שטאָטישע אינטעליגענץ. איבערהויפּט לערנייוגנט, און די ברייטע שיכטן אַרבעטנדיקע אין די נאַציאָנאַל-אונטערדריקטע ראַיאָנען פֿון דער צאַרישער אימפּעריע. דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אַזוי אַרום געשטעלט בעראָש פֿון דער פֿאַנאַנדערגעוויקלטער אַלגעמיינער פֿאָלק-רעוואָלוציע. די צופֿלוסן און אָפּפֿלוסן פֿון רעוואָלוציאָנערן דראַנג אין לאַנד זײַנען צונויפֿגעפֿאַלן מיטן אויפֿשטײַג און אָפּשטײַג פֿונעם שטרײַקן-קאַמף פֿון פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט געפֿירט נאָך זיך אַלע איבעריקע קלאַסן צום שטורעם אויף דער זעלבסטהערשונג. דעם פּראָלעטאַריאַטס שטרייקן-קאַמף, ווידער, האָט זיך אַנטוויקלט ניט גלײַכמעסיק, ער איז געגאַנגען כוואַליעסווײַז, לויט דעם ערעך, ווי עס האָט זיך פֿאַרשאַרפֿט דער פּאָליטישער קאַמף אין לאַנד.

אין דעם אַרטיקל „וועגן דער שטרייקן-סטאַטיסטיק אין רוסלאַנד“ האָט לענין געשריבן וועגן דער געזעצמעסיקייט פֿון אַזאַ מין צונויפֿפֿאַלונג: „אויב אַן אויפֿשטײַג פֿון דער שטרײַקן-כוואַליע, — האָט ער אָנגעוויזן, — באַטײַט ניט קיין אַלגעמיינעם סאָציאַל-פּאָליטישן אויפֿשטײַג, איז בײַ אַ גענױערע באַטראַכטונג ווײַזט

זיך אַרויס, אַז עס איז אויך קיין שטרייק-כוואַליע ניט געווען, נאָר בלויז אַן איינצלנע שטרייק-דעמאָנסטראַציע".

בעניגייע דעם יאָר 1905 קען מען זאָגן, אַז די שטרייק-דעמאָנסטראַציע פון פאַררעוואָלוציאָנערן פעריאָד האָט זיך שנעל פאַרוואַנדלט אין אַ רעוואָלוציאָנערן מאַסן-שטרייק. אין אים האָט זיך צונויפגעפאָרט דער גאַנצער סכום עקאָנאָמישע און פּאָליטישע שטרייקן, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט אַלע ראַיאָנען פון לאַנד און אַלע צווייגן אינדוסטריע. דער שטרייקן-קאַמף האָט זיך צעגאָסן אין פיר ניט-גלייכמעסיקע כוואַליעס. די ערשטע כוואַליע האָט אַרומגעכאַפּט דעם פעריאָד יאַנואַר — אַפּריל און זי האָט געגעבן 659,4 טויזנט שטרייקער, די דאָזיקע כוואַליע איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך די געשעענישן פון 9-טן יאַנואַר און איז געווען אַ דירעקטער פּאָליטישער רעזולטאַט פון די דאָזיקע געשעענישן.

די צווייטע כוואַליע פאַלט אויס אין די פרילינג-און זומער-חדשים. זי האָט געגעבן אַ צוויי מאָל קלענערע צאָל שטרייקער — 362,6 טויזנט. די פרילינג-באַוועגונג איז כאַראַקטעריסטיש מיט דעם, וואָס זי האָט אַריינגעצויגן אין קאַמף די טעקסטיל-אַרבעטער, — יענע פּראָלעטאַרישע שיכטע, וואָס דערוואַכט לאַנגזאַמער צום פּאָליטישן לעבן. די גרעסטע געשעעניש פון דעם דאָזיקן פעריאָד איז געווען דער וואָזנעסענסקער שטרייק, וואָס האָט זיך קימאַט פאַרוואַנדלט אין אַן אַלגעמיינעם שטרייק פון די טעקסטיל-אַרבעטער אין צענטראַל-אינדוסטריעלן ראַיאָן.

די דריטע כוואַליע איז געווען באַדייטנדיק שוואַכער לויט איר קראַפט, פאַרנעם און אָנגעשטרענגטקייט, זי פאַלט אויס אויף די חדשים יול — סענטיאַבער און גיט 264,8 טויזנט שטרייקער. די רעוואָלוציע האָט געזאַמלט קרעפטן און די דאָזיקע קרעפטן האָט זי פאַנאַנדערגעוויקלט מיט אַ נייער אויפשטייג-כוואַליע. דאָס איז געווען די פערטע און סאַמע מעכטיקסטע כוואַליע. אינעם לאַנד איז פאָרגעקומען אַ קאָלאָסאַלער פּאָליטישער אויפשטייג, אַן אַלגעמיינער פּאָליטישער שטרייק און דער ערשטער פּראָלעטאַרישער אויפשטאַנד מיט אַ באַריקאַדן-שלאַכט אין גאַס. אין דער דאָזיקער כוואַליע האָבן זיך אָנגעמערקט צוויי אויפשטייגן: דער אָקטיאַבער-אויפשטייג מיט 519 טויזנט שטרייקער (דערין 328 טויזנט פּאָליטישע) און דער דעקאַבער-אויפשטייג מיט 433 טויזנט שטרייקער (דערין 372 טויזנט פּאָליטישע).

דער קריעך און פאַרנעם פון די שטרייקן-כוואַליעס איז אין יאָר 1905 געווען זייער גרויס. וועגן דעם דערציילן אויך די ציפערן פאַרן פריערדיקן יאָרצענדליק. אין די יאָרן 1895—04 פלעגן שטרייקן דורכשניטלעך 43 טויזנט אַרבעטער אַ יאָר, און אין 1905 י. האָבן פאַר איין יאָר געשטרייקט דורכשניטלעך 2.863 טויזנט און אין אַ חודעש — דורכשניטלעך 238.5 טויזנט. ד. ה., אַז אין 1905 יאָר קומט אויס אויף איין חודעש אין 5 מאָל מער שטרייקער, ווי אין די פריערדיקע צען יאָר, אויף איין יאָר. אין 1905 יאָר האָבן אין אַלגעמיין געשטרייקט ביז 3 מיליאָן מענטשן, ד. ה. די צאָל שטרייקער איז געווען צוויי מאָל אַזוי די גרויס, ווי די צאָל פאַבריק-אַרבעטער. אַזוי־אַרום האָט יעדער אַרבעטער געשטרייקט ניט ווייניקער ווי צוויי מאָל אין משך פונעם יאָר.

דער שטרייקן-קאַמף פון 1905 יאָר האָט ברייט פאַרכאַפּט אויך די פּראָווינץ. די פירנדיקע קראַפט און דער איניציאַטאָר איז אָבער געווען דער פּראָלעטאַריאַט פון די הויפּטשטעט און פון די גרויסע אינדוסטריעלע שטעט. די גרעסטע שטרייקן-כוואַ-

ליע האָט ארומגעכאַפּט פּעטערבורגער, מאָסקווער, פּוילישע און באַלטישע ראַיאָנען, אין די ראַיאָנען מיט אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן, ווי פּוילן, ליטע, לאַטוויע, ווייס־רוסלאַנד, אוקראַינע, קאַווקאַז האָבן זיך די שטרייקן פאַרוואַנדלט אין א ברייטער פּאָליטישער באַוועגונג, וואָס האָט ארומגעכאַפּט אלע אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן.

די גרעסטע שטרייק־ענערגיע האָבן ארויסגעוויזן אזעלכע פּראָדוצירישע מאַסנעס פונעם פּראָלעטאַריאַט, ווי די מעטאַליסטן, טעקסטילער און אייזנבאַנער. אונטער זייער ווירקונג זיינען אויך די איבעריקע אַרבעטער־גרופּן אריינגעצויגן געוואָרן אינעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. די שטרייק־באַוועגונג פון יאָר 1905 צייכנט זיך אויס איבערהויפּט מיט איר אָנגריף־כאַראַקטער. די אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע אַטמאָספער אינעם לאַנד האָט אויסערסט פאַרלייכטערט דעם איבערגאַנג פונעם עקאָנאָמישן שטרייק אין א פּאָליטישן. לענין האָט אָנגעוויזן, אז אין יאָר 1905 האָט זיך דער „פּאָליטישער שטרייק באַזירט אף דער פעסטער און סאָלידער באַזע פונעם עקאָנאָמישן שטרייק".

די פרילינג־און זומער־שטרייקן פון יאָר 1905 האָבן באַוויזן, ווי שנעל דער עקאָנאָמישער קאַמף האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א פּאָליטישן. דער פרילינג האָט געגעבן א ריי גרויסע רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגען. די באַדייטנדיקסטע פון זיי איז געווען די מיי־באַוועגונג. זי האָט געגעבן זייער א גרויסע ציפער — 220 טויזנט שטרייקער.

די פייערונג פונעם ערשטן מיי איז פאָרגעקומען ניט אין איין טאָג. דער גרעסטער טייל אַרבעטער האָט געפייערט לויטן נייעם סטיל, א קלענערער — לויטן אלטן. די אַרבעטער האָבן געשטרייקט און דעמאָנסטרירט אין 177 שטעט און אינדוסטריעלע פונקטן. דעם 18־טן אַפּרעל אלט. סט. זיינען פאָרגעקומען שטרייקן אין 82 פונקטן, אין 35 פון די דאָזיקע פונקטן זיינען נאָך כוץ דעם פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס אויך.

דער טאָג פון 1־טן מיי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א גראַנדיעזער דעמאָנסטראַציע קעגן דער זעלבסטהערשונג. פּאָוויס זיינען געגאַנגען, ווי אין די יאַנוואַר־טעג, פּוילן, באַלטיק און אוקראַינע. אין וואַרשע, ריגע, רעוועל האָבן זיך די דעמאָנסטראַציעס פאַרענדיקט מיט צוזאַמענשטויסן מיטן מיליטער און פּאָליציי. צענטראַל־רוסלאַנד איז אָפּגעשטאַנען פון די ראַנד־געגנטן. דער ערשטמייִקער שטרייק איז אדורך אונטערן לאָזונג פון ליקווידירן די זעלבסטהערשונג און פון קאַמף פאַר א 8־שעהיקן אַרבעט־טאָג. דער ערשטמייִקער שטרייק האָט געגעבן א שטויס צו א נייער פּאָליטישער אופלעבונג אין לאַנד. די ווירקונג און די טעטיקייט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן איז ארויסגעוואַקסן. די מאַסאָווקעס האָבן צוגעצויגן א גרויסע צאָל אַרבעטער, וואָס זיינען געוואָרן פּאָליטיש אלץ מער אַקטיוו. דער קאַמף ארום שידלאָווסקיס און קאָקאָווצעווס צאַריסטע קאָמיסיעס, וואָס האָבן זיך געפּרוווט פאַרציען אָדער אָפּלייגן די גרונט־פראַגן פון דער אַרבעטער־געזעצגעבונג, האָט באַוויזן די אַרבעטער, אז ניט א רעפאָרם קען ברענגען צום אויסוועג פון זייער אָרעמקייט און רעכטלאָזיקייט, נאָר א רעוואָלוציע. די מאַפּאָלע פון דער אַרמיי און די צעגראָמירונג פונעם רוסישן פלאָט אפן ווייטן מיזרעך האָבן רעוואָלוציאָניזירט און אָנגעגליט די אַלגעמיינע פּאָליטישע אַטמאָספער. אין אָט דער פאַרשאַרפטער אַטמאָספער האָט זיך אָנגעהויבן דער גראַנדיעזער שטרייק פון די טעקסטיל־אַרבעטער אין איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק, וואָס האָט זיך געצויגן אָנדערהאַלבן כאָדאָשים. דער שטרייק האָט ארומגעכאַפּט א קאָלאָסאַלע, 44־טויזנטיקע אַרמיי טעקסטיל־אַרבעטער, ער האָט אופגעהויבן צום קאַמף די

אמערגסטן גרויע און אָפּגעשטאנענע שיכטן ארבעטער. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן דער ערשטער ראט פון ארבעטער-דעפוטאטן אף אָנצופירן מיטן שטרייק, דער ראט איז געוואָרן דער אויסדריקער פונעם ווילן און קלאסן-איינהייט פון דער גאנצער ארמיי טעקסטיל-ארבעטער. דער שטרייק איז דורכגעגאנגען אונטער דער דירעקטער אָנפירנדיקער איינווירקונג פון די באָלשעוויקעס. אין טאָל פונעם טייך טאלקע פלעגן טאָגטעגלעך פאָרקומען מיטינגען און ארבעטער-פארזאמלונגען. דאָ זיינען אויסגעארבעט געוואָרן די ארבעטער-פאָדערונגען, אלס ענטפער אף די פאָדערונגען פון די פאבריקאנטן. דאָ זיינען אָנגעמערקט געוואָרן די קאמף-פּלענער און פערספּעקטיוון, דאָ פלעגט מען אויך לייענען לעקציעס, באהאנדלען לויפנדיקע פּאָליטישע פראגן. „אפן ברעג טאלקע, אונטערן אָפענעם הימל, — האָט מיטגעטיילט דער אָכראנקע-שפּיק, — לייענט מען פארן פּאָלק א קורס „סאָציאָלאָגיע“, און לויט דער זשעדנער אויפמערקזאמקייט פונעם המון איז צו זען, אז דער פינצטערער מענטש נייטיקט זיך אין א „לעבעדיק וואָרט“.

די איוואנאָוואָ-וואָזנעסענסקער שטרייק האָט זיך אָנגעהויבן דעם 12-טן מיי.

דעם 19 מיי זיינען צום שטרייק צוגעשטאנען די טעקסטיל-ארבעטער פון שויא, קאָכמא, טייקאָוו, אָרעכאָוואָ-זויעוואָ און פון אנדערע ראיאָנען. צום שטרייק פון די טעקסטיל-ארבעטער האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן די גאנצע איבעריקע ארבעטער-באפעלקערונג. אף די מיטינגען זיינען אויסגעארבעט געוואָרן 27 אלגעמיינע פאָדערונגען, די וויכטיקסטע פון זיי זיינען געווען — אן 8 שאָיקער ארבעטסטאָג, העכערן דעם ארבעטלוין, פארניכטן די פאבריק-פּאָליציי און די טורמעס בא די פאבריקן און נאָך און נאָך. די רעזאָלוציעס, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אפן ברעג טאלקע, האָבן געפאָדערט פרייהייט פון פארזאמלונגען, פון וואָרט און פרעסע. דער גובערנאטאָר, וואָס האָט זיך דערשראָקן פארן פארנעם פון דער באוועגונג, האָט דעם 2-טן יול פארבאָטן א פארזאמלונג און דעם 3-טן יול האָט ער זיך בלוטיק אָפּגערעכנט מיט די ארבעטער, וואָס האָבן זיך צונויפגעזאמלט אפן ברעג טאלקע. אין ברען פון אנטוישונג און נעקאָמע-געפיל האָבן די ארבעטער אף דעם געענטפערט מיט צעבראָמירן און אונטערצינדן די פאבריקאנטישע דאטשעס, הייזער און מאגאזינען. די מיטלען און קרעפטן פון די שטרייקער האָבן זיך אָבער אויסגעשעפּט, דער שטרייק האָט זיך פארענדיקט דעם 1-טן יול קימאט אָן שום רעזולטאטן. עס איז נייטיק געווען צונויפזאמלען נייע קרעפטן און וואָרפן זיי אין אנטשיידנדיקן קאמף. די ווירקונג פונעם דאָזיקן היסטאָרישן שטרייק אף דער פּאָליטישער אויפוואכונג פון די ארבעטער איז געווען א קאָלאָסאלע.

„דער שטרייק האָט אונדז פיל געלאָזט לערנען, — האָט געשריבן די פּראָקלאמאציע פונעם איוואנאָוואָ-וואָזנעסענסקער קאָמיטעט באָלשעוויקעס, — ער האָט באוויזן, אז דער ארבעטער-קלאס איז א קראפט, ווען ער טרעט ארויס געמיינזאם, באהעפט און אָרגאניזירט. דער שטרייק האָט באוויזן, אז מע קאָן זיך ניט דערשלאָגן צו קיין עקאָנאָמישע פארבעסערונגען אָן פּאָליטישע פרייהייטן און צו די פרייהייטן קאָן מען זיך ניט דערשלאָגן אָן א באוואָפנטן אויפשטאנד און אָן פארכאפּן די מאכט“...

אין צוזאמענהאנג מיט איוואנאָוואָ-וואָזנעסענסקער שטרייק און אונטער זיין ווירקונג איז אין פארלויף פון מיי, יון און יול פאָרגעקומען א לעבעדיקער שטרייקן-קאמף מיצאד די טעקסטיל-ארבעטער פונעם מאָסקווער אינדוסטריעלן ראיאָן. לויט

די אָפיציעלע אָנגאַבן זײַנען פאַר דער דאָזיקער צײַט פאָרגעקומען 18 שטרײַקן מיט 17.500 שטרײַקער. נאָך א מער באַוווסטזיניק-פּאָליטישן כאַראַקטער האָט געטראָגן דער קאַמף פון די לאָדזשער ארבעטער. אָנגעהויבן האָט ער זיך קודם אין דער זעלבער צײַט און ער איז דעם 10-טן יון אריבער אין א פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע און אין אן עכטן באַוואָפנטן אויפשטאַנד. נאָך לאָדז האָט זיך אָנגעהויבן אן אַלגעמײַנער שטרײַק אין אָדעס. ער איז געווען ענג פאַרבונדן מיט די געשעענישן אויפן פאַנצער-שיף „פּאָטיאָמקין" און האָט זיך אויך פאַרענדיקט מיט צעשיסן ארבעטער. אונטער דער ווירקונג פון די אָדעסער געשעענישן האָט זיך דורכגעקײַקלט א כוואַליע שטרײַקן איבער דאָנבאַס, ניקאָלײַעוו, כאַרקאָוו, קאַטערינאָסלאַוו, מינסק, ליבאַווע און אנד. שטעט. אין יון כודעש האָט זיך אָנגעהויבן דער אַלגעמײַנער שטרײַק אויף קאַווקאַז. פון טיפליס האָט זיך דער אַלגעמײַנער שטרײַק אריבערגעוואָרפן אין קוטאַיס, באַטום און אנד. שטעט. אומעטום זײַנען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי און מיליטער. די ארבעטער האָבן אָרגאַניזירט אן א בעטער-מיליציע און האָבן אַנטוואָפנט די שוואַרצמײַעניקעס. א גאַנג פונעם קאַמף האָבן זיך די ארבעטער געלערנט צו פאַרשטיין דעם פּאָליטישן זין פון די געשעענישן און צונויפפאָרן די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאָזונגען. דער שטרײַק האָט זיך אַלץ מער און מער פאַרוואַנדלט אין א געווער פון פּאָליטישן קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג. דערמיט אַליין איז, ווי לענין האָט געזאָגט, די בורזשואַז-דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע לויטן סאָציאַלן אינהאַלט געוואָרן א פּראָלעטאַרישע אין איר עמבריאָן. דער שטרײַק האָט אויפגעוועקט, פאַנאַנדערגעוויגט און אָרגאַניזירט צום קאַמף קאָלאָסאַלע מאַסן נײַע ארבעטער און באַלנעלעכעס אין דער זעלבער צײַט האָט זײַן ווידערקאָל אָפּגעקלונגען אין דאָרף און אויפגעוועקט דאָרט דאָס פּויערטום. דער שטרײַק האָט מיט זײַן ווירקונג פאַרכאַפּט די ארמיי און פלאָט און האָט אויפגעהויבן די סאָלדאַטן און מאַטראָסן צו קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג. ער האָט אַרײַנגעטראָגן דעם רעוואָלוציאָנערן באַוווסטזײַן אין די האַנטווערקישע און באַלמעלאָכישע וואַרשטאַטן, אין די אוניווערסיטעטישע אוידיטאָריעס אין די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס פון דער קלײַנבורזשואַזער אינטעליגענץ. דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך געשטעלט בעראָש פונעם קאַמף פון אַלע דעמאָקראַטישע עלעמענטן אין לאַנד. דער שטרײַק האָט שוין אין פרילינג 1905 אויפגעהויבן דאָס דאָרף. דער פאַרנעם און די טעמפּ פון דער פּויערים-באַוועגונג איז אין פיל פּראָטינג צונויפגעפאַלן מיט די ארבעטער-שטרײַקן. אין די יאָרן 1902—04 זײַנען אין 42 גובערניעס געווען פאַרצייכנט פויערישע אומרוען. דאָס יאָר 1902, דאָס זאַץ שטורמישע, האָט געגעבן 340 פויערישע אַרויסטרעטונגען. אין יאָר 1905 זײַנען שוין געווען 3.228 אַזעלכע אַרויסטרעטונגען, ד. ה. אין צען מאָל מער. פון די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען זײַנען דרײַפערטל געווען געווענדעט קעגן די גוטסבאַזיצער, אַלס דעם הויפּט-פײַנט פון די פויערים. בלויז די ארבעטער-באַוועגונג, וואָס האָט געהאַט א קאָלאָסאַלע ווירקונג אויפן פּויערטום, האָט געקענט אריבערפירן דעם דאָזיקן פּויערים-קאַמף אויף א העכערער שטופע — צום קאַמף קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשונג. די ערשטע נעסטן פונעם פּויערים-קאַמף זײַנען געווען די צענטראַלע ערדארבעטערשע גובערניעס, נאָכדעם ווײַען בײַ וואָלגע און אוקראַינע. אין פאַרלויף פון פרילינג און זומער האָט זיך דורכגעקײַקלט א כוואַליע פון

לאנדווירטשאפטלעכע שטרייקן אין פוילן, ווייסרוסלאנד און איבער גאנץ באלטיק. די באטראקישע באוועגונג פון 1905 יאָר האָט זיך ניט צונויפגעגאָסן מיט דער פויערישער אגרארער באוועגונג. א פארבינדונג צווישן זיי איז אָבער אָן צווייפל געווען. די שטרייקן פון די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער האָבן אקטיוויזירט און פארברייטערט דעם קאמף פון די פויערים פאר ערד. די שטרייק-באוועגונג פון די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער איז אנטשטאנען און איז געוואָקסן אונטער דער ווירקונג פון דער אָנוואקסנדיקער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אין די שטעט, איבערהויפט פון דער ארבעטער-באוועגונג. לויט די אויסרעכענונגען פונעם פאָליצײ-דעפארטאמענט, האָבן די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער-שטרייקן ארומגעכאפט 336 אויעזדן מיט אַן אלגעמיינער ציפער ביז 2 מיליאָן שטרייקער. אין אייניקע גובערניעס, ווי פאָלטאווער און טשערניגאָווער, האָבן די שטרייקן ארומגעכאפט אלע אויעזדן. דעם זעלבן מאסן-כאראקטער האָבן אויך געטראָגן די שטרייקן פון די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער אין פוילן, באלטיק, ווייסרוסלאנד און ליטע.

אין די דאָזיקע ראיאָנען, וווּ עס האָבן עקזיסטירט די אמערסטן אנטוויקלטע קאפיטאליסטישע ווירטשאפט-פאָרמען, זיינען די באטראקעס געווען די איניציאטערס פונעם געמיינזאמען קאמף מיט די פויערים קעגן די גוטבאזיצער. די באוועגונג איז דאָ אָפטער געגאנגען אונטער פאָליטישע לאָזונגען — אומבייטן די מאכט, ניט צאָלן קיין שטייערן און ד. גל. אין די באלטישע ראיאָנען האָט די פויערים-באוועגונג אמערסטן אָרגאניש זיך צונויפגעגאָסן מיט דער ארבעטער-באוועגונג און זיי זיינען געגאנגען צוזאמען. באדייטנדיק איז אויך געווען די פויערים-באוועגונג אף קאווקאז, איבערהויפט אין גוריע. דאָרט האָט זי געטראָגן א כאראקטער פון עכטע אופשטאנדן.

אונטער דער ווירקונג פון דער ארבעטער-און פויערים-באוועגונג האָט אויך די ארמיי אָנגעהויבן ארייַנגעצויגן ווערן אין דער רעוואָליוציע. „די צונויפפאָרונג פון דער ארבעטער-און פויערים-באוועגונג", — האָט לענין פארצייכנט די דאָזיקע פארבינדונג, — „האָט געבראכט דערצו, אז עס האָט זיך אופגעהויבן צום קאמף אויך די לעצטע שטיצע פונעם צאריזם — די ארמיי". דער ערשטער בראָך האָט זיך באוויזן אין פלאָט. דער פראָצענט ארבעטער איז דאָ געווען א גרעסערער, ווי אין דער יאבאָשע-ארמיי. אין דער יאבאָשע-ארמיי איז געווען פון $2\frac{1}{2}$ ביז $8\frac{1}{2}$ פראָצענט ארבעטער. אין פלאָט איז דער דאָזיקער פראָצענט דערגאנגען ביז 14 און אין איינצלנע פאלן ביז 25. אָבער די גרונט-מאסע פון דער פלאָט-ארמיי איז באשטאנען פון פויערים, האגאם די פירנדיקע ראָליע האָט דאָ געשפילט דער פראָלעטארישער קערן: די מאשיניסטן, מיניערן, ארטילעריסטן און דגל. אדאנק דעם דאָזיקן קערן איז אין פלאָט לייַכטער און ברייטער אריינגעדרונגען די סאָציאלדעמאָקראטישע פראָפאגאנדע. דער פלאָט האָט זיך לייכטער פארבונדן מיט די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער און איז שנעלער אריינגעצויגן געוואָרן אין דער אטמאָספער פונעם אלגעמיינעם רעוואָליוציאָנערן אופשטייג. דער סאמע גרעסטער אופשטאנד אין פלאָט פארן יאָר 1905 איז געווען דער אופשטאנד אף דער פאנצערשיף „פאָטיאָמקין". דער אופשטאנד איז דאָ אויסגעבראָכן סטיכייִש, נאָך פארן אָנגעמערקטן טערמין. די קאָמאנדע איז באשטאנען צום גרעסטן טייל פון מאָבילוזירטער פויערישער יונגווארג. די פראָלעטארישע און פארטייִשע אָנפירונג אף דער פאנצערשיף

איז געווען א שוואכע. דאָס אַלץ האָט געשפּילט ניט קיין קליינע ראָליע אין דעם, וואָס דער אופשטאנד איז ניט געלונגען, די דאָזיקע אומשטענדן האָבן באדינגט זיין מאַפּאָלע. ניט געקוקט אפן דורכפאַל, האָט דער הערויישער קאמף אַף דער רויטער פאנצערשיף באוויזן, אז דאָס מיליטער גייט אריבער אַף דער זייט פון דער רעוואָליוציע.

„די קאָלאָסאַלע באַדייטונג פון די לעצטע אָדעסער געשעענישן, — האָט לענין וועגן דעם געשריבן, — באשטייט בעפּיירעש אין דעם, וואָס דאָ איז צום ערשטן מאָל א גרויסער טייל פון דער צארישער מיליטער-קראַפט — א גאנצע פאנצערשיף — אָפן אריבער אַף דער זייט פון דער רעוואָליוציע". די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג צווישן דעם מיליטער איז ווייטער געוואקסן, די ארבעטער האָבן געפאָדערט צו מאַכן א סאָף צו דער מילכאָמע און אונטער דער ווירקונג פון די ארבעטער האָבן אויך די סאָלדאטן דאָס זעלבע געפאָדערט. עס האָבן זיך אַלץ אָפטער געלאָזט הערן די פאָדערונגען וועגן אראָפּווארפן די זעלבסטהערשונג און צונויפרופן א גרינדונג-פארזאמלונג. די ארבעטערשע מאניפעסטאציעס און מיטינגען קעגן מילכאָמע און קעגן מאָביליזאציע האָבן זיך אריבערגעטראָגן אין דער ארמיי. עס פלעגן איינגעאָרדנט ווערן מיליטערישע מאסאָווקעס, אין זיי פלעגן זיך באטייליקן ניט נאָר מאטראָסן, רעזערוו-סאָלדאטן און סאָלדאטן פון ספּעציעלע טיילן, נאָר ניט זעלטן אויך סאָלדאטן קאדרעוויקעס. באזונדערס שנעל האָבן זיך רעוואָליוציאָניזירט די סאָלדאטן, וואָס האָבן באוואכט די פאבריקן און זאוואָדן.

„די שענדלעכע ראָליע פון פרייהייט-הענקער, — האָט לענין געשריבן, — די ראָליע פון פּאָליציישע דינער האָט גענויט ביסלעכווייז עפענען די אויגן אויך בא דער צארישער ארמיי גופע. די ארמיי האָט זיך אָנגעהויבן וואקלען. צוערשט איינצלנע פאלן פון ניט פאָלגן, אומרוען צווישן רעזערוו, פּראָטעסטן קעגן די אָפיצערן, אגיטאציע צווישן די זעלנער, איינצלנע ראָטעס אָדער פּאָלקן זאָגן זיך אָפּ צו שיסן אין די ברידער-ארבעטער".

אין פארלויף פון 1905 יאָר זיינען פאָרגעקומען 89 ארויסטרעטונגען פון פארשיידענע מיליטער-טיילן. די גרעסטע פון זיי זיינען געווען דער נייער סעוואסטאָפּאָלער אופשטאנד פון די מאטראָסן פון שווארציאמיקן פלאָט. ווייטער גייען: דער קראָנשטאטער מאטראָסן-אופשטאנד אין אָקטיאבער, דער סאפּיאָרן-אופשטאנד אין קיעוו, די אומרוען צווישן די רעזערוו-טיילן אין מינסק, סמאָלענסק, ריגע און אנד., דער באוואפנטער אופשטאנד פונעם צווייטן ראָסטאָווער גרענאדיער פּאָלק אין מאָסקווע, אָנהייב דעקאבער, און, ענדלעך, די רעוואָליוציאָנערע אומרוען צווישן די מיליטער-טיילן אין סיביר, איבערהויפּט אין דער נאָענט פונעם ראיאָן פון קריגס-אָפּעראציעס. די דעמאָביליזירטע ארמיי-מאסן פלעגן צושטיין צו די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער, איבערהויפּט צו די אייזנבאנער, אָדער זיי פלעגן פאנאנדערטראָגן די זוימען פון דער רעוואָליוציאָנערער פּראָפּאגאנדע אין דאָרף.

די סטיכיישע סאָלדאטן-באוועגונג האָט געצוווּנגען די סאָציאַלדעמאָקראטן-באָלשע-קעס צו שטעלן די פראגע וועגן שאפן מיליטערישע רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציעס, וואָס זאָלן דערנענטערן די סאָלדאטן מיט די ארבעטער, באווייזן דעם ענגן צוזאמענבונד זייערן מיטן אַלגעמיינעם רעוואָליוציאָנערן קאמף און צוגרייטן קרעפטן פאר

א געמיינזאמען ארויסטריט פון די סאָלדאטן מיט די ארבעטער קעגן דער זעלבסט-הערשונג.

פארייניקנדיק און אָרגאניזירנדיק דעם אלגעמיין-דעמאָקראטישן קאמף-פראָנט קעגן דער זעלבסטהערשונג, האָט דער פראָלעטאריאט און זיין רעוואָלוציאָנערע פארטיי טראָט נאָך טראָט דעמאסקירט די קאָנטררעוואָלוציאָנערע ראָליע פון דער בורזשואזיע אין דער רעוואָלוציע. נאָך ערעוו דעם 9-טן יאנואר האָט דער פירער פון בורזשואזן ליבעראליזם סטרווע, געפרווט דערווייזן, אז „אין רוסלאנד איז ניט פאראן קיין רעוואָלוציאָנער פאָלק". די יאנואר-באוועגונג האָט געצוווּנגען די ליבעראלע בורזשואזיע אריינצוטראָגן אין דער דאָזיקער אָנשויונג א וועזנטלעכן קאָרעקטיוו. שטיצנדיק זיך אפן אלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן אופשטייג אין לאנד, האָבן די ליבעראלן געביטן דעם פראָנט, זיי האָבן אָנגעהויבן פאָדערן א קאָנסטיטוציע, ד. ה. הונאָכעס און פאָליטישע רעפאָרמעס פון „אויבן", זיי האָבן אָבער ניט געקעמפט פאר אראָפּ-ווארפן דעם צאריזם. זיי האָבן באגריסט שידלאָווסקיס קאָמיסיע און אלע אנדערע צארישע קאָמיסיעס, ביזוואנען דער פראָלעטאריאט האָט מיט זיין נייער שטרייקן-כוואליע אינגאנצן ניט אראָפגענומען די פראגע וועגן די דאָזיקע קאָמיסיעס. דער „באפרייונג-פארבאנד", וואָס די בורזשואזע ליבעראלן האָבן געגרינדעט און וואָס האָט אָרגאניזירט די ברייטע קרייזן פון דער פראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ, האָט זומער, אונטער דער ווירקונג פון די ארבעטער-שטרייקן, גענומען ריידן וועגן א שטרייק און אפילו וועגן רעוואָלוציע. אין די רעזאָלוציעס פון דער בורזשואזער אינטעליגענץ האָבן אָפט גענומען פיגורירן די לאָזונגען וועגן א גרינדונג-פארזאמלונג. ווען עס איז אָבער דערשינען דער מאניפעסט פון 6-טן אווגוסט וועגן שאפן א מעלוכע-דומע, וואָס האָט באקומען דעם נאָמען „בוליגינישע דומע" — אפן נאָמען פונעם מיניסטער בוליגין — האָט די ליבעראלע בורזשואזיע זיך געהאלטן פאר באפרידיקט דער לאָזונג וועגן א גרינדונג-פארזאמלונג איז אראָפגענומען געוואָרן. און בלויז דער פראָלעטאריאט איז ביזן סאָף געבליבן שטיין אין דער שפיץ פונעם אלגעמיינעם דעמאָקראטישן קאמף. ער האָט דעמאסקירט און בויקאָטירט די „בוליגינישע דומע", ער האָט מאָביליזירט די מאסן צום קאמף קעגן דער זעלבסטהערשונג און דער בורזשואזיע, ער האָט גערופן צו אָרגאניזירן דרוזשינעס, רעוואָלוציאָנערע ארמיי-מאכנעס און אריבערצוגיין פון שטרייק צו א באוואָפנטן אופשטאנד.

קאפיטל פיר

די ראטן און דער באוואָפנטער אופשטאנד פונעם פראָלעטאריאט אין 1905 יאָר

1. דער אלגעמיינער פאָליטישער שטרייק און דער פראָצעס פון זיין אריבערוואקסן אין אן אופשטאנד

די אופשטאנדן אף „פאָטיאָמקין" און אין לאָדז איז ניט געווען קיין צופעליקער און איזאָלירטער פאקט. צום געווער האָבן זיך געריסן אלץ גרעסערע און גרעסערע מאסן, נאָר קיין געווער איז ניט געווען. וואָס ווייטער איז אלץ קלאָרער געוואָרן, אז

עס איז נייטיק א באוואָפנטער אופשטאנד. צו אזא אויספיר האָט געבראכט די גאנצע אנטוויקלונג פונעם פּאָליטישן מאסן-שטרייק. די באָלשעוויקעס האָבן געגוי געשטעלט פארן ארבעטער-קלאס די פראגע וועגן אן אלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק, אלס איינעם פון די שטאפּלען פון א באוואָפנטן אופשטאנד. וועגן דעם האָט אויך גע-רעדט די רעזאָליוציע פונעם III פארטיי-צוזאמענפאָר, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן צונויפגערופן אין לאָנדאָן. אין קעגנזאץ צו דער מענשעוויסטישער קאָנפערענץ, האָט דער באָלשעוויסטישער צוזאמענפאָר געשטעלט די פראגע וועגן באוואָפנטן אופשטאנד אין צענטער פון זיינע באשלוסן. און טאקע די באציִונג צו דער דאָזיקער פראגע האָט אמערסטן גענוי און אנטשיידן קלאָר געמאכט דעם אלץ טיפער ווערנדיקן אָפּגרונט צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס.

לענין און די באָלשעוויקעס האָבן געשטעלט די פראגע וועגן באוואָפנטן אופ-שטאנד פונעם פּראָלעטאריאט אין קאמף קעגן דער זעלבסטהערשונג און קעגן דער בורזשואזיע, — אלס די איינציקע מעגלעכקייט צו דערפירן די בורזשואזע רעוואָליוציע ביזן סאָף.

אינעם ארטיקל „אָנהייב רעוואָליוציע", וואָס לענין האָט געשריבן אין צוזאמענ-האנג מיט די יאנוואר-געשעענישן, איז געזאָגט: „טייקעף באוואָפענען די ארבעטער און אלע בירגער ביכלאל, צוגרייטן און אָרגאניזירן באוואָפנטע קרעפטן אף צו פאר-ניכטן די רעגירונג-אמטן און אנשטאלטן — אָט דאָס איז די פּראקטישע באזע, ארום וועלכער אלע און אלערליי רעוואָליוציאָנערן קאָנען און דארפן זיך פאראייניקן צוליב אן אלגעמיינעם קלאפּ".

די מענשעוויקעס, וואָס האָבן זיך אָריענטירט אף דער בורזשואזיע, אלס טרייב-קראפט פון דער רעוואָליוציע, האָבן אין דער זעלבער צייט געראטן דעם פּראָלעטא-ריאט — „באוואָפענען דאָס פאָלק בלויז מיט איין אומפארבייטלעך געווער, — מיט דער ברענענדיקער באדערפעניש אָנצופאלן אף דער זעלבסטהערשונג".

דאָס זיינען געווען צוויי טאקטיקעס, וואָס זיינען ארויסגעדרונגען פון צוויי פארשיידענע ליניעס אין דער רעוואָליוציע. דער גאנג פונעם פּראָלעטאריאטס רעוואָ-ליוציאָנערע שלאכטן אין פארלויף פונעם גאנצן יאָר 1905 האָט אינגאנצן באשטע-טיקט די ריכטיקייט פון דער באָלשעוויסטישער סטראטעגיע און טאקטיק און דעם בורזשואזן אונטערשלאק פון דער מענשעוויסטישער איינשטעלונג. פירנדיק נאָך זיך די פאָרגעשריטענע און באוווסטזיניקע עלעמענטן פונעם פּראָלעטאריאט, האָבן די באָלשעוויקעס געקעמפט פאר אן אומדערמידלעכן צוגרייטן אן אלגעמיינעם שטרייק, אלס שטאפּל צום באוואָפנטן אופשטאנד. די אויגוסט-און סענטיאבער-געשעענישן האָבן געשטעלט די פראגע וועגן א שטאב, וואָס זאָל אָרגאניזירן די אָנוואקסנדיקע באוועגונג. דער צענטער פונעם קאמף האָט זיך אין דעם דאָזיקן פעריאָד אָנגעהויבן ארייבערוקן קיין מאָסקווע. אין אויגוסט האָבן דאָ פארשטרייקט די דרוקער. דער שטרייק איז געגאנגען אונטער דער אָנפירונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאניזאציע „פארבאנד פון דרוק-ארבעטער". דער דאָזיקער שטרייק האָט זיך ברייט פאנאנדער-געוויקלט אין סענטיאבער און האָט אָנגענומען א פּאָליטישן און קעמפערישן כא-ראקטער.

א גרויסן פארנעם האָט אויך באקומען דער אויגוסט-שטרייק פון די בעקער. מיט א באזונדער אָרגאניזירטקייט האָט זיך אויסגעצייכנט דער שטרייק פון די בענדל-

מאכער, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך זייער פּראָפעסיאָנעלן צענטער—דורך דער דעפּוטאַטן-פאַרזאַמלונג. די מאַכן-באַוועגונג פון די טעקסטיל-ארבעטער האָט צוליב דעם פאַרשאַרפטן קריזיס אין דעם דאָזיקן פּעריאָד זיך ניט אַנטוויקלט. די אַט-מאָספער פון דער אַלגעמיינער אויפוואַכונג איז אָבער געוואָרן אַלץ אָנגעגליטער, די רעאַקציע האָט זיך געגרייט צו אַן אַנטשיידנדיקן אָנגריף. עס איז דערקלערט געוואָרן קריג-צושטאַנד. די שוואַרצע מייע האָט אָרגאַניזירט שלאַכט-דרוזשינעס, פּאָגראָמען און אָנפאַלן אָף די ארבעטער און רעוואָליוציאָנערער אינטעליגענץ זיינען פאָרגעקומען אַלץ אָפטער. די מיליטער-געריכטן האָבן געאַרבעט אינטענסיוו און האָבן אַרויסגעטראָגן טויט-אורטיילן. די רעוואָליוציע האָט אָבער צוגעזאַמלט קרעפטן און זיך געגרייט צו אַ ווידערשטאַנד. די קאָלאָסאַלע פאַרזאַמלונגען פון אַר-בעטער און סטודענטן, די מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס, רעוואָליוציאָנערע רעזאָ-ליוציעס און לאָזונגען, צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי, זעלבסטשוץ-מאַכנעס, פּראָ-טעסט-שטרייקן,—דאָס אַלץ זאָגט אייִדעס וועגן דעם, אַז די געשעענישן זיינען שטורמיש געוואַקסן.

די סענטיאַבער-שטרייקן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן איבער עקאָנאָמישע קאָנ-פליקטן, זיינען שנעל אריבערגעוואַקסן אין פּאָליטישע. די גרונט-פאָדערונגען, וואָס זיי האָבן אַרויסגעשטעלט, זיינען געווען—אַן 8-שעהיקער ארבעט-טאָג און אַ גרינ-דונג-פאַרזאַמלונג. אין סענטיאַבער האָבן די שטרייקן ארומגעכאַפּט אַלע מאָסקווער דרוקעריַיען, דעם 3-טן אָקטיאַבער איז דערקלערט געוואָרן אַן אַלגעמיינער שטרייק פון די פּעטערבורגער דרוקערייען, אַלס צייכן פון סאָלידאַריטעט. צו די דרוקערייען פון ביידע הויפּט-שטעט האָבן זיך אָנגעשלאָסן די ארבעטער פון אַנדערע אונטער-נעמונגען. אין אַן אַלגעמיינעם שטרייק האָט ער זיך אָבער פאַרוואַנדלט ערשט דאַן, ווען צום שטרייק זיינען צוגעשטאַנען די אייזנבאַנער. דעם 7-טן אָקטיאַבער האָט פאַרשטרייקט די מאָסקווע-קאַזאַנער אייזנבאַן, דעם 8-טן און 9-טן זיינען צו אים צוגעשטאַנען אויך די איבעריקע אייזנבאַנען. דער שטרייק האָט זיך איבערגעטראָגן אָף אַלע גרונט-ליניעס. דער דעלעגאַטן-צוזאַמענפאָר, וואָס האָט דאַן אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען אין פּעטערבורג, האָט אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם פון פאָדערונגען, וועלכע איז געוואָרן די פּאָליטישע פּלאַטפאָרם פון די שטרייקנדיקע אייזנבאַנער.

דעם 10-טן אָקטיאַבער האָבן פאַרשטרייקט די ניקאָלייעווער און מאָסקווע-ווינ-דאַווער אייזנבאַנען. דעם זעלבן טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינער פּאָליטישער שטרייק אין כאַרקאָוו. לויטן באַפעל פון פּעטערבורגער ראַט פון די ארבעטער-דעפּו-טאַטן האָט זיך דער אַלגעמיינער פּאָליטישער שטרייק פאַרשפּרייט איבער גאַנץ רוס-לאַנד. דעם 13-טן אָקטיאַבער זיינען צוגעשטאַנען צום שטרייק די אַמערסטן ווייטע אייזנבאַנען: סיבירער, טראַנסבייַקאַלער, טאַשקענטער און אַלע איבעריקע. דעם 14-טן אָקטיאַבער האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינער שטרייק אין רעוועל, דעם 15-טן און 16-טן אין ריגע, ווילנע, אָדעס און אַנד.

אונטער דער ווירקונג פון די ארבעטער-שטרייקן האָט זיך פאַרשטאַרקט די כוואַליע פּויערים-אויפשטאַנדן. סרייפעס, פּאָגראָמען, עקספּראָפּריאַציעס זיינען אין פאַרלויף פון אָקטיאַבער פאָרגעקומען מער ווי אין 250 אויעזדן. אויך אין דער אַרמיי זיינען געוואַקסן די רעוואָליוציאָנערע אומרוען, איבערהויפּט אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן אָפן ווייטן מיזרעך.

אָט אזוי האָט זיך אָנגעהויבן,—ווי די בורזשואזע פרעסע האָט געשריבן,—דער פאָרשפּיל צו דער רעוואָליוציע. דער מאָסקווער קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס האָט אין דער פּראָקלאמאציע פון 15-טן סענטיאבער געזאָגט: „דער שטרייק איז אַן אָנהייב, דער ערשטער ארויסטריט פון דער ארבעטער-באוועגונג אין קאמף קעגן דעם פארהאסטן סיגנע פון די ארבעטער—קעגן דער זעלבסטהערשערישער רעגירונג".

דער מ. ק. באָלשעוויקעס האָט אין דעם דאָזיקן פעריאָד נאָך ניט פארמאָגט גענוג קרעפטן, קעדריי קאָנען ארומכאפּן און דירעקט אָנפירן מיטן פּאָליטישן שטרייק, וואָס האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט, און מיט זיין אריבערגאנג אין א באוואָפנטן אופשטאנד. די דערמאָנטע סענטיאבער-פּראָקלאמאציע האָט אָבער געגעבן די פּאָליטישע דירעקטיוו.

„פון שלאָף-צושטאנד—צו א שטרייק, פון א שטרייק—צו א באוואָפנטן אופשטאנד, פון באוואָפנטן אופשטאנד צו א זיג,—אזא איז אונדזער וועג, דער וועג פונעם ארבעטער-קלאס".

נאָך סיי דער פּעטערבורגער קאָמיטעט און סיי דער מאָסקווער האָבן אין די דאָזיקע טעג ניט אויפגעשטעלט פּראקטיש דעם לאָזונג וועגן אריבערגאנג פונעם שטרייק אין א באוואָפנטן אויפשטאנד. פון 19-טן סענטיאבער האָט דער פּעטערבורגער שטרייק אָנגעהויבן גיין בארג-אראָפּ. דעם 21-טן סענטיאבער האָט דער ראט געמאָלדן, אז דער שטרייק ווערט אָפּגעשטעלט. דער שטרייק האָט ארויסגעריסן בא דער רעגירונג, אלס האנאָכע, דעם מאניפעסט פון 17-טן אָקטיאבער. דאָס איז אָבער געווען בלויז א מאנעוור מיצאד דער זעלבסטהערשונג, וואָס האָט געוואָלט דערמיט געווינען צייט און אריינטראָגן א צעררודערונג און א מיינונג-פארשיידנהייט אינעם רעוואָליוציאָנערן לאגער. דער מאניפעסט איז געגאנגען אף געוויסע האנאָכעס פאר דער בורזשואזיע. ער האָט אָבער ניט אָנגערירט די יעסוידעס פון דער זעלבסטהערשונג. דער מאניפעסט האָט געהאט די אויפגאבע צו פּרווון אָפּווענדן די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג אפן וועג פון א ברעקלדיקער לעגאלקייט און ווידער פירן די ארבעטער אפן שטריקל בא דער זעלבסטהערשונג. די בורזשואזיע און די בורזשואזע אינטעליגענץ זיינען געווען פולשטענדיק באפרידיקט מיט דער צארישער האנאָכע און האָבן ענדגילטיק אופגעהערט צו טראכטן וועגן א רעוואָליוציע. דער בונד צווישן דער בורזשואזיע מיט דער זעלבסטהערשונג איז נאָך ענגער פארפעסטיקט געוואָרן. די בורזשואזיע האָט זיך ענדגילטיק און אינגאנצן געשטעלט אפן וועג פון קאָנטער-רעוואָליוציע און איז אריבער אין אָנגריף קעגן דעם פּראָלעטאריאט. די מענשעוויקעס האָבן ניט אָפּגעשאצט דעם דאָזיקן קער פון דער בורזשואזיע און האָבן ווייטער גערופן צו שטיצן זי און אויסנוצן די „פרייהייטן", וואָס דער מאניפעסט פון 17-טן אָקטיאבער האָט צוגעזאָגט. בלויז די באָלשעוויקעס מיט לענינען בעראָש האָבן שארף קריטיקירט דעם מאניפעסט און האָבן גערופן די ארבעטער זיך גרייטן צו א באוואָפנטן אופשטאנד. עס איז געגעבן געוואָרן דער לאָזונג: „פריער פאר אלץ קריגן געווער". אָבער קיין דירעקטער רוף צו אן אופשטאנד איז ניט געווען, באוואָפנטע דרוזשינעס און ארבעטער-אָטריאדן איז געווען ווייניק, זיי האָבן קוים געקלעקט אף צו אָרגאניזירן א זעלבסט-שוץ קעגן דער שווארצער מייע און צו קעמפן

קעגן דער בלוטיקער קייט פון יידישע פּאָגראָמען, מיט וועלכע דער צאַריזם האָט באַצייכנט זיין מאַניפעסט וועגן „פרייהייטן".

דער פּעטערבורגער קאָמיטעט האָט פאָרגעלייגט די ארבעטער זיך אָרגאַניזירן און זיך באַוואָפענען: „בלויז דער באַוואָפנטער אופשטאַנד און די צייטווייליקע רעגירונג, בלויז די רעוואָליוציאָנערע פאָלק-ארמיי וועט אונדז באַפרייען פון דער עקלהאַפטער באַנדע",—האָט געשריבן די פּראָקלאַמאַציע, און האָט גערופן: „און איצט, כאַווייריס, געווער, פריער פאַר אַלץ געווער".

לענין האָט אויך פאַרצייכנט דעם וווּקס פונעם אופשטאַנד און דעם פּראָלעטאַריאַט גרייטן זיך צו אים: „דער פּראָלעטאַריאַט פון גאַנץ רוסלאַנד שלאָגט זיך דורך א וועג מיט העראָישע אָנשטרענגונגען",—האָט לענין געשריבן אינעם ארטיקל „דער פּאָליטישער שטרייק און דער גאַסן-קאַמף אין מאָסקווע", אָנגערקנדיק דאָ און דאָרט, אין וואָס פאַר א ריכטונג דער באַוואָפנטער אופשטאַנד קען און וועט זיך אנטוויקלען... דער בירגער-קריג האָט אָנגענומען א פאָרם פון אן איינגעשפאַרטן און דורכויסיקן פּאַרטיזאַנען-קריג. און אינעם ארטיקל דער „אַלרוסלענדישער פּאָליטישער שטרייק" האָט שוין לענין דירעקט אונטערגעשטראָכן, אַז דער אופשטאַנד דערגענטערט זיך, אַז ער וואַקסט אויס פאַר אוגדזערע אויגן פונעם אַלרוסלענדישן שטרייק, און ער האָט גערופן די פּאַרטיי און די ארבעטער צו גרייטן זיך צו אים.

2. די ראַטן פון ארבעטער-דעפּוטאַטן און זייער ראָליע אינעם צוגרייטן דעם אופשטאַנד

דער אַלגעמיינער אָקטיאַבער-שטרייק האָט זיך אַזויאַרום אָנגעהויבן ווי אן אָפענער קלאַסן-קריג. דער שטרייק האָט ניט נאָר ארומגעכאַפּט דעם פאַבריק-זאַוואָדישן און אייזנבאַנערישן פּראָלעטאַריאַט, נאָר ער האָט אויך אופגעוועקט צום קאַמף נייע שיכטן ארבעטער און ארבעטנדיקע. צוזאַמען מיט דער לערניוגנט האָבן אינעם אָקטיאַבער-שטרייק אָנטיילגענומען ניט ווייניקער ווי 2 מיליאָן מענטשן.

קוואַנטיטאַטיוו און קוואַליטאַטיוו איז די אָקטיאַבער-כוואַליע געווען די סאַמע העכסטע. זי האָט געגעבן 20 פּראָצ. פון דער גאַנצער צאָל שטרייקן פאַרן יאָר 1905 און 17,7 פּראָצ. פון דער גאַנצער צאָל שטרייקער. דער אָקטיאַבער-שטרייק האָט באַוויזן, וויאַזוי דער פּראָלעטאַריאַט פאַרווירקלעכט אין דער פּראַקטיק זיין אָנפירנדיקע לאַגע אין דער רעוואָליוציע. אינעם פעריאָד פונעם אָקטיאַבער-שטרייק האָט זיך דעריבער שאַרף געשטעלט די פראַגע וועגן דער זעלבסטאָרגאַניזירונג פונעם פּראָלעטאַריאַט, אָנהייבנדיק פון פאַרשיידענע פאָרמען פאַבריק-זאַוואָדישע פאָרשטייערשאַפט און ביזן שאַפן ראַטן פון ארבעטער-דעפּוטאַטן. און טאַקע די ראַטן איז אינעם גאַנג פון דער רעוואָליוציע פאַרגעשטאַנען צו ווערן די אָרגאַנען פון רעוואָליוציאָנערן אופשטאַנד. קימאַט אַלע אָרגאַניזאַציעס פון דער ארבעטער-פאָרשטייערשאַפט, וואָס זיינען אופגעקומען בייס דעם אָקטיאַבער-שטרייק, זיינען אונטער דער ווירקונג פון די באָלשעוויקעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ראַטן, אַלס אָרגאַנען פאַר צוגרייטן דעם אופשטאַנד. די מענשעוויקעס, ווידער, האָבן געהאַלטן די ראַטן פאַר „אָרגאַנען פון רעוואָליוציאָנערער זעלבסטפאַרוואַלטונג". דער אָקטיאַבער-שטרייק האָט באַזונדערס ארויסגערוקט די באַדייטונג פון די ראַטן, אַלס רעוואָליוציאָנערן קאַמף-צענטער

פונעם פּראָלעטאַריאַט אפן וועג צום אויפשטאַנד. די מערהייט ראַטן זיינען טאַקע געשאַפן געוואָרן בייס דעם איבערגאַנג-פּראָצעס פונעם פּאָליטישן שטרייק אין אַ באוואָפנטן אויפשטאַנד. בלויז דער איוואַנאָוואָ-וואָזנעסענסקער ראַט איז אנטשטאַנען אין מיי 1905 אין רעזולטאַט פונעם אַלגעמיינעם שטרייק פון די איוואַנאָוואָער טעקסטיל-אַרבעטער. די הויפּט-טעטיקייט פונעם איוואַנאָוואָ-וואָזנעסענסקער ראַט איז באַשטאַנען אין אָנפירן מיטן אַלגעמיינעם שטרייק. ווען דער שטרייק האָט אויפגעהערט, האָט אויך דער ראַט אויפגעהערט צו אַרבעטן, אַלס "שטענדיקער אָרגאַן פון די אַרבעטער-דעפּוטאַטן. דער פּעטערבורגער ראַט איז אויך אויסגעוואָקסן אין גאַנג פונעם אָנוואַקסנדיקן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק. אַף דער ערשטער זיצונג פון 13-טן אָקטיאַבער 1905 זיינען בייגעווען 40 דעפּוטאַטן, אַף דער דריטער זיצונג—226 דעפּוטאַטן און אין יאַנוואַר אַ מאַקסימאַלע ציפער—568 דעפּוטאַטן. אינעם ראַט זיינען פאַרגעשטעלט געווען 147 פאַבריקן און זאַוואָדן, 34 וואַרשטאַטן און 16 פּראָפאַריינען. אויסער סאָציאַלדעמאָקראַטן זיינען אינעם ראַט אַריין אויך עסערן און אומפּאַרטייִשע. דער פּעטערבורגער ראַט איז, טראָץ די אויסזיכטן פון די מענשעוויקעס, געוואָרן אַ קעמפערישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע. די באַדייטונג פונעם פּעטערבורגער ראַט האָט זיך פאַרשפּרייט פיל ווייטער אויסער די טעריטאָריעלע גרענעצן פון דער ציין שטאָט, קידעסקאָל דערפאַר, וואָס פּעטערבורג איז פון לאַנג אָן געווען די פעסטונג פון דער רעוואָלוציע.

דער פּעטערבורגער ראַט האָט זיך באַלד געשטעלט אין דער שפּיץ פונעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק. ער איז אַרויסגעטראָטן, ווי אַן עכטער מאַכט-אָרגאַן. דעם 18-טן אָקטיאַבער האָט דער ראַט דערקלערט אין פּעטערבורג פרייהייט פון פּרעסע און פאַרניכטונג פון דער צענזור. דער ראַט האָט געפאָדערט געלט בא דער שטאָט-דומע אַף באַוואָפענען די אַרבעטער, די שפּייז-קראָמען און די גאָרקיכן האָט ער פאַרבאָטן אַרויסצוגעבן פּראָדוקטן דער פּאָליציי און די קאָזאַקן אַפילו פאַר געלט. דער ראַט האָט מיט גוואַלד פאַרכאַפּט די דרוקערייען און געדרוקט דאָרט זיין צייטונג „איזוועסטיאַ סאָוועטאַ ראַבאָטשיך דעפּוטאַטאָוו". דער ראַט איז באַשטאַנען איבערהויפּט פון מעטאַליסטן. די מעטאַליסטן האָבן געהאַט 351 דעפּוטאַטן פון דער אַלגעמיינער צאָל 508 דעפּוטאַטן. אין דער שפּיץ פונעם ראַט זיינען אָבער געשטאַנען מענשעוויקעס אָדער נאָענטע צו זיי. אונטער באָגדאַנאָווס ווירקונג זיינען די באָלשעוויקעס אינגאַנצן ניט געקומען אַף דער ערשטער זיצונג. לענין איז אין פּעטערבורג ניט געווען. און פּאַסירט האָט אַזוי, אַז אַלס פאָרזיצער פונעם ראַט איז אויסגעוויילט געוואָרן דער אומפּאַרטייִשער אַדוואָקאַט כרוסטאַליעוו-נאָסאַר, וואָס איז שפּעטער אַריינגעטראָטן אין דער מענשעוויסטישער פראַקציע. דער פאַקטישער פאָרזיצער און אָנפירער פונעם ראַט איז אָבער געווען טראָצקי (אונטערן נאָמען יאַנאָווסקי), וועלכער האָט קונציק צונויפגעפּאָרט רעוואָלוציאָנערע פראַזע מיט אָפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק. אַרויסגייענדיק פון דער אָפּן וואָרט זייער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע וועגן פּערמאַנענטער רעוואָלוציע, האָט טראָצקי געשטעלט דעם טראָפּ אַף סאָציאַליזם, אַריבערשפּרינגענדיק איבער איר בורזשואַזנע-דעמאָקראַטישן עטאַפּ. אינדערצייט, ווען לענין און די באָלשעוויקעס האָבן גערעדט וועגן אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג און וועגן אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק אַלס אַמערסטן גינסטיקע פּאָליטישע פאָרם פאַרן פּראָלעטאַריאַט אַף צו קעמפן פאַר סאָציאַליזם, האָט בא

טראָצקין די פאַלונג פון דער זעלבסטהערשונג געהייסן, אַז עס הייבט זיך גלייך אָן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע (דערפון טאַקע שטאַמט זיין פאָרמול: „אָן א קייסער און די רעגירונג—אָן ארבעטער-רעגירונג"). דערמיט אליין האָט טראָצקי פולשטענדיק איגנאָרירט אזא פילבאר געוויכט אפן וואָגשאָל פון דער רעוואָלוציע, ווי דאָס הונדערטמיליאָניקע פויערטום, וואָס אין אים האָט טראָצקי איינגעזען ניט קיין פאַרבינדעטן פונעם פראָלעטאריאט אין דער רעוואָלוציע, נאָר די הויפט-קראַפט פון דער קאָנטער-רעוואָלוציע. און אָט-דער אויספיר איז דאָך געווען די גרונט-האנאָכע פונעם מענשעוויזם.

די קאַמף-שטימונג פון די פעטערבורגער פראָלעטאריער איז אָבער אלץ געוואַקסן. באַנוצנדיק זיך דערמיט, האָט דער ראַט געמאָלדן איין שטרייק נאָכן אנדערן, נאָר קיין איינער פון זיי איז ניט דערפירט געוואָרן ביזן סאָף. טראָצקי האָט געהאלטן און האָט דערוויזן די דעפוטאטן, אַז דער פאָליטישער שטרייק „האָט א דעמאָנסטראַטיוון כאַראַקטער", אַז ער שטעלט זיך ניט פאַר קיין ציל טייקעף אראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג: „אונדזערע ארויסטרעטונגען,—האָט ער געזאָגט,—דאָס זיינען א ריי אָנגרייפנדיקע שלאַכטן. זייער ציל איז—דעזאָרגאניזירן די רעגירונג, געווינען סימפּאַטיע בײַ נייע גרופּן, דערין אויך בײַ דער ארמיי". אינדערצייט, ווען די באָלשעוויקעס האָבן געפאָדערט אָרגאַניזאַציאָנעל-טעכניש און פאָליטיש צוגרייטן דעם באוואָפנטן אויפשטאנד, כדי אראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג און איינשטעלן א רעוואָלוציאָנער-דעמאָקראטישע דיקטאַטור פונעם פראָלעטאריאט און פויערטום, האָט טראָצקי געהאלטן פאַר נייטיק „צו פאַנאַנדערציען דעם דאָזיקן פעריאָד פון צוגרייטן די מאסן אף א כוידעש-צוויי, כדי דערנאָך ארויסטרעטן מיט א מעגלעכסט באַהעפטערער און אָרגאַניזירטערער קראַפט". אין די טעג פון צוגרייטן דעם אויפשטאַנד, ווען פאַרזאַמען איז צו טויט געגליכן, האָט טראָצקי פאָרגעלייגט א כוידעש-צוויי פאַרנעמען זיך מיט אַגיטירן און אָרגאַניזירן די מאסן אפן באָדן פון די „אויסגעקעמפטע פרייהייטן".

טראָצקי האָט, אלזאָ, ניט פאַרשטאַנען די ראָליע פון די ראַטן, אַלס אָרגאַנען פון רעוואָלוציאָנערער מאַכט, און ער האָט ניט געפירט קיין אָרגאַניזאַציאָנעלע צוגרייטונג צום אויפשטאַנד. ער האָט זיך באַגרענעצט בלויז מיט שיינע דעקלאַראַציעס. טראָצקי, ווי אויך אלע מענשעוויקעס, האָט אָפּגעלייקנט די נייטיקייט גופא צו אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד. אפן צארישן געריכט איבער די דעפוטאטן האָט ער וועגן דעם געזאָגט: „ווי וויכטיק עס זאָל ניט זיין דאָס געווער, אָבער ניט אינעם געווער, הערן ריכטער, איז די הויפט-קראַפט. ניין, ניט אינעם געווער, ניט די פייקייט פון די מאסן צו הארגענען, נאָר זייער גרויסע גרייטקייט צו שטאַרבן—אָט וואָס, הערן ריכטער, עס באַוואָרנט פון אונדזער שטאַנדפונקט אינעם לעצטן סאַכאַקל דעם זיג פאַרן פאָלק-אויפשטאַנד".

די באַריקאַדן האָבן, לויט טראָצקין, געשפּילט בלויז א מ אָ ר א ל י ש ע ראָליע. אין די דאָזיקע אלע אָנשטרענגונגען איז טראָצקי ניט געגאַנגען ווייטער פון די אלגעמיינע מענשעוויסטישע אָנווייזונגען וועגן דעם, אַז מע דאַרף זיך זאָרגן ניט וועגן קריגן געווער אף באַוואָפענען די מאסן, נאָר באַוואָפענען זיי מיט דער „ברענענדיקער באַדערפעניש פון זעלבסטבאַוואָפענונג" און מיט דער „גרויסער גרייטקייט צו שטאַרבן".

די דאָזיקע מענשעוויסטישע טאקטיק מיצאד די אָנפירער פון ראט האָט געבראכט דערצו, אז דער ראט איז ניט פייִק געווען צו אָרגאניזירן די מאסן, וואָס האָבן זיך געריסן אין שלאכט. די טאקטיק פון דער ראט־אָנפירונג האָט געבראכט דערצו, אז דער אָרגאן פון דער ארבעטער־מאכט איז שוואכער ווי אלץ געווען דאָרט, ווו עס איז שטארקער ווי אלץ געווען די אלטע מאכט. אָנערהאלבן כאַדאָשים האָבן עקזיסטירט צוויי מאכט־אָרגאנען: דער ראט פון ארבעטער־דעפוטאטן און וויטעס רעגירונג. דער ראט האָט געהאט א גוואלדיקע אגיטאציע־ווירקונג אויף די מאסן. נאטירלעך, אז בא דער קלענסטער אָפּשוואכונג פון דער רעוואָליוציע האָט דער צאריזם געאיילט צו ליקווידירן אים. דעם 21־טן נאָיאבער איז ארעסטירט געוואָרן דער פאָרזיצער כרוסטאליעוו־נאָסאר. דער ראט איז ניט אימשטאנד געווען צו ענטפערן אפן דאָזיקן ערשטן אקט פון אָפּרעכענען זיך מיטן ראט. דאַן איז דעם 3־טן דעקאבער אלט. סט. ארעסטירט געוואָרן דער גאנצער אויספירקאָם מיט טראָצקין בעראָש. דער ראט האָט זיך געהאלטן ביזן 2־טן יאנואר 1906, ביז עס איז ארעסטירט געוואָרן דער צווייטער אויספירקאָם. דער דורכפאל פונעם אופשטאנד אין מאָסקווע און אין אנדערע שטעט האָט אין דער זעלבער צייט אויך פאָרויסבאשטימט דעם אויסגאנג פון דער רעוואָליוציע. אחוץ דעם פעטערבורגער ראט, זיינען אין 1905 יאָר געשאפן געוואָרן ביז 30 ראטן, די באדייטנדיקסטע פון זיי זיינען געווען: דער מאָסקווער, קאטערינאָסלאווער, נאָוואָראָסייסקער און קראסנאָיארסקער. אין קראסנאָיארסק האָט זיך געשאפן א פאראייניקטער ראט פון ארבעטער־ און סאָלדאטן־דעפוטאטן. דער מאָסקווער ראט איז, לויט זיין ראָליע, געווען דער סאמע באדייטנדיקסטער נאָכן פעטערבורגער. מיטן מאָסקווער ראט האָבן אָנגעפירט די באָלשעוויקעס און ער האָט זיך געשטעלט בעראָש פונעם אָנוואקסנדיקן באוואָפנטן ארבעטער־אופשטאנד. אינעם ראט זיינען פאָרגעשטעלט געווען 204 דעפוטאטן פון 134 אונטערנעמונגען. דער מאָסקווער ראט האָט עקזיסטירט ניט לאנג. ער האָט זיך געשאפן דעם 22־טן נאָיאבער און האָט אופגעהערט עקזיסטירן צוזאמען מיט דער מאפּאָלע פונעם מאָסקווער באוואָפנטן אופשטאנד. די ראטן פון ארבעטער־דעפוטאטן האָבן שוין אין 1905 יאָר פארווירקלעכט די ארבעטער־און פויערים־מאכט. אָפּשאצנדיק די ראָליע פון די ראטן אין דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר, האָט לענין געשריבן: „יאָ, דאָס זיינען, אָן צווייפל, געווען עמבריאָנען פון דער נייער פאָלקישער אָדער, אויב איר ווילט, רעוואָליוציאָנערער רעגירונג. לויטן סאָציאל־פּאָליטישן כאראקטער איז דאָס געווען א דיקטאטור פון די רעוואָליוציאָנערע עלעמענטן פונעם פאָלק אין איר אָנפאנגלעכן צושטאנד“.

די ראטן זיינען, אזויארום, געווען אָרגאנען פון רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט און פויערטום. זיי זיינען געווען די דירעקטע פאָרגייער פון די ראטן פון יאָר 1917.

3. דער באוואָפנטער דעקאבער־אופשטאנד

דער אלגעמיינער פּאָליטישער שטרייק האָט צוגעגרייט דעם באוואָפנטן אופשטאנד. די ארבעטער האָבן זיך אין דער דערפארונג איבערצייגט, אז מיט א שטרייק אָן א באוואָפנטן אופשטאנד קענען זיי זיך צו קיין פרייהייט ניט דערשלאָגן. דער

אלגעמיינער שטרייק האָט דעזאָרגאַניזירט דעם רעגירונג-אַפּאַראַט, נאָר מע האָט אים אָבער געדאַרפט צעשמעטערן.

„וואָס עס וועט ניט געבן דער שטרייק, וועלן מיר זיך דערשלאָגן מיט א באַוואָפנטן אופשטאַנד", — האָט דער פעטערבורגער קאָמיטעט געשריבן אין זיין אופרוף.

דער שטרייק איז געווען א מין אַרטילערישע צוגרייטונג, קעדיי אָפּצורייניקן דעם באָדן פאַרן אופשטאַנד. די צאָל שטרייקער איז געוואַקסן אין א קאָלאָסאַלער מאָס. אויב אין יאַנוואַר זיינען געווען 13 טויזנט פּאָליטישע שטרייקן, אין אָקטיאַבער — 330 טויזנט, איז אין דעקאַבער די דאָזיקע צאָל אויסגעוואַקסן ביז 370 טויזנט.

„די דריי לעצטע כאָדאָשים פון דעם דאָזיקן יאָר — אָקטיאַבער, נאָיאַבער, דעקאַבער, — האָט לענין געשריבן וועגן דעם דאָזיקן נייעם עטאַפּ פון דער רעוואָליוציע, — זיינען געווען א פּעריאָד פון אן אויסגעצייכנט פעסטן, ברייטן, רעוואָליוציאָנערן מאַסן-קאַמף, — א פּעריאָד פון פּאָליטישן מאַסן-שטרייק און באַוואָפנטן אופשטאַנד".

די דערפאַרונג פונעם אלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק אין אָקטיאַבער האָט באַוויזן, און די דערפאַרונג פונעם צווייטן אלגעמיינעם שטרייק אין נאָיאַבער האָט באַשטעטיקט, אז אָן אן אופשטאַנד איז דער זיג פונעם פּראָלעטאַריאַט אוממעגלעך.

דער נאָיאַבער-שטרייק איז דערקלערט געוואָרן דורכן פעטערבורגער ראַט דעם 1-טן נאָיאַבער אונטערן לאָזונג „נידער מיט די פעלד-געריכטן און טויט-שטראָף!" דער פּראָלעטאַריאַט האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם אָפּרעכענען זיך מיט די קראָנשטאַטער רעוואָליוציאָנערע מאַטראָסן און קעגן איינפירן באַלאַגערונג-צושטאַנד אין פּוילן. דער פעטערבורגער שטרייק איז אָבער ניט געשטיצט געוואָרן דורך א נייעם פּאָליטישן שטרייק אין מאָסקווע און אין דער פּראָווינץ. אין דעם דאָזיקן פּעריאָד האָט די רעוואָליוציאָנערע כוואַליע זיך שוין דערקייקלט ביז צו די סאַמע דערווייטערטסטע אינדוסטריעלע ראַיאָנען און האָט ארומגעכאַפּט די אמערסטן אָפּגעשטאַנענע שיכטן, וואָס האָבן זיך דערווייל אויפגעהויבן בלויז צום עקאָנאָמישן קאַמף. די רעוואָליוציאָנערע אַטמאָספער איז געווען קלאָר. די עקאָנאָמישע שטרייקן זיינען שנעל אריבערגעוואַקסן אין פּאָליטישע. אזוי האָט פּאַסירט מיטן נאָיאַבער-שטרייק אין אָרעכאָוואָ-זויעוו, מיטן אלגעמיינעם שטרייק אין קאָסטראָמע, אין יאַראָסלאַוול אויף קאָרזינקינס מאַנופאַקטור. די דאָזיקע מאַנופאַקטור האָט אָנהייב רעוואָליוציע פון 1905 זיך נאָך גערעכנט, אלס די פעסטונג פון קאָנסערוואַטיזם און געהאָרכזאַמקייט. דער אָקטיאַבער-שטרייק האָט געמאַכט פאַר ניי-געבוירן די דאָזיקע 15-טויזנטיקע מאַסע אָפּגעשטאַנענע טעקסטיל-אַרבעטער. אָנגעהויבן דעם שטרייק אויף קאָרזינקינס פאַבריק האָבן די פרויען, דעם 15-טן נאָיאַבער. די דערוואַכונג פונעם באַוווסטזיין בא די פרויען אַרבעטערנס איז אין דעם דאָזיקן פּעריאָד געגאַנגען באַזונדערס אינטענסיוו. דעם 2-טן נאָיאַבער איז אין סאַווע מאָראָזאָווס פאַבריק צונויפגערופן געוואָרן א ספּעציעלער פרויען-מיטינג. די אַרבעטערנס האָבן אָנגענומען א רעזאָליוציע וועגן שטיצן „מיט אלע מיטלען דעם קאַמף פון אלע אַרבעטער פאַר זייער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע". אזעלכע רעזאָליוציעס האָבן אויך אָנגענומען די אַרבעטערנס פון אַנדערע אונטערנעמונגען. צווישן אלע אַנדערע פאָדערונגען פלעגן די שטרייקער סיסטעמאַטיש אַרויסשטעלן א פאָדערונג וועגן באַציִען זיך איידל צו די פרויען. די פּאָליטישע און קלאַסעווע דערציִונג פון די סאַמע אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער און אַרבעטערנס אינעם פּראָצעס פון דער רעוואָליוציע האָט געבראַכט צו געהעריקע רעזולטאַטן

„דער מעכטיקער דונער פון דער ארבעטער-באַוועגונג האָט זיך דערקייקלט אויך ביז אונדזערע העקן און האָט אונדז אויפגעוועקט פון לאַנגן שלאָף", — שרייבן 35 דעפּוטאַטן פון דער ווייסער פּאָקראָווסקער מאַנופאַקטור אין א בריוו. — „מיט שוידער האָבן מיר זיך אומגעקוקט ארום זיך און האָבן דערזען אין וואָס פאַר אַן ע להאַפּטער לאַגע מיר מאַטערן זיך, וואָס פאַר אַן אומדערטרעגלעכן דרוק מיר האָבן פאַרליטן".

די מאַסן האָבן זיך געריסן אין שלאַכט. די ארבעטער האָבן געפּרוווט פאַרגרייטן געווער. אין די שמידערייען און וואַרשטאַטן האָבן די מעטאַליסטן געשמידט קינזשאַלן און אנדערע קאַלטע געווערן. אין די פאַבריקן און זאַוואָדן האָבן זיך געשאַפן שלאַכט-דרוזשינעס, באַוואָפנטע מיט רעוואָלווערן, זעלבסטגעמאַכטע באָמבעס, ביקסן א. דגל. די ארבעטער האָבן זיך געלערנט שיסן. אין דער שפּיץ פון די שלאַכט-דרוזשינעס זיינען געשטאַנען די פּאַרטיישע שלאַכט-אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן געקראָגן געווער און געלט, זיי האָבן אָרגאַניזירט וואַרשטאַטן צו פּראָדוצירן אומרייס-גראַנאַטן, — זיי האָבן געפירט די מיליטער-טעכנישע צוגרייטונג צום אויפשטאַנד, אונטערוואַרפנדיק זייער טעטיקייט צו די אַלגעמיינע אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי און פון ארבעטער-קלאַס. די שלאַכט-דרוזשינעס זיינען געוואָרן די גרונטלעכע באַוואָפנטע קראַפט פון די אויפגעשטאַנענע ארבעטער אין מאָסקווע.

דער באַוואָפנטער דעקאַבער-אויפשטאַנד איז ארויסגעוואַקסן דירעקט פונעם אַלגעמיינעם שטרייק און ער איז געוואָרן דער העכסטער פּונקט אין דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציע. פאַר אים איז פאָרגעקומען דער פּריצישטיקער סאָלדאַטן-אויפשטאַנד פון 2-טן ראָסטאָווער פּאָלק, וואָס איז ניט געווען פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער ארויסטרעטונג פון די ארבעטער.

די ארבעט פון אָרגאַניזירן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד איז פון פריער אָנגעמערקט געווען לויט א באַשטימטן פּלאַן און די צוגרייטונג האָט זיך געפירט אינטער דער אָנפירונג פון די באָלשעוויקעס. דעם 17-טן דעקאַבער 12 אזייגער באַנאַכט האָבן דער מאָסקווער ראַט און די פּאַרטיי באָלשעוויקעס דערקלערט אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק מיט דער רעכענונג אריבערצופירן אים אין א באַוואָפנטן אויפשטאַנד. אויפן רוף פון דעם ראַט און פון דער פּאַרטיי האָט דער ארבעטער-קלאַס געענטפערט מיט אַן אומגעוועזענער איינמוטיקייט. דעם ערשטן טאָג האָבן פאַרשטרייקט 100 טויזנט מענטשן. עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט די אייזנבאַנען. די ארבעטער האָבן זיך באַוואָפנט. מאָסקווע איז אָפּגעשטאָרבן אין ליאַרעם פון פּאַניק און אין דערוואַרטונג פון געשעענישן. אויף פּרעסניע, וואָס האָט געשפּילט א גוואַלדיקע ראָליע אינעם אויפשטאַנד, זיינען פאָרגעקומען מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס. דעם 9-טן דעצעמבער אינאָווענט האָט זיך מאָסקווע באַדעקט מיט די ערשטע באַריקאַדן, אלס ענטפער אויף דעם, וואָס מע האָט צעגראָמירט דעם מיטינג אין פילערקאָווס שול. באַריקאַדן האָבן געבויט ניט נאָר ארבעטער, נאָר אויך די ברייטע מאַסן פון דער מיטפילנדיקער באַפעלקערונג.

די שלאַכט-אָרגאַניזאַציע באַם מ.ק. רסדא"פ(ב) האָט געגעבן אָנווייזונגען, וואָס צו טאָן בעשאַסן אויפשטאַנד. מיט באַריקאַדן האָבן זיך באַדעקט זאַמאָסקוואָרעטשיע, ארבאַט, און, באַזונדערס, פּרעסניע. די שיסעריי האָט ניט אויפגעהערט אויף קיין איין מינוט. די גאַסן און הייזער, וואָס האָבן זיך געפונען נאָענט פון די באַריקאַדן, האָבן

געדינס אלס אָנגריף-פּאָזיציעס קעגן די סאָלדאטן. דאָס איז געווען א פּארטיזאנישער קריג צווישן קליינע גרופּעס דרוזשיניקעס מיט מיליטער. די ארבעטער האָבן אנט-וואָפנט איינצלנע סאָלדאטן און פּאָליציאנטן, טיילמאָל גענומען אין געפענקעניש, נאָר באלד אָפּגעלאָזט, נאָך א געוויסער אגיטאציע. די פּאָליציי האָט מוירע געהאט צו באגעגענען זיך מיט די ארבעטער און האָט זיך אויסבאהאלטן פון זיי.

דעם 11-טן דעקאבער האָט דער אויפשטאנד ארומגעכאפּט גאנץ פּרעסניע. דער הויפּט-שטאב פון די אופשטענדלער האָט זיך געפונען אין דער גרויסער קיך פון פּראָכאָראָווער טרעכגאָרנער מאנופאקטור. די וואך בא די באריקאדן האָבן געהאלטן דרוזשיניקעס. די גאנצע פּרעסניער ארבעטער-באפעלקערונג האָט אקטיוו מיטגעהאָלפן די אופשטענדלער. מינדעריאָריקע האָבן געפירט די אויסשפּירונג. פרויען האָבן גע-גרייט עסן פאר די דרוזשיניקעס. דעם 13-טן דעקאבער האָט די ארטילעריע גענומען באשיסן פּרעסניע. דעם 16-טן דעקאבער איז גאנץ פּרעסניע געווען אין פייער. דער ראט האָט באשלאָסן פארענדיקן דעם אופשטאנד. דעם 18-טן דעקאבער זיינען די דרוזשיניקעס, נאָך פארביטערטע שלאכטן, אוועק פון פּרעסניע.

דאן האָט מען זיך אָנגעהויבן אָפּרעכענען מיט דער רעוואָליוציע. פּרעסניע איז כאָרעוו געוואָרן, די סעמיאָנאָווצעס פלעגן צעשיסן ארבעטער באם ערשטן כשד. צו די אָנטיילנעמער פון אופשטאנד האָט מען אָנגעווענדעט דעם פּאָלקאָווניק מינס בא-פעל: „קיין ארעסטירטע ניט נעמען, ניט ארויסווייזן קיין ראכמאָנעס“. שטראָף-עקס-פּעדיציעס זיינען אויך צעשיקט געוואָרן איבער די אייזנבאן-ליניעס. די טורמעס זיינען געווען איבערפולט. מיטן עטאפּ האָבן זיך געצויגן לאנגע רייען ארויסגע-שיקטע.

די פּעטערבורגער ארבעטער האָבן געוואָלט שטיצן דעם מאָסקווער אופשטאנד. אָבער די קרעפטן פונעם רעוואָליוציאָנערן אוואנגארד זיינען אף דעם עטאפּ געווען אויסגעשעפּט. די בורזשואזיע האָט געענטפערט אף די נאָיאבער-שטרייקן און אפן קאמף פאר אן 8-שאָיקן ארבעט-טאָג מיט לאָקאוטן און מיט פולשטענדיקן פארמאכן די אונטערנעמונגען. די ארבעטער, וואָס האָבן אקשאָנעסדיק ווייטער פאר-טיידיקט זייערע מענטשלעכע רעכט, האָט אָנגעהויבן דראָען א הונגער-געפאר. דער ראט איז געווען ארעסטירט, די ארבעטער-באוועגונג צעגראָמירט, און דער אלגעמיי-נער שטרייק אין פּעטערבורג, וואָס איז דערקלערט געוואָרן דעם 9-טן דעקאבער, קעדיי צו שטיצן מאָסקווע, האָט ניט ארומגעכאפּט די גאנצע ארבעטער-מאסע. דער-מיט אליין איז אויך געלייזט געוואָרן דער גורל פונעם מאָסקווער אופשטאנד. מאָסקווע אליין האָט ניט געקענט זיכערן דעם זיג פון דער רעוואָליוציע. די אנט-שיידנדיקע ראָליע האָט געקענט שפּילן בלויז דער צענטער פונעם צאריזם — פּעטער-בורג, וואָס איז דאן אויך געווען דער פּראָלעטארישער ציטאדעל.

אין איינצלנע און איזאָלירטע עפּיזאָדן איז דער מאָסקווער אופשטאנד אונטער-געכאפּט געוואָרן פון א ריי אנדערע שטעט. נאָר אינערגעץ האָט די באוועגונג ניט דערגרייכט צו אזא קראפט, ווי אין מאָסקווע. צום 20-טן דעקאבער איז דער באַ-וואָפנטער אופשטאנד דערשטיקט געוואָרן אין גאנץ רוסלאנד.

אומעטום, וווּ נאָר דער ארבעטער-קלאס האָט זיך געפילט כאָטש וויפל-ניט-איז אימשטאנד קעגנצווירקן דער אָנגרייפנדיקער רעאקציע, האָט ער אויפגעהויבן די פאָן פון אופשטאנד. און וועגן דעם, אז די קאָנטר-רעוואָליוציע גרייפט אָן, האָט נאָך גלייך

נאָכן מאניפעסט פון 17-טן אָקטיאבער באווײזן די רײ ייִדישע פּאָגראָמען, מיט וועלכע דער צאריזם האָט זיך געפּרוווט אָפּציִען די ארבעטער פון דער רעוואָליוציע, די צעווילדעוועטקייט פון דער שווארצער מייע, די פעלד-געריכטן און טויט-שטראָפן. דער פּראָלעטאריאט האָט זיך אויפגעהויבן קעגן דער דזשיקער געפאר און ער האָט געווארט אויף דער הילף און אָנפירונג מיצאד דער פּארטיי.

„די ענדערונג אין די אָביעקטיווע באדינגונגען פון קאמף,— האָט לענין געשריבן וועגן דער לעצטער פונעם מאָסקווער אויפשטאנד,— וואָס האָט געפאָדערט אריבער-צוגיין פונעם שטרייק צום אויפשטאנד, האָט דער פּראָלעטאריאט דערפילט פריער, ווי זיינע פירער. דער פרידלעכער שטרייק און די דעמאָנסטראציע האָבן מיטאמאָל אויפגעהערט צו באפרידיקן די ארבעטער, זיי האָבן געפרעגט: „וואָס דארף מען ווייטער טאָן".

„די אָרגאניזאציע איז אָפּגעשטאנען פונעם וואוקס און פארנעם פון דער באוועגונג" — מאכט וו. אי. לענין ווייטער דעם אויספיר און ער זעט איין אין דעם די גרונט-סיבע, פארוואָס דער דעקאבער-אויפשטאנד איז דורכגעגאנגען שוואך און אָן דערפאָלג.

די דערפארונג פונעם 10-טאָגיקן גאסן-קאמף אין מאָסקווע, די באריקאדן-שלאכטן אין סאָרמאָוואָ, פּערם, טווער, אוראל, דאָנעצער באסיין, אויף קאטערינינסקן אייזנבאן און די אנדערע פאקטן פון דעקאבער-אויפשטאנד האָבן פולקום באשטעטיקט דעם דאָזיקן אויספיר לענינס. אָבער אפילע דער ניט געלונגענער, צעגראָמירטער אויפשטאנד האָט געהאט א קאָלאָסאלע באדייטונג פארן פּראָלעטאריאט. די גאנצע ארבעטער-באוועגונג איז דורך דעם דעקאבער-אויפשטאנד אויפגעהויבן געוואָרן אויף א העכערן שטאפּל. די דעקאבער-געשעענישן האָבן באשטעטיקט ניט נאָר די היסטאָרישע ראָליע פונעם פּראָלעטאריאט, אלס קלאס, וואָס גייט ביזן סאָף אין קאמף קעגן דער זעלבסטהערשונג, די דעקאבער-געשעענישן האָבן אויך באוויזן, אז דער איינציקער וועג פאר דעם דאָזיקן וועג איז — אריבערגיין אין אָנגריף — פונעם שטרייק צום באוואָפנטן אויפשטאנד.

קאפיטל פינף

דער רעוואָליוציאָנערער קאמף פונעם פּראָלעטאריאט אין יאָר 1905 אין די נאציאָנאלע ראיאָנען

1. דער כאראקטער און די באזונדערקייטן פונעם פּראָלעטאריאטס קאמף אין יאָר 1905 אין די נאציאָנאלע ראיאָנען

דער אויפשטאנד אין דעקאבער 1905 איז ארויס ווייט איבער די ראמען פון מאָסקווע. דער אויפשטאנד האָט ארומגעכאפּט ניט נאָר פיל פּראָלעטארישע צענטרען, נאָר אויך קימאט אלע נאציאָנאלע ראיאָנען און טיילווייז דאָס טעריטאָריע פון דער צארישער אימפּעריע. אין גרונט איז דאָס אָבער געווען אן אויפשטאנד פונעם פּראָלעטאריאט. אין יאראָסלאוול, סאָרמאָוואָ, קאטערינאָסלאוו, נאָוואָראָסייסק, דאָנבאס,

ריגע, רעוועל, קראסנאָיארסק, טשיטא און אנד. שטעט זיינען פריער ווי אלץ אופגעשטאנען די ארבעטער. אונטער זייער ווירקונג זיינען צום אופשטאנד צוגעשטאנען די פויערים, סאָלדאטן, די ברייטע ארבעטנדיקע מאסן פון דער נאציאָנאל אונטערדריקטער באפעלקערונג. אופהייבנדיק די מאסן אף א רעוואָליוציע, איז דער פראָלעטאריאט אין די נאציאָנאלע ראיאָנען געשטאנען בעראָש אויך פון דער נאציאָנאלער באוועגונג, נאָר אויך דאָ האָט דעם פראָלעטאריאטס ארויסטרעטונגען אין גרונט געטראָגן א קלאסן-כאראקטער און ניט קיין נאציאָנאלן.

אין די דאָזיקע ראיאָנען איז די רעוואָליוציע געווען געווענדעט אף קאמף קעגן צאריזם און פאר נאציאָנאלער באפרייונג פון זיין דרוק. א נאציאָנאלע באפרייונג האָט געקאָנט ברענגען בלויז דער זיג פון דער רעוואָליוציע. אונטער דער אָנפירונג פון די באָלשעוויקעס האָט דער פראָלעטאריאט געפאָדערט דאָס רעכט פון די נאציעס אף זעלבסטבאשטימונג. און די איינציקע קראפט, וואָס איז פייִק קאָנסעקווענט פאר דעם צו קעמפן, איז דער פראָלעטאריאט.

די בורזשואזיע אפילע פון די אונטערדריקטע נאציעס איז פון מוירע פארן פראָלעטאריאט געגאנגען אף האנאָכעס און קאָמפּראָמיסן מיט דער זעלבסטהערשונג, וועלכע האָט אף דעם געענטפערט אויך מיט אזעלכע האנאָכעס בענוגייע דער נאציאָנאלער בורזשואזיע און האָט אזויארום געשטרעבט צו דערשטיקן די נאציאָנאלע באוועגונג פון די מאסן.

דער ניט-רוסישער ארבעטער און פויער האָט, כוטש דער אלגעמיינער רעכטלאָזיקייט, נאָך געליטן פונעם שווערן נאציאָנאלן דרוק, אָבער טאקע אָט-דער אומשטאנד האָט פארגרעסערט די קראפט פונעם רעוואָליוציאָנערן אופרייס אין די ראנד-געביטן, און האָט געמאכט דעם פראָלעטאריאט פאר דעם איניציאטער פונעם נאציאָנאלן באפרייונג-קאמף.

אמערסטן אקטיוו איז אינעם רעוואָליוציאָנערן און באפרייונג-קאמף פון 1905 יאָר געווען דער פוילישער פראָלעטאריאט. צו דער צייט פון דער רעוואָליוציע איז די פוילישע בורזשואזיע ניט געווען און האָט שוין ניט געקאָנט זיין דער איניציאטער פונעם קאמף אין דער רעוואָליוציאָנערער און נאציאָנאלער באוועגונג. פארקערט, זי איז געשטאנען פאר אן „אָרגאנישער צונויפגיסונג מיט רוסלאנד” און קעגן נאציאָנאלער זעלבסטבאשטימונג פון פוילן. די קליינבורזשואזע פוילישע סאָציאליסטישע פארטיי האָט ארויסגעשטעלט דעם לאָזונג פון אן אומאָפּהענגיקער דעמאָקראטישער רעפובליק. די סאָציאל-דעמאָקראטישע פארטיי פון פוילן און ליטע, וועלכע האָט זיך געפונען אונטער ראָזע ליוקסעמבורגס אידייישער ווירקונג, איז אין דער נאציאָנאלער פראגע ארויסגעטראָטן קעגן די באָלשעוויקעס און האָט ארויסגערוקט א טעזיס וועגן דעם, אז דער לאָזונג וועגן פוילנס אומאָפּהענגיקייט קען ניט פארווירקלעכט ווערן, און אז מע דארף קעמפן קעגן דעם דאָזיקן לאָזונג, ווי קעגן א רעאקציאָנערער אוטאָפּיע.

קימאט אין אלע גרעסטע שטעט פון פוילן האָט דער פראָלעטאריאט גענומען דעם אקטיווסטן אָנטייל אין די רעוואָליוציאָנערע שלאכטן קעגן צאריזם. די פראָלעטארישע ערשטמייִקע שטרייקן זיינען וואָס א יאָר געוואָרן אלץ מער קעמפערישע און בוילעט פּאָליטישע. דער אלגעמיינער פּאָליטישער שטרייק, וואָס איז פאָרגעקומען אלס ענטפער אף די געשעענישן פון 9־טן יאנואר, איז געווען א נאטירלעכער רעזולטאט פון דער גאנצער פאָריקער אנטוויקלונג פונעם פּראָלעטא־

רישן קאמף אין פוילן. דער אויסערגעוויינלעך־איינמוטיקער יאנואר־שטרייק אין ווארשע, וואָס האָט אופגעהויבן ניט בלויז דעם אינדוסטריעלן, נאָר אויך דעם באלמעלאָכעשן ארבעטער־קלאס. אונטערן צייכן פון סאָלידאריטעט מיט די פעטערבורגער ארבעטער, — דער דאָזיקער שטרייק איז געוואָרן דער אויסגאנג־פונקט פון דער רעוואָליוציע אין פוילן. פארענדיקט האָט ער זיך דערמיט, וואָס מע האָט די ארבעטער מאסנווייז צענעריקט און דאָס מיליטער, וואָס האָט אָנגעפילט די שטאָט, האָט זיך ברוטאל אָפּגערעכנט מיט זיי. קימאט אין די זעלבע טעג און מיט די זעלבע רעזולטאטן איז פאָרגעקומען א פּאָליטישער שטרייק אין לאָדז. פונדאנען האָט ער זיך אריבערגעטראָגן אין אלע אנדערע פוילישע ראיאָנען. אין דער שפּיץ פון דער באוועגונג זיינען געשטאנען די מעטאליסטן. דער שטרייק פון די אינדוסטריעלע ארבעטער האָט ארויסגערופן שטרייקן פון די אָנגעשטעלטע, באלעמעלאָכעס און לערניוגנט. די באוועגונג האָט זיך אריבערגעוואָרפן פון די שטעט אין דאָרף אריין און זי האָט אופגעהויבן צום קאמף דאָס פויערטום, אי־בערהויפט, די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער. די אלגעמיינע רעוואָליוציאָנערע באוועגונג אין פוילן איז, אזויארום, געגאנגען אונטער דעם פּראָלעטאריאטס העגעמאָניע.

נאָך די יאנואר־געשעענישן איז דער קאמף קעגן דער זעלבסטהערשונג אין פוילן ניט איינגעשטילט געוואָרן אף קיין איין מינוט. דעמאָנסטראציעס, שטרייקן, שלאָגן פּאָליציי און שפּיקעס, אומרוען אין דאָרף, אויסהאקן וועלדער, צוזאמענשטויסן מיט דער פּאָליציי און מיליטער, — אָט אזוי, אין פארשיידענער מאָס און פאָרם, האָט זיך צעגאָסן די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג איבערן לאנד. בא אזעלכע באדינגונגען איז די פייערונג פון 1־טן מײַ פארוואנדלט געוואָרן אין אן אלגעמיינעם קאמף־דורכקוק פון די רעוואָליוציאָנערע קרעפטן. אין דער ערשטמײַיקער באוועגונג האָבן זיך באטייליקט ניט נאָר אלע שטעט, נאָר אויך דאָס דאָרף. די ערשטמײַיקע דעמאָנסטראציעס האָבן זיך פארענדיקט מיט צוזאמענשטויסן מיטן מיליטער און מיט נייע קאָרבאָנעס, און דער ווארשעווער ארבעטער־קלאס האָט אף דעם ווידעראמאָל געענטפערט מיט אן אלגעמיינעם שטרייק. אין די מײַ־טעג האָט דער פוילישער פּראָלעטאריאט זיך געפונען אפן העכסטן שפּיץ פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, וואָס האָט זיך צעגאָסן איבערן גאנצן לאנד.

אין פוילן איז אויך פאָרגעקומען דער ערשטער באוואָפנטער אופשטאנד פונעם פּראָלעטאריאט. דער לאָדזער אופשטאנד אין יון איז געווען א דירעקטער רעזולטאט פונעם קלאסן־קאמף, וואָס האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט אין מײַ. ער איז מיט א סטיכיישער קראפט ארויסגעוואקסן פון די פּראָטעסט־שטרייקן און מאניפעסטאציעס, מיט וועלכע דער לאָדזער פּראָלעטאריאט האָט געענטפערט אף די מערדערייען און ווילקיר מיצאד דער פּאָליציי און קאזאקן. די באריקאדן־שלאכטן צווישן די ארבעטער און מיליטער, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פארלויף פון 23־טן און 24־טן יון, האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אן אומגעוויינלעכער איינגעשפּארטקייט און פארביטערטקייט. די דאָזיקע שלאכטן זיינען געווען א מין רעפּעטיציע צום מאָסקווער אופשטאנד.

אָפּשאצנדיק די באדייטונג פונעם דאָזיקן ערשטן פּרווו פון א באוואָפנטן אופשטאנד פונעם פּראָלעטאריאט, האָט לענין אָנגעוויזן, אז די סאמע אָפּגעשטאנענע רוסישע ארבעטער, וואָס זיינען „אופגעקלערט געוואָרן דורך דער צארישער

רעגירונג”, וועלן דארפן דיסקאָנטירן די קאמף־דערפארונג פון די לאָדזשער ארבעטער און זיך לערנען אף זייער דערפארונג. אין אווגוסט און סענטיאבער האָבן זיך אין פוילן פאנאנדערגעוויקלט איינגעשפארטע עקאָנאָמישע שלאכטן. די רעגירונג רעפרעסיעס האָבן זיך אָבער אלץ מער פארשטארקט. דער ביאליסטאָקער פאָגראָם דעם 12־טן אווגוסט האָט ארויסגערופן אן אלגעמיינעם פראָטעסט־שטרייק אין ווארשע, לאָדז און טיילווייזע שטרייקן אין אנדערע שטעט.

דער אווגוסט־שטרייק איז בלויז געווען א פאָרשפּיל צום אָקטיאבער־שטרייק. אָנגעהויבן האָט זיך דער שטרייק פון דעם, וואָס עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די באוועגונג אף די בייווייסלדיקע אייזנבאנען. דעם 25־טן אָקטיאבער איז שוין געשטאנען דער גאנצער ווארשעווער קנופ. צום 1־טן נאָיאבער זיינען אלע פוילישע אינדוסטריע־צענטרען ארומגעכאפּט געוואָרן מיטן אלגעמיינעם שטרייק. דאָס איז געווען דער גרעסטער און פולסטער אלגעמיינער שטרייק אין פוילן. ער האָט געהאט אלע שאנסן פארוואנדלט צו ווערן אין אן אויפשטאנד. אָבער דעם 12־טן נאָיאבער איז אין פוילן דערקלערט געוואָרן קריג־צושטאנד און דעם 17־טן נאָיאבער האָט דער אלגעמיינער שטרייק אויפגעהערט.

אין די דעקאבער־טעג האָט דער פוילישער פּראָלעטאריאט שוין קיין קויכעס ניט געהאט און האָט ניט געקענט שטיצן דעם אויפשטאנד, וואָס איז דאן פאָרגעקומען אין מאָסקווע. האגאם ער האָט זיך אפן אויפשטאנד אָפּגערופן מיט נייע שטרייקן. נאָכדעם, ווי דער אויפשטאנד איז צעגראָמירט געוואָרן און דער שטרייק ליקווידירט, זיינען די ארבעטער ארונטערגעפאלן אונטער א פייער פון זייער ברוטאלע רעפרעסיעס.

ניט ווייניקער אקטיוו איז אין דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר געווען אויך דער קאווקאזער פּראָלעטאריאט. די שטיצפונקטן פון דער רעוואָליוציע זיינען דאָרט געווען באקו, טיפליס, באטום, גראָזני, פאָטי. די יאנוואר־באוועגונג האָט אין די דאָזיקע שטעט געטראָגן א בולעט־פּאָליטישן כאראקטער, קיין עקאָנאָמישע פאָדערונגען האָבן אין די שטרייקן, וואָס האָבן אויסגעבראָכן אלס ענטפער אף די געשעענישן פון 9־טן יאנואר, קימאט ווי ניט פיגורירט. די זומער־באוועגונג האָט אויך געפונען אן אָפּקלאנג צווישן פּראָלעטאריאט פון פארשיידענע קאווקאזער נאציאָנאליטעטן. דעם 20־טן יון האָט זיך אין טיפליס אָנגעהויבן אן אלגעמיינער שטרייק, וואָס האָט זיך אריבערגעוואָרפן קיין קוטאיס, באטום, פאָטי און אנד. שטעט. אונטער דער ווירקונג פון דער ארבעטער־באוועגונג האָט זיך אין די דאָזיקע ראיאָנען אויך אָנגעהויבן א פויערים־באוועגונג.

דער אקטיווסטער איז אינעם רעוואָליוציאָנערן קאמף געווען דער פּראָלעטאריאט פון באקו.

אין מעשך פון די יאָרן 1904—1906 איז די באקוער באָלשעוויקעס אויסגעקומען צו פירן זייער אן אָנגעשטרענגטן קאמף קעגן די מענשעוויקעס, וואָס האָבן געוואָלט באגרענעצן די באקוער ארבעטער־באוועגונג מיט ריין־עקאָנאָמישע אויפגאבן. פון די מענשעוויקעס איז ארויסגעוואָקסן די זובאטאָווישע אָרגאניזאציע — די „שענדריקאָוויאדע”, — וועלכע האָט דורכגעפירט אין דער באקוער ארבעטער־באוועגונג די זעלבע אידייען, וואָס גאפּאָן און זובאטאָוו אין פעטערבורג און מאָסקווע.

די אנטוויקלונג פון דער באקוער ארבעטער־באוועגונג האט באוויזן די רעגירונג. און, קעדיי צו דערשטיקן די באוועגונג, האט זי באשלאָסן פאנאנדערצוברענען דעם צווישן־נאציאָנאלן קאמף. אָנרייצן איין פאָלק אפן צווייטן — דאָס איז געווען דער באליבטסטער פרינציפּ פון דער רעגירונג־פּאָליטיק. זי האט זייער געלונגען אויסגענוצט די קאָנקורענץ צווישן דער ארמענישער און טיורקישער בורזשואזיע און דעם קעגנזייטיקן האס צווישן דער ארמענישער בורזשואזיע און די גרוזינישע גוטבאזיצער, קעדיי „צעטיילנדיק — הערשן". די רעגירונג האט באשלאָסן אויסצונוצן די צווישן־נאציאָנאלע רייבערייען, וואָס איז געשאפן געוואָרן דורך דער בורזשואזער קאָנקורענץ, קעדיי צו דערשטיקן די ארבעטער־באוועגונג.

די ערשטע אזעלכע פרוון זיינען געמאכט געוואָרן נאָך אין די יאָרן 1903—1904, זיי זיינען אָבער ניט געלונגען. נאָכדעם, ווי עס האט, אלס ענטפער אף די געשעענישן פון 9־טן יאנואר 1905, זיך אָנגעהויבן אין דער באקוער ארבעטער־באוועגונג א נייער אופשטייג, האט די רעגירונג אָרגאניזירט די ארמעניש־טיורקישע שכיטה, וואָס האט געדויערט פון 6־טן ביזן 9־טן פעווראל. אונטער דער אָנפירונג פון דער סאָציאל־דעמאָקראטיע האָבן די ארבעטער אָרגאניזירט אָטריאדן, וואָס האָבן אנטוואָפנט די פּאָגראָם־מאכער. דאָך, האט די דאָזיקע שכיטע דערלאנגט דעם גרעסטן קלאפּ איבער דער פאנאנדערוויקלונג פון דער ארבעטער־באוועגונג.

פון דעם דאָזיקן קלאפּ איז דער באקוער פּראָלעטאריאט געקומען צו זיך ערשט אין אפּריל. עס איז דורכגעפירט געוואָרן א שטרייק פון די אייזנבאנער, דעם 30־טן אפּריל האט זיך אָנגעהויבן דער ערשטמייִקער שטרייק, וואָס האט געדויערט ביזן 14־טן מיי. אלס ענטפער אף דעם, האט די רעגירונג און די ארמענישע און טאָטערישע בורזשואזיע אָנגעהויבן אָפּענערהייט זיך גרייטן צו א נייער שכיטע, וועלכע האט זיך אָנגעהויבן אין אויגוסט און פארענדיקט ערשט אין אָקטיאבער. די געשעענישן פון 17־טן אָקטיאבער האָבן ארויסגערופן א נייעם אופשטייג אין דער באוועגונג. אין נאָיאבער האט זיך געשאפן א ראט פון ארבעטער־דעפּוטאטן. אינגיכן האט אים די רעגירונג צעטריבן.

אין רעזולטאט פון דער פּאָליטישער דערפארונג, וואָס דער באקוער ארבעטער־קלאס האט באקומען, האָבן די מענשעוויקעס קימאט פארלאָרן זייער גאנצע ווירקונג און די אָנפירנדיקע ראָליע איז א גאנצן אריבער צו די באָלשעוויקעס.

די באוועגונג אף קאווקאז האט דערגרייכט צו דער גרעסטער קראפט אין אָקטיאבער—דעקאבער 1905. די אופגעשטאנענע ארבעטער און פויערים האָבן פארכאפּט קוטאיס און פּאָטי. עס האט זיך אָרגאניזירט אן ארבעטער־מיליציע. אלע איניאָנים האָבן געלייזט די געוויילטע פאָרשטייער פונעם רעוואָלוציאָנערן פאָלק. קעדיי צו דערשטיקן די רעוואָלוציע אף קאווקאז, איז ארויסגעקומען צו שיקן ספּעציעלע שטראָף־עקספּעדיציעס, וועלכע האָבן מיט פייער און שווערד איינגעשטעלט „אָרדענונג".

אין ליטע, לאטוויע, עסטלאנד, ווייסרוסלאנד האט זיך די ארבעטער־באוועגונג אין א באדייטנדיקער מאָס צונויפגעפאָרט מיט דער פויערישער. מיט א באזונדערס הויכע רעוואָלוציאָנערישקייט האָבן זיך אויסגעצייכנט די לאטווישע ארבעטער, וואָס האָבן געליטן ניט נאָר פונעם רוסישן צאריזם, נאָר אויך פון דער אייגע־

נער בורזשואזיע. די לאַטווישע פּויערים האָבן נאָך אַכצן דעם געליטן פונעם דרוק פון די דייטשישע באַראָנען־גוטבאַזיצער, וואָס אין זייערע הענט זיינען געווען קאָנצענטרירט די גרונטלעכע ערד־פאָנדן. אין לאַטוויע און אין עסטלאַנד האָט דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָלעטאַריאַט געשפּילט א גרויסע ראָליע אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. דער פּאָליטישער קאַמף פון די אַרבעטער אין ריגע, מיטאַווע, ליבאַווע, רעוועל און אַנד. שטעט האָט זיך פאַרייניקט מיטן קאַמף פון די דאָרפישע פּראָלעטאַריער און האַלבפּראָלעטאַריער. אונטער דער ווירקונג פון די אַרבעטער האָבן זיך אין פּראָצעס פון קאַמף אין די דערפער אַפילע געשאַפן רעוואָליוציאָנערע מאַכט־אָרגאַנען — ראַטן און קאָמיטעטן.

אין מעשעך פון יאָר 1905 האָט די לאַטווישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געפירט א העפטיקע אַרבעט, זי האָט פּראָפּאַגאַנדירט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידייען, באַוואָפנט און אָרגאַניזירט דעם אַרבעטער־קלאַס און דאָס פּויערטום. אַדאַנק דער אויסשליסלעכער שאַרפקייט און אַנטבלויזקייט פון די קלאַסן־ווידערשפּרוכן האָט זיך איר איינגעגעבן צו פירן נאָך זיך א קאָלאָסאַלע מאַסע באַטראַקעס, ערדלאָזע און דאָרפישע אָרעמשאַפט. אָנהייב מאַרט זיינען פאָרגעקומען באַטראַקישע שטרייקן. דעם 1־טן מיי 1905 איז אויפן רוף פון די באָלשעוויקעס דערקלערט געוואָרן אין א ריי גוטן אַן אַלגעמיינער שטרייק. דערביי איז צו די שטאָטישע אַרבעטער אויך צוגעשטאַנען דער דאָרפישער פּראָלעטאַריאַט. מיט יעדן טאָג איז די באַוועגונג געוואָרן אַלץ ברייטער און טיפער. די לאַטווישע באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט גערופן די מאַסן צו אַן אויפשטאַנד: „דער קאָנגרעס פון דער לאַטווישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי רעקאָמענדירט אומאָפּהייגלעך צו גרייטן דעם פּראָלעטאַריאַט צו אַן אָפענעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד, געבן א ווידערשטאַנד יעדן געוואַלט־אַקט מיצאַד דער זעלבסטהערשונג און פאַרוואַנדלען די צוזאַמענשטויסן מיט די דינער פון דער צאַרישער מאַכט אין א ניט־איינגעשטילטן נאַציאָנאַלן קאַמף".

דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד האָט אַרומגעכאַפּט דאָס לאַטווישע דאָרף. לאַטוויע האָט דערגרייכט צו אַזעלכע הויכע שטאַפּלען פון רעוואָליוציאָנערן קאַמף אין דאָרף, ווי דאָס האָט ניט דערגרייכט קיין איין טייל פון רוסלאַנד. אין פאַרלויף פון עטלעכע כאָדאָשים האָבן די לאַטווישע אַרבעטער און פּויערים געפירט א באַוואָפנטן קאַמף קעגן די באַראָנען און קעגן דער זעלבסטהערשונג.

אין נאָיאַבער איז אין ריגע דערקלערט געוואָרן אן אַלגעמיינער שטרייק. צונויפגעפּאָרט מיט דער פּויערים־באַוועגונג האָט ער געהאַט אַלע גרונטן פאַרוואַנדלט צו ווערן אין א באַוואָפנטן אויפשטאַנד. קעדיי אָפּצושטעלן די „אָרדענונג" אינעם דעמלטיקן גאַנצן באַלטישן קאַנט, איז אויך אויסגעקומען אויסצורייכטן א שטראָף־עקספּעדיציע, וועלכע האָט, ווי שטענדיק, געשאָסן, געהאַנגען, געצונדן.

אין פינלאַנד האָט די בורזשואַזיע אויך אָנטיילגענומען אינעם נאַציאָנאַלן קאַמף, וואָס האָט זיך פאַרשאַרפט ביים דער רעוואָליוציע, האַגאַם מיט דער אייגנטימלעכער פאַר איר ניט־קאָנסעקווענטקייט און ניט־אַנטשיידנקייט. נאָר דאָ איז אויך דער העגעמאָן פון דער באַוועגונג געווען דער פּראָלעטאַריאַט, אים איז אויסגעקומען צו פירן א קאַמף סיי קעגן דער זעלבסטהערשונג און סיי קעגן דער

בורזשואזיע. צו דעם גרעסטן פארנעם האָט דער רעוואָליוציאָנערער קאמף פונעם פראָלעטאריאט אין פינלאנד דערגרייכט אין אָקטיאבער — דעקאבער. אונטער דער ווירקונג פונעם אלגעמיינעם שטרייק אין רוסלאנד האָבן זיך אופגעהויבן די אינדוסטריעלע ארבעטער, באלמעלאָכעס, פויערים; זיי האָבן געפאָדערט פאָליטישע רעכט און עקאָנאָמישע רעפאָרמעס. אן אקטיווע ראָליע אין דעם דאָזיקן קאמף האָבן געשפילט די אייזנבאנער פון דער פינלענדישער אייזנבאן. די מאפאָלע פונעם אלגעמיינעם שטרייק האָט געצוווּנגען די פינלענדישע ארבעטער צו גרייטן זיך צו א באוואָפנטן אופשטאנד. אין העלסינגפאָרס האָט זיך געשאפן אן ארבעטערשע רויטע גווארדיע, וועלכע האָט שפעטער אָנטיילגענומען אינעם סוועאבאָרגער אופשטאנד. די ארבעטער און רויטגווארדייער האָבן זיך געשלאָגן צוזאמען מיט די סאָלדאטן און מאטראָסן קעגן דער בורזשואזיע און דער רעגירונג. נאָכדעם, ווי דער אופשטאנד אין סוועאבאָרג איז דערשטיקט געוואָרן, איז די רויטע גווארדיע פאנאנדערגעלאָזן געוואָרן, א טייל פון אירע אָנטיילנעמער זיינען צעשאָסן געוואָרן, די איבעריקע זיינען אוועק אף קאטערגע און פארשיקונג.

דער אוקראאינישער פראָלעטאריאט האָט אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָליוציע פאנאנדערגעוויקלט א ברייטע מאסן־באוועגונג און איז אין גרונט אדורכגעגאנגען די זעלבע עטאפן, וואָס דער רוסישער פראָלעטאריאט. יאנואר־שטרייקן, עקאָנאָמישע שטרייקן זומער 1905, „פאָטיאָמקין״־אופשטאנד, אלגעמיינער אָקטיאבער־שטרייק, ראטן פון ארבעטער־דעפוטאטן אין קיעוו, אָדעס, קאטערינאָסלאוו, טאגאנראָג, לוגאנסק, יוזאָווקע און אנד., נאָיאבער־אופשטאנד פון די קיעווער סאפיאָרן און נאָיאבער־שטרייקן, באוואָפנטער דעקאבער־אופשטאנד אין דאָנבאס, כארקאָוו, קאטערינאָסלאוו, א כוואליע פון פויערשע באוועגונגען צוערשט אין יאָר 1905 און דערנאָך אין יאָר 1906, א נייער אופשטייג פון דער באוועגונג זומער 1906 און א נייע מאפאָלע אין יאָר 1907, — אָט דאָס זיינען די עטאפן פון דער רעוואָליוציע. זיי האָבן פון זיך פאָרגעשטעלט א טייל פון דער אלגעמיין־רוסלענדישער רעוואָליוציע.

אויך אין אוקראאינע איז דער פראָלעטאריאט געווען דער העגעמאָן פון דער רעוואָליוציע, ער איז געשטאנען בעראָש פון דער אלפאָלקישער מאסן־באוועגונג פון אלע דעמאָקראטישע עלעמענטן. דער אופשטייג פון דער שטרייקן־כוואליע האָט אויך ארויסגערופן אן אופשטייג פון דער פויערים־באוועגונג, א וווּקס פונעם נאציאָנאלן באפרייונג־קאמף, וואָס איז פארן פראָלעטאריאט געווען א טייל פון זיין קלאסן־קאמף אין דער רעוואָליוציע. אין יאָר 1905 האָבן סאכאקל געשטרייקט 220 טויזנט מענטשן, אין יאָר 1906 — 100 טויזנט, און אין 1907 — 63 טויזנט. אינעם אוואנגארד פון דער באוועגונג זיינען געגאנגען די מעטאליסטן, וועלכע האָבן באטראָפן העכער 40 פראָצ. פון אלע שטרייקנדע ארבעטער.

די באָלשעוויקעס האָבן אין אוקראאינע פאנאנדערגעוויקלט א גרויסע ארבעט צווישן די מאסן צו אָרגאניזירן די קרעפטן פון דער רעוואָליוציע, צו פארווירקלעכן די העגעמאָניע פונעם פראָלעטאריאט און דורכפירן דעם באוואָפנטן אופשטאנד. די באָלשעוויסטישע ווירקונג־ראיאָנען זיינען געווען די אינדוסטריעלע צענטרען. די אוקראאינישע בורזשואזע און קליינבורזשואזע שטאָטישע אינטעליגענץ איז פאָליטיש געווען אסאך אקטיווער, ווי אין צענטראל־רוסלאנד. אין דער דאָזי־

קער באוועגונג האָבן זיך בא דער קליין־בורזשואזיע נאָך פאר דער רעוואָליוציע אָנגעמערקט צוויי ריכטונגען: א רעכטע, וואָס איז אנטשטאנען פונעם ליבעראלן פאָלקיזם פון דער „אלטער הראָמאדע" אין די 60־ער יאָרן, און א לינקע — א ראדיקאל־דעמאָקראטישע, וועלכע איז פריער פאָרגעשטעלט געווען דורך דער דראגאָמאנאָוויאדע און אין יאָר 1900 האָט זי זיך אויסגעפורעמט, ווי א באזונדערע „רעוואָליוציאָנערע אוקראינישע פארטיי" („רופּ"). אין דעקאבער 1905 האָט דער „רופּ"־צוזאמענפאָר אָנגענומען די ערפורטער פראָגראם און האָט געענדערט איר נאָמען אף אוסדרא"פּ. זי האָט אָבער ניט געענדערט אירע קליינבורזשואזע איינשטעלונגען, איבערהויפּט אין דער נאציאָנאלער פראגע, ווו די אוסדרא"פּ האָט ארויסגעשטעלט קלאָר־באשטימטע שאָוויניסטישע לאָזונגען. די אָרגאניזאציע „ספּילקא", וואָס האָט זיך אויסגעטיילט פון דער אוסדרא"פּ, איז געוואָרן א מענשעוויסטישע, אין דער נאציאָנאלער פראָגראם האָט זי זיך דערקייקלט ביז צום „נאציאָנאלן ניהיליזם", ד. ה. פאקטיש צום גרויסרוסישן שאָוויניזם.

בייס דער רעוואָליוציע איז אויך די אוקראינישע נאציאָנאלע בורזשואזיע ארויסגעטראָטן אף דער ארענע, זי האָט געשאפן איר „אוקראינישע פאָלקס־פארטיי" מיט א בוילעטער פראָגראם פון „זעלבשטענדיקייט".

די מאסאָלע פון דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע האָט אויך געבראכט צו דער צעגראָמירונג און יערידע פון דער נאציאָנאלער באוועגונג. דער דרוק פונעם גרויסמעכטישן שאָוויניזם האָט דערשטיקט די ראדיקאלע שטרעמונגען אין דער נאציאָנאלער באוועגונג, די אוקראינישע בורזשואזיע האָט שאָלעם געמאכט מיטן צאריזם. שנעל האָבן גענומען וואקסן די שווארצמייישע אָרגאניזאציעס, וואָס האָבן זיך בארימט געמאכט אין אוקראינע מיט א גאנצער ריי שוידערלעכע פּאָגראָמען. מיט דער מאסאָלע פונעם פּראָלעטאריאט איז די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג דערשטיקט געוואָרן אין אלע נאציאָנאלע ראיאָנען. די ארבעטנדיקע, נאציאָנאל־אונטערדריקטע מאסן האָבן זיך געקענט פּראקטיש איבערצייגן, אז די איינציקע קראפט, וואָס איז פייִק צו קעמפן פאר דער ווירקלעכער נאציאָנאלער באפרייונג, איז דער רעוואָליוציאָנערער פּראָלעטאריאט, און אז דערגרייכן דאָס האָט מען געקענט בלויז דורך אראָפּווארפן די זעלבסטהערשונג, דורכן דערפירן די בורזשואזדעמאָקראטישע רעוואָליוציע ביזן סאָף.

קאפיטל זעקס

די פּראָפּארייען אין דער ערשטער רעוואָליוציע און די סאבאָטאזשן פונעם פּראָלעטאריאטס רעוואָליוציאָנערן קאמף

1. דער אָנגריף פון דער רעאקציע און דער קאמף פונעם פּראָלעטאריאט אין די יאָרן 1906-07

די מאסאָלע פונעם באוואָפנטן דעקאבער־אויפשטאנד האָט געגעבן דעם צארּיזם א מעגלעכקייט אריבערצוגיין אין אָנגריף. די רעוואָליוציע איז נאָך אָבער פאָרגעזעצט געוואָרן, הגם זי האָט שוין ניט געקענט דערגרייכן צו אזא הייך

ווי פריער. אין פאַרלויף פונעם גאַנצן יאָר 1906 און אָנהייב 1907 ציִען זיך די אריעגאַרד־שלאַכטן פונעם פּראָלעטאַריאַט. אין דער זעלבער צייט קומט פאָר אַן עכטער פּויערישער פּאַרטיזאַנישער קריג און עס וויקלען זיך פאַנאַנדער אַ ריי גרויסע באַוואָפנטע אופשטאַנדן אינעם פלאָט און אין דער אַרמיי: דער סוועאַבאָרגער און קראָנשטאַטער — אין יאָר 1906, און דער וולאַדיוואָסטאָקער אופשטאַנד פון די מאַטראָסן, סאָלדאַטן און אַרבעטער — אין יאָר 1907. דאָס איז אַף אַזאַ אופן געווען די צווייטע כוואַליע פון דער רעוואָליוציע.

נאָר קיין קיִעף צו זיגן האָט שוין ניט געקלעקט. פון דער אַנדער זייט, האָט אויך די רעאַקציע נאָך ניט פאַרמאָגט קיין גענוג קרעפטן, כּדי פולשטענדיק צו ליקווידירן די רעוואָליוציע. ניט געקוקט אַף די רעפּרעסיעס, איז אין 1906 יאָר די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג ווידער אויסגעוואַקסן. אין 1906 האָבן אין די שטרייקן אָנטיילגענומען 1.118 טויזנט שטרייקער, אין 1907 — 740 טויזנט דערביי האָבן די גרעסטע אַקטיוויקייט אינעם קאַמף פון 1907 יאָר אַרויסגעוויזן די אַרבעטער פון פּראָדוקציעס און ראַיאָנען, וואָס האָבן אין דער רעוואָליוציע פון יאָר 1905 נאָך גענומען אַ קנאַפּן אָנטייל. דאָס זיינען געווען די רעזערוון פון דער רעוואָליוציע, וואָס האָבן זיך שפּעטער אונטערגעצויגן צום אַוואַנגאַרד. לענין האָט אָפּגעשאַצט דעם דאָזיקן פּעריאָד, „ווי אַ פּעריאָד פון אָנזאַמלען רעוואָליוציאָנערע ענערגיע, פון באַהערשן די פּאָליטישע דערפאַרונג פון די דורכגעגאַנגענע סטאַדיעס, פון אַריינציען נייע פאָלק־שיכטן אין דער באַוועגונג".

די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט פאָרגעלייגט צונויפזאַמלען די קרעפטן פונעם אַרבעטער־קלאַס און גרייטן זיך צו אַ נייעם אויפשטאַנד. די מענשעוויקעס, ווידער, האָבן אָפּגעשאַצט די כאַראַקטער פונעם דעקאַבער־אופשטאַנד, ווי אַ באַווייז, אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז קראַפטלאָז אין זיין קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג, און זיי האָבן דערקלערט, „אַז מע האָט זיך ניט געדאַרפט נעמען פאַרן געווער". די מענשעוויקעס האָבן גערופן צו קאָנצענטרירן זיך בלויז אַף אויסנוצן די לעגאַלע מעגלעכקייטן און אָפּזאָגן זיך פון גרייטן אַ נייע רעוואָליוציע. פאַר דער הויפּט־מעגלעכקייט האָבן זיי געהאַלטן די מלוכה־דומע.

אין מאַרט 1906 איז געמאָלדן געוואָרן וועגן דעם, אַז עס ווערט צונויפגערופן די I דומע. לויטן באַשטאַנד איז זי אויסגעקומען גאַנץ דעמאָקראַטיש: אין איר זיינען אַריין ביז 40 פּראָצ. פּויערישע דעפּוטאַטן. די אַרבעטער־גרופּע איז געווען אַ גאַנץ אומבאַדייטנדיקע און האָט געהאַט לעגערעך אַ קנאַפּע ווירקונג. די קאָלאָסאַלע מערהייט פּראָלעטאַריאַט האָט אונטער דער ווירקונג פון די באָלשעוויקעס איגנאָרירט בויקאָטירט די וואַלן אין דער דומע. דער בויקאָט איז אַרויסגעדרונגען פון דער אויסרעכענונג אַף דעם, אַז די רעוואָליוציע איז נאָענט. דער פּראָלעטאַריאַט האָט אײַנגעזען אין דער דומע אַ מיטל פאַר דער זעלבסטהערשונג צונויפצורײדן זיך מיט דער בורזשואַזיע, כּדי צו דערשטיקן די רעוואָליוציע. די דומע האָט עקזיסטירט ניט לאַנג: דעם 9־טן יולי איז זי געוואָרן פאַנאַנדערגעלאָזן. אין דער זעלבער צייט איז פאָרגעקומען דער מאַטראָסן־און סאָלדאַטן־אופשטאַנד אין סוועאַבאָרג און קראָנשטאַט און דער אופשטאַנד אַפן קרייסער „פּאַמיאַט אַזאָווא". זומער און האַרבסט 1906 האָט זיך פאַרשטאַרקט די באַוועגונג

צווישן פויערטום. זומער האָט די באַוועגונג אַרומגעכאַפט 240 אויעזדן, אין האַרבסט האָבן די פויערים דורכגעפירט אַ בויקאָט קעגן דעם פּריזיוו.

אין נאָיאַבער 1906 איז דערשינען סטאָליפּינס ערשטער אוקאַז וועגן אַרויס־טרעטן פון דער געמיינדע, און דעם 3־טן יון 1907 איז צעטריבן געוואָרן די II דומע. דער אַרבעטער־קלאַס איז אָפּגעטראָטן מיט שלאַכטן. ער האָט שוין ניט פאַרמאָגט קיין כּוחות און מיטלען צו אַ נייעם אויפשטאַנד. און בײַ די וואַלן אין דער II דומע האָט שוין די פּאַרטיי אָפּגעשאַפן די טאַקטיק פון בויקאָט. אין דער II דומע זײַנען געווען 60 סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אין דער III דומע האָבן די אַרבעטער באַקומען בלויז 6 ערטער. דאָס יאָר 1907 איז געווען אַ יאָר, ווען די מאַפּאָלע פון דער רעוואָליוציע איז געווען באַשיימפּערלעך קלאָר. די גרעסטע שלאַכט־אַרויסטרעטונג פונעם פּראָלעטאַריאַט אין יאָר 1907 איז געווען דער זומער־שטרײַק פון די טעקסטיל־אַרבעטער אין מאָסקווער געגנט. די איבעריקע שטרײַקן האָבן געטראָגן אַן איזאָלירטערן און מער צופעליקן כאַראַקטער. די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע רעזולטאַטן זייערע זײַנען געווען גאַנץ קנאַפּע. די רעאַקציע האָט אָנגעגריפן און פאַרן אַרבעטער־קלאַס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע — אָפּטרעטן מיט דער קלענסטער צאָל פאַרלוסטן.

„די רעוואָליוציאָנערע פּאַרטייען האָבן זיך נאָך געדאַרפט אַ ביסל צולערנען, — האָט לענין געשריבן, — זיי האָבן זיך געלערנט אָנגרייפן. איצט קומט אויס צו פאַרשטיין, אַז די דאָזיקע וויסנשאַפט מוז מען נייטיק דערגאַנצן מיט דער וויסנשאַפט, ווי אַזוי ריכטיק אָפּצוטרעטן".

די פּאָליטישע רעאַקציע אין לאַנד האָט געבראַכט דערצו, אַז עס זײַנען אויך ווידערופגעשטעלט געוואָרן די אַלטע פּאַראָנדקעס אין פאַבריק. דער קאַפּיטאַל האָט ווײַטער געשאַפן זײַנע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס, כּדי אָפּצונעמען בײַם פּראָלעטאַריאַט זײַנע לעצטע דעראָבערונגען. צום בײַשפּיל, דער „פאַרבאַנד פון מאָסקווער פאַבריקאַנטן און זאַוואָד־אייגנטימער" (הויפּטזאַכלעך, טעקסטילע). האָט זיך קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט קעגן פרײַהייט פון אַרבעטער־פאַרייניגן און שטרײַקן. „אין דער אינדוסטריע, — האָבן די פאַבריקאַנטן געשריבן אין זייער מעמאָראַנדום, — טאָר מען ניט אומבאַשטראָפט אויוועקזײַן אָפּן גרונטלעכן עקאָנאָמישן געזעץ פון נאָכפראַגע און אָנבאָט". זיי האָבן זיך אַנטשיידן אָפּגעזאָגט צו העכערן דעם אַרבעטלוין, „ווײַל יעדע הויסאָפּע דעם פאַבריק־אַרבעטער לייגט זיך מיט דער גאַנצער שווערקייט אויפן אינערלעכן געברויכער". דער צוזאַמענפאָר פון די מאָסקווער פאַבריקאַנטן און זאַוואָד־אייגנטימער האָט נאָכן אָקטיאַבער־שטרײַק פון 1905 יאָר אויסגעאַרבעט אַלגעמיינע קאַמף־מיטלען קעגן די שטרײַקן. דער הויפּט־מאָ־מיטל איז געווען און געבליבן דער לאָקאַוט. זײַן מאָראַלישע אונטערשטיצונג איז פאַרבליבן די פּאָליציייִשע איינצל־קאַמער און אַדמיניסטראַטיווע אַרויסשיקונגען.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען איז פאַרן פּראָלעטאַריאַט מער, ווי ווען ניט איז אַנדערש, געשטאַנען די אויפגאַבע — געבן אַן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד און צוניפאָרן די פאָרמען און מעטאָדן פון קאַמף סײַ פון די לעגאַלע און סײַ אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס. טאַקע אינעם דאָזיקן פּעריאָד פון נאָך דער דעקאַבער־מאַפּאָלע האָבן די קעמפערישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פונעם פּראָלעטאַריאַט — די פּראָפאַרייען — באַקומען אַ קאָלאָסאַלע באַדײַטונג.

2. די באשאפונג פון פּראָפעסיאָנעלע פאריינען און זייער ראָליע אין דער רעוואָליוציע פון די יאָרן 1905—1907

די רעוואָליוציע איז געווען דאָס וויגעלע פון דער רוסישער פּראָפבאוועגונג. ביז דער רעוואָליוציע זיינען די ארבעטער־מאסן קימאט אינגאנצן ניט געווען אָרגאניזירט. זייער איינציקע שטיצע אין עקאָנאָמישן קאמף איז געווען די סאָציאל־דעמאָקראטישע פּארטיי. צוליב די אומלעגאלע באדינגונגען פון איר עקזיסטענץ האָט זי אָבער ניט געקענט פארשפּרייטן איר דירעקטע אויפווירקונג אויף די ברייטע ארבעטער־מאסן. וואָס ווייטער איז אַלץ מער געוואָקסן די באדערפעניש אין דער פּראָלעטארישער מאסן־אָרגאניזירטקייט, קעדיי צו קעמפן קעגן קאפּיטאל, וואָס האָט זיך אָרגאניזירט אין זיינע קלאסן־פאריייניקונגען. פאר דער צייט פון דער רעוואָליוציע איז דער פּראָלעטאריאט מיט אומגעהייערע טעמפּן און פארנעם דורכגעגאנגען אַלע פאזן פונעם רעוואָליוציאָנערן מאסן־שטרייק. אין פּראָצעס פון קאמף האָט ער געשאפן זיינע שלאכט־אָרגאנען. דאָס זיינען אָבער דערווייל ניט געווען קיין פּראָפפאריינען, נאָר ראטן, און אין די אונטערנעמונגען זיינען דאָס געווען די ערשטע עמבריאָנען פון פאבריק־זאוואָדישע קאָמיטעטן.

די פּראָפעסיאָנעלע באוועגונג איז אָפּגעשטאנען אין די טעמפּן און אין דער אָרגאניזאציאָנעלער אויספורעמונג. בלויז דער האנטווערקער־פּראָלעטאריאט, וואָס איז ווייניקער אריינגעצויגן געוואָרן אינעם פּאָליטישן קאמף, האָט דערפילט די נייטיקייט דרינגענד צו אָרגאניזירן זיינע קרעפטן, קעדיי צאנאנדערצוויקלען דעם עקאָנאָמישן קאמף. די וויכטיקסטע פּראָפפאריינען, ווי אויך די צווישנפאריינישע אָרגאניזאציעס האָבן זיך געשאפן ערשט נאָך דער יערידע פון פּאָליטישן קאמף — נאָך נאָיאבער — דעקאבער 1905. א ריי פאריינען האָבן זיך געשאפן אין אָקטיאבער — אין די „פרייהייט־טעג". אָבער די גרונט־מאסע פּראָפעסיאָנעלע פאריינען האָט זיך אָרגאניזירט אין מעשעך פון די יאָרן 1906־07.

דעם 30־טן אפּרעל 1906 איז פאָרגעקומען די גרינדונג־פארזאמלונג פונעם מעטאליסטן־פאריין. אין פארגלייך מיט די אנדערע פאריינען האָבן די מעטאליסטן פארשפּעטיקט מיטן אָרגאניזירן זייער קלאסן־פאריין. אויף די אונטערנעמונגען האָט זיך דער קאמף געפירט אונטער דער אָנפירונג פון די זאוואָדישע קאָמיטעטן, דעלעגאטן־פארזאמלונגען און דגל. קוים איז אָבער דער מעטאליסטן־פאריין געשאפן געוואָרן, האָט ער זיך גלייך אויסגעפורעמט, ווי א קעמפערישער קלאסן־פאריין. אין פרילינג 1906 האָט זיך אָנגעהויבן ענערגיש גרייטן אן אַלרוסלענדישע פאריינישע קאָנפערענץ, זי האָט זיך געעפנט אין פעווראל 1907 אין מאָסקווע, ווי א מאָסקווער געגנטלעכע קאָנפערענץ. אויף דער קאָנפערענץ זיינען בייגעווען פאָרשטייער פון 11 פאריינען. די רעאקציע האָט געשטערט צונויפצורופן אן אַלרוסלענדישן צוזאמענפאָר און שאפן אן אַלרוסלענדישע מעטאליסטן־פאריייניקונג. אזא פאריייניקונג האָט זיך איינגעגעבן צו שאפן ערשט נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע אין יאָר 1918.

א צווייטע גרויסע מאכנע — די טעקסטיל־ארבעטער — איז אויך אריינגעטראָטן אין דער רעוואָליוציע ניט אָרגאניזירטערהייט. אינעם גאנג פון די שטרייקן זיינען אין אַלע טעקסטיל־פאבריקן אויסגעוויילט געוואָרן דעפּוטאטן, אין אנדערע

ראיאָנען, ווי אין איוואנאָווא־וואָזנעסענסק, זיינען אפילע געשאפן געוואָרן ראטן פון ארבעטער־דעפוטאטן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט די שטרייקן.

דער מאָסקווער פארייניקטער טעקסטיל פאריין האָט זיך אָרגאניזירט אין נאָיאבער 1905, דער פעטערבורגער — אין דעקאבער, נאָכדעם, ווי דער אופשטאנד איז דורכגעפאלן. פאקטיש האָבן די טעקסטיל־פאריינען אָנגעהויבן עקזיסטירן אין הארבסט 1906. די רעגירונג האָט ארויסגעגעבן דעם געזעץ פון 4־טן מארט 1906, וואָס האָט געהאט דעם ציל צו מאכן אומשעדלעך און אומגעפערלעך די עקאָנאָמישע ארבעטער־אָרגאניזאציעס און אריינקוועטשן זייער טעטיקייט אין פולשטענדיק „אומשולדיקע" רעמלעך. די פאריינען, וואָס זיינען געווען געצוווּנגען אויסצונוצן דעם געזעץ, קעדיי זיך צו לעגאליזירן, האָבן פונדעסטוועגן אין דער פראקטיק פאנאנדערגעוויקלט א רעוואָליוציאָנערע ארבעט און האָבן קעמפעריש אָנגעפירט מיט דער עקאָנאָמישער מאסן־באוועגונג.

צו יאנואר — פעווראל 1907 זיינען אינעם אייראָפּייִשן טייל רוסלאנד, אָן סיביר, באלטיק, פינלאנד, פוילן און קאווקאז, געווען 652 פאריינען מיט 245.335 פאריין־מיטגלידער. דאָס האָט באטראָפן 3,5 פראָצ. פון דער גאנצער צאָל באשעפטיקטע אין דער פראָדוקציע.

לויט דער אָרגאניזירטקייט זיינען אפן ערשטן אָרט געשטאנען די דרוקער — 48 פראָצ. אָרגאניזירטע, אפן צווייטן אָרט די מעטאליסטן — 8,6 פראָצ. אין די איבעריקע פאריינען איז דער פראָצענט אָרגאניזירטע געווען אסאך א קלענערער. צווישן די בערגער איז דער דאָזיקער פראָצענט געפאלן ביז 1,1. לויט די פראָדוקציעס איז די גרייס פון די פאריינען געווען זייער א פארשיידנארטיקע. די צענטראליזירטע פאריינען — מעטאליסטן, טעקסטילער, דרוקער — זיינען געשטאנען אפן ערשטן אָרט:

בא די מעטאליסטן	81	פאריינען	48.173	מיטגלידער
בא די טעקסטיל־ארבעטער	25	„	73.214	„
בא די האנדל־אינדוסטריעלע אָנגעשטעלטע	101	„	32.475	„
בא די דרוקער	71	„	28.654	„

פאר דעם זעלבן פעריאָד 1905־07 האָבן זיך אין 46 גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען געשאפן צווישנפאריינישע צענטרען — צענטראלע פאריינישע ביוראָען. די לאָקאוטן־כוואליע, וואָס איז געווען געווענדעט קעגן די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער, דער הונגער און די ארבעטלאָזיקייט, דורך וועלכע דער קאפיטאל האָט געמיינט צו דערשטיקן די רעוואָליוציע, די פרוּוון אָפּצונעמען בא די ארבעטער דאָס, וואָס זיי האָבן דעראָבערט אין מעשעך פון די קאמף־יאָרן, באזונדערס אין געביט פונעם דויער פונעם אַרבעט־טאָג און פארקלענערונג פונעם ארבעטלוין, — אָט דאָס אלץ האָט באשטימט דעם קרייז טעטיקייט פון די פאריינען אין די יערידע־יאָרן פון דער רעוואָליוציע. דאָס איז געווען א פעריאָד פון פארביטערטע שלאכטן קעגן דעם קאפיטאל און דער זעלבסטהערשונג. די פראָפפאריינען זיינען אנטשטאנען און האָבן זיך אנטוויקלט אין דער אטמאָספער פון די דאָזיקע שלאכטן און טאקע די דאָזיקע רעוואָליוציע־אטמאָספער האָט ארופגעלייגט איר שטעמפל אף דער פּאָליטישער פראָגראם און טאקטיק און אף דער אויסארבעטונג פון דער אידעאָלאָגיע בא דער פראָפפאריינישער באוועגונג. די אידעאָלאָגיש־אויסגעהאלטענע קלאסן־

פּאָליטיק פון דער מערהייט פּראָפאַריינען אין די יאָרן 1906־07 איז געווען, קוידעמקאָל, א רעזולטאט דערפון, וואָס בא דער וויג פון דער פּראָפבאַוועגונג איז געשטאַנען די רעוואָליוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די ניט־לאַנגע דערפאַרונג פון די זובאַטאָווישע און גאַפּאָנישע פאַריינען, וואָס האָבן אָפּגעריסן די אַרבעטער פונעם קלאַסן־קאַמף, האָט געצוווּנגען די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער צו שטרעבן צו ענגסטער מיטאַרבעט מיט דער רסדא״פּ.

א גוואַלדיקע ווירקונג אויף דער אויספורעמונג פון דער רעוואָליוציאָנערער קלאַסן־אידעאָלאָגיע אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין רוסלאַנד האָבן געהאַט די באָלשעוויקעס און לענין. שוין אין זיין ווערק „וואָס דאַרף מען טאָן", וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין יאָר 1902, האָט לענין פאָרמולירט די גרונט־אָנשויונגען אָפן פּראָפעסיאָנעלן קאַמף, אויף די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן און קעגנזייטיקע באַציונגען פון דער פּאַרטיי מיט די פאַריינען. די דאָזיקע אָנשויונגען זיינען ענדגילטיק אָנגענומען געוואָרן אין די באַשלוסן פון דעם לאָנדאָנער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט אָנערקענט פאַר נייטיק, אַז די פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַרישן אוואַנגאַרד זאָל אידייִש אָנפירן מיט די פּראָפאַריינען. אונטערשטרייכנדיק די אָרגאַניזירנדיקע און אָנפירנדיקע ראָליע פון דער פּאַרטיי אין די פּראָפאַריינען, האָבן די באָלשעוויקעס און לענין געגעבן פעסטע אידייִשע איינשטעלונגען און אויף דעם גרונט איז אין משך פונעם גאַנצן פעריאָד 1905־07 פאָרגעקומען א קאַמף צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

אַלס קעגנזאַץ צו דער מענשעוויסטישער טעאָריע וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פון דער פּאַרטיי און די פאַריינען און וועגן דער אויסגערופענער „נייטראַלקייט" פון די פּראָפאַריינען, האָבן די באָלשעוויקעס געפאָדערט צו אָנערקענען די אָנפירונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער פּראָפבאַוועגונג און אַז די פּאַרטיי און די פּראָפאַריינען זאָלן זיין ענג און אָרגאַניש צווישן זיך פאַרבונדן. די בורזשואַזע און קלייןבורזשואַזע פּאַרטייען האָבן געפאָדערט צו אָנערקענען די נייטראַלקייט פון די פּראָפאַריינען, קעדיי אָפּציען זיי פון די פּראָלעטאַרישע קלאַסן־אויפגאַבן און ווענדן דעם פּראָלעטאַריאַט אָפן וועג פון דער בורזשואַזער פּאָליטיק.

דער שטרייט צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס וועגן דער נייטראַלקייט פון די פּראָפאַריינען איז אויסאַרום גלייך פון אָנהייב אָן געווען א שטרייט צווישן דער טרעד־יוניאָניסטישער טענדענץ און דער רעוואָליוציאָנערער, מאַרקסיסטישער. פאַנאַנדערגעוויקלט און אויסגעפורעמט האָבן זיך די דאָזיקע טענדענצן שפּעטער, שוין אין די רעאַקציע־יאָרן, ווען עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די ליקווידאַטעריי, צו וואָס די מענשעוויקעס האָבן זיך דערקייקלט נאָכן יאָר 1905.

אין די יאָרן 1905־07 האָבן די מענשעוויקעס און טראָצקי באַשולדיקט לענינען, אַז ער מישט, קלומערשט, צונויף די צוויי באַגריפן — דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד און דעם פּראָפעסיאָנעלן קאַמף, און אַז, אָפּגעבנדיק פאָרצוג דעם אויפשטאַנד, איגנאָרירט ער די פּראָפאַריינען. לענין האָט זייער שאַרף דערווידערט קעגן אַזאַ אַרט צונויפמישן. ווי האָט ער געשטעלט די פראַגע? דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד, האָט ער געזאָגט, איז א מיטל אויף אַראָפּצוואַרפן די זעלבסטהערשונג, און דער

פּראָפעסיאָנעלער קאַמף" איז איינע פון די שטענדיקע פּראָלעטאַרישע אויפגאַבן. "אויב די פּראָפאַריינען וועלן פעסט באַנעמען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידייען וועלן זיי ווערן אַ באַזע אַף דערציען די מאַסן און צוגרייטן זיי צום אויפשטאַנד אויף די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, — שרייבט לענין, — וואָלטן געקענט פאַרברייטערן די דאָזיקע באַזע, פון וועלכער מיר וועלן שעפּן קרעפטן פאַרן אויפשטאַנד אַזוי, אַז איך וועל נאָכאַמאָל זאָגן: קעגנשטעלן איינע די צווייטע איז פעלערהאַפט. דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד איז דער העכסטער מיטל פונעם פּראָלעטאַריאַטס קאַמף".

אינעם גאַנג פון קאַמף צווישן דעם באָלשעוויזם און מענשעוויזם אין דער פּראָפבאַוועגונג אין משך פון די יאָרן 1905־07 האָבן זיך פאַרפעסטיקט און אויסגעשטאַנען די גרונט־פּרינציפּן, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט נאָך פאַר דער רעוואָליוציע און וואָס האָבן געהאָלפן אָרגאַניזירן די רעוואָליוציאָנערע פּראָפבאַוועגונג, וואָס האָט זיך אינגאַנצן געשטעלט אונטער דער פאָן פון לעניניזם.

לאָמיר איצט אונטערפירן אַ קורצן סאַכאַקל פונעם פּראָלעטאַריאַטס רעוואָליוציאָנערן קאַמף אין דער ערשטער רעוואָליוציע, ווו ער איז מיט אַזאַ אַנטשיידנקייט אַרויסגעטראָטן, אַלס פירער און אָנפירער פונעם אַלגעמיין־דעמאָקראַטישן קאַמף־פראָנט קעגן דער זעלבסטהערשונג.

אַלס פאַרגלייך וועלן מיר נעמען צוויי דאַטעס: אַ יאָרצענדליק (1895־1904) ערעוו דער רעוואָליוציע און איין יאָר רעוואָליוציע.

באַקומט זיך אַזאַ בילד פון די רעזולטאַטן פונעם שטרייקן־קאַמף:

די רעזולטאַטן פון די שטרייקן	די יאָרן 1895 — 1904 (10 יאָר)		דאָס יאָר 1905	
	צאָל שטרייקן	צאָל שטרייקער (אין טויזנטער)	צאָל שטרייקן	צאָל שטרייקער (אין טויזנטער)
לטויוועס די אַרבעטער	498	116,6	1.949	377,7
מיט אַ קאָמפּראָמיס	384	84,0	2.479	671,4
לטויוועס די אונטערנעמער . . .	802	222,6	1.254	421,2

דאָס רעוואָליוציאָנערע יאָר גיט אַן איבערוואָג פון דערפאָלגרייכע שטרייקן. נאָכן 1905 יאָר האָט זיך געהעכערט דער אַרבעטלוין, איבערהויפּט אין די גרויסע אונטערנעמונגען, ווו די קראַפט פונעם דרוק איז געווען אַ באַדייטנדיקערע, איידער אין די קליינע. אין די גרויסע אונטערנעמונגען האָבן די אַרבעטער זיך דערשלאָגן צו אַ העכערונג אַף 20 פּראָצ., אין די מיטעלע — 12 פּראָצ., און אין די קליינע — 8 פּראָצ. בענעגייע דער אַרבעט־צייט האָבן די אַרבעטער פון אַ רייע מאָסקווער און פּעטערבורגער אונטערנעמונגען זיך דערשלאָגן צו אַן 8־שאָיִקן אַרבעט־טאָג, וואָס איז דערנאָך פאַרביטן געוואָרן אַף אַ 9־שאָיִקן.

די יאָרן 1905־07 האָבן געגעבן ניט נאָר אַ באַדייטנדיקע צאָל פּראָפאַריינען, נאָר אויך אַ פּראָפעסיאָנעלע פּרעסע.

נאָר די דאָזיקע עקאָנאָמישע דעראָבערונגען פון יאָר 1905, וואָס אַ באַדייטנדיקער טייל זייערער איז אין די שפּעטערדיקע רעאַקציע־יאָרן אָפּגענומען געוואָרן, זיינען ניט אַזוי וויכטיק פאַרן פּראָלעטאַריאַט, ווי די סאַכאַקלען פון דער

רעוואָליוציע אין געביט פון דער פּאָליטישער און קלאַסעוועד דער־צירונג פונעם פּראָלעטאַריאַט.

„בלויז דער קאַמף דערציט דעם עקספּלואַטירטן קלאַס,— האָט לענין אין צו־זאַמענהאַנג דערמיט געשריבן,— בלויז דער קאַמף אַנטפּלעקט פאַר אים די מאָס פון זיינע קרעפטן, פאַרברייטערט זיין וועלט־אָנשויונג, הייבט אויף זיין פעיקייט, מאַכט קלאָר זיין פאַרשטאַנד, שמידט אויס זיין ווילן"...

אינעם פּראָצעס פון דער רעוואָליוציע האָט דער פּראָלעטאַריאַטווירקלעך אַנטפּלעקט אַזעלכע קרעפטן און אַזאַ קאַמף־ענערגיע, וואָס נאָר אַ רעוואָליוציאָ־נערער קלאַס, וועלכער קען קעמפן פאַר גרויסע צילן און קעמפן, ווירקלעך, רע־וואָליוציאָנער, אַנטפּלעקט אַזוינס.

דער גאַנצער גאַנג פון דער רעוואָליוציע און די גאַנצע דערפאַרונג אירע האָט דערוויזן די באַדייטונג פונעם פּראָלעטאַריאַט, אַלס פירער און העגעמאָן אין דער אַלגעמיינער פאָלק־רעוואָליוציע,— אַ באַדייטונג, וואָס איז געווען „אומענד־לעך העכער, ווי זיין כיילעק אין דער באַפעלקערונג". ריידנדיק וועגן די סאַכאַק־לען פון דער רעוואָליוציע פון יאָר 1905, האָט לענין אינעם אַרטיקל „וועגן דער אָפּשאַצונג פונעם לויפנדיקן מאָמענט" באַזונדערס אַקצענטירט אומטערגעשטראָכן בעפייערעש דעם דאָזיקן גרונט־סאַכאַקל:

„די אָנפירנדיקע ראָליע פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן אין דער גאַנצער רע־וואָליוציע און אין אַלע קאַמף־הייכן, אָנהייבנדיק פון דעמאָנסטראַציעס, פאַרזעצנ־דיק מיטן אופשטאַנד און ביז (אין כראָנאָלאָגישן סיידער) דער „פּאַרלאַמענטאַרי־שער" טעטיקייט, איז פאַר דעם דאָזיקן פּעריאָד, אײַנגאַנצן געוויזן, באַשיימפּע־לעך געוואָרן אָנזיכטיק פאַר אַלעמען".

צוזאַמען דערמיט איז לענין באַשטאַנען אויף דעם, אַז די פּראָלעטאַרישע פּאַר־טיי מוז דורכויס זיין פולשטענדיק קלאַסן־זעלבשטענדיק אין דער אַלגעמיין־דע־מאָקראַטישער באַוועגונג, און ער האָט געוואָרנט קעגן דער געפאַר, אַז דער פּראָ־לעטאַריאַט זאָל זיך אופלייזן אין דער בורזשואַזער רעוואָליוציע.

„פאַרן פּראָלעטאַריאַט,— האָט לענין געלערנט,— איז דער קאַמף פאַר פּאָלי־טישער פרייהייט און דעמאָקראַטישער רעפּובליק אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט בלויז איינער פון די נייטיקע עטאַפּן אינעם קאַמף פאַר דער סאָציאַלער רעוואָ־ליוציע, וואָס שליידערט אַראָפּ די בורזשואַזע פּאַראָנדקעס".

דער קאַמף פאַר פּאָליטישער פרייהייט, דער קאַמף פאַר אַראָפּוואַרפן די זעלבסט־הערשונג איז, אַלזאָ, בלויז „איינער פון די נייטיקע עטאַפּן", וואָס נאָך אים הייבט זיך טייקעף אָן אַ פאַנאַנדערגעוויקלטער קאַמף פאַר אַראָפּוואַרפן די בורזשואַזיע.

אין דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר האָט לענין ביז גאָר געניי און פול־שטענדיק אויסגעשטעלט פאַר דער פּאַרטיי און פאַרן אַרבעטער־קלאַס די אויפ־גאַבע פון דער אַריבערוואַקסונג פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע אין אַ סאָציאַליסטישער. אינעם אַרטיקל „די באַציונג פון די סאָציאַלדעמאָקראַטן צו דער פּויערים־באַוועגונג" (סעפּטעמבער 1905) האָט לענין געשריבן: „פון דער רעוואָליוציע דער דעמאָקראַטישער וועלן מיר גלייך אָנהייבן אַריבערגיין און טאַקע פונקט לויט נאָך אונדזער קויעך דעם קויעך פונעם באַוווּסטזיניקן און אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט, וועלן מיר אָנהייבן אַריבערגיין צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָ־

ליוציע. מיר שטייען פאר אן אָנופהערלעכער רעוואָליוציע. מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אין האלבן וועג. אויב מיר זאָגן ניט צו באלד און טייקעף אלערליי „סאָציאליזאציעס", איז עס בעפיירעש דערפאר, וואָס מיר ווייסן די ווירקלעכע באדינגונגען פון דער דאָזיקער אויפגאבע און מיר פארשמירן ניט, נאָר מיר דעקן אויף דעם נייעם קלאסן־קאמף, וואָס ווערט רייף אין די טיפענישן פונעם פויערטום.

צוערשט שטיצן מיר ביזן סאָף, מיט אלע מיטלען, ביז קאָנפיסקירונגען — דעם פויער בכלל — קעגן דעם גוטבאזיצער, און דערנאָך (און אפילע גאָר ניט דערנאָך, נאָר טאקע אין דער זעלבער צייט) שטיצן מיר דעם פראָלעטאריאט קעגן דעם פויער בכלל. אויסרעכענען איצט די קרעפטן־קאָמבינאציע צווישן דעם פויערטום אפן „אנדערן טאָג" נאָך דער רעוואָליוציע (דער דעמאָקראטישער) — איז א פוסטע אוטאָפיע. ניט ארייננפאלנדיק אין אוואנטיוריזם, ניט פארראטנדיק אונדזער אייגענעם וויסנשאפטלעכן געוויסן, ניט יאָגנדיק זיך נאָך ביליקער פּאָפּולאריטעט, קענען מיר זאָגן און מיר זאָגן בלויז איינס: מיר וועלן מיט אלע קרעפטן העלפן דעם פויערטום צו מאכן א רעוואָליוציע א דעמאָקראטישע, קעדיי עס זאָל זיין וואָס גרינגער פאר אונדז, דער פארטיי פונעם פראָלעטאריאט, אריבערצוגיין ווי אמגיכסטן צו דער נייער און העכערער אויפגאבע, צו דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע. מיר זאָגן ניט צו קיין שום הארמאָנישקייט, קיין שום אויסגלייכערייִ, קיין שום „סאָציאליזאציעס" פון דעם, וואָס עס וועט זיגן דער איצטיקער פויערים־אויפשטאנד, — אדעראבע, מיר „זאָגן צו" א נייעם קאמף, א נייע אומגלייכקייט, א נייע רעוואָליוציע, צו וועלכער מיר שטרעבן".

די לענינשע טעאָריע וועגן אריבערוואקסונג שיידט זיך דערמיט אונטער פון דער מענשעוויסטיש־טראָצקיסטישער טעאָריע וועגן פערמאנענטער רעוואָליוציע, וואָס זי שפרינגט ניט אריבער איבער עטאפּן, זי איז געבויט אפן דיסקאָנט פון די רעאלע, קאָנקרעטע אומשטענדן. „לענין האָט פארגעלייגט „אויסשעפּן" די רעוואָליוציאָנערע פייִקייטן פונעם פויערטום און אויסנוצן ביזן גרונט זיין רעוואָליוציאָנערע ענערגיע צוליבן פולשטענדיקן ליקווידירן דעם צאריזם, קעדיי אריבערגיין צו דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע, דאן, ווען די אָנהענגער פון דער „פערמאנענטער רעוואָליוציע" האָבן ניט פארשטאנען די ערנסטע ראָליע פונעם פויערטום אין דער רוסישער רעוואָליוציע, זיי האָבן ניט דערשאצט די קרעפטן און פייִקייטן פונעם רוסישן פראָלעטאריאט צו פירן נאָך זיך דאָס פויערטום און האָבן, אזוי ארום, פארשוועריקט דאָס ארויסבאפרייען דאָס פויערטום פון אונטער דער ווירקונג פון דער בורזשואזיע, פון באהעפטן דאָס פויערטום ארום דעם פראָלעטאריאט" (סטאלין „פראגן פון לעניניזם").

אין יאָר 1905 האָט דער פראָלעטאריאט אין דער פולער מאָס ארויסגעוויזן זיין היסטאָרישע ראָליע ניט נאָר אלס העגעמאָן אין דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אין רוסלאנד, נאָר אויך אלס טרייב־קראפט אין דער אריבערוואקסונג פון דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אין א סאָציאליסטישער, אויך אלס איניציאטער פון דער וועלט־רעוואָליוציע.

אין יאָר 1905 האָבן דער פראָלעטאריאט און די אדבעטנריקע מאסן אויסגעפרווּוט אין דער פראקטיק צוויי טאקטיקעס און צווייערליי מינים פארשטיין די

רעוואָליוציע און האָבן זיך אָף דער דערפאַרונג איבערצייגט אין דעם, אַז בלויז די איינהייטלעכע, באַהעפטע באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, וואָס פירט אָן אָנראַכמאָנעסדיקן קאַמף אָף צוויי פראָנטן, וואָס דעמאַסקירט דעם מענשעוויזם אַז טראָצקיזם, אַלס אַגענטור פון דער בורזשואַזיע אינעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס באַקעמפט די רעכטע און „לינקע" וואַקלעניש אין אירע רייען, — אַז בלויז אַזאַ פאַרטיי קען פירן דעם פּראָלעטאַריאַט אין קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און פאַר אויסבויען דעם סאָציאַליזם.

ג. ב. גראָווע

דער אַרבעטער־קלאַס און די אַרבעטער־באַוועגונג אין די יאָרן פון רעאַקציע און אופשטײַג

אַרײַנפיר

די ווידערשפּרוכן פונעם צווישן־רעוואָליוציאָנערן פעריאָד (יאָרן 1908—1914)

אינעם פעריאָד 1907־14 איז געווען כאַראַקטעריסטיש דאָס ווייטערדיקע אָנוואַקסן פון די גרונט־ווידערשפּרוכן, וואָס האָבן געבילדעט די פאָרהאַנאַכעס פון צוויי עטאַפּן אין אונדזער רעוואָליוציע: דעם ערשטן — דעמאָקראַטישן, און דעם צווייטן — סאָציאַליסטישן, דערביי איז דער ערשטער דירעקט אַריבערגעוואָקסן אינעם צווייטן.

צום קעגנטייל פון די רעכילעסדיקע באַהויפּטונגען פון טראָצקין און פון די טראָצקיסטישע קאָנטראַבאַנדיסטן, אַז לענין האָט, קלומערשט, ניט פאַרשטאַנען, אַז די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע מוז נייטיק אַריבערוואַקסן אין אַ סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע און אַז די נייטיקייט פון אַזאַ מין אַריבערוואַקסן האָט לענין, קלומערשט, פאַרשטאַנען ערשט נאָך דער מילכאָמע, נאָכדעם ווי ער האָט זיך מיט טראָצקיס הילף „איבערבאַוואָפנט" — צום קעגנטייל דערפון האָט לענין נאָך אין יאָר 1905 אונטערגעשטראָכן, אַז מע מוז נייטיק קעמפן פאַר דעם, אַז די דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע זאָל טייקעף אַריבערוואַקסן אין אַ סאָציאַליסטישער; ער האָט אָנגעוויזן, אַז „מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אויף אַ האַלבן וועג", אַז „פון דער רעוואָליוציע דער דעמאָקראַטישער וועלן מיר באַלד אָנהייבן אַריבערגיין, און טאַקע לויט אונדזער קראַפט פונעם באַוווּסטזיניקן און אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט, וועלן מיר אָנהייבן אַריבערגיין צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע". נאָך אין יאָר 1905 האָט לענין אָנגעוויזן, אַז אין רוסלאַנד זײַנען פאָרגעקומען „צוויי פאַרשיידענע און פאַרשיידנאַרטיקע סאָציאַלע מילכאָמעס" — „אַן אַלגעמיינער פאָלק־קאַמף פאַר פרייהייט, פאַר דעמאָקראַטיע" און „אַ קלאַסנקאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט קעגן דער בורזשואַזיע פאַר אַ סאָציאַליסטישן אײַנאָרדענען די געזעלשאַפט".

דאָס באַווײַזט, ווי ווײַט פאַלש עס זײַנען די טראָצקיסטישע אידייען וועגן דעם, אַז קלומערשט „די גאַנצע געשיכטע פון רוסלאַנד פון יאָר 1861 ביזן יאָר 1917 איז אַ געשיכטע פון קאַמף פון „צוויי וועגן" אין דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד" און אַז בלויז די „מילכאָמע־באַדינגונגען האָבן האַרט געשטעלט פאַרן פּראָלעטאַריאַט דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם" (וואַנאַג). די דאָזיקע אידייעלע ווידערשפּרעכן ביזן גרונט דער לענינשער לערע וועגן דעם אַריבערוואַקסן פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע אין אַ סאָציאַליסטישער.

די אנטוויקלונג פונעם פינאנץ־קאפיטאל אין די ראמען פון א דיקטאטור פון לייבייגנטימער, די אָנוואקסונג פון דער „גרעסטע־ פאָלק־רעוואָליוציע" אין רוסלאנד, וואָס בעראָש פון איר איז געשטאנען דער רעוואָליוציאָנערסטער פראָלעטאריאט אין דער וועלט, וועלכער האָט געהאט אין זיין רעשוס אזא פארבינדעטן, ווי דאָס רעוואָליוציאָנערע פויערטום פון רוסלאנד און דערצו די אָביעקטיווע באדינגונגען פאר א רעוואָליוציע אין דער גאנצער סיסטעם פון דער אימפעריאליסטישער וועלט־ווירטשאפט, — אָט דאָס אלץ האָט געשאפן „גינסטיקע באדינגונגען אף צו שטורעמען דירעקט די פעסטונגען פונעם קאפיטאליזם" (סטאלין); דאָס אלץ האָט געשאפן פאָרהאנאָכעס פאר א שנעלן אריבערוואקסן פונעם ערשטן, דעמאָקראטישן רעוואָליוציע־טיפ אינעם צווייטן סאָציאליסטישן, פארן פארוואנדלען די אָקטיאבער־רעוואָליוציע אין אן אָנהייב פון דער סאָציאליסטישער וועלט־רעוואָליוציע און פונעם דערפאָלגרייכן אויפבויען דעם סאָציאליזם אין אונדזער לאנד.

אין די באדינגונגען פון קאמף פארן ערשטן, דעמאָקראטישן רעוואָליוציע־עטאפ האָבן זיך פאר רוסלאנד געעפנט צוויי מעגלעכע וועגן פון קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג. דעם ערשטן וועג האָט לענין אָנגערופן „פרייסישער וועג", לויט אן אנאלאָגיע מיט פרייסן. דאָס איז געווען א וועג פון רעפאָרמעס, וואָס קומען פון אויבן, וואָס ווערן דורכגעפירט דורך די לייבייגנטימער מיט דער שטיצע פון דער בורזשואזיע, די דיקטאטור פארבלייבט אָבער אין די הענט פון די לייבייגנטימער. דער טאָך פון דעם דאָזיקן וועג איז באשטאנען אין א פאמעלעכדיקן, בעהאדראָגיקן רעפאָרמירן די לייבייגנטימערישע פארהעלטענישן אין דאָרף, אין א ביסלעכוויזן איבערמאכן די גוטבאזיצערישע, לייבייגנטימערישע ווירטשאפטן אין יונקעריש־קאפיטאליסטישע, אין אויסשטעלן אין דאָרף א קליין הייפל באלעבאטים, רויבערנדיק און פראָלעטאריזירנדיק דערביי די גרונט־מאסן פונעם פויערטום.

דער צווייטער „אמעריקאנישער" אנטוויקלונג־וועג, — דער וועג פון א רעוואָליוציע וואָס דער פראָלעטאריאט פירט דורך אין בונד מיטן פויערטום, מיט וועלכן ער פירט אָן, — האָט געדארפט ברענגען צו א רעוואָליוציאָנערן ברעכן די אלטע, פעאָדאל־לייבייגנטימערישע פארהעלטענישן, צום איינשטעלן א רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישע דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט און פויערטום, צום קאמף פאר א באלדיקן אריבערוואקסן פון דער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אין א סאָציאליסטישער.

דער קאמף פאר די צוויי מעגלעכע וועגן פון דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג האָט זיך קלאָר אָנגעמערקט נאָך אין XIX יאָרה.; מיט דער גרעסטער שארפקייט האָט ער זיך אָבער פאנאנדערגעוויקלט אין דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר.

די רעוואָליוציע פון 1905 יאָר האָט געליטן א מאפּאָלע. די רעוואָליוציע איז דערשטיקט געוואָרן. זי האָט אָבער אָנשוינלעך באוויזן די לייבייגנטימער־פריצים, אז קוים וועלן זיי פאר זיך ניט שאפן קיין נייע קלאסן־אָנשפארן, וועלן זיי זיך בא דער מאכט ניט איינהאלטן. אינעם קאמף קעגן דער רעוואָליוציע האָט די רעגירונג געפרווט שאפן זיך א פארבינדעטן אין דער פערזאָן פונעם דאָרפישן באלעבאָס.

די אייגנארטיקייט פונעם צווישנרעוואָליוציאָנערן פעריאָד איז באשטאנען אין דעם, וואָס די לייבייגנטימער גופא האָבן זיך געפרווט לייזן דעם דאָזיקן ווידערשפרוך

אַף אַ פּריצישן, „פּרייסישן" אופן, דורכפירנדיק די אזויגערופענע סטאָליפּינשע רעפאָרם.

„סיי סטאָליפּין, סיי די שוואַרצמייעדיקע גוטבאַזיצער, סיי די דעקאַבריסטן, — האָט לענין געשריבן, — פאַרשטייען, אַז „אויב ניט ברעכן די אַלטע פאַרהעלטענישן", „אויב ניט שאַפן נייע קלאַסן־אָנשפּאַרן" וועלן זיי זיך בא דער מאַכט ניט איינהאַלטן".

„דער גרויסער רוק פאָרויס, וואָס די רעוואָלוציע האָט שוין געמאַכט און וועט ניט צוריקכאַפּן, — האָט לענין געשריבן אין 1908 יאָר אין די „פּאָליטישע נאָטיצן", — באַשטייט אין דעם, וואָס די שוואַרצמייעדיקע זעלבסטהערשונג האָט פריער געקענט זיך שטיצן אַף די אַלטפרענקישע פאָרמען פון ערדבאַזיץ, און איצט איז זי געצוווּנגען, דורכויס און ניט אַף צוריקכאַפּן געצוווּנגען פיבערהאַפטיק־שנעל זיי צו צעשטערן, ווייל זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב ניט ברעכן די אַלטע ערד־פאַראָנדקעס, קאָן ניט זיין קיין אויסוועג פון דעם ווידערשפּרוך, וואָס גיט אַמטיפסטן צו פאַרשטיין די רוסישע רעוואָלוציע: סאַמע אָפּגעשטאַנענסטער ערדבאַזיץ, סאַמע ווילדסטער דאָרף און — סאַמע פאָרגעשריטנסטער אינדוסטריעלער און פינאַנציעלער קאַפּיטאַליזם".

די רעגירונג האָט געפּרוווט פאַרליפן דעם וועג דער רעוואָלוציע און לייזן די ווידערשפּרוכן, וואָס זיינען רייף געוואָרן אין דאָרף, אַפן פּרייסישן וועג, דורכפירנדיק די אזויגערופענע סטאָליפּינשע רעפאָרם. די רעגירונג האָט דורכגעפירט אַ גאַנצע ריי מאָסמיטלען, וועלכע האָבן געהאָלפן די גוטבאַזיצערישע ווירטשאַפטן אריבערצוגיין פון דער לייבאייגנטימערישער ווירטשאַפט־סיסטעם צו דער קאַפּיטאַליסטישער. די רעגירונג האָט געהאָלפן מיט אַלע מיטלען די באַלעגופישע ווירטשאַפטן צו אַנטוויקלען זיך אַפן כעזשבן פונעם באַרויבן דער גרונט־מאַסע דאָרפישע אָרעם־ און מיטלפּויערים. קעדיי צו צעשמעטערן די געמיינדע און פאַרפעסטיקן די ערד אין פּריוואַטן אייגנטום איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער אוקאַז פון 9־טן נאָיאַבער 1906, וואָס איז נאָכדעם באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער III מעלוכע־דומע, דורכן מעלוכע־ראַט און, ענדלעך, דורכן קייסער, אַלס געזעץ פון 14־טן יון 1910.

אין העסקעם מיטן אוקאַז פון 9־טן נאָיאַבער 1906 האָט יעדער הויזווירט, וואָס באַזיצט אַ פּויערישן ערד־ביילעק אַף געמיינדע־רעכט, באַקומען דאָס רעכט צו פאָדערן צו יעדער צייט, אַז דער טייל ערד־ביילעק, וואָס אים קומט, זאָל פאַרפעסטיקט ווערן צו אים, אַלס אייגנטום. אין העסקעם, ווידער, מיטן געזעץ פון 14־טן יון 1910 איז די ערד פון אַלע געמיינדעס, ווו עס איז ניט פאָרגעקומען קיין איבערפאַרטיילונג אין משך פון 24 יאָר, אָבליגאַטאָריש אַריבער אין פערזענלעכן אייגנטום פון די פּויערישע הויפן.

קעדיי צו סטימולירן דאָס אויסטיילן זיך פון דער געמיינדע, האָט די צאַרישע אַדמיניסטראַציע געגעבן די אויסגעטיילטע אַ גאַנצע ריי להאַטעס אַפן כעזשבן פונעם איבעריקן פּויערטום. זי האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אַפילע פאַר מיטלען פון דירעקטן צוואַנג.

און קעדיי די לייבאייגנטימער זאָלן קענען פאַרקויפן זייער ערד די באַלעגופים וואָס מער לויגעוודיק און אַף וואָס מער העכערע פּרייזן, האָט זיך נאָך אין די 80־ער יאָרן פון XIX יאָרהונדערט געשאַפן אַ ספּעציעלער פּויערים־באַנק.

דער האלב־לײַבײגנטימערישער ערדבאזיץ האָט זיך אין די יאָרן פון דער סטאָליפּיניאַדע עטװאָס פאַרקלענערט. א טייל לײַבײגנטימערישע ערד איז אריבער אין די הענט צו דער נייער דאָרפישער בורזשואזיע, װאָס האָט זיך שנעל אנט־װיקלט פון די כאָכרים, מעשטשאנעס, באַלעגופנטום און דגל. בלויז פאר די יאָרן 1906—10 האָט דער אדל פארלאָרן 6.531,3 טויזנט דעסיאַטין. די כאָכרים האָבן זיך איינגעשאפט 1.043,4 טויזנט דעסיאטין, און די דאָרפישע באַלעגופים — 5.617,2 טויזנט דעסיאטין.

ניט געקוקט אף די דאָזיקע אלע מאָסמיטלען, האָט דער האלב־לײַבײגנטימערישער ערדבאזיץ פונדעסטװעגן איינגעהאלטן זיך ביז סאמע דער אָקטיאבער־רעװאָלוציע, און אין פארבינדונג דערמיט זיינען אויך פארבליבן די פארשיידענע פאָרמען פונעם פארשקלאפנדיקן עקספּלואטירן די פויערים. האגאם די צארישע זעלבסטהערשונג האָט פאר דעם דאָזיקן פעריאָד געמאכט נאָך א טראָט צו א בורזשואזער מאָנארכיע, איז זי פונדעסטװעגן געבליבן נאָך אלץ די אלטע לײַבײגנטימערישע מאָנארכיע. דער רעגירונג האָט זיך איינגעגעבן צו שאפן פאר זיך אין דאָרף א װיפל־ניט־איז פעסטע שטיצע אין דער פערזאָן פונעם זיך אנטװיקלענדיקן באַלעגופנטום. דער שעטעך פון די כוטערס און ערד־אָפּשניטן האָט באטראָפן ניט מער װי 10 פראָצענט לעגאבע דעם גאנצן פויערישן ערד־שעטעך. די כוטערס און ערד־אָפּשניטן זיינען געװען װי טראָפּנס אינעם ים פויערישער װיִנירונג און אָרעמקייט. ניט געקוקט אף די דאָזיקע „פּראָגרעסן“, איז די מערהייט פויערים פארבליבן, װי לענין זאָגט, אין „לײַבײגנטימערישער שקלאַפערײַ“.

די סטאָליפּיניאַדע האָט ניט באשאפן קיין װיפל־ניט־איז שטאנדהאפטיקע בורזשואזע פארהעלטענישן אין דאָרף. דער פּראָצעס גופא פון דורכפירן די רעפאָרם, דער אומפארשעמטער רעגירונג־שוץ פאר די באַלעגופים, װאָס האָבן צערויבט די געמיינדע־ערדן, די הערשאפט פונעם גרענעצלאָזן פּאָליציייִשן װילקיר אין דאָרף, דאָס אלץ האָט ניט נאָר ניט אָפּגעשװאכט דעם קלאסן־קאמף אין דאָרף, נאָר עס האָט געשאפן פאָרהאנאָכעס פאר א נאָך גרעסערער פארשארפונג פון דעם דאָזיקן קאמף.

די סטאָליפּיניאַדע האָט ניט נאָר ניט פארניכטעט די פאָרהאנאָכעס פונעם אלגעמיין־פויערישן קאמף קעגן די גוטבאזיצער, נאָר זי האָט אים נאָך מער פארשארפט, און אין דער זעלבער צייט האָט זי פארשטארקט דעם קאמף אינװייניק אין דאָרף צװישן דער דאָרפישער אָרעמשאפט און דער דאָרפישער בורזשואזיע. דאפקע די סטאָליפּיניאַדע האָט צוגעגרייט אָט די באװעגונג פון דער אָרעמשאפט, װאָס האָט זיך מיט א באזונדער קראפט פאנאנדערגעװיקלט אין די יאָרן 1917—18.

אין די באדינגונגען פון דער סטאָליפּינישער רעפאָרם איז אװיאַרום פאַרן פּראָלעטאריאט און זיין פארטיי געבליבן די זעלבע אופגאבע צו קעמפן פאר א ר ע װ אָ ל י ו צ י אָ נ ע ר ן װעג פון פארניכטן די לײַבײגנטימערישע רעשטלעך.

די באזונדערקייטן פון רוסלאנד איז באשטאנען אין דעם, װאָס דער קאפּיטאליזם האָט דאָ דערגרייכט צו דער העכסטער סטאדיע אין א צייט, װען דאָ האָט געהערשט די דיקטאטור פון לײַבײגנטימער. דאָס, װאָס דער פינאנץ־קאפּי־

טאַל און דער אימפּעריאַליזם האָט זיך דאָ אַנטוויקלט צוגלײַך מיט דער עקזיסטענץ פון אַ דיקטאַטור פון לײַבייגנטימער האָט געשאַפן די באַזונדערע שטריכן פונעם רוסישן „מיליטער־פעאָדאַלן אימפּעריאַליזם“.

„אין רוסלאַנד האָט די אַלמעכטיקייט פון קאַפּיטאַל זיך צונויפגעגאָסן מיטן דעספּאָטיזם פונעם צאַריזם, די אַגרעסיווקײַט פונעם רוסישן נאַציאָנאַליזם — מיט דער הענקערײַ פונעם צאַריזם בענעגייע די ניט־רוסישע פעלקער... דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז געווען אַ נעסט פון יעדן מין דרוק, — סײַ פון קאַפּיטאַליסטישן, סײַ קאָלאָניאַלן, סײַ מיליטערישן, — גענומען אין זײַן אַמערסטן אומענטשלעכער און באַרבאַרישער פאָרם“*. אָט דאָס זײַנען געווען די גרונט־שטריכן פונעם רוסישן „מיליטער־פעאָדאַלן אימפּעריאַליזם“.

די שנעלע אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד איז געווען אַ רעזולטאַט פונעם אַלגעמיינעם געזעץ וועגן דער גיט-גלײַכמעסיקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. אין רוסלאַנד האָט זיך דער קאַפּיטאַליזם אַנטוויקלט אױף דער באַזע פון אַלע דערגרייכונגען פון דער אייראָפּעיִשער אָרגאַניזאַציע און טעכניק.

עס איז באַוווסט, אַז, ניט געקוקט אױף דער אָפּגעשטאַנענקייט פון דער רוסלענדישער עקאָנאָמיק, האָט רוסלאַנד פאַרנומען איינס פון די ערשטע ערטער אין דער וועלט, לויט דער קאָנצענטראַציע פון דער אינדוסטריע. די אינדוסטריעלע קאָנצענטראַציע האָט זיך באַדײַטנדיק פאַרשטאַרקט אין די קריזיס־יאָרן פון אָנהייב XX יאָרהונדערט און אויך אין די דעפּרעסיע-יאָרן פון 09 — 1907, ווען שוואַכע אונטערנעמונגען האָבן זיך פאַרמאַכט און פלעגן אומקומען און אין דער זעלבער צייט האָבן זיך געשטאַרקט די גרויסע אונטערנעמונגען. איבערהויפּט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר קאָנצענטראַציע די רוסישע מעטאַלורגישע אינדוסטריע, באַזונדערס די דאָנבאַסער מעטאַלורגיע.

צו אַ הויכער קאָנצענטראַציע האָבן אויך דערגרייכט די בענק. די הויפּט-ראָליע האָבן דאָ געשפּילט די פּעטערבורגער בענק. פון 1900 ביז 1914 יאָר האָט זיך דער גרונט-קאַפּיטאַל פון אַלע בענק פאַרגרעסערט אין 3 מאָל.

אין די יאָרן פון דעפּרעסיע האָבן זיך די רוסישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען מאַסנווײַז רעאָרגאַניזירט אױף דער באַזע פונעם וווקס פון דער נאַציאָנאַלער אָנזאַמלונג און צופלוס פון אויסלענדישן קאַפּיטאַל. פיל פון זיי זײַנען אַריבער אין אייגנטום פון די איינצל-באַזיצער צו אַקציאָנערע קאָמפּאַניעס, וואָס זײַנען דירעקט אונטערגעוואָרפן דעם באַנק-קאַפּיטאַל.

אין דער מעטאַלורגיע האָט דער באַנק-קאַפּיטאַל געהאַט צו שאַפן איבער אַקציאָנערע געזעלשאַפטן, וואָס זייער גרונט-קאַפּיטאַל האָט באַטראָפן 87,9 פּראָצ. פון אַלע אַרײַנגעלייגטע קאַפּיטאַלן אין דער רוסישער מעטאַלורגיע. אין דער מאַשינבויונגוואַגאָן-בויונג, מעכאַנישער פּראָדוקציע האָט דער באַנק-קאַפּיטאַל קאָמאַנדעוועט איבער אַלע 100 פּראָצענט קאַפּיטאַלן, וואָס זײַנען געווען אין זיי אַרײַנגעלייגט; אין דער שטיינקוילן-אינדוסטריע—איבער 75 פּראָצ. די נאַפט-אינדוסטריע איז קימאַט אינגאַנצן געווען אונטערגעוואָרפן דעם באַנק-קאַפּיטאַל. ווייניקער ווי אַלע איז געווען אונטערגעוואָרפן צו די בענק די טעקסטיל-אינדוסטריע, דאָך האָט זיך פונדעסטוועגן איר

---

* סטאַלין — „יעסוידעס פון לעניניזם“.

אומטערגעוואָרפנקייט אין די יאָרן פון ווירטשאַפטלעכן קריזיס באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט.

די קאָלאָסאַלע קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע, די צונויפוואַקסונג פונעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל מיטן באַנק־קאַפּיטאַל און די אויסבילדונג פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל האָט אַ שטויס געגעבן די רוסישע אינדוסטריע צו אַ שנעלער סינדיצירונג. ערעוו דער מלחמה זיינען קימאַט אַלע וויכטיקסטע צווייגן אינדוסטריע אַריינגעגאַנגען אין סינדיקאַטן. די גרעסטע סינדיקאַטן זיינען געווען אין דער מעטאַלורגיע. די באַשאַפונג פון מאָנאָפּאָל־אָרגאַניזאַציעס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער קאַפּיטאַל האָט גענומען פוילן. די מאָנאָפּאָל־פאַראייניקונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין דער אינדוסטריע, האָבן אָנגעהויבן קינסטלעך פאַרקלענערן די פּראָדוקציע און אויפבלאָזן די פּרייזן.

האַגאַם רוסלאַנד איז געווען אַ שוואַכער רינג אין דער קאַפּיטאַליסטישער קייט, איז זי דאָך אַרויסגעטראָטן אַלס גרעסטע אימפּעריאַליסטישע מעלוכע, וואָס באַזיצט קאָלאָניעס און שטרעבט צו פאַרכאַפּן מיט איר סכוירעס די מיזרעך־מערק, איבערהויפּט, דעם טערקישן, פּערסישן, אַפגאַניסטאַנישן א. א. וו. אין בונד מיט פראַנקרייך און ענגלאַנד האָט רוסלאַנד זיך באַטייליקט אינעם קאַמף פאַרן איבערפאַרטיילן די וועלט. לעהייפּעך צו די באַהויפּטונגען פון טראָצקין און די טראָצקיסטישע קאָנטראַבאַנדיסטן, וואָס דערשאַצן נית רוסלאַנדס ראָליע, אַלס איינעם פון די אַקטיווסטע אָנטיילנעמער אינעם קאַמף פאַר איבערפאַרטיילן די וועלט, ווייזן מיר, אַז דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז אַרויסגעטראָטן אַלס „געטרייסטער פאַרבינדעטער פונעם אימפּעריאַליזם באַם צעטיילן טערקיי, פּערסיע, כינע א. א. וו.". „ווער ווייסט דאָס ניט, — שרייבט כ' סטאַלין, — אַז דער צאַריזם האָט געפירט די אימפּעריאַליסטישע מלחמע אין בונד מיט די אַנטאַנטע־אימפּעריאַליסטן, אַז רוסלאַנד איז געווען אַ וועזנטלעכער עלעמענט אין דער דאָזיקער מלחמע", אַז „די אינטערעסן פונעם צאַריזם און פונעם מערעוו־אימפּעריאַליזם האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן צווישן זיך אין איין קנויל" *.

דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז אַזויאַרום אַרויסגעטראָטן אַלס „קנופּ־פּונקט פון די ווידערשפּרוכן אינעם אימפּעריאַליזם". און אַף וויפל רוסלאַנד איז „געווען שוואַנגער מיט אַ רעוואָלוציע מער ווי וועלכעס־ניט־איז אַנדער לאַנד, איז זי איינע בלויז געווען אימשטאַנד צו לייזן די דאָזיקע ווידערשפּרוכן אַף אַ רעוואָלוציאָנערן וועג" **.

לאָמיר איצט באַטראַכטן אין וואָס פאַר אַ לאַגע האָט זיך דער פּראָלעטאַריאַט געפונען אין די רעאַקציע־יאָרן און דערנאָך אין די אויפשטייג־יאָרן און וויאַזוי עס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט זיין קאַמף.

* סטאַלין — „פראַגן פון לעניניזם".

** דאָרטן.

די לאַגע פונעם אַרבעטער-קלאַס און די אַרבעטער-באַוועגונג אין די רעאַקציע-יאָרן

1. די אינדוסטריעלע דעפּרעסיע און די יערידע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג

די רעאַקציע-יאָרן זײַנען פאַרן אַרבעטער-קלאַס געווען אויסערגעוויינלעך שווערע. די צעגראַמירונג פון דער רעוואָליוציע, דער אומגעהייערער טעראָר, די אינדוסטריעלע דעפּרעסיע, די מאַסן-אַרבעטלאָזיקייט א. א. וו. — דאָס אַלץ האָט אויפן פּראָלעטאַריאַט געווירקט נעגאַטיוו.

דער נאָכמילכאָמעדיקער ווירטשאַפט-קריזיס האָט זיך אין רוסלאַנד באַזונדערס פאַרשאַרפט אין דער צווייטער העלפט 1905 און אָנהייב 1906. סאַך 1906 האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסווײַזן אייניקע סימאָנים פון א נײַער ווירטשאַפטלעכער אויפלעבונג. די דאָזיקע אויפלעבונג איז אָבער איבערגעריסן געוואָרן דורכן אָרדנטלעכן קאַפּיטאַליסטישן קריזיס, וואָס האָט זיך אין די יאָרן 1907 — 09 אָנגעהויבן אין אַמעריקע און אַרומגעכאַפּט קימאַט די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט.

צו דער ווירקונג פונעם אינדוסטריעלן וועלט-קריזיס זײַנען נאָך צוגעקומען די אַלגעמיינע באַדינגונגען פון דער האַלב-לײַבאייגנטימערישער אָרדענונג, וואָס האָט פאַרלאַנגזאַמט די אויסשטעלונג פון דער ווירטשאַפט און פאַרהאַלטן די אַנטוויקלונג פונעם אינערלעכן מאַרק. אין רעזולטאַט דערפון האָט זיך אין פּעריאָד 1907—09 געשאַפן אין רוסלאַנד א פאַרשלעפּטע דעפּרעסיע. די צאָל מעטאַל-זאַוואָדן האָט זיך פאַרקלענערט. עס האָט זיך אויך באַדײַטנדיק פאַרקלענערט די צאָל דאָמנע-אויוונס און עס איז געפאַלן די טשוהון-אויסשמעלצונג. הגם די פּראָדוקציע פון אײַזן און שטאָל האָט זיך ניט שטאַרק פאַרקלענערט, אָבער זי האָט קימאַט אינגאַנצן אויפגעהערט וואַקסן און דאָס איז געווען טיפּיש פאַרן דעפּרעסיע-פּעריאָד.

די שווערסטע דעפּרעסיע האָט געליטן די מעטאַלורגיע. דאָס קען מען זען פון פאָלגנדיקער טאַבעלע:

יאָרן	צאָל זאַוואָדן	צאָל אַרבעטער (אין טויזנטער)	צאָל דאָמנע-אויוונס, וואָס אַרבעטן און וואָס געפינען זיך אין רעמאָנט	טשוהון-פּראָדוקציע (אין מיליאָנען פּוד)	אײַזן און שטאָל-פּראָדוקציע (אין מיליאָנען פּוד)
1904	197	295	218	180,4	162,9
1905	188	279	197	165,8	143,1
1906	188	281	187	163,8	138,4
1907	186	273	187	172,0	146,6
1908	174	268	168	171,0	145,4
1909	171	230	154	175,3	160,0
1910	173	226	156	185,6	184,3

קימאַט אַנאַלאָגיש איז געווען די לאַגע אין דער הייצוואַרג-אינדוסטריע.

יאָרן	שטיינקוילן־אַרויסבאַקום (אין מיליאָנען פוד)	נאַפט־אַרויסבאַקום (אין מיליאָנען פוד)
1904	1·197	656,4
1905	1·141	455,9
1906	1·332	491,3
1907	1·508	523,7
1908	1·609	528,6
1909	1·591	563,3
1910	1·522	588,4

באַדייטנדיק שוואַכער איז געווען די דעפּרעסיע אין דער באַוול-אינדוסטריע. אָבער אויך די לייכטע אינדוסטריע האָט איבער דער אַלגעמיינער דעפּרעסיע געפּילט אַף זיך די רעזולטאַטן פונעם אַלגעמיינעם דעפּרעסיע-צושטאַנד. דער שטיל-שטאַנד האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן אין די קרעדיט-געשעפטן, אין האַנדל און אַנד.

נאָך דער מאַפּאָלע פון דעקאַבער-אופשטאַנד און 1905 איז די שטרייקן-באַוועגונג אַוועק באַרג-אַראָפּ. שוין אין 1906 יאָר האָט זי זיך געהאַט באַדייטנדיק פאַרקלענערט און נאָכמער האָט זי זיך פאַרקלענערט אין די יאָרן 1908-09. די פּויערים-באַוועגונג האָט זיך אויך פאַרקלענערט, אָבער ניט אַזוי באַדייטנדיק, ווי די אַרבעטער-באַוועגונג.

יאָרן	צאָל אַרבעטער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין שטרייקן (אין טויזנטער)	צאָל פּויערשע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען
1904	95	91
1905	2·079	3.228
1906	1·108	2·600
1907	740	1·337
1908	176	855
1909	64	819
1910	46	828

די יערידע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער שאַרפער פאַרקלענערונג פון דער אַבסאָליוטער און רעלאַטיווער צאָל פּאָליטישע שטרייקן. אין די אונטערנעמונגען, וואָס זיינען געווען אונטערגעוואָרפן דער פאַבריק-אינספּעקציע, איז אינעם רעאַקציע-פּעריאָד די צאָל שטרייקן און שטרייקער, אין פאַרגלייך מיטן רעוואָלוציע-פּעריאָד פון 1905-06, לויט די אָפיציעלע אָנגאַבן געווען אַזאַ:

יאָרן	פּאָליטישע שטרייקן	אָנטיילנעמער	פּראָצענט-פאַרהעלטעניש פון די פּאָליטישע שטרייקן צו דער אַלגעמיינער צאָל שטרייקן
1905	8·209	1·842·541	64
1906	3·569	650·683	58
1907	2·600	540·070	72
1908	464	92·694	52
1909	50	8·363	13
1910	4	3·777	8

ווי מיר זעען, איז בא דער אלגעמיינער שטארקער פארקלענערונג פון דער אבסאָלוטער צאָל פּאָליטישע שטרייקן און שטרייקער אויך געפאלן באדייטנדיק זייער ספּעציפישער געוויכט: פון 64% אין 1905 ביז 13% אין 1909 און 8% אין 1910.

עס פארקלענערט זיך דער פּראָצענט ארבעטער, וואָס באטייליקן זיך אין דער שטרייקן-באוועגונג. אויב אין 1907 יאָר האָבן אין די שטרייקן זיך באטייליקט 740.074 ארבעטער (אָדער 41,9 פּראָצ. פון דער גאנצער צאָל ארבעטער), איז אין יאָר 1908 די דאָזיקע צאָל געפאלן ביז 176.100 (אָדער 9,7 פּראָצ.), אין 1909 — ביז 64.166 (אָדער 3,5 פּראָצ.) און אין 1910 — ביז 46.623 (אָדער 2,4 פּראָצ.). אין פארגלייך מיטן יאָר 1907 האָט זיך צום 1909 יאָר פארקלענערט די צאָל אָנטיילנעמער אין די שטרייקן מער ווי אין 10 מאָל, און אין 1910 יאָר האָט זיך די דאָזיקע צאָל דערנעענטערט צו די באשיידענע ציפער פון יאָר 1895 (2,01 פּראָצ.).

די לעצטע גרויסע ארויסטרעטונג פונעם פּראָלעטאריאט איז אין 1907 יאָר געווען די פּעטערבורגער ארויסטרעטונג דעם 22-טן נאָיאבער — אינעם טאָג, ווען עס איז פאָרגעקומען דער געריכט איבער דער סאָציאלדעמאָקראטישער פראקציע פון דער II דומע. לויט אָפיציעלע אָנגאבן, האָבן דאן געשטרייקט 60.389 ארבעטער. דעם ניינטן יאנואר — אינעם נאָענטסטן יאָרטאָג פונעם בלוטיקן זונטיק — האָט דער פּעטערבורגער פּראָלעטאריאט נים געשטרייקט. אין משך פון די יאָרן 1908-10 איז קיין וויפל-ניט-איז באמערקלעכע ארויסטרעטונגען פון די ארבעטער נים געווען נים אינעם טאָג פון 9-טן יאנואר, נים אינעם טאָג פון ערשטן מיי. שטארקער ווי אלץ האָט זיך ארויסגעוויזן די יעריִדע פון דער באוועגונג צווישן די ארבעטער פון דער מעטאלבארבעטנדיקער אינדוסטריע. פאר צוויי יאָר (1908 און 1909) האָט דער פּעטערבורגער מעטאַליסטן-פּאריין פארעגיסטרירט סאכאקל 14 שטרייקן און 3.941 אָנטיילנעמער, ד. ה. צו 7 שטרייקן אין א יאָר מיט קנאפּע 2000 אָנטיילנעמער. דער צענטער פון דער שטרייקן-באוועגונג ניימ אריבער פון פּעטערבורגער ראיאָן, וואָס איז אין די אופשטייג-יאָרן פון דער באוועגונג שטענדיק געגאנגען פאָרויס, צים צענטראלן טעקסטיל-ראיאָן (מאָסקווער, וולאדימירער און קאָסטראָמער גוב.). די שטרייקן-באוועגונג פון די טעקסטיל-ארבעטער איז אין 1907 יאָר פאָרגעזעצט געוואָרן קימאט מיט דער זעלבער קראפט, דער דאָזיקער פאקט לייקט אגעוו אָנשוילעך אָפּ די אָפּאָרטוניסטישע טעאָריע וועגן דעם, אז אינעם פעריאָד פון קריזיסן און דעפּרעסיעס איז, קלוימערשט, אינגאנצן נים מעגלעך קיין שטרייקן-באוועגונג.

די ערשטע גענגטלעכע פאריינען-קאָנפערענץ פון די ארבעטער פון פּאָדעמשטאָף, וואָס איז פּאָרגעקומען אין פעווראל 1907, האָט אין איר רעזאָלוציע אָנערקענט, אז דער גענגטלעכער שטרייק איז דער „הויפּט-מיטל און דער אמערסטן ווירקנדיקער אף אופצוהייבן די עקאָנאָמישע לאגע פון די טעקסטיל-ארבעטער אינעם ראיאָן". די קאָנפערענץ האָט פּאָרגעלייגט אָפּצוהאלטן די מאסע פון טיילווייזע שטרייקן. די גענגטלעכע ביוראָ האָט באשטימט דעם אלגעמיינעם שטרייק אפן 2-טן יון.

דער שטרייק האָט ארומגעכאפּט די גרעסטע אונטערנעמונגען פונעם צענטראל-אינדוסטריעלן ראיאָן. דער גענגטלעכער שטרייק האָט ארומגעכאפּט 60 — 65 טויזנט ארבעטער. די הויפּט-פּאָדערונג פון די שטרייקער איז געווען — העכערן דעם ארבעטלוין צוליבן יאקרעס-וווקס, ארויסגעבן פּרעמיעס, באלוינונגען און דירע-געלט.

די באוועגונג איז געווען אזוי שטארק, אז אין א ריי ערטער זיינען די אינדוסטרי-

עלער געגאנגען אף האנאָכעס און האָבן באפרידיקט א טייל פאָדערונגען וועגן הע-כערן דעם ארבעטלוין, ארויסגעבן דיזעגעלט, באַלויגונגען און אויך פארקירצן דעם ארבעט-טאָג. אין פארלויף פון די יאָרן 1908-10 האָבן די טעקסטיל-ארבעטער פאנאַנ-דערגעוויקלט א פארטיידיקונג-קאמף קעגן דעם אָנגריף פון קאפיטאל.

אָנהייב פעווראל 1908 האָבן פארשטרייקט 2.550 ארבעטער פון באראנאָווס ווע-בער-פאבריקן (וולאדימירער גוב.) דעם 16-טן יול האָבן פארשטרייקט 2.540 ארבעטער פון דער באוול-שפינערײ-פאבריק, וואָס האָט געהערט דערבענעווס קאָמפאניע (וולאדימי-רער גוב.). אין ביידע פאלן האָבן די ארבעטער פראָטעסטירט קעגן פארקלענערן דעם ארבעטלוין, וואָס איז דערגאנגען ביז 7 פראָצענט.

אין סענטיאבער 1908 איז אין פאבריק פון די טשערבאקאָווס (מאָסקווער גוב)-פארקירצט געוואָרן די צאָל יאָנטויווים און עס איז געענדערט געוואָרן די ארבעט-צייט אזוי, אז אין רעזולטאט האָט זיך דער פארדינסט פון די ארבעטער פארקלענערט. אלס ענטפער אף דעם, האָבן פארשטרייקט 2000 ארבעטער. זיי האָבן געפאָדערט, מע זאָל לאָזן די פריערדיקע ארבעט-אָרדענונג אָדער געבן א הויסאָפע צו 1 רובל 30 קאָפ. א כוידעש. אין 1909 יאָר האָט זיך באזונדערס ארויסגעצייכנט דער גרויסער שטרייק אף וויקולע מאָראָזאָווס פאבריק אין אָרעכאָווא-זויעווא, ווו עס האָבן געשטרייקט 11 טויזנט ארבעטער, אלס ענטפער אף דער מעלדונג וועגן פארקלענערן די באַלוינונג-אָפצאָלן פון $7^1/_2$ פראָצ. ביז 5 פראָצ. איבער דער זעלבער סיבע איז אויך פאָרגעקומען א שטרייק אין אווגוסט 1909 אף דער פאָכאָראָווער מאנופאקטור, ווו עס איז געמאָלדן געוואָרן, אז אנשטאָט די געוויינלעכע באַלוינונגען אין דער מאָס פון א 10-טאָגיקן פארדינסט, וועט מען ארויסגעבן א 9-טאָגיקן פארדינסט. אווגוסט 1909 האָבן פאר-שטרייקט 4000 ארבעטער פון ראַבענער מאנופאקטור (מאָסקווער גוב.), ווו די סארייפן זיינען פארקלענערט געוואָרן אף 10% און די ארבעט-צייט האָט זיך פארגרעסערט.

די פאבריקאנטן האָבן איינגעפירט א סיסטעם, אז פאר ניט ארויסגיין צו דער ארבעט אין משעך פון 3 טעג צייט, ווערט מען אָפגעזאָגט פון דער ארבעט. קעדיי דאָס אויסצומיידן, האָבן די ארבעטער אין א ריי פאלן באנוצט זיך מיט נייע שטרייק-פאָר-מען, מיט דעם אזויגערופענעם „טיילוויזן ארבעט-מיטל". וואָס איז באשטאנען אין לאָזן די ווערקשטעלן אף א קורצע צייט און דערנאָך אָפשטעלן זיי.

די באוועגונג פון די טעקסטיל-ארבעטער איז אָבער אין א באדייטנדיקער מאָס געווען א צעשפליטערטע און צעוואָרפענע. אויסער זעלטענע אויסנאמען, האָבן זיך די שטרייקן ניט אויסגעצייכנט מיט זייער איינגעשפארטקייט, זיי פלעגן געדויערן א קורצע צייט און פלעגן זיך אָפט פארענדיקן מיט א מאפּאָלע פון די ארבעטער, אין א באדייטנדיקער צאָל פאלן האָבן זיך די שטרייקן געענדיקט לטובֿת די אונטער-נעמער.

רעזולטאטן פון די שטרייקן

	פאר 10 יאר 1895—1904	1905	1906	1907	908
לעטויוועס די ארבעטער . . .	27,1	23,7	35,5	16,2	4,1
קעגנזייטיקע האנאָכעס . . .	19,5	46,9	37,1	26,1	17,0
לעטויוועס די אונטערנעמער . .	51,6	29,4	33,5	57,6	68,8

אויב אין 1905 יאָר האָבן בלויז 29,4 פּראָצ. שטרייקן זיך אויסגעלאָזט לעטויוועס די אונטערנעמער, איז אין יאָר 1908 שוין געווען אז עלכע 68.8 פּראָצ. און אין 1909 יאָר איז דער פּראָצ. שטרייקן, פאַרענדיקטע לעטויוועס די אונטערנעמער, אויסגעוואקסן ביז 80 פּראָצ. ברענגענדיק די דאָזיקע ציפער, מאכט „סאָציאַלדעמאָקראַט" דעם אויספיר, אז „די ארבעטער זיינען ניט געווען אימשטאנד ניט וואָס אָנצוגרייפן, נאָר אפילע צו פארטיידיקן זיך".

2. דער אָנגריף פון דער רעאַקציע

מיטן באוואָפנטן דעקאַבער-אויפשטאנד אין 1905 יאָר האָט זיך דער ברייטער אָנגריף-קאמף פונעם פּראָלעטאריאט אין דער ערשטער רעוואָלוציע פארענדיקט. צעגראָמירט די רעוואָלוציע, איז די רעאַקציע אריבער אין אָנגריף. איינצייטיק מיטן צעטרייבן די II דומע, האָט די צארישע רעגירונג ארויסגעגעבן אין יאָר 1907 א נייעם וואל-געזעץ צו די וואלן אין דער III דומע.

דער נייער וואל-געזעץ פון 3-טן יון 1907 האָט שטארק ארומגעשניטן די וואל-רעכט פון די ארבעטער און פּויערים. דער נייער וואל-געזעץ האָט באוואָרנט אין דער דומע אן איבערוועגנדיקע מערהייט פאר די פאָרשטייער פון די גוטבאזיצער און בורזשואזיע. פון 5.252 וואלמענער אין 53 גובערניעס זיינען פון די ערדבאזיצער אויסגעווילט געוואָרן 2.594 וואלמענער, ד. ה. קימאט א העלפט (40,39 פּראָצ.) פון דער אלגעמיינער צאָל וואלמענער, און פון די ארבעטער בלויז 112 וואלמענער, ד.ה. 2,13 פּראָצ. פון דער אלגעמיינער צאָל וואלמענער. די גוטבאזיצער האָבן געשיקט איין וואלמאן פון 213 מענטשן, די פּויערים — איין וואלמאן פון 60 טויזנט, און די ארבעטער — איין וואלמאן פון 125 טויזנט.

דער וואל-געזעץ פון 3-טן יון האָט, אזויארום, געגעבן דער III דומע אזא מערהייט, וואָס לוינט זיך דער רעגירונג, אזא מערהייט, וואָס איז אפילע לויט דער מיינונג פון אייניקע פאָרשטייער פון דער צארישער ביוראָקראַטיע געווען „ניט קיין געוויילטע, נאָר א צוגעקליבענע".

בא אזא מין דומע-באשטאנד האָט, ווי לענין האָט געשריבן, „די פאָרשטייערשאפט פונעם שווארצמייעדיקן אדל און גרויסבורזשואזיע געמאכט א קאָלאָסאלן טראָט פאָרויס". מיטן דורכפירן די בורזשואזע אגראר-פּאָליטיק אין דאָרף, מיטן שאפן אן איינהייטלעכן פאָרשטייערשאפט-אָרגאן פאר די גוטבאזיצער די לייבייגנטימער און פאר דעם אויבערקעפל פון דער האנדל-אינדוסטריעלער בורזשואזיע, האָט די צארישע זעלבסטהערשונג דערמיט גופע געמאכט נייע טריט אף דער זייט פון א בורזשואזער מאָנארכיע. האגאם די זעלבסטהערשונג איז געבליבן די אלטע לייבייגנטימערישע, אָבער די אייגנארטיקייט פונעם נאָכרעוואָלוציאָנערן פעריאָד איז באשטאנען אין דעם, וואָס „די דיקטאטור פונעם לייבייגטימער-גוט-באזיצער איז פאר סטאָליפּינען ניט געווענדעט געווען קעגן דעם גאנצן פאָלק, איינגעשלאָסן אהער אויך דעם גאנצן „דריטן שטאנד", די גאנצע בורזשואזיע. ניין, די דאָזיקע דיקטאטור איז אוועקגעשטעלט געווען אין באדינגונגען בעסערע פאר איר, ווען די אָקטיאבריסטישע בורזשואזיע האָט איר געדינט ניט אלס מוירע, נאָר געוויסנהאפט, ווען די גוטבאזיצער און בורזשואזיע האָבן געהאט א פאָרשטייערשאפט-אנשטאלט, ווי עס איז באוואָרנט געווען א מערהייט פאר זייער

בלאָק, און עס איז אויסגעפֿורעמט געוואָרן די מעגלעכקייט צו פירן אונטערהאַנדלונגען און צונויפריירן זיך מיט דער קרוין" (לענין).

דער אָפענער איבערגאַנג פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע אויף קאָנטררעוואָלוציאָנערע פּאָזיציעס האָט זיך בולט אָפּגעשפּיגלט אין דער קאָנטררעוואָלוציאָנער זאַמלונג „וועכי", וואָס די ליבעראַלע בורזשואַזיע האָט אַרויסגעגעבן אין ברען פון דער סטאָליפּינישער רעאַקציע אין יאָר 1909.

אין דער דאָזיקער זאַמלונג, וואָס לענין האָט אָנגערופן „ענציקלאָפּעדיע פון ליבעראַלער רענעגאַטישקייט", האָט די בורזשואַזע אינטעליגענץ געגאָסן צעבערס שמוץ אויף דער באַפרייונג־באַוועגונג און האָט אָפן דעקלאַרירט אירע לאַקײִשע געפילן בענעגייע דער סטאָליפּינישער מאָנאַרכיע.

די אימפּעריאַליסטישע אַפּעטיטן פון דער בורזשואַזיע, די אידייע וועגן פאַרפעסטיקן די רוסישע מעלוכעשאַפט, די אידייע וועגן א „גרויס רוסלאַנד" און בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם האָט זיך בולט אויסגעדריקט אויך אין דער צווייטער זאַמלונג פון די וועכיסטן „וועליקאַיאַ ראָסיאַ", וואָס איז דורכגעדרונגען געווען מיטן גייסט פון קעמפערישן מיליטאַריזם.

די זאַמלונג „וועליקאַיאַ ראָסיאַ", וואָס איז דערשינען אינעם פאַרלאַג פונעם גרעסטן קאַפּיטאַליסט ריאַבושינסקי, האָט אָפן אָנגעמערקט די אָרדנטלעכע אויפגאַבן פונעם רוסישן אימפּעריאַליזם אין קאַמף פאַר די נאָענטע מיזרעך־מערק.

האָבנדיק די שטיצע פון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע, איז די צאַרישע רעגירונג איבערגעגאַנגען צו א נאָך אַנטשיידנדיקערן אָנגריף אפן אַרבעטער־קלאַס.

דערשטיקן די רעוואָלוציע, — דאָס איז געווען איינע פון די הויפּט־אויפגאַבן פון דער דריטיונישער מאָנאַרכיע. דער רעגירונג־טעראָר האָט געווילדעוועט ווי נאָך קיינמאָל. אויב אין 1905 יאָר איז די דורכשניטלעכע צאָל אַרעסטירטע געווען 85 טויזנט, איז, לעמאָשל, אין 1909 יאָר, ווען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט זיך שטאַרק פאַרקלענערט, די צאָל אַרעסטירטע אויסגעוואַקסן ביז 170 טויזנט, ד. ה. אין צוויי מאָל.

לויט די גאָר ניט קיין פולע אָנגאַבן זיינען פאַרן פעריאָד 1907—1909 פאַרורטיילט געוואָרן דורך די געריכטן איבער פּאָליטישע אינייאָנים 26.281 מענטשן, פון זיי זיינען אָוועקגעשיקט געוואָרן אויף אַרעסטאַנטישע אַרבעטן—15.590 מענטשן, אויף קאַטערגע — 6.517 מענטשן, אין פאַרשיקונג — 1.000 מענטשן, צו טויט־שטראָף זיינען צוגעמישפּעט געוואָרן — 5.086 מענטשן, פון זיי זיינען 2.073 מענטשן געטויט געוואָרן.

לויט די יאָרן גיבן די דאָזיקע ציפער פון צאַרישן טעראָר אַזא בילד:

יאָרן	טויט־אורטיילן	געטויט
1907	1.692	748
1908	1.959	782
1909	1.435	543
	5.086	2.073

קעגן וועמען איז געווענדעט געווען דער דאָזיקער טעראָר? וועגן דעם דערציילן די אָנגאבן כאָטש פון יאָר 1907. אין דעם דאָזיקן יאָר האָבן געליטן 11.066 מענטשן, דערין פויערים — 4.404, ארבעטער — 1.603, סאָלדאטן — 2.130, מעשטאנעס — 599, פארשיידענע — 171. סאַכאַקל פערזאָנען פון „נידעריקע" שטאנדן-און פראָפעסיעס — 8.907 אָדער 80,6 פראָצ.

אין דעם דאָזיקן פינצטערן פעריאָד האָט אויך אין די צארישע טורמעס געהערשט אַן אָנראכמאָנעסדיקער טעראָר. די גאנצע סאָציאלדעמאָקראטישע פרעסע פאר די רעאקציע־יאָרן איז געווען פארפולט מיט יעדיעס וועגן א מאסנווייזן שלאָגן און איזדעקעווען זיך איבער די ארעסטירטע, וועגן ריין־אינקוויזיטערישע פייניקונגען. די ארעסטירטע פלעגט מען שלאָגן ביזן פארלירן דעם באוווסטזיין, מע פלעגט זיי ארייננזעצן אף גאנצע כאדאָשים אין אייזערנע שטייגן, פארשמייסן ביז טויט, דערפירן ביז מעשוגאַס און זעלבסטמאָרד.

מיט דער גאנצער שווערקייט פון רעפרעסיעס האָט זיך די רעגירונג ארופגעוואָרפן אף דער ארבעטער־באוועגונג און די ארבעטער־אָרגאניזאציעס, זי האָט סיסטעמאטיש גראָמירט די ארבעטער־אָרגאניזאציעס און קוידעמקאָל די פראָפעסיאָנעלע פאריינען. די טעטיקייט און אנטוויקלונג פון די פראָפעסיאָנעלע ארבעטער־געזעלשאפטן, וואָס זיינען שוין יאָ דערלויבט געוואָרן, איז ביז גאָר פארשוועריקט געוואָרן דורך די פאָליצייִשע פארפאָלגונגען, דורך דעם סיסטעמאטישן פארשיקן זייערע מיטגלידער, דורך פארפאָלגן די פארזאמלונגען, פאריינען און די פראָפעסיאָנעלע פרעסע אָרגאנען.

די דאָזיקע פארפאָלגונגען האָבן זיך באזונדערס פארשטארקט באלד נאָכן צירקוליאר פונעם פאָליציי־דעפארטאמענט (פון 10־טן מיי 1907). ווי עס איז רעקאָמענדירט געוואָרן דער „אָרטיקער מאכט צו ווענדן די וואכזאמסטע און ערנסטע אויפמערקזאמקייט אפן באשטאנד און אף דער טעטיקייט פון די פראָפעסיאָנעלע פאריינען און זיי דערלאָזן זיך צו לעגאליזירן בלויז בא דעם פאראנענזיין פון אומצווייפלהאפטע באווייזן וועגן דעם, אז זיי זיינען ניט פארבונדן מיט סאָציאלדעמאָקראטישע גרופעס, און ווי נאָר די אָנגערופענע אָרגאניזאציעס וועלן אָפטרעטן פון די איינגעשטעלטע גרענעצן אין זייער טעטיקייט, זאָל מען זיי פארמאכן". די פארזאמלונגען פון די פראָפעסיאָנעלע פאריינען פלעגן דורכגעפירט ווערן בא דער אָנוועזנהייט פון פאָליציי, און די פאָליציי האָט זיך געטשעפעט צו יעדן וואָרט פון די רעדנער.

„אף די פארזאמלונגען,—האָט מען פון מאָסקווע געשריבן אין „פראָלעטארי",— טשעפעט מען זיך צו יעדן וואָרט, מע מאכט דעם רעדנער א וואָרענונג פאר ארויסריידן דאָס וואָרט „שטרייקברעכער", וואָרעם דאָס „שמעקט מיט שטרייק" און די „פאריינען האָבן ניט קיין רעכט" איינצוואָרדענען שטרייקן. מע פארבאָט צו באנוצן די ווערטער „ארבעטער־קלאס", „בורזשואזיע", „העלדישע פארגאנגענע יאָרן" און אפילע פאָשעט „פארגאנגענע יאָרן".

דער פעטערבורגער גראדאָנאטשאלניק האָט אָפגעגעבן א פאראָרדענונג, אז ניט נאָר די אלגעמיינע פארזאמלונגען, נאָר אויך די פארוואלטונג־זיצונגען זאָלן פאָרקומען בא דער אָנוועזנהייט פון דער פאָליציי.

„אפילע די פאריינען, — שרייבט „סאָציאַלדעמאָקראַט", — וועלכע מע דער־לויבט יאָ צו עטעמען, זיינען אוועקגעשטעלט אין אזעלכע באדינגונגען, אז די הויפּט־פונקציע זייערע — אָנפירן מיטן שטרייקן־קאַמף — קענען זיי ניט אויס־פילן".

די רעגירונג האָט אוועקגעשטעלט באשטימטע באדינגונגען פאר דער עקזיס־טענץ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאריינען. זי האָט זיך באמיט צו פארניכטן דעם קאמף־גייסט בא די פּראָפאריינען, פארניכטן יעדערליי פארבינדונג צווישן זיי מיט דער פארטיי.

דריקנדיק אויף אלע אויפגאנים די טעטיקייט פון די פּראָפאריינען, האָט די רעגירונג געקעמפט קעגן זיי אויך מיט מער ענערגישע מיטלען, ווי ניט וועלן רעגיסטרירן די פאריינען, אָדער פארמאכן זיי איבער פארשיידנסטע און אומדער־ווארטסטע טיבעס,—פון באשולדיקן זיי אין אָנפירן מיט שטרייקן און ביז אזא טערעך, אז אין געביידע פון פאריין „האָט די פּאָליציי געטראָפן ניט־מיטגלידער פון פאריין".

לויט זייער ניט קיין פולע אָנגאבן האָט די פּאָליציי אין יאָר 1907 פארמאכט 159 פאריינען, אין יאָר 1908 — 101 פאריינען, אין 1909 — 96 און אין 1910 — 88. לויט די אָנגאבן פון דער צייטונג „סאָציאַלדעמאָקראַט" זיינען פאר די פינף יאָר פון מארט 1906 פארמאכט געוואָרן 497 פּראָפעסיאָנעלע פאריינען, און 604 פאריינען האָט מען אָפּגעזאָגט צו געבן א דערלויבעניש.

דאָס אלץ האָט געבראכט צו א שטארקער ירידה פון דער פּראָפבאוועגונג. לויט דער אויסרעכענונג פון די פּראָפאריינישע אָרגאנען זיינען נאָך אָנהייב 1907 אין גאנץ רוסלאנד געווען 652 פאריינען מיט 245.555 מיטגלידער, און שוין אין סאָף 1908 האָט, לויט די אויסרעכענונגען פונעם צוזאמענפאָרן־ראַט פון די האנדל־און אינדוסטריע־פאָרשטייער די צאָל פּראָפאריין־מיטגלידער אין גאנץ רוסלאנד באטראָפן 40.000, און סאָף 1909 — סאַכאַקל 13.300.

אָנהייב 1907 האָבן 46 מאָסקווער פאריינען געציילט 48.000 מיטגלידער און צום 1־טן יול 1909 זיינען אין 21 פאריינען סאַכאַקל געווען 7.000 מיט־גלידער, ד. ה. פאר צוויי יאָר האָט זיך די צאָל מיטגלידער פארקלענערט אין זיבן מאָל.

אין פעטערבורג זיינען אָנהייב 1907 אין 44 פאריינען געווען 51.782 מיט־גלידער, צום 1־טן יול 1908 זיינען אין 28 פאריינען געבליבן 22.300 מיטגלידער, דערביי זיינען אין 8 גרעסטע פאריינען, וואָס האָבן פריער געהאט 17.200 מיט־גלידער געווען סאַכאַקל 7.418 מיטגלידער, וואָס צאָלן מיטגליד־אָפּצאָל, און צום 1־טן יול 1909 איז געבליבן נאָך 5.418.

אין דער פּראָווינץ איז די לאגע געווען נאָך ערגער. אין מיי 1908 האָבן פון 600 מיטגלידער אין קיעווער שניידער־פאריין בלויז 70 מיטגלידער געצאָלט מיטגליד־אָפּצאָל, פון 250 מיטגלידער פון בעקער־פאריין — 6 מיטגלידער, פון 526 מיטגלידער פון האָלצבאארבעטער־פאריין — 4. אין קאַטערינאָסלאַווער מעטאַליסטן־פא־ריין איז אין יאָר 1909 פון 2000 מיטגלידער געבליבן בלויז בא 200, די דאָנ־באסער פאריינען אין לוגאנסק, ראָסטאָוו־דאָן, מאריופּאָל זיינען אויך באדיטנ־

דיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אין ניזשני־נאָווגאָראָד האָט זיך די פּראָפעסיאָנעלע ארבעט קימאט אינגאנצן ליקווידירט, אין איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק האָבן די פּאַריינען קוים געזשיפּעט און פארייניקט נישטיקע גרופּקעלעך טעקסטיל־ארבעטער.

פאַרפאָלגנדיק די פּראָפּפאַריינען, האָט די רעגירונג אויך געפירט אן אנטשיידנדיקן קאמף קעגן דער ארבעטער־פּרעסע.

לויט דער מיטיילונג פון „טאָרגאָווא־פּראָמישלענאַיא גאזעטא" זיינען צום 1־טן יאנואר 1908 פארמאכט געוואָרן ביז 100 פּראָפעסיאָנעלע אויסגאבן.

אין משך פון די יאָרן 1908־09 האָט מען ווייטער א טעל געמאכט פון דער פּראָפעסיאָנעלער פּרעסע.

אין אויסערגעוויינלעך שווערע באַדינגונגען האָבן זיך אנטוויקלט די ארבעטער־קלובן, די זעלבסטבילדונג־געזעלשאפטן און אנדערע אופקלער־אָרגאַניזאַציעס.

דאָס פארמאכן די פאריינען און די אָרגאנען פון דער ארבעטער־פּרעסע פלעגט געוויינלעך באגלייט ווערן מיט רעפּרעסיעס קעגן דעם אקטיוו פון די ארבעטער־אָרגאניזאציעס. ווי „פּראָלעטארי" טיילט מיט, פלעגן אין פּעטערבורג, לעמאָשל, סיסטעמאטיש ארויסגעשיקט ווערן די פּאָרזיצערס און סעקרעטארן פון די פאריינען און די רעדאקטערס פון די אָרגאנען פון דער פּראָפּפּרעסע. פאַרן פעריאָד 1906־16 זיינען ארעסטירט געוואָרן 1.712 פּראָפּטוער. צעשמעטערנדיק די רעוואָליוציאָנערע פּראָפּפאריינען, האָט די רעגירונג נאָכאמאָל געפּרווט שאפן אף זייער אָרט אָרגאניזאציעס פון זובאטאָווישן מין. פון 1908 יאָר האָט אפילע אָנגעהויבן דערשיינען אושאקאָווס „ארבעטער־צייטונג", וואָס האָט געהאט דעם ציל דעריקער אָפּצוציען די ארבעטער פונעם פּאָליטישן קאמף, אָפּרייסן זיי פון דער פארטייישער באָלשעוויסטישער ווירקונג.

אין די באַדינגונגען פון א מאסן־ארבעטלאָזיקייט האָט די רעגירונג געפּרווט אויסנוצן די שווערע לאגע פון די ארבעטער און דעזאָרגאניזירן, צעלייגן די ארבעטער־סוויווע. זי האָט געשיקט אירע אָכראנקע־לײַט אין די פאבריקן און זאוואָדן, געפּרווט ארייַנציען איינצלנע ארבעטער פאר מיטארבעטער פון אָכראנקע, איבערהויפּט די, וואָס מע האָט געפּאקט בא „פּאָליטיקע".

אין א ריי ראיאָנען האָט די רעגירונג געפּרווט שאפן אירע „ארבעטער־געזעלשאפטן" מיטן אָנטייל פון שפּיקעס און פּראָוואָקאטערס.

גלייכצייַטיק מיטן קאמף קעגן די רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציעס, האָט די רעגירונג געפירט א ברייטע שווארצמייעדיקע אגיטאציע צווישן די ארבעטער. מיט אזא מין „ארבעט" האָט זיך, לעמאָשל, באַרימט געמאכט דער אָדעסער גראדאָנאטשאלניק טאָלמאטשעוו.

לויט זיין איניציאטיוו האָבן זיך אָרגאניזירט ארבעטער־ארטעלן, וואָס זיינען אָנגעפירט געוואָרן דורך שווארצמייעניקעס. אין האפן האָט טאָלמאטשעוו אָרגאניזירט א שווארצמייעדיקן „ארבעטער־פארבאנד" און האָט דאָרט אוועקגעשטעלט

די אַרבעט אזוי, אַז אהין פלעגט מען אָנעמען בלויז מיטגלידער פונעם „פאַר־באַנד פון רוסישן פאָלק".

אין פראַט פון סאָציאַלער געזעצגעבונג איז די פּאָליטיק פונעם דריטיונישן בלאָק באַשטאַנען אין מיטהעלפן דעם קאַפּיטאַל אָנצוגרייפן אויפן אַרבעטער־קלאַס. אַפילע ווען אין דער III דומע איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ בעפיירעש רעאַק־ציאָנערער אַנטיאַרבעטערשער געזעצפּראָיעקט פון דער רעגירונג וועגן סטראַכירן די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין די מעלוכישע אונטערנעמונגען אויפן פאַל פון אומגליק־פאַלן און פון פאַרלירן די אַרבעטספייִקייט, האָט די אָקטיאַבריסטישע מערהייט פון דומע זיך דערשלאָגן, אַז מע זאָל אים ניט באַהאַנדלען. די אַנדער־סטיילער האָבן מוירע געהאַט, אַז באַם אָנעמען דעם דאָזיקן געזעצפּראָיעקט וועלן די פּריוואַטע אונטערנעמונגען אויך מוזן סטראַכירן זייערע אַרבעטער. די „אַרבעטער־קאָמיסיע" פון דער III דומע, אונטער באַראָן טיזענהויזענס פאָרזיץ, האָט דעם דאָזיקן פּראָיעקט אָפּגעוואָרפן, אָנווייזנדיק אין איר באַריכט, אַז דער פּראָיעקט ווידערשפּרעכט דער עקזיסטירנדיקער אַרבעטער־געזעצגעבונג. מיט אַ באַזונדערער סינע האָט די רעגירונג־מערהייט פון דער III דומע באַגעגנט דעם געזעצפּראָיעקט, וואָס איז אויך געווען בעפיירעש רעאַקציאָנער און פייַנטלעך פאַרן אַרבעטער־קלאַס, — וועגן מעדיצינישער הילף פאַר אַרבעטער און וועגן שטיצע מיצאַד די אונטערנעמער, ווען אַרבעטער ווערן קראַנק. דער צענטער און די רעכטע זייַנען באַשטאַנען אויף דעם, אַז אַ באַדייטנדיקער טייל הוצאָעס אויף מע־דיצינישער הילף זאָל אַראָפּגענומען ווערן פון די אונטערנעמער און אַרופגעלייגט ווערן אויף די קראַנקן־קאַסעס. די פאַבריקאַנטן האָבן באַשולדיקט די שוואַרצמייע־דיקע רעגירונג, אַז זי איז קלוימערשט צופיל „נאָכגיביק צו די אַרבעטער". אין רעזולטאַט איז דער געזעצפּראָיעקט, וואָס דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום האָט אויס־געאַרבעט, נאָך 4 יאָר אַרומוואַנדלען איבער אַלע דומע־ווינקעלעך, דורך דער באַמיִונג פון די רעכטע און די אָקטיאַבריסטן פאַרקירצט געוואָרן קימאַט אויף העלפט. דער פונקט וועגן סטראַכירן פון פּראָפעסיאָנעלע קרענק איז אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן געוואָרן, עס איז שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן די קראַנקן־הילף און די פּענסיע. און וואָס די דומע האָט ניט באַוויזן אָפּצושנייַדן, האָט עס פאַר איר געטאָן דער מעלוכע־ראַט. די פּרוכט פון זייַן „זאָרגן" זיך וועגן די אַרבע־טער איז געווען דער געזעץ פון 23־טן יון 1912 וועגן סטראַכירונג. וואָס די רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אין סאַמע ברען פון דער רעוואָליוציאָנערער באַווע־גונג. די דערשייַנונג פונעם דאָזיקן געזעץ האָט אָבער ניט נאָר ניט באַרויִקט די אַרבעטער, ווי עס האָט געהאָפט די רעגירונג, נאָר, פאַרקערט, ער איז געווען אַ שטויס פאַר אַ מאַסן־באַוועגונג פון אַרבעטער, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אין דער אַזויגערופענער „סטראַכיר־קאַמפּאַניע".

ניט בעסער האָט זיך עס אויסגעלאָזט מיטן געזעצפּראָיעקט, וואָס די III דומע האָט אָנגענומען וועגן רו פאַר די האַנדל־אָנגעשטעלטע. דער רעגירונג־געזעצפּראָיעקט וועגן רו פאַר די האַנדל־אינדוסטריעלע אָנגעשטעלטע האָט אין אַ ריי פאַלן פאַרערגערט די לאַגע פון די אָנגעשטעלטע. דער פּראָיעקט האָט סאַנקציאָנירט אַ 12־שעהיקן אַרבעט־טאָג פאַר די האַנדל־אָנגעשטעלטע. אויף 40 טעג אין יאָר האָט ער דערלויבט אַ 14־שעהיקן אַרבעט־טאָג און בּאַ „דרינגענדיקע, נייטיקע אַרבעטן" איז געווען

דערלויבט צו פארלענגערן דעם ארבעט־טאָג אף 2 שאָ אין מעטלעס. דער פּראָיעקט האָט דערלויבט האנדלען אום זונטיק און אין די יערלעכע יאָנטויווים. די סאָציאל־דעמאָקראטישע פראקציע האָט אָפּגעוואָרפן ביזן גרונט דעם דאָזיקן פּראָיעקט, זי האָט געטײַנעט, אז קעדיי די האנדל־אָנגעשטעלטע זאָלן בעעמעס האָבן א נאָרמאלן רו, דארף מען אײַנפירן אן 8־שאָ׳יקן ארבעט־טאָג און אן אָבליגאטערישע רו פון 42 שאָ אין דער וואָך. די אָקטיאבריסטן און די שווארצמייעדיקע מערהײַט פון דער III דומע האָבן, פארשטייט זיך, אָפּגעוואָרפן אלע פאָדערונגען פון דער סאָציאלדעמאָקראטישער פראקציע, ווי אויך אלע אויסבעסערונגען פון די אנדערע פראקציעס צו די איינצלנע פונקטן פונעם פּראָיעקט (וועגן פארקירצן דעם ארבעט־טאָג פון די האנדל־אָנגעשטעלטע ביז 10 שאָ, וועגן דערלויבן די נאציאָנאלן ניט ארבעטן אין זייערע יאָנטויווים, וועגן ניט דערלאָזן צו דער ארבעט קינדער יינגער פון 14 יאָר און אנד.). ס׳איז כאראקטעריסטיש, וואָס באם באהאנדלען דעם געזעצפּראָיעקט וועגן א נאָרמאלן רו פאר די האנדל־אָנגעשטעלטע זײַנען אײניקע סאָכרים־אָקטיאבריסטן ארויסגעטראָטן ביכלאל קעגן יעדערליי געזעצגעבערישער ארײַנמישונג אין די באציִונגען צווישן די באלעבאטים מיט די אָנגעשטעלטע. „מיט פערציק יאָר צוריק,—האָט געטײַנעט דער טראדיציאָנעלער סוחר־אָקטיאבריסט קאָריאקין,—האָט מען זיך ניט גערעכנט מיט קיין שום צייט... מע האָט בלויז געפאָדערט ארבעט, און איצט רעדט מען וועגן עפּעס א קאמף צווישן די באלעבאטים מיט די אָנגעשטעלטע"—האָט ער געצאָרנט. —„די באלעבאטים און אָנגעשטעלטע—דאָס איז א מין מישפּאָכע",—האָט געקנעלט דער פאטריארכאלער סויבערל.

דער מעלוכע־ראט האָט פארלענגערט די האנדל־צייט ביז 15 שאָ. דעם געזעצפּראָיעקט „וועגן רו פאר די האנדל־אָנגעשטעלטע", וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דעם 17־טן דעקאבער 1910, האָט מען פאקטיש מיט דער פולסטער רעכט געקענט אָנרופן געזעצפּראָיעקט וועגן אָפּנעמען די רו בא די האנדל־אָנגעשטעלטע. אָט דאָס זײַנען די נעבעכדיקע טאכאקלען פון דער ארבעטער־געזעצגעבונג פאר דעם דאָזיקן פעריאָד.

3. דער אָנגריף פון קאפּיטאל

דער קאפּיטאל האָט אויסגענוצט די צעגראָמירונג פון דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר און דעם אָנגריף פון דער רעאקציע, קעדיי פאנאנדערצוּוויקלען אן אָנגריף אפן ארבעטער־קלאס.

„די רעאקציע האָט זיך אריבערגעטראָגן אין די פאבריקן און זאוואָדן,—האָט געשריבן דער פּעטערבורגער פארטיי־קאָמיטעט אין איינעם פון זײַנע אויפרופן,—טראָט נאָך טראָט ווערט אויך דאָרט אופגעשטעלט דאָס אלטע. דער קאפּיטאל גרייפט אָן איבער דער גאנצער ליניע". דער ארבעט־טאָג ווערט פארגרעסערט, דער ארבעטלוין—פארקירצט. די פאָרגעשריטנסטע ארבעטער ווערן ארויסגעטריבן פון די פאבריקן, יעדע זאוואָדישע פאָרשטייערשאפט פון ארבעטער ווערט פארבאָטן, עס ווערן פארווערט פארזאמלונגען, מע דערלאָזט ניט קיין שום זאמלונ־

גען און, ענדלעך, ווערט אין א שווידערלעכן מארגעם איינגעפירט די איבער־
שטונדן־ארבעט.

„איצט איז געקומען אונדזער צייט, און די באלעבאטים פון דער לאנע זיי־
נען מיר״ — האָבן די פאבריקאנטן געזאָגט.

דעם פראָלעטאריאט איז אויסגעקומען צו פירן א שווערן קאמף ניט נאָר
קעגן איינצלנע קאפּיטאליסטן, נאָר אויך קעגן קאפּיטאליסטישע אָרגאניזאציעס,
וואָס האָבן פולשטענדיק בויקאָטירט די פּראָפאריינען און די ארבעטער־אָרגאני־
זאציעס, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אנערקענען זיי און פירן מיט זיי אונטערהאנד־
לונגען.

אין די יאָרן 1906 און 1907 האָבן זיך אויסגעפורעמט צוויי גרויסע קאמף־
אָרגאניזאציעס פון די אונטערנעמער: די פעטערבורגער געזעלשאפט פון די זא־
וואָד־אייגנטימער און פאבריקאנטן און די געזעלשאפט פון זאוואָד־אייגנטימער און פאב־
ריקאנטן אין מאָסקווער אינדוסטריעלן ראיאָן. די אונטערנעמער האָבן זייער פאר־
ריינייקונג אוועקגעשטעלט אף א סאָלידער מאטעריעלער באזע. שאפנדיק ספעציעלע
שטרייק־פאָנדן אף סטראכירן די אונטערנעמער פון שאָדנס אין פאל פון שטרייקן.

אין צוזאמענהאנג מיט דער אינדוסטריעלער דעפרעסיע האָבן די קאפּיטא־
ליסטן מאסנווייז ארויסגעוואָרפן די ארבעטער אף דער גאס און, אזוי ארום,
פארגרעסערט די ארמיי ארבעטלאָזע.

פון אלע עקן רוסלאנד זיינען אָנגעקומען יעדיעס וועגן מאסן־פארקירצונגען
פון די ארבעטער, און די, וואָס עס האָט אָפּגעגליקט צו בלייבן אף דער אר־
בעט, האָבן אויך געארבעט ניט קיין פולע וואָך. צוליבן מאנגל אין ארבעט
האָבן א גאנצע ריי אונטערנעמונגען, דערין אויך די גרעסטע פעטערבורגער
זאוואָדן, געארבעט צו 3—4 טעג אין וואָך.

„אין אלע אינדוסטריעלע צווייגן — שרייבט „סאָציאלדעמאָקראט״ — איז אן אומ־
געהייערער קריזיס און ארבעטלאָזיקייט״. פיל פאבריקן און זאוואָדן ארבעטן בלויז
4 טעג אין דער וואָך.

„די קאדרען ארבעטלאָזע, — האָט אין אויגוסט 1909 געשריבן דער אָרגאן פון
די מעטאליסטן, „נעווסקאיא זוועזדא״, — ווערן אלץ גרעסער, דער הונגער וואקסט
ניט מיט יעדן טאָג, נאָר מיט יעדער שעה. קיינער איז ניט זיכער איבעם מאָרגע־
דיקן טאָג. דאמאָקלס שווערד הענגט איבער אלע זאוואָדן״. א צווייטער קאָרעס־
פאָנדענט (סעמיאניקאָווער זאוואָד) האָט געשריבן — וועגן דעם „ווילדן בילד באם
אָפּזאָגן פון דער ארבעט״, וועגן די הונגער־לויבען און וועגן דעם ווילדן ווילקיר
פון דער אדמיניסטראציע. אנאלאָגישע יעדיעס זיינען אָנגעקומען פון פארשיידענע
עקן רוסלאנד.

די קאפּיטאליסטן האָבן זיך באנוצט מיט דער שטילשטאנד־לאגע אין דער
אינדוסטריע און האָבן זיך ענערגיש גענומען רייניקן די ארבעטער און ארויס־
טרייבן פון די אונטערנעמונגען די אמערסטן־רעוואָלוציאָנערע; מיט די שווארצע
צעטלען און רעגיסטראציעס געוואָלט זיך גאראנטירן פונעם „אומרויקן״ און „ניט־
זיכערן עלעמענט״.

אין יאָר 1909 האָט די פעטערבורגער געזעלשאפט פון פאבריקאנטן און זא־
וואָד־אייגנטימער אָנגעהויבן פירן א רעגיסטראציע. דערביי האָבן זיך די אונטער־

געמער ברייט באנוצט מיט דער הילף פונעם „אינפאָרמאציע־אָפּטייל", ווו עס האָבן זיך געפונען די שווארצע צעטלען און עס זיינען געווען קאָנצענטרירט די ידיעס וועגן אלע אָפּגעזאָגטע ארבעטער, אָדער ביכלאל פארזינדיקטע פארן פאבריקאנט, וועלכע מע האָט קיין ארבעט ניט געדארפט געבן. אזא אָפּטייל האָט אויך אָרגאניזירט די מאָסקווער געזעלשאפט פון זאוואָד־אייגנטימער און פאבריקאנטן. די ביידע אָפּטיילונגען האָבן צווישן זיך געהאלטן אן ענגן קאָנטאקט. צוליב דעם זעלבן ציל פון דורכזיפּן האָבן די אונטערנעמער אָנגעהויבן אָננעמען ארבעטער אף קורצע טערמינען.

די קאפיטאליסטן האָבן איינגעפירט א סיסטעם פון לאָקאוטן און צוליב דער דעפּרעסיע האָבן זיי פון דעם קיין באזונדערן שאָדן ניט געליטן.

קעדיי צו ריינ'קן די ארבעטער און דריקן אף זיי, האָבן די קאפיטאליסטן אף א ברייטן אויפן פּראקטיקירט דאָס טיילווייזע אָפּזאָגן די ארבעטער אָן קיין שום שייכעס צו שטרייקן. האָבנדיק ארויסגעטריבן פון פאבריק און פארווטיילט צו ארבעטלאָזיקייט די בעסטע רעוואָליוציאָנערע עלעמענטן פונעם פּראָלעטאריאט, זיינען די אינדוסטריעלער אריבער מיט א ברייטן פראָנט אין אָנגריף אפן ארבעטלוין און אף די ארבעט־באדינגונגען פון די ארבעטער.

אלס רעזולטאט פונעם העלדישן קאמף אין 1905 יאָר האָט זיך די ארבעטער געהאט איינגעגעבן צו העכערן זייערע פארדינסטן לעגאבע 1905 יאָר דורכשניטלעך אף 20 פּראָצ. נאָך דער מאפּאָלע פון דער רעוואָליוציע האָבן זיך די אונטערנעמער באנוצט מיט דער אינדוסטריעלער דעפּרעסיע און זיינען אריבער אין אָפענעם אָנגריף אפן ארבעטלוין. דער קאָרעספּאָנדענט פון מעטאליסטן־אָרגאן „ראבאָטשי פּאָ מעטאלו" האָט אין הארבסט 1907 געשריבן פון נעווסקער זאוואָד, אז אין איינצלנע צעכן האָט זיך דער ארבעטלוין פארקלענערט ביז 40 פּראָצ.

„פון אלע עקן רוסלאנד, — האָט אין מארט 1908 געשריבן דער מעטאליסטן־אָרגאן „קוזנעץ", — גייען ידיעס וועגן דעם, אז אף די מעטאלורגישע זאוואָדן פארקלענערן זיך די טאריפן. די באלעבאטים באנוצן זיך מיטן וווּקס פון דער ארבעטלאָזיקייט און מיט דער אלגעמיינער אויסגעמאטערטקייט פון די ארבעטער און פארקלענערן דעם ארבעטלוין". דאָס דאָזיקע פארקלענערן דעם ארבעטלוין קומט פאָר אין די באדינגונגען, ווען דער אלגעמיינער יאקרעט וואקסט.

אין די רעאקציע־יאָרן האָט זיך באמערקט אן אלגעמיינער וווּקס פון יאקרעס איבערהויפּט איבער דער פּרייזן־פּאָליטיק פונעם מאָנאָפּאָליסטישן קאפּיטאל. אין יאָר 1907 האָבן זיך די פּרייזן געהעכערט אין פארגלייך מיט די יאָרן 1890–99: פון ברויט־פּראָדוקטן — אף 42,3 פּראָצ., פיצוכט־פּראָדוקטן — 48 פּראָצ., שפּינערייַ־מאטעריאלן — 47,1 פּראָצ. באקאליי־סכוירעס — 30,8 פּראָצ.

אויב דער דורכשניטלעכער טאָג־לוין פון א מעטאליסט האָט צום 1־טן יאנואר 1908 באטראָפן 1 רובל 67 קאָפּ., איז ער צו דער ערשטער העלפט פון יאָר 1909 געפאלן ביז 1 רובל 55 קאָפּ. אין די יאָרן 1908, 1909 און 1910 איז דער ארבעטלוין געפאלן סיי נאָמינאל און סיי רעאל. דער דורכשניטלעכער נאָמינאלער ארבעטלוין פאר א יאָר האָט באטראָפן אין 1907 — 254,71 רובל, אין 1908 איז ער געפאלן ביז 244,66 רובל און אין 1909 — ביז 238,55 רובל.

דער דאָזיקער ארבעטלוין האָט זיך נאָכמער פארקלענערט איבער דער שטרא־

פיר־סיסטעם, וואָס די קאַפּיטאַליסטן האָבן באַנוצט. פאַר די יאָרן 1906־10 האָבן זיך די שטראָפירונגען פאַרגרעסערט אין 2 מאָל.

דער נישטיקער ארבעטלוין איז פאַרן ארבעטער געווען קנאַפּ און דעריבער האָט זיך באַמערקט, ווי „פּראָלעטאַרי" שרייבט, א דורכויסיקער דראַנג צו אַר־בעטן איבערשטונדן. די קאַפּיטאַליסטן האָבן די דאָזיקע דערשיינונג סטימולירט, ווייל זיי האָט געלוינט האָבן צו טאָן מיט א קלענערער צאָל ארבעטער. אין דער זעלבער צייט האָבן די פאַבריקאַנטן גאַנץ היפש פאַרגרעסערט די פאַקטישע ארבעט־צייט, וואָס די ארבעטער האָבן אין די יאָרן פון רעוואָלוציע געהאַט באַ־וויזן צו פאַרקלענערן.

די ארבעטער האָבן אויך שטאַרק געליטן פון דער ראַציאָנאַליזאַציע, וואָס די קאַפּיטאַליסטן האָבן איינגעפירט, און פון דער טיילאָר־סיסטעם, וואָס איז איינגע־פירט געוואָרן אין א ריי פאַבריקן.

די „אַמעריקאַנישע סיסטעם" (פּרעמיעס פאַר שנעלקייט) איז געווען דאָס לעצ־טע וואָרט פון עקספּלואַטאַציע אין די יאָרן פון רעאַקציע. „די ארבעטער, — שרייבט „פּראָלעטאַרי" וועגן דער דאָזיקער ראַציאָנאַליזאַציע, — קריכן פון דער הויט, קעדיי וואָס מער אויסצואַרבעטן".

מיט אזא ראַציאָנאַליזאַציע האָבן די קאַפּיטאַליסטן געשטרעבט צו קאָנדענסירן דעם ארבעט־טאָג, צו העכערן די אויסאַרבעט־נאָרמעס און צוזאַמען דערמיט אויך פאַרקלענערן די טאַריפן. „דאָס פאַרקלענערן די טאַריפן, דאָס פאַרלענגערן דעם ארבעט־טאָג, די ביז גאָר פאַרערגערטע באַדינגונגען פון די „איינערלעכע פּראָדוקטן", דאָס אַלץ, — האָט „פּראָלעטאַרי" געשריבן, — זיינען די סאַמע אַלגע־מיינע פאַקטן פון עם פאַבריק־זאַוואָדישן לעבן. אָט־די רעאַקציע איז אין די פאַב־ריקן געקומען טראָט באַ טראָט נאָך דער פּאָליטישער רעאַקציע; די אָנראַכמאָ־נעסדיקייט און בוצפעדיקייט פון דער ערשטער וואַקסט אויס פּאַראַלעל צו דער וואַקסנדיקער ווילדקייט און זעלבסטזיכערקייט פון דער צווייטער".

4. דער קאַמף פאַר דער פּאַרטיי

די ירידע פון דער ארבעטער־באַוועגונג, דער אָנגריף פון רעאַקציע, די טיילווייזע דעזאָרגאַניזירונג אין רעזולטאַט פון דער מאַפּאָלע פון דער רעוואָליר־ציע, — דאָס אַלץ האָט געשאַפן ביז גאָר שווערע באַדינגונגען פאַר דער פּאַרטיי־ארבעט.

„די מענטשן האָבן זיך איבעראַנייס פאַרוואַנדלט אין נעבעכדיקע, אָנגעשראָ־קענע, שטילע אַוטאָמאַטן, — דערציילט א קאָרעספּאָנדענט אין „סאָציאַל דעמאָ־קראַט", — דאָס וואָרט „כאַוער" הערט זיך אַלץ זעלטענער און ער קלינגט שוין ציטעריק און ווי אירענייש־פאַרעטעריש".

אין די רעאַקציע־יאָרן האָט זיך בונט צעבליט די פּראָוואָקאַציע. אין צ. ק. פון דער פּאַרטיי און אין דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע פון דער עסערישער פּאַרטיי איז געזעסן אַזעף, די אָכראַנקע האָט געהאַט אירע אגענטן קימאַט אין אַלע וויכ־טיקסטע פּאַרטייישע אָרגאַניזאַציעס. די פּראָוואָקאַציע האָט זיך פעסט פאַרשטאַרקט אויך אין אויסלאַנד. די פּאָליציי איז אינפאָרמירט געווען קימאַט וועגן יעדן טראָט פון די פּאַרטייישע אָרגאַניזאַציעס.

די פּראָוואָקאַטערס האָט זיך אײַנגעגעבן אַרײַנצודרינגען אַפילו אין די אָנפירנדיקע פּאַרטיי־צענטערן. עס איז גענוג, לעמאָשל, אָנצווייזן, אַז אין דער באָלשעוויסטישער פראַקציע איז אַרײַנגעדרונגען דער פּראָוואָקאַטער מאַלינאָווסקי. אין די אָנפירנדיקע באָלשעוויסטישע אָרגאַנען האָבן זיך אַרײַנגעשמוגלט די פּראָוואָקאַטאָרן לאָבאָוו, ראָמאַנאָוו, און אַנד. די אומפאַרמײַדלעכקייט פון סיסטעמאַטישע דורכפאַלן בײַ אַזעלכע באַדינגונגען, די נערוועזע אָנגעשפּאַנטקייט פון די אָרגאַניזאַציע־מיטגלידער, די פּראָוואָקאַציע האָט שטאַרק דעזאָרגאַניזירט די אַרבעט, די פּראָוואָקאַציע האָט געבראַכט צו מאַסן־דורכפאַלן פון די פּאַרטיייִשע אָרגאַניזאַציעס און כוער.

איבער די סיסטעמאַטישע דורכפאַלן האָבן אַפילו די גרעסטע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס געאַרבעט מיט שטענדיקע איבעררײַסן. אַן אָרגאַניזאַציע פלעגט ניט באַוויזן קומען צו זיך פונעם כורבן, ווי אַף איר פלעגט שוין וואַרטן אַ נײַער דורכפאַל. צום בײַשפּיל, אין דער פעטערבורגער אָרגאַניזאַציע האָט זיך נאָך אין 1907 י. אײַנגעגעבן צו פירן אַן אינטענסיווע אַרבעט, און אין 1908 יאָר איז די אַרבעט אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

די צאָל מיטגלידער פון די פּאַרטיייִשע אָרגאַניזאַציעס איז שטאַרק געפאַלן. אין יאָר 1905 האָט די מאָסקווער קרײַז־אָרגאַניזאַציע געציילט 2000 מיטגלידער. סאָף 1908 האָט זיך די צאָל מיטגלידער פון דער מאָסקווער קרײַז־אָרגאַניזאַציע פאַרקלענערט ביז 500 און אין יול 1909 זײַנען פאַרבליבן 260 מיטגלידער. אָנהייב יאָר 1910 איז די צאָל מיטגלידער שוין געפאַלן ביז 152 און פאַרן יאָר 1910 האָט זי זיך נאָך מער פאַרקלענערט. אַזאַ אָרגאַניזאַציע, ווי, לעמאָשל, די איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסקער, האָט פאַרן פעריאָד פון לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר ביז פרילינג 1908 פאַרלאָרן מער ווי צוויי דריטל פון אירע מיטגלידער.

די רעאַקציע האָט שטאַרק אַרונטערגעריסן די פּאַרטיי־אַרבעט אַף אוקראַינע. שטאַרק געליטן האָבן די דאָנבאַסער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, עס איז איבערגעריסן געוואָרן די פאַרבינדונג מיט אַ ריי שאַכטעס.

די קאַטערינאָסלאַווער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אין יאָר 1907 געציילט עטלעכע טויזנט מיטגלידער, איז אָנהייב יאָר 1908 שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אַ שטאַרקע יערידע איז אויך פאָרגעקומען אין דער כאַרקאָווער אָרגאַניזאַציע. פון די אוקראַינישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס זײַנען אין דער בעסטער לאַגע געווען די קיעווער און ניקאָלײַעווער.

זייער אין אַ שווערער לאַגע האָבן זיך געפונען די אָרגאַניזאַציעס פון ווײַס־רוסלאַנד.

אויך די איבעריקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס — אַזערבײַדזשאַנער (באַקו), אוראַלער א. א. וו. — האָבן זיך געפונען אין אַ שווערער לאַגע. די פאַרבינדונג צווישן די אָרגאַניזאַציעס איז קימאַט איבערגעריסן געוואָרן. אײנצײַטיק מיט דער יערידע פון דער אַרבעט אַף די ערטער זײַנען אויך אָפּגעשוואַכט געוואָרן און ניט זעלטן אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן די פּאַרטיייִשע פאַרבינדונגען מיטן צ. ק און אין בעסטן פאַל איז דער צ. ק. געווען פאַרבונדן מיט די גרעסטע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס בלויז דורכדעם, וואָס אַהין פלעגן פון צײַט צו צײַט אַראָפּקומען צ. ק.־מיטגלידער.

פעסטער, ווי אלע, האָבן זיך געהאלטן די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, ווו
די ארבעט האָט זך געפירט דורך די ארבעטער זעלבסט און דער אוועקגאַנג פון
דער אינטעליגענץ האָט אף זיי ווייניק געווירקט. ניט געקוקט אפן רעגירונג־טע־
ראָר, האָט זיך, לעמאָשל, אינעם צענטראַל־אינדוסטריעלן ראַיאָן, אין סאָרמאָווע,
אין די אוראַלער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, איינגעגעבן צו פאַרהיטן דעם גרונטלעכן
רוקנביין פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. שטאַנדהאַפטיקער, ווי אלע, האָבן זיך גע־
האַלטן די אוראַלער זאַוואָדישע אָרגאַניזאַציעס.

די צייטווייליקע מיטלויפער, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער רעוואָליר־
ציע דאַן, ווען זי איז געשטיגן און זיי האָבן געהאָפט, אז זי וועט אינגיכן זיגן,
זיינען איצט, ווען דער רעגירונג־טעראָר האָט זיך פאַרשטאַרקט און די רעוואָליר־
ציאָנערע באַוועגונג איז געפאַלן, מאַסנווייז אוועק פון דער רעוואָליוציע.

א פּעטערבורגער קאָרעספּאָנדענץ אין „פּראָלעטאַרי" האָט מיטגעטיילט, אז „די
סטודענטנשאַפט האָט דורכויס דעזערטירט" פון דער פּעטערבורגער אָרגאַניזאַציע.
אין מיטן יון 1908 האָט דער קאָרעספּאָנדענט אָנגעציילט אין דער גאַנצער פּע־
טערבורגער אָרגאַניזאַציע סאַכאַקל 12 אינטעליגענטן... פּונקט אַזויפיל, וויפל עס
איז מיט 9 כאָדאָשים פאַר דעם געווען בלויז אין איין אונטעררעיאָן.

די ווענדונג פון מ. ק. צו די פּאַרטיי־מיטגלידער פון 16/29 אָקטיאַבער
1908 האָט אָנגעוויזן אף דעם, אז די אינטעליגענץ „אַנטלויפט מאַסנווייז" פון דער
פּאַרטיי.

מיט דעם, וואָס די אינטעליגענץ איז אַנטלאָפן האָט זיך די פּאַרטיי דערווייל
אָפּגערייניקט פון די ניטשטאַנדהאַפטיקע, נעאָבאָלשעוויסטישע עלעמענטן. אין
רעזולטאַט פון דער דאָזיקער רייניקונג האָט זיך פאַרשטאַרקט דער פּראָלעטאַרי־
שער קערן פון די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. ניט געקוקט אף די דאָזיקע שווערי־
קייטן, איז דער פּאַרטיי געלונגען איינצוהיטן דעם גרונטלעכן רוקנביין פון די
פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס. די פּאַרטיי האָט געקענט ריכטיק אָפּטרעטן, איבער־
בויען אירע רייען און פאָרזעצן דעם ווייטערדיקן קאַמף פאַר רעוואָליוציע. „אינעם
פּעריאָד פון ברוטאַלסטער רעאַקציע האָט זיך די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי צוגע־
פּאַסט צו די נייע באַדינגונגען און האָט באַוויזן אָפּצוטרעטן אין דער גרעסטער
אָרדענונג... מיט דער קלענסטער דעמאָראַליזירונג און מיט דער גרעסטער פייִקייט
צו באַנייען די ארבעט" (לענין). האָבנדיק ריכטיק פאַרייניקט די אומלעגאַלע
ארבעט מיט דער לעגאַלער, האָט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי בלויז דערפאַר גע־
קענט ריכטיק אָפּטרעטן און זיך גרייטן צו נייע שלאַכטן, ווייל זי האָט געפירט
אַן אומבאַרמהאַרציקן קאַמף קעגן דער צענטראַלער געפאַר פאַר יענעם פּעריאָד —
קעגן דעם רעכטן אָפּאָרטוניזם, אין דער פאָרעם פון דער רעכטער ליקווידאַטאָרײַ,
ווי אויך קעגן דעם „לינקן" אָפּאָרטוניזם, אין פאָרעם פון די בויקאָטיסטן, אָטזאָ־
וויסטן און אולטימאַטיסטן, וואָס האָבן זיך אין יאָר 1909 פאַרייניקט אין דער גרו־
פּע „וופּעריאָד", און קעגן דער טאָלעראַנטער באַציונג צו זיי, קעגן דעם צענטריזם,
וואָס זיין הויפּט־פאָרשטייער אין רוסלאַנד איז געווען טראָצקי, וועלכער האָט זיך
אָנגעשלאָסן צו די ליקווידאַטאָרן. די רעכטע ליקווידאַטאָרן האָבן גערופן צו פאַר־
ניכטן דעם אונטערערד און צופּאַסן זיך צו די באַדינגונגען פון דער סטאָליפּינישע
דע דאַן, ווען די באָלשעוויקעס האָבן געפירט א קאַמף פאַר איינהיטן דעם רע־

וואָליוציאָנערן אונטערד, פאר איינהייטן די אומלעגאלע אָרגאניזאציע. די ליקווידאַטאָרן פון לינקס האָבן ניט פארשטאנען די אייגנארטיקייט פונעם דעמלטיקן פעריאָד, זיי האָבן ניט פארשטאנען די אויפגאבן פון אויסנוצן די לעגאלע מעגלעכקייטן, איבערהויפּט אויסנוצן די דומע־טריבונע פאר רעוואָליוציאָנערער אגיטאציע, פאַר אָרגאניזירן די מאסן.

די באָלשעוויקעס האָבן געפירט א ליניע אף אָפּשפּאלטן זיך פון די אָפּאָרטוניסטן אין דער רסדא״פּ און אין דער זעלבער צייט האָבן זיי ווייטער געפירט דעם אָנקאָמפּראָמיסלעכן קאמף קעגן דעם אָפּאָרטוניזם און צענטריזם אף דער צווישנפעלקערלעכער ארענע, א ליניע אף אָפּשפּאלטן זיך פון די אָפּאָרטוניסטן אינעם II אינטערנאציאָנאל. די באָלשעוויקעס האָבן געשטיצט די לינקע ס.־ד., איבערהויפּט, ר. ליוקסעמבורגן, אין זייער קאמף קעגן די אָפּאָרטוניסטן פון II אינטערנאציאָנאל, און אין דער זעלבער צייט געפירט אן אנטשיידנדיקן קאמף קעגן זייערע מענשעוויסטישע טעאָריעס, וואָס האָבן אָפּגעשיירט די לינקע פון דעם באָלשעוויזם אין די וויכטיקסטע פראגן פון דער טעאָריע און פראקטיק פון דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע; די באָלשעוויקעס האָבן דעמאסקירט די וואקלונגען פון די לינקע סאָציאלדעמאָקראטן, וואָס האָבן זיך „פארפּלאָנטערט אין דער עקלהאפטער נעץ" פון „קאוטסקיאנישער צוויעס, פעדאנטישקייט, פריינטלעכקייט צום אָפּאָרטוניזם" (לענין).

„אינעם הייניקן רוסלאנד קען די בורזשואזיע ניט ווירקן דירעקט אף די ארבעטער, — האָט לענין געשריבן, — דאָס יאָר 1905 האָט אויפגעטאָן דאָס, אז די ארבעטער שפּעטן אויס די בורזשואזיע מיט איר ליבעראליזם, דאָס וואָרט „קאדעט" איז בא זיי געוואָרן א זידל־וואָרט. און אָט פילן די ליקווידאטאָרן אויס די ראָליע פון דער בורזשואזיע צווישן די ארבעטער". די ליקווידאטאָרן זיינען טאקע געווען די דורכפירער פון די דאָזיקע אלע בורזשואזע ליבעראלע אידייען צווישן פּראָלעטאריאט.

האלטנדיק, אז די סטאָליפּינישע רעפאָרם האָט געלייזט די אגראר־פראגע און האָט פארווירקלעכט די אויפגאבן פון דער רעוואָליוציע פון יאָר 1905, אָפּלייקענענדיק דעם פּראָלעטאריאטס אָנפירנדיקע ראָליע אין דער רעוואָליוציע, האָבן די ליקווידאטאָרן פארגעזעצט די אלגעמיין־מענשעוויסטישע ליניע אף אָפּזאָגן זיך פון רעוואָליוציע און האָבן זיך אינגאנצן געשטעלט אפן וועג פון צופּאסן זיך צו דער סטאָליפּינישער רעאקציע.

אָנשטאָט די באָלשעוויסטישע ניט ארומגעשניטענע לאָזונגען, האָבן די ליקווידאטאָרן ארויסגעשטעלט אן ארומגעשניטענע פּראָגראם פון רעפאָרמיסטישע טיילווייזע פאָדערונגען.

אָנשטאָט דער דעמפּטיקער גרונט־פאָדערונג פון דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאל־דעמאָקראטיע אפן ערשטן עטאפּ פון דער רעוואָליוציע צראָפּצוווארפן די זעלבסטהערשונג און איינשטעלן א רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישע דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט און פויערטום, (וואָס האָט געדארפט דירעקט אריבערוואקסן אין דער דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט) — האָבן די ליקווידאטאָרן ארויסגעשטעלט אלס „ערשטע און גרינטלעכע פאָדערונג" די אלגעמיינע וואלרעכט, „פול-

מעכטיקע פאָרשטייערשאפט" (פון דער דומע) און „אומבאגרענעצטע פרייהייט פון אָרגאניזאציעס" — „פרייהייט פון קאָאליציעס".

די ליקווידאטאָרן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון איינעם פון די גרונט־לאָזונגען פון דער סאָציאל־דעמאָקראטישער פּראָגראם אפן ערשטן עטאפּ פון דער רעוואָליוציע, — פון קאָנפיסקירן די גוטבאזיצערישע ערדן. די ליקווידאטאָרן האָבן בלויז אין אן אלגעמיינער פאָרם זיך ארויסגעזאָגט פאר „צונעמען די גוטבאזיצערישע ערד פון די הענט בא אירע איצטיקע באזיצער און איבערגעבן זי דעם פאָלק", זיי האָבן זיך באגרענעצט מיט דער פאָדערונג „איבערצוקוקן דעם געזעץ פון 9־טן נאָיאבער און די געזעצן וועגן ערד־איינאָרדענונג אף דער באזע פון איינהיטן די רעכט פון די פריערישע געזעלשאפטן". די ליקווידאטאָרן האָבן, אזויארום, זיך געשטעלט אפן באָדן פון דער סטאָליפינישער אגראר־געזעצגעבונג. אָנשטאָט רופן דעם פּראָלעטאריאט צו קעמפן פאר דער רעוואָליוציע, האָבן אים די ליקווידאטאָרן גערופן צו א רעפאָרמיסטישן קאמף פאר „טיילווייזע פאָדערונגען" און צו פארטיידיקן זיינע „טאָגטעגלעכע" אינטערעסן אין די גרענעצן פון דער דריטיונישער מאָנארכיע. די ליקווידאטאָרן האָבן פאָרגעלייגט צו פירן א קאמף פאר „קאָאליציע־פרייהייט", ד. ה. פאר פרייהייט פון ארבעטער־אָרגאניזאציעס, פאר אָנערקענען דורכן געזעץ די עקזיסטענץ פון די פּראָפּאריינען, פאר אומבאשטראָפלעכקייט פון שטרייקן א. א. וו. און קעדיי צו פארווירקלעכן די דאָזיקע טיילווייזע פאָדערונגען האָבן די ליקווידאטאָרן פאָרגעלייגט דעם פּראָלעטאריאט צו דערלאנגען פעטיציעס (ביטשריפטן) מיט אונטערשריפטן פון ארבעטער צו דער שווארצמייעדיקער דומע־מערהייט.

אָנשטאָט די אויפגאבן פון פּראָלעטאריאט, אלס העגעמאָן פון דער רעוואָליוציע, האָבן די ליקווידאטאָרן קעגנגעשטעלט די „ריין־ארבעטערשע פאָדערונגען", די „ריין־ארבעטערשע באוועגונג". זיי האָבן געפּרעדיקט פּאָליטישע „זעלבסטקאסטרירונג" פונעם פּראָלעטאריאט און האָבן דעריבער די אָנפירונג מיט דער באוועגונג איבערגעגעבן צו דער בורזשואזיע אין די הענט.

די ליקווידאטאָרן האָבן פארביטן די רעוואָליוציאָנערע פּראָגראם אפן נעבעכדיקן רעפאָרמיזם. פון זייער טאקטיק וועגן ארייננואקסן אין סטאָליפינשן רעזשים איז אויך ארויסגעדרונגען זייער אָפּזאָגן זיך פון די אונטערערדישע פארטיישע אָרגאניזאציעס. די ליקווידאטאָרן האָבן אין בונד מיט דער סטאָליפינישער רעאקציע אָנגעהויבן א מארש קעגן דער פארטיי, געפאָדערט צו פארניכטן זי, דערווייזנדיק, אז די ארבעטער־באוועגונג איז שוין אריבערגעוואָקסן די שמאָלע רעמלעך פון דער אומלעגאלער פארטיי, און ארויסרוקנדיק דעם לאָזונג „ניי דער מיט דער פארטיי און מיט איר אומלעגאלקייט".

די אזויגערופענע „לינקע" באָלשעוויקעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון די באָלשעוויקעס און וואָס לענין האָט זיי אָנגערופן „ליקווידאטאָרן אף דער לינקער זייט", האָבן צוזאמען מיט די רעכטע ליקווידאטאָרן אויך געפירט א דעזאָרגאניזאטאָרישע ארבעט קעגן דער פארטיי.

אין די רעאקציע־יאָרן זיינען צווישן איינצלנע שיכטן פונעם ארבעטער־קלאס און אפילו פון דער פארטיי באָלשעוויקעס ארייננגעדרונגען קליינבורזשואזע שטימונגען און האָבן פארכאפּט איינצלנע ניט־שטאנדהאפטיקע עלעמענטן. די דאָזיקע

שטימונגען האָבן זיך אויסגעוויזן אינעם אריינלאָזן זיך אין גאָט־בויערײ, אין זוכן א „נייע רעליגיע“, אין פּראָפּאגאנדירן די אידעאליסטישע אנטימארקסיסטישע פילאָסאָפיע, וואָס מאכט א וועג פאר דער רעאקציע און קלעריקאליזם. די קליין־בורזשואזע ווידקונגען צווישן די באָלשעוויקעס האָבן געפונען אן אויסדריק אויך אינעם בויקאָטיזם, און דערנאָך אין דעם אָטזאָוויזם און אינעם אולטימאטיזם, וואָס זייערע פאָרשטייער האָבן קלאל ניט פארשטאנען די נייע אויפגאבן, וואָס שטייען פאר דער פארטיי אין די באדינגונגען פון דער אָנגרייפנדיקער רעאקציע. מיטן אָפּזאָגן זיך אויסצונוצן די לעגאלע מעגלעכקייטן, איבערהויפּט אָנטייל צו נעמען אין דער דריטיונישער דומע, האָבן זיי דערמיט אליין דעזאָרגאניזירט דעם פּראָלעטאריאט און ליקווידירט זיין רעוואָלוציאָנערע ארבעט. די פארטיי האָט אנטשיידן קריטיקירט דעם לאָזונג וועגן בויקאָטירן די דומע אין די רעאקציע־באדינגונגען, און וועגן אָפּרופן פון איר די דעפּוטאטן און צושטעלן זיי אן אולטימאטום. די פארטיי האָט געהאלטן פאר נייטיק אויסצונוצן די שווארצמייאָשע אָקטיאבריסטישע דומע, ווי אן אגיטאציע־טריבונע, כדי צו פּראָפּאגאנדירן די אידייען פון רעוואָלוציע און אָרגאניזירן די מאסן. אין פארלויף פון די יאָרן 1909־10 האָט די „ליקווידאטאָרן פון לינקס“ זיך אויסגעפורעמט ווי א זעלבשטענדיקע אנטיפּארטייאישע ריכטונג, פיינטלעך צו דער רסד״אפּ, וואָס שטעלט זיך קעגן דער פארטיי אין די גרונט־פראגן פון פּראָגראַם און טאקטיק. ווי גאָר די דומע־פראַקציע האָט אָנגעהויבן ארבעטן, האָבן די פאָרשטייער פונעם אָטזאָוויזם גענומען אַקטיוו אויסטרעטן און געפאָדערט אָפּרופן די דומע־פראַקציע און צווינגען די סאָציאל־דעמאָקראטישע דעפּוטאטן אָפּזאָגן זיך פון זייערע פולמאכטן. אין משך פון סאָף 1908 און איבערהויפּט אין 1909 יאָר איז די גאנצע טעטיקייט פון די אָטזאָוויסטן באשטאנען אין דעם, וואָס זיי האָבן אָראָפּגעריסן און טאָרמאָזירט די פארטיי־ארבעט. טאקע אין פרילינג 1909 האָבן די אָטזאָוויסטן־אולטימאטיסטן פאנאנדערגעוויקלט אין דער גאנצער ברייט זייער פראקציאָנעלע טעטיקייט אַף אויפצורייסן די מאסן־ארבעט פון דער פארטיי און ניט לאָזן אויסנוצן די לעגאלע מעגלעכקייטן. זיי זיינען אויסגעטראָטן קעגן די באשלוסן פון דער דעקאבער־קאָנפערענץ אין 1908, האָבן אגיטירט קעגן דעם אָנטייל אין די לעגאלע צוזאַמענפאָרן. פרילינג 1909 האָבן די אָטזאָוויסטן זיך אויסגעפורעמט אלס זעלבשטענדיקע פארטייאישע גרופּע („וופּעריאָד“) מיט אן אייגענער פּלאטפאָרם און מיט אן פּראַקציאָנעלן צענטער. די באָלשעוויקעס האָבן געקעמפט קעגן די ליקווידאטאָרן פון רעכטס און „לינקס“ און אין דער זעלבער צייט געפירט אן ענערגישן קאמף קעגן צענטריזם סיי אין רוסלאנד, סיי אַף דער צווישנפעלקערלעכער ארענע. די פּאָליטיק פון צענטריזם אלס „אידעאָלאָגיע פון אונטערווארפן די פּראָלעטארישע אינטערעסן צו די אינטערעסן פון דער קליין־בורזשואזיע אינעם באשטאנד פון איין אלגעמיינער פארטיי“ כאראקטעריזירט דער ח׳ סטאלין אלס פרווו „צוזאַמענאַרבן מיט לינקע פראזן דעם אָפּאָרטוניזם פון די „רעכטע“ און אונטערווארפן די לינקע צו די רעכטע... דער טראָצקיזם, וואָס איז אינעם איצטיקן מאָמענט די פאָרגעשריטענע מאכנע פון דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער בורזשואזיע, איז דעמלט געווען די „הויפּט־און גרונט־גרופּע, וואָס האָט פארשפּרייט אין רוסלאנד דעם צענטריזם, און האָט צוליב דעם געשאפן א ספּעציעלע אָרגאניזאציע, אלס נעסט פון

צענטריזם אין דער פאָרם פון אן אווגוסט־בלאָק“. לענין האָט אין יענעם פּעריאָד אָפּגעגעבן א קאָלאָסאלע אויפמערקזאמקייט אף דעמאסקירן טראָצקיס צענטריזם. ער האָט דערוויזן, אז דער צענטריזם, אלס „פארשטעלטער אָפּאָרטוניזם“, איז אפילע געפערלעכער פאר די ארבעטער, ווי די אָפענע ליקווידאטערײ. „טראָצקי און די ענלעכע צו אים טראָצקיסטן און קאָמפּראָמיסלער, — האָט לענין געשריבן, — איז געפערלעכער, ווי יעדערליי ליקווידאטערײ. ווייל די איבערצייגטע ליקווידאטערן פאָרמולירן זייערע אָנשויונגען דירעקט און די ארבעטער איז לײַכט פאנאנדערצוקלייבן זיך אין זייערע פעלערן, אָבער די הערן טראָצקיס גענארן די ארבעטער, זיי פארדעקן דאָס בייז און מאכן אומעגלעך עס צו דעמאסקירן און אויסהיילן. יעדער איינער, וואָס שטיצט טראָצקיס פּאָליטיק, שטיצט דערמיט די פּאָליטיק פון ליגנס און פון גענארן די ארבעטער, די פּאָליטיק פון פארמאסקירן די ליקווידאטערײ“. די אלגעמיין־באוווּסטע פאקטן פון לענינס קאמף קעגן דעם צענטריזם אינעם גאנצן II אינטערנאציאָנאל דעמאסקירן אן איבעריק מאָל די טראָצקיסטישע פאלסיפיקאטאָרן פון דער פארטיי־געשיכטע, וועלכע כוּוון זיך צושרייבן דעם באָלשעוויזם, אז ער האָט, קלוימערשט, ניט דערשאצט דעם צענטריזם.

די כלוקעדייעס צווישן די קליין־בורזשואזע אינטעליגענטן האָבן זיך בוילעטער, ווי אומעטום, ארויסגעוויזן אינעם פאנאנדערפאל פון דער קליינבורזשואזער עסערישער פארטיי.

די טעראָריסטישע קאמף־טעטיקייט פון די עסערן האָט נאָך אין אָנהייב רעוואָליוציע פון 1905 יאָר זיך פארוואנדלט אין ריינסטן אוואנטיוריזם. אין די רעאקציע־יאָרן איז אויפגעדעקט געוואָרן אזעפס פּראָוואָקאציע, וואָס האָט באוויזן די גאנצע צעפוילטקייט, דעם גאנצן אוואנטיוריזם פונעם עסערישן טעראָריזם. די עסערישע פארטיי איז זיך צעפאלן אף א ריי גרופעס, זי האָט פון זיך ארויסגעטיילט אן אָפן־אָפּאָרטוניסטישע ליקווידאטערישע גרופע, ענעסן, וועלכע האָט זיך פאראייניקט אין א בלאָק מיט די קאדעטן און האָט עוואָליוציאָנירט צום ליבעראליזם, און — אן אנארכיסטיש־ענלעכע גרופע „מאקסימאליסטן“.

די יערידע־שטימונגען, די רענעגאטישקייט פון דער בורזשואזער און קליינבורזשואזער אינטעליגענץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויך אין דער גאנצער קינסטלערישער ליטעראטור פון יענעם פּעריאָד.

די איינציקע פארטיי, וואָס האָט באוויזן איינצוהיטן אין אָרדענונג אירע רייען, איז געווען די פארטיי באָלשעוויקעס־לענינצעס. אָט דאָס טאקע האָט איר געזיכערט דעם דערפאָלג צווישן די ארבעטער־מאסן אין די יאָרן פון אופשטייג און אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון רעוואָליוציאָנערן קאמף.

דער ארבעטער-קלאס און די ארבעטער-באוועגונג אין די יאָרן פון אופשטייג

1. דער אָנהייב אופשטייג פון דער ארבעטער-באוועגונג

דער נייער רעוואָליוציאָנערער אופשטייג איז פאָרגעקומען אפן פאָן פון א נייעם אינ וסטריעלן אופשטייג, וואָס די פּאָרהאנאָכעס זיינע האָבן זיך געשאפן אין די פארגאנגענע יאָרן פון קריזיס און דעפרעסיע.

פון דער ערשטער העלפט 1910 יאָר האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אָנמערקן די ערשטע סימנים פון אן אינדוסטריעלער אויפלעבונג. די פּראָדוקציע האָט אָנגעהויבן בעהאדראָגעדיק זיך פארברייטערן, עס האָט זיך פארגרעסערט די צאָל ארבעטער, וואָס האָבן אנטשפּרעכיק דער קאָנצענטראציע פון דער אינדוסטריע זיך קאָנצענ־טרירט אין א לעערעך גרעסערער מאָס אף אונטערנעמונגען־גיגאנטן. די ארבעט־לאָזיקייט האָט זיך א ביסל פארקלענערט, איבערהויפט צווישן קוואליפיצירטע אר־בעטער.

דער שטארקסטער אופשטייג איז פאָרגעקומען און דער שווערער אינדוסט יע. אפן איבערבראָך אין דער קאָניונקטור פון דער מעטאלבאארבעטנדיקער אינדוס־טריע האָט צוגליך מיט דער אופלעבונג פון דער בויונג געווירקט אויך די מי־ליטערישע שיפבויונג און די אייזנבאן־בויונג, וואָס האָבן זיך נאָך א געוויסן איבערייס ווידער באנייט.

וואָס אָנבאלאנגט דער טעקסטיל־אינדוסטריע, איז אויב אינעם פעריאָד פון דער אלגעמיינער דעפרעסיע אין די יאָרן 1907-08 האָט זיך אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, איבערהויפט, אין דער באוול־אינדוסטריע באמערקט א געוויסע אופ־לעבונג, האָט זיך אין די יאָרן 1909-10 און אויך 1911-12 באמערקט א שטיל־שטאנד אפן מארק און איינצלנע אונטערנעמונגען האָבן אפילו געפּלאצט. אין די אופשטייג־יאָרן איז פאָרגעקומען א קאפּיטאליסטישע רעקאָנסטרוקציע פון דער אינדוסטריע.

אויסער דעם וווקס פון דער פּראָדוקציע לויט די וויכטיקסטע צווייגן, זיינען אויך געוואָקסן די נייע צווייגן, ווי, לעמאָשל, די עלעקטראָטעכנישע אינדוסטריע. אויב אין יאָר 1905 איז אף טעכנישע צילן אויסגעבראכט געוואָרן 240 מיליאָן קילאָוואטשאָ, איז אין יאָר 1913 ש,ין אויסגעבראכט געוואָרן 1.283 מיליאָן.

אין רוסלאנד האָט זיך אויך אָנגעהויבן אנטוויקלען די מאשינבויונג. דער אלגעמיינער ווערט פון דער פּראָדוקציע פון די רוסישע מאשינבוי־זאוואָדן האָט אין 1910 יאָר באטראָפן 101,9 מיליאָן רובל, און אין 1914 שוין 200 מיליאָן רובל, ד. ה. פארגרעסערט קימאט אין צוויי מאָל.

אפן פאָן פון עקאָנאָמישן אופשטייג סאָף 1910 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן אן אופלעבונג פון דער ארבעטער־באוועגונג.

די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג אין רוסלאנד האָט אין א געוויסער מאָס אויך אָפגעשפיגלט דעם רעוואָליוציאָנערן אופשטייג אין די אנדערע לענדער.

פונקט אָנהייב 1912 יאָר האָבן זיך אָנגעהויבן קוילנגרעבער־שטרייקן אין ענגלאַנד, וואָס זיינען געגאַנגען אונטערן לאָזונג פון אויפשטעלן צוריק דעם מינימאַלן אַר־בעטלוין. דער דריַיוואָכיקער שטרייק פון די ענגלישע קוילנגרעבער האָט געגעבן א שטויס די אַרבעטער־אויסטרעטונגען אין דייטשלאַנד, בעלגיע, עסטרייך, פראַנקרייך, ווי אויך אין די צפון־אַמעריקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך פאַנאַנדערגעוויקלט די כינעזישע רעוואָליוציע פון יאָר 1911.

א פאָרשטעלונג וועגן דער אָנוואַקסונג פון דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג קען מען באַקומען פון פאָלגנדיקער טאַבעלע:

יאָרן	צאָל אַרבעטער, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין שטרייקן (אין טויזנטער)	צאָל פויערישע רעוואָליוציאָנערע אַרויסטרעטונגען
1910	46	928
1911	105	507
1912	725	307
1913	887	128
1914	1·337	—

פאַרן אויפשטייג־פעריאָד פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג איז אויסערסט כאַראַקטעריסטיש דאָס, וואָס די פּאָליטישע שטרייקן האָבן באַדייטנדיק דאָמינירט איבער די עקאָנאָמישע.

לויט די פאַרקלענערטע אָנגאַבן פונעם האַנדל־און אינדוסטריע־מיניסטעריום איז די פאַרהעלטעניש צווישן די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע שטרייקן געווען אַזאַ:

יאָרן	צאָל שטרייקן: פּאָליטישע	צאָל שטרייקן: עקאָנאָמישע	צאָל שטרייקער (אין טויזנטער): פּאָליטישע	צאָל שטרייקער (אין טויזנטער): עקאָנאָמישע
1910	8	214	3·7	43
1911	24	442	8	97
1912	1·300	732	550	176
1913 (8 חדשים) .	761	910	379	299

ווי מיר זעען, האָבן אין די יאָרן 1910—11 דאָמינירט די עקאָנאָמישע שטרייקן אין פאַרגלייך מיט די פּאָליטישע. די פּאָליטישע שטרייקן האָבן געשפּילט א נישטיקע ראָליע. דערפאַר אָבער אין די יאָרן 1912—1913—1914 פאַרנעמען די פּאָליטישע שטרייקן דאָס ערשטע אָרט. אין די באַדינגונגען פון דעם קעסיידער אָנוואַקסנדיקן רעוואָליוציאָנערן אויפשטייג האָט זיך צוזאַמען דערמיט ברייט פאַנאַנדערגעוויקלט דעם פּראָלעטאַריאַטס עקאָנאָמישער קאַמף. אין צוזאַמענהאַנג מיטן וווּקס פון דער פּאָלי־

טישער אקטיווקייט און באוויסטזיניקייט פונעם ארבעטער-קלאס, אין צוזאמענהאנג מיט דער פארגרעסערונג פון זיין אָרגאניזירטקייט און איבערהויפּט מיטן וווקס פון דער סאָציאלדעמאָקראטישער ווירקונג איז באדייטנדיק אויסגעוואָקסן די אָרגאניזירט-קייט און אקשאָנעסדיקייט פון די שטרייקן.

אין פּאראלעל מיט די רעאקציע-יאָרן איז אויך באדייטנדיק אויסגעוואָקסן די דער-פאָלגרייכקייט פון די שטרייקן. א גרויסער פּראָצענט שטרייקן האָט זיך פארענדיקט לטובת די ארבעטער. אויב אין 1907 יאָר, למשל, האָבן זיך לטובת די אר-בעטער געענדיקט 29,5 פּראָצ. פון אלע שטרייקן, דערגייט שוין דער פּראָצענט אין 1912 יאָר ביז 41,6. די עקאָנאָמישע שטרייקן פונעם אופשטייג-פּעריאָד האָבן געטראָגן א בולעט-אויסגעשפּראָכענעם אָנגריף-כאראקטער.

דער אָנהייב פון דער ארבעטער-באוועגונג האָט אויך א שטויס געטאָן די אלגע-מיין-רעוואָלוציאָנערע באוועגונג, איבערהויפּט — די סטודענטישע. צום ערשטן מאָל זיינען פאר די יאָרן פון רעאקציע פּאָרגעקומען דעמאָנסטראציעס. די ערשטע דעמאָנ-סטראציע איז פּאָרגעקומען דעם 15 אָקטיאבער 1910, אין צוזאמענהאנג מיטן טויט פונעם פאָרזיצער פון דער ערשטער מעלוכע-דומע, מוראָמצעוו, און דערנאָך דעם 11-טן נאָיאבער אין צוזאמענהאנג מיט לעוו טאָלסטאָיס טויט. די דאָזיקע דעמאָנסט-ראציעס האָבן באוויזן, אז עס הייבט זיך אָן א פּאָליטישע אופלעבונג.

דער הונגער פון יאָר 1911 האָט נאָך מער פארשארפט די לאגע. „די אומגערע-טעניש פון יאָר 1911, — האָט לענין געשריבן, — איז א נייע טויט-דערמאָנונג פאר דער גאנצער איצטיקער אָרדענונג, פאר דער גאנצער דריטיוני־שער מאָנארכיע". דאָס יאָר 1911 איז געווען א יאָר פון א בעפייוועשן איבערבראָך, די שטרייקן האָבן שוין בא-וויזן צו שטעלן אף די פיס צענדליקער טויזנטער ארבעטער. דער הונגער אין דאָרף האָט איבעראנייס ארויסגעפירט אף דער ארענע די גרויזאמע אגראר-פראגע. עס איז געוואָרן קלאָר, אז עס דערנעענטערן זיך רעוואָלוציאָנערע שלאכטן. „דאָס, וואָס מיר לעבן איצט איבער, דערמאָנט אָן דעם, וואָס עס איז פּאָרגעקומען אין יאָר 1904",— האָבן אפילע די רעאקציאָנערע צייטונגען געשריבן וועגן די שטרייקן פון יאָר 1911.

פון אָנהייב יאָר 1912 האָט זיך די ארבעטער-באוועגונג באדייטנדיק פאר-שטארקט.

אין די אופשטייג-יאָרן האָט זיך שטארק געענדערט דער כאראקטער פון דער ארבעטער-באוועגונג. פריער פאר אלץ, האָבן זיך געענדערט די פארהעלטעניש אין דער שטרייק-באוועגונג צווישן די ארבעטער פון פארשיידענע צווייגן. די מעטא-ליסטן זיינען ווידער ארויס אין די ערשטע קעמפער-רייען. שוין אָנהייב 1910 יאָר הייבן אָן דעם קאמף די מעטאליסטן פון קאָלאָמענסקער זאוואָדן מיט זייער פּאָדע-רונג אריבערצוגיין פון שטיק-ארבעט אף טאָג-ארבעט. אין משך פון 1911 יאָר האָבן די שטרייקן ארומגעכאפּט די ארבעטער פון די גרעסטע פּעטערבורגער זאוואָדן (באלטישן, נעוווסקן, שיפבויערישן, לאנגעזיפענס און אנד). אין א ריי פאלן האָבן די מעטאליסטן-שטרייקן שוין געטראָגן אן אָנגרייפנדיקן כאראקטער.

אין די באדינגונגען פונעם אינדוסטריעלן אופשטייג האָט זיך אויך געענדערט דער כאראקטער פון דער באוועגונג צווישן די טעקסטיל-ארבעטער. אָנהייב 1910 יאָר האָט די באוועגונג פון די טעקסטיל-ארבעטער נאָך געטראָגן א פארטיידי-קונג-כאראקטער און אין דער מערהייט פאלן האָט זי זיך געענדיקט מיט

מאַפּאָלעס, אָבער שוין פון פרילינג איז די אַקטיוויקייט פון די אַרבעטער געווענדעט געוואָרן אַפן קאַמף פאַר א העכערן אַרבעטלוין. אָנהייב אַפּרעל האָבן די אַרבעטער פון אייניקע פאַבריקן אין צענטראַל-אינדוסטריעלן ראַיאָן (כּישינס געזעלשאַפט פון זייד-מאַנופאַקטור, די געזעלשאַפט פון וואָזנעסענסקער מאַנופאַקטור) נאָך קורצווייליקע שטרייקן זיך דערשלאָגן צו טיילווייזע הויסאָפּעט. אין יול האָבן אין מאָסקווער גובערניע אַרום און אַרום געשטרייקט ביז 15 טויזנט אַרבעטער. קימאַט אין אַלע פאַלן האָבן די שטרייקן געטראָגן א כאַראַקטער פון אָנגריף. עס זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאָדערונגען וועגן העכערן דעם אַרבעטלוין אַף 10—20 פּראָצ., אַרויסגעבן דירע-געלט א. א. וו. אויב אין יאָר 1910 האָבן געשטרייקט סאַכאַקל 25 טויזנט טעקסטיל-אַרבעטער, האָבן שוין אין יאָר 1911 געשטרייקט ביז 63 טויזנט. די אָרגאַניזירטקייט פון דער אָנגריף-באַוועגונג אינעם אופשטייג-פּעריאָד לאָזט זיך כאַראַקטעריזירן דורך דער פאַרשפּרייטונג פון קאָלעקטיווע שטרייקן, דורכן אַרויסשטעלן אַלציינע פאָדערונגען מיצאַד די אַרבעטער פון פאַרשיידענע פאַבריקן.

2. די לענער צעשיסונג און די שטרייקן-באַוועגונג פון יאָר 1912

די לענער צעשיסונג האָט געגעבן א דירעקטן שטויס דעם רעוואָליוציאָנערן מאַסן-אופשטייג פון 1912 יאָר. געוויס, וואָלט זיין א טאָעס צו זוכן די סיבע פונעם רעוואָליוציאָנערן אופשטייג בלויז אין דער לענער צעשיסונג. פאַר די ליקווידאַטאָרן איז דער רעוואָליוציאָנערער אופשטייג, ווי זיי אַליין זיינען זיך מודע, געקומען אומדערוואַרט און ער האָט זיי איבערראַשט. די באָלשעוויקעס האָבן אָבער אונטערגעשטראָכן, אַז דער דאָזיקער אופשטייג איז קלאַל ניט געווען קיין אומדערוואַרטער. „דער דאָזיקער אופשטייג, — האָט לענין געשריבן, — איז קלאַל ניט אַראָפּגעפאַלן, ווי שניי אַפן קאָפּ. ניין, ער איז צוגעגרייט געוואָרן שוין לאַנג דורך אַלע באַדינגונגען פונעם רוסישן לעבן, און די מאַסן-שטרייקן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לענער צעשיסונג און מיטן 7-טן מיי, האָבן בלויז ענדגילטיק באַשטימט זיין אָנקום". די לענער גאָלדגרובן האָבן געהערט צו דער רייכסטער לענער געזעלשאַפט פון דער גאָלד-אינדוסטריע, וואָס אין איר רעשוט האָט זיך געפונען קימאַט דער גאַנצער קאַנט — 423 גאָלדגרובן מיט אַן אַלגעמיינער אויבערפלאַך פון העכער 38.600 דעסיאַטין. די גרעסטע אַקציאָנערן פון דער געזעלשאַפט זיינען געווען סיי אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן, סיי דער רוסישער מעלוכע-באַנק. אין באַשטאַנד פונעם פּעטערבורגער קאָמיטעט „לענא-גאָלדפעלדס" האָבן זיך געפונען די גרעסטע מעלוכישע טשינאָווניקעס, מיטגלידער פונעם מעלוכע-ראַט, מיניסטאָרן. א סוואָרע, אַז אויך די מיטגלידער פון דער צאַרישער פאַמיליע זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער פירמע. אַזוי האָט דער „העלד" פון דער לענער צעשיסונג, דער זשאַנדאַרמישער ראָטמיסטער טרעשטשענקאָוו, געזאָגט, אַז „אַקציאָנערן פון דער לענער געזעלשאַפט זיינען געווען דער גראַף וויטע, מיניסטער טימאַשאָוו און אַפילע די אימפּעראַטאָרן מאַריא פעאָדאָראָוונא".

דער קאַפּיטאַל און די גוטבאַזיצערישע מאַכט זיינען אַף די לענער גאָלדגרובן געווען דירעקט צונויפגעוואַקסן. אַלע טשינאָווניקעס, די גאַנצע פּאָליציי זיינען דאָ געווען אַף געהאַלט בא דער אַדמיניסטראַציע פון די גאָלד-גרובן.

די אַרבעטער האָבן זיך געפונען אונטער דער פולשטענדיקער מאַכט פון דער גאָלדגרובן-אַדמיניסטראַציע. דער לענער ראַיאָן איז דורך קיין אײַזנבאַנען ניט געווען פאַרבונדן מיט דער סיבירער מאַגיסטראַל. די סאַמע נאָענטסטע אײַזנבאַן-סטאַנציע — אירקוטסק — האָט זיך געפונען 1.700 ווערסט ווײַט פון דער שטאָט באָדײַבאָ (דער אַדמיניסטראַטיווער קאָנט-צענטער). בײַ די געוויסערן פון פרילינג און האַרבסט פלעגן די לענער גאָלדגרובן זײַן אין משך פון 2—3 חדשים אינגאַנצן אָפגעשניטן פון דער אַרומיקער וועלט. די איינציקע פאַרבינדונג איז געווען דער טעלעגראַף. די אַרבעטער האָבן זיך דאָ געפונען, ווי אין פאַנג. אַזוי ווי דער גאַנצער ראַיאָן האָט געהערט בלויז צו דער איינער לענער געזעלשאַפט, האָט דער אַרבעטער אינערגעץ ניט געקענט אַוועקגיין פון די גאָלדגרובן-באַזיצער, אַפילו ווען ער וואָלט געוואָלט. די אַרבעט-באַדינגונגען זײַנען דאָ געווען די סאַמע פאַרשקלאַפנדיקסטע.

לויטן אָפמאַך זײַנען מעכויעוו געווען צו אַרבעטן ניט נאָר די אַרבעטער, נאָר אויך זייערע פרויען און קינדער, וואָס מע האָט דערלויבט קומען צופאָרן אויף די גאָלדגרובן צוזאַמען מיט די אַרבעטער. דערבײַ פלעגט די אַדמיניסטראַציע צושטיין צו די פרויען מיט די סאַמע עקלהאַפטע פאָרשלאָגן. די געזעלשאַפט פלעגט סיסטעמאַטיש פאַרהאַלטן דעם אַרבעטלוין פון די אַרבעטער. ניט לאַנג פאַר דער צעשיסונג האָט די קאָמפאַניע פאַרקלענערט דעם אַרבעטלוין דורכשניטלעך אויף 20—25 פראָצ. דאָס כײַעשע עקספלואַטירן די אַרבעטער איז געווען די באַזע פאַר די אומדערהערטע פאַרדינסטן פון דער דאָזיקער אַקציאָנערער קאָמפאַניע. אין יאָר 1910 לעמאָשל האָט די קאָמפאַניע באַקומען 6.812.925 רובל רעווער. פון דעם האָט זי אַרויסגעגעבן דיווידענדן 4.233.000 רובל און 2.512.000 זײַנען פאַררעכנט געוואָרן אינעם רעזערוו-קאַפיטאַל.

דער שטרײַק פון יאָר 1912 האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם, וואָס אויף די אַנדרייעווער גאָלדגרובן האָט מען די אַרבעטער אַרויסגעגעבן פערדן-פלייש, וואָס טויג ניט צום עסן. די ידיעה וועגן דעם איז געווען יענער פונק, וואָס האָט געבראַכט צום אויפרײַס.

דער שטרײַק האָט זיך אָנגעהויבן דעם 29-טן פעווראַל, צום 14 און 15-טן מאַרט האָט ער שוין אַרומגעכאַפט אַלע גאָלדגרובן, אַפילו די סאַמע ווײַטסטע. דער שטרייק איז געוואָרן אַן אַלגעמיינער. אין אים האָבן זיך באַטייליקט 6.258 אַרבעטער מענער, אַחוץ פרויען און מינדעריאָריקע. די אַרבעטער האָבן אויסגעוויילט פאָרשטייער צו פירן אונטערהאַנדלונגען. פון זיי זײַנען דאָס שפעטער צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן די אַרבעטער-קאָמיטעטן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן שטרייק אין יעדער גאָלדגרוב באַזונדער.

די באַוועגונג איז געווען אַ ריין-עקאָנאָמישע און האָט געטראָגן אַ סטיכיישן כאַראַקטער, דאָס צעשיסן אומבאַוואָפנטע אַרבעטער האָט אָבער מיט איינמאָל צעקלאַפט אַלע אילוזיעס וועגן ריין-עקאָנאָמישן קאַמף. באַלד נאָכן אָנהייב פון שטרײַק איז לויט אַ פאַראָרדענונג דירעקט פון פעטערבורג אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף די גאָלדגרובן אַ ראָטע זעלנער אונטער דער קאָמאַנדע פונעם זשאַנדאַרמישן ראָטמיסטער — דעם אויסגעפרווטן פראָוואָקאַטער טרעשטשענקאָוו, וואָס האָט, ווי ער אַליין דערציילט, זיך באַטייליקט אין דער צעשיסונג פון 9-טן יאַנואַר 1905 און האָט שוין אויך געהאַט אַ „סטאַזש" פון צעגראָמירן שטרייקן און פון פראָוואָקאַציע.

טרעשטשענקאָוו האָט באַשלאָסן צעשיסן די אַרבעטער און אַזוי אַרום מאַכן אַ

סאָף צו דער באַוועגונג. אין דער נאַכט פאַרן 4-טן אַפּרעל זיינען אַרעסטירט געוואָרן די אויסגעוויילטע, בעפֿיירעש קעדיי צו פּראָוואָצירן די אַרבעטער. און דעם 4-טן אַפּרעל, ווען אַן אַרבעטער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער פאַרוואַלטונג מישטאַדל זיין זיך וועגן באַפרייען די אַרעסטירטע, האָט מען אָנגעהויבן שיסן אינעם האַמוין.

270 מענטשן זיינען דערהרגעט געוואָרן און 250 פאַרוואונדעט. די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע האָט ניט נאָר געוווּסט וועגן דער צעשיסונג, נאָר זי האָט זיך אין איר דירעקט באַטייליקט. די אַרבעטער דערציילן, אַז בייס דער צעשיסונג זיינען הינטער דער זעלנער קיין געשטאַנען דער ראָטמיסטער טרעשטשענקאָוו, דער ריכטער כייטן און דער געהילף-פּראָקוראָר פּרעאָבראַזשענסקי.

טרעשטשענקאָוו האָט באַקומען אַ פיינע באַלוינונג פאַרן צעשיסן, אויך די זעלנער האָט מען באַלוינט.

די רעגירונג האָט איינגאַנצן באַגיטיקט די טעטיקייט פון טרעשטשענקאָוון און פון דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע. מאַקאַראָוו דער אינערן-מיניסטער, וואָס האָט אויף אַ זיצונג פון דער מעלוכע-דומע געענטפערט אויף דער אָנפראַגע וועגן דער צעשיסונג, האָט באַ צעזונדיקע אויסגעשרייען פון די סאָציאַלדעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן („בלוטזויגער!") און באַ אַפּלאָדיסמענטן פון די רעכטע אַרויסגעזאָגט זיין „באַרימטע" פּראַזע: „אַזוי איז געווען און אַזוי וועט זיין".

די לענער צעשיסונג האָט אַן איבעריק מאָל באַוויזן, אַז אין רוסלאַנד הערשט אַן אומבאַשרענקטע מיליטערישע דיקטאַטור פון לייבייגנטימער.

די ידיעה וועגן דער לענער צעשיסונג איז קיין פּעטערבורג אָנגעקומען דעם 7-טן אַפּרעל.

די צייטונג „זוועזדאַ" און די סאָציאַלדעמאָקראַטישע דומע-פראַקציע האָבן אָנגעהויבן באַקומען מאַסנווייזע אַרבעטער-פּראָטעסטן קעגן דער ווילדער צעשיסונג. אַלס ענטפער אויף דער צעשיסונג האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן-שטרייקן.

דעם 9-טן אַפּרעל האָבן די ערשטע מאַרשטרייקט די ניקאָלייעווער זאַוואָדן און הערפן. קימאַט אין דער זעלבער צייט — 9—12 אַפּרעל — האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטרייק-באַוועגונג אין קיעוו. די שטרייק-באַוועגונג האָט שנעל אַרומגעכאַפּט אוקראַינע: דעם 10-טן אַפּרעל — כאַרקאָווער גובערניע, דעם 11—12-טן אַפּרעל — כערסאָנער, 11—14-טן אַפּרעל — קאַטערינאָסלאַווער און נאָך זיי די אַנדערע דאָרעטגובערניעס.

אין פּעטערבורג האָט זיך דער שטרייק אָנגעהויבן דעם 14-טן אַפּרעל און איז געגאַנגען מיט אַ גרויסער קראַפט, אַרומכאַפּנדיק איין אונטערנעמונג נאָך דער צווייטער. אַזוי ביזן 19-טן אַפּרעל. מאָסקווע האָט זיך איינגעשלאָסן אין דער באַוועגונג דעם 18-טן אַפּרעל, נאָר צום העכסטן פּונקט האָט די באַוועגונג דערגרייכט דעם 25 אַפּרעל און בעצריגן האָט זי זיך הארט ביזן 1-טן מײַ און איז דירעקט אַריבער דורנאָך אינעם ערשטמײַיקן שטרייק.

די שטרייקן-באַוועגונג האָט אַרומגעכאַפּט דעם צענטראַל-אינדוסטריעלן ראַיאָן, דעם באַלטישן קאַנט און אַנד. אינדוסטריעלע צענטרען.

אין די 20-טער דאַטעס פון אַפּרעל האָבן די שטרייקן צייטווייליק אויפגעהערט, קעדיי אויסברעכן דעם 1-טן מײַ מיט אַ נייער קראַפט. דאָס איז געווען דער ער

שטער גרויסער ערשטמײַיקער שטרײַק נאָך דער גאנצער רײַ רעאקציע-יאָרן. דאָס מאָל האָט די איניציאַטיוו אין דער באַוועגונג שוין געהערט צו פּעטערבורג.

לויט די אויסרעכענונגען פון „סאָציאַלדעמאָקראַט" האָבן ניט ווייניקער ווי 300 טויזנט ארבעטער זיך באַטייליקט אין די אַפּרעל-שטרייקן, וואָס האָבן געדינט אלס דירעקטער ענטפער דער צארישער באנדע אף דער לענער שכיטע. אינעם ערשט-מײַיקן שטרײַק האָבן זיך באַטייליקט ביז 500 טויזנט ארבעטער און ארבעטערנס.

מיט א באַזונדער אקשאָנעס האָט זיך אין דעם, דאָזיקן פעריאָד (1912) אויסגע-צייכנט דער קאַמף פון די פּעטערבורגער מעטאַליסטן. די ארבעטער פון סימענס און גאַלסק זאַוואָדן האָבן געשטרייקט 3 כאדאָשים, פון ראָזענקראנצס זאַוואָד — 5 וואָכן.

די ארבעטער פון פּוטילאָווער זאַוואָד האָבן געמאכט דעם פּרוּוו פּאָשעט אליין איינפירן, אז שאבעס זאָל מען פארענדיקן די ארבעט 2 אזייגער באַטאָג. דער אוויא-ציע-אָפּטייל פון באַלטישן זאַוואָד האָט געשטרייקט 3 כאדאָשים און האָט זיך דער-שלאָגן צו א העכערונג פון די טאַריפן אף 10—30 פּראָצ.

נאָך די פּעטערבורגער זאַוואָדן האָבן אקשאָנעסדיק אָנגעהויבן ארויסטרעטן אויך די פּראָווינציעלע מעטאַל-זאַוואָדן.

אין מײַ 1912 האָבן זיך די שטרייקן ווידער אריבערגעוואָרפן אף אוקראַינע, — אין דאָנבאַס, כארקאָוו און ניזשני-דנעפּראָווסק. די מײַ-לענער באַוועגונג האָט ארום-געכאַפּט די סאַמע ווײַטסטע ווינקלען פון רוסלאַנד, צוגלײַך מיטן פּראָלעטאַריאַט פון די גרויסע צענטרען האָבן זיך אין דער באַוועגונג באַטייליקט אויך א רײַ קליינע שטעט.

דער כאראקטעריסטישער שטריך פון דער ארבעטער-באַוועגונג נאָך דער לענער צעשיסונג איז געווען דאָס, וואָס אין דער באַוועגונג זײַנען ארײַנגעצויגן געוואָרן די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע ארבעטער-שיכטן און דאָס האָט, ווי לענין זאָגט, אונ-טערגעשטראָכן דעם „אלגעמיין-פאָלקישן כאראקטער פון דער באַוועגונג". צוזאַמען מיט די ארבעטער פון די גרעסטע אונטערנעמונגען האָט דער שטרייק ארומגעכאַפּט די בוי-ארבעטער (טעסליערס, שטיין-טעסליערס, מוליאַרעס, בלעכער און אנד.) אף אלע בויונגען, די בעקער (ביז 10 טויזנט), די שאָפערס פון די טאַקסאָמאָטאָרן, די ארבעטער פון פיל געווערבישע אונטערנעמונגען. די באַוועגונג האָט געטראָגן אן אויס-געשפּראָכן רעוואָליוציאָנערן, פּראָלעטארישן כאראקטער. זי האָט אָנגענומען א פאָרם פון שטרײַקן און דעמאָנסטראַציעס און אין דער איבערוועגנדיקער מערהייט פאלן איז דער פּראָלעטאַריאַט ארויסגעטראָטן מיט קלאָרע באָלשעוויסטישע לאָזונגען. אין די רעזאָליוציעס האָבן די ארבעטער ארויסגעשטעלט די באָלשעוויסטישע גרונט-לאָ-זונגען פון יענעם פעריאָד, וואָס די פּראַגער קאָנפערענץ און די באָלשעוויסטישע פּרעסע האָבן ארויסגערוקט: „אראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג און א דעמאָקראַטישע רעפּוב-ליק, קאָנפיסקירן אלע גוטסבאַזיצערישע ערדן, איינפירן אן 8-שאָ:יקן ארבעט-טאָג". דער קאַמף פאַר דערפירן ביזן סאָף די אויפגאַבן פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָ-ליוציע האָט געדאַרפט דירעקט אריבערוואַקסן אין א קאַמף פאַר א סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, „זאָל לעבן דער סאָציאַליזם" — דאָס איז דער שלוס-לאָזונג פון די דאָזיקע רעזאָלוציעס. אינײַנעם מיט דער באָלשעוויסטישער פּרעסע האָבן די ארבעטער-רע-זאָליוציעס אונטערגעשטראָכן, אז „די שולדיקע פון דער צעשיסונג זײַנען ניט נאָר

איינצלנע פאַרשטייער פון דער אדמיניסטראַציע און פון קאַפּיטאַל, נאָר דער גאַנצער דריקטיוניזשער רעזשים, די דריטיונישע דומע אינגאַנצן גענומען". די מײַ־לענער באַוועגונג האָט געטראָגן א כאַראַקטער פון פּראָטעסט קעגן דעם גאַנצן דריטיונישן רעזשים, א כאַראַקטער פון קאַמף פאַר א נייער רעוואָלוציע.

אָט־דער רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער פון דער באַוועגונג, וואָס די ליקווידאַטאָרן און טראָצקי האָבן זיך מיט אַלע מיטלען באַמיט צו פאַרשמירן, פּרוּוונדיק זיך פאַרשטעלן די מײַ־לענער באַוועגונג, ווי א קאַמף פון די אַרבעטער פאַר איינצלנע „רעכט", „פאַר קאָאַליציע־פרײַהייט", איז געווען א רעזולטאַט פון דער אָנפירנדיקער און אָרגאַניזירנדיקער ווירקונג מיצאַד דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און דער באָלשעוויסטישער פּרעסע — צוערשט פון „זוועזדא" און דערנאָך פון „פּראַוודא". אין דער גרעסטער צאָל ערטער, איבערוויפּט אין די גרעסטע פּראָלעטאַרישע צענטערן, פלעגט מען פאַר די שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס דורכפירן א רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע, עס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן פלוג־בלעטלעך און פּראָקלאַמאַציעס. אָט די באָלשעוויסטישע אָנפירונג האָט טאַקע פאַרויסבאַשטימט דעם רעוואָלוציאָנערן און אָרגאַניזירטן כאַראַקטער פון דער מײַ־לענער באַוועגונג.

אַלס ענטפער אף די ערשטמײַיקע מאַסן־שטרייקן איז די פּעטערבורגער פאַבריקאַנטן־געזעלשאַפט אַריבער אין אָנגריף און האָט שטראָפירט די אַרבעטער פאַרן ליידיקגיין. אַזעלכע שטראָפן האָט מען אַרופגעלייגט אף די אַרבעטער פון דער פאַבריק „סקאָראָכאָד" און פון דער גומי־מאַנופאַקטור, פון סימענס און גאַלסקעס זאַוואָדן, פון קאָזעלטיודאָרס, פון קאַבעל־זאַוואָד, פון צאָפּנדיקן מעכאַנישן, פון די טראַמוויי־פּאַרקן א. א. וו. און דאָס האָט גענדיגט אַלס סיבע פאַר א ריי נייע שטרייקן. מיט א באַזונדער אייגעשפּאַרטקייט זיינען געגאַנגען די שטרייקן אף סימענס און גאַלסקעס זאַוואָד. ניט געקוקט אף דעם, וואָס מע האָט פאַרמאַכט דעם זאַוואָד, ניט געקוקט אף די מאַסן־אַרעסטן און אַרויסשיקונגען, האָבן די אַרבעטער זיך געהאַלטן 91 טעג, זיי האָבן געפאָדערט אָפּשאַפן די שטראָפירונגען און איינשליסן דעם טאָג פון 1־טן מײַ צווישן אַלע יאָנטויווים.

דער גאַנצער גאַנג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט פולשטענדיק באַשטעטיקט די באָלשעוויסטישע אָפּשאַצונג פונעם מאָמענט און די ריכטיקייט פון דער באָלשעוויסטישער טאַקטיק. דער אָנהייב פונעם רעוואָלוציאָנערן אופשטײַג האָט באַוויזן, אַז די פּאָליטיק פונעם דריטיונישן רעזשים האָט פולשטענדיק געפּלאַצט און אַז די דריטיונישע מאָנאַרכיע איז אַבסאָליוט ניט פעיִק צו לייזן די אופגאַבן פון דער בורזשואַזער אַנטוויקלונג, וואָס וועגן דעם האָבן די באָלשעוויקעס נאָך געוואָרנט אין דער רעזאָלוציע פון דער דעקאַבער־קאָנפערענץ פון 1903 יאָר. דער אויסגעשפּראָכענער פּאָליטישער כאַראַקטער פון דער באַוועגונג האָט איידעס בעזאָגט וועגן דעם, אַז די אַרבעטער טרעטן אַרויס אין קאַמף ניט פאַר איינצלנע „רעכט", ניט פאַר „טיילווייזע פאָדערונגען", ווי די ליקווידאַטאָרן האָבן זיי גערופן, נאָר קעגן דעם דריטיונישן רעזשים אינגאַנצן גענומען. דאָס האָבן פולשטענדיק באַשטעטיקט סײַ די מײַ־לענער באַוועגונג, סײַ די שפּעטערדיקע שטרייקן. די גרעסטע עטאַפּן פון די דאָזיקע שטרייקן: דער פּראָטעסט קעגן דעם מיליטעריש־יאַמישן געריכט איבער די סעוואַסטאָפּאָלער מאַטראָסן (וואָס האָט פאַריניקט 250 כוויזנט מענטשן); דער אַזויגערופענער „וואַל־שטרייק" אין אָקטיאַבער 1912 (אַלס פּראָטעסט קעגן דעם אָפּשאַפן אף

33 גרעסטע פעטערבורגער אונטערנעמונגען די וואלן פון די באפולמעכטיקטע), וואָס האָט זיך געצויגן 10 טעג און האָט ארומגעכאפּט 75 טויזנט ארבעטער; דער שטרייק, מיט וועלכן דער פּראָלעטאריאט האָט אָפּגעענטפערט אף דער עפענונג פון דער IV דומע (50 טויזנט אָנטיילנעמער) און, ענדלעך, די גאנצע סעריע אזויגערופענע „סטרא-כיר-שטרייקן“, וואָס אין זיי האָבן זיך באטייליקט בא 60 טויזנט מענטשן. די אלע שטרייקן האָבן באשײַמפּערלעך איידעס געזאָגט וועגן דעם, אז דער ארבעטער-קלאס האָט זיך אופגעהויבן צום קאמף קעגן דער זעלבסטהערשונג, קעגן דעם דריטיונישן רעזשים אינגאנצן גענומען, אז דער ארבעטער-קלאס האָט זיך אופגעהויבן צו א נייער רעוואָליוציע, וואָס וועט לייזן די דעמאָקראטישע אופגאבן און דירעקט אריבערוואקסן אין א סאָציאליסטישער.

סאָף 1912 יאָר האָט דער אָרגאניזירטער קאפּיטאל געענטפערט אף דער וואקסנ-באוועגונג מיט א נײַעם אָנגריף. קאָנסטאטירנדיק (אין דער ספּעציעלער זאמלונג, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1912 אינעם פארלאג פונעם גרעסטן טויכער ריאבושינסקי) אן אָנוווקס פון דער ארבעטער-באוועגונג, האָט די געזעלשאפט פאבריקאנטן און זאוואָד-אײַגנטימער פון מאָסקווער אינדוסטריעלן ראיאָן אָנגעמערקט „אין די אינטערעסן פון דער פּאָטערלענדישער פּראָדוקציע“ א ריי „הארבע מיטלען“ אין דער פאָרם פון שטראפירונגען, לאָקאוטן און אנד., קעדיי „אופצוהייבן די פאבריק-זאוואָדישע דיסציפּלין אף דער הייך, אף וועלכער זי געפינט זיך אין די מײַרעוו-אייראָפּייִשע לענדער“.

אלס ענטפער קעגן שטרײַק אף פינטשיס זאוואָד, האָט די פעטערבורגער געזעלשאפט פון פאבריקאנטן און זאוואָדטשיקעס נאָך אָנהייב יאָר 1911 באשלאָסן פאנאנ-דערצושיקן די צעטלען פון די שטרייקנדיקע ארבעטער פון פינטשיס זאוואָד און „בעטן די זאוואָדן צײַטווײַליק קיינעם פון די שטרייקער ניט אָננעמען אף ארבעט“.

די סיסטעם פון שווארצע צעטלען ווערט וואָס ווייטער אלץ מער פארפולקומט. אין נאָיאבער, למשל, האָט לאנגעזיפּינס זאוואָד זיך געווענדעט צו דער געזעלשאפט מיט אן אָנקלאגע אף דעם, אז דער קאזאנער באלטישער זאוואָד האָט אָנגענומען אייניקע ארבעטער, וואָס האָבן זיך באטייליקט אינעם שטרײַק.

בעגעגייע דעם ערשטמײַיקן שטרײַק האָט די פעטערבורגער געזעלשאפט פון פאבריקאנטן און זאוואָד-אײַגנטימער אָנגענומען א באשלוס צו „בלײַבן בא דער פריערדיקער שטראפן-סיסטעם און פאר שטרײַקן, סײַ דעם 1-טן מײַ, סײַ אנדערע, אום-אָפּנײַגלעך שטראפירן“. אן אנאלאָגישן באשלוס האָט אָנגענומען די געזעלשאפט פון פאבריקאנטן און זאוואָד-אײַגנטימער פון מאָסקווער ראיאָן. אין א באזונדער צירקוליאר האָט די פאבריקאנטן-געזעלשאפט אופמערקזאם געמאכט אירע מיטגלידער, וואָס האָבן ניט ארופגעלייגט קיין שטראָף אף די ארבעטער פארן שטרײַק פון 1-טן מײַ, אז זיי האָבן „געבראָכן דעם אָפּמאך“, אז „אזא ברעכן דעם אָפּמאך קאָן מיט קיין זאך ניט באַרעכטיקט ווערן“. די פאבריקאנטן-געזעלשאפט האָט געפאָדערט גאראנטיעס, אז די אָנגענומענע באשלוסן וועלן אויסגעפילט ווערן. דער מעכטיקער אופשטײַג פון דער באוועגונג האָט אָבער געצווונגען די פאבריקאנטן אָפּצוזאָגן זיך פון דער סיסטעם פון שטראפירן די ארבעטער פאר שטרײַקן. שוין דעם 13-טן מײַ 1912, ווען עס האָט זיך באהאנדלט די פראגע וועגן דעם, ווי זאָל זײַן, אויב די שטרײַקן וועלן זיך איבערכאזערן דעם 15 מײַ (אינעם 40-טן יאָרטאָג פון דער לענער צעשיסונג) איז דער פאָרשלאג וועגן שטרא-

פירן אָפּגעוואָרפן געוואָרן און עס איז אָנגענומען געוואָרן א באשלוס צו געבן די זאוואָדן דאָס רעכט „שטראפירן אָדער ניט שטראפירן לויט זייער אייגענעם איינזען“. דער זשורנאל „מעטאליסט“ האָט געשריבן אין יאָר 1913, אז די אינדוסטריעלער „שטראפירן קימאט ניט פאר שטרייקן, ניט וועלנדיק ארויסרופן נאָך א גרעסערן פּראָטעסט און דערמיט אליין צעשטער ן דעם נאָרמאלן גאנג פון דער פּראָדוקציע“.

צוגלייך מיט דעם ארבעטן אויס די פאבריקאנטן א ריי נייע מאָסמיטלען פון קאמף, אלס ענטפער אף דער אָנוואקסנדיקער באוועגונג.

זומער 1912 איז אויסגעארבעט געוואָרן א גאנצע קאָנווענץ (אויסגלייך), וואָס האָט אָנגעמערקט די טאקטיק פונעם פאראייניקטן קאפּיטאל און זיין קאָנטער-אטאקע קעגן דעם ארבעטער-קלאס.

דער קאמף-כאראקטער פון דעם דאָזיקן אויסגלייך איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן דורך א גאנצער סיסטעם פון קעגנזייטיקע גאראנטיעס און שטראפירונגען פאר ניט אויספילן די איינצלנע פונקטן זיינע.

אין משך פונעם גאנצן אופשטייג-פעריאָד האָט פּאָשעט ניט פּאסירט קיין איין וויפל-ניט-איז באדייטנדיקער שטרייק, ביים וועלכן די ארבעטער זאָלן מאטעריעל ניט אָפּגעזאָגט ווערן פון דער ארבעט. געוויינלעך פלעגט מען שוין אין די ערשטע טעג פונעם שטרייק אָפּזאָגן די ארבעטער און באלד טאקע אָדער גאָר אינגיכן מעלדן א נייעם אופנעם פון ארבעטער. טאָן פלעגט מען עס צוליב דעם, קעדיי אזויארום דורכזיפּן די ארבעטער, פּאָטער ווערן פון די ניט-זיכערע עלעמענטן.

דער אָנגריף פונעם קאפּיטאל האָט אָבער ניט אָפּגעשטעלט די באוועגונג, אדעראַבע, ער האָט זי נאָך מער פארשטארקט.

3. דער אָנוואוקס פון דער ארבעטער-באוועגונג אין די יאָרן 1913—14

אין יאָר 1913, אינעם יאָרטאָג פון די געשעענישן פון 9-טן יאנואר, איז צום ערשטן מאָל נאָך די רעאקציע-יאָרן פּאָרגעקומען א שטרייק, וואָס איז דורכגעגאנגען מיט אן אויסערגעוויינלעכן אופשטייג. דעם 9-טן יאנואר האָט געשטרייקט קימאט אזא צאָל, וויפל אין די שטרייקן, וואָס זיינען פּאָרגעקומען אין צוזאמענהאנג מיט דער לענער צעשיסונג אָן אין די מיי-שטרייקן פון 1912, — 180.000. דערביי האָבן אין פּעטערבורג אליין געשטרייקט 80000 מענטשן. א גרויסע קראפט האָט די פּאָליטישע באוועגונג דערגרייכט אינעם יאָרטאָג פון דער לענער צעשיסונג. דעם 4-טן אפּרעל, דאן האָבן געשטרייקט 140.000 מענטשן און, ענדלעך, דעם 1-טן מיי, ווען עס האָבן לויט די אָפיציעלע באריכטן געשטרייקט 240.000 מענטשן און לויט די ידיעס פון דער ארבעטער-פּרעסע — מער ווי 500.000 מענטשן.

נאָך די מיי-טעג קומט פאָר א ריי פּאָליטישע שטרייקן: זומער — אין צוזאמענהאנג מיטן אורטייל איבער די באלטישע מאטראָסן, קעגן די רעדיפּעס אף דער ארבעטער-פּרעסע א. א. וו., הארבסט — אין צוזאמענהאנג מיט דער סטראכיר-קאמפּאניע.

די פּאָליטישע שטרייקן פון 1913 יאָר האָבן זיך, לויט זייער ספּעציפישן געוויכט, שוין באדייטנדיק דערנענטערט צום יאָר 1905 און האָבן ווייט אריבערגעיאָגט דאָס יאָר 901 . אין די ערשטע קעמפער-רייען זיינען געגאנגען די מעטאליסטן. בלויז פאר 5 כאדאָשים (פעוואַל-יוני) פון 1916 האָט די ארבעטער-פּרעסע אָנגעציילט בא די

מעטאליסטן ביז 150 שטרייקן, דערביי זיינען 75 פראָצ. פון אלע פעטערבורגער מע-טאליסטן-שטרייקן פאָרגעקומען אין די אונטערנעמונגען, וואָס האָבן אויסגעפילט באשטעלונגען פאר די אמטן פון מיליטער און פלאָט.

די שטרייק-באוועגונג פון די מעטאליסטן האָט געטראָגן א ביז גאָר אקשאָנעס-דיקן כאראקטער. דער ארמאטור-עלעקטרישער זאוואָד, לעמאָשל, האָט געשטרייקט דריי מיט א האלבן כוידעש, דער ניי-לעסנער זאוואָד — 102 טעג, די ווארשטאטן פון דער צווישנפעלקערלעכער געזעלשאפט פון שלאָף-וואגאָנעס — 82 טעג, אלט-לעס-נער — 68 טעג, אָזאָלינגס זאוואָד — 60 טעג, איוואזס — 52 טעג, פינטשיס — 49 טעג, זיגעלס — 37 טעג, לאנגענזיפענס — 31 טעג.

אין צוזאמענהאנג מיט דער דעפרעסיע אפן מאנופאקטור-מארק האָבן די מאנופא-טור-פאבריקאנטן אָנהייב 1913 יאָר שטארק פארקירצט די פראָדוקציע, מאסנווייז אָפ-געזאָגט און לאָקאוטירט ביז 5000 ארבעטער. זומערצייט האָט זיך די באוועגונג פון די טעקסטיל-ארבעטער איבעראנייס פארשטארקט און האָט ארומגעכאפט די גרעסטע פאבריקן פונעם צענטראל-אינדוסטריעלן ראיאָן.

זומער 1913 זיינען אריינגעטראָטן אין קאמף העכער 40.000 ארבעטער פון די באקוער און גראָזנער נאפט-געוועובן. די באוועגונג, איבערהויפט אין באקו, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אן אויסערגעוויינלעך אָרגאניזירטן כאראקטער. לעבאטביילע האָט יעדער אונטערנעמונג באזונדער ארויסגעשטעלט פאָדערונגען, און דעם 26-טן יול 1913 האָט דער ראט פון די ארבעטער-באפולמעכטיקטע פון די נאפט-געוועובן דערלאנגט אין צוזאמענפאָרן-ראט פון די נאפט-אינדוסטריעלער אלגעמיינע פאָדערונ-גען.

אין 1913 יאָר זיינען נאָך אין א גרעסערער מאָס, ווי אין 1912 יאָר אריינגעצויגן געוואָרן אין דער באוועגונג נייע שיכטן ארבעטער. אלץ אָפטער האָבן פאסירט פאלן פון קאָלעקטיווע שטרייקן און דאָס האָט איידעס געזאָגט וועגן דעם, אז עס וואקסט די קלאסן-סאָלידאריטעט פון די ארבעטער.

אין א ריי שטעט זיינען פאָרגעקומען שטרייקן צווישן די טראמוויי-ארבעטער. צו דער באוועגונג האָבן זיך אָנגעשלאָסן די באלמעלאָכעס. אין צוזאמענהאנג מיטן אלגעמיינעם יאקרעס זיינען אין אפרעל-מיי פאָרגעקומען שטרייקן צווישן די שניידער יוועלירער, בעקער.

אלס ענטפער אף דער מאסן-באוועגונג האָט דער פעטערבורגער גראדאָנאטשאל-ניק ארויסגעגעבן זומער 1913 אן אָבליגאטערישע באשטימונג וועגן צוציען די, וואָס „העצן אונטער” צו שטרייקן, ניט נאָר צו אדמיניסטראטיווער פאראנטוואָרטלעכקייט, נאָר אויך צו געריכטלעכער. דער פאראייניקטער קאפיטאל האָט באגעגנט די באשטי-מונג מיט פולן מיטגעפיל. זומער 1913 איז לויט דער באשטימונג פון מיניסטאָרן-ראט צונויפגערופן געוואָרן א ספעציעלע בעראטונג אונטערן פאָרזיץ פונעם מיניסטער פאר האנדל און אינדוסטריע וועגן די קאמף-מיטלען קעגן דער שטרייקן-באוועגונג. די דאָזיקע בעראטונג האָט אָנערקענט פאר איינעם פון די הויפט-מיטלען פון קאמף קעגן די שטרייקן די נייטיקייט צו פארשטארקן די קרימינעלע רעפרעסיעס פאר אונ-טערהעצן צו שטרייקן, צוגלייכנדיק די פאָליטישע שטרייקן צו מעלוכישע פארברעכנס. די זעלבע בעראטונג האָט אויך אויסגעארבעט א געזעצפראָיעקט וועגן די פראָפאריי-נען, לויט וועלכן די פראָפאריינען זיינען פאקטיש אָפגעשאפט געוואָרן.

אין 1914 יאָר האָט זיך דער רעוואָלוציאָנערער קאמף פון די מאסן נאָך מער פארשטארקט.

דער יאנואר-שטרייק פון 1914 האָט אריבערגעשטיגן דעם שטרייק פון 1912. אויב אין 1912 יאָר האָבן געשטרייקט 160.000 מענטשן, האָבן אין יאנואר 1914 געשטרייקט העכער 250.000 מענטשן. בייס די שטרייקן זיינען פאָרגעקומען פאָליטישע מיטינגען, וואָס האָבן אָנגענומען רעזאָלוציעס קעגן די רעדיפעס אף דער ארבעטער-פרעסע און אף די פראָפעסיאָנעלע פאריינען. די ארבעטער האָבן געפאָדערט אן 8-שעיקן ארבעט-טאָג, אלגעמיינע מעלוכישע סטראכירונג א.א.וו.

אין פעטערבורג,ווארשע, ריגע, ניקאָלײַעוו און אין א ריי אנדערע שטעט זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן גרויסע דעמאָנסטראציעס. אין יאנואר-פעוורואל זיינען אויך פאָרגעקומען צאָלרייכע עקאָנאָמישע שטרייקן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט א גרויסער איינגעשפארטקייט.

אין מארט 1914 האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט א שטרייק-באוועגונג אין פעטערבורג, אלס פראָטעסט קעגן די מאסן-אָפסאמונגען אינעם זאוואָד „טרעוגאָלניק" און שפעטער אין א גאנצער ריי אנדערע פאבריקן און זאוואָדן (לאפערמס, באָגדאנאָווס, שאפאָשניקאָווס). די דאָזיקע אָפסאמונגען האָבן געדינט אלס שטויס צו נייע מאסן-שטרייקן. די ערשטע האָבן פארשטרייקט די פוטילאָווער און באלטישע זאוואָדן. אין א גאנצער ריי ארבעטער-ראיאָנען זיינען פאָרגעקומען דעמאָנסטראציעס.

די אונטערנעמער האָבן געענטפערט אף די מאסן-שטרייקן מיט א לאָקאוט. עס האָבן זיך פארמאכט א ריי גרויסע זאוואָדן, מיטן פוטילאָווער אין דער שפיץ. דער לאָקאוט האָט ארומגעכאפט ביז 70.000 ארבעטער. דער ראט פון דער געזעלשאפט פאבריקאנטן און זאוואָד-אייגנטימער האָט באשלאָסן: פאר איין טאָג שטרייקן פארמאכן דעם זאוואָד אף 2 וואָכן און פאר א צווייטן מאָל שטרייקן — אף א כוידעש צייט. נים געקוקט אף די לאָקאוטן, האָט זיך די ארבעטער-באוועגונג געהאלטן אין איין אנטוויקלען. דעם גרעסטן אופשטייג האָט די באוועגונג דערגרייכט סאָף יון און אָנהייב יול. אין יון האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט א גראנדיעזער שטרייק אף די באקוער געווערבן. דער קאמף האָט דאָ געטראָגן אן אויסערסט אָרגאניזירטן און אָנגעשטרענגטן כאראקטער. שוין פון די ערשטע טעג האָט מיטן שטרייק אָנגעפירט א שטרייק-קאָמיטעט, וואָס איז געווען ענג פארבונדן מיט דער באקוער באָלשעוויסטישער פארטיי-אָרגאניזאציע.

די נאפט-אינדוסטריעלער האָבן פארנומען א קעמפערישע פּאָזיציע. אף די ארבעטער-פאָדערונגען האָבן זיי געענטפערט מיט א קאטעגאָרישן אָפזאָג. עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן מאסן-ארעסטן. לויט די אָנגאבן אפן 11-טן יול זיינען ארעסטירט געוואָרן 892 מענטשן, מיטן עטאפ זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן העכער 100 מענטשן, העכער 1.500 מענטשן זיינען ארויסגעזעצט געוואָרן פון די דירעס. אָנהייב יון האָט מען אף די סאבונטשער געווערבן אָפגענומען בא די ארבעטער די בעטן, אף די געווערבן פון דער באקוער נאפט-געזעלשאפט האָט מען אין די ארבעטער-דירעס צעבראָכן די אויוונס, אופגעהערט צו דערלאנגען הייצוואַרג, ארופגעלייגט פלאָמבעס אף די נאפט-לייטונג-קראנען, אף שיבייעווס און לעאָנטיעווס געווערבן האָט מען די ארבעטער געלאָזט זיצן אָן עלעקטרישע באלייכטונג און קעראָסין א.א.וו.

די שטרייקן אף אורא, אוקראינע (אין דאָנבאס), אינעם מאָסקווער טעקסטיל-רא-

יאָן און אין אזערבייִדזשאַן (באַקו) האָבן פאַרפּילפאַכט די רייען פון דער רעוואָליו־ציאָנערער פּראָלעטאַרישער אַרמיי און האָבן פאַרפעסטיקט אירע קרעפטן.

אין דער ערשטער העלפט יוני האָבן זיך אין די מאָסקווער פאַבריקן און זאַוואָדן אָנגעהויבן זאַמלונגען לעטויוועס די באַקוער. די דאָזיקע זאַמלונגען זיינען אַריבער אין מיטינגען און מיטגעפיל־שטרייקן. צו יול כוידעש האָט די באַוועגונג געהאַלטן אין איין וואַקסן: דעם 1-טן און 2-טן יול האָבן אין פּעטערבורג אַליין געשטרייקט 5000 מענטשן, דעם 3-טן יול — 12.000. דעם 3-טן יול, ווען די פּוטילאָווער אַרבע־טער האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אויף אַ מיטינג, קעדיי צו באַהאַנדלען די פּראַגע וועגן שטיצן די באַקוער, האָט זיך אינעם זאַוואָד־הויף אַריינגעריסן פּאָליציי און האָט צעטריבן דעם האַמוין, עפּנענדיק אַ שיסעריי קעגן די אַרבעטער. לויט די לע־גאַטבילעדיקע אָנגאַבן זיינען 2 דערהאַרגעט געוואָרן און 50 פאַרווּנדעט. די ידיע וועגן צעשיסן פּוטילאָווער אַרבעטער האָט זיך שנעל צעטראָגן איבער די זאַוואָדן און האָט אַ שטויס געגעבן צו אַ כוואַליע פון מאַסן־פּראָטעסטן. דעם 4-טן יול האָט דער פּע־טערבורגער קאָמיטעט רסדא״פּ(ב) דערקלערט אן אַלגעמיינעם פּראָטעסט־שטרייק אויף 3 טעג. די דאָזיקע טעג זיינען אַדורך אין דעמאָנסטראַציעס, צוזאַמענשטויסן מיט מיליטער און אין פּרוּוון אַריבערצוגיין צו אַ באַריקאַדן־שלאַכט. דעם 7-טן יול האָט זיך דער דרייטאָגיקער טערמין פונעם שטרייק פאַרענדיקט, די באַוועגונג האָט אָבער געהאַלטן אין איין וואַקסן און פאַרברייטערן זיך און האָט וואָס ווייטער אַלץ מער באַקומען אַ מאַסן־רעוואָליוציאָנערן כאַראַקטער.

דער שטרייק האָט זיך געענדיקט ערשט האַרט פאַר דער מילכאָמע־דערקלערונג.

די שטרייק־באַוועגונג, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אין רוסלאַנד אין די יאָרן 1912-14, האָט איידעס געזאָגט וועגן אַן „אָנהייב פון אַ רעוואָליוציאָנערן אויפ־שטייג, וואָס איז איצט געווען אָן אן ערעך העכער, ווי ער איז געווען ערעוו דער ערשטער רעוואָליוציע״ (לענין).

קאַפּיטל דריי

די פּאַרטיי אין די יאָרן פון אויפשטייג און די באָלשעוויזירונג פון די מאַסן

1. די ראָליע פון דער פּאַרטיי אין דער מאַסן־באַוועגונג פון די אַרבעטער אין די אויפשטייג־יאָרן

די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי אונטער לענינס אָנפירונג האָט געשפּילט אַ קאָלאָ־סאַלע ראָליע אינעם פאַנאַנדערוויקלען די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג פון די אויפ־שטייג־יאָרן. אין רעזולטאַט פונעם פאַרביטערטן קאַמף פאַר דער פּאַרטיי אויף צוויי פראָנטן, קעגן דער רעכטער און „לינקער״ ליקווידאַטאָרעריי און קעגן צענטריזם, האָבן די באָלשעוויקעס צונויפגערופן אין יאַנוואַר 1912 אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין פּראַג; די קאָנפערענץ האָט אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי די ליקווידאַטאָרן און האָט פאַרפעסטיקט די זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע עקזיסטענץ פון דער פּאַרטיי

באָלשעוויקעס, וועלכע עקזיסטירט, ווי באוווסט, פון יאָר 1903. „דער באָלשעוויזם,— האָט לענין געשריבן,—עקזיסטירט אָלס א ריכטונג פון פּאָליטישן געדאנק און אלס פּאָליטישע פּארטיי פון יאָר 1903".

די פּראגער קאָנפערענץ האָט אָנגעמערקט די אויפגאבן פונעם פּראָלעטאריאט אין די באַדינגונגען פונעם אופשטייג, וואָס האָט זיך געהאט אָנגעהויבן. זי האָט געגעבן א גענויע איינשטעלונג צו דער פּאָרשטייענדיקער וואל-קאמפּאניע, א. א. וו.

די קאָלאָסאלע באדייטונג פון דער פּראגער קאָנפערענץ איז באשטאנען אין דעם, וואָס זי האָט געשאפן דעם אָרגאניזאציאָנעלן צענטער פון דער פּארטיי, האָט אויסגעווילט א באָלשעוויסטישן צ. ק. נאָך א גאנצער ריי יאָרן, ווען קיין צ. ק. האָט פּאקטיש ניט עקזיסטירט צוליב דער דעזאָרגאניזאטארישער אנטיפּארטייישער ארבעט פון די ליקווידאטאָרן.

פאר דער פּראגער קאָנפערענץ איז דורכגעפירט געוואָרן א גרויסע ארבעט קעדיי ווידערופשטעלן די אָרטיקע אָרגאניזאציעס, וואָס האָבן שטארק געליטן אין די רעאקציע-יאָרן. אויב אין יאָר 1910 האָט זיך נאָך געצויגן דער שטילשטאנד און די יערידע אין דער ארבעט, אויב דאן האָבן בלויז די שטארקערע אָרגאניזאציעס ניט געקוקט אף די ברוטאלסטע רעפּרעסיעס, פאָרגעזעצט די ארבעט, איז אין יאָר 1911, איבערהויפּט, אין דער צווייטער העלפט פון 1911 יאָר, האָבן זיך די פּאר-טיישע אָרגאניזאציעס באדייטנדיק פארפעסטיקט, די אָנפירונג מיטן פּראָלעטארישן קאמף האָט זיך פארשטארקט, דער באשטאנד זיינער האָט זיך באנייט, זיי האָבן צוגעפּאסט זייער ארבעט צו די נייע באַדינגונגען. אין די אָרגאניזאציעס האָבן זיך אָנגעהויבן אריינגיסן נייע מיטגלידער.

עס האָט אופגעלעבט די ארבעט אין די פּעטערבורגער און מאָסקווער אָרגאני-זאציעס. עס האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט אַן ארבעט אין צענטראל-אינדוסטריעלן ראיאָן, אף אוקראינע, אין אזערביידזשאן און גרוזיע, אף אוראל א. א. וו. די באָל-שעוויסטישע פּרעסע האָט געשפּילט א קאָלאָסאלע ראָליע אין דער אנטוויקלונג פון דער פּארטיי-ארבעט און אין דער אָנפירונג מיטן רעוואָליוציאָנערן קאמף.

די באָלשעוויסטישע „זוועזדא" און דערנאָך די „פּראוודא" האָבן געהאט א אויסערגעוויינלעך-וויכטיקע באדייטונג אינעם באָלשעוויסטישן דערציען די מאסן. זיי האָבן באהעפט טויזנטער פאָרגעשריטענע ארבעטער אונטער לענינס פאָן, זיי האָבן געשאפן גאנצע דורעס באָלשעוויקעס-פּראוודיסטן.

אין די אופשטייג-באַדינגונגען האָט די פּארטיי פּראקטיש באוויזן, וויאזוי מע דארף אָנפירן מיט דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג.

דער אופשטייג פון דער ארבעטער-באוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1912, האָט מיט דער גאנצער אָנשוילעכקייט איידעס געזאָגט וועגן דעם, אז עס דערנעענטערט זיך א נייע רעוואָליוציע און אין קאמף פאר איר האָבן די באָלשע-וויקעס געבויט זייער טעכניק. די רעזאָליוציע פון דער קראקאָווער בעראטונג האָט כאראקטעריזירט דעם אופשטייג פון דער ארבעטער-באוועגונג אין די יאָרן 1912-13 אלס אָנהייב פון רוסלאנדס אריינטרעטן אין א „טקופע פון אָפענעם רעוואָליוציאָ-נערן מאסן-קאמף".

די באָלשעוויקעס האָבן באטראכט דעם אופשטייג פון דער ארבעטער-באוועגונג

ווי אַן אָנהייב פון אַ נייער רעוואָלוציע, ווי אַ „באַווייז פון דער צוואַקסנדיקער רעוואָלוציאָנערער שטימונג באַ די מאַסן קעגן דעם רעזשים פון 3־טן יוני".

די אויפגאַבע פון די באָלשעוויקעס אין די אויפשטייג־יאָרן איז געווען — „דעם סטיכייִש־וואַקסנדיקן רעוואָלוציאָנערן שטרייק צו שטיצן, פאַרשטאַרקן, אַנטוויקלען, באַפעסטיקן באַוווסטזיניק, קעדיי צוגרייטן צום אויפשטאַנד די פויערים און מיליטער".

די באָלשעוויקעס האָבן געהאַלטן דאָס פּאָליטישע דערציִען די מאַסן אַלס איינע פון די הויפּט־אויפגאַבן אין דער אָנפירונג מיט דער שטרייקן־באַוועגונג. די פּראַגער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין סאַמע אָנהייב פונעם מאַסן־אויפשטייג, האָט אָנגעוויזן אויף דעם, אַז עס איז „נייטיק אויסצונוצן און פאַרברייטערן די סיסטעמאַטישע פּאָליטישע אַגיטאַציע און אַלזייטיק שטיצן די מאַסן־באַוועגונג, וואָס הייבט זיך אָן, און פאַרברייטערן זי אונטער דער פאָן פון פולשטענדיקן דורכפירן די פּאַרטיי־לאָזונגען".

די פּאַרטיי און די באָלשעוויסטישע פּרעסע האָבן באַגריסט דאָס, וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג איז אַרויס פון די ענגע גרענעצן פון עקאָנאָמישן קאַמף און זיך איבערגעפלאָכטן מיטן פּאָליטישן קאַמף.

דער פּראָלעטאַריאַט איז אַרויסגעטראָטן, אַלס העגעמאָן פון דער אַלגעמיין־דעמאָקראַטישער באַוועגונג, אַלס אָנפירער פון די פויערים־מאַסן אינעם קאַמף פאַר אַ דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, וואָס האָט געדאַרפט דירעקט אַריבערוואַקסן אין אַ סאָציאַליסטישער. וועגן דעם האָט לענין אָנגעוויזן אין זיין באַריכט — „די אַנטוויקלונג פונעם רעוואָלוציאָנערן שטרייק און פון די גאַסן־דעמאָנסטראַציעס": „דער רעוואָלוציאָנערער שטרייק פון די רוסישע אַרבעטער אין 1912 יאָר, — האָט ער געשריבן, — טראָגט, אין פולן זין פון וואָרט, אַן אַלגעמיין־פאָלקישן כאַראַקטער. אַלגעמיין־פאָלקיש איז די באַוועגונג, וואָס דריקט אויס די אָביעקטיווע נויטן פון גאַנצן לאַנד און ווענדעט אירע שווערע קלעפּ קעגן די צענטראַלע קרעפטן פונעם סוינע, וואָס שטערט דער אַנטוויקלונג פון לאַנד. אַלגעמיין־פאָלקיש איז די באַוועגונג, וואָס ווערט געשטיצט דורך דעם מיטגעפיל פון דער קאָלאָסאַלער מערהייט באַפעלקערונג".

אין קעגנזאַץ צו די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן אַבסאָליוט גענוי געשטעלט די פראַגע וועגן אָנפירן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג נאָך אויף דער פּראַגער קאָנפערענץ, ווי אויך אויף דער קראַקאָווער באַראַטונג, וואָס האָט אַרויסגערוקט אַלס אָרדנטלעכע אויפגאַבע דאָס „איינאָרדענען רעוואָלוציאָנערע גאַסן־דעמאָנסטראַציעס", זיינען די ליקווידאַטאָרן אַרויסגעטראָטן ווי שאַרפע קעגנער פונעם רעוואָלוציאָנערן מאַסן־קאַמף. די ליקווידאַטאָרן האָבן געשטרעבט צו פאַרהאַלטן דעם פאַרנעם פון דער שטרייקן־באַוועגונג, אַראָפּזעצן אירע אויפגאַבן, דערפירן דעם מעכטיקן אויפשטייג פון דער באַוועגונג פונעם אַרבעטער־קלאַס, אַלס העגעמאָן פון דער רעוואָלוציע וואָס איז אין יענעם פּעריאָד אַרויסגעטראָטן אין דער שפּיץ פון דער אַלגעמיין־פאָלקישער באַוועגונג, ביז צו אַ שמאָל־פּראָפעסיאָנעלן טרעד־יוניאָניסטישן קאַמף פאַר איינצלנע רעפאָרמען, פאַר אַרויסרייסן באַ דער שוואַרצמייעדיקער דומע און צאַרישער רעגירונג טיילווייזע פאָדערונגען און איינצלנע „רעכט".

די ליקווידאַטאָרישע פּרעסע האָט אָנשטאָט שטיצע געעפנט אַ גאַנצע קאַמפּאַניע קעגן דער שטרייקן־באַוועגונג. „דער שטרייק, — האָט „לוטש" געשריבן, — איז אַן איידל געווער, פון אָפטן געברויך ווערט עס אָפּגענוצט, פאַרטעמפּט... און איבן פון

אָפּטן באַנוצן אים וועלן אים איינע אופהערן מיטפילן און די צווייטע וועלן אים אופהערן באַמערקן,—וועט ער שנעל פאַרלירן זיין געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישע באַדייטונג. די פּעטערבורגער אַרבעטער זיינען דערגאַנגען ביז דער דאָזיקער גרענעץ. ווייטער הייבט זיך שוין אָן ניט קיין קאַמף, נאָר א שטרייקן-אַזאַרט".

אַף וויפל די ליקווידאַטאָרן זיינען ניט געווען בעקויעך צו פאַרהאַלטן די מאַסן-באַוועגונג, האָבן זיי געשטרעבט צו ווענדן די אַרבעטער-באַוועגונג אַף א פרידלעכן וועג.

אָפּלייקענענדיק די באַדייטונג פון דעם פּראָלעטאַריאַטס אַרויסטרעטונגען אַלס העגעמאָן פון דער רעוואָליוציע, האָט די ליקווידאַטאָרישע צייטונג „לוטש" קוואַליפיצירט די שטרייקן פון דעם דאָזיקן פעריאָד, אַלס פולשטענדיק פרוכטלאָזע.

אָנשטאָט שטרייקן, וואָס זיינען „אַויסגעטראָטענע" און „ניט שטענדיק ווירקנדיקע" קאַמף-מעטאָדן, האָט „לוטש" רעקאָמענדירט מע זאָל דערלאַנגען „מאַסן-מעלדונגען אין די געזעצגעבערישע אַנשטאַלטן", ד. ה. אָנגעבן פּעטיציעס צו דער דומע, און פאַרבייטן דעם קלאַסן-קאַמף אַף פּאַפּירענע ביטשריפטן, אַדרעסירטע צו דער שוואַרצמייעדיקער דומע-מערהייט.

די ליקווידאַטאָרן האָבן פּראָטעסטירט קעגן די פּאָליטישע פאָדערונגען פון די אַרבעטער און האָבן געשטרעבט צוצוגעבן דער באַוועגונג אַן „ענג-פּראָפעסיאָנעלן", „ריין-עקאָנאָמישן" כאַראַקטער.

די ליקווידאַטאָרן האָבן געשטרעבט צו דערנידעריקערן דעם פּראָלעטאַריאַטס אופגאַבן, אַלס העגעמאָן פון דער רעוואָליוציע. זיי האָבן געטיינעט, אַז דער אַרבעטער-קלאַס איז נאָך ניט רייף דערצו, אַז ער זאָל גיין ווייטער פון די לאָזונגען וועגן „קאָאַליציע-פרייהייט" און פון ריין-עקאָנאָמישן קאַמף.

דער פאַקט, וואָס די גאַנצע מאַסן-באַוועגונג האָט זיך אַנטוויקלט אומאָפּהענגיק און קעגן דער ליקווידאַטעריי, האָט איידעס געזאָגט וועגן דער פולשטענדיקער פּאָליטישער מאַפּאָלע פון די ליקווידאַטאָרן. די פּרוּוון אַנטקעגנצושטעלן דעם „שטרייקן-אַזאַרט" „איירעאָפּיישע", „פּאַרלאַמענטאַרישע" קאַמף-פאָרמען האָבן דערפירט די ליקווידאַטאָרן דערצו, אַז זיי האָבן פולשטענדיק פאַרלאָרן יעדע ווירקונג צווישן די מאַסן.

און די פּאַרטיי באָלשעוויקעס האָט אַף אַן עמעס אָנגעפירט מיט דער שטרייקן-באַוועגונג. די דאָזיקע אָנפירונג האָט זיך געפירט דורך דער אַרבעטער-פּרעסע און דורך די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס.

די אָנפירנדיקע ווירקונג אַף דער אַרבעטער-באַוועגונג מיצאַד דער באָלשעוויסטישער „פּראַוודאַ" איז געווען באַזונדערס גרויס. דאַן, ווען דער ליקווידאַטאָרישער „לוטש" האָט אין ברען פון דער אַרבעטער-באַוועגונג פּראָקלאַמירט א קאַמף „קעגן דעם שטרייקן-אַזאַרט", איז די „פּראַוודאַ" געווען די צייטונג, וואָס האָט פּראַקטיש אָנגעפירט מיט דער אַרבעטער-באַוועגונג.

די „פּראַוודאַ" האָט באַוויזן אַזוי גוט צו פאַרבינדן זיך מיטן פּראָלעטאַריאַט פון גאַנץ רוסלאַנד, אַז די קלענסטע באַוועגונג פון אַרבעטער אינעם סאַמע פאַרוואָרפנסטן העק פלעגט גלייך באַלויכטן ווערן אַף די שפּאַלטן פון דער צייטונג.

ווי מיר לייענען אין געוויסע דערינערונגען וועגן דער פּאַרטיי-אַרבעט אין אַ-

קראינע, איז „די „פראוודא“ געווען פאר די כארקאָווער ארבעטער סיי א פראָקלאמאציע, סיי א פראָפּאגאנדיסטישע בלעטל און ביכלאל א גרויסער אָרגאניזירנדיקער צעמענט“. אזוי איז דאָס געווען ניט נאָר אין כארקאָוו, נאָר אויך אין גאנץ רוסלאנד.

2. די סטראכיר-קאמפאניע

מיט דער אזויגערופענער „סטראכיר-קאמפאניע“ האָבן די ארבעטער געענטפערט אפן געזעץ פון 23-יון 1912 וועגן סטראכירן פון קראנקייטן און אומגליק-פאלן, וואָס די צארישע רעגירונג האָט ארויסגעגעבן אונטער דער ווירקונג פונעם מעכטיקן אופשטייג פון דער ארבעטער-באוועגונג. אין דער דאָזיקער קאמפאניע האָבן די באָלשעוויקעס געשפּילט א קאָלאָסאלע ראָליע.

די רעגירונג האָט געמיינט מיטן דאָזיקן געזעץ ארייַנצוטראָגן א „באַרויִקונג“ אין דער ארבעטער-סוויווע, אָבער געשען איז פונקט פארקערט. דער געזעץ האָט געגעבן א שטויס די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג, וואָס האָט זיך ארויסגעדריקט אין דער אזויגערופענער סטראכיר-קאמפאניע.

לויטן געזעץ פון 23-טן יון 1912 האָט די סטראכירונג געדארפט ארומכאפּן ניט אלע ארבעטער, נאָר בלויז די ארבעטער פון דער פאבריק-זאוואָדישער אינדוסטריע, ד. ה. ווייניקער ווי איין פינפטל פונעם גאנצן פּראָלעטאריאט. די סטראכירונג איז ניט כאל געווען אף די ארבעטער פון די קאזיאָנע אונטערנעמונגען, אפן לאנדווירטשאפטלעכן פּראָלעטאריאט, אף די האנדל-אינדוסטריעלע אָנגעשטעלטע, און אויך אף ארבעטער, וואָס האָבן געארבעט אין קליינע ווארשטאטן.

קיין סטראכירונג פון אינוואלידישקייט, אלטקייט און ארבעטלאָזיקייט האָט דער געזעץ אינגאנצן ניט פאָרויסגעזען. די מעדיצינישע הילף פאר ארבעטער איז לויטן געזעץ אינגאנצן פארבליבן אין די הענט פון די אונטערנעמער. די ארבעטער האָבן בלויז באקומען דאָס רעכט איבערצוגעבן מיטן אונטערנעמערס האסקאָמע די מעדיצינישע הילף אין די הענט פון דער קראנקן-קאסע. דאָס רעכט צו באשטימען פאָרשטייער אף די אלגעמיינע פארזאמלונגען און אין דער פארוואלטונג פון די קראנקן-קאסעס האָבן די אונטערנעמער אויך באקומען. דער געזעץ האָט איינגעשטעלט א קאפּצאָניש-קליינע הילף און פענסיע. ארומשניידנדיק ביז גאָר די רעכט פון די ארבעטער אין דער סטראכירונג, האָט דער געזעץ פון 23-טן יון ארופגעוואָרפן אף זיי די גאנצע שווערקייט פון די שטייערן אף דער סטראכירונג. ניט אומזיסט האָט די ארבעטער-פרעסע כאראקטעריזירט דעם רעגירונג-געזעץ וועגן סטראכירונג, ווי א געזעץ פון סטראכירן די אינדוסטריעלער קעגן די ארבעטער.

די רעגירונג און די בורזשואזיע האָבן אָנגענומען אלע מיטלען אף צו באזייטיקן די ארבעטער פון די וואלן אין די סטראכיר-אָרגאנען און ניט געבן דעם רעוואָליוציאָנערן ארבעטער-קלאס די מעגלעכקייט צו פארייניקן זיך ביים דער סטראכיר-קאמפאניע. די רעגירונג האָט מיט אלע מיטלען באמיט זיך אויסצומיידן אָט-די ביז גאָר ניט אָנגענעמע פאר איר זייט פונעם סטראכיר-געזעץ און האָט אינגאנצן פארבאָטן פאָרוואל-פארזאמלונגען פון די ארבעטער און באהאנדלען די סטראכיר-פראגן. זי האָט געשטרעבט צו מאכן די וואלן „שטומע“ און דורכפירן אין די סטראכיר-

אָרגאנען אירע פאָרשטייער. איינאָוונט פלעגן די ארבעטער באקומען ביולעטענען און ביז מאָרגן פרי האָבן זיי געדארפט עס פארפילן. די רעגירונג האָט איינגעשטעלט א רייע פון עפענען קראנקן-קאסעס, קעדיי אזויארום צעשפליטערן די סטראכיר-קאמפאניע און די אונטערנעמער זאָלן קענען דורכפירן אין די קראנקן-קאסעס זייערע געהאָרכזאמע פאָרשטייער און די אמערסטן פאָרגעשריטענע שיכטן פונעם פראָלעטאריאט, איבערהויפט די מעטאליסטן, האלטן וואָס ווייטער פון די קאסעס.

קעדיי אויסצומיידן אלגעמיינע פארזאמלונגען, זיינען די דאָזיקע „שטומע וואלן" דורכגעפירט געוואָרן לויט אָפטיילונגען, דערביי האָט יעדע אָפטיילונג געדארפט אויסוויילן א באפולמעכטיקטן אומבאדינגט פון איר סוויווע. די פרווון פון די ארבעטער צו אָרגאניזירן לעקציעס, קעדיי צו באקענען זיך מיטן סטראכיר-געזעץ, זיינען פארפאָלגט געוואָרן דורך די שטרענגסטע רעפרעסיעס. די רעגירונג האָט זיי פאָשעט ניט דערלויבט אָדער צעטריבן... שוין פון הארבסט 1912 האָט זיך אָנגעהויבן א קאמף פון די ארבעטער פארן „רעכט"(!) צו באקענען זיך מיטן סטראכיר-געזעץ דורך פארזאמלונגען און לעקציעס, פאר א ווירקלעכער און ניט קלוימערשטער פאָרשטייערשאפט אינעם סטראכיר-ראט און אין די סטראכיר-אמטן.

אלס ענטפער אף די פרווון פון דער רעגירונג צו צעשפליטערן די ארבעטער אין דער סטראכיר-קאמפאניע, ניט געבן זיי קיין מעגלעכקייט אויסצונוצן זי אף צו אָרגאניזירן זיך, האָט זיך אין 1913 יאָר אין פעטערבורג אויסגעבילדעט א סטראכיר-צענטער פון 58 פעטערבורגער זאוואָדן און פאבריקן. דער צענטער האָט זיך געווענדעט מיט אן אָפענעם בריוו צו דער געזעלשאפט פון פאבריקאנטן און זאוואָד-אייגנטימער און ארויסגעשטעלט די ארבעטערשע סטראכיר-לאָזונגען, איבערהויפט — דעם לאָזונג וועגן אן אלשטאָטישער קראנקן-קאסע. אין פעטערבורג, אלזאָ, האָט די צארישע רעגירונג און די קאפיטאליסטן זיך געטראָפן פאָנעם על פאָנעם מיטן אָרגאניזירטן פראָלעטאריאט.

דאָס זעלבע האָט אויך פאסירט אין ווארשע.

ביים דער סטראכיר-קאמפאניע האָבן די ארבעטער קעגנגעשטעלט דעם צארישן געזעץ זייער אייגענע פאנאנדערגעוויקלטע סטראכיר-פראָגראם. זיי האָבן געפאָדערט צו פארברייטערן דעם קרייז פארסטראכירטע, באוואָרענען די ארבעטער און אָנגעשטעלטע פון אלע שטאָטישע אונטערנעמונגען און אנשטאלטן אין פאל פון קראנקהייט, ווי אויך זייערע פאמיליע-מיטגלידער, איבערגעבן דאָס אָרגאניזירן די מעדיצינישע הילף פון די קאפיטאליסטישע הענט אין די הענט פון די קאסעס און אנד. רעזאָלוציעס אין אזא גייסט האָבן אָנגענומען די ארבעטער פון א רייע פראָפעסיאָנעלע פאריינען, אונטערנעמונגען און ראיאָנען.

די באָלשעוויסטישע פרעסע-אָרגאנען, „פראוודא" און „וואָפראָסי סטראכאָוואניא", זיינען מיט דער גאנצער אנטשיידנקייט ארויסגעטראָטן קעגן די אידייען פון בויקאָטירן די סטראכיר-געזעצן (וואו-ניט-ווו זיינען נאָך געווען אייניקע אָנהענגער דערפון). דאָס האָט אָבער ניט געשטערט די ליקווידאטאָרן צו באשולדיקן די באָלשעוויקעס אין דעם, אז זיי בויקאָטירן די סטראכיר-קאמפאניע.

„ווי שלעכט עס זאָלן ניט זיין די געזעצן פון 13-טן יון 1912, — האָט געשריבן דער באָלשעוויסטישער זשורנאל „וואָפראָסי סטראכאָוואניא", — ווי שוואך די ארבעטער זאָלן ניט זיין קעגן דעם פאריייניקטן קאפיטאל, וועלן זיי מיטן ענערגישן אָנטייל

אין דער סטראכיר-קאמפאניע זיך דאָך צו עפּעס-וואָס דערשלאָגן, אָבער מיט בויקאָט וועלן זיי נאָר אָנטאָן שאָדן זיך אליין, אינעם גאנג פון דער סטראכיר-קאמפאניע וועלן זיך די ארבעטער באהעפטן, זיי וועלן זיך צוגעווינען צו געמיינזאמער טעטיקייט און זייער אָרגאניזירונג וועט זיך פארבעסערן". „די עמעסע מעלוכישע ארבעטער-סטראכירונג,—האָט „פראוודא" געשריבן,—וועט דערגרייכט ווערן ניט אין רעזולטאט פון בויקאָטירן (אפן וואָרט) די איצטיקע געזעצן, נאָר אין רעזולטאט פונעם קאמף מיצאד דעם גאנצן ארבעטער-קלאס פאר די אלטע, ניט ארומגעשניטענע פאָדערונגען". די „פראוודא" האָט גערופן די ארבעטער אויסצונוצן אפילע די טיילווייזע פארבעסערונגען און רעפאָרמעס, „ניט אָפּשטעלן זיך אפן האלבן וועג און אויסנוצן אלץ, יעדן שטיצפונקט פארן ווייטערדיקן קאמף". די באָלשעוויקעס האָבן ארויסגערוקט אין דער סטראכיר-קאמפאניע און דורכגעפירט אין זייער סטראכיר-פּראָגראם מאקסימאלע סטראכיר-פאָדערונגען,—קעדיי אויסצומיידן א צעשפּליטערטן קאמף מיצאד ארבעטער פון איינצלנע אונטערנעמונגען קעגן דעם פאראייניקטן קאפּיטאל, האָבן די באָלשעוויקעס ארויסגערוקט די פאָדערונג וועגן שטאָטישע קראנקן-קאסעס, וואָס זאָלן פאראייניקן די גרעסטע מאסן ארבעטער. זיי האָבן געפאָדערט אן איינהייטלעכן סטראכיר-געזעץ, וואָס זאָל איינשליסן אין זיך אלע ארבעטער-פאָדערונגען וועגן סטראכירונג.

צום אונטערשייד פון די ליקווידאטאָרן, וואָס האָבן געקעמפט בלויז פאר אריינטראָגן אויסבעסערונגען אינעם צארישן געזעץ, זיינען די באָלשעוויסטישע לאָזונגען אין דער סטראכיר-קאמפאניע געווען לאָזונגען פון קאמף פאר א „נייער זיגרייכער רעוואָליוציע".

די ליקווידאטאָרן זיינען ארויסגעטראָטן קעגן דעם איינהייטלעכן סטראכיר-געזעץ, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן ארויסגערוקט, זיי האָבן קעגן אים קעגנגעשטעלט א קליינלעכן קאמף פאר טיילווייזע פאָדערונגען.

צוזאמען מיט די פּאָלקיסטן האָבן די ליקווידאטאָרן געקעמפט קעגן פּארטייישער פאָרשטייערשאפט אין די סטראכיר-אנשטאלטן, זיי האָבן געטיינעט, אז „די סטראכיר-קאמפאניע איז אין גאַנצן געווען, אן אומפּארטייישע קאמפאניע". די באָלשעוויקעס האָבן ענערגיש געקעמפט קעגן דעם דאָזיקן פריידיקן אומפּארטייישקייט, דערווייזנדיק, אז זי איז געפערלעך. „ניט צעברעקלטע און פאָרמלאָזע „אומפּארטייישקייט" דארפן מיר לערנען די ארבעטער,—האָט די „פראוודא" געשריבן,—מיר דארפן זיי פארהארטעווען אין אן אויסגעפורעמטער פּאָליטישער טעטיקייט. אין קעגנפאל וועט דער ארבעטער-קלאס קעסיידער פאלן אלס קאָרבן פון בורזשואזער גענארעריי".

ניט געקוקט אף די רעגירונג-רעפּרעסיעס, ניט געקוקט אף דעם, וואָס אקוראט ערעוו די וואלן איז ארעסטירט געוואָרן א גרופּע באפולמעכטיקטע (20 מענטשן), הויפּטזאכלעך באָלשעוויקעס—טוער פונעם מעטאליסטן-פאריין, וואָס האָבן אָרגאניזאציאָנעל מיטגעהאָלפן די באָלשעוויקעס—האָבן זיך די וואלן אין די סטראכיר-אָרגאנען פארענדיקט מיט א פולן זיג פון די באָלשעוויקעס. אין דער הינזיכט איז דער באָדן צוגעגרייט געוואָרן דורך דער גאנצער פריערדיקער ארבעט פון די באָלשעוויקעס. די גרעסטע מערהייט פאריינען, דערין אפילע די דרוקער, וווּ די ליקווידאטאָרן האָבן געהאט לעערעך פעסטע וואָרצלען, האָבן אף דער פארזאמלונג פון 14-טן נאָיאבער 1913 געשטיצט דעם באָלשעוויסטישן לאָזונג וועגן אן אלגעמיינער קראנקן-קאסע-

א גלענצנדן זיג האָבן די באָלשעוויקעס אָפּגעהאלטן בא די וואלן אין סטראַכיר-ראַט. אַף די פּאַרזאמלונגען, וואָס זיינען פּאָרגעקומען דעם 15 (2) מארט, איז מיט דער גרעסטער צאָל שטימען אָנגענומען געוואָרן אלס יעסאָד דער באָלשעוויסטישער אָנזאָג, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין „פּוט פּראַוודי". בא די וואלן איז מיט א גרעסטער מערהייט שטימען (35 קעגן 12) דורכגעגאנגען דער קאנדידאטן-צעטל, וואָס „פּוט פּראַוודי" האָט פּאַרעפנטלעכט.

די וואלן אינעם סטראַכיר-אמט פון דער הויפּט-שטאָט, וואָס זיינען פּאָרגעקומען דעם 12-טן אפּרעל 1914, האָבן פּאַרפעסטיקט דעם זיג פון די באָלשעוויקעס אין דער סטראַכיר-קאמפּאַניע.

לענין האָט אָנגעוויזן, אַז „די גאנצע ארבעטער-גרופּע פונעם אַלרוסלענדישן סטראַכיר-אנשטאלט איז באשטאנען פון פּראַוודיסטן, ד. ה. פון ארבעטער, וואָס האָבן פּאַרורטיילט און אָפּגעוואָרפן די ליקווידאטערייי".

ניט געקוקט אַף דעם, וואָס אין רעזולטאט פונעם גאנצן פּאַרביטערטן קאמף האָט זיך די ארבעטער ניט איינגעגעבן צו דערשלאָגן זיך דערצו, אַז זייערע פּאָדערונגען זאָלן פּאַרווירקלעכט ווערן, האָט די סטראַכיר-באוועגונג געהאט א קאָלאָסאלע באַדייטונג. זי האָט ארומגעכאפּט גרויסע מאסן ארבעטער, וואָס האָבן זיך פּאַראייניקט אין די קראנקן-קאַסעס. שוין צו סענטיאַבער 1913, ווען די קראנקן-קאַסעס האָבן זיך נאָך געפונען אין דער סטאדיע פון אָרגאַניזירן, זיינען געווען 1594 קראנקן-קאַסעס מיט 1.177 טויזנט אָנטיילנעמער.

אדאנק דער געלונגענער טאַקטיק פון די באָלשעוויקעס, האָט דער סטראַכיר-געזעץ ניט נאָר ניט מיטגעהאָלפן דערצו, אַז די ארבעטער זאָלן ווערן פרידלעך געשטימט, וואָס די רעגירונג האָט אַף דעם געהאט אויסגערעכנט, נאָר, פּאַרקערט, ער האָט געגעבן א שטויס דער אנטוויקלונג פון דער ארבעטערשער מאסן-באוועגונג. דער דאָזיקער קאמף איז געגאנגען ניט לויט דער ליניע פון איינצלנע אויסבעסערונגען אינעם צארישן סטראַכיר-געזעץ, ניט לויט דער ליניע פון „טיילווייזע" פּאָדערונגען, צו וואָס די ליקווידאטאָרן האָבן גערופן, נאָר מיט רעוואָליוציאָנער-באָלשעוויסטישע לאָזונגען. בייס דער סטראַכיר-קאמפּאַניע האָבן די ארבעטער געקעמפט פּאַר א ניט-ארומגעשניטענער באָלשעוויסטישער פּראָגראם, פּאַר אראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג, פּאַר א רעוואָליוציע.

3. דער קאמף פּאַר די פּראָפּאַריינען

איצט וועלן מיר זיך באקענען מיט דער אָנפירונג פון די באָלשעוויקעס אין דער פּראָפעסיאָנעלער באוועגונג און מיט דעם פּאַרביטערטן קאמף, וואָס זיי האָבן געפירט פּאַר די פּראָפּאַריינען קעגן די ליקווידאטאָרן.

די אויפשטייג-יאָרן פון דער ארבעטער-באוועגונג זיינען אין דער זעלבער צייט אויך געווען יאָרן, ווען די ארבעטער-אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך פּאַרפעסטיקט, איבערהויפּט די פּראָפּאַריינען. די דאָזיקע פּאַרפעסטיקונג איז פּאָרגעקומען איינצייטיק מיט זייער באָלשעוויזירונג. לויט די אָנגאבן פון דער ארבעטער-פּרעסע, זיינען צום אָנהייב 1912 יאָר אין רוסלאנד געווען 63 פּאַריינען, וואָס האָבן פּאַראייניקט, ארומגעפער, בא 15.000 מיטגלידער. סאָף 1912 יאָר זיינען געווען 88 פּאַריינען,

דערבײַ זײַנען אין 57 פאַרײַנען געווען 13.570 מיטגלידער. סאָף 1913 האָט די צאָל פאַרײַנען, לויט די ידיעות פון דער ארבעטער־פרעסע, דערגרייכט ביז 118, דערין זײַנען אין 73 פאַרײַנען געווען 34.800 מיטגלידער. די אלגעמיינע צאָל מיטגלידער פאר דער דאָזיקער צייט קען מען אָנעמען פאר 40—45 טויזנט מענטשן, ד. ה. אין דרײַ מאָל מער, ווי אָנהייב 1912 יאָר. די דאָזיקע אָנגאבן זײַנען, נאַטירלעך, זייער פארקלענערטע: די ארבעטער־פרעסע האָט רעגיסטרירט בלויז די גרעסערע פאַרײַנען און אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען. נאָכפאָרשן די אנטוויקלונג פון די פראָפאַרײַנען איז לײַכטער פון אלץ לויט די גרעסטע אינדוסטריעלע צענטרען. לעמאָשל, אין מאָסקווע האָבן אָנהייב 1912 עקזיסטירט בלויז 4 פאַרײַנען (האָלצבאַארבעטער, שנײַדער, מאנופאקטוריסטן און לעדער־ארבעטער) און צו זומער 1913 זײַנען שוין געווען 14 פאַרײַנען (מעטאַליסטן, דרוקער, וואסערלייטונג־ארבעטער, שנײַדער, האָלצבאַארבעטער, מאנופאקטוריסטן, לעדער־ארבעטער), בעקער, פאַבריק־מאכערס, אָפיציאנטן, האנדל־אָנגעשטעלטע, קעכערס, ארבעטער באַם פאַנאַנדערוועגן טיי און שוסטער). אין פעטערבורג זײַנען אָנהייב 1915 יאָר געווען פארעגיסטרירט די פאַרײַנען פון מעטאַליסטן, אָנגעשטעלטע באַ דערנערונג־פראָדוקטן, קארטאָן־ארבעטער, טראַקטיר־אָנגעשטעלטע. ביז דאַן האָבן עקזיסטירט די פאַרײַנען פון דרוקער, ארכיטעקטור־בוי־ארבעטער, לעדער־ארבעטער, בעקער, שנײַדער און אנד. צום 1־טן יאַנוואַר 1914 זײַנען אין פעטערבורג געווען 20 פאַרײַנען. אין דער פראָווינץ האָבן, לויט די אויסרעכענונגען פון „נאָוואיא ראַבאָטשאיא גאַזעטא“ אין 1913 יאָר עקזיסטירט 70 פאַרײַנען, פון זיי—14 דרוקער־פאַרײַנען, 13 — אָנגעשטעלטע, 9 — מעטאַליסטן. פאַר די ערשטע 5 כאָדאָשים פון יאָר 1914 זײַנען אין דער פראָווינץ אַנטשטאַנען 12—15 נײַע פאַרײַנען; די האנדל־אָנגעשטעלטע אליין האָבן אין 1914 יאָר געציילט איבער רוסלאַנד באַ 60 פאַרײַנען מיט צענדליקער טויזנטער מיטגלידער, אין פעטערבורג זײַנען געווען 5 אזעלכע פאַרײַנען מיט 4000 מיטגלידער.

וועגן דעם וווּקס פון דער צאָל מיטגלידער אין די פאַרײַנען קען מען אורטיילן לויט די פאָלגנדיקע אָנגאבן. דער פעטערבורגער פאַרײַן פון די טעקסטיל־ארבעטער האָט געציילט צום אָנהייב 1913 יאָר 645 מיטגלידער, און אָנהייב 1914 יאָר — 888 מיטגלידער; דער לעדער־פאַרײַן: אין 1913 יאָר — 600 מיטגלידער, אָנהייב 1914 יאָר — 1.027 מיטגלידער; דער מאָסקווער שנײַדער־פאַרײַן האָט זומער 1913 פארמאָגט 1.576 מיטגלידער, אָנהייב 1914 — 2.642 מיטגלידער א. א. וו. באַזונדערס שנעל איז געוואָקסן די צאָל מיטגלידער אינעם מעטאַליסטן־פאַרײַן, נאָכן אומבײַטן די ליקווידאַטאָרישע אָנפירונג. דער פעטערבורגער מעטאַליסטן־פאַרײַן האָט אין יול 1913 פארמאָגט 3.353 מיטגלידער, צום 1־טן יאַנוואַר 1914 — 10.273 און צום מאָמענט, ווען ער איז פארמאַכט געוואָרן, אין 1914 יאָר, האָט ער שוין געהאַט ביז 12 טויזנט מיטגלידער. דער פעטערבורגער דרוקער־פאַרײַן האָט אָנהייב 1913 געציילט 2.198 מיטגלידער, אָנהייב 1914 — 5000, די צאָל מיטגלידער פון מאָסקווער דרוקער־פאַרײַן האָט זיך פארגרעסערט פון 1000 זומער 1913 ביז 3000 אָנהייב 1914 יאָר. אינעם מאָסקווער מעטאַליסטן־פאַרײַן „ראַבאָטשאיא סאָלידאַרנאָסט“, זײַנען פאַר 3 כאָדאָשים עקזיסטענץ ארײַנגעטראָטן 1.947 מיטגלידער, זײַן יורעש „יעדינסטוואָ“, האָט צו פרילינג 1914 געהאַט 1.300 מיטגלידער.

די גאַנצע צייט איז די באָלשעוויקעס אויסגעקומען צו פירן אין די פראָפאַריינען א פאַרביטערטן קאַמף קעגן די ליקווידאַטאָרן און אין דעם דאָזיקן קאַמף האָבן די באָלשעוויקעס געזיגט. דער זיג איז אָנגעקומען באַזונדערס שווער דערפאַר, ווייל אין די רעאַקציע־יאָרן האָבן זיך דאָ די ליקווידאַטאָרן פעסט באַזעצט. די ליקווידאַטאָרן האָבן געהאַלטן די פראָפאַריינען פאַר זייערע, ניט קיין צוטריטלעכע פעסטונג. אהער האָבן זיי זיך דאָס א וואָרף געטאָן פון די „שמאָלע אונטערערד־רעמלעך", קעדיי דאָ צו ווערבירן עלעמענטן פאַר זייער „נייַער, ברייטער ארבעטער־פּאַרטיי". „די ליקווידאַטאָרן האָבן געהאַלטן די ארענע פון דער לעגאַלער ארבעטער־באַוועגונג, — האָט די באָלשעוויסטישע „פּראַוודאַ" געשריבן, — פאַר זייערער א באַזונדערער ניט קיין צוטריטלעכער פעסטונג." — „די געשיכטע פון דער עכטער רוסישער ארבעטער־באַוועגונג האָט אָבער אָן ראַכמאָנעס אויסגעלאַכט די דאָזיקע האָפענונגען פון מענטשן, וואָס זיינען אנטלאָפן פון אונטערערד". די ליקווידאַטערישע פראָפאַריינישע אָנפירונג האָט באַנקראָטירט. איינער פון די גרעסטע פּעטערבורגער פאַריינען, — דער מעטאַליסטן־פאַריין, — האָט אין די אופשטייַג־באַדינגונגען ניט נאָר זיך ניט פאַרפעסטיקט, נאָר, פאַרקערט, דאָס אוועקגיין פונעם דאָזיקן פאַריין האָט אָנגענומען א קאַטאַסטראָפישן כאַראַקטער. און דאָס איז פאַרשטענדלעך. די ליקווידאַטערישע איבערשיכט פון מעטאַליסטן־פאַריין האָט זיך אין די אופשטייַג־באַדינגונגען ארויסגעוויזן פאַר ניט־פייִק ניט נאָר אָנצופירן מיט דער באַוועגונג, נאָר אפילע צו שטיצן די שטרייַקער. עס איז גענוג אָנצוווייַזן, אז פון 1־טן יול 1907 ביזן 1־טן יאַנוואַר 1912 האָט דער פאַריין אויסגעגעבן אף שטיצן די שטרייקער סאַכאַקל 7 פּראָצ. פון אַלע האַכנאָסעס, דאַן, ווען אף אָרגאַניזאַציאָנעלע הויצאָעס האָט ער אויסגעגעבן 48 פּראָצ. פון זיין האַכנאָסע און אף קולטור־אויפקלערערישע נויטן — 26,8 פּראָצ. דער רעוואָלוציאָנערער אופשטייַג פון די יאָרן 1912—1913 האָט נאָך מער דעמאַסקירט די ליקווידאַטאָרן און האָט אנטפּלעקט, ווי ווייַט דער ליקווידאַטערישער איבערשיכט פונעם מעטאַליסטן־פאַריין איז געווען אָפּגעריסן פון די ארבעטער־מאַסן. דער אופשטייַג האָט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט געשטעלט פאַר די ארבעטער די פראַגע וועגן אומבייטן די ליקווידאַטערישע פאַריינישע אָנפירונג. אף דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג פונעם ניי־געעפנטן מעטאַליסטן־פאַריין, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 21־טן אפּרעל 1913 י. האָבן די מעטאַליסטן באַם וויילן די צייטווייליקע פאַריין־פאַרוואַלטונג צום ערשטן מאָל אָפּגערייניקט זייער פאַריין פון די אָפּאָרטוניסטן און האָבן אָפּגעגעבן די מערהייַט שטימען צו די באָלשעוויקעס.

די באַנייטע, באָלשעוויסטישע פאַריין־פאַרוואַלטונג האָט גלייך פון די ערשטע טריט פון איר טעטיקייט פאַרגעזינטערט די פאַריין־ארבעט, זיך פאַרבונדן מיט דער פּאַרטיי און אוועקגעשטעלט די ארבעט אונטער דער דירעקטער פּאַרטייִשער אָנפירונג. די נייַע באָלשעוויסטישע פאַריין־פאַרוואַלטונג האָט דעם שווערפּונקט פון דער ארבעט קאָנצענטרירט אף דער אָנפירונג מיט דער באַוועגונג אין א ריי שטרייקן אף לאַנגעזיפּענס, קרוגס, און אייַוואַז זאַוואָדן, אפן באַלטישן שיפבויערישן און אף א גאַנצער ריי נייַע מאַשינבויערישע זאַוואָדן — לעסנערס, נאָבעלס, אייַוואַז, עריקסאָנס און אנד.

די באָלשעוויסטישע פאַריין־פאַרוואַלטונג האָט געפירט איר גאַנצע ארבעט

לויט דער ליניע פון פארשטארקן אינעם פאריין די פארטיי־אָנפירונג. אינעם דאָזיקן פעריאָד איז דער מעטאַליסטן־פאריין ווירקלעך געוואָרן די טראַנסמיסיע צווישן דער פארטיי באָלשעוויקעס מיט די ארבעטער־מאסן. דער מעטאַליסטן־פאריין האָט זיך ענג פארבונדן מיט דער באָלשעוויסטישער דומע־פראַקציע, ער האָט זי באַזאָרגט מיט מאַטעריאַלן פונעם ארבעטער־לעבן. די באָלשעוויקעס־דעפוטאַטן האָבן דורכן מעטאַליסטן־זשורנאַל געהאַלטן פארבינדונג מיט די ארבעטער־מעטאַליסטן. אונטער דער אָנפירונג פונעם פאריין האָבן די מעטאַליסטן זיך אקטיוו באטייליקט אין שטיצן די באָלשעוויסטישע פרעסע. אונטער דער אָנפירונג פון דער באָלשעוויסטישער פארוואַלטונג האָבן די מעטאַליסטן, וואָס האָבן לעכאַטכילע שוואַך זיך אָפּגערופן אויף דער סטראַכיר־קאָמפּאַניע, אקטיוו דורכגעפירט די וואַלן פון באַפולמעכטיקטע אין די קראַנקן־קאַסעס.

די גענויע רעוואָליוציאָנערע אָנפירונג האָט אַזוי שטאַרק אויפגעהויבן דעם אויטאָריטעט פון די באָלשעוויקעס בא די מאַסן מעטאַליסטן אין די אויגן, אַז דאָס האָט זיי געזיכערט דעם גלענצנדן זיג באַם איבערוויילן די פארוואַלטונג דעם 25־טן אויגוסט 1913. די גרעסטע מערהייט פון דער דרייטויזנטקעפּיקער פאַרזאַמלונג האָט קימאַט איינהייטלעך געשטימט פאר די באָלשעוויקעס. דער טאָג פון די וואַלן איז געווען א היסטאָרישער טאָג פון די פעטערבורגער ארבעטער, דער זיג פון די באָלשעוויקעס אויף דער מעטאַליסטן־פאַרזאַמלונג האָט אַן איבעריק מאָל באַוויזן דעם עמעסן ווילן פונעם פּראָלעטאַרישן אוואַנגאַרד פון גאַנץ רוסלאַנד.

די באָלשעוויסטישע פארוואַלטונג האָט קאָנצענטרירט אירע הויפּט־קויכעס אויפן אָנפירן מיט דער שטרייקן־באַוועגונג. אין די יאָרן 1913־14 זיינען די מעטאַליסטן שוין אריבער פון פארטיידיקונג צו אָנגריף. דער ווינטער־שטרייק פון די ארבעטער אויף לעסנערס זאַוואָד, לעמאָשל, וואָס האָבן געפאָדערט אראָפּצונעמען די מייסטערס, האָט זיך געצויגן 110 טעג. די ארבעטער פון סימענס זאַוואָד, וואָס האָבן פארטיידיקט זייער רעכט צו פייערן דעם 1־טן מיי, האָבן געשטרייקט 91 טעג, דער שטרייק אויפן מעטאַל־זאַוואָד און אויף ראָזענקראַנצס זאַוואָד האָט געדויערט מער ווי פינף וואָכן. די ארבעטער פון נאָבעלס זאַוואָד וואָס האָבן געפאָדערט העכערן דעם ארבעטלוין, האָבן געשטרייקט העכער 3 כאָדאָשים א. א. וו.

דאָס, וואָס אין דער קאַסע זיינען ניט געווען קיין שום מיטלען, האָט דעם פאריין ניט געשטערט צו שטיצן די שטרייקן. דער פאריין האָט אַפּעלירט צום געפיל פון קלאַסן־סאָלידאַריטעט בא די פעטערבורגער ארבעטער. די ארבעטער האָבן זיך הייס אָפּגערופן אויף דער ווענדונג פונעם פאריין. פאר צוויי כאָדאָשים זיינען אויפגעזאַמלט געוואָרן אויף זאַמל־בויגנס 12,000 רובל בלויז אויף צו שטיצן די שטרייקער פון סימענס און לעסנערס זאַוואָדן. אונטער דער אָנפירונג פון זייער פאריין האָבן זיך די פעטערבורגער מעטאַליסטן באטייליקט און זיינען געגאַנגען בעראָש פון א גאַנצער ריי פּאָליטישע קאָמיסיעס. זיי האָבן זיך אויך אקטיוו באטייליקט אינעם קאַמף, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט צווישן „פּראַוודאַ" און „לוטש", שטיצנדיק מיט א קאָלאָסאַלער מערהייט די באָלשעוויסטישע פרעסע. די מעטאַליסטן האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דער סטראַכיר־קאַמ־

פאַניע, אינעם קאַמף פאַר שטיצן די דעפּוטאַטן־באָלשעוויקעס אין דער דומע א. א. וו.

אָנהייב 1914 יאָר האָט די באָלשעוויסטישע פאַריין־אָנפירונג געהאַט באַהעפט אַרום זיך נייַע טויזנטער אַרבעטער. אונטער דער באָלשעוויסטישער אָנפירונג איז דער מעטאַליסטן־פאַריין וווּרקלעך געוואָרן דער אַוואַנגאַרד פונעם אַרבעטער־קלאַס, די ווירקלעכע שטיצע פאַר דער פּאַרטיי. די רעגירונג און די אָכראַנקע האָבן אויסגעצייכנט גוט פאַרשטאַנען די רעוואָלוציאָניזירנדיקע ווירקונג פונעם מעטאַליסטן־פאַריין און האָבן אָנגענומען אַלע מיטלען צו ליקווידירן אים. די רעגירונג האָט זיך צוגעטשעפּעט צו דעם, וואָס דעם מעטאַליסטן־פאַריין האָט אין אויגוסט 1913 געשיקט א דעלעגאַציע קיין דייטשלאַנד, און האָט אים פאַרמאַכט.

צום יאָר 1914 איז די באָלשעוויקעס געלונגען אַרומצוכאַפּן מיט זייער ווירקונג די איבערוויגנדיקע מערהייט פון די פּעטערבורגער פאַריינען. וועגן דעם קאָן מען אויך אורטיילן לויט די זאַמלונגען פאַר דער אַרבעטער־פּרעסע. די האָלצבאַאַרבעטער האָבן אין 1914 יאָר געגעבן דער באָלשעוויסטישער פּרעסע 1400 רובל דאַן, ווען דער ליקווידאַטאָרישער פּרעסע האָבן זיי געגעבן סאַכאַקל 38 רובל. דער באָלשעוויזם האָט אַרויסגעשטויסן די ליקווידאַטאָרן אפילו פון די פּראָפאַריינען, וואָס פאַרייניקן די אַרבעטער פון דער קליינער האַנטווערקער־אינדוסטריע, פון די שניידער, לעדערניקעס און אַנד. דער באָלשעוויזם האָט אַרויסגעשטויסן די ליקווידאַטאָרן פון זייער לעצטן איינציקן מאָקעם־מיקלאָט — פונעם דרוקער־פאַריין.

דאָס יאָר 1914 האָט פּאַרפּעסטיקט פאַר די באָלשעוויקעס דעם זיג צווישן די דרוקער. די זאַמלונגען פאַר דער „פּראַוודאַ" און פאַר דער באָלשעוויסטישער פּרעסע, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן צווישן די דרוקער, האָבן געגעבן אין פינף מאָל מער מיטלען, ווי די זאַמלונגען פאַר דער ליקווידאַטאָרישער פּרעסע.

אף די וואַלן אין דער פאַרוואַלטונג פונעם פּעטערבורגער דרוקער־פאַריין, וואָס זיינען פאָרגעקומען דעם 27־טן אַפּרעל 1914, איז א באַדייטנדיקער טייל ערטער אין דער פאַרוואַלטונג אַריבער צו די באָלשעוויקעס און זייערע מיטפילנדיקע. די באָלשעוויקעס האָבן אָפּגעהאַלטן א זיג אפילו צווישן אַזעלכע גרופּעס, ווי צווישן די אָנגעשטעלטע און קאָנטאָר־אַרבעטער, ד. ה. די, וואָס זיינען אַמערסטן פאַרבונדן מיט די קליין־בורזשואַזע עלעמענטן און גיבן זיך באַזונדערס לייכט אונטער דער אָפּאָרטוניסטישער ווירקונג. אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע זיגן האָט לענין אין 1914 געקענט פאַרצייכענען דעם „פולסטן איבערוואָג פון די פּראַוודיסטן אין די מאָסקווער און פּעטערבורגער פאַריינען". — „פון 20 פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין ס.־פּעטערבורג, וואָס זיינען צוזאַמען מיט זייער צאָל מיטגלידער איבערגערעכנט אין אונדזער אַרבעטער־קאַלענדאַר, זיינען בלויז די צייכענער, פאַרמאַצעווטן און קאָנטאָר־אַרבעטער — ליקווידאַטאָרן, און א העלפט פון די דרוקער. אין אַלע איבעריקע פאַריינען, סיי בא די מעטאַליסטן, סיי בא די טעקסטיל־אַרבעטער, סיי בא די שניידער, סיי בא די האָלצבאַאַרבעטער, סיי בא די אָנגעשטעלטע א. א. וו. דאָמינירן פולשטענדיק די פּראַוודיסטן".

דאָס האָט אויך אַמבעסטן באַוויזן די ריכטיקייט פון דער באָלשעוויסטישער ליניע אינעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף און באַזונדערס אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

4. דער קאַמף פאַר דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער דומע-פראַקציע

וועגן דעם וווקס פון דער באָלשעוויסטישער ווירקונג האָבן אײדעס געזאָגט סײַ די וואלן אין דער IV מעלוכע-דומע, סײַ די באַציונג פון די ארבעטער צום קאַמף פון די באָלשעוויסטישע דומע-דעפּוטאַטן קעגן די מענשעוויסטישע. די ליקווידאַטאָרן, וואָס האָבן ווי אלע בורזשואַזע פּאַרלאַמענטאַרישע פּאַרטייען, געלייגט גרויסע האָפענונגען אף די וואלן אין דער IV מעלוכע-דומע, האָבן אין די וואלן געליטן א מאַפּאָלע. די באָלשעוויקעס האָבן באַקומען א מערהייט אין די וואלן פון דער ארבעטער-קוריע.

די פּאַרטיי האָט ארויסגעשטעלט די גרונט-לאָזונגען פון דער באָלשעוויסטישער פּראָגראַם אַלס הויפּט-לאָזונגען צו די וואלן אין דער IV מעלוכע-דומע.

די באָלשעוויקעס האָבן אויסגענוצט די פּאָרוואַל-קאַמפּאַניע „צוליב דעם, כּדי נאָכאַמאָל סײַ בא דער געלעגנהייט פון די וואלן, סײַ בײַס די וואלן, סײַ אין די שטרײַטן ארום די וואלן דערקלערן די מאַסן די נייטיקייט, אַקטועלקייט און אומפּאַרמײַדלעכקייט פון א רעוואָליוציע“ (לענין).

אויב די ליקווידאַטאָרן האָבן זיך באַמיט אויסצונוצן די פּאָרוואַל-קאַמפּאַניע צוליב קאַמף פאַר דעפּוטאַטן-ערטער, צוליב „אָרגאַנישער“ ארבעט אין דומע, האָבן די באָלשעוויקעס אויסגענוצט די פּאָרוואַל-קאַמפּאַניע צוליב רעוואָליוציאָנערער אַגיטאַציע, זיי האָבן אפן ענגסטן אויפן פאַרבונדן די פּאָרוואַל-קאַמפּאַניע מיט דער גאַנצער פּאַרטיי-ארבעט און מיטן פאַרפעסטיקן די אָרטיקע אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס.

די רעדאַקציע „פּראַווּדא“ איז געווען „דער צענטער און דער שטאַב“ פון דער באָלשעוויסטישער וואַל-קאַמפּאַניע. „דאָ, — שרײַבט באַדאַיעוו, — האָט געקאָכט אַן אָנוּפהערלעכע טאָגטעגלעכע ארבעט. די געבײַדע פון דער רעדאַקציע האָט געדינט אַלס אָרט פון צוזאַמענטרעפונגען און פאַרזאַמלונגען מיט די פאָרשטייער פון די ראַיאָנען פון איינצלנע פאַבריקן און זאַוואָדן“.

די פּאָרוואַל-קאַמפּאַניע איז דורכגעגאַנגען בא אויסערסט-שווערע באַדינגונגען פון רעגירונג-רעפּרעסיעס. איבער דער געפאַר פון פּאָליצײַישע פאַרפאָלגונגען און ארעסטן איז אפילע אומעגלעך געווען צו פירן אַן אַגיטאַציע פאַר די צוקונפטיקע קאַנדידאַטן און באַפולמעכטיקטע, ווײַל די נעמען פון די קאַנדידאַטן זײַנען ביזן לעצטן מאָמענט געהאַלטן געוואָרן געהיים און מע האָט וועגן זיי געגעבן צו וויסן די ארבעטער בלויז אין מאָמענט פון די וואלן.

די פאַבריק-זאַוואָדישע אַדמיניסטראַציעס האָבן אומעטום טעטיק מיטגעהאָלפן דער רעגירונג ארומצושנײַדן די וואַל-רעכט פון די ארבעטער.

ניט געקוקט אף די דאָזיקע פאַרפאָלגונגען, האָט זיך פונדעסטוועגן ארויסגעשטעלט, אַז די מערהייט אויסגעוויילטע באַפולמעכטיקטע זײַנען באָלשעוויקעס און זייערע מיטפילנדיקע. אַלס ענטפער אף דעם האָט די רעגירונג נאָכאַמאָל פאַרשטאַרקט די רעפּרעסיעס. די אויסגעוויילטע באַפולמעכטיקטע האָט מען צוויי מאָל אָפּגעזאָגט צו געבן א דערלויבעניש אף אײַנאָרדענען פּאָרוואַל-פאַרזאַמלונגען. אין 21 פּעטערבורגער אונטערנעמונגען, וווּ אַלס באַפולמעכטיקטע זײַנען אויסגעוויילט געוואָרן די אַמערסטן רעוואָליוציאָנער-געשטימטע ארבעטער, איבערהויפּט באָלשעוויקעס, האָט די רעגירונג די וואלן „דערקלערט“ (געפּאַסלט). אין אוקראַינע האָט מען באַזײַטיקט פון די וואלן:

אין דער שטאָט כאַרקאָוו — 30 פּראָצענט ווײלער, איבער כאַרקאָווער אויעזד — ביז 18 פּראָצ. ווײלער, איבער גאַנץ כאַרקאָווער גובערניע — ביז 10 פּראָצ. אין כאַרקאָוו גופא האָט די דאָזיקע „דערקלערונג"-פּאָליטיק אָנגעדירט דעם סאַמע גרעסטן זאַוואָד — דעם לאָקאָמאָטיוון-זאַוואָד, וווּ די באָלשעוויקעס האָבן געהאַט א קאָלאָסאַלע ווירקונג. פּונקט אַזאַ בילד האָט מען אויך געקענט באַמערקן אין אַנדערע ערטער.

די וואַלן האָבן זיך געענדיקט מיט א גלענצנדן זיג פון די באָלשעוויקעס, די גרעסטע פּראָלעטאַרישע צענטרען האָבן געשיקט אין דער דומע דעפּוטאַטן-באָלשעוויקעס. דער פּעטערבורגער גובערניאַלער צוזאַמענפאָר פון די ווײלער האָט אויסגעווײלט אַלס דעפּוטאַט פון די אַרבעטער דעם באָלשעוויק א. באַדאַיעוו.

מיט א גלענצנדיקן זיג האָבן זיך אויך געענדיקט די וואַלן אין אוקראַינע. אין כאַרקאָוו איז פון דער אַרבעטער-קוריע אויסגעווײלט געוואָרן דער כ׳ מוראַנאָוו, וועמען די כאַרקאָווער אַרבעטער האָבן מיטגעגעבן אַן אָנזאָג.

די באָלשעוויקעס האָבן אויך אָפּגעהאַלטן א זיג אויף די וואַלן אין א גאַנצער רײ אַנדערע פּראָלעטאַרישע צענטרען.

קאַטערינאָסלאַווער גובערניע האָט אויסגעווײלט אין דומע דעם כ׳ פּעטראָווסקי, מאָסקווער גובערניע — דעם באָלשעוויק מאַלינאָווסקי, וועלכער האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אַלס פּראָוואָקאַטער, קאָסטראָמער גוב. — שאַגאָוו, וולאַדימירער — סאַמויילאָוו. וועגן דעם, אַז די באָלשעוויסטישע ווירקונג אויף די פּראָלעטאַרישע מאַסן וואַקסט, האָט אײדעס געזאָגט דער פאַקט, וואָס די גובערניעס, וואָס האָבן אויסגעווײלט דעפּוטאַטן-באָלשעוויקעס, האָבן פאַרגעשטעלט די איבערוועגנדיקע מערהײט פּראָלעטאַריאַט.

זעקס גובערניעס, וואָס האָבן געשיקט דעפּוטאַטן-באָלשעוויקעס (פּעטערבורגער, מאָסקווער, וולאַדימירער, קאָסטראָמער, כאַרקאָווער און קאַטערינאָסלאַווער) האָבן געצײלט 1.008 טויזנט אַרבעטער; פאַרקערט, דער מענשעוויסטישער זיבעלינג, וואָס איז אויף א העלפט באַשטאַנען פון אינטעליגענטן, איז דורכגעגאַנגען הויפּטזאַכלעך מיט די שטימען פון דער קלײנבורזשואַזיע. אין די גובערניעס, וואָס האָבן געשיקט מענשעוויקעס, איז געווען ניט מער ווי 136 טויזנט אַרבעטער, ד.ה. קימאַט אין פינף מאָל ווײניקער לעגאַבע דער צאָל אַרבעטער אין די גובערניעס, וואָס האָבן געשיקט דעפּוטאַטן-באָלשעוויקעס.

די באָלשעוויסטישע „פּראַוודאַ" האָט געשפּילט א קאָלאָסאַלע ראָליע אינעם זיג פון די באָלשעוויקעס בײַס די וואַלן.

די „פּראַוודאַ" איז געווען די אײנציקע צײַטונג, וואָס האָט געקעמפט פאַר א פאַנאַנדערגעוויקלטער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּראָגראַם, ניט נאָר קעגן דער גוטשאַוזיצערישער קאָנטררעוואָלוציע און קעגן דעם בורזשואַזן ליבעראַליזם, נאָר אויך קעגן דער בורזשואַזער ווירקונג אפן פּראָלעטאַריאַט, קעגן די פּרווון צו פאַרבײַטן די פּראָגראַם פון רעוואָלוציע אויף א פּראָגראַם פון רעפאָרמעס אין די רעמלעך פונעם סטאָליפּינישן רעזשים.

נאָך די וואַלן האָט די „פּראַוודאַ" געפירט א קאַמף פאַר שטיצן די דעפּוטאַטן-באָלשעוויקעס אין דער דומע, זי האָט מאָביליזירט דעם פּראָלעטאַריאַטס אויפמערקזאַמקײט קעגן די ליקווידאַטאָרישע פּרווון צו פאַרוואַנדלען די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פראַקציע אין א געווער פון דער רעפאָרמיסטישער פּאָליטיק.

די סאָציאַלדעמאָקראַטישע דומע-פראַקציע, און טאַקע נאָר איר באָלשעוויסטישער טייל האָט באַוויזן א מוסטער, וויאַזוי אויסצונוצן דעם פּאַרלאַמענט אַף אַן עכט-רעוואָליוציאָנערן אופן.

די דעפּוטאַטן-באָלשעוויקעס זיינען געווײלט געוואָרן אין דומע דירעקט פון די פאַבריקן און זאַוואָדן און ניט ווי די מענשעוויסטישע דעפּוטאַטן, וואָס האָבן געהאַט אין זייער סוויווע אינטעליגענטן און אפילע דערפאַרענע דומע-טוער. ניט געקוקט אַף דעם האָט דער באָלשעוויסטישער זעקסלינג פאַנאַנדערגעוויקלט אין דער IV דומע א גרויסע אַרבעט. די קאָלאָסאַלע מערהייט פונעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט האָט געשטיצט די אַרבעט פונעם באָלשעוויסטישן זעקסלינג, זי האָט אים צוגעשיקט צאָל-רייכע באַגריסונגען און אָן אָנזאָג די באָלשעוויסטישע דעפּוטאַטן.

די מענשעוויסטישע דעפּוטאַטן האָבן זיך באַטראַכט ווי א זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע און האָבן קעגנגעשטעלט זיך דער פּאַרטיי, האָבן געבראָכן די פּאַרטיי-דיסציפּלין, איגנאָרירט די פּאַרטיי-פּראָגראַם; די באָלשעוויסטישע פראַקציע אָבער איז אַרויסגעטראָטן ווי אַן אָרגאַן, וואָס איז אונטערגעוואָרפן דער פּאַרטיי.

א ריי אָנפירנדיקע פּאַרטיי-טוער, וואָס האָבן אומלעגאַל געוווינט אין פּעטערבורג, האָבן געהאָלפן דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פראַקציע אין איר אַרבעט. און דער באָלשעוויסטישער צ.ק., וואָס האָט זיך געפונען אין אויסלאַנד, האָט מיט איר אָנגעפירט. די דירעקטע אָנפירונג מיט דער נאָרוואָס פאַרענדיקטער וואַלקאַמפּאַניע און מיטן צוגרייטן די אָרגאַניזאַציע פון דער דומע-פראַקציע איז געלעגן אַפן כאַווּ. סטאַלין.

די טעטיקייט אינווייניק אין דער דומע איז געווען בלויז א טייל, און ניט קיין גרויסער טייל, פון די אויפגאַבן, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר די אַרבעטער-דעפּוטאַטן. דאָס הויפּט-אָרט און דאָס דאָמינירנדיקע האָט פאַרנומען די אַרבעט אויסער דער דומע. די דאָזיקע אַרבעט איז באַשטאַנען אין האַלטן א קעסיידערדיקע פאַרבינדונג מיט די אַרבעטער-מאַסן און אָנפירן מיט זייער טאָגטעגלעכן קאַמף. די דעפּוטאַטן-באָלשעוויקעס האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם אָנפירן מיט דער שטרייק-באַוועגונג, זיי האָבן זיך באַטייליקט אין דער פּראָפאַריינישער אַרבעט און אין דער באָלשעוויסטישער פּרעסע.

איינע פון די בעסטע פאָרמען פון אויסנוצן דורך דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פראַקציע די דומע-טריבונע זיינען געווען די אָנפראַגעס אין דומע וועגן באַזונדערס ווילדע פאַלן פון ווילקיר מיצאַד דער צאַרישער זעלבסטהערשונג. די דאָזיקע אָנפראַגעס פלעגן אויפדעקן פאַר די ברייטע מאַסן אין די אויגן דעם עמעסן כאַראַקטער פון דער זעלבסטהערשערישער אָרדענונג.

דער באָלשעוויסטישער זעקסלינג האָט אויך פאָרגעזעצט זיין אַרבעט ביים די איבעררייסן פון די דומע-סעסיעס, די דעפּוטאַטן-באָלשעוויקעס פלעגן דאַן אַרומפאָרן איבער די ראַיאָנען, פונוואַנען זיי זיינען געווען אויסגעווײלט און אַף די ערטער אָפּגעבן באַריכטן וועגן דער דומע-אַרבעט און אינפאָרמירן די אַרבעטער וועגן די לעצטע פּאַרטיי-באַשלוסן, איינרעגולירן די אַרבעט פון ווידערויפשטעלן די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס און פלעגן זאַמלען מאַטעריאַל פאַר זייערע אַרויסטרעטונגען אין דער דומע.

גאַנץ אַנדערש איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די אַרבעט באַם ליקווידאַטאָרישן

זיבלינג. דער זיבלינג איז אין זיין טעטיקייט ניט געגאנגען ווייטער, ווי די גרענעצן פון פארלאמענטארישן פעדאנטיזם.

אינווייניק אין דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פראַקציע, וואָס האָט פאַרייניקט דעם באָלשעוויסטישן זעקסלינג און מענשעוויסטישן זיבלינג, האָבן, אלזאָ, פון אָנהייב אָן געוואָרצלט די גרעסטע פּאָליטישע מיינונג - פארשיידנהייטן, און דאָס האָט געמאַכט פאַר אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט צו פירן אוועלכע ניט איז גע-מיינזאַמע ארבעט.

דער ליקווידאַטאָרישער זיבלינג האָט זיך באַנוצט מיט דער מערהייט פון איין שטים און האָט אָפּגענומען בא די דעפּוטאַטן-באָלשעוויקעס די מעגלעכקייט ארויס-צוטרעטן פון דער דומע-טריבונע איבער די וויכטיקסטע פראַגן פונעם פּאָליטישן לעבן. דורכפירנדיק אין זיין גאַנצער טעטיקייט די ליקווידאַטאָרישע לאָזונגען, איז דער מענשעוויסטישער זיבלינג דערגאַנגען דערצו, אז ער האָט אפילו געפּרוווט צווינגען די דעפּוטאַטן - באָלשעוויקעס מיטצואַרבעטן אינעם ליקווידאַטאָרישן „לוטש", קעדיי צונויפגיסן די „פּראַוודאַ" און דעם „לוטש" אין איין אלגעמיינער „ארבעטער"-צייטונג.

די אַנטיפּאַרטייִשע טעטיקייט פונעם ליקווידאַטאָרישן זיבלינג, וועלכער האָט פּרע-טענדירט צו זיין דער פאָרשטייער פון די ארבעטער, האָט געמוזט ארויסרופן א פּראָטעסט און אן ארייַנמישונג מיצאַד דעם פּראָלעטאַריאַט.

„די פליכט פון די באַוווסטזיניקע ארבעטער — האָט כ' סטאַלין געשריבן אין „פּראַוודאַ" אין 1913 יאָר—איז אונצוהייבן די שטים קעגן די פּרווון צו שפּאַלטן די פראַקציע פון אינווייניק".

ניט געקוקט אָף דער פאַרביטערטסטער קעגנווירקונג מיצאַד דער שוואַרצמייעדי-קער דומע-מערהייט, ווי אויך מיצאַד די ליקווידאַטאָרישע דעפּוטאַטן, האָט דער באָל-שעוויסטישער זעקסלינג אין אָקטיאַבער 1913, ענדגילטיק איינגעריסן מיטן ליקווי-דאַטאָרישן זיבלינג און האָט זיך אויסגעפורעמט אלס זעלבשטענדיקע רוסלענדישע סאָציאַלדעמאָקראַטישע ארבעטער-פראַקציע.

די כוואַליע פון ארבעטער-רעזאָלוציעס, וואָס האָט א פלייץ געטאָן אין צוזאַ-מענהאַנג מיטן קאַמף און מיט דער שפּאַלטונג אין דער דומע-פראַקציע, האָט גע-דינט אלס נייער באַווייז, אז די מאַסן ווערן באָלשעוויזירט. די ארבעטער-רעזאָלוצ-יעס מיט דערקלערונגען וועגן מיטגעפיל דער באָלשעוויסטישער „פּראַוודאַ" און וועגן שטיצן די דעפּוטאַטן-באָלשעוויקעס, האָבן געגעבן די באָלשעוויקעס 6,722 אונטערשריפטן, דאַן, ווען אלע אָנהענגער פון די ליקווידאַטאָרן האָט זיך איינגעגעבן ארום און ארום צונויפצוזאַמלען מאַכאַקל 2,985 אונטערשריפטן, ד. ה. ווייניקער ווי א דריטל און דאָס אויך קימאַט אויסשליסלעך אפן כעזשבן פון די בונדאָוועס און קאַווקאַזער ארבעטער.

צום אונטערשייד פון די רעזאָלוציעס לעטויוועס די באָלשעוויקעס, האָבן די גרעסטע מערהייט רעזאָלוציעס פאַר די ליקווידאַטאָרן געשטאַמט פון ניט-פּראָלעטאַ-רישע גרופּעס—פון אָנגעשטעלטע און לערן-יוגנט.

פאַר די דעפּוטאַטן-באָלשעוויקעס האָבן זיך ארויסגעזאָגט די גרעסטע מערהייט ארבעטער פון פּעטערבורג, פונעם צענטראַל-אינדוסטריעלן ראַיאָן און פון די גרויסע פּראָלעטאַרישע צענטרען, די אָנהענגער פונעם ליקווידאַטאָרישן זיבלינג האָבן זיך

אָבער ווערבירט הויפּט־אַכלעך פון די אַרבעטער, וואָס זיינען נאָך געווען ענג פאַרבונדן מיט די קליינבורזשואַזע גרופּעס: אַרבעטער פון מיירעוו־קאַנט, טראַנסקאַוקאַז, ווו די מענשעוויסטישע ווירקונג איז נאָך געווען שטאַרק און די אַרבעטער זיינען נאָך געווען ענג פאַרבונדן מיט דער קליינבורזשואַזער סוויווע.

ניט געקוקט אף די קאָלאָסאַלע שוועריקייטן און אפן בייזוויליקן סאַבאָטאַזש מיצאַד די ליקווידאַטאָרן, האָבן די באָלשעוויקעס אַנטוויקלט אַן ענערגישע טעטיקייט.

די קאָלאָסאַלע שטיצע, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט, איבערהויפּט דער פּעטערבורגער, האָט אַרויסגעוויזן צו דער באָלשעוויסטישער פראַקציע, האָט באַדינגט דעם דערפאָלג פון איר אַרבעט. די פראַקציע האָט צוגעצויגן די פאָרשטייער פון די פּעטערבורגער אַרבעטער צום באַהאַנדלען די פראַגן פון דער דומע־אַרבעט.

דער געזעצפּראָעקס וועגן אַן 8־שאָעדיקן אַרבעט־טאָג, וואָס דאָס אַריינטראָגן אים אין דומע האָט אַרויסגערופן אַ ריי באַגריסונגען פון די אַרבעטער אפן אַדרעס פון זייער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פראַקציע, דער דאָזיקער געזעצפּראָיעקט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן מיטן אָנטייל פון דער אַרבעטער־קאָמיסיע.

אין דער זעלבער צייט, ווען די פאַרבינדונג פון די אַרבעטער־מאַסן מיט דער באָלשעוויסטישער פראַקציע האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרשטאַרקן, איז די ליקווידאַטאָרישע פראַקציע געגאַנגען מיט שנעלע טריט צו איר פולשטענדיקער צעלייגונג. די ליקווידאַטאָרן זעלבסט האָבן געמוזט מודה זיין, אַז זייער פראַקציע האָט „פאַרלאָרן איר גאַנצע ווירקונג און איז אַוועק פונעם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד".

אַלע פרוון פון די ליקווידאַטאָרן צו פאַרפעסטיקן זיך און צונויפזאַמלען זייערע קרעפטן האָבן געליטן אַ מאַפּאָלע. טראָצקיס פרוו צונויפצוקלאַפּן אַ בלאָק (אַזויגערופענער אַווגוסט־בלאָק) פון די ליקווידאַטאָרן פון אַלע שאַטירונגען, אָנגעהויבן פון די רוסישע לעגאַליסטן און געענדיקט מיט די „לינקע" „באָלשעוויקעס", וואָס האָבן איינגעריסן מיט דער פּאַרטיי, האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולשטענדיקן קראַך.

אָפּגעריסן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, איזאָלירט פון דער מאַסעווער און פּאַרטייישער אַרבעט און איינגעשלאָסן אין די ענגע דאַלעדאַמעס פון די עמיגראַנטישע און ליטעראַרישע קרייזלעך, — אָט דאָס זיינען די סאַכאַקלען פון די אויפשטייג־יאָרן פאַר די ליקווידאַטאָרן.

און די פּאַרטיי באָלשעוויקעס מיט לענינען בעראָש האָט זיך אַלץ מער און מער פאַרוואַנדלט אין אַן עכטער מאַסן־פּאַרטיי, וואָס פירט נאָך זיך די גרעסטע מערהייט פאָרגעשריטענע אַרבעטער.

5. דאָס דערנעענטערן זיך צו דער נייער רעוואָלוציע

די ריכטיקע אָנפירונג מיטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף האָט געזיכערט, אַז אין דעם פּעריאָד, וועלכן מיר באַהאַנדלען, זאָל פאָרקומען אַן אומבאַדינגטער וווּקס פון דער באָלשעוויסטישער ווירקונג צווישן די אַרבעטער־מאַסן — אַ וווּקס פון דער באָלשעוויזירונג פון די מאַסן באַם קראַך און צעלייגונג פון דער ליקווידאַטאָרי

רעדביי איז, פארשטייט זיך, פולשטענדיק איינגעהיט געוואָרן די גאנצע באדיי־טונג פון דער אָפּאָרטוניסטישער געפאר אין דער ארבעטער־באוועגונג און פונעם קאמף קעגן דער דאָזיקער געפאר).

פירנדיק א קאמף פאר איינהייטן די אלטע אומלעגאלע פארטיי, ארבעטנדיק אף צו פארשטארקן דעם אונטערערד, האָבן די באָלשעוויקעס אין דער זעלבער צייט אויך באוויזן צו שאפן אָן אָפענע רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־באוועגונג, אָפענע פרעסע־אָרגאנען, פראָפּאריינען און האָבן באוויזן צו שטעלן זיך בעראָש און אָנ־פירן מיטן גאנצן רעוואָליוציאָנערן קאמף.

אין די יאָרן פון אופשטייג האָט דער באָלשעוויזם אָפּגעהאלטן א ריי גרעס־טע ניצחוינעס און איז געוואָרן א כּאָן פאר דער איבערוועגנדיקער מערהייט אר־בעטער. די באָלשעוויקעס איז געלונגען אָפּצוהאלטן אזעלכע ניצחוינעס בלויז דער־פאר, וואָס זיי האָבן געפירט א קאמף קעגן דער ליקווידאטעריי און צענטריזם, — „בלויז טראָץ די ליקווידאטאָרן, בלויז אָן זיי און קעגן זיי, — האָט לענין געש־ריבן, — האָבן די ארבעטער דורכגעפירט און געקענט דורכפירן די גלענצענדיקע קאמפאניע פון דער שטרייק־און סטראכיר־באוועגונג, פון שאפן צייטונגען, א קאמפאניע, וואָס האָט איצט אומעטום געגעבן א מערהייט פון פיר פינפטל שטימען די קעגנער פון ליקווידאטעריי". די באָלשעוויזירונג פון די ארבעטער, די שנעלע פארשפריי־טונג פון דער באָלשעוויסטישער ווירקונג צווישן די מאסן איז געווען א רעזול־טאט דערפון, וואָס אין די באדינגונגען פון צוגרייטן די נייע רעוואָליוציע האָבן די מאסן געזען גיין בלויז נאָך די לאָזונגען פון דער פארטיי, וואָס האָט גע־קעמפט פאר דער רעוואָליוציע, און ניט פון דער פארטיי, וואָס האָט זיך אָפּגע־זאָגט פון דער רעוואָליוציע.

זייער כאראקטעריסטיש פאר דער באָלשעוויזירונג פון די מאסן איז די בא־ציונג מיצאד די ארבעטער צו דער באָלשעוויסטישער „פראוודא" און צום ליק־ווידאטאָרישן „לוטש".

די צאָל גרופּן־זאמלונגען צווישן די ארבעטער פאר דער באָלשעוויסטישער און ליקווידאטערישער פרעסע ווערט אין די אופשטייג־יאָרן פאנאנדערגעטיילט אף אזא אויפן:

צאָל גרופּן־זאמלונגען פון ארבעטער

יאָרן	פאר דער באָלשעוויס־טישער פרעסע	פארן „לוטש"
1912 . . .	625	89
1913 . . .	2.571	651
סאַכאַקל	3.196	750

די יאָרן 1913־14 זיינען געווען א פעריאָד, ווען די באָלשעוויסטישע באזע האָט זיך ווייטער פארברייטערט. אין די זאמלונגען פאר דער פרעסע האָבן אין 1913 י. 77 פראָצ. פון אלע ארבעטער־גרופּעס געזאמלט פאר דער באָלשעוויס־טישער פרעסע און אין 1914 יאָר — 81 פראָצענט. אין 1913 יאָר האָט די „פראוו־

דא" געהאט 2.181 ארבעטער־גרופּעס, און די ליקווידאַטאָרן — 681 און אין 1914 יאָר (ביזן 13־טן מיי) איז שוין בא די פּראַוודיסטן געווען 2.872 ארבעטער־גרופּעס און בא די ליקווידאַטאָרן — 671. דאָס האָט איידעס געזאָגט וועגן דעם, אז עס וואַקסט די באָלשעוויסטישע ווירקונג בא די מאסן, אז עס וואַקסט די באַהעפטקייט פון די פאָרגעשריטענע ארבעטער ארום דער באָלשעוויסטישער „פּראַוודא" און ארום אירע לאָזונגען.

כאַראַקטעריסטיש זיינען אויך די אָנגאַבן וועגן דעם טיראַזש פון דער באָלשעוויסטישער פּרעסע און פון דער ליקווידאַטאָרישער. אין דער צייט ווען די „פּראַוודא" איז דערשינען אין 40.000 עקז. איז דער „לוטש" ארויסגעגאַנגען בלויז אין 10.000 עקז. דעם 22־טן אַפּרעל 1913, ווען עס איז צום ערשטן מאָל געפּייערט געוואָרן דער טאָג פון דער ארבעטער־פּרעסע, האָט די באָלשעוויסטישע „פּראַוודא" („פּוט פּראַוודי") באַקומען פון 1.915 ארבעטער־גרופּעס איבער גאַנץ רוסלאַנד 16,193 רובל, און די ליקווידאַטאָרן האָבן בא ומען פון 588 ארבעטער־גרופּעס — 6.651 רובל, דערפאַר האָט „פּוט פּראַוודי" פון ניט־ארבעטערישער באַפעלקערונג בא ומען 1.842 רובל און די ליקווידאַטאָרן — 6.062 רובל. אין פּעטערבורג אליין האָט די „פּראַוודא" באַקומען פון 1.274 ארבעטער־גרופּעס 10.762 רובל, און די ליקווידאַטאָרן האָבן באַקומען פון 224 ארבעטער־גרופּעס — 2.306 ר.

די ליקווידאַטאָרישע פּרעסע איז אין פאַרגלייך מיט דער באָלשעוויסטישער געווען, ווי לענין האָט זיך אויסגעדריקט, „א פולשטענדיקער נול אין דער רוסלענדישער סאָציאַלדעמאָקראַטישער באַוועגונג".

די קאָנסאָלידאַציע פון דער באָלשעוויסטישער פּרעסע איז פאָרגעקומען אייגנצייטיק מיט דער פאַנאַנדערפאַלונג פון דער ליקווידאַטאָריי.

די פּרוּוון פון די ליקווידאַטאָרן און די צענטריסטן מיט טראָצקין בעראָש קעגנצושטעלן דער באָלשעוויסטישער פאַרייניקונג זייער „אויגוסט־בלאָק" האָט זיך פאַרענדיקט מיט א פולשטענדיקן קראַך. אין דער זעלבער צייט, ווען די באַזע פון דער באָלשעוויסטישער ווירקונג בא די מאסן האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרברייטערן, איז בא די ליקווידאַטאָרן שוין אין א וואָסער האַלביאָר ארום נאָך זייער „אויגוסט"־קאָנפערענץ פאָרגעקומען א עפּאַלטונג צווישן די גרונט־גרופּעס, וואָס זיינען אריין אין דער ליקווידאַטאָרישער פאַראייניקונג. אפּן פאָן פון דער אידיישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער צעפאַלונג פון די ליקווידאַטאָרן, אפּן פאָן פון זייער פאַרלירן יעדע ווירקונג בא די מאסן איז נאָך בוילעטער געווען דער וווקס און די פאַרפעסטיקונג פון דער איינציקער רעוואָליוציאָנערער קאַמף־פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט — פון דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס. דער וווקס פון דער רעוואָליוציאָנערער מאסן־באַוועגונג, די באָלשעוויזירונג פון די מאסן, — דאָס אלץ האָט באַוויזן, אז עס דערנעענטערט זיך א רעוואָליוציאָנערע סיטואַציע.

דאָס פאַרבינדן די שטרייקן מיט די אויפגאַבן פון אראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג האָט צוגעגעבן די שטרייקן אַן „אַלגעמיין־פאָלקישע באַדייטונג". לענין האָט וועגן דעם געשריבן:

„דעם פּראָלעטאַריאַטס ארויסטרעטונג, אלס העגעמאָן (אָנפירער) טראָגט די אַנטידעמאָקראַטישע שטימונגען פון די לבעאַלן, — אָט דאָס איז דאָס סאמע וויכטיקסטע און היסטאָריש אייגנאַרטיקע אין אונדזערע שטרייקן".

די אַנוואַקסונג פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג האָט געשאַפן אַ שפּאַלט אינעם דריטיונישן בלאָק. די בורזשואַזיע, וואָס האָט אָנגעשפּיצט געוואַרט אַף רע־וואָליוציאָנערע געשעענישן, האָט פאַרגעוואָרפן די רעגירונג אין דעם, אַז זי איז ניט אימשטאַנד צו פאַרמיידן די רעוואָליוציע. אין זיין אַרויסטרעטונג אין דומע האָט דער קאַדעט מאַקלאַקאָוו נאָך אין סאַמע אָנהייב פונעם רעוואָליוציאָנערן אופשטייג באַשולדיקט די רעגירונג, אַז זי איז ניט בעקויעך צו שאַפן אַ „פעסטן פרידן" אין לאַנד. „אויב מיר וועלן גיין מיט דעם זעלבן וועג, מיט וועלכן מע פירט אונדז, וועט מען אונדז דערפירן ביז אַ צווייטער רעוואָליוציע".

„דער רעגירונג־קורס, — האָט געזאָגט גוטשקאָוו, דער לידער פון די אָקטיאַב־ריסטן, — פירט אונדז צו אַן אומפאַרמיידלעכער שווערער קאַטאַסטראָפע". אַן אומ־רויִקייט פאַר דער צוקונפט, אַן אומרויִקייט פאַר דעם, אַז דער סטאָליפּינישער רעזשים וועט ניט העלפן אויסמיידן די רעוואָליוציע, האָט אַלץ אָפטער און אָפ־טער דורכגעדרונגען די איינצלנע פאַרשטייער פון דער בורזשואַזיע. שוין אין 1912 יאָר האָט די בורזשואַזיע אָנגעשפּיצט געוואַרט אַפן אָנקום פון די רעוואָליוציאָ־נערע געשעענישן.

„די געזעלשאַפט, — האָט איינער פון די קאַדעטישע לידערס, ראָדיטשעוו, גע־שריבן אין אַ בריוו, וואָס איז איבערגעכאַפּט געוואָרן דורכן פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, — די געזעלשאַפט איז אומעטום געשטימט ביז גאָר אָפּאָזיציאָנעל און זאָל זיך נאָר פאַנאַנדערוויקלען אַזעלכע ניט אַזוי וויכטיקע געשעענישן, ווי, אַשטייגער, אַ מיל־כאָמע, אָדער די דומע זאָל פאַנאַנדערגעלאָזט ווערן... וועלן אין דער טיפעניש פון רוסלאַנד זיך דאַן פאַנאַנדערפלאַקערן אַזעלכע געשעענישן, וואָס מע טראַכט אַפילע ניט אין פעטערבורג".

אין 1913 יאָר, ווען די מעכטיקע אַרויסטרעטונג פונעם פּראָלעטאַריאַט האָט סיגנאַליזירט וועגן דער דערנענטערונג פון דער רעוואָליוציע און ווען אין צו־זאַמענהאַנג דערמיט האָבן זיך די אָפּאָזיציאָנעלע אַרויסטרעטונגען פון דער בור־זשואַזיע פאַרשטאַרקט, האָט די צאַרישע רעגירונג אַפילע זיך געקליבן פאַנאַנ־דערצולאָזן די מעלוכע־דומע. אין די אַרכיוון פונעם מיניסטאָרן־ראַט געפינט זיך אַן אוקאַז מיט ניקאָלייס ראָמאַנאָווס אונטערשריפט וועגן פאַנאַנדערלאָזן די מע־לוכע־דומע. אין 1913 יאָר, ווען דער צאַר איז אַוועקגעפאָרן אַף זומער קיין לי־וואַדיע, האָט ער פון פריער צוגעגרייט אַן אוקאַז וועגן פאַנאַנדערלאָזן די דומע, ניט אָנווייזנדיק בלויז די דאַטע, קעדיי, ווען עס וועט נייטיק זיין, זאָל עס דער מיניסטאָרן־ראַט צושרייבן.

אין 1913 זיינען נאָך אָבער די ווידערשפּרוכן אינעווייניק אינעם דריטיו־נישן בלאָק ניט גענוג רייף געוואָרן. די דומע איז ניט פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן, געטאָן האָט דאָס דער צאַריזם ערשט אין די סאַמע לעצטע טעג פון זיין עקזיסטענץ — ערעוו דער פעווראַל־רעוואָליוציע, ווען דער דריטיונישער בלאָק איז זיך שוין פאַנאַנדערגעפאַלן. דער וווּקס פון אומצופרידנקייט בא דער בורזשו־אַזיע, די עלעמענטן פון פאַנאַנדערפאַלונג, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אי־נעם דריטיונישן בלאָק, האָבן אָן צווייפל באַוויזן, ווי לענין האָט געשריבן, אַז „דאָס לאַנד ווערט לינק".

„אויב 10 ריאַבושינסקיס און 100 מיליוקאָווס וואָרטשען און ווייזן אַרויס אַ

ליבעראלן צאָרן,—האָט לענין געשריבן,—איז א סימען, אז צענדליקער מיליאָנען פון דער קליינבורזשואזיע און פון דעם פארשיידענעם „פּראָסטן אוילעם“—פילן זיך אומדערטרעגלעך“.

דער וווּקס פון אומצופרידנקייט בא דער בורזשואזיע האָט געהאט א באדייטונג בלויז אף אזויפיל, אף וויפל דאָס האָט באוויזן, אז עס דערנעענטערט זיך א רעוואָליוציאָנערע סיטואציע.

„די בורזשואזיע ווערט לינק,—האָט לענין געשריבן,—דאָס הייסט, אז עס זאמלט זיך אָן נייער פולווער אינעם פולווער-קעלער פון דער רוסישער רעוואָליוציע. אויב היינט זאָגן די קרעסטאָווניקאָווס: „רוסלאנד איז קראנק“, הייסט עס, אז מאָרגן וועט ארויסטרעטן דער סאָציאליסטישער פּראָלעטאריאט, וואָס פירט נאָך זיך דאָס דעמאָקראטישע פּויערטום, און וועט זאָגן: „מיר וועלן אים אויסהיילן“.

אונטערפירנדיק די סאכאקלען פון דער באוועגונג אינעם אופשטייג-פעריאָד, האָט לענין אונטערגעשטראָכן, אז עס דערנעענטערט זיך א נייע רעוואָליוציע.

„אין קיין איין לאנד אין דער וועלט וואָלט מען ניט קאָנען אופהייבן הונדערטער טויזנטער ארבעטער צו עטלעכע מאָל אין יאָר אף פּאָליטישע ארויסטרעטונגען איבער פארשיידנסטע סיבעס—ניט האָבנדיק די באדינגונגען פון א רעוואָליוציאָנערער געזעלשאפטלעכער סיטואציע. און בא אונדז קומט פאָר אזא אופשטייגיש סטיכייש, ער קומט פאָר דערפאר, וואָס צענדליקער מיליאָנען פון דער האלב-פּראָלעטארישער פּויערשער באפעלקערונג גיבן איבער, אויב מע קען זיך אזוי אויסדריקן, זייער אוואנגארד די שטימונג פון קאָנצענטרירטן צאָרן, וואָס שלאָגט, ווי א קוואל, און גיסט זיך אריבערן ברעג“.

צום אונטערשייד פון די ליקווידאטאָרן, וואָס האָבן געוואָלט אונטערוואַרפן די ארבעטער-באוועגונג אונטער דער ווירקונג פון די ליבעראלן און דערפירן די ארבעטער-באוועגונג בלויז ביז קאמף פאר איינצלנע רעפאָרמען, האָבן די באָלשעוויקעס געשטרעבט צו ווענדן די אר עטער-באוועגונג אפן קאמף פאר א רעוואָליוציע, ווו דער פּראָלעטאריאט זאָל ארויסטרעטן אלס העגעמאָן.

„אין דער פרייער קאָנסטיטוציאָנעלער אייראָפּע דינט דער פּאָליטישער שטרייק דערוויל (קאָלזמאן עס האָט זיך ניט אָנגעהויבן די סאָציאליסטישע רעוואָליוציע) דעם קאמף פאר איינצלנע רעפאָרמעס. אינעם קנעכטישן אזיאטישן צארישן רוסלאנד, וואָס דערנעענטערט זיך צו דער פּאָלגנדיקער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָליוציע, איז דער פּאָליטישער שטרייק דאָס איינציקע ערנסטע מיטל אף אופטרייסלען, צעוויגן, אופרודערן, אופהייבן צום רעוואָליוציאָנערן קאמף דאָס פּויערטום און דעם בעסערן טייל פונעם פּויערשן מיליטער“.

אין די באדינגונגען פון דער אָנוואקסנדיקער רעוואָליוציע האָט די שטרייק-באוועגונג אָנגענומען א כאראקטער פון א דירעקטן צוגרייטן די פּויערים און דאָס מיליטער צום אופשטאנד.

אָנווייזנדיק, אז עס איז נייטיק צו אנטוויקלען די שטרייק-באוועגונג, האָט לענין אונטערגעשטראָכן, אז דאָס סאמע וויכטיקסטע איז דערביי:

„די שטרייקן, מיטינגען, דעמאָנסטראציעס זאָלן גיין אָן אופהער, דאָס גאנצע פּויערטום, דאָס גאנצע מיליטער זאָל זיך דערוויסן וועגן דעם אקשאָנעסדיקן קאמף

פון די ארבעטער, דאָס דאַרף, אפילע דאָס סאמע פארוואָרפנסטע זאָל דערזען, אז אין די שטעט איז אומרויִק, אז „אייגענע" האָבן זיך אופגעהויבן, אז זיי קעמפן ניט אף לעבן, נאָר אף טויט, אז זיי קעמפן פאר א בעסער לעבן, פאר א העכערן לוין, פאר מאכן א סאָף צו דער אומבארשעמטקייט און ווילקיר פון דער מאכט, פאר איבערגעבן די גוטבאזיצערישע ערד צו די פויערים, — פאר אראָפּווארפן די גוטבאזיצערישע מאָנארכיע פונעם צאר, פאר א רעפּובליק. מע דאַרף, אז דער פארשטיקטער צאָרן און איינגעהאלטענע אומצופרידנקייט פון דאָרף צוזאמען מיט דער אופרעגונג פון דער קאזארמע זאָלן געפינען פאר זיך איינעם שטרייק פון די ארבעטער דעם צוציונג־צענטער. אף דעם דארף מען ארבעטן אָן אופהער, דעמלט וועלן מיר דערזען דעם טאָג, ווען דער פראָלעטאריאט וועט צוזאמען מיטן פויערטום און מיטן מיליטער דורך א פאָלק־אופשטאנד אראָפּווארפן די גוטבאזיצער, אראָפּשליידערן די צארישע מאָנארכיע".

ווי מיר ווייסן, האָט זיך די דאָזיקע טאקטיק גלענצנדיק בארעכטיקט. גראָד דער ארבעטער־שטרייק איז אין יאנואר — פעברואר 1917 געוואָרן די גרונט־צוציונג פון די פויערשע מאסן, וואָס זיינען קאָנצענטרירט געווען אינעם מיליטער. און דאן איז געקומען דער טאָג, וועגן וועלכן לענין האָט געשריבן, אז דער „פראָלעטאריאט האָט צוזאמען מיטן פויערטום און מיליטער אראָפּגעוואָרפן די גוטבאזיצער, אראָפּגעשליידערט די צארישע מאָנארכיע", קעדיי אין בונד מיט דער דאָרפישער אָרעמשאפט, בא דער נייטראליזירונג פונעם מיטלפויערטום, אין פארביטערטן קאמף קעגן די קאפּיטאליסטן און קאפּיטאליסטישע עלעמענטן פון שטאָט און דאָרף אראָפּווארפן אין אָקטיאבער די מאכט פון דער בורזשואזיע און איינשטעלן די ראטנמאכט — די דיקטאטור פון פראָלעטאריאט.

ק. פ. סידאָראָוו

דער ארבעטער־קלאַס אין די יאָרן פון דער אימפעריאַליסטישער מילכאָמע און אין דער פעוראַל־רעוואָליוציע

קאַפּיטל איינס

דער פּראָלעטאַריאַט אין די מילכאָמע־יאָרן

1. די קוואַנטיטאַטיווע און קוואַליטאַטיווע איבערגרופּירונג פונעם פּראָלעטאַריאַט אין די מילכאָמע־יאָרן

צו דער צייט פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע זיינען די גרונט-ווידער-שפּרוכן, וואָס די רעוואָליוציע פון 1905 יאָר האָט ניט דערלייזט, ניט בלויז פאַרבליבן, נאָר זיי זיינען נאָך אַפילע פאַרטיפט און פאַרשאַרפט געוואָרן.

איינגעשפּאַרטער, ווי ווען-ניט-איז, איז געשטאַנען אין טאָג-אָרדענונג די נייע רע-וואָליוציע.

פאַר די אופשטייג-יאָרן (1910-14) איז דער קאַפּיטאַליזם געוואָרן שטאַרק און איז אויכגעוואַקסן. איינפירנדיק אין רוסלאַנד די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן פונעם מיי-רעוו-אייראָפּייִשן קאַפּיטאַל, האָט דער רוסישער קאַפּיטאַליזם איבערגענומען — אַלס צוגאָב צו דער אייגנאַרטיק רוסישער — די אייראָפּייִשע דערפאַרונג פון דערשטיקן די אַרבעטער-באַוועגונג (לאָקאַוטן, קאָנווענציעס, פאַרבאַנדן פון אונטערנעמער און דגל.). דער פּראָלעטאַריאַט האָט אַף דעם געענטפערט מיט א נייער כוואַליע פון קאַמף-שטרייקן. די סטאָליפּינישע פּאָליטיק האָט דאָס לאַנד ניט „באַרויִקט". דאָס האָבן אַפילע געזען די אָקטיאַבריסטן און די קאַדעטן, וואָס האָבן נאָך ערשט ניט לאַנג געקרוינט סטאָליפּינען מיטן נאָמען „רוסישער ביסמאַרק".

„מיר גייען צו אן אומפאַרמיידלעכער קאַטאַסטראָפע", — האָט גוטשקאָוו געזאָגט אפן צוזאַמענפאָר פון די אָקטיאַבריסטן סאָף 1913 יאָר. אין פעוראַל 1914 האָט דער קאַדעט מאַקלאַקאָוו אויך באַהויפּט אַז דער „גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון א פרידלעכן אויסגאַנג איז פאַרלאָרן".

דער שפּאַלט צווישן דער בורזשואַזיע און דעם צאַריזם האָט זיך אָבער דאַן נאָרוואָס געהאַט אָנגעמערקט. די שטרייקן-געפאַר האָט געווירקט אַף דעם, אַז די בורזשואַזיע איז געוואָרן נאָכגיביקער בענעגייע דער זעלבסטהערשונג. די אימפּעריאַ-ליסטישע מילכאָמע, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן, האָט איינגעשלונגען די אָפּאָ-זיציאָנעלע שטימונגען פון דער בורזשואַזיע. אַף דער היסטאָרישער זיצונג פון דער מעלוכע-דומע דעם 26-טן יול 1914 איז דעקלאַרירט געוואָרן די „איינִיקייט פונעם

צאַר מיטן פאָלק" (ד. ה. מיט דער בורזשואזיע). די האָפענונג צו פאַרכאַפּן באָספאָר און די דאַרדאַנעלן איז אויף דער דאָזיקער זיצונג מיט מיליוקאָוס ליפּן דערקלערט געוואָרן אַלס „דורכעסדיקע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע".

די „איינהייט פון דער נאַציע" און „דער נאַציאָנאַלער ענטוזיאַזם", וואָס דער גוטבאַזיצערישער בורזשואַזער בלאָק האָט דעקלאַרירט, איז אָבער אָפּגעלייקנט געוואָרן דורך די באַריקאַדן, וואָס דער פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט האָט אויפגעשטעלט אין יענעם טאָג, ווען פּואַנקאַרע איז געקומען צופאָרן, און האַרט פאַר דערקלערן מילחמה. די מילחמה און די דראַקאָנישע מיטלען, וואָס זיינען נאָכדעם אָנגענומען געוואָרן קעגן די שטרייקער, האָבן דערשטיקט די באַוועגונג פון יוני און יולי 1914, וואָס האָט געקענט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַלגעמיינעם פּראָלעטאַרישן אויפשטאַנד. דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז געוואָרן בלוטלאָז דורך די אַרעסטן און צעשיסונגען, האָט דאָך פּראָטעסטירט קעגן דער מילחמה און קעגן דער מאָביליזאַציע. דער פּעטערבורגער גראַדאָנאַטשאַלניק האָט מיטגעטיילט אין דעפּאַרטאַמענט, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּריזיוו פונעם רעזערוו-מיליטער איז דעם 19-טן יולי אויסגעבראָכן אַ שטרייק אויף 21 אונטערנעמונגען מיט אַ צאָל אַרבעטער ביז 27 טויזנט. אין דער פּראָווינץ האָט דער פּראָלעטאַריאַט אויך וווּ-ניט-וווּ געענטפערט אויף דער מאָביליזאַציע מיט שטרייקן.

אין דער זעלבער צייט, ווען דער מיליטאַריזם האָט מעשוגענערווייז זיך געגרייט צו דער מילחמה און האָט אויפגענומען „הויכע געסט" פון דעם רעפּובליקאַנישן פראַנקרייך, האָט דער אַרבעטער-קלאַס פאַר דעם האַלביאָר פון 1914 (יאַנואַר-יולי) געגעבן 3.466 שטרייקן מיט 1.302.7(6 אָנטיילנעמער*. האַרט ערעוו דער מילחמה-דערקלערונג זיינען, ווי באַוווּסט אויף די גאַסן פון דער הויפּט-שטאָט אויפגעשטעלט געוואָרן באַריקאַדן.

אָנהייב מילחמה איז די שטרייקן-כוואַליע צייטווייליק געפאַלן. אין דער צווייטער העלפט פון 1914 יאָר זיינען, לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק, פאָרגעקומען 68 שטרייקן מיט 34.752 אָנטיילנעמער. די באַדינגונגען פון קריג-צייט מיט איר כאַראַקטעריסטישער אייגנאַרט פון עקאָנאָמישע און קלאַסעווע איבערוקן אינעם באַשטאַנד פון פּראָלעטאַריאַט האָבן אָבער געמוזט ווירקן אויף די טעמפּן און אויפן שוווּנג פון דער באַוועגונג און ברענגען צו אַ צייטווייליקן איבערייס אינעם שטרייקן-קאַמף. צווישן אַ קלענערן שיכט אַלטע און אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אָפּגעזייט אַריינגעוואָקסן אין דער אינדוסטריע, האָבן געמוזט אויפקומען „פּאַטריאָטישע" שטימונגען.

דער קאַמף פון די אונטערנעמער קעגן די אַרבעטער, די צעגראָמירונג פון די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, דאָס אַרעסטירן און פאַרשיקן דעם רעוואָלוציאָנערסטן און פּאָליטיש-פאָרגעשריטנסטן טייל פון די אַרבעטער, וואָס האָט געלאָזט די אַרבעטער-באַוועגונג אָן אַן אָנפירונג, — דאָס אַלץ האָט געמוזט אָפּשוואַכן דעם קאַמף. די מאָביליזאַציעס גופא, וואָס זיינען פאָרגעקומען איינע נאָך די אַנדערע, זיינען מער ווי אַלץ געפאַלן אויפן אַרבעטער-קלאַס. באַזונדערס האָבן זיי אָנגערירט דעם טייל, וואָס איז לויטן עלטער און אין פּאָליטישער, קולטורעלער און אַנד. הינזיכטן געווען די „נעשאָמע" פון דער אַרבעטער-באַוועגונג.

---

* די ציפערן זיינען וועגן די אונטערנעמונגען, וואָס זיינען געווען אונטערגעוואָרפן דער פאַבריק-אינספּעקציע.

דאָס לעצטע, וואָס האָט געווירקט צו פארקלענערן דעם פּראָלעטאריאַטס אקטיווקייט אָנהייב מילכאָמע און וואָס האָט געגעבן שפּייז די וואָרצלען פונעם פּאַטריאָטיזם זיינען געווען די סאָציאַל-קוואליטאטיווע ענדערונגען אינעם באשטאנד פונעם אר-בעטער-קלאס.

לויט די אָנגאבן פון דער פאבריק-אינספּעקציע, זיינען אין 1914 יאָר אין דער גאנצער צענז-אינדוסטריע געווען 1.925,7 טויזנט ארבעטער, און אין 1916 יאָר 2.093,9 טויזנט ארבעטער. פאר צוויי יאָר מילכאָמע איז דער צאָליקער באשטאנד פונעם אר-בעטער-קלאס אויסגעוואקסן אף 8,7 פּראָצ.

וויאזוי האָט זיך געענדערט דער באשטאנד פון די ארבעטער? לויט צוויי גרונט-צווייגן פון דער אינדוסטריע — מעטאַל-באארבעטונג און באוול — באקומט זיך זייער א בוילעט בילד:

	אינגאנצן ארבעטער אין דער געגעבענער אינדוסטריע-צווייג	צווישן זיי: מענער — אבסאָליוטע ציפער	מענער — אין %%	פרויען — אבסאָליוטע ציפער	פרויען — אין %%	מינדעריאָריקע און קינדער — אבסאָליוטע ציפער	מינדעריאָריקע און קינדער — אין %%
מעטאַל-באארבעטונג:							
אין יאָר 1913	323·469	277·667	85,8	19·586	4,5	31·190	9,7
צום 1־טן יאנוואר 1917	546·117	393·639	72,0	88·391	16,2	64·087	11,8
באוול-אינדוסטריע און אנד:							
אין יאָר 1913	496·403	195.400	39,4	250·790	50,5	50·213	10,1
צום 1־טן יאנוואר 1917	458·758	115·634	25,2	280·130	61,0	62·361	13,8

די מענער-ארבעט האָט זיך פארקירצט אפן כעזשבן פון פרויען-ארבעט. דער טעמפּ פון איינגלידערן די פרויען-ארבעט איז באזונדערס שארף געווען אין דער מע-טאַל-אינדוסטריע, וואָס האָט געארבעט פאר דער לאנדשוץ.

די געבראכטע ציפער ווייזן ניט, וויאזוי עס האָט זיך באנייט דער מענער-באַ-שטאנד. די פליסעוודיקייט פונעם מענער-באשטאנד איז פאר די מילכאָמע-יאָרן גע-ווען זייער גרויס. וועגן דעם דערציילן פיל באריכטן פון די קראנקן-קאסעס.

לעערעכדיק-באווייזלעכע ציפער וועגן סאָציאַלן באשטאנד גיבן די ארבעטער-ביר-זשעס, וואָס זיינען אופגעקומען אין די מילכאָמע-יאָרן. זיי ווייזן א וווקס פונעם שיכט ארבעט-זוכנדיקע פּויערישע עלעמענטן, וואָס האָבן פארבינדונגען מיט דער ערד-אר-בעט.

אפן אָרט פון די ארבעטער, וואָס זיינען אוועק אפן פראָנט אָדער זיינען נייטיק געווען באם פארברייטערן די נייע מיליטער-צווייגן פון דער אינדוסטריע, זיינען, אזוי-ארום, געקומען אזעלכע שיכטן, ווי פרויען און מינדעריאָריקע, רויע דאָרפישע מאסן, אויסגעשלעפּטע פון די לעצטע טיפענישן, דעקלאסירטע און דורך דער מילכאָמע רוי-

גירטע אונטערשויכטן פון שטאַט א.א.וו. אָנגעהויבן האָט זיך אָט דער פּראָצעס פון די ערשטע מילכאָמע-טעג, ווען די סאַמע פילצאָליקע מאָביליזאַציעס, וואָס האָבן א טעל געמאַכט פונעם פאָרגעשריטענעם טייל ארבעטער, פאַלן אויס גראַד אין 1914 יאָר. די ווײַטערדיקע מאָביליזאַציעס זײַנען מיטן גאַנצן שאַרף זייערן געפאַלן אף די יונגע און אלטע פּריזיוו-עלטערס, איבערהויפּט אין דאָרף. דאָס אַלץ האָט זיך געמוזט אַרויס-ווײַזן אויך אף דעם פאַקט, וואָס די ארבעטער-באַוועגונג האָט אינעם ערשטן פעריאָד פון דער מילכאָמע צײַטווײַליק איבערגעלעבט א שטילשטאַנד.

אָט דאָס איז דער פּראָצעס פון די ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אינעם באַשטאַנד פונעם ארבעטער-קלאַס אין די צענטראַל-אינדוסטריעלע ראַיאָנען. די אינ-דוסטריעלע „ראַנד-געגנטן“ ווײַזן נאָך א מער בולטע בילד פון פאַנאַנדערפאַלונג אין דער ארבעט-קראַפט. נאָך אין יון 1914, האָט דער אוקראַינישער אײַזנאַרק-ראַיאָן, לעמאָשל, פאַרמאָגט 24.043 ארבעטער, און אין אויגוסט — שוין נאָר 10.126. אויב שפּעטער האָט דער ארבעטער-באַשטאַנד אָנגעהויבן פאַרפולט ווערן, האָט זיך אָבער זייער שטאַרק געענדערט זײַן אויסזען. מיר פאַרמאָגן ניט קיין ציפער ווען די ערשטע מילכאָמע-טעג, אָבער אין 1916 יאָר איז אין דאָנעצער באַסיין דער דאָזיקער פּראָצעס פאָרגע-קומען אף אזא אויפן. דאָרט האָבן זיך אין 1916 יאָר געפונען, לויט די כאַדאָשים:

	יאַנוואַר	מײַ	אָקטיאַבער
סאַכאַקל ארבעטער	213·531	229·065	252·723
דערין:			
קריג-געפאַנגענע	23.498	34·747	55·051
פּרויען	6·050	11·362	12·671
מינדעריאָריקע און קינדער . .	8·556	17·222	18·113
היימלאָזע (בעזשענצעס) . . .	2·040	2·398	2·626

דאָ זעען מיר, אז ניט נאָר עס האָט זיך פאַרקירצט די אַבסאָליוטע צאָל מענער-ארבעט, נאָר אויך אז אינעם ארבעטער-באַשטאַנד האָבן זיך ארײַנגעוואָקסן נאַצי נאַל-נײַע עלעמענטן. אף אוראַל איז אָט דער פּראָצעס געגאַנגען נאָך שטאַרקער, ווײַל גראָד אף אוראַל פלעגן געשיקט ווערן די ערשטע פּאַרטיעס קריג-געפאַנגענע און איבער-הויפּט די „יעלע“ (כינעזער). אף אוראַל איז דער פּראָצעס דערגאַנגען אזוי ווײַט, אז אף 19 גרעסטע אונטערנעמונגען זײַנען פון 47,2 טויזנט ארבעטער געווען ביז 44 פּראָצ. קריג-געפאַנגענע. אין איינצלנע אונטערנעמונגען זײַנען רוסישע מענער און פרויען גע-ווען אפילע ווייניקער, ווי קריג-געפאַנגענע און כינעזער.

צוגלײַך מיטן וווּקס פון דער פרויען-ארבעט, מיטן ארויספּאָמפּען פון דאָרף נײַע ניט באַארבעטע (אין פּאָליטישער הינזיכט) שיכטן, אין א גרויסער מאָס באַלעגופישע און פאַרמעגלעכע, וואָס גייען אין דער פּראָדוקציע, האָט דער וווּקס פון קריג-געפאַנ-גענע בא דער ארבעט אויך געווירקט אָפּהאַלטנדיק אף דער אַנטוויקלונג פון שטרײַקן. דער נײַער, ווייניק קוואַליפיצירטער באַשטאַנד פונעם ארבעטער-קלאַס האָט איבער דער געפאַר אָנגעזאָגט צו ווערן פון דער ארבעט מורא געהאַט צו פּראָטעסטירן און שטרײַקן („און טאָמער זאָגט מען מיך אָפּ און מע פאַרבײַט מיך אף א קריג-געפאַנגענעם, אויב איכל פּראָטעסטירן קעגן די קאַטערושנע ארבעט-באַדינגונגען?“)

אלזאָ, דאָס אָנהייבן פירן מילכאָמע האָט איבערגעריסן דעם רעוואָליוציאָנערן דראנג פונעם ארבעטער-קלאס קעגן דער זעלבסטהערשונג. נאָכדעם, ווי מע האָט זיך אָפּגעדערכנט מיטן אָנפירנדיקן אויבערקעפּל פון דער ארבעטער-באוועגונג, מיט איר באָלשעוויסטישן טייל, מיט די אמערסטן-באוווסטזיניקע און פאָרגעשריטענע ארבעטער — „פראוודיסטן", איז די ארבעטער-באוועגונג געוואָרן בלוט אָז. אין הינטערלאנד זיינען פארבליבן דעריקער אזעלכע, וואָס זיינען נאָך זייערע יאָרן, נאָך דער פּאָליטישער טעטיקייט געווען ווייניקער אנטשיידן צו טאָן עפּעס. די ייִנגערע, וואָס זיינען אין מאָביליזאציע נאָך ניט אריינגעפאלן, האָט צוגעקוועטשט צו דער וואנט דער אזויגערופענער אינסטיטוט פון מיליטער-פארפליכטעטע. פון דער מיט 1915 יאָר האָט מען די ייִנגערע ארבעטער אנשטאָט צו שיקן אפן פראָנט אָנגעהויבן איבערלאָזן בא דער פּראָדוקציע, ווייל ס'איז ניט געווען מיט וועמען זיי צו פארבייטן. די בורזשואזיע האָט זיך באַמיט אין דער דאָזיקער קאטעגאָריע צו פארעכענען אלץ, וואָס זי האָט געקאָנט, ווייל די פּערספּעקטיוו פון גרויסע פארדינסטן בא די קריג-באשטעלונגען האָט פריער ווי אלץ געפאָדערט א גרויסע צאָל קוואליפיצירטע ארבעט-קרעפטן. דאָס פארסטראָכירן זיך, אזוי ארום, פון צו גיין אפן פראָנט האָט שטארק צוגעצויגן דעם דאָרפישן שיכט פויערים, אפילע דעם באלעגופיש-פארמעגלעכן שיכט, ווער רעדט שוין וועגן דער שיכט, וואָס האָט האלב געהונגערט און האָט איצט דערזען א מעגלעכקייט צו קריגן ארבעט. אויב מע זאָל נאָך אהער צוגעבן דעם פאקט, אז די מיליטער-אינדוסטריע האָט געהאלטן אין איין וואקסן און פארברייטערן זיך, וועט שוין זיין פארשטענדלעך דאָס בילד, וויאזוי דער ארבעטער-באשטאנד האָט זיך געענדערט און זיך באנייט מיט נייע שיכטן.

אזא קוואליטאטיווע ענדערונג אינעם באשטאנד פונעם ארבעטער-קלאס האָט געמוזט זיך אָפּשפּיגלען, פריער ווי אלץ, אף דער שטרייקן-באוועגונג, אלס די גרונט-פאָרם פונעם פּראָלעטאריאטס קלאסן-קאמף אין די יאָרן פון דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע.

2. דער שטרייקן-קאמף פונעם ארבעטער-קלאס אין די מילכאָמע-יאָרן, זיינע עטאפּן און כאראקטער

„אין קיין איין לאנד אין דער וועלט האָט זיך פארן לעצטן יאָר ניט באַמערקט אזא צאָל פּאָליטישע שטרייקער, ווי אין רוסלאנד"... אזא מין דאָמינירן פון די רוסישע שטרייקן איבער די אייראָפּייִשע „דערוויזט קלאל ניט די באַזונדערע אייגנשאפטן אָדער באזונדערע פייִקייטן פון די רוסלענדישע ארבעטער, — נאָר בלויז די באַזונדערע באדינגונגען פונעם היינטיקן רוסלאנד, — אין דעם זין, וואָס דאָ איז פאראן סיי א רעוואָליוציאָנערע באוועגונג און סיי אן אָנוווקס פון א דירעקט-רעוואָליוציאָנערן קריזיס" — האָט לענין געשריבן באם אנאליזירן דעם שטרייקן-שוווּנג אין די יאָרן 1912–13, און ער האָט אונטערגעשטראָכן די באדינגונגען, וואָס שאפן אין לאנד א רעוואָליוציאָנערע לאגע: „די אונטערדריקונג אליין, ווי גרויס זי זאָל ניט זיין, שאפט ניט שטענדיק קיין רעוואָליוציאָנערע לאגע אין לאנד. צום גרעסטן טייל איז פאר א רעוואָליוציע נאָך ניט גענוג, אז די אונטערשיכטן זאָלן ניט וועלן לעבן, ווי פריער. פאר איר פאָדערט זיך נאָך, אז די אויבערשיכטן זאָלן ניט קאָנען מער באַלעבאטעווען און פארוואלטן, ווי פריער".

אָט די אָפּשאצונג פון קריזיס־אָנוווקס איז באזונדערס ריכטיק געווען אין די מילכאָמע־יאָרן, ווען עס האָט זיך ניט נאָר פארשטארקט דער דרוק מיצאד דער מיליטעריש־פּאָליצייִשער דיקטאטור, און די אונטערשטע שיכטן באפעלקערונג האָבן מער ניט געוואָלט דולדן קיין נויט, הונגער און ליידן, נאָר אויך די אויבערשיכטן האָבן שוין ניט געקענט באלעבאטעווען אזוי, ווי פריער.

די אלגעמיינע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאגע פון די מאסן איז געווען ביז גאָר קלאָגעדיק.

אלע מינים פּראָפעסיאָנעלע אָרגאניזאציעס זיינען צעגראָמירט און פארבאָטן געוואָרן. די ארבעטער־פּרעסע איז דערשטיקט געוואָרן, עס האָבן זיך פארשטארקט די געזעצגעבערישע רעפּרעסיעס קעגן רופן צו א שטרייק און פאר באטייליקן זיך אין אים, — ביז קאטארגע (גענעראל פּראָלאָווס באפעלן); עס זיינען אָפּגענומען געוואָרן אפילע יענע נישטיקע געזעצן וועגן ארבעטשוץ פאר פרויען, מינדעריאָריקע און קינדער, וואָס זיינען געווען אויסגעקעמפט אינעם פּאָריקן קאמף; פאר „כוצפּע" קעגן נאטשאלסטווע אין מונדירן און אָן מונדירן האָט געדראָט א געפאר אוועקגעשיקט צו ווערן אף די פאָדערשטע פּאָזיציעס א. א. וו. און דגל. נאָך טרויעריקער איז געווען די דירעקטע ארבעט־אומגעבונג פון די ארבעטער. די אונטערנעמער האָבן אין די באדינגונגען פון דער מילכאָמע־ווירקלעכקייט מיט איר מעשוגענערווייזער ספּעקוליאציע און אומגעהייערע פארדינסטן פון ליפערונגען פאר דער ארמיי, פארלאָרן יעדע פאָרשטעלונג וועגן ארבעטשוץ. די אינדוסטריעלע באריסעריי, פעלשונגען, כאבאר, האלוואָעס אף נייע זאוואָדן, וואָס האָבן זיך ניט אָנגעהויבן בויען, אוואנסן אף גראנאטן, וואָס פלעגן ניט צוגעשטעלט ווערן א. א. וו. — דאָס אלץ האָט ניט דערלויבט די אונטערנעמער צו רעכענען זיך מיטן וווקס פונעם אינדוסטריעלן טראוומאטיזם, פון די פּראָפעסיאָנעלע קרענק, פון דער אלגעמיינער אויסצערונג פון דעם ארבעטערס אָרגאניזם פון ניט דערעסן און פון אינטענסיווער ארבעט.

קעדיי צו פארשטארקן די ארבעט־פּראָדוקטיווקייט און נאָכמער ארויסציען די נערוון פון דעם ארבעטערס מוסקולן־סיסטעם, זיינען געלאָזן געוואָרן אין גאנג אלערליי מינים שווארצמייעדיקע אגיטאציע, אָנגעהויבן פונעם גאלעך דעם שווארצמייעניק ביזן סאָציאל־שאָוויניסט דעם מענשעוויק און ביזן געוועזענעם רעוואָליוציאָנער פּלעכאנאָוו.

די מילכאָמע, וואָס האָט דעזאָרגאניזירט די גאנצע פאָלקווירטשאפט, האָט געבראכט דערצו, אז דער יאָקרעס און די אנטווערטונג פונעם רובל זיינען געוואָקסן מיט אן אומגעהייער שנעלן טעמפּ. ווען מיר זאָלן נעמען, לעמאָשל, אייניקע גרונט־פּראָדוקטן פונעם ברייטן געברויך און א קוק טאָן, וויאזוי די פּרייזן זיינען געוואָקסן, וועט דאָס בילד ריידן אזוינע קלאָרע דיבורים, אז קיינע קאָמענטארן וועלן זיך ניט פאָדערן. די אָכראנקע גופע האָט אין די יעדיעס, וואָס זי פלעגט צושטעלן אין פּאָליציי־דעפּארטאמענט, פארצייכנט אזא באוועגונג פון אָפיציעלע בירזשע־פּרייזן אף די גרונטלעכע דערנערונג־פּראָדוקטן, וואָס באווייזן, אז פון 1914 ביז 1916 זיינען די פּרייזן אויסגעוואָקסן אין עטלעכע מאָל. די פּרייזן אף מילך און פלייש, לעמאָשל, זיינען אויסגעוואָקסן אין 2 1/2—2 מאָל, אף ברויט — אין 5 מאָל, אף פוטער — אין 8 מאָל, אף וועש און קליידער — אין 4

מאָל, אַף האָלץ — אין 4 מאָל און דגל. דורכשניטלעך אַף 17 גרונט־זאַכן פון שטאָטישן געברויך האָבן זיך די פרייזן געהעכערט אין 4 מאָל מיט עפּעס. דער ארבעטלוין האָט זיך אָבער ווייט ניט אין אזא מאָס פארגרעסערט. אַף סאַווע מאָראָזאָווס ניקאָלסקער מאַנופאַקטור, לעמאָשל, איז די העכערונג פונעם ארבעטלוין געגאַנגען אָט מיט אזאַ טעמפּ: פון 1־טן אווגוסט ביזן 1־טן אָקטיאַבער 1915 — די ערשטע הויסאָפּע — אַף 5 פּראָצ., שפּעטער איז דער ארבעטלוין געוואַקסן אַף 10—15 פּראָצ. א יאָר, און אין 1917 יאָר איז ער אין אלגעמיינעם סאַכאַקל אויסגעוואָקסן אַף 55 פּראָצ. לעגאַבע פאַר דער מילכאָמע. די דאָזיקע העכערונג האָט טאַקע אזוי געהייסן: „העכערונג אַף דער מילכאָמע־צייט".

אינעם טעקסטיל־ראַיאָן איז נאָך געווען אנטוויקלט דאָס ארויסגעבן „נאַגראַדעס" אַף פייסעך פון 5 ביז 10 פּראָצ. פונעם ארבעטלוין, און בא די מאָראָזאָווס איז אויך אזוי געווען. און אין דער זעלבער צייט האָט די זעלבע מאָראָזאָווס ניקאָלסקער מאַניפאַקטור באַקומען פאַר די מילכאָמע־יאָרן קאָלאָסאַלן רעווען: אינעם אָפּעראַטיוון יאָר 1913/14 האָבן לויט די אָפיציעלע באַריכטן די פּאַ־דינסטן באַטראָפן 3 943.590 רובל מיט 60 קאָפּ., ארויסגעגעבן דיווידענדן האָט מען 1.894.765 רובל 17 קאָפּ. אָדער 10 פּראָצ. פון קאַפּיטאַל. אין 1915/16 יאָר רעווען — 7,547.768 רובל 38 קאָפּ., אויסגעגעבן דיווידענדן — 4.3.9.294 רובל 49 קאָפּ. אָדער 20 פּראָצ.

פאַר די יאָרן 1914-16 האָט דער טאָג־פארדינסט פון א דערוואַקסענעם ארבעטער אין די גרונטלעכע גרופּעס פון פּראָדוקציע זיך פארגרעסערט אזוי. באַם טעקסטיל־ארבעטער — 1,161.0 באַם דרוקער און פּאָליגראַפיסט — 155.3, באַם מעטאַליסט — 189,2 און באַם כימישן ארבעטער — 190.0, אויב מיר זאָלן רעכענען פאַר הונדערט פּראָצענט דעם פארדינסט פון די אלע ארבעטער אין 1914 יאָר.

בייס דער מילכאָמע זיינען אויך געווען אינדיווידועל־הויכע לוינען. דאָס ענדערט אָבער ניט די גרונט־טענדענץ, וואָס באַווייזט, אז אין דער צייט, ווען עס איז אזוי געוואַקסן דער רעווען, ווען מע פלעגט אזעלכע אומדערהערט־הויכע דיווידענד־פּראָצענטן ארויסצאָלן די פייטשטשיקעס פון די אקציאָנערע קאָמפּאַניעס, — האָט דער כיילעק פונעם ארבעטער־קלאַס אין דער נאַציאָנאַלער האַכנאָסע פון דער אינדוסטריע זיך פארקלענערט סיי רעלאַטיוו און סיי אַבסאָליוט. בא דער אנטוועטונג פון דער וואַליוטע האָט דער ארבעטער פארלאָרן סיי אלס פארקויפער פון ארבעט־קראַפט און סיי אלס געברויכער. דערביי זיינען שוין אין דער מיט 1915 יאָר גאַנצע ארבעטצווייגן אוועקגעשטעלט געוואָרן גאָר אין אַן אויסגאַנגלאָזער לאַגע, ווייל בא אזעלכע אומשטענדן האָט דער ארבעטער בעשומויפן ניט געקענט ארויסקריכן מיט זיין ביודזשעט. דערפאַר טאַקע איז דער קאַמף פאַר העכערן דעם ארבעטלוין געווען דער גרונט־מאָטיוו פון די עקאָנאָמישע שטרייקן, וועלכע דער ארבעטער־קלאַס האָט אָפּסנייי אָנגעהויבן אין 1915 יאָר.

די פאָלגנדיקע טאַבעלע וועגן דער צאָל שטרייקן און ארבעטער, וואָס האָבן זיך אין זיי באַטייליקט, דערציילט וועגן דעם אָנוווּקס פונעם קריזיס:

	צאָל שטרייקן פאַרן אָנגעוויזענעם פּעריאָד (צאָל זאַוואָדן, וואָס זײַנען אַרומגעכאַפּט געוואָרן דורך די שטרייקן)		פון דער אַלגעמיינער צאָל שטרייקן זײַנען געווען			
			עקאָנאָמישע		פּאָליטישע	
	אַבסאָליוטע צאָל פאַרשטרייקטע	אין % צו דער אַלגעמיינער צאָל אונטערנעמונגען	אַבסאָליוט	אין %%	אַבסאָליוט	אין %%
1914 י. (אויגוסט-דעקאַבער)	68	0,48	61	89,7	7	10,3
1915 י.	928	7,3	715	77,0	213	23,0
1916 י.	1.284	10,3	1.041	81.1	243	18,9
1917 י. (יאַנוואַר-פעווראַל)	1.330	10,6	190	14,3	1.140	85,7

פון דער טאַבעלע איז צו זען, אַז פון יאָר צו יאָר האָט די צאָל שטרייקן און שטרייקער געהאַלטן אין איין וואַקסן. (זע אויך די טאַבעלע אויף דער זײַט 257).

די פאַרצויגענע מילכאָמע האָט פאַרשטאַרקט די פּאָליטישע אַקטיוויקייט. דאָס איז צו זען פון דעם, ווי עס איז געוואַקסן דער פּראָצענט שטרייקנדע אַרבעטער און אונטערנעמונגען איבערהויפּט פון פּאָליטישע שטרייקן.

די איבערוועגנדיקע מערהייט שטרייקן און שטרייקער (עקאָנאָמישע און פּאָליטישע) פאַלט אויס אויף פרילינג און זומער 1915/16, כּמעט גלײַכמעסיק זײַנען די שטרייקן אַמערסטן אַקשאַנעסדיקע (לויט דער צאָל פאַרלאָרענע טעג) אין פרילינג און האַרבסט. נאָר דאָס איז פאַרשטענדלעך. די שטרייקן פון די מילכאָמע-יאָרן זײַנען געווען אָפּשפּיגלונג ניט נאָר פון דער אינדוסטריעלער קאָניונקטור, נאָר אויך אַ קאַמף פאַר ברויט, פאַר עקזיסטענץ, אַ קאַמף קעגן צאַריזם — פאַר פּאָליטישער פרײַהייט.

די צוויי זומער-עטאַפּן האָבן זיך אומפאַרמײַדלעך געמוזט פאַרענדיקן מיט אַזאַ שוווּנג פון דער פּאָליטישער באַוועגונג-כוואַליע, ווי דאָס איז געווען אין אָקטיאַבער 1916. אין סענטיאַבער 1916 האָבן די אָפיציעלע ציפער נאָך ניט פאַרצייכנט קיין פּאָליטישע שטרייקן, און שוין אין אָקטיאַבער האָבן מיר אויף 79 עקאָנאָמישע שטרייקן מיט 48.603 אָנטיילנעמער און 246.282 פאַרלאָרענע טעג — 119 פּאָליטישע שטרייקן מיט 138.531 אָנטיילנעמער און 362.516 פאַרלאָרענע טעג. פאַרהעלטנישמעסיק נאָענט צו אָקטיאַבער 1916 יאָר האָבן לויטן שוווּנג פון פּאָליטישן קאַמף געהאַלטן די כאָדאָשים אויגוסט—סענטיאַבער 1915, ווען דער אַרבעטער-קלאַס האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם באַרבאַרישן איזדעקעווען זיך און צעשיסן די איוואַנאָוואָ-וואָזנעסענסקער אַרבעטער. דער לעצטער עטאַפּ פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין די באַדינגונגען פון צאַריזם זײַנען געווען די כאָדאָשים יאַנוואַר-פעוראַל 1917, וואָס האָט אונטערגעצויגן דעם סאַכאַקל פונעם פּראָלעטאַריאַטס דויערנדיקן קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג (זע טאַבעלע, זײַט 257).

די טעקסטיל-אַרבעטער פון דער צענטראַל-אינדוסטריעלער געגנט זײַנען געווען די „אויפהעצער" פונעם פּראָלעטאַרישן שטרייקן-קאַמף אין די מילכאָמע-יאָרן. די טעקסטיל-אַרבעטער האָבן זיך געפונען אין דער ערגסטער לאַגע. די אָנפירנדיקע ראָליע אין דער באַוועגונג סײַ אין די מילכאָמע-יאָרן, סײַ אין די אויפשטײַג-יאָרן האָט אָבער געהערט דעם פּעטראָגראַדער פּראָלעטאַריאַט. האַרט ביז פעוראַל און באַזונדערס

	אבסאָלוטע צאָל שטרייקנדע ארבעטער	% צו דער אלגעמיינער צאָל ארבעטער	עקאָנאָמישע: אבסאָלוטע צאָל	עקאָנאָמישע: 0/00/0	פּאָליטישע: אבסאָלוטע צאָל	פּאָליטישע: 0/00/0
			אלגעמיינע צאָל שטרייקנדע ארבעטער			
			פון דער אלגעמיינער צאָל ארבעטער האָבן געשטרייקט			
1914 י. (אויגוסט-דעקאבער) . .	34.752	1,77	31.907	91,8	2.845	8,2
1915 י.	539528	28,1	383.587	71,0	155.941	29,0
1916 י.	951695	45,4	641.395	69,5	310.300	30,5
1917 י. (יאנוואר-פעווראל) . .	676286	32,3	101.481	15,0	574.805	85,0

אינעם פעריאָד פון דער פעווראל-רעוואָליוציע איז דער פּעטראָגראדער פּראָלעטא-ריאַט געווען דער אוואנגארד פון דער באוועגונג, ביי קוואנטיטאטיוו ביי קוואליטאטיוו. די פּעטראָגראדער מעטאל-באארבעטנדיקע אינדוסטריע מיט איר פּראָלעטארישן רוקנביין האָט באשטימט דעם פּאָליטישן טאָן פון דער באוועגונג. די אָקטיאבער-כוואליע פון יאָר 1916 און די פעווראלער אין יאָר 1917, למשל, פאלן קימאט הויפּטזאכלעך אפן פּעטראָגראדער פּראָלעטאריאַט.

אנדערע צענטרען האָבן אויך איבערגעלעבט אן אָנגעשטרענגטן שטרייקן-קאמף. אין מאָסקווע, בריאנסק, ראָסטאָוו, אין די אוקראינישע צענטרען האָבן די שטרייקן געהאט ווייניק א פּאָליטישע באדייטונג און מער אן אָרטיקע. דער שטרייקן-קאמף פון די ארבעטער האָט זיך אָבער דאָרט אויך ניט באגרענעצט בלויז מיטן קאמף קעגן דער אדמיניסטראציע פאר פארבעסערן די מאטעריעלע לאגע פון די ארבעטער, נאָר ער האָט זיך אומפארמיידלעך אָנגעקניפּט אָנעם לאָזונג „נידער מיט דער מילכאָמע", „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג".

מאָסקווע איז געווען הינטערשטעליק לעגאבע פּעטראָגראד. אין אָקטיאבער 1916, למשל, זיינען קימאט אלע 100 פּראָצ. אָנטיילנעמער פון פּאָליטישע שטרייקן אויס-געפאלן אף פּעטראָגראד (138.076 פון 138.531 פונעם אלרוסלענדישן כאכאקל לויט דער אָפיציעלער סטאטיסטיק). דער פּעטראָגראדער ראיאָן איז געווען א ראיאָן מיט א מער „ריינעם" פּראָלעטאריאַט, ער איז שטארקער געווען פארבונדן מיט דער פּארטייישער באָלשעוויסטישער אָנפירונג, מיט די רעוואָליוציאָנערע טראדיציעס און מיט די אויפשטאנדן פונעם פּראוודיסטישן פעריאָד.

אוראל און באקו האָבן זיך אמווייניקסטן ארויסגעוויזן פאר די צוויי מילכאָמע-יאָרן. ערשט סאָף 1916, און איבערהויפּט, אין יאנוואר 1917 האָט זיך אין די דאָזיקע ראיאָנען פאנאנדערגעוויקלט א כוואליע שטרייקן. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אף אוראל זיינען פאָרגעקומען די גרעסטע ענדערונגען אינעם ארבעטער-באַ-שטאנד. דער גרונט-קאדער פונעם אוראלער ארבעטער-קלאס איז נאָך פריער אויך גע-ווען פארבונדן דורך פיל שטייגערישע וואָרצלען מיטן דאָרף.

באקו, ווי ער, האָט פארלאָרן די קרעפטן אינעם דויערנדיקן שטרייק, וואָס איז פאָרגעקומען אקוראט אָנהייב מילכאָמע (מיי—אויגוסט 1914).

די פאָרגעשריטענע ראָליע פון די מעטאַליסטן אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, וואָס האָט זיך באַזונדערס געהאַט פאַרשטאַרקט אין אָנהייב XX יאָרהונדערט, איז אויך פאַרבליבן אין די באַדינגונגען פון מילכאָמע-צייט. די פּעטערבורגער מעטאַליסטן, וואָס זיינען געווען קולטורעלער און באַוווסטזיניקער, האָבן אַנטשיידן רעאַגירט אַפן ווילקיר מיצאַד דער מאַכט, אַפן פּאָליטישן דרוק און אַף דער רעכטלאָזיקייט פונעם אַרבעטער-קלאַס.

לענין האָט געהאַלטן, אַז די סיבע דערפון איז דער פאַקט, וואָס „די פּעטערבורגער אַרבעטער זיינען אין פאַרגלייך מיט די פּראָווינציעלע מער קולטורעל און באַוווסטזיניקער און זיי זיינען מער צוגעווינט און מער פייִק ווירקלעך זעלבסטשטענדיק צו „פאַנאַנדערקלייבן“ זיך אין אַלע פראַגן פון דער מאַרקסיסטישער לערע און אין דער פּראַקטיק פון דער אַרבעטער-באַוועגונג“.

אין דער אויבן געבראַכטער טאַבעלע האָבן מיר פאַרצייכנט אַן איבערוואָג פונעם עקאָנאָמישן קאַמף. אין די באַדינגונגען פונעם וואַקסנדיקן פּאָליטישן קריזיס אין לאַנד איז אָבער דער עקאָנאָמישער קאַמף שנעל אריבערגעוואַקסן אין אַ פּאָליטישן.

אָנהייב מילכאָמע איז די בורזשואַזיע אַף קיינע האַנאָכעס ניט געגאַנגען. לעטוווּעס די אַ בעטער האָבן זיך געענדיקט בלויז 5,1% קעגן 6,9% שטרייקן.

אָבער פון די מעשוגענער-אַרויסשפּרינגענדיקע פּרייזן אין 1915 יאָר און פון דער ערשטער העלפט 1916, איז געווען אוממעגלעך ניט צו מאַכן ניסטיקע האַנאָכעס בענעגייע די אַרבעטער. אין האַרבסט 1916 האָבן מיר שוין אָבער ווידער אַ גיגאַנטישע ציפער פון אָפּזאָגן, רעוואָלוטאַטלאָזע און פאַרזויגענע עקאָנאָמישע שטרייקן. „פונעם אַרבעטערס הויכן פאַרדינסט נעמט זיך דער גאַנצער יאַקרעס“ — האָט געיאָמערט די בורזשואַזיע. דאָס הויפּט-מיטל צו ראַטעווען די צעפאַלנדיקע ווירטשאַפט האָט די בורזשואַזיע איינגעזען אין פאַרקלענערן די פאַרדינסטן פון די אַרבעטער. נאָר אַפילע די נייע אַרבעטער-שיכטן (פרויען, דאָרפישע אָרעמשאַפט), וואָס האָבן אויסער זייער אַרבעטסקראַפט ניט געהאַט קיין שום אַנדערע עקזיסטענץ-קוועלן, האָבן שוין איצט אויך פאַרשטאַנען, אַז דער עקאָנאָמישער קאַמף איז ענג פאַרבונדן מיטן פּאָליטישן און זיי האָבן געפאָדערט אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג און אָפּשטעלן די מילכאָמע. אין די זעלבע כאַדאָשים זיינען אויך שנעל געוואָקסן די מאַפּאָלע-שטימונגען באַם אַרבעטער-קלאַס.

די הויפּט-מאַסע פונעם אַרבעטער-קלאַס האָט זיך קיינמאָל ניט באַצויגן צו דער מילכאָמע גלייכגילטיק אָדער פּאָזיטיוו.

אין די טעג, ווען עס איז דערקלערט געוואָרן די מילכאָמע, האָבן די פאָרגעשריטענע אַרבעטער פון פּעטערבורג און פון אַנדערע אַרבעטער-צענטרען געמאַכט דורכן איינצואָרדענען גרויסע אַנטימילכאָמע-דעמאָנסטראַציעס. אין 1915 יאָר איז דער פּראָלעטאַריאַט פון פּעטערבורג, כאַרקאָוו, סאַראַטאָוו און אַנד. שטעט ניט געגאַנגען מיטאַרבעטן מיט דער בורזשואַזיע אין די קריג-אינדוסטריעלע קאָמיטעטן אַף צו פירן ווייטער די מילכאָמע. די אַנטימילכאָמע-שטימונגען בא די אַרבעטער האָבן זיך אויך אַרויסגעוויזן בייס די גרויסע עקאָנאָמישע שטרייקן.

עס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק, ווען מיר זאָלן ניט פאַרצייכענען די דערשיינונגען פון פּאַטריאָטיזם צווישן אַרבעטער. די אויבן געבראַכטע קוואַנטיטאַטיווע און קוואַליטאַטיווע ענדערונגען אינעם פּראָלעטאַריאַטס באַשטאַנד האָבן געווירקט אַף

דעם, אז דער גראד פון זיין באוווסטזיין איז צייטווייליק נידעריקער געוואָרן. מע טאָר ניט לייקענען, אז בלויז די סיטואציע פון נאָך דער פעוורואל-רעוואָליוציע האָט געשאפן די פעטערבורגער „געוויסנהאפטע באשיצלעריי". ניין, אָט-די „געוויסנהאפטע באשיצלעריי" וואָרצלט נאָך אין די באדינגונגען פון פאר פעוורואל. מיר ווילן דערמיט ניט אוועקשטעלן קיין פארגלייך-צייכן צווישן דעם פאטריאָטיזם און דער „געוויסנהאפטער באשיצלעריי", די סאָציאלע באזע איז אָבער בא זיי איינע און די זעלבע. דער אונטערשייד איז בלויז אין דער פאָליטישער סיטואציע און אין דעם, וואָס דער מאסן-פאָרשטייער פון דער „געוויסנהאפטער באשיצלעריי" האָט ניט געוואָלט קיין אָקופאציע, קיין אנעקסיעס, ער האָט ניט געוואָלט אפילע קיין זיג, ער איז געשטאנען פאר אן אלגעמיינעם דעמאָקראטישן שאָלעם און פאר שוק, קאָלזמאן עס איז ניט פאראן קיין אלגעמיינער אויסגלייך צווישן די מעלוכעס אף אָפּצושטעלן די מילכאָמע.

דער דורכפירער פון די באשיצלערישע אָנשווינגען אין דער ארבעטער-סוויווע איז געווען א דינער, קוואנטיטאטיוו ניט קיין גרויסער אויבערשטער דורכשיכט פון ארבעטער, איבערהויפּט אין דער קריג-אינדוסטריע. אין 1915 האָט לענין געשריבן, אז אויך אין רוסלאנד האָט זיך געמוזט ארויסווייזן דער „אייראָפּעישער" טיפּ פון דער אנטוויקלונג, ווען געוויסע שיכטן פון דער קליינבורזשואזיע, איבערהויפּט פון דער אינטעליגענץ און א נישטיקער טייל פון דער ארבעטער-אריסטאָקראטיע קאָנען זיך „באנוצן" מיט די פּריווילעגיעס פון דער „גרויסמעכטיקער" לאגע פון „זייער נאציע". די נייע ארבעטער-שיכטן, וואָס זיינען געקומען פון די דערפער, פון די שטעטישע אומגעגנטן אין פאבריק אריין, קעדיי צו זוכן א גוטן פארדינסט און גאראנטיעס קעגן דער מאָבילאזאציע, זיינען געווען די באזע פאר אָט דעם נישטיקן טייל ארבעטער-אריסטאָקראטיע, וואָס איז אין די מילכאָמע-יאָרן געשטאנען אף א סאָציאל-פאטריאָטישער פּלאטפאָרם.

מע דארף, פארשטייט זיך, האָבן אין אכט די באזונדערקייטן פון די דאָזיקע שטימונגען בא די ארבעטער און זייער אונטערשייד פונעם בורזשואזן פאטריאָטיזם. קעדיי אויסצומיידן א „רעוואָליוציע פון די אונטערשטע שיכטן" איז די בורזשואזיע געווען גרייט אף יעדן קאָמפּראָמיס מיט דער זעלבסטהערשונג. אין די שטרייקן אפילע פון די באשיצלעריש-געשטימטע ארבעטער, האָט זיך דער לאָזונג וועגן שטיצן דעם פראָנט אָפט איבערגעפלאָכטן מיטן לאָזונג „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג". די באָלשעוויסטישע לאָזונגען בענעגייע מילכאָמע זיינען לאנגזאם איינגעגלידערט געוואָרן אין די ברייטע ארבעטער-מאסן, אין רעזולטאט פון אקשאָנעסדיקער און איינגעשפארטער אנטימילכאָמע-ארבעט מיצאד די גאנצגעבליבענע און אפסניי אופגעקומענע פארטייִשע קרייזלעך פון באָלשעוויקעס.

דער פאָרגעשריטענער גרונט-קאדער פון די ארבעטער איז אָבער אויך אין די מילכאָמע-יאָרן ניט אראָפּ פון די „פראוודיסטישע" פאָזיציעס.

„אין אלגעמיין און אין גאנצן גענומען, — האָט לענין געשריבן, — האָט זיך דער ארבעטער-קלאס ארויסגעוויזן אימוניזירט קעגן דעם שאָוויניזם". די רעוואָליוציאָנערע לאגע און די אלגעמיינע לעבן-באדינגונגען פונעם רוסישן פּראָלעטאריאט האָבן פארן שאָוויניזם ניט געשאפן קיין באָדן: „מיר זעען אין רוסלאנד א גאנצע ריי שאטירונגען פון אָפּאָרטוניזם און רעפאָרמיזם צווישן דער אינטעליגענץ, קליינבור-

זשואזיע א.א.וו. צווישן די פּאָליטיש-אַקטיווע אַרבעטער-שיכטן זיינען זיי אָבער אין אַ נישטיקער מינדערהייט. דער שיכט פּריווילעגירטע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע איז בא אונדז שוואַך. קיין פעטישיזם פון לעגאַליטעט האָט זיך בא אונדז ניט געקענט שאַפן".

אָט-די כאַראַקטעריסטיק לעני̇נס אַנטפּלעקט זיך באַזונדערס אָנשוילעך אויפן ביישפּיל פונעם קראַך פון דער „גוואָזדעוויאַדע" און אויפן דורכפאַל פון די פּרוּוון צו „אייראָפּעיזירן" די אַרבעטער-באַוועגונג.

3. די פּרוּוון פון דער בורזשואַזיע צו „אייראָפּעיזירן" די פאָרמען פון דער רוסישער אַרבעטער-באַוועגונג

די פאַנאַנדערגעוויקלטע שטרייקן-באַוועגונג האָט געמוזט צווינגען די בורזשואַזיע אַוועקצושטעלן ערנסט די אַרבעטער-פראַגע אויף דער טאָג-אָרדענונג פון איר פּאָליטיק. ערעוו דער מלחמה האָט די בורזשואַזיע געשטרעבט צו באַוואָרענען דעם „פרידן אין דער אינדוסטריע" דורך פּאָליציישע עקזעקוציעס, לאָקאַוטן, דורך אַ סיסטעם פון שוואַרצע צעטלען און פאַבריק-שפּיאָנאַזש, דורך ספּעציעלע קאָנווענציעס וועגן דעם, אַז דער גאַנצער קלאַס בורזשואַזיע דאַרף געבן שטיצע יענע צווייגן, וווּ עס וועלן פאָרקומען שטרייקן א.א.וו. פאַרשטאַרקטע דורכן מלחמה-רעזשים, האָבן אָט די אַלע אינסטיטוטן געשלאָגן איבערן רעכטלעכן, פּראָדוצירישן און שטייגערישן לעבן פון די אַרבעטער. די שטרייקן פון די מלחמה-יאָרן האָבן אָבער אַרויסגערופן צום לעבן עפּעס נייס, וואָס האָט געצוווּנגען באַשטימטע קרייזן פון דער בורזשואַזיע איבער-צוקוקן די ליניע אין דער פראַגע און זי אָפּפרישן מיט דער הילף פון אַריבערגעטראָגענע אויפן רוסישן באָדן „אייראָפּעיִשע" טראַדיציעס.

נאָך דער „נייער קורס" איז געקומען צו שפּעט. דער באַלאַנס פון די קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן דער בורזשואַזיע מיטן פּראָלעטאַריאַט אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע, פון רעאַקציע און אומשטייג האָט געדרערט ניט לעטוויוועס אַ קלאַסן-פרידן און קאָמפּראָמיסן. אין דער רוסישערווירקלעכקייט האָט עס קיין באָדן ניט געפונען.

אין וואָס באַשטייט דער שאָך פונעם „נייעם קורס", וועלכן עס האָט געהאַט גענומען אַ באַשטימטער טייל בורזשואַזיע?

קעדיי צו קענען פירן די מלחמה מיט דערפאָלג (און דאָס איז געווען די סאַמע אָנגעווייטיקסטע פראַגע פאַר דער בורזשואַזיע), איז נייטיק געווען אַ רויִקער און אָרגאַניזירטער הינטערלאַנד. אין הינטערלאַנד איז אָבער פאָרגעקומען אַ ברייטע כוואַליע שטרייקן, זאַמרוען און אַלגעמיינע אומצופרידנקייטן. עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די נייטיקייט צו גיין אויף האַנאָכעס, די באַדערפעניש צו שאַפן „פאַר די אַרבעטער" אַזעלכע רעפאָרמעס, ווי אַרבעטער-בירזשעס, אויסגלייך-קאַמערעס, אינסטיטוט פון פאַבריק-זאַוואָדישע סטאַרעסטעס און לעגאַלע פּראָפאַריינען. דעם 3-טן אויגוסט 1916 איז אין אַ לאַנגער געשעפטלעכער אינסטרוקציע (וואָס איז אָפּגעגעבן צעשיקט געוואָרן איבער אַלע קריג-אינדוסטריעלע קאָמיטעטן), אונטערגעשריבן פון אַ. קאָנאָוואַלאָוו, פּ. קאַזאַקעוויטש און יע. אַמעלטשענקאָ, געוואָרן מיטגעטיילט, אַז די סיבע פון דער שטרייקן-כוואַליע איז די מאַכט אַליין. פאַר דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה

האָט דער אַרבעטער-קלאַס „ניט געהערט פון דער מאַכט, אַז זי זאָל רופן צו אים און אין אים דערוועקן די העכסטע פּאַטריאָטישע געפילן". אָפּבאָלגדיק די דערפאַרונג פון מייִרעוו, האָט די אינסטרוקציע דערוויזן, אַז אויך פאַר די רוסישע אַרבעטער איז נייטיק צו אָרגאַניזירן פּראָפּפאַריינען און אויסגלייך-אינסטיטוטן: „די מאַכט דאַרף אַנטקעגנקומען די אַרבעטער, זי דאַרף פאַרווירקלעכן דורך אַ ספּעציעלער געזעצגעבונג זייערע פאָדערונגען, ענדערן איר קוק, אָפּוואַרפן ביזן גרונט דעם אומצוטרוי, אָפּוואַרפן די טאַקטיק פון ווילקיר. אַזוי פאָדערן נעכטיק די גראַנדיעזע אויפגאַבן, וואָס דערוואַרטן דעם לאַנד נאָך דער מילכאָמע. מיר דאַרפן אָרגאַניזירן די לעבעדיקע קרעפטן פונעם לאַנד, און אין דער ערשטער ריי אָרגאַניזירן דעם אַרבעטער-קלאַס פון רוסלאַנד".

קאָנאָוואַלאָוו אַליין האָט אויף צוויי אודיענצן באַ שטורמער אַקשאָנעסדיק דערוויזן, אַז עס זיינען נייטיק קאָנקרעטע מאָסמיטלען אויך אין דער אַרבעטער-פראַגע און אַז עס איז נייטיק אין דער ערשטער ריי צו שאַפן פּראָפּפאַריינען. אין אַ לייט-אַרטיקל, וואָס איז שפּעטער דערשינען אין „איזוועסטיא" פון צענטראַלן קריג-אינדוסטריעלן קאָמיטעט, ווו עס איז טעאָרעטיש און היסטאָריש באַגרינדעט געוואָרן די גאַנצע ליניע פונעם אָנגעוויזענעם פליגל פון דער בורזשואַזיע, איז דער דאָזיקער געדאַנק אַנטוויקלט געוואָרן נאָך פולער: „דאָס ברייטע מיטווירקן דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג ווערט דיקטירט דורך די אַלגעמיינע מאָטיוון וועגן דער נוצלעכקייט, אַז עס זאָל עקזיסטירן אַ פּראָפעסיאָנעל-אָרגאַניזירטער קלאַס... די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג איז די *אַמערסטן אַנטשיידנדיקע גאַראַנטיע קעגן דער פּאָליטישער באַוועגונג פון די אַרבעטער*. די דערפאַרונג פון מייִרעוו-אייראָפּע האָט באַוויזן, אַז לויט זייער אידייִ גופא וועגן עקאָנאָמיש פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון זייערע מיטגלידער ווענדן ניט די פּראָפּפאַריינען קיין אויפמערקזאַמקייט אויף די פּאָליטישע איבערצייגונגען זייערע, און עפענען ברייט די טירן פאַר אַלע, ווער עס וויל".

די בורזשואַזיע האָט, אַזוי אַרום, געהאַט אין אויג צו שאַפן שמאָל-טרעד-יוניאָניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָלן ניט נאָר מיטווירקן דעם פרידן אין דער אינדוסטריע, נאָר זיי זאָלן אויך אָפּציִען די אַרבעטער פונעם פּאָליטישן קאַמף. קאָנאָוואַלאָווס מעמאָראַנדום און דער אָנגעוויזענער אַרטיקל האָבן אָנגעגעבן אַ סכעמע פון מאָסמיטלען מיכּויעך דער אַרבעטער-פראַגע. אונטערן דרוק פון דער ווירקלעכקייט האָט זיך די בורזשואַזיע געשטעלט אין דער אַרבעטער-פראַגע אויפן וועג פון אַן אייגנאַרטיקער „סטאָלפּיניאַדע". די בורזשואַזיע האָט געשטרעבט צו פאַרבורזשואַזעווען די אַרבעטער-באַוועגונג, פאַרשטאַרקן אין איר די *סאָציאַל-שאָוויניסטישע* טענדענצן (וואָס זיינען נייטיק, קעדיי צו באַוואָרענען דעם גאַנג פון דער מילכאָמע) און די *רעפאָרמיסטישע* (וואָס זיינען נייטיק פאַר דעם פרידן אין דער אינדוסטריע). דערפון שטאַמט טאַקע איר שטרעבונג אַרויסצוווייזן מער צוטרוי דעם אויבערקעפּל פון די אַרבעטער און זיך שטיצן אויף אים. דאָס איז געווען אַ גאַנצע פּראָגראַם. איר פעלער איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס די פאַרווירקלעכונג אירע האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ריי אָביעקטיווע און סוביעקטיווע שוועריקייטן, וואָס האָבן זיך געפונען אויסער דער ווירקונג-ספערע פון דער בורזשואַזיע. אין דער פּערזאָן פון די באַשיצלער גוואָז־

דיעוס, ברוידעס, בולקינס, טשערנאָגאָראָדצעווס און דגל. האָט די בורזשואַזיע אויך געפונען יענע „פאָרשטייערשאפט" פונעם ארבעטער־קלאַס, וועלכע זי האָט געהאט נייטיק. דער ווײַטערדיקער שריט פון דער בורזשואַזיע איז געווען דער פרווו ארײַנצוציען די ברייטע ארבעטער־שיכטן אין די פראגן וועגן מילכאָמע און שוק. באַם צענטראַלן קריג־אינדוסטריעלן קאָמיטעט האָט זיך געשאפן אן אזויגערופענע ארבעטער־גרופּע, וואָס מיט איר הילף איז מען צוגעטראָטן צו פאַרווירקלעכן די אָנגעמערקטע פּראָגראַם.

וויאַזוי האָבן זיך צו דעם אַלץ באַצויגן די ארבעטער? די אמערסטן אויסגעהאלטענע ארבעטער פון די גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען זײַנען בײַס די וואלן פון ארבעטער־גרופּן געווען קעגן די קונצן פון די קאָזפּראָמי־לער. די רעזולטאטן פון די וואלן אין פּעטראָגראַד, וואָס זײַנען פאָרגעקומען דעם 27 סענטיאבער 1915, דערנאָך אין כארקאָוו, ניזשני־נאָווגאָראָד, ניקאָלײַעוו און אנד. ארבעטער־צענטרען זײַנען געווען גענוג קלאָגעדיקע פאַר דער בורזשואַזיע. די באָלשעוויקעס האָבן, עמעס, קיין אנטשיידנדיקן איבערוואָג ניט געהאט (וועגן דעם זאָגט איידעס דער פאקט, וואָס צו אווגוסט 1916 זײַנען געווען 52 פאַרעגיסטרירטע ארבעטער־גרופּעס), אָבער דער גרונטיקער פּראָלעטאַרישער קערן פון די ארבעטער־מאסן איז געשטאנען אפן באָלשעוויסטישן שטאנדפּונקט אין דער מילכאָמע־פראגע און איז געווען קעגן מיטארבעטערשאפט מיט דער בורזשואַזיע.

די ארבעטער־גרופּן האָבן אָנגעהויבן אויסשפּילן די ראָליע פון א געהילף־אפּאַראט בא דער בורזשואַזיע. „דער סאָציאַליזם שטייט ניט אין טאָג־אָרדענונג, די אָרדנטלעכע אויפגאַבע איז — די מאַכט זאָל פון די פּריצישע הענט אריבער אין די קאפּיטאליסטישע", — האָט ק. גוואָזדעוו געזאָגט אף דער צווייטער פאַרזאַמלונג פון די פּעטראָגראַדער וואלמע ער, דעם 29־טן נאָיאבער 1915.

אפן וואָרט און באזונדערס אף די צוזאמענפאָרן פון די קריג-אינדוסטריעלע קאָמיטעטן האָבן די גוואָזדעווצעס דעמלט ארויסגעוויזן א געוויסן דעמאָקראַטישן ראַדיקאַליזם. אין דער פּראַקטיק איז אָבער די טעטיקייט פון די „ארבעטער-גרופּן" געווען רײַנסטער ליבעראַליזם, ווי דאָס איז צו זען פון דער קאמפּאניע ארום דעם געזעץ וועגן פאבריק-סטארעסטעס און אויסגלײַך-קאמערעס און באזונדערס פון דער גאנצער אנטישטרײַקערישער טעטיקייט פון די „גוואָזדעווצעס". ניט אומזיסט איז סאָף 1916 די ארבעטער-באוועגונג פולשטענדיק פאַרבײַגעגאנגען די „ארבעטער-גרופּ". דער אווטאָריטעט זייערער איז געפאַלן אפילע אין דער סוויווע, וואָס איז פריער געווען די סאָציאַלע באַזע פון די ארבעטער-גרופּן, אפילע די מענשעוויסטישע אויספיר-קאָמיסיע, וואָס די פּעטראָגראַדער „ארבעטער-גרופּע" האָט זיך געפונען אונטער איר דירעקטער ווירקונג, האָט צוגעשטעלט די „גוואָזדעווצעס" אן אולטימאַטום וועגן אוועקגיין פון צענטראַלן קריג-אינדוסטריעלן קאָמיטעט. אף דעם באָדן האָט זיך אינעם באַשיצלערישן לאַגער אָנגעמערקט א שפּאלטונג. זעענדיק, אז זי איז בעעמעס ווײַט אוועק, האָט די „ארבעטער-גרופּע" באַשלאָסן אופצושטעלן איר געפאלענעם פּרעסטיזש בא די מאסן דורך „עקסטע" מיטלען אין דער פאָרם פון „לינקע" זשעסטן. אין רעזולטאט פון דעם איז מיטן העסקעם פון דער בורזשואַזיע געוואָרפן געוואָרן א לאָזונג וועגן א מארש צו דער דומע אינעם טאָג פון איר דערעפענונג, דעם 14-טן פעווראַל 1917.

דער דאָזיקער לאָזונג איז דורכגעפאַלן ניט דערפאַר, וואָס דעם 27 יאַנוואַר איז
די גרופּע אַרעסטירט געוואָרן, נאָר דערפאַר, וואָס דער אַרבעטער-קלאַס האָט אין
יענער צייט געוואָלט גיין צו דער דומע שוין ניט אַף צו באַגריסן זי און אָנטרויען
איר די פאַרשטייערשאַפט פונעם פאָלקס אינטערעסן, נאָר קעדיי אַראָפּצוּוואַרפן זי
צוזאַמען מיטן צאַריזם. די פאַרצויגענע מילכאָמע, דער הונגער, דער אַנטווערטעטער
רובל, דער קאַטאַסטראָפיש-פאַלנדיקער אַרבעטלוין, די רעכטלאָזיקייט, די דראָונג אָפּ-
צושיקן אַפן פראָנט פאַר דער קלענסטער כוצפּע קעגן „נאַטשאַלסטווע“, דער מילי-
טערישער רעזשים אין לאַנד און אַף דער פּראָדוקציע, די אַרבעט פון די באָלשע-
וויסטישע קעמערלעך אַף די אונטערנעמונגען און אין דער אַרבעטער-סוויווע בכּלל, —
דאָס אַלץ האָט אַ הייב געטאָן אַף אַ העכערער שטופע דעם באַוווסטזיין אַפילע פון
די אַרבעטער, וואָס זיינען ניט לאַנג געווען אָנגעקומען אַף דער פּראָדוקציע.

די מאַסן האָבן זיך אָפּגעווענדט פון די קאָמפּראָמיסלער. וועגן דעם זאָגן איי-
דעס די פאַקטן שוין פון אָנהייב יאָר 1916. סאָף 1916 האָט די אָכראַנקע גופע אונ-
טערגעשטראָכן אין אירע מיטיילונגען דעם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, אַז די „אַרבע-
טער-גרופּן“ זיינען ניט פּאָפּוליער. אין מאָסקווע לעמאָשל, — ווי די שאָוויניסטישע
וואָרצלען זיינען אין דער אַרבעטער-סוויווע אַוועק טיפער און האָבן זיך געהאַלטן לענ-
גער, — האָבן די אַרבעטער-מאַסן אַפן פאָרשלאָג פונעם פאָרזיצער פון דער „אַרבעטער-
קאָמיסיע“ טשערנאָגאָראָדצעוו צו שיקן דעלעגאַטן אַף באַראַטלען די פראַגע וועגן
אַן אַרבעטער-פאָרשטייער אין דער אַרבעט-ביוראָ (אַזאַ אָרגאַניזאַציע באַם קריג-אינ-
דוסטריעלן קאָמיטעט), — זיך אָפּגעזאָגט צו האָבן געשעפט מיט דער אַרבעטער-גרופּע.
„די פאַרוואַלטונג פון דער מעטאַליסטן-געזעלשאַפט זאָגט זיך אָפּ פון באַהאַנדלען צו-
זאַמען מיט דער אַרבעטער-גרופּע וועלכע-ניט-איז פראַגעס און אַרויסטרעטן צוזאַמען
און פאָדערט פון איר זיך אָפּצוזאָגן פון אירע פולמאַכטן, אַלס ניט אָנערקענטע פון
די אָרגאַניזירטע מאָסקווער אַרבעטער“, — אַזוי האָט געשריבן די מעטאַליסטן-אָרגאַ-
ניזאַציע אין איר רעזאָלוציע פון 7-טן מאַרט 1916. אַנאַלאָגישע פאָדערונגען האָבן
אַרויסגעשטעלט די אַרבעטער פון דער שוך-פּראָדוקציע, אַרכיטעקטור-בויערישער,
די דרוקער, אָפיציאַנטן און טראַקטיר-אָנגעשטעלטע.

דער מענשעוויזם און צוזאַמען מיט אים די „אַרבעטער-גרופּעס“ האָבן געהאָפט
אַף דעם, אַז אינעם רוסישן אַרבעטער-קלאַס זיינען פאַראַן טיפע וואָרצלען פון בור-
זשואַזן רעפּובליקאַניזם און האָבן געפּרוּווט באַהעפטן אים אַרום דער מעלוכע-דומע.
די דאָזיקע פּלענער פון דער בורזשואַזיע אונטערצוּוואַרפן צו זיך די אַרבעטער-באַ-
וועגונג מיט דער הילף פון דער דומע זיינען אויך דורכגעפאַלן. דער אַרבעטער-קלאַס,
וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, האָט געשפּאַנט צו
אַ רעוואָליוציע איבערן קאָפּ פון די בורזשואַזיע און מענשעוויסטישע „אייראָפּעיזי-
רונג“-טעאָריעס און איבערן קאָפּ פון דער אָפּאָרטוניסטישער פּראַקטיק פונעם מענשע-
וויזם, וואָס ציט אָפּ דעם פּראָלעטאַריאַט פונעם רעוואָליוציאָנערן וועג.

4. דער קאמף פאר דער רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע פונעם פראָלעטאריאט אין די מילכאָמע-יאָרן

דער רעוואָלוציאָניזירונג-פּראָצעס פונעם פראָלעטאריאט אין די מילכאָמע-יאָרן האָט זיך ארויסגעוויזן פאר מעגלעך בלויז אדאנק דעם אקשאָנעסדיקן קאמף, וואָס די פארטיי באָלשעוויקעס האָט דורכגעפירט פאר א רעוואָלוציאָנערן דערציִען די מאסן און פאר אויסארבעטן דעם פראָלעטאריאט באָלשעוויסטישע אידעאָלאָגיע. אָנהייב מילכאָמע זיינען געווען פיל פאקטן, וואָס האָבן איידעס געזאָגט, אז א באדייטנדיקע צאָל פראָלעטארישע מאסן זיינען אידעאָלאָגיש אָפּגעשטאנען. דער אָנטייל פון אייניקע ארבעטער-שיכטן אינעם גראָמירן די דייטשישע מאגאזינען, דאָס בלייבן ארבעטן אף דער גראנאטן-אינדוסטריע דאן, ווען אלע איבעריקע אונטערנעמונגען האָבן געשטרייקט, דער גלייבן אין די צוזאָגעכצן פון דער פאָליציישער מאכט, די פיינטלעכע באציִונג צו די מאפּאָלע-לאָזונגען, דער אָנטייל אין פאטריאָטישע מאניפעסטאציעס, — אָט די און אנדערע פאקטן האָבן איידעס געזאָגט וועגן דעם, אז בא א געוויסן טייל ארבעטער פעלט דער קלאָרער באוווסטזיין וועגן דעם פראָלעטאריאטס קלאסן-אויפגאבן אין דער פאנאנדערגעוויקלטער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע. אין דעם פעריאָד האָבן בלויז איינצלנע פאָרגעשריטענע ארבעטער, אָדער דירעקט פארבונדענע מיט דער פארטיי אויפגענומען דעם לאָזונג וועגן פארוואנדלען דעם אימפּעריאליסטישן קריג אין א בירגער-קריג. די מאסן פראָלעטאריער, וואָס האָבן זיך נאָרוואָס אריינגעגאָסן אין דער פראָדוקציע, זיינען ערשט אינעם גאנג פון דער מילכאָמע, נאָך דער דערפארונג פונעם קאמף און נאָך דער פארערגערונג פון זייער לאגע דערוואָקסן דערצו, אז זיי זאָלן אָט דעם לאָזונג קענען פארשטיין. שטרעבנדיק אף קאָנקרעטע פאקטן אויפצוהייבן דעם באוווסטזיין פון די ארבעטער ביזן פארשטיין די מאפּאָלע-לאָזונגען און די פארבינדונג פון די דאָזיקע לאָזונגען מיט דער רעוואָלוציע, זיינען די באָלשעוויקעס ארויסגעגאנגען אין זייער אגיטאציע און פראָפּאגאנדע פון די עקאָנאָמישע און שטייגערישע באדינגונגען פון די ארבעטער און פון זייער רעכטלעכער לאגע.

מאָביליזירנדיק די צעוואָרפענע באָלשעוויסטישע קרעפטן, וואָס זיינען גאנץ געבליבן נאָך די צעגראָמירונגען מיצאד דער פאָליציישער און מיליטערישער קליקע, האָט די פארטיי מיטגעהאָלפן מאָביליזירן די פראָלעטארישע מאסן אין דער ריכטונג פון א רעוואָלוציע. די סטיכיישע רעוואָלוציאָניזירונג פונעם באוווסטזיין בא די ארבעטער-מאסן, וואָס איז געווען באדינגט דורך דעם גאנג פונעם ארבעטער-קאמף קעגן דרוק און רעכטלאָזיקייט, קעגן דער וואקסנדיקער אָרעמשאפטלעכער לאגע פון די ארבעטער — אָט די סטיכיישע רעוואָלוציאָניזירונג איז דערגאנצט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציאָנערער שטימונג, וואָס די פארטיי-טוער האָבן מיט דער הילף פון רעוואָלוציאָנערער אגיטאציע און פראָפּאגאנדע באוווסטזיניק אריינגעטראָגן אין דער ארבעטער-סוויווע. דער דאָזיקער פראָצעס פון קלאסן-באוווסטזיניקן באציִען זיך צו די געשעענישן און צו די אויפגאבן פונעם פראָלעטאריאט האָט צוערשט ארומגעכאפּט לויט דער צאָל ניט קיין גרויסן שיכט-ארבעטער, וואָס האָט אין די אויפשטייג-יאָרן אנטיילגענומען אין דער שטרייק-באוועגונג. וועגן אָט דעם שיכט פאָרגעשריטענע ארבעטער האָט טאקע לענין געשריבן, אז „זיי האָט די רעאקציע ניט איינגעבראָכן ניט בייס דער יול-צעגראָמירונג, ניט אין די טעג פון דערקלערן מילכאָמע און זאָל

אפילע פינף מאָל און צען מאָל אזויפיל זיי צעבערעכן די מילכאָמע, די טורמע, סיביר, קאטערגע, אָבער פארניכטן דעם דאָזיקן שיכט איז אומעגלעך. ער לעבט, ער איז דורכגעדרונגען מיט רעוואָליוציאָנערישקייט און אנטישאָוויניזם".

פון זיי האָבן זיך געשאפן די פארטייישע קרייזלעך אָדער קעמערלעך אף די אונטערנעמונגען. זיי האָבן פון זיך פאָרגעשטעלט דעם רינג, וואָס האָט פארבונדן די פארטייישע אָנפירונג מיט די מאסן. טאקע אָט די גרופן ארבעטער האָבן זיך אוועק־געשטעלט, ווי א דאמבע, קעגן דעם דראנג פון דער גוואָזדעוויאדע, קעגן די קלאסן־פרעמדע שאָוויניסטישע שטימונגען אין דער ארבעטער-סוויווע. די געשיכטע פון יעדן איינצלנעם גרויסן שטרייק, וואָס איז פאָרגעקומען אין די מילכאָמע-יאָרן באווייזט קלאָר די אָרגאניזירנדיקע ראָליע פון אָט-די ארבעטער-שיכטן.

די מיליטערישע מאפּאָלעס, די פארערגערטע לאגע פון די ארבעטער, די פאקטן פון פארראט ביצאד די מענשעוויקעס-באשיצלער און דער אקשאָנעסדיקער קאמף פון די באָלשעוויקעס צווישן די מאסן האָט אלץ מער און מער געבראכט צום פארקלע־נערן די באשיצלערישע שטימונגען און צום רעוואָליוציאָניזירן דעם באוווסטזיין פון פראָלעטאריאט. די ארבעטער-מאסן האָבן אָנגעהויבן אָרגאניזירטערהייט מעלדן, אז זיי האָבן ניט און ווילן ניט האָבן קיין שום געמיינזאמעס מיט דער „גרופע", און אז זיי באטראכטן ווי א פארראט דאָס, וואָס זי פארטיידיקט די אימפעריאליסטישע מילכאָמע. די „אָכראנקע" האָט אין אירע ביטיילונגען אלץ אָפטער אָפּגעגעבן א בא-
ונדער אויפמערקזאמקייט די באָלשעוויקעס-לעגינצעס און אָנגערופן זיי די הערשער איבער די ארבעטער-שטימונגען.

אינעם דאָזיקן פעריאָד האָט דער פעטערבורגער קאָמיטעט פאקטיש געשפּילט די ראָליע פון א צ. ק. פון דער פארטיי באָלשעוויקעס. ניט געקוקט אף די קעסיידער־דיקע דורכפאלן און איזאָלירונגען פון אומלעגאלע פארטיי-טוער, אזוי אויך די טעכניק און ליטעראטור, האָט די פארבינדונג פונעם פ. ק. מיט די מאסן געהאלטן אין איין וואקסן. די פאָליציי און די „אָכראנקע" האָבן פארשטארקט זייער טעטיקייט און די פארפאָלגונגען קעגן די באָלשעוויקעס-ארבעטער, באזונדערס סאָף 1916 און אין יאנוואר 1917 יאָר. דער וווּקס פון דער באָלשעוויסטישער אידייִשער ווירקונג און אָרגאניזירנדיקער ראָליע אין דער מאסעווער ארבעטער-באוועגונג האָט זיך גע־לאָזט פילן ניט נאָר אף דער רעוואָליוציאָניזירונג פון די פראָלעטארישע מאסן, נאָר אויך אף די שטימונגען אין דער ארמיי און אין דאָרף.

העכער א מיליאָן ארבעטער האָט זיך אין די מילכאָמע-יאָרן אריינגעגאָסן אין דער ארמיי און זיי האָבן געהאט א קאָלאָסאלע פאָליטישע ווירקונג אף די סאָלדאטן. דער געוויינלעכער באשטאנד פון דער ארמיי, וואָס איז קעסיידער דערגאנצט געוואָרן מיט פויערישע עלעמענטן, איז געווען אויסשליסלעך א אָרעם-ביטל-פויערישער. דער־פאר טאקע האָט די ארמיי געטראָגן אף זיך דעם שטעמפּל פון די קלאסן-ווידערשפּרוכן אין דאָרף אינעם פעריאָד פון די מילכאָמע-יאָרן. און די דאָזיקע ווידערשפּרוכן זיינען געווען ווידערשפּרוכן צווישן די גרונט-מאסן פויערטום מיט די גוטבאזיצער און באלעגופים. אף דער שטימונג פון די סאָלדאטן האָט געווירקט די רעכטלאָזיקייט און דער דאלעס פון זייערע איבערגעלאָזטע פאמיליעס. אָבער ניט בלויז די אויסגאנג־לאָזע לאגע פון די פאמיליעס, וואָס זיינען פארבליבן אינדערהיים און די רויִנירונג פון זייער ווירטשאפט האָבן באשטימט זייערע שטימונגען, נאָר אויך די ארבעט, וואָס

די פּאָרגעשריטענע, באַוווּסטזיניקע ארבעטער האָבן געפירט אין דער ארמיי. דורך מאָביליזירן מאסנווייז די ארבעטער און דורך שיקן די ארבעטער אפן פראָנט אלס שטראָף פאר א שטרייק פלעגט די בורזשואזיע זיך אנטשעדיקן אף א געוויסער צייט פון די „אומרויִקע עלעמענטן". דערפאר אָבער האָבן זיך פון זיי אפן פראָנט געשאפן קאדרען פון אגיטאטערס און פּראָפּאגאנדיסטן קעגן דער מילכאָמע, קעגן צאריזם און קעגן דער בורזשואזיע. אָט אזוי איז אונטער דעם פּראָלעטאריאטס ווירקונג די ארמיי צוגעגרייט געוואָרן אלס א רעזערוו און קראפט פון דער רעוואָליוציע. אף די פראָנטן, וואָס האָבן זיך געפונען נאָענט פון די ארבעטער-צענטרען, האָבן די ארבעטער באַזונדערס העפטיק באארבעט די ארמיי. דעריבער איז דער קלאסן-זעלבסטבאַוווּסטזיין פון דער 10-מיליאָניקער ארמיי געוואקסן זייער שנעל. און די פראגע וועגן דעם, מיט וועמען וועט די ארמיי גיין, צי מיטן ארבעטער-קלאס, צי מיט דער בורזשואזיע און צאריזם, איז אין די לעצטע מילכאָמע-יאָרן געלייזט געוואָרן ענדגילטיק לעטויוועס די ערשטע. און דערפון איז אין א באַרייטנדיקער מאָס אָפּהענגיק געווען די פראגע וועגן דעם זיג פון דער רעוואָליוציע.

שוין אין 1916 יאָר האָבן מיר געהאט בוילעטע מוסטערן, וויאזוי די סאָלדאטן גייען אריבער אף דער זייט פון די ארבעטער און אזעלע פאקטן, ווען סאָלדאטן זיינען ארויסגעטראָטן צו שטיצן די שטרייקנדיקע ארבעטער. די ארויסטרעטונג פון די סאָלדאטן פון 181-טן פוסגייער-פּאָלק צוזאמען מיט די ארבעטער פונעם זאוואָד „רוסקי רענאָ" אין אָקטיאבער 1916, איז געווען סימפּטאָמאטיש פאר דער שטימונג פון דער ארמיי. דעם לאָזונג „נידער מיט דער מילכאָמע" האָט די ארמיי אין 1916 יאָר באנומען זייער טיף, האגאם באהאלטענערהייט און דערווייל פּאסיוו. די ארבעט פון די סאָציאלדעמאָקראטישע, באָלשעוויסטישע קעמערלעך און פון די איינצלנע ארבעטער-באָלשעוויקעס, וואָס זיינען געווען צעזייט איבערן גאנצן פראָנט, איבערהויפּט אפן צאָפנדיקן און וואַרשעווער, האָט פארשטארקט די אנטימילכאָמע-שטימונג בא די סאָלדאטן.

כ. פעדאָטאָוו דערציילט אין זיינע דערינערונגען („די דווינער אין דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע") ווי עס האָט געארבעט דאָס באָלשעוויסטישע ארבעטער-קרייזל אין דער 121-טער, 55-טער און 11-טער דיוויזיע בא פארשפּרייטן פּראָקלאמאציעס און אינדיווידועלן באארבעטן די סאָלדאטן.

אין דער הינזיכט האָבן די באָלשעוויקעס דיסקאָנטירט די דערפארונג פון דער רעוואָליוציע אין די יאָרן 1905—07. די דערנעענטערונג פון די צוויי רעוואָליוציאָנערע שטראָמען — פונעם ארבעטערשן, פאבריק-זאוואָדישן מיטן דאָרפישן, סאָלדאטיש-פּויערישן — איז געוואקסן מיט א ניט איינגעהאלטענער קראפט.

די פאנאנדערשיכטונג אין דאָרף האָט זיך פאר די מילכאָמע-יאָרן אויסערגעוויינלעך פארשטארקט. דער באלעגוף האָט זיך באנוצט מיט דער מילכאָמע, כדי צו פארברייטערן זיין ערד-שעטעך און פארפעסטיקן די ווירטשאפט. די אָרעמשאפט, וואָס איז רויִנירט געוואָרן דורך דער מילכאָמע, האָט אלץ ליידנשאפטלעכער פארהאסט די מילכאָמע. דער סאָלדאט-פּויער אָדער ארבעטער, וואָס איז פון פראָנט אריינגעפאלן אין דאָרף, האָט דאָרט געטראָפן א פולשטענדיק צוגעגרייטן באָדן פאר רעוואָליוציאָנערער אגיטאציע. דער פּראָלעטאריאט איז אזויארום געוואָרן, פונקט ווי אין דער ערשטער רעוואָליוציע, נאָך אין א גרעסערן מאָסשטאב, דער העגעמאָן פון דער

רעוואָליוציע. אפילע די סאמע אָפּגעשטאנענע ארבעטער-שיכטן האָבן אלץ מער אָנגעהויבן פארשטיין, אז עס איז נייטיק אף א רעוואָליוציאָנערן אויפן צו ליקווידירן די מילכאָמע און די זעלבסטהערשונג.

עס איז געוואָקסן דעם פּראָלעטאריאטס קלאסן-באוווסטזיין. און דערפאר האָט לענין געהאט אלע גרונטן צו באהויפּטן, אז בייס דער מילכאָמע איז „דער פּראָלעטאריאט געווען דער איינציקער קלאס אין רוסלאנד, וועלכן מע האָט ניט געקאָנט איינשפּריצן די שאָוויניסטישע אָנשטעקונג“.

קאפיטל צווי

דער ארבעטער-קלאס אין דער פעווראל-רעוואָליוציע

1. די ארבעטער-באוועגונג ערעוו פעווראל

דער אָקטיאבער-שטרייק פון די ארבעטער אין 1916 יאָר האָט זיך ניט אויסגעגאָסן אין א רעוואָליוציע. לויטן אינהאלט איז ער אָבער געווען אויסשליסלעך א פּאָליטישער שטרייק. די שוואכקייט זיינע איז באשטאנען אין דעם, וואָס ער איז געווען איבערהויפּט א פעטראָגראדער שטרייק. אינעם גאנצן לאנד האָט זיך דער רעוואָליוציאָניזירונג-פּראָצעס פון די ארבעטער-מאסן נאָך ניט געהאט פארענדיקט. צום ביישפּיל, צווישן דעם אוקראַיִנישן פּראָלעטאריאט האָבן זיך אין 1916 יאָר אָנגעהויבן גרויסע שטרייקן, זיי האָבן אָבער ניט געטראָגן קיין מאסן-כאראקטער, וואָס זאָל זיין אָנגעקניפּט אָן א באשטימטער פּאָליטישער געשעעניש.

אין 1914-15 האָבן אין אוקראַינע געשטרייקט איבערהויפּט די ארבעטער פון די צוקער-זאוואָדן. די דאָזיקע שטרייקן זיינען געווען פארבונדן מיט די פראגן וועגן פארבעסערן די ארבעט-באדינגונגען. עס זיינען אויך פאָרגעקומען קליינע פּאָליטישע שטרייקן. אין אָקטיאבער 1915 זיינען ארויסגעטראָטן 1.200 ארבעטער פון כארקאָווער לאָקאָמאָטיוון-זאוואָד מיט א פאָדערונג צו העכערן דעם ארבעט-לוין. נאָר אין 1916 יאָר זיינען באדייטנדיק מיטאמאָל געשטיגן די שטרייקן — אין גרונט עקאָנאָמישע, אָבער זייער איינגעשפּארטע און פארצויגענע.

אזעלכע לאנגדויערנדיקע און איינגעשפּארטע שטרייקן, ווי אפן זאוואָד „נאָוואל“ (אין יאנואר 1916) זיינען אינעם פאָרפעווראל-פּעריאָד שוין געווען ניט ווייניק. די בריאנסקער ארבעטער (אָריאָלער גוב.) האָבן, אונטער דער אָנפירונג פון די באָלשעוויקעס, געשטרייקט פון 23-מארט ביזן 23-טן מיי 1916. אזוי אקשאָנעסדיק איז אויך געווען דער שטרייק פון די טולער קופּער-וואלצונג-זאוואָדן. דער פּוטילאָווער שטרייק אין פעווראל 1916 האָט געבראכט צום סעקוועסטירן דעם זאוואָד לויט א באשטימונג פון דער באזונדערער באראטונג וועגן שוץ-פראגן דעם 29-טן פעווראל. דער קלאסן-באוווסטזיין פון די ארבעטער—מעטאליסטן, לעמאָשל, איז אף אזויפיל אויסגעוואקסן, אז אף יעדן איינצלנעם ארעסט פון זייערן א פאָרשטייער האָבן די ארבעטער אָנגעהויבן צו רעאגירן מיט א שטרייק. דער גרונט-מאָטיוו פונעם שטרייקן-קאמף ערעוו פעווראל איז געווען די פאָדערונג צו העכערן דעם ארבעט-לוין. די ארבעטער האָבן געפאָדערט א העכערונג אף 20—40 פראָצ. דער אונטערשייד אין דער גרייס

פונעם געפאָדערטן פּראָצענט העכערונג איז געווען אָפּהענגיק פונעם עקזיסטירנדיקן ניט-גלייכמעסיקן פארדינסט. בלויז די שוואַרצאַרבעטער, פרויען און ווייניק-קוואליפיצירטע ארבעטער, וואָס ארבעטן געוויינלעך אָן קיינע טאַריפן, נאָר פון טאָג, האָבן געפאָדערט א פיקסירטן מינימום. אין מיי 1916 איז פאָרגעקומען א שטאַרקע באוועגונג צווישן די בערגער פון גאָרלאָווער ראַיאָן. ווען די ארבעטער זיינען אוועק אָפּשלאָגן זייערע ארעסטירטע כאוויירים, איז די באוועגונג דערגאַנגען אפילע ביז א באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס מיטן מיליטער. און ערשט נאָכדעם, ווי די סאָלדאַטן האָבן עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן און אפן אָרט זיינען געפאַלן דערהאַרגעטע און פארווונדעטע ארבעטער, זיינען די שטרייקנדיקע אָפּגעטראָטן הינטער די טאָפּקעס.

די ארבעטער-מעטאַליסטן פון אוקראַינע האָבן ניט אלעמאָל אויסגעריסן האַנאָכעס בא די אונטערנעמער און אויב זיי האָבן זיך טיילוויז יאָ דערשלאָגן דערצו האָט עס געקאָסט גאַנץ טייער. אין יול 1916, לעמאָשל, האָבן 5.131 ארבעטער פון האַנטמאַנס זאַוואָד געשטרייקט פון 5-טן ביזן 18-טן יול, זיי האָבן געפאָדערט העכערן דעם ארבעטלוין. די מאַכט האָט פאַר אַזאַ זאַך ארעסטירט 15 אָנפירער און 78 מענטשן אוועקגעשיקט אפן פראָנט. די סיסטעם פון ארעסטירן און שיקן אפן פראָנט איז געווען אן אלגעמיין און פארשפרייט מיטל פון קאַמף קעגן די ארבעטער-שטרייקן. די כאָדאָשים יול, אווגוסט און סענטיאַבער האָבן געגעבן די גרעסטע צאָל שטרייקער און דעם גרעסטן פראָצענט פון שטרייקן אין אוקראַינע. לענגער ווי אלע האָבן זיך געצויגן די אָקטיאַבער-שטרייקן אפן לאָקאָמאָטיוון-זאַוואָד „וועק" און בא העלפעריך-סאַדע. די דאָזיקע שטרייקן האָבן בעפיירעש איידעס געזאָגט וועגן דער אָנגעשטרענגטקייט פון די קלאַסן-באַציִונגען. דער פארהעלטנישמעסיקער שטילשטאַנד פון שטרייקן באַם אוקראַינישן פּראָלעטאַריאַט אין אָקטיאַבער 1916 איז געווען א שטילשטאַנד פאַר א שטורעם. די ניט-נאָכגעביקייט פון דער בורזשואַזיע, באַזונדערס אין דער צווייטער העלפט 1916, בעשאַס דער יאַקרעס איז געוואַקסן און עס איז געוואָרן אוממעגלעך צו קריגן שפּייזפּראָדוקטן, האָט פונדאָסניי ארויסגערופן א כוואַליע פון שטורמישער באוועגונג, אָבער שוין אין די אומשטענדן פון 1917 יאָר.

דער באַקוער פּראָלעטאַריאַט האָט פאַרן 1916 יאָר געגעבן ארום 12 טויזנט שטרייקער. די הויפּט-פאָדערונגען פון די שטרייקער זיינען געווען — העכערן דעם ארבעטלוין און פארבעסערן די ארבעט-באַדינגונגען. די דאָזיקע עקאָנאָמישע שטרייקן האָבן אָבער אויסערגעוויינלעך רעוואָליוציאָניזירט די ארבעטער.

דער פּראָלעטאַריאַט פון די טעקסטיל-ראַיאָנען האָט פאַר די צוויי מילכאָמע-יאָרן אויך געגעבן א קאָלאָסאַלע אַרמיי שטרייקער. די שטרייקן פון די טעקסטיל-ארבעטער, וואָס זיינען געווען איבערהויפּט עקאָנאָמישע, זיינען ערשט געווען א צוגרייטשול פון קלאַסן-אויסשלייפן די ארבעטער. אין פארגלייך מיט די מעטאַליסטן, ווערן די שטרייקן פון די טעקסטיל-ארבעטער כאַראַקטעריזירט דורך פאָלגנדיקער טאַבעלע (זע טאַבעלע, ז. 269).

נאָך דעם, ווי מע האָט זיך מיט זיי בלוטיק אָפּגערעכנט אין איוואַנאָוואָ-וואָזנעסענסק און אין קאָסטראָמע, האָבן די טעקסטיל-ארבעטער געענטפערט אף דער פארערגערטער לאַגע מיט נייע שטרייקן. זייערע ארויסטרעטונגען האָבן אָבער ניט געטראָגן קיין מאַסאָווון און איינצייטיקן כאַראַקטער. די טעקסטיל-מאַגנאַטן פון מאָסקווער אינדוסטריעלן ראַיאָן האָבן געפירט א ביטערע פּאָליטיק פון א באַוועגלעכער טאַריף-נעץ

שטרייקן פון די מעטאַליסטן און טעקסטיל-ארבעטער פאַר די מילכאָמע-יאָרן

	יאָר 1915			יאָר 1916		
	1-טער דריטל	2-טער דריטל	3-טער דריטל	1-טער דריטל	2-טער דריטל	3-טער דריטל
טעקסטיל-ארבעטער:						
עקאָנאָמישע	45.127	122·852	102.973	143.916	132 333	89,430
פּאָליטישע	1.210	27·621	4·490	10.369	—	11,310
סאכאקל	46.337	150.473	107·463	154·285	132.333	100.740
מעטאַל-ארבעטער:						
עקאָנאָמישע	15 223	38.667	27.963	107.210	71.500	42.536
פּאָליטישע	6·986	20.189	78.187	118.518	27.943	134 482
סאכאקל	22.206	58.856	106.150	225.718	99 443	177.018

און האָבן א לאנגע צייט געהאַלטן די ארבעטער אין זייערע הענט מיט דער אזוי-גערופענער מילכאָמע-הויסאָפע, מיט „נאגראדעס" און א נישטיקן פּראָדוקטן-פּאַיאָק. אפילע די אויסוועגלאָזוע לאגע פון די ארבעטער אין הינזיכט פון דערנערונג, האָט די בורזשואזיע אויך אויסגענוצט פאַר אירע עקספּלואטאטאָרישע צילן. ווען דער מיליטער-אמט האָט אויסגעארבעט א פּראָיעקט וועגן באַזאָרגן מיט א פאַיאָק אלע ארבעטער, וואָס ארבעטן אף לאנדשוץ, האָבן די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון דער בורזשואזיע (פון דער מעטאלורגישער אינדוסטריע) ניט אומזיסט אנטשיידן זיך קעגנגעשטעלט דעם דאָזיקן פּראָיעקט. שפּילנדיק אפן ארבעטערס הונגער, האָט די בורזשואזיע געוואָלט שאפן א רויִקייט אף אירע אונטערנעמונגען.

אין די באַדינגונגען פון דער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע האָט דער עקאָנאָמישער קאמף געדינט פאַרן פּראָלעטאריאט פאַר א שול פון קלאסנקאמף, וואָס האָט דערצויגן קאדרען קעמפער פאַר דער רעוואָליוציע.

דעם פּעוואַל-אופּרייס דערקלערט מען געוויינלעך מיטן הונגער, וואָס האָט געטריבן די ארבעטער אין גאס. דאָס איז, נאטירלעך, ניט ריכטיק. דער ארבעטער-קלאס האָט געקעמפט ניט נאָר פאַר ברויט, נאָר אויך פאַר פרייהייט. עס איז אָבער ניט צו באַשטרייטן, אז די פּראָדוקטן-פראגע איז געווען א וויכטיקער עקאָנאָמישער פאקטער, וואָס האָט געהאָלפן אויפוועקן דעם באַוווסטזיין בא די מאסן און האָט זיי געשטויסן צו רעוואָליוציע. דער פאקט, וואָס די צארישע רעגירונג האָט זיך ניט געקאָנט ספּראווען מיט דער אויפגאבע פון באַזאָרגן די ארבעטער-צענטרען מיט דערנערונג, האָט איידעס געזאָגט וועגן דעם קראך פון דער מאכט. די וואקכאנאליע מיטן טאקסירן די פּרייזן האָט געבראכט צום פולשטענדיקן דעזאָרגאניזירן דעם פּראָדוקטן-מארק. דאָס פאַרבאָטן ארויסצופירן טוווע פון איין גובערניע אין דער צווייטער האָט געשאפן א שיידוואנט צווישן די פאַרשיידענע ראיאָנען פונעם לאנד.

דער „פעסטער קורס" פונעם ערד-ארבעט-מיניסטער ריטיך צו שאפן א „ראזוויאָרסטקע", א מאָנאָפּאָל איבערן טוווע-האנדל האָט זיך אויסגעלאָזט מיט א פולשטענדיקן דורכפאל. אנשטאָט „ראזוויאָרסטקע" פון 506,5 מיליאָן פוד טוווע איבער

21 גובערניעס פון דער געוועזענער צארישער אימפעריע, האָט מען צו פעווראַל 1917 יאָר צונויפגעזאַמלט קוים 140—150 מיליאָן פוד.

פארן פראָלעטאַריאַט פון פעטראָגראַד און פון דעם געברויכערישן טייל פון מאָסקווער אינדוסטריעלער געגנט איז די ברויט-פראַגע געווען א פראַגע פון לעבן אָדער טויט. אפילע דער פראָלעטאַריאַט פון דער בארגישער און בארגווערקישער אינדוסטריע אין די ברויט-ראַיאָנען, ווי די איצטיקע אוקראַינע, האָט געארבעט אין האַלב-הונגעריקן צושטאַנד. דער באַקוער פראָלעטאַריאַט האָט אין 1916 יאָר אויך שטארק געהונגערט. די ברויט-קאַרטלעך, וואָס זיינען איינגעפירט געוואָרן אין 1915 יאָר, האָבן ניט גע-קאָנט פארבעסערן די לאַגע מיט דער דערנערונג אין די ארבעטער-צענטרען, ווייל קוים איז אין די שטעט קיין ברויט ניט געווען האָט מען עס אף די קאַרטלעך אויך ניט געקענט באַקומען. דער פּאָליטיש מער באַוווסטזיניקער פעטראָגראַדער פראָלע-טאַריאַט האָט פאַרבונדן זיין קאַמף פאַר ברויט מיטן פּאָליטישן קאַמף קעגן דער עק-זיסטירנדיקער אָרדענונג.

די בורזשואַזיע, איינגאַנצן גענומען, איז ערעוו פעווראַל געווען נאָך מער קאָנטר-רעוואָליוציאָנער, ווי אין דער ערשטער רעוואָליוציע. דער פּראָגרעסיווער בלאָק, וואָס האָט זיך געבילדעט אין 1915 האָט זיך געשטעלט אלס איינע פון זיינע הויפּט-אויפגאַבן — אָפּצוהאַלטן די מאַסן פון א רעוואָליוציע און פירן א קאַמף קעגן דער רעוואָליוציע. די באַפּאָלעס אפן פראָנט און די פאַנאַנדערפאַלונג אינעם הינטערלאַנד, ווי אויך די שטערונג פון דער אָנפירנדיקער ראַספּוטין-ראָמאַנישער קליקע צו שליסן א סעפּאַראַטן שאָלעם האָבן, נאַטירלעך, געמאַכט די בורזשואַזיע מער אָפּאָזיציאָנעל, אָבער רעוואָליוציאָנער האָט זי שוין ניט געקאָנט ווערן. אויב סאָף 1916 האָט די בורזשואַזיע געשטעלט אין טאָג-אָרדענונג די פראַגע וועגן נאַכט, האָט זי זיך דערצו אַנטשלאָסן דערפאַר, ווייל זי האָט פונקט, ווי ביים דער ערשטער רעוואָליוציע, גיכער מוירע געהאַט פאַר א רעוואָליוציע, ווי פאַר א רעאַקציע. דאָס סאַמע „רעוואָליו-ציאָנערסטע" איז אין דער גאַנצער אויפירונג פון דער בורזשואַזיע ערעוו פעווראַל געווען איר מויזן-געדרודער אף צו מאַכן א הויף-איבערקערעניש. די מאַסן האָבן אָבער געוואָלט ניט קיין קאָמפּראָמיס, ווי די בורזשואַזיע, נאָר א רעוואָליוציע. וועגן דעם האָבן נאָך געזאָגט די יאַנוואַר-שטרייקן פון 1914 יאָר.

די געשעענישן פון 9-טן יאַנוואַר 1917 זיינען שוין געווען ניט גלאַט קיין געוויינלעכע ארויסטרעטונגען צום אָנדענק פון די קאָרבאָנעס פון דער ערשטער רעוואָליוציע: דאָס איז געווען א פּאָרשפּיל צו דער רעוואָליוציע. אויך דער פּראָלעטאַריאַט פון דער צווייטער הויפּט-שטאָט איז ארויסגעטראָטן פּאָליטיש אַקטיוו. אין צענטער פון מאָסקווע, אפן טעאַטער-פּלאַץ, האָבן די ארבעטער ארויסגע-וואָרפן א ריטע פאָן מיטן לאָזונג: „נידער מיט דער מילכאָמע"! דער דאָזיקער לאָזונג האָט שוין געהאַט פאַרייניקט דעם גאַנצן באַוווסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט. דעם 9-טן יאַנוואַר האָבן געשטרייקט באַ 200 טויזנט ארבעטער אין פעטראָגראַד, באַ 35 טויזנט אין מאָסקווע, כאַרקאָוו, באַקו, יעקאַטערינאָסלאַוו, טולע. שפּעטער א ביסל אין דעם זעלבן כוידעש יאַנוואַר זיינען ארויסגעטראָטן די טעקסטיל-פאַבריקן און די מאַשינ-בוי-זאַוואָדן פון מאָס וועך געגנט. אויך דער באַקוער פּראָלעטאַריאַט איז ארויסגע-טראָטן צוליב פּאָליטישע און עקאָנאָמישע מאָטיוון. פאַר איין כוידעש האָט ער גע-געבן מער שטרייקער, ווי פאַרן גאַנצן יאָר 1916 ($11^1/_2$ טויזנט ארבעטער).

די שאַרפקייט פון די צוזאַמענשטויסן האָט איידעס געזאָגט, אַז די רעוואָליוציאָנערע סיטואַציע איז אויסגעוואַקסן אין אַ רעוואָליוציע.

די „אונטערשיכטן" האָבן מער ניט געוואָלט דולדן די פריערדיקע לאַגע. די „אויבערשיכטן" האָבן שוין מער ניט געקאָנט פאַרוואַלטן ווי פריער. דער צאַרישער אַפּאַראַט איז ענדגילטיק צעפוילט געוואָרן. די מיאַסע-ראַספּוטין — אַן אומבאַדינגטער אַטריבוט פונעם צאַריזם — דער אַראָפּ-און-אַרויף פון די מיניסטאָרן, די אומגעהייערע פּאָליטישע פּויגעניכצן, ווי שטורמער, פּראָטאָפּאָפּאָוו, גאָרעמיקין און אַנדערע, — דאָס אַלץ איז געווען ניט קיין סימפּטאָם, נאָר אַן אָנהייב פון פולשטענדיקן קראַך און דעגראַדאַציע פונעם קלאַס גוטסבאַזיצער — לייבאייגנטימער.

די אייגנטימלעכקייט פון דער רוסישער אַרבעטער-באַוועגונג איז געווען איר צילגעווענדטקייט ניט בלויז קעגן דעם צאַריזם, נאָר אויך קעגן דער בורזשואַזיע. אין די יאָרן פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע איז דער ווידערשפּרוך צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל געווען דער גרונט-ווידערשפּרוך פאַרן פּראָלעטאַריאַט. דער קאַמף קעגן צאַריזם און קעגן זיין עקאָנאָמישן באַזיס — קעגן פּריצישן ערד-באַזיץ — איז געשטאַנען אַלס נאָענטסטע אויפגאַבע. ניט פאַרניכטנדיק דעם צאַריזם איז געווען אומעגלעך צו פירן מיט דערפאָלג דעם קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע. דער אינערלעכער אינהאַלט פונעם קלאַסנקאַמף האָט זיך אָבער אַלץ מער און מער אַריבערגערוקט אין דער זייט פון אַן אַנטשיידנדיקן קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע.

צוגלייך מיט די דאָזיקע צוויי ווידערשפּרוכן, איז געווען נאָך אַ דריטער ווידערשפּרוך. בייס דער מילכאָמע האָט זיך רוסלאַנד וואָס ווייטער אַלץ מער אונטערגעוואָרפן דעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל. דעריבער האָט דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט געהאַט אויסצושטיין אַ צווייענדיקע עקספּלואַטאַציע. און נאָך אַדאַנק דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע און דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט האָט זיך דער בורזשואַזיע ניט איינגעגעבן פולשטענדיק צו פאַרשקלאַפן די אַרבעטנדיקע מאַסן פון רוסלאַנד

לענין האָט אָבער געשריבן, אַז „ניט די אונטערדריקונג פון די אונטערשטע שיכטן, ניט דער קריזיס פון די אויבערשטע שיכטן וועלן נאָך קיין רעוואָליוציע ניט שאַפן, — זיי וועלן שאַפן בלויז די צעפוילונג פונעם לאַנד, — אויב אין לאַנד איז ניט פאַראַן קיין רעוואָליוציאָנערער קלאַס, וואָס איז פייִק צו פאַרוואַנדלען דעם פּאַסיוון צושטאַנד פון אונטערדריקונג אין אַקטיוון צושטאַנד פון צאָרן און אויפשטאַנד". די פאַקטן פונעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף האָבן איידעס געזאָגט, אַז אַזאַ רעוואָליוציאָנערער קלאַס איז געווען. דאָס איז געווען דער פּראָלעטאַריאַט.

נאָך אין 1903 יאָר האָט דער דאָזיקער קלאַס געשאַפן זיין רעוואָליוציאָנערע פּאַרטיי, וואָס אונטער איר אָנפירונג האָט ער באַקומען אַ קאָלאָסאַלע דערפאַרונג פון קאַמף סיי קעגן דער זעלבסטהערשונג און סיי קעגן דער בורזשואַזיע. דער רעוואָליוציאָניזירונג-פּראָצעס פונעם פּראָלעטאַריאַט אין די מילכמע-יאָרן און איבערהויפּט די אויספורעמונג פון באָלשעוויסטישע אַרבעטער-קאַדרען איז געווען דירעקט אָפּהענגיק פון דער קאָלאָסאַלער טעאָרעטישער אַרבעט מיצאַד דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און איר פירער וו. אי. לענין אין יענעם פּעריאָד.

לענין האָט געמאַכט אַ מאַרקסיסטישן אַנאַליז פונעם אימפּעריאַליזם, אַלס נייע, לעצטע פּאַזע פונעם קאַפּיטאַליזם, ער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט און באַגרינדעט די נייטיקייט צו פאַרוואַנדלען די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע אין אַ בירגער-קריג. זין

1915 יאָר האָט לענין דער ערשטער ארויסגערוקט די האנאָכע וועגן דעם, אז עס איז מעגלעך דער סאָציאליזם זאָל זיגן „אין אייניקע אָדער אפילע אין איין באזונדער גענומענעם קאפיטאליסטישן לאנד". אין די מילכאָמע-יאָרן האָט דער באָלשעוויזם אנטוויקלט א קאָלאָסאלע טעאָרעטישע ארבעט אף דער צווישנפעלקערלעכער ארענע. ער האָט פארגעזעצט דעם קאמף קעגן די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן אינעם 2-טן אינטערנאציאָנאל, וואָס ער האָט געהאט אָנגעהויבן נאָך לאנג פאר דער מילכאָמע, קימאט בא די ערשטע טריט זיינע און בא די ערשטע פארבינדונגען מיטן מיירעוו-אייראָפּייִשן סאָציאליזם, און אין דער זעלבער צייט האָט ער קריטיקירט די פעלערן פון די לינקע ראדיקאלן, איבערהויפּט ראָזע ליוקסעמבורגס פעלערן. לענין און די באָלשעוויסטישע פארטיי, מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט, האָבן אין דער זעלבער צייט געפירט א קאמף קעגן דעם רעכטן און „לינקן" אָפּאָרטוניזם אין די אייגענע רייען, דעמאסקירנדיק איבערהויפּט די צענטריסטן און די טאָלעראנטלער, וואָס פארשמירן די שלאכט-אויפגאבן פון פּראָלעטאריאט אפן וועג צו דער רעוואָליוציע. אין די מילכאָמע-יאָרן, ווי אויך אין 1905 יאָר, איז לענין ארויסגעגאנגען דערפון, אז די בורזשואזע רעוואָליוציע מוז איבערוואקסן אין א סאָציאליסטישער, אז דער זיג פון דער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אין רוסלאנד וועט זיין בלויז דער ערשטער עטאפּ און פון אים וועט דער פּראָלעטאריאט באלד אָנהייבן איבערגיין צו דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע.

די פעווראל-רעוואָליוציע — איר גאנג און כאראקטער — האָט פולשטענדיק באשטעטיקט די דאָזיקע פּערספּעקטיוו.

2. דער אָנטייל פון די ארבעטער אין דער פעווראל-רעוואָליוציע

די פעווראל-איבערקערעניש איז פארן ארבעטער-קלאס ניט געווען קיין אומגעריכטע זאך. פארקערט, פארן פאָרגעשריטענעם טייל פונעם פּראָלעטאריאט און פאר זיין פארטיי איז געווען קלאָר נאָך לאנג פאר דער רעוואָליוציע, אז עס איז נייטיק א רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונג קעגן דער זעלבסטהערשונג און אז דאָס שטייט פּראקטיש אין טאָג-אָרדענונג.

דער שטרייק אין פּוטילאָווער זאוואָד, וואָס איז אויסגעבראָכן דעם 18-טן פעווראל, האָט זיך פארוואנדלט אין א „בונט" פון די ארבעטערנס און פרויען פון ארבעטער מיט דער פאָדערונג פון ברויט. די געפאר צו ווערן לאָקאוטירט און אָפּגעשיקט אפן פראָנט האָט אויפגעהויבן אלע ארבעטער און דער שטרייק האָט זיך פארוואנדלט אין אן אלגעמיין-זאוואָדישן. דעם 22-טן איז דערקלערט געוואָרן א לאָקאוט. דעם 23-טן האָבן די ארבעטער-מאסן געפייערט דעם צווישנפעלקערלעכן פרויען-טאָג. די ארויסטרעטונג פון קארגע 100 טויזנט ארבעטער, האָט לויט איר מאסן-כאראקטער גופע, איבערגעשטיגן אלע דערווארטונגען פון די אָרגאניזאטאָרן פון דער ארויסטרעטונג. אויב מע זאָל אורטיילן לויט דער שטימונג פון די ארבעטער-מאסן, ארבעטער-פרויען און שטאָטישער אָרעמשאפט, האָט די ארויסטרעטונג באלד אָנגענומען א כאראקטער פון א פאָלק-רעוואָליוציע.

ניט געקוקט אף דעם, וואָס די אָכראנקע האָט נאָך דעם 26-טן פעווראל ארעסטירט אלע אקטיווע טוער פון פּ. ק. (פעטערבורגער קאָמיטעט), האָט דאָך דער ווי-

באָרגער פארטיי-קאָמיטעט, צו וועלכן עס איז אריבערגעגאנגען די פארטיי-אָנפירונג, באוויזן צו ווירקן אף העכערן די אקטיוויקייט פון די ארבעטער-ראַיאָנען אינעם דראנג קעגן צאריזם.

דעם 24-טן, 25-טן, 26-טן האָט שוין די גאנצע ארבעטערשאפט פון פעטראָגראד ניט געארבעט. עס האָט זיך דערפילט אן איבערבראָך אינעם פעטערבורגער גארניזאָן.

דער פאקט, וואָס קאזאקן האָבן פארן פאָלק אין די אויגן דערהארגעט א פאָליציישן פריסטאוו, האָט געגעבן די פעטראָגראדער ארבעטער די האָפענונג, אז דער פעטראָגראדער גארניזאָן וועט שטיצן זייער ארויסטרעטונג קעגן צאריזם. דעם 26-טן פעווראל האָט די זשאנדארמעריע און פאָליציי אָרגאניזירט א בלוט-באָד אף זנאמענסקער פלאץ. עס זיינען פאָרגעקומען אומרוען צווישן די ארבעטער פון דער אומגעגנט. עס האָבן ניט געהאָלפן דעם גענעראל כאבאלאָווס באפעלן, דעם צארס דעפעשן און די „מאָסמיטלען" פונעם אינערן-מיניסטער פראָטאָפאָפאָוו צו קאָנצענטרירן דאָס ברויט-באקן אין די הענט פון א ספעציעלן באפולמעכטיקטן. דעם 26-טן פעווראל האָט מען נאָך באוויזן אף א מיליטערישן אויפן איינצושטילן די אופגעשטאנענע ראָטע פון פאוולאָווער פאָלק, וואָס האָט זיך אָפגעזאָגט צו גיין קעגן די ארבעטער. דעם 27-טן פעווראל זיינען שוין עטלעכע גארניזאָן-פאָלקן אריבער אף דער זייט פון די ארבעטער און צו 4 אזייגער איז שוין קימאט די גאנצע מאכט אין שטאָט געווען אין די הענט בא די ארבעטער. דאָס מעלדן באלאגערונג-צושטאנד, דאָס פאנאנדערלאָזן די דומע, דאָס דערווייטערן פראָטאָפאָפאָוון, די פרווון ארויסצושיקן קיין פעטראָגראד א שטראָף-קאָרפוס מיטן גענעראל איוואנאָוו אין דער שפיץ און דערנאָך דעם צארס אָפזאָגן זיך פון דער קרוין, — דאָס זיינען אלץ רינגען פון איין קייט פונעם צאריזם, וואָס האָט אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם אונטער די רעוואָליוציאָנערע קלעפ פון ארבעטער און סאָלדאטן.

מע טאָר ניט מיינען, אז דער צאריזם האָט זיך ניט געגרייט צו דערשטיקן די רעוואָליוציע.

דער צאריזם האָט נאָך געהאט רעזערוון פון פאָליציייש-זשאנדארמערישע קרעפטן און קלענערע מיליטער-טיילן. זינט דער דערפארונג פון 1905 יאָר האָט דער צאריזם העפטיק זיך געגרייט צו א נייער רעוואָליוציע. וועגן דעם האָט דערציילט אף דער אויספאָרשונג-קאָמיסיע פון דער צייטווייליקער רעגירונג דער לעצטער צארישער אינערן-מיניסטער—פראָטאָפאָפאָוו. דער שעף פון זשאנדארמען-קאָרפוס האָט דיסלאָקירט די פאָליציי, דאָס מיליטער און די סטראזשניקעס, דיסקאָטירנדיק די שטרייקן-אקטיווקייט פון די אָדער אנדערע ארבעטער-גרופן, די סטראטעגישע אָדער ווירטשאפטלעכע וויכטיקייט פון באזונדערע צענטרען א. א. וו.

דער פאקט, וואָס די ארמיי איז אין פערזאָן פון פעטראָגראדער גארניזאָן צוגעשטאנען צו די ארבעטער, האָט באשטימט דעם גורל פון א שנעלן זיג פאר די רעוואָליוציאָנערע מאסן איבערן צאריזם.

די רעוואָליוציע האָט באזיגט דעם צאריזם לייכט, אָבער ניט אָן בלוט-פארגיסונג. פעווראל האָט פארענדיקט דאָס, וואָס עס האָט אָנגעהויבן די רעוואָליוציע פון די יאָרן 1905—1907. אין דער צייט, ווען די בורזשואזיע, וואָס האָט פריער געבויט פלענער וועגן א הויף-איבערקערעניש, האָט נאָכן פאנאנדערלאָזן די דומע מורא געהאט איבערצושפאנען די גרענעצן פון לעגאליטעט, און האָט אלץ געווארט, אז אָט-אָט

וועט דער צאַריזם מאַכן אָרדענונג „אין גאַס", האָט דער ארבעטער-קלאַס און די סאָלדאַטן זיך אָפּגערעכנט מיט דער פּאָליציי און מיט די מאַכט-באַאַמטע. און ערשט דאַן, ווען די רעוואָלוציע האָט זיך אויפגעהויבן אַלץ העכער און העכער, ווען די פאָרגעשריטענע ארבעטער האָבן שוין אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די רעוואָלוציע דורכן פאַרכאַפּן געווער און פאַנאַנדערשטעלן די מענטשן, קעדיי איינצופירן די רעוואָלוציאָנערע אָרדענונג,—ערשט דאַן האָט די בורזשואַזיע דערזען, אַז מע דאַרף ברעכן די לעגאַליטעט און ראַטעווען די קאַפּיטאַליסטישע „אָרדענונג" פון... דער רעוואָלוציע.

נאָך דער פעוורואַל-איבערקערעניש איז דער טאַווּרישער פּאַלאַץ געוואָרן דער צענטער פון דער רעוואָלוציע אפן געגעבענעם עטאַפּ. דאָרט האָט אָנגעהויבן אָפּהאַלטן זיינע זיצונגען דער ראַט פון ארבעטער-און סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן, וואָס די רעוואָלוציע האָט באַשאַפן. די מענשעוויקעס, וואָס זיינען דעם 27-טן פעוורואַל געווען אויף דער פריי, האָבן באַקומען אַ מערהייט אויך אין ראַט, וואָס איז דעם זעלבן טאָג געשאַפן געוואָרן, באָלשעוויקעס זיינען אין אים געווען בלויז אַ 2—3. אין דער שפּיץ פון דער ארבעטער-כוואַליע האָבן זיך צייטווייליק אַרויסגעוויזן די פאָרשטייער פון דער קליינבורזשואַזער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ, וואָס האָבן גענאָסן די פרוכט פון דעם פּראָלעטאַריאַטס ניצחונעס.

ווי האָט זיך די פּראָווינץ באַצויגן צו דער פעוורואַל-איבערקערעניש?

די רעוואָלוציע האָט געמאַכט די ארבעטערשאַפט פון פּעטראָגראַד.

כ. סטאַלין האָט פולשטענדיק ריכטיק געשריבן אין מאַרט 1917 יאָר, אַז „איינע פון די אייגנאַרטיקייטן פון אונדזער רעוואָלוציע באַשטייט אין דעם, וואָס די באַזע אירע איז פּעטראָגראַד. דער געראַנגל און די שיסעריי, די באַריקאַדן, קאָרבאָנעס, דער קאַמף און זיג, — דאָס אַלץ קומט פאָר דעריקער אין פּעטראָגראַד און אין זיינע פאָרשטעט (קראָנשטאַט און אַנדערע)".

די פּראָווינץ האָט צום גרעסטן טייל זיך באַנוגנט מיט אויפנעמען די פרוכט פונעם זיג און מיט אויסדריקן צוטרוי צו דער צייטווייליקער רעגירונג. נאָר אויך אין דער „פּראָווינץ" האָט די רעוואָלוציאָנערע ראָליע פון די ארבעטער (דאָרט, ווו עס זיינען געווען פעסטע באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס) זיך אויסגעטיילט פונעם אַלגעמיינעם פאָן פון בורזשואַזע און קליינבורזשואַזע קרעפטן. מע טאָר ניט שילדערן די פעוורואַל-איבערקערעניש אַזוי, ווי דאָס טוט דער „היסטאָריקער" שליאַפּניקאָוו אין זיין מענשעוויסטישן ווערק „דאָס יאָר 1917", אַז די פעוורואַל-רעוואָלוציע האָט קלוימערשט, פאָרגעשטעלט פון זיך אַ סטיכיישן פּראָצעס, אין וועלכן די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי און די פאָרגעשריטענע ארבעטער האָבן ניט געשפּילט קיין שום ראָליע. שליאַפּניקאָוו שילדערט די לאַגע ערעו דער פעוורואַל-רעוואָלוציע און דעם מאָמענט פון דער רעוואָלוציע גופא אַזוי, אַז „דער אָרגאַניזירטער יעסאָד פון די פּראָווינציעלע איבערקערענישן" האָט זיך געפונען אין די הענט פון דער בורזשואַזיע. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין ריכטיקע אָפּשאַצונג, וואָס באַזירט זיך אויף טענדענציעז-צוגעקליבענע צופעליקע פאַקטן. אינדערעמעסן איז אַלע דאָרט, ווו די פּאַרטיי איז געווען שוואַך, נאָר עס איז געווען אַן ארבעטער-באַפעלקערונג, זיינען די איניציאַטאָרס פון דער איבערקערעניש געווען די פאָרגעשריטענע ארבעטער.

אין מאָסקווע איז האַרט ביז דער יעדיע ווען דעם זיג פון די פּעטראָגראַדער ארבעטער ניט פאָרגעקומען קיין שום מאַסן-אַרויסטרעטונגען. די צעגראָמירונג פון

דער באָלשעוויסטישער אָרגאניזאציע אין יאנוואר האָט געבראכט דערצו, אז צום מאָמענט פון דער איבערקערעניש איז קיין אויסגעפורעמטע פארטיי-אָרגאניזאציע (מ. ק.) ניט געווען. דערפאר זיינען אינעם מאָסקווער ראט אריינגעפאלן איבערהויפט פשאָרעמאכער. די שפעטער געשאפענע ראיאָנע ראטן פון ארבעטער-דעפוטאטן זיינען אָבער געווען באָלשעוויסטישע און איבער דעם האָט זיך אין מאָסקווע געשאפן אן אינטערעסאנטער פאָליטישער איבערפלעכט פון קאמף צווישן „צענטער" מיט דער „פעריפעריע" אָדער, ריכטיקער, פארקערט — א קאמף פון דער „פעריפעריע" קעגן דעם מענשעוויסטישן מאָסקווער ראט פון ארבעטער-דעפוטאטן.

אין באקו זיינען אין פארלויף פון יאנואר-פעווראל פאָרגעקומען מאסן-שטרייקן אף באלאכינער, סוראכאנער געווערבן, אין דער שווארצער שטאָט. די יעדיע וועגן דעם אראָפווארפן די זעלבסטהערשונג האָבן די ארבעטער באגעגנט מיט אן איינטאָגיקן שטרייק. די באקוער שטאָט-דומע און די נייע שטאָט-מאכט, וואָס איז שפעטער געשאפן געוואָרן — דער באקוער צייטווייליקער אויספירקאָמיטעט (4-טן מארט), דער ראט פון די סאָלדאטן-דעפוטאטן (6-טן מארט), באקער קאָמיטעט פון געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס — האָט די ערשטע זאך געיילט אפצושיקן א באגריסונג דער צייטווייליקער רעגירונג.

די ארבעטער זיינען אָבער געגאנגען ווייטער, זיי האָבן געפאָדערט בא דער בורזשואזיע פון די נאפט-געווערבן צו פארבעסערן זייער לאגע און אראָפנעמען די אמערכטן-בייזוויליקע פיאווקעס פון צווישן דער אדמיניסטראציע. דער פשאָרעמאכערישער ראט פון ארבעטער-דעפוטאטן האָט ארויסגעלאָזן אן אופרוף קעגן די „אייגנווייליקע און אייגנמעכטיקע מייסים" פון די ארבעטער.

אומגעפער אזא בילד האָבן מיר געהאט אין פיל ערטער. די גרויסע נאָכגעביקייט פון דער בורזשואזיע, וואָס האָט זיך ווי-ניט-ווי באמערקט אין דעם ערשטן פעריאָד פון דער רעוואָליוציע, האָט זיך גענומען פון דער אומבעשאָלעמדיקייט מיצאד די ארבעטער און פון זייער אָנגריף אף די אונטערנעמער. בלויז אף אזא אויפן האָט דער פראָלעטאריאט געקענט שאפן א באשטימטע אנטשפרעכיקייט צווישן דעם פארנעם פון פאָליטישע פרייהייטן, וואָס זיינען אויסגעקעמפט געוואָרן דורך דער רעוואָליוציע, מיט זיין קאָנקרעטער עקאָנאָמישער לאגע. קיין אנדער וועג האָט ער ניט געהאט.

אין ניזשני-נאָווגאָראָד האָבן זיך די געשעענישן אָנגעהויבן פאנאנדערוויקלען דעם ערשטן מארט. די ארבעטער האָבן באפרייט די פאָליטישע ארעסטירטע פון דער אָרטיקער טורמע, וווּ עס זיינען געזעסן פיל אָנטיילנעמער פון שטרייקן. דעם צווייטן מארט זיינען אלע זאוואָדן געשטאנען און די ארבעטער האָבן פלייסיק אָפגערייניקט די שטאָט פון דער אָרטיקער מאכט און פון דער פאָליציי. די שטימונג בא די אָרטיקע מאסן איז אויך דאָ געווען א מער רעוואָליוציאָנערע, ווי באם ראט.

אין איוואנאָווא-וואָזנעסענסק האָבן די ארבעטער זיך דערוווּסט וועגן דעם אראָפווארפן דעם צאריזם דעם 1 מארט. דעם 2-טן מארט איז פאָרגעקומען א דעמאָנסטראציע און וואלן אין ראט. אף דער ערשטער זיצונג פון ראט האָבן די ארבעטער געפאָדערט צו ארעסטירן דעם הענקער פון דער צעשיסונג אין 1915 יאָר, דעם פאָלקאָווניק סמירנאָוו. די ארבעטער האָבן אנטוואָפנט די פאָליציי. די ערשטע פיר טעג איז דער ראט געווען די מאכט אין שטאָט און דערנאָך האָט ער זי איבערגעגעבן דעם קאָמי-

שטעט פון געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט, ווי עס זיינען געווען פאַרטראָטן די פאַבריקאַנטן און די באַאַמטישע אינטעליגענץ. אומגעפער אַזאַ בילד האָט זיך אויך פאַנאַנדערגעוויקלט אין די אַנדערע שטעט פון דעם דאָזיקן ראַיאָן, ניט געקוקט אָפן אויפרוף פונעם ראַט פון אַרבעטער- און סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן, וואָס האָט גערופן די אַרבעטער זיך שטעלן צו דער אַרבעט, האָבן די איוואַנאָוואָ-וואָזנעסענסקער אַרבעטער ניט אָפּגעשטעלט די קאָנפליקטן.

אין טווער האָט מען זיך דערוווסט וועגן די פּעטראָגראַדער געשעענישן דורך אַ דעלעגאַט, וואָס האָט זיך אומגעקערט דעם 28-טן פעברואַל. דער באָלשעוויסטישער שטאָטקאָם האָט באַשטימט אַרויסצופירן די אַרבעטער דעם 1-טן מאַרט אויף דער גאַס. ביים דער דאָזיקער אַרויסטרעטונג האָבן די אַרבעטער פון די טווערער פאַבריקן ניט געלאָזט ריידן דעם מענשעוויק, וואָס האָט גערופן צו שטיצן די רעגירונג. אין אָוונט אויף דער פאַרזאַמלונג אין טעאַטער האָבן די אַרבעטער אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג וועגן שיקן אַ באַגריסונג דער צייטווייליקער רעגירונג און אויסדריקן איר צוטרוי. און שוין דעם 1-טן מאַרט איז אַרעסטירט געוואָרן דער דירעקטער פון מאָראָזאָווס וועבעריי-פאַבריקן. דעם 2-טן מאַרט האָט מען דערהאַרגעט דעם גובערנאַטער. אין טווער, ווי אומעטום, ווו די באָלשעוויסטישע פּאַרטייאַרבעט איז געווען פעסט, האָט זיך צווישן די אַרבעטער מיט דער צייטווייליקער רעגירונג גלייך פון די ערשטע טעג איינגעשטעלט אַ סינע. דער ראַט פון די אַרבעטער-דעפּוטאַטן, וואָס האָט זיך געפונען אין מענשעוויסטישע הענט, האָט, פאַרקערט, געשטיצט די צייטווייליקע רעגירונג. דער איינרייס צווישן די שטימונגען בא די אַרבעטער און באַם ראַט האָט זיך דאָ אַרויסגעוויזן אין דעם, וואָס אינדערצייט, ווען אין ראַט האָבן דאָמינירט מענשעוויקעס, האָבן די וואַלן אין די פאַבזאַוואָדישע קאָמיטעטן פון די גרעסטע אונטערנעמונגען (בערגס מאַנופאַקטור, מאָראָזאָווס און אַנד.) געגעבן אַ מערהייט די באָלשעוויקעס.

אין וואָראָנעזש האָט די מאַכט פאַרכאַפּט די צענז-בורזשואַזיע. דאָ האָט צווישן די מאַסן געהערשט די עסערישע ווירקונג. אינעם גאַנג פון דער פעברואַל-רעוואָלוציע איז די עסערישע אָרגאַניזאַציע אַפילע אויסגעוואַקסן ביז 100 טויזנט מענטשן. דאָ האָבן פּאַסירט אַפילע אַזעלכע פּאַראַדאָקסן, ווען איין עסעריש קאָמיטעל האָט אָנגענומען פאַר אַ מיטגליד דעם פּרינץ אָלדענבורגסקי. און דאָך איז די שטים פון די אַרבעטער-מאַסן ניט דערטרונקען געוואָרן אינעם עסערישן קליינבורזשואַזן זומפּ. דעם 3-טן מאַרט האָבן די אַרבעטער פונעם זאַוואָד ריכאַרד-פּאָלע אַרויסגערוקט אַ פאָדערונג פון אַן 8-שעהדיקן אַרבעט-טאָג, אַ מינימום אַרבעטלוין און אַ העכערונג אויף 10 קאָפּ. אַ שאָ. די אַרבעטער פונעם זאַוואָד „שטאָל" האָבן געפאָדערט אַריינצופירן זייערע פאָרשטייער אין דער טאַריף-ביוראָ. אַלזאָ, בא די אַרבעטער איז די שטימונג געווען אַ מער רעוואָלוציאָנערע, ווי בא די סאָציאַלפּאַטריאָטן.

אין טולע איז דער באַשטאַנד פונעם ערשטן ראַט געווען אַן אומפּאַרטייִשער. די באָלשעוויקעס זיינען אין אים איינגאַנצן ניט געווען פאַרטראָטן. די פּאַרטייאָרגאַניזאַציע איז געווען אַ פאַרייניקטע און אין גרעסטן טייל אַ מענשעוויסטישע. לעניניסט קומען און די טעזיסן זיינע האָבן באַוואָפנט די טולער באָלשעוויקעס צו אַ שפּאַלטונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 25-טן מיי און פון די 1½ טויזנט מיט-

גלידער פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך בא 150 מענטשן אָפּגעשטעלט בא די באָלשעוויקעס.

אין די פריערשע גובערניעס זיינען די אלגעמיין־דעמאָקראַטישע אילוזיעס פעסטער געווען. אין קורסקער גובערניע, לעמאָשל, האָט זיך אין די טעג פון דער איבערקערעניש געבילדעט א צייטווייליקער קאָמיטעט פון די מיטגלידער פון שטאָט־דומע, אין אים האָט זיך באטייליקט דעם מיניסטער שטורמערס זון און דער קורסקער וויצע־גובערנאטער. א פאררייניקטע סאָציאַלדעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אויסגעבילדעט ערשט דעם 26־טן מארס. די ערשטע צייט איז אינגאנצן ניט געווען קיין ראט פון ארבעטער־דעפּוטאטן. ערשט דעם 15־טן אפּרעל האָט זיך געשאפן א ראט פון ארבעטער־און סאָלדאטן־דעפּוטאטן.

אומגעפער דער זעלבער מין „איבערקערעניש“ איז אויך פאָרגעקומען אין כערסאָן. כ' סאָראָקין דערציילט, וויאזוי די ארבעטער פון גורעוויטשעס זאוואָד, דערוויסנדיק זיך וועגן די געשעענישן, האָבן זיך אוועקגעלאָזט אין שטאָט אריין. אפן וועג האָט זיי באגעגנט דער גובערנאטער און האָט אָנגעהויבן אויסטייטשן פאר זיי דעם אקט וועגן דעם צארס אָפּזאָגן זיך פון דער קרוין. „ווען דער גובערנאטער האָט גענומען לייענען, האָט עמעצער פון די ערשטע רייען, דוכט זיך, קאָוועדרעוו, א געשריי געטאָן: „שטעלט זיך אף די קני!“. די ערשטע רייען האָבן איינע נאָך די אנדערע גענומען קניען. מיר, א מאן 15, וואָס זיינען געבליבן שטיין אפן בערגל, זיינען געוואָרן אופגעבראכט פון אזא דערשיינונג. אין די הינטערשטע רייען האָט מען אויך אָנגעהויבן אומצופרידן ברומלען. און דער גובערנאטער לייענט ווייטער: „מיר זאָגן זיך אָפּ פון דער קרוין לטובת אונדזער ברודער מיכאיל“ א. א. וו. דעמלט האָבן די ארבעטער, וואָס זיינען געשטאנען אף די קני, דערזעענדיק, אז די מערהייט שטייט, אָנגעהויבן פארשעמטערהייט איינער נאָכן אנדערן אופשטעלן זיך און אָפּרייסלען דעם שטויב פון די פארשמאָלצענע הויזן“.

אין ככאוואָכאָל האָט זיך דער ראט אָרגאַניזירט דעם 7־טן מארט און האָט אויך אויסגעדריקט צוטרוי דער צייטווייליקער רעגירונג. דער באַלעבאָס אין שטאָט איז געווען דער קאָמיטעט פון געזעלשאפטלעכער זיכערקייט. דעם 12־טן מארט האָט דער ראט אָרגאַניזירט א פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציע אינעם טאָג פון רויטן בלימל. דער ארבעטער־באשטאנד אף די אונטערנעמונגען איז געווען א נייער, א דאָרפישער, ווייל די אינדוסטריע האָט זיך דאָ געשאפן ערשט אין די מילכאָמע־יאָרן. דאָס באפרייט זיין פון מאָביליזאציעס האָט פארשקלאפט די ארבעטער צו דער אונטערנעמונג. אינעם ראט איז דאָ געווען שטארק די ווירקונג פון די סאָציאַל־פּאַטריאָטן און עס איז ברייט פאנאנדערגעוויקלט געוואָרן די באשיצלערישע פּראָפּאגאנדע צווישן די ארבעטער.

מיר האָבן געבראכט די דאָזיקע פאקטן ניט צוליב דעם, קעדיי צו פארמינערן די ראָליע פון די ארבעטער אין אוועלכן ניט איז ראיאָן, נאָר קעדיי צו דערוויזן, אז אין די ראיאָנען, וווּ דער פּראָלעטארישער שיכט איז געווען א נישטיקער און די באָלשעוויסטישע פארטיי־ארבעט איז געווען שוואך אוועקגעשטעלט, וווּ עס איז נאָכנישט געווען דאָס דאָרף, ווי דער פּראָלעטאריאַט, איז געווען פארמיסטיקט מיט אידעאָלאָגיש־פרעמדע עלעמענטן און עס האָט אויסגעפעלט די

פּאָליטישע געשולטקייט א. א. וו., האָבן זיך געשאפן באדינגונגען, וואָס האָבן געווירקט אף דער פּאָזיציע פון א טייל ארבעטער און האָבן פארשטארקט די שטימונגען, וועלכע לענין האָט אַ נאָמען געגעבן „געוויסנהאפטיקע באשיצלעריי”.

3. די „געוויסנהאפטיקע באשיצלעריי” און אירע קלאסן־וואָרצלען

וואָס זשע איז דער טאָך און די קלאסן־וואָרצלען פון דער „געוויסנהאפטיקער באשיצלעריי”? ווי קומט עס, וואָס די מאסן, וואָס האָבן ערעוו פעווראל דורכגעפירט די שטרייקן אונטערן לאָזונג „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג”, האָבן איצט אָנגעטרויט די פאָרשטייערשאפט פון זייערע אינטערעסן אין די ראטן צו די קליינבורזשואזע פארטייען, וואָס האָבן פארטיידיקט דעם לאָזונג פון לאנדשוץ?

דער דאָזיקער פאקט דערקלערט זיך, פריער ווי אלץ, מיט די פארשיידענע פּאָליטישע באדינגונגען אין רוסלאנד פאר פעווראל און נאָך פעווראל. פעווראל האָט געגעבן דעם מאקסימום פרייהייט, וואָס מע קען זיך נאָר פאָרשטעלן אין א בורזשואזע מעלוכע. די פרייהייט, פאר וועלכער דער פּראָלעטאריאט האָט נעכטן געקעמפט, זיינען היינט דערגרייכט געוואָרן. האָבן די מאסן געוואַרט, וואָס די נייע אָרדענונג וועט זיי געבן.

די רעזולטאטן פון די ענדערונגען אינעם קוואנטיטאטיוון און קוואליטאטיוון באשטאנד פונעם פּראָלעטאריאט, וועגן וועלכע מיר האָבן פריער גערעדט, האָבן אויך געהאט א דירעקטע שייכעס צו דער „געוויסנהאפטיקער באשיצלעריי” אָנהייב רעוואָלוציע. די קליינבירגערלעכע שטימונגען זיינען אריינגעדרונגען אין די פּראָלעטארישע מאסן דורך די סאָלדאטן, דורך די נייע פויערשע שיכטן, וואָס זיינען אָנגעקומען אין פאבריק און וואָס זייער אקטיווקייט איז נאָך דער רעוואָלוציע אויסגעוואָקסן ביז גאָר.

„אינערגעץ איז ניט פאראן אזא פרייהייט, ווי בא אונדז — האָט לענין געשריבן. — רוסלאנד קאָכט איצט. מיליאָנען און צענדליקער מיליאָנען, וואָס זיינען פּאָליטיש געשלאָפן צענדליקער יאָרן, וואָס זיינען געווען פּאָליטיש דערשלאָגן דורך דעם שוידערלעכן דרוק פונעם צאריזם און דער קאטערזשנער ארבעט פאר די גוטבאזיצער און פאבריקאנטן, האָבן זיך אויפגעכאפט און א ציי געטאָן זיך צו פּאָליטיק. און ווער זיינען זיי די דאָזיקע מיליאָנען און צענדליקער מיליאָנען? צום גרעסטן טייל קליינע באלעבעסלעך, קליינע בורזשואא, מענטשן, וואָס שטייען אינדערמיט צווישן קאפּיטאליסטן און לוין-ארבעטער. רוסלאנד איז דאָס סאמע קליינבירגערלעכסטע לאנד פון אלע אייראָפּייִשע לענדער. די גיגאנטישע קליינבורזשואזע כוואליע האָט פארפלייצט אלץ, האָט דערשטיקט דעם באוווסטזיניקן פּראָלעטאריאט ניט נאָר מיט איר צאָל, נאָר אויך אידייִש, ד. ה. זי האָט אָנגעשטעקט, פארכאפּט ברייטע ארבעטער-קרייזן מיט קליינבורזשואזע אָנשויונגען אף פּאָליטיק”.

טאקע דערמיט, וואָס די קליינבורזשואזיע איז עקאָנאָמיש און אידעאָלאָגיש געווען אָפּהענגיק פון דער בורזשואזיע און וואָס די קליינבורזשואזע סטיכיי האָט געווירקט אפן פּראָלעטאריאט, גיט לענין צו דערקלערן פארוואָס די מאסן האָבן געהאט צוטרוי צו דער בורזשואזער מאכט: „די צוטרויִלעך-אומבאוווסטזיניקע באציונג צו

די קאפיטאליסטן, צו די ערגסטע פיינט פון שאָלעם און סאָציאַליזם — אָט דאָס כאַראַקטעריזירט די היינטיקע פּאָליטיק פון די מאסן אין רוסלאנד. דאָס איז מיט א רעוואָליוציאָנערער שנעלקייט אויסגעוואקסן אפן סאָציאל-עקאָנאָמישן באָדן פונעם סאמע קליינבירגערלעכסטן פון אלע אייראָפּיישע לענדער. אָט דאָס איז די קלאסן-באזע פונעם „אויסגלייך" (איך שטרייך אונטער, אז איך האָב אין זין ניט אזוי דעם פאָרמעלן אויסגלייך, ווי די פאַקטישע שטיצע, דעם שווייגנדיקן אויסגלייך, דאָס צוטרוילעך-אומבאוווסטזיניקע אָפּגעבן די מאכט) צווישן דער צייטווייליקער רעגירונג מיט די ראטן פון ארבעטער- און פויערים-דעפוטאטן". און ווייטער גיט לענין צו וועגן דער קנאפער צאָליקייט, באוווסטזיניקייט און אָרגאניזירטקייט פונעם פראָלעטאריאט, אלס צווייטע זייט פון מעדאל.

דאָך האָט לענין געוואָרנט קעגן צונויפמישן די גרויסנהאפטיקע באשיצלעריי פון די מאסן מיט דער באשיצלעריי פון דער מענשעוויסטיש-עסערישער און פּאָלקיסטישער אינטעליגענץ. די מאסן-באשיצלעריי האָט אָנערקענט די מילכאָמע בלויז אויס נייטווענדיקייט און ניט צוליב אנעקסיעס. די גרויסנהאפטיקע באשיצלעריי איז „פון איין זייט, א פרוכט פון דער בורזשואזיעס גענארן די מאסן, א פרוכט פון צוטרוילעכער אומבאוווסטזיניקייט מיצאד די פויערים און א טייל ארבעטער און, פון דער אנדערער זייט, — אן אויסדרוק פון די אינטערעסן און שטאנדפונקט פונעם קליינבאלעבעסל, וואָס איז ביז א געוויסער מאָס פארינטערעסירט אין אנעקסיעס און באנקרעיוען און וואָס היט „הייליק" אָפּ די טראדיציעס פונעם צאריזם, וועלכער האָט צעבאלעוועט די גרויס-רוסן מיט דער הענקעריי איבער די אנדערע פעלקער".

אינעם גאנג פון דער פעברואר-רעוואָלוציע האָט זיך אויסגעבילדעט אזא פארהעלטעניש פון די קלאסן-קרעפטן, אז ניט געקוקט אף דעם, וואָס יורידיש האָט די מאכט געהערט דער צייטווייליקער רעגירונג, האָט פאקטיש די אנטשיידנדיקע קראפט זיך געפונען אין די הענט בא די ארבעטער און סאָלדאטן אָדער, פינקטלעכער, אין די הענט פון די ראטן, אלס מאסן-אָרגאניזאציעס — אלס אָרגאנען פון דער צוקונפטיקער מאכט און פראָלעטארישער דיקטאטור. די צוויימאכט איז געווען די צווייטע זייט פון דער גרויסנהאפטיקער באשיצלעריי מיצאד די ברייטע מאסן. די קליינבורזשואזע פשאָרעמאכער האָבן טאקע נאָר דערפאר געקענט זיך דינגען מיט די פאָרשטייער פון דער בורזשואזיע וועגן איבערגעבן גאנצער די מאכט, ווייל די כוואליע פון דער קליינבורזשואזער סטיכיע האָט פארפלייצט די מאסן מיטן גרויסנהאפטיקן צוטרוי צו דער בורזשואזיע, צו דער באשיצלעריי. טאקע נאָר אדאנק די מאסן-אילוזיעס און דעם פארגלויבט זיין אין די פשאָרעמאכער, אונטער דער ווירקונג פון דער קליינבורזשואזער סטיכיע, וואָס האָט דערוואכט צום פּאָליטישן לעבן, האָט זיך באקומען אזא מין אייגנארטיקע דערשיינונג, ווי די צוויימאכט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די הויפּט-אייגנארטיקייט פון דער פעברואר-רעוואָליוציע.

„אין וואָס באשטייט די צוויימאכט? — האָט לענין געפרעגט, און געענטפערט: — אין דעם, וואָס צוגלייך מיט דער צייטווייליקער רעגירונג, דער רעגירונג פון דער בורזשואזיע, האָט זיך געבילדעט א צווייטע רעגירונג, נאָך א שוואכע און עמבריאָנאלע, אָבער אזא, וואָס האָט פאקטיש עקזיסטירט און איז געוואקסן: די ראטן פון ארבעטער- און סאָלדאטן-דעפוטאטן".

די ראטן זיינען — „די רעוואָליוציאָנערע דיקטאטור, ד. ה. די מאכט, וואָס

שטיצט זיך דירעקט אף רעוואָליוציאָנערער פארכאפונג, אף זעלבסטבארער איניציאטיוו מיצאד די פאָלק-מאסן פון אונטן".

נאָכן אראָפווארפן דעם צאריזם איז די מאכט, וואָס די מאסן ארבעטער און פויערים האָבן אויסגעקעמפט, אריינגעפאלן אין די הענט צו א נייעם קלאס — אין די הענט צו דער בורזשואזיע. מיט אָט דעם פאקט פון צווייממאכט האָט דער פראָלעטאריאט און דאָס פויערטום אף אן אייגנארטיקן אויפן פארווירקלעכט און באשטעטיקט די ריכטיקייט פון דער באָלשעוויסטישער סטראטעגישער איינשטעלונג וועגן דעמאָקראטישער דיקטאטור פון פראָלעטאריאט און פויערטום. דער הייגטיקער קאָנטררעוואָליוציאָנערער טראָצקיזם באהויפט, אז היסטאָריש איז די דעמאָקראטישע דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט און פויערטום קיינמאָל ניט פארווירקלעכט געוואָרן. דער טראָצקיזם, אָט דער פאָדערשטער אָטריאד פון דער קאָנטר-רעוואָליוציאָנערער בורזשואזיע, מיינט צו דערווייזן, אז זיין מעטאפיזישע „טעאָריע" וועגן פערמאנענטער רעוואָליוציע איז געווען היסטאָריש ריכטיק. טאקע אין דער פערזאָן פון די ראטן פון ארבעטער און סאָלדאטן, וואָס זיינען אין 1917 געווען די ווירקלעכע, רעאלע קראפט, איז בוילעט דערוויזן געוואָרן די ריכטיקייט פון דער באָלשעוויסטישער סטראטעגיע אינעם פעריאָד פון דער ערשטער רעוואָליוציע. דער טראָצקיזם באמיט זיך צו דערווייזן, אז אין 1917 יאָר האָט דער באָלשעוויזם זיך „איבערבאוואָפנט" פון די באָלשעוויסטישע פאָזיציעס אף טראָצקיסטישע. אין צוליב דעם ציל באנוצט זיך דער טראָצקיזם מיט אלערליי היסטאָרישע פאלסיפיקאציעס. דער שאנטאזשן-פרווו צו דערווייזן, אז אין פעוורואל איז קיין באָלשעוויסטישע פארטיי ניט געווען, אז געווען איז בלויז א רעוואָליוציאָנערע שטימונג בא די ארבעטער-מאסן און געווען איז לענין, וועלכער האָט אינגאנצן געזאָגט דאָס, וואָס ער, טראָצקי, האָט געזאָגט אין ניו-יאָרק — אָט דער שאנטאזש ווערט אָפגעלייקנט באם סאמע געלויפיקן באקענען זיך מיט די היסטאָרישע פאקטן.

די בורזשואזי-דעמאָקראטישע רעוואָליוציע איז אין גרונט געווען פארענדיקט. די אין טאָך קאָנטר-רעוואָליוציאָנערע בורזשואזיע האָט אָבער ניט געקאָנט געבן די מאסן ניט קיין שאָלעם, ניט קיין ברויט, ניט קיין עכטע פרייהייט. פאר דער פארטיי איז געשטאנען אן אויפגאבע צו דעמאסקירן די נייע רעגירונג בא די פאָלק-מאסן אין די אויגן און באוואָפנען זיי מיט אזעלכע לאָזונגען, וואָס זאָלן אויפהייבן די מאסן צו דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציע.

נאָר דאָס איז געווען בלויז א האלבע אויפגאבע.

צוגלייך מיט דער בורזשואזער צייטווייליקער רעגירונג האָט עקזיסטירט נאָך א עמבריאָנאלע מאכט, — די ראטן. די דאָזיקע מאכט האָט אָבער אליין „דורך א דירעקטן אויסגלייך מיט דער בורזשואזער צייטווייליקער רעגירונג און דורך א ריי פאקטישע האנאכעס אָפגעגעבן און גיט אָפ די פאָזיציעס צו דער בורזשואזיע". די קליינבירגערלעכע פירער פון די ראטן, באנוצנדיק זיך מיט דער צוטרוילעכקייט און אומבאוווסטזיניקייט פון די מאסן, „פארטונקלען דעם באוווסטזיין פון די ארבעטער און ניט זיי מאכן אים קלאָר; זיי ריידן איין קליינבירגערלעכע אילוזיעס און ניט זיי לייקענען זיי אָפ; זיי פארפעסטיקן די ווירקונג פון דער בורזשואזיע אף די מאסן און ניט זיי באפרייען די מאסן פון אונטער דער דאָזיקער ווירקונג".

דערפאר האָט לענין מאָביליזירט די אויפמערקזאמקייט פון דער פארטיי ניט נאָר

אפן ניט געטרויען און דעמאסקירן די צייטווייליקע רעגירונג, נאָר אויך אף ניט גע-
טרויען און דעמאסקירן די קערענסקיס, גוואָזדעווס, טשכענקעליס, טשכעידזעס און
די איבעריקע קליינבורזשואזע פירער פון די ראטן. דעריבער קעמפט לענין קעגן די
אילוזיעס אין די רייען פון דער פארטיי וועגן פאריינקן זיך, וואָס אין דער פעו-
פעריע פון דער פארטיי זיינען זיי נאָך געווען שטארק.

אין רעזולטאט פון די צעגראָמירונגען האָט די פארטיי צום מאָמענט פון רעוואָ-
ליוציע געהאט זייער שוואכע פארבינדונגען און נאָך א שוואכערן אפאראט. דעריבער
האָט נאָכן אראָפּווארפן דעם צאריזם זיך ערנסט געשטעלט די אופגאבע צו אָרגאני-
זירן די פארטיי-קרעפטן. דער ערשטער גרויסער טראָט אף דעם דאָזיקן וועג איז
געווען דאָס באנייען די „פראוודא", אָנהייב מארט.

די געוויסנהאפט-באשיצלערישע שטימונגען האָבן אָבער געמוזט זיך אָפשפיגלען
אויך בא געוויסן טייל פון דער פארטיי. אן אָנגעזעענע ראָליע אין פראט פון אָפ-
שפיגלען די באשיצלערישע שטימונגען האָט געשפילט קאמענעוו, ווען ער האָט זיך
אומגעקערט פון פארשיקונג. די ביוראָ פון צ. ק. האָט נאָך פאר לענינס קומען גע-
פרווט געבן א ווידערשטאנד די רעכטע עלעמענטן אין דער פארטיי און א טייל
פון זיי האָט זי דערנאָך אוועקגעשטעלט אויסער די רייען פון פארטיי (וויטינסקין
און סעווריוקן). דעריבער האָבן נאָך לענינס קומען זיינע אפרעל-טעזיסן, וואָס האָבן
מיט א קאָלאָסאלער קראפט און קלאָרקייט פון רעוואָליוציאָנערער פערספעקטיוו אויס-
געדריקט די אופגאבן פון דער פארטיי און פונעם פראָלעטאריאט, באגעגנט די פולע
שטיצע בא דער קאָלאָסאלער מערהייט פון דער פארטיי. קאמענעווס רעכטע גרופע איז
אף דער אפרעל-קאָנפערענץ פאקטיש געבליבן איזאָלירט.

צום אונטערשייד פון די רעכטע, האָט לענין אומעטום אונטערגעשטראָכן, אז
עס איז נייטיק איבערצובויען די פארטיי אין דער ריכטונג פון צו לייזן די שלאָג-
אופגאבן פון פראָלעטאריאט אין דער פארגעדיקטער בורזשואזער רעוואָליוציע, וועלכע
האָט אָנגעהויבן איר פראָצעס פון אריבערוואקסן אין א סאָציאליסטישער רעוואָליוציע.
מע דארף שאפן א נייעם טיפ פארטיי, שטיצן זיך אף נייע הונדערטער טויזנטער
ארבעטער, איבערבויען זיך לויט די נייע אופגאבן בענעגייע דער מילכאָמע, בענעגייע
די ברענענדיקע פאָדערונגען פונעם פראָלעטאריאט, פויערטום און אונטערדריקטע
פעלקערשאפטן, דורכפירן א ברייטע קאמפאניע פאר באפרייען די מאסן פון דער
געוויסנהאפטער צוטרויליכקייט צו די סאָציאליסטן-באשיצלער און אופהייבן זיי צום
קאמף פאר פארברייטערן און פארטיפערן די רעוואָליוציע, צום קאמף פאר פראָלע-
טארישער דיקטאטור און סאָציאליזם. די רעזאָליוציע פון דער קאָנפערענץ זאָגט די-
רעקט, אז „דאָס אָפזאָגן זיך פונעם פראָלעטאריאטס אָנפירנדיקער ראָליע אין פראט
פון געבן צו דערקלערן דעם פאָלק די דרינגענדיקייט פון א ריי פראקטיש-רייפגעוואָ-
רענע טריט צום סאָציאליזם", וואָלט זיין דער גרעסטער פעלער, וואָס גרענעצט מיט
פאראט קעגן דעם פראָלעטאריאט.

אָט אזוי איז נאָך אף דער אפרעל-קאָנפערענץ געווען אויסגעארבעט די טעאָ-
קעט-פראָגראם פון דער פארטיי, וואָס איז אין יענער צייט אויסגעוואָקסן ביז 30—40
טויזנט מיטגלידער.

נאָך אָנהייב מארט האָט לענין אוועקגעשטעלט די ופגאבע צו אָרגאניזירן דעם
פראָלעטאריאט. אין זיין פאָרטראג אין ציוריך האָט ער געזאָגט:

„די באזונדערע אויפגאבע פונעם איצטיקן מאָמענט באשטייט אין אָרגאניזירן דעם פראָלעטאריאט, אָבער ניט אין דעם שאבלאָנישן אָרגאניזירן, מיט וואָס עס באנוגענען זיך די פארעטער פונעם סאָציאליזם, די סאָציאל-פאטריאָטן, אָפּאָרטוניסטן פון אלע לענדער, נאָר אין רעוואָליוציאָנערן אָרגאניזירן. די דאָזיקע אָרגאניזאציע דארף זיין, ערשטנס, אן אלגעמיינע, צווייטנס, דארף זי פאראייניקן אין זיך די מיליטערישע און פּאָליטישע פונקציעס".

לענין האָט דאָ געמיינט די ראטן. זיינע אפּרעל-טעזיסן האָבן דייטלעך פּאָרצייכנט די ראָליע פון די ראטן, אלס מאכט-אָרגאנען פונעם פראָלעטאריאט און האָבן אוועקגעשטעלט פאר די באָלשעוויקעס די אויפגאבע צו דעראָבערן די ראטן.

דערצו האָט מען געדארפט באפרייען די מאסן ארבעטער, סאָלדאטן און פויערים פון דער קליינבורזשואזער ווירקונג מיצאד די פשאָרעמאכער און באשיצלער. עס האָט זיך געפאָדערט פּאָטער צו ווערן פון דער געוויסנהאפטיקער באשיצלעריי. דער דאָזיקער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן ביים דער אפּרעל-דעמאָנסטראציע, וואָס איז פאָרגעקומען אלס מאסן-פּראָטעסט קעגן דער נאָטע פון דער צייטווייליקער רעגירונג דעם 21 אפּרעל.

די אפּרעל-ארויסטרעטונג פונעם פּראָלעטאריאט און פון סאָלדאטן האָט באוויזן, אז די מאסן זיינען אויפגעבראכט קעגן דער אימפּעריאליסטישער פּאָליטיק פון דער בורזשואזיע. „זיי האָבן דאָס נאָך ניט פארשטאנען גענוג קלאָר, זיי האָבן אָבער דערפילט, אז מע האָט זיי אָפּגענארט" — האָט לענין געשריבן. די נאָטע האָט אויך באוויזן, אז די געוויסנהאפטיקע באשיצלעריי פון די פּלעכאנאָווס, טשכעידזעס, צערעטעליס און די איבעריקע פירער פונעם סאָציאל-שאָוויניזם איז ניט דאָס זעלבע, וואָס די געוויסנהאפטיקע באשיצלעריי פון די ארבעטער און סאָלדאטן. פּלעכאנאָוו האָט באזונדערס בולט אויסגעדריקט די פילאָסאָפיע פונעם סאָציאל-פאטריאָטיזם אין זיינע ארטיקלען וועגן דער מילכאָמע. אף דער דעלעגאטן-באראטונג פון די ארבעטער-און סאָלדאטן-ראטן, אָנהייב אפּרעל, האָט פּלעכאנאָוו געזאָגט: „כאווײרים, עס איז געווען א צייט, ווען פארטיידיקן רוסלאנד האָט באטייט פארטיידיקן דעם צאר. דאָס איז געווען פעלערהאפט, צוליב דער סיבע, וואָס דער צאר האָט ניט געוואָלט פארטיידיקן רוסלאנד, דער צאר מיט זיינע לאקייען האָבן אפן יעדן טריט פאראטן רוסלאנד. זיי האָבן קאליע געמאכט די נאציאָנאלע פארטיידיקונג. איצט איז אָבער בא אונדז פאראן וואָס צו פארטיידיקן. איצט האָבן מיר געמאכט א רעוואָליוציע און מיר דארפן געדענקען, אז אויב דער דייטש וועט אונדז באזיגן, וועט עס באטייטן ניט נאָר, אז מע לייגט אף אונדז ארויף דעם יאָך פון די דייטשישע עקספּלואטאטאָרן, נאָר אויך א גרויסע ווארשיינלעכקייט פון אויפשטעלן צוריק דעם אלטן רעזשים. אָט פארוואָס מע דארף מיט אלע מיטלען קעמפן סיי קעגן דעם אינערלעכן, סיי קעגן דעם אויסערלעכן סוינע" (ציטירט פון דער רעדע פון 5-טן אפּרעל 1917).

ניטן פארופן זיך אף דעם אונטערשייד אין דער פּאָליטישער סיטואציע האָט פּלעכאנאָוו פּאָשעט יויצע געווען פאר דער דעמאָלטיקער צייט. וואָרעם אויך אין די באַדינגונגען פונעם צאריזם האָט פּלעכאנאָוו געפאָדערט נאציאָנאלע פארטיידיקונג און אויב דעמאָלט האָט די נאציאָנאלע פארטיידיקונג באטייט פארטיידיקן די אינטערעסן פונעם צאריזם און פון דער בורזשואזיע (דערביי האָט פּלעכאנאָוו אָנגעזאָלן אמן צאריזם געדינגט בלויז, אָט פאסטקע פאר די ארבעטער, ווייל דער צאריזם און די בורזשו-

אזוי זײַנען געווען אײַנהײַטלעך אין די פֿראגן פֿון מילכאָמע און גראָמירן די ארבעטער-באוועגונג), איז איצט די נאַציאָנאַלע פֿארטיידיקונג געוואָרן אן אָפֿענער פֿארטיידיקן די רויבערישע מילכאָמע-צילן פֿון דער רוסישער בורזשואַזיע.

די פּלעכאַנאָווישע באַשיצלערײַ איז ארויסגעדרונגען פֿון א גאנצער „טעאָרעטישער“ קאָנצעפּציע, וואָס האָט קיין שום שײַכעס ניט געהאט צו דער אידעאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע פֿונעם פּראָלעטאריאט און צונטערדריקטן פֿויערטום. זי איז גענומען געוואָרן אף באָרג באַם אידעאָלאָגישן באַגאַזש פֿון דער קאדעטישער בורזשואַזיע.

בלויז לענין און די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן געקעמפֿט קעגן דער געוויסנהאַפֿטיקער באשיצלערײַ מיטן מעטאָד פֿון איבערצײַגונג און אויפֿקלערונג, האָבן אָרגאַניזאַציאָנעל פֿארפֿעסטיקט יעדן טראָט פֿון דער פּארטיי אין קאַמף פֿאַר די מאַסן, בלויז זיי זײַנען געשטאַנען אפֿן שטאַנדפּונקט פֿון א רעוואָליוציאָנערן ארויסוועג פֿון דער מילכאָמע. רעוואָליוציאָנערע באַשיצלערײַ האָבן די באָלשעוויקעס געהאַלטן פֿאַר מעגלעך בלויז בא דעם באַדינג, ווען דער פּראָלעטאריאט און דאָס אָרעמסטע פּויערטום וועלן האָבן צעגראָמירט די בורזשואַזיע און פֿאַרכאַפּט די מאַכט. שטרעבנדיק ארויסצורײַסן די מאַסן פֿון אונטער דער ווירקונג פֿון די סאָציאַל-פּאַטריאָטן, האָבן די באָלשעוויקעס פּראָקלאַמירט דעם לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט — די ראַטן פֿון ארבעטער- און פּויערים-דעפּוטאַטן“.

אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער פּארטיי מיט לענינען בעראָש האָט דער פּראָלעטאריאט פֿאַנאַנדערגעוויקלט אן אָנגעשטרענגטן, העראָישן, אַכטכאָדאָשימדיקן קאַמף פֿאַר דער מאַכט פֿון די ראַטן און דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך געענדיקט מיטן אָקטיאַבער-זיג און מיט אײַנשטעלן די דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאריאט.

אינהאלט

זײַט

פאָרװאָרט — מ. פּאָקראָװסקי . . . 3
פון דער רעדאקציע . . . 7

מ. װ. נעטשקינא — די ארבעטער אינעם לײַבאייגנטימערישן רוסלאנד.

אריינפיר . . . 11

קאפיטל איינס: די ארבעטער פונעם לײַבאייגנטימערישן רוסלאנד אין XVI—XVII יאָרה.

1. די ערשטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און די קוועלן פון ארבעט-קראפט . . . 12
2. דער קאמף פון די לײַבאייגנטימערישע ארבעטער אין XVII יאָרה. . . . 14

קאפיטל צוויי: די ארבעטער אף די מאנופאקטורן פון XVIII יאָרה.

1. דער אויספורעמונג-פראָצעס פון די ארבעטער . . . 16
2. די ארבעט אף דער מאנופאקטור . . . 19
3. די לײַבאייגנטימערישע עקספלואטאציע און דער באשטאנד פון די ארבעטער . . . 21
4. ארבעטער-אומרוען אין די מאנופאקטורן פון XVIII יאָרה. . . . 24

קאפיטל דרײַ: דער וואוקס פונעם לײַבאייגנטימערישן עקספלואטירן די ארבעטער

1. דער וואוקס פון פריצישע מאנופאקטורן אין דער צווייטער העלפט פון XVIII יאָרה. . . . 27
2. די פאָרמען פון לײַבאייגנטימערישער עקספלואטאציע אין די פריצישע מאנופאקטורן . . . 30

קאפיטל פיר: די ארבעטער אינעם פוגאטשאָװ-אופשטאנד.

1. ארבעטער-אומרוען ערעוו דעם פוגאטשאָװ-אופשטאנד . . . 36
2. די ראָליע פון די ארבעטער אין דער פוגאטשאָװ-באוועגונג . . . 38

קאפיטל פינף: די ארבעטער אין דער צעפאלונג-עפּאָכע פון דער לײַבאייגנטימערישערווירטשאפט

1. דער וואוקס פון פרײַגעדונגענער ארבעט און דער כאראקטער פונעם ארבעטער-קאמף אָנהייב XIX יאָרה. . . . 43
2. דער קאמף פון די ארבעטער פאר „פרײַהײַט" ערעוו דער רעפאָרם פון יאָר 1861 . . . 53

א. מ. פאנקראטאָװא — דער ארבעטער-קלאס און די ארבעטער-באוועגונג אין דער עפּאָכע פונעם אינדוסטריעלן קאפיטאליזם (די יאָרן 1881—1900)

קאפיטל איינס: דער פראָצעס פונעם פראָלעטאריאטס אויספורעמונג און זײַן לאגע נאָך דער רעפאָרם

1. די פויערים-רעפאָרם און איר ווירקונג אף דער אויסבילדונג פונעם פראָלעטאריאט . . . 57
2. די מעטאָדן און פאָרמען פונעם קאפיטאליסטישן עקספלואטירן דעם פראָלעטאריאט אינעם ערשטן יאָרצענדליק נאָך דער רעפאָרם . . . 63

קאפיטל צוויי: דער ארבעטער־קלאס און דער פאָלקיזם

1. די שטרייקן פון די 60—70־ער יאָרן, זייער כאראקטער און באזונדערקייטן 69
2. דער רעוואָליוציאָנערער פאָלקיזם און די ארבעטער־באוועגונג 76
3. דער דאָרעוו־רוסלענדישער און צאָפנדיקער פאַרבאנדן פון רוסישע ארבעטער און זייער באדייטונג 81

קאפיטל דריי: אויפן וועג צום מארקסיזם

1. דער אינדוסטריעלער קריזיס און די שטרייק־באוועגונג אין די 80־ער יאָרן 90
2. די ארבעטער־פראגע און די רעגירונג 95
3. די גרויסע באפרייונג פון דער ארבעט און איר ראָליע אין דער אנטוויקלונג פונעם מארקסיזם 98

קאפיטל פיר: דער ארבעטער־קלאס און די ארבעטער־באוועגונג אין די אויפשטייג־יאָרן (90־ער יאָרן)

1. דער אינדוסטריעלער אויפשטייג און זיין ראָליע אין דער אויספורעמונג פונעם ארבעטער־קלאס 102
2. די שטרייק־באוועגונג פון די 90־ער יאָרן, איר באזונדערקייטן און רעזולטאטן . 105
3. די ערשטע סאָציאלדעמאָקראטישע ארבעטער־אָרגאניזאציעס און לענינס ראָליע אין דער אידעאָלאָגישער אויספורעמונג פון דער באוועגונג אין די 90־ער יאָרן 110

קאפיטל פינף: דער פראָלעטאריאט אין די נאציאָנאלע ראיאָנען אין די אויספורעמונג־יאָרן פונעם אינדוסטריעלן קאפיטאליזם

1. דער פראָלעטאריאט און זיין ראָליע אין די נאציאָנאלע ראיאָנען פונעם צארישן רוסלאנד ביז דער רעוואָליוציע פון יאָר 1905 119
2. דער פראָלעטאריאט אין פוילן 122
3. דער פראָלעטאריאט אין פינלאנד 125
4. דער פראָלעטאריאט אין באלטיק 128

א. מ. פאנקראטאָווא — דער פראָלעטאריאט אין דער רעוואָליוציע פון די יאָרן 1905—1907

קאפיטל איינס: דער פראָלעטאריאט אלס העגעמאָן פון דער רעוואָליוציע. לענינס ראָליע אין דעם אויספורעמען די דאָזיקע אידיי

1. לענינס לערע וועגן דער העגעמאָניע פונעם פראָלעטאריאט ביז דער רעוואָליוציע פון יאָר 1905 131
2. דער היסטאָרישער וועג פונעם פראָלעטאריאט, אלס העגעמאָן פון דער רעוואָליוציע . 135

קאפיטל צוויי: דער פאררעוואָליוציאָנערער קריזיס און דער אריבערגאנג פונעם פראָלעטאריאט צו אָפענעם פּאָליטישן קאמף

1. דער אלגעמיינער אויסזען פונעם פראָלעטאריאט ערעוו דער רעוואָליוציע פון יאָר 1905 . 137
2. דער אינדוסטריעלער קריזיס און די אנטוויקלונג פונעם פראָלעטאריאטס פּאָליטישן קאמף ביזן יאָר 1905 142

קאַפּיטל דרײַ: דער פּראָלעטאַריאַט בעראָש פון דער אַלגעמײנער פאָלק־רעוואָליוציע

1. די געשעענישן פון 9־טן יאַנואַר און זײער ראָליע אין דער אַנטוויקלונג פונעם פּראָלעטאַריאַטס רעוואָליוציאָנערן קאַמף . . . 150
2. דער שטרײַק־קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט און זײַן ווירקונג אויפן גאַנג פון דער רעוואָליוציע אין דאָרף און אין דער אַרמײ . . . 154

קאַפּיטל פיר: די ראַטן און דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד פונעם פּראָלעטאַריאַט אין יאָר 1905

1. דער אַלגעמײנער פּאָליטישער שטרײַק און דער פּראָצעס פון זײַן אַריבערוואַקסן אין אַן אויפשטאַנד . . . 161
2. די ראַטן פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן און זײער ראָליע אינעם צוגרײטן דעם אויפשטאַנד . . . 165
3. דער באַוואָפנטער דעקאַבער־אויפשטאַנד . . . 168

קאַפּיטל פינף: דער רעוואָליוציאָנערער קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט אין יאָר 1905 אין די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען

דער כאַראַקטער און די באַזונדערקײטן פונעם פּראָלעטאַריאַטס קאַמף אין יאָר 1905 אין די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען . . . 172

קאַפּיטל זעקס: די פּראָפּאַרײען אין דער ערשטער רעוואָליוציע און די סאַכאַקלען פונעם פּראָלעטאַריאַטס רעוואָליוציאָנערן קאַמף

1. דער אָנגריף פון דער רעאַקציע און דער קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט אין די יאָרן 1906—07 . . . 179
2. די באַשאַפונג פון פּראָפעסיאָנעלע פּאַרײנען און זײער ראָליע אין דער רעוואָליוציע פון די יאָרן 1905—1907 . . . 182

ב. ב. גראַווע — דער אַרבעטער־קלאַס און די אַרבעטער־באַוועגונג אין די יאָרן פון רעאַקציע און אויפשטײַג

אַרײַנפיר

די ווידערשפּרוכן פונעם צווישן־רעוואָליוציאָנערן פּעריאָד (יאָרן 1908—14) . . . 189

קאַפּיטל אײנס: די לאַגע פונעם אַרבעטער־קלאַס אין די רעאַקציע־יאָרן

1. די אינדוסטריעלע דעפּרעסיע און די יערידע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג . . . 195
2. דער אָנגריף פון דער רעאַקציע . . . 199
3. דער אָנגריף פון קאַפּיטאַל . . . 205
4. דער קאַמף פאַר דער פּאַרטײ . . . 208

קאַפּיטל צוויי: דער אַרבעטער־קלאַס און די אַרבעטער־באַוועגונג אין די יאָרן פון אויפשטײַג

1. דער אָנהײב אויפשטײַג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג . . . 215
2. די לענער צעשיסונג און די שטרײַקן־באַוועגונג פון יאָר 1912 . . . 218
3. דער אָנוווּקס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג פון די יאָרן 1913—14 . . . 224

קאפיטל דריי: די פארטיי אין די יארן פון אויפשטייג און די באלשעוויזירונג פון די מאסן

1. די ראליע פון דער פארטיי אין דער מאסן־באוועגונג פון די ארבעטער אין די אויפשטייג־יארן 227
2. די סטראכיר־קאמפאניע 231
3. דער קאמף פאר די פראפאריינען 234
4. דער קאמף פאר דער סאציאלדעמאקראטישער דומע־פראקציע 239
5. דאס דערנענטערן זיך צו דער נייער רעוואליוציע 243

ק. פ. סידאראוו — דער ארבעטער-קלאס אין די יארן פון דער אימפעריאליסטישער מילכאמע און אין דער פעווראל-רעוואליוציע

קאפיטל איינס: דער פראלעטאריאט אין די מילכאמע-יארן

1. די קוואנטיטאטיווע און קוואליטאטיווע איבערגרופירונג פונעם פראלעטאריאט אין די מילכאמע־יארן 249
2. דער שטרייק־קאמף פונעם ארבעטער־קלאס אין די מילכאמע־יארן, זיינע עטאפן און כאראקטער 253
3. די פרוון פון דער בורזשואזיע צו אייראפעיזירן די פארמען פון דער רוסישער ארבעטער־באוועגונג 260
4. דער קאמף פאר דער רעוואליוציאנערער אידעאלאגיע פונעם פראלעטאריאט אין די מילכאמע־יארן 264

קאפיטל צוויי: דער ארבעטער־קלאס אין דער פעווראל־רעוואליוציע

1. די ארבעטער־באוועגונג ערעוו פעווראל 267
2. דער אנטייל פון די ארבעטער אין דער פעווראל־רעוואליוציע 272
3. די „געוויסנהאפטיקע באשיצלעריי" און אירע קלאסן־ווארצלען 278

Сдано в производство 31/X — 32. Подписано к печати 10/XII — 32.
Формат бумаги 62×94 1/16, 18 п. л. 52.400 печ. зн. в п. л. „ЭМЕС" 167.
Уп. главлита В — 31335. Тираж 6000 Редактор Ф. Шпрах.
Тех. радактор И. Тененбаум.

Тип. изд-ва „Дер Эмес", Москва, Покровка, 9. Зак. № 956